STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00536

# GESHIKHTE FUN DER TSIENISTISHER ARBETER BAVEGUNG IN TSOFN AMERIKE

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Steven G. Landovitz*
*in honor of*
*Jack B. Landovitz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געשיכטע פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין צפון אמעריקע

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „אידישער קעמפער"

ניו־יאָרק 1955

*Copyright* 1955 *by*
YIDDISHER KEMFER
NEW YORK, N. Y.

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער

***Printed in the U. S. A. by***
**SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.**
**NEW YORK, N. Y.**

# אינהאַלט:


**ל. שפּיזמאַן — עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער ציונים־טישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן . . . . . . . . . . . . . . 297—444**

20. ערב און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע.................... 297
21. הילף דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.................. 326
22. באַציאונגען מיט אַלגעמיינע ציוניסטן; נאַציאָנאַל־פאָנד־אַרבעט..... 340
23. „החלוץ", „אחוה"........................................ 351
24. דער אידישער לעגיאָן.................................... 361
25. אויפן אַרבעטער־פראָנט................................... 371
26. די שטעלונג צום קריג.................................... 386
27. וואוקס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.................. 395
28. אַנטוויקלונג פון דער שול־באַוועגונג......................... 406
29. יונגע פועלי ציון......................................... 422
30. כראָנאָלאָגיע פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג..................... 429

מקורות צו דער אַרבעט פון ל. שפּיזמאַן......................... 436

ביבליאָגראַפיע צו דער אַרבעט פון ל. שפּיזמאַן.................. 442

**ש. בעלקין — די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע. . . . . . . . . . . . . . 445—523**

1. די פאַרטיי־פאַראיינען, זייער גרינדונג און אַנטוויקלונג........... 445
2. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד.................... 464
3. די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג און די שולן אין קאַנאַדע 473

מקורות צו דער אַרבעט פון ש. בעלקין............................ 520

**יצחק בן־צבי — פועלי ציון אין דער צווייטער עליה . . 524—572**

1. אין די בראשית־טעג פון דער באַוועגונג אין ארץ־ישראל.......... 524
2. אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין ארץ־ישראל 530
3. די צווייטע פאַרטיי־קאָנפערענץ אין ארץ־ישראל.................. 539
4. די דריטע פאַרטיי־קאָנפערענץ אין ארץ־ישראל.................... 544
5. די רעוואָלוציע פון די „יונג־טערקן"........................... 553
6. די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ.................................. 561

**דאַטעס אין דער געשיכטע פון פועלי ציון אין ארץ־ישראל 569**

**זוך־צעטל . . . . . . . . . . . . . . 573**

.20

# ערב און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע

די צווייטע פּועל־צ־קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן, צווישן 14־19טן אָקטאָבער, 1916, האָט דעמאָנסטרירט דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער פּאַרטיי און איר שטייגנדע השפּעה צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער וואַקסנדער השפּעה פון ציוניסטישן געדאַנק אין פאַרשידענע קרייזן פון אַמעריקאַנער אידנטום.

א. העמלין האָט געעפנט די קאָנווענשאָן צו וועלכער עס זענען געקומען 106 דעלעגאַטן. עס האָבן באַגריסט ב. באָראָכאָוו, י. בעלקינד, דר. זשיטלאָווסקי, נ. סירקין, מ. שיינקין, י. ענטין אין נאָמען פון פּיפּלס רעליף און פאַרשטייער פון דער ס. פּ. און פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג.

ה. עהרנרייך האָט באַריכטעט אַז די פּאַרטיי ציילט 2,663 מיטגלידער. אין לעצטן יאָר זענען צוגעקומען 1,196 מיטגלידער, פון זיי 78 פּראָצענט אַרבעטער, 18 פּראָצענט מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס. פון די אַרבעטער געהערן 34 פּראָצענט צו יוניאָנס. דער דורכשניטלעכער עלטער פון די ניי־וועראבירטע איז 23—24 יאָר. 10 פּראָצענט האָבן פריער געהערט צו אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין אַמעריקע זענען זיי דורכשניטלעך 4—5 יאָר. די יונגע פּועל־צ ציילן 1,000 מיטגלידער. עס עקזיסטירן איבערן לאַנד 72 פּאַרטיי־פּאַראיינען אין 57 שטעט אין 20 שטאַטן און אין 3 פּראָווינצן פון קאַנאַדע.

די פּאַרטיי האָט געהאָלפן אין פיל סטרייק־אַקציעס און זיך באַטייליקט אין 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס. זי האָט געהאָלפן דעם שניידער־סטרייק אין שיקאַגאָ. ס'איז דאָרט געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט אַ ספּעציעלע צייטונג „דער שניידער", וואָס האָט געבראַכט אַ גרויסע הכנסה פאַרן סטרייק־פאָנד. אין ניו יאָרק האָט מען געהאָלפן די קלאָוק־מאַכער אין זייער סטרייק. ס'איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער „קעמפער" געווידמעט דעם סטרייק. די אַסימילאַטאָרישע קעגנער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געשטערט צו נעמען אַ נאָך אַקטיווערן אַנטייל אין סטרייק. אין 12טן ניו יאָרקער דיסטריקט איז ביי די וואַלן געשטיצט געוואָרן מאיר לאָנדאָן, אָבער די פּאַרטיי האָט זיך רעזערווירט דאָס רעכט צו אַגיטירן אין דער וואַל־אַקציע פאַרן פּועלי־ציון־שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

עס זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען מיט פּוילישע פאַרשטייער וועגן דער אידן־פראַגע אין פּוילן. זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן געבן די אידן אין פּוילן נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט. די אידישע אַרבעטער־פאַרשטייער זענען אַרויסגעטראָטן אייניק ביי די פאַרהאַנדלונגען. די פּאַרטיי און פאַרבאַנד האָבן געפירט אַ ברייטע טעטיקייט פאַרן פּיפּלס רעליף. דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט האָט געפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט. פיל הילפס־קאָנפערענצן האָבן באַשלאָסן אויסצוטיילן ספּעציעלע סומען פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ

ישראל. דער אַרבעטער רינג האָט איינגעשלאָסן די הילף פאַר דער א״י־אַרבעטערשאַפט אין זיין הילפס־אַקציע פאַר די מלחמה־קרבנות.

„דער אידישער קעמפער״ האָט געהאַט 6,000 אַבאָנענטן. עס איז געוואָרן צוגעגרייט אַן ענגלישע אויסגאַבע פון מעמאָראַנדום פון פאַרבאַנדס־ביוראָ „די אידן אין קריג״.

ב. באָראָכאָוו, בן גוריון און ב. צוקערמאַן האָבן רעפערירט וועגן דער באַוועגונג פאַרן אידישן קאָנגרעס; בן־צבי האָט רעפערירט וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל און אונזער ווייטערדיקע אַרבעט; י. זאר — אונזער פּאָליטישע אַרבעט אין אַמעריקע; ל. חאַזאַנאָוויטש — די טעטיקייט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ; ש. באַנטשעק האָט באַריכטעט וועגן דער אַרבעט פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט און ש. זאַקס וועגן דער טעטיקייט פון געווערקשאַפטן־און קאָאָפּעראַטיוון קאָמיטעט.

אין ויכוח איבערן באַריכט האָבן זיך דעלעגאַטן באַקלאָגט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט ניט געפירט קיין גענוגנדע פּראָפּאַגאַנדע קעגן מיליטאַריזם; אַז מען גיט די חברים אַ קנאַפּע סאָציאַליסטישע דערציאונג. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט איז צו אידישיסטיש. אויפן מאַסן־מיטינג מיטן אָנטייל פון 3,000 וואָס איז אַדורך אין אַ באַזונדערס־ענטוזיאַסטישער שטימונג, האָבן גערעדט זרובבל, א. כאַשין, ל. חאַזאַנאָוויטש, בן ציון מאסענזאָן און ב. צוקערמאַן. 100 מענטשן האָבן זיך נאָכן מיטינג אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רייע וויכטיקע רעזאָלוציעס: וועגן די פאָדערונגען צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל; קאָנגרעס־באַוועגונג; וועגן אַ קאָנסטרוקטיווער רעליף־אַרבעט: 1) אַריינטראָגן אין דער הילפס־אַרבעט אַ מער נאַציאָנאַלן און פּראָדוקטיוון כאַראַקטער, 2) אויסנוצן די הילפס־אַרבעט פאַר דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקונג פון אידישן פאָלק, 3) איבערגעבן די פאַרוואַלטונג פון די געלטער צו דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ברייטע מאַסן. דער אידישער קאָנגרעס זאָל גרינדן אַ נאַציאָנאַלן פינאַנץ־אינסטיטוט פאַר דער הילפס־אַרבעט, וועלכער זאָל האָבן אָפּטיילונגען אין אַלע לענדער, וואו ס׳איז נויטיק, 4) דורכפירן דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטייערונג אין די זאַמלונגען.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַגריסן דעם שול־פאַרבאַנד צום באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ קינדער־זשורנאַל; באַשטימען אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אָנצופירן אין די פאַראייניגטע די אַרבעט פאַר די שולן; העלפן גרינדן דעם אידישן לערער־סעמינאַר; באַגריסן די אויפגעוואַכטע באַוועגונג אין לאַנד פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אידיש און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און קולטור אין אַמעריקע און רעקאָמענדירן דער פּאַרטיי די דאָזיקע באַוועגונג צו שטיצן; באַגריסן די אויפגעוואַכטע באַוועגונג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון העברעאיש און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער שפּראַך און קולטור און רעקאָמענדירן דער פּאַרטיי צו שטיצן די דאָזיקע באַוועגונג און אַריינטראָגן אין איר דעם ראַדיקאַל־פּראָגרעסיוון גייסט.

מיט 38 שטימען קעגן 10 איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע וועגן פּאַרטיי־דיסציפּלין. אין פאַל ווען אַ פאַראיין זאָגט זיך אָפּ פּרינציפּיעל און סיסטעמאַטיש

אויסצופירן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי (קאַנווענשאַן, רעפערענדום, פּאַרטיי ראַט) אָדער די אַלגעמיינע דירעקטיוון פון צענטראַל קאָמיטעט — ווערט עס באַטראַכט ווי אַ דיסציפּלין־ברוך און דער צענטראַל קאָמיטעט איז אין אַזאַ פאַל באַרעכטיקט אַזאַ פאַראיין צו רעאָרגאַניזירן אָדער סוספּענדירן ביים פּאַרטיי־ראַט אָדער פּאַרטיי־קאַנווענשאַן, אָדער צו שטעלן צו אַ רעפערענדום די פראַגע וועגן אויסשליסן דעם דאָזיקן פאַראיין. ביים רעפערענדום מוז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָרגן דערפאַר, אַז אַזאַ פאַראיין זאָל האָבן די מעגלעכקייט גענוי פאַרצובערענגען זיין שטאַנדפּונקט פאַר אַלע פאַראיינען. אויפן געביט פון אָר־גאַניזאַציע איז געווען אַ נייעס דער באַשלוס, אַז מען קען צוריקרופן באַאַמטע דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג אין מיטן אַרבעטס־יאָר. י. זאר איז אַרויס־געטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג. באַראַכאָוו און סירקין פאַר. סירקין האָט מאָ־טיווירט, אַז אָן דעם רעכט פון צוריקרופן באַאַמטע, איז נישטאָ קיין ריכטיקע דעמאָקראַטיע. דער באַשלוס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ רעפערענדום פאַר אַן ענדגילטיקער באַשטעטיקונג.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ ביכער־פאַרלאַג אַלס אַקציען־געזעל־שאַפט; צו דרוקן אַ בוך איבער פּועלי־ציוניזם אין אידיש און ענגליש; שאַפן אַ פאָנד פון 3,000 דאָלער צו דעקן דעם דעפיציט פון „אידישן קעמפער", און אויסער דעם צו שאַפן אַ גרונט־פאָנד פאַרן „קעמפער" דורך בייטראָגן פון יחידים; ווערבירן ביזן 1טן מאַי, 1917, 10,000 אַבאָנענטן; באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַרויסגעבן אַן ענגלישן חודש־זשורנאַל דורך אַן אַקציען־געזעל־שאַפט וואָס האָט זיך צו דעם צוועק געגרינדעט; רופן אַ צוזאַמענפאָר פון די יוגנט־קלובן; אין דער חנוכה־וואָך ווערט דורכגעפירט די איינקאַסירונג פון דער „תרומה" — דער אָפּצאָל פאַרן וועלט־פאַרבאַנד.

וועגן די ארץ ישראל־רעזאָלוציעס ווערט אויספירלעכער דערציילט אין קאַפּיטל 21. וועגן די באַשלוסן אויף די געביטן פון פּאָליטישער, טרייד־יוניאָן און קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט — אין קאַפּיטל 25.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען קען מער ניט העכערן דעם פּאַרטיי־שטייער פון 15 סענט אַ חודש; ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ יערלעכער בודזשעט פון 5,200 דאָלער, אויסער די ביודזשעטן פון „קעמפער" און פּאַלעסטינע־קאָ־מיטעט. אין צענטראַל קאָמיטעט זענען אַריין: ב. באַראַכאָוו, ש. באַנטשעק, י. זאר, זרובבל, ש. סיגעל, י. ענטין און ה. עהרנרייך אַלס סעקרעטאַר. אין גרויסן צענטראַל קאָמיטעט: י. אַפּלבוים י. בן־צבי, ש. גאָלדשטיין, א. כאַשין, ב. סירקין, ד. פּינסקי, פּראָפ. ח. פיינמאַן. אין פּאַלעסטינע קאָמיטעט: י. בן־צבי, ב. אָסטראָווסקי, זרובבל, מילער, ש. עדלהייט, נ. קויפמאַן, י. קאַצמאַן, י. רשבם און ש. באַנטשעק אַלס סעקרעטאַר. אין געווערקשאַפטן קאָמיטעט: בערלין, י. בערקענבליט, גאָלדבערג, סאַרנאַצקי און פּאָטאַצקי. אין קאָאָפּעראַטיזון קאָמיטעט: י. אַראָנאָוו, גאָלדשטיין, ש. זאַקס, חברה זעליגסאָן און דר. נ. סירקין. אין יוגנט קאָמיטעט: ב. אָסטראָווסקי, ב. י. בעלקין, ל. מעלצער, י. ענטין און פּ. קרוזאַ. אין קאָמיטעט פאַר ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע: מ. בראָון, י. זאר, דר. נעלקין, ה. ערנרייך און פּראָפּ. ח. פיינמאַן. אין דער פאַרוואַלטונג פון "קעמפער": פּ. גינגאָלד, גאָלדמאַן, ש. זאַקס, ש. סיגאַל און וו. שוואַרץ.

אין דער רעדאַקציע: ב. באָראָכאָוו, נ. סירקין. אין קאָנטראָל־קאָמיטעט: גלאַסמאַן, פּאָטאָצקי און משה קאַץ, פּילאַדעלפּיע.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער עדיטאָריעל אין „אידישן פאָלק" וועגן דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן. דער אָרגאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט דערמאָנט אַז אין די ערשטע יאָרן האָט מען זיך זייער ווייניק גערעכנט מיט דער קליינער גרופּע פּועלי ציון. מ'האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַ קוריאָז. מען איז געווען זיכער, אַז אין אַ קורצער צייט וועט די גרופּע פאַרשווינדן און ס'וועט ניט בלייבן קיין זכר פון דער פּועלי־ציוניסטישער שטרעבונג. און וואָס זעען מיר היינט? „אַ קורצע צייט איז אַוועק — וואָרום וואָס זענען משמע צען יאָר ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרפלאַנצן וועלט־איבערמאַכנדע אידייען? — און אַוועק איז דער שפּאָט, פאַרשוואונדן איז די אויבערפלעכלעכע באַציאונג און זייער פּלאַץ האָט פאַרנומען טיפע אַכטונג צו דער פּועלי־ציוניס־טישער אידייע". ס'איז אַ פאַקט, אַז דער גרעסטער טייל און דער וויכטיקער פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ איז אין גאַנצן באַקערט געוואָרן צום ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז די השפּעה פון די נאַציאָנאַלע געדאַנקען איז זייער גרויס אין די אַרבעטער קרייזן, אַז פיל האַנדלונגען זייערע ווערן איצט דיקטירט פון דער נאַציאָנאַלער אידייע. די לעצטע פאַר יאָר איז די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי געוואַלדיק געוואַקסן. דער וואוקס וועט זיך אָבער פאַרפילפאַכן אין דער נאָענטער צוקונפט [197].

אין מערץ, 1917, זענען אָפיציעל אַריין אין ברענטש פון די ניו יאָרקער פּועלי ציון דר. זשיטלאָווסקי און דר. ס. עלסבערג. דר. סירקין האָט נאָך געזאָגט בדרך הלצה אויפן באַנקעט בעת דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן: זשיט־לאָווסקי איז אַ פּאַרטיי־חבר, וואָס צאָלט ניט קיין דיוס. אָבער אין דעצעמבער 1917 — שוין נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — האָבן זיך עטלעכע פאַראיינען געקלאָגט, אַז ארץ ישראל איז ניט דער הויפּט־פּונקט אין זשיטלאָווסקיס רעדעס. אין די ערשטע יאָרן ווען די פּועלי ציון פּאַרטיי האָט געציילט קוים עטלעכע הונדערט חברים, האָט זשיטלאָווסקי איר אָנגערופן „די רעליגיעזסטע ריכטונג אין אידישן אַרבעטער־לעבן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ פאַנאַטישער טרייהייט און אַ גליענדע איבערגעבנקייט צו איר אידעאַל, צום פּועלי־ציוניזם" [198]. אין 1915, ווען עס זענען אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעות, אַז דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו פאַרטרייבן די אידן פון ארץ ישראל, האָט זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען א. נ. „דער דריטער חורבן", וואָס ס'האָט זיך געדוכט אַז עס שרייבט זיי אַ פאַרביסענער שונא ציון, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און געקעמפט אין איר וואַרעם פאַר דער פאָדערונג פון אַ אידישער רעפּובליק אין ארץ ישראל. עס וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג וועגן די פיל אידייען־וואַנדלונגען פון דאָזיקן אייגנאַרטיקן דענקער און קעמפער, אָבער דאָס גייט אַרויס פון די גרעניצן פון אונזער אַרבעט.

אין אַפּריל, 1917, איז פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט אונטערן פאָרזיץ פון א. העמלין און ב. שערמאַן, סעקרעטאַר ה. עהרנרייך האָט באַריכטעט אַז די פּאַרטיי ציילט 3,300 מיטגלידער. די יוגנט־קלובן ציילן 1,150 מיטגלידער. דער ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט, דער געווערקשאַפטן־ און דער קאָאָפּעראַטיווער

קאָמיטעט האָבן שוואַך געאַרבעט. פּ. קרוזאַ האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער פינאַנץ־לאַגע פון „אידישן קעמפער". דער דעפיציט פון „קעמפער" האָט באַטראָפן איבער 4,000 דאָלער. אַרויסגעגעבן אַ נומער האָט געקאָסט קרוב 300 דאָלער. דורכשניטלעך האָט מען צוגעלייגט צו אַ נומער 92 דאָלער. אויך די פינאַנציעלע לאַגע פון צענטראַל קאָמיטעט איז נישט געווען קיין גוטע, טראָץ דעם גוטן אָרגאַניזאַטאָרישן מצב.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אויסגעוויילט דוד פּינסקי'ן אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון „קעמפער", וואָס זאָל צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו און י. ענטין בילדן די רעדאַקציע פון דער ציימונג. אין דער „קעמפער"־פאַרוואַלטונג זענען אַריין: ל. מעלצער, רעזניקאָוו און ב. שערמאַן. ס'איז געוואָרן געשאַפן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו שאַפן דעם פּאַרטיי־פאַרלאַג. אין אים זענען אַריין: ב. אָסטראָווסקי, ש. באַנטשעק, פּ. גינגאָלד, י. מענדעלסאָן און ש. סיגאַל. דער פאַרלאַג ווערט געשאַפן דורך יערלעכע אַבאָנענטן, וואָס צאָלן דעם מינימום פון אַ דאָלער אַ יאָר.

דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין פעברואַר, 1917, האָט געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער רוסישער פּאַרטיי — די מו־טער־פּאַרטיי פאַר דער וועלט־באַוועגונג. פון מאָסקווע איז געקומען אַ קייבל צום אַמעריקאַנער צענטראַל קאָמיטעט, וואָס שילדערט די גרויסע מעג־לעכקייטן וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר דער פּאַרטיי. מען גרייט זיך אַרויס־צוגעבן אַ טאָג־צייטונג („דאָס נייע לעבן" אין אָדעס); די פּאַרטיי איז פאַרטראָטן אין די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן פון אַלע שטעט; די פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן דעם 9־טן אַפּריל. דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געוואָרן אָפּגעלייגט ביז דעם אידישן קאָנגרעס אין רוסלאַנד, וואָס ווערט גערופן אין אויגוסט. די אויסזיכטן פון דער פּאַרטיי זענען קאָלאָסאַל. צו דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער קאָנסטיטוצירנדיקער פאַרזאַמלונג זאָלן קומען באָראָכאָוו, בן־צבי, זרובבל, כאַשין, סירקין, זשיטלאָווסקי. אַלע אַנדערע חברים וואָס האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן, דאַרפן זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. באָראָכאָוו און בן־צבי זענען געוואָרן אויסגעקליבן אין צענטראַל־קאָמיטעט. ל. בערלינרויט, „דער האַמער", מאָסקווע האָט געצייכנט די קייבל.

די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט דאַן באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די הילף פאַר דער רוסישער פּאַרטיי און דורכפירן אַ „טעג־טאָג" אין ראַם פון דער אַקציע פאַרן פיפלס רעליף פאַר די חברים אין רוסלאַנד און אין פּוילן, וואו ס'האָט עס געטאָן דער אַרבעטער רינג פאַר דער בונדישער באַוועגונג. קיין רוסלאַנד איז איבערגעשיקט געוואָרן 1,700 דאָלער, אמת, אַ ניט־גענוגנדע סומע, אָבער זי האָט פיל באַדייט אין די דאַמאָלסטיקע פאַרהעלטעניסן און זי איז געווען אַ וויכטיקע הילף פאַר דער רוסישער פּאַרטיי. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אויפגעפאָדערט דעם פּריוואַטן קאָמיטעט, ס'רוב פון געוועזענע חברים פון דער רוסישער פּאַרטיי, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זיין אַקציע וואָס ווערט איבערגענומען דורכן צענטראַל קאָמיטעט. ב. באָראָכאָוו האָט זיך גע־שטעלט בראש פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע, געשאַפן ביים צענטראַל קאָמיטעט צו שיקן הילף פאַר דער רוסישער פּאַרטיי.

קיין רוסלאַנד זענען אין יוני אָפּגעפאָרן די ח"ח באָראָכאָוו, זרובבל און

פּנחס רוטענבערג. דוד פּינסקי איז געוואָרן דער קאַסירער פון ספּעציעלן פאָנד צו העלפן די רוסישע פּועלי ציון. עס זענען פאַרגעקומען האַרציקע געזעגן־אָונטן. באַראַכאָוו האָט אין זיין געזעגן־בריוו אין „קעמפּער״ געווינטשן אַלע חברים זיך צו טרעפן אין דער נאָענטער צוקונפט אין דער באַפרייטער און אויפגעבליטער ארץ ישראל.

אין אָקטאָבער, 1917, האָט באַראַכאָוו אינפאָרמירט אין אַ בריוו צו זיין פרוי, וואָס איז געבליבן אין אַמעריקע, אַז אויף דער פאַרגעקומענער פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָבן 150 דעלעגאַטן פאַרטראָטן 16,000 חברים. די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אויף זעלבסטשטענדיקע ליסטעס 80 ראַטמענער אין די שטאָטראָטן. דער „בונד״ איז געגאַנגען צו די וואַלן אויף אַ געמיינזאַמע ליסטע מיט די ס. ד. און די פאַר־אייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פאַראייניקונג פון די ס. ס. מיט די סיימיסטן), אויף אַ געמיינזאַמע ליסטע מיט די ס. ר.

די אַמעריקאַנער פּאַרטיי איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די פּוע״צ־פּאַרטייען אין עסטרייך, ענגלאַנד, אַרגענטינע, פּוילן און אַנדערע לענדער. די הילף פאַר פּוילן, עסטרייך איז געגאַנגען דורכן פּיפּלס רעליף. דער לעצטער האָט אויך אַלץ מער איינגעשלאָסן אין זיין טעטיקייט־געביט ארץ ישראל, אַ דאַנק דער ווירקונג פון פּועלי ציון. דער ניו יאָרקער קאָמיטעט האָט פאַרגעלייגט דעם צ. ק. אין סעפּטעמבער, 1917, דורכצופירן אַן אַקציע פאַרן ווינער „אידישן אַרבעטער״. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געענטפערט, אַז די פאַראיינען זענען צופיל באַ־לאַסטעט מיט פאָנד־זאַמלונגען און אַז ער קען לײדער ניט אונטערנעמען קיין נייע אַקציע. קיין ענגלאַנד און אַרגענטינע איז געוואָרן געשיקט ליטעראַטור און דער „קעמפּער״ האָט דאָרט געהאַט אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג. „ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען מיר וואָלטן געקאָנט קומען די חברים צו הילף אויך מיט מענטשן, וואָס זיי פאַרלאַנגען אייגנטלעך פון אונז״, האָט דערקלערט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ביים פּאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער, 1917. אַזאַ הילף איז ערשט געוואָרן געגעבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

אין דער סכות־וואָך, אין 1917, זענען געוואָרן דורכגעפירט פייערונגען, לכבוד דער 10 יאָריקער עקזיסטענץ פון וועלט־פאַרבאַנד (געגרינדעט אין האַאַג, אין אויגוסט, 1907). די פירער פון וועלט־פאַרבאַנד האָבן אין זייערע מינדלעכע און שריפטלעכע באַגריסונגען אונטערגעשטראָכן די צענטראַלע ראָל פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי ביים שאַפן און אויסבויען דעם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון.

פון 20טן ביזן 22טן אָקטאָבער, 1917, איז פאַרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז געוואָרן גערופן אנשטאט די יערלעכע קאָנווענשאָן. ה. ערנרייך האָט אין זיין באַריכט זיך גענויער אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט און נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן, פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט, דער קאַמף אין דער פּאַרטיי אַרום דער שטעלונג צום קריג, פּאָליטישע טעטיקייט אין לאַנד, די טעטיקייט פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, דער מצב פון דער יוגנט־באַוועגונג. מיר שרייבן וועגן דעם אין די אַנטשפּרעכנדע קאַפּיטלען, וואָס באַריכטן גענויער איבער די אויבנדערמאָנטע פראַגן.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ אין האַאַג האָט געעפנט אַן אָפּטיילונג אין שטאָקהאָלם, אונטער דער לייטונג פון ל. חאַזאַנאָוויטש, וואָס האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זיך באַמיט זיי צו געווינען פאַר די

שלום־פאַדערונגען פון די פּוע״צ. דער וועלט־פאַרבאַנד איז געוואָרן איינגעלאַדן צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטן־קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם. די ענגלי־שע אַרבעטער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ וואַרעמע רעזאָלוציע פאַר די אידישע רעכט אויף ארץ ישראל; די דייטשע אומאָפּהענגיקע און די טשעכישע סאָציאַליסטן, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון פּוע״צ. עס איז אויס־געוואַקסן די אחריות פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי פאַר דער וועלט־באַוועגונג. די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין ענגליש דאָס בוך „די אידן אין קריג״, וואָס איז פריער געוואָרן אַרויסגעגעבן אין דייטש און פראַנצויזיש, דורכן פאַרבאַנדס־ביוראָ.

די פּאַרטיי האָט דאַן געציילט 3,588 מיטגלידער (דערפון אין ניו יאָרק ביי 850, אָרגאַניזירט אין 14 ברענטשעס). זינט דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן, איז געווען אַ נעט־געווינס פון 925 חברים. עס זענען צוגעקומען 14 נייע ברענטשעס, אָבער 8 ברענטשעס האָבן זיך אויפגעלעזט און פאַראייניקט מיט אַנדערע ברענטשעס. עהרנרייך האָט זיך געקלאָגט, אַז דער פּאַרטיי־שטייער פליסט ניט אַריין אין דער געוואונטשענער מאָס. אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט האָט ער אונטערגעשטראָכן די טעאָרעטישע קורסן, אָנגעפירט אין שיקאַגאָ, דורך ל. קאַפּעלאָוויטש. ענלעכע קורסן האָט אָנגעפירט דער עסטרייכער פאַראיין אין ניו יאָרק. זרובבל האָט דורכ־געפירט אַ לענגערן טור אין כמעט אַלע שטעט.

דער „אידישער קעמפער״ איז נאָך אַ קורצן פּעריאָד, ווידער איבערגעגאַנגען פון 6 זייטן, צוריק צו 8 זייטן. פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיום פון 3 (פּינסקי, באַ־ראַכאָוו, ענטין), איז פאַקטיש פאַרבליבן ד. פּינסקי אַלס איינציקער רעדאַקטאָר. פ. גינגאָלד איז געבליבן דער פאַקטישער פאַרוואַלטער פון „קעמפער״, נאָכדעם ווי פ. קרוזאַ איז אַוועק אין דער אַרמיי.

דער פּרואוו צו שאַפן צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָט זיך ניט איינגע־געבן. דער לעצטער פּאַרטיי־ראַט האָט געשאַפן אין צ. ק. דער מאַנגל אין פאָנדן, די אינערלעכע רייבונגען אַרום דער שטעלונג צום קריג און די מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי פון פיל אַקטיווע חברים, האָבן גורם געווען אַ געוויסע אָפּשוואַכונג אין דער אַרבעט. די קאָמיטעטן פאַרן פאַרלאַג, געווערקשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט האָבן שוואַך געאַרבעט.

די דיסקוסיע אַרום באַריכט איז געווען זייער אַ לעבעדיקע. מען האָט זיך גע־קלאָגט, אַז מען האָט ניט געגעבן גענוג הילף דעם ענגלישן דעפּאַרטמענט; מ׳איז ניט געקומען אין באַרירונג מיט די שפּאַניאָלישע אידן, מ׳האָט געדאַרפט פאַר זיי אַרויסגעבן אַ פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור אין זייער שפּראַך — לאַדינאָ; מ׳האָט ניט צוגעצויגן די העבראיש־רעדנדע עלעמענטן; פון קנאַפּע 4,000 חברים האָבן נאָר 600 געשטימט אין דער וויכטיקער פראַגע: באַציאונג צום קריג און די שלום־פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי. אַנדערע דעלעגאַטן האָבן געטענה׳ט, אַז מען טוט ווייניק פאַר אידישער דערציאונג. מצד די ס. ד. פּועלי ציון, האָט מען אַרויס־געזוקט די טענה, פאַרוואָס די פּאַרטיי האָט ניט אַנטייל גענומען אין דער פייערונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, לכבוד דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד; אַז מען האָט ניט געפירט קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע טעטיקייט, נאָר גע־שטיצט אַנדערע; די „גענאָסן״ זענען געוואַקסן אין דער קריגס־צייט, די פּוע״צ ניט; מען האָט געאַרבעט זייער ווייניק אויפן טרייד יוניאָן־געביט; דער צענטראַל קאָמיטעט האָט ניט גענוג אַקטיוו געקעמפט קעגן קריג א. א. וו.

בן גוריון האָט קריטיקירט דעם „קעמפּער" פאַרוואָס ער האָט דערלאָזט צו פירן אַ העצע קעגן סירקינען פאַר זיין שטעלונג צום קריג. פּ. גינגאָלד האָט זיך געקלאָגט אויף דער פּאַסיוויטעט פון די פאַראיינען צום „קעמפּער"; מ'האָט אַרויסגעגעבן אַלס פּרעמיע דריי בענד שריפטן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, אָבער דער אָפּרוף איז געווען אַ שוואַכער. פּראָפעסאָר פיינמאַן האָט פאַרלאַנגט צו שאַפן אַ גרעסערן פאָנד פאַר אַרויסגעבן ליטעראַטור אין ענגליש. די באָסטאָנער דעלעגאַטן האָבן פאַרלאַנגט מער ליטעראַטור איבער סאָציאַליזם און טרייד־יוניאָן־פראַגן. בן־צבי האָט פאַרגעוואָרפן, אַז מען טוט ווייניק פאַרן „החלוץ", אַז מען טוט ניט גענוג צו באַקענען די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אונזערע פאָדערונגען, אַז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בלאָק עקזיסטירט ניט מער.

מיט אַ מערהייט פון 18 שטימען קעגן 9 איז געוואָרן אויסגעדריקט צוטרוי דעם צ. ק., נאָכן אויסהערן דעם ענטפער פון ה. עהרנרייך, אויף דער קריטיק פון די דעלעגאַטן.

דער פאַרטיי־ראַט האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דער שטעלונג צו מלחמה און די שלום־פאָדערונגען פון דער פאַרטיי, וועגן אידישן קאָנגרעס (די קאָנגרעס־עקזעקוטיווע קען ניט מער פאַרטרעטן די אינטערעסן פון אידישן קאָנגרעס; פאָדערן אַ צווייטע קאָנפערענץ צו ווילן אַ נייע עקזעקוטיווע מיטן צוועק צענויפצורופן וואָס שנעלער דעם אידישן קאָנגרעס; אויב ניט — רופן אַ קאָנפערענץ פון די נאַצ. סאָצ. דעלעגאַטן, וואָס זאָל באַשליסן וועגן דער ווייטערדיקע טאַקטיק). פּיפּלס רעליף; (רופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט); וועלט־פאַרבאַנד; הילף דער עסטרייכישער פאַרטיי; נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען פאַרן „קעמפּער" 2,000 דאָלער אין איין חודש; יעדער פאַראיין זאָל דורכפירן אַן אונטערנעמונג אין יאָר פאַרן „קעמפּער"; שאַפן אַ ספּעציעלן אָרגאַניזאַציע־פאָנד, יעדער חבר זאָל צאָלן פאַרן אָרגאַניזאַציע־פאָנד 1 דאָלער אַ יאָר; רעאָרגאַניזירן דעם פאַרטיי־פאַרלאַג; גרינדן פאַרטיי־קורסן ביי די פאַראיינען; פאַרגרעסערן די סובסידיע פאַרן ענגלישן פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט.

פון באַזונדערער וויכטיקייט איז געווען דער באַשלוס צוצושטעלן אַ פּראָיעקט וועגן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. אין צענטראַל קאָמיטעט זענען אַריין: י. אַפּלבוים, ש. באָנטשעק, ש. גאָלדשטיין, י. זאַר, י. ענטין, ה. עהרנרייך, ד. פּינסקי, ח. פיינמאַן, ב. צוקערמאַן. דוד פּינסקי איז געוואָרן דערווײלט אַלס דער רעדאַקטאָר פון „אידישן קעמפּער".

דעם 2טן נאָוועמבער, 1917, איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט צוגעזאָגט דעם אידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל. טראָץ דעם וואָס די דאָזיקע דערקלערונג איז געווען אַ ווייטער אָפּנויג פון פריערדיקן געפּלאַנטן טעקסט, אַז ארץ ישראל ווערט דערקלערט, אַלס די נאַציאָנאַלע היים פון אידישן פאָלק, האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע אַרויסגערופן אַן אומגעהויערן ענטוזיאַזם אין דער גאַנצער אידישער וועלט און געגעבן נייע וויזיע און פליגלען דעם אַלטן ציון־חלום.

איידער מיר שילדערן די ווירקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אויף דער

פּוע"צ־באַוועגונג אין אַמעריקע — זאָל מען פריער מאַכן אַ קורצן איבערבליק איבער די געשעענישן וואָס זענען פאָרגעלאָפן דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אין די ערשטע יאָרן פון וועלט־קריג, האָט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דערקלערט איר פולשטענדיקע נייטראַליטעט בנוגע ביידע קעמפנדיקע לאַגערן. די מורא פאַר טערקיי איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען עס איז דערשינען אין דעם אָרגאַן פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, די „אידישע אַרבעטער קאָרעספּאָנדענץ", אַן אַרטיקל פון מאַקס נאָרדוי, אַז צווישן די אידישע פאָדערונגען ביים שלום־קאָנגרעס דאַרף אויך אַריינגענומען ווערן די פאָדערונג פון פרייהייט פון אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט, האָט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט טעלעגראַפירט צו די צייטונגען ניט איבערצודרוקן דעם דאָזיקן אַרטיקל. אין צייטונג וואָס האָט יאָ איבערגעדרוקט נאָרדויס אַרטיקל (דאָס „פראַנקפורטער איזראַעליטישעס פאַמיליען בלאַט"), האָט אין אַ שפּעטערדיקן נומער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל קעגן נאָרדויס שטאַנדפּונקט. נאָרדויס פאָדערונגען זענען גאַנץ פיין, אָבער נאָר בנוגע דעם גלות. דאָקעגן וואָס איז שייך ארץ ישראל, דערלויבט ניט די ציוניסטישע לאָיאַליטעט צו טערקיי — האָט דערקלערט דער מחבר פון אַרטיקל, וואָרשיינלעך אינספּירירט פון אַקציאָנס קאָמיטעט — אַרויסצושטעלן די דאָזיקע פאָדערונג צום שלום־קאָנגרעס, ווייל דאָס וואָלט דערוועקט אין טערקיי אַ חשד, אַז אידן שפּעקולירן אויף איר מפּלה.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט מיט רעכט דערקלערט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אַלס פאַלש. די אידן־פראַגע איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע און דאָס קומען מיט געוויסע פאָדערונגען צום שלום־קאָנגרעס קען ניט מיינען קיין שפּעקולאַציע אויף דער מפּלה פון יענער מלוכה, צו וועמען די דאָזיקע פאָדערונגען ווערן געשטעלט. די פרייהייט פון איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע זענען בכלל פאָדערונגען פון אַ דעמאָקראַטישער אימיגראַציע־פּאָליטיק, ווי אין אַמעריקע, למשל.

בראַנדייס האָט אין די ערשטע 2 יאָר פון קריג כסדר אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט זיך צו באַציען צו טערקיי פריינטלעך און מיט פולער לאָיאַליטעט. „מען דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז די אידן אין א"י זענען אָטאָמאַנישע בירגער און דער מאָטיוו אַליין איז גענוג, כדי פעסטצושטעלן די שטעלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", האָט בראַנדייס געשריבן אין מערץ, 1915, צום ציוניסטישן ביוראָ אין קאָפּענהאַגן [199]).

אין ווינטער, 1916, האָבן די אַמעריקאַנער ציוניסטן גערעכנט, אַז מען וועט קומען צו אַן הסכם מיט טערקיי אין דער א"י־פראַגע. אין דעצעמבער האָט דעהאַאַז אָנגעפרעגט טעלעגראַפיש דעם אַמעריקאַנער געזאַנדטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צי ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אויטאָנאָמיע פאַר די אידן אין א"י אונטער געוויסע באַדינגונגען [200]).

אינטערעסאַנט, אַז ריכאַרד ליכטהיים, דער דעמאָלסטיקער פאָרשטייער פון ענגערן אַקציאָנס קאָמיטעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט אויסגעדריקט, דעם 19טן יולי, 1915, אין זיין בריוו צום א. ק. זיין מורא, אַז דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס קען ברענגען שאָדן דער ציוניסטישער זאַך, ווייל טערקיי וועט אויסטייטשן די רעזאָלוציע פאַר פרייער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ווי אַ דראָאונג אויף איר אַדרעס, און אין רעזולטאַט דערפון — קענען קומען פאַר־

שטאַרקטע רדיפות אויף די אידן אין ארץ ישראל. אָבער די זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, דעם 23טן און 24טן מערץ, 1916, האָט ניט אָנגענומען ליכטהיימס שטעלונג און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צענויפרופן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס (שפּעטער איז ווי באַקאַנט דער קאָנגרעס געוואָרן אָפּגעלייגט טראָץ דעם שאַרפסטן פּראָטעסט פון די פּועלי ציון און ער איז ערשט פאַרגעקומען דעם 15טן דעצעמבער 1918,)[201].

אין מערץ, 1916, האָט הענרי מאָרגענטוי, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, דערקלערט אַ דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, אַז טערקיי וועט זיין שאַרף קעגן דעם, אַז אידן זאָלן זיך ווענדן צו אויסלענדישע רעגירונגען צו געבן א״י צום אידישן פאָלק — טערקיי וועט אָבער ניט האָבן דאָקעגן, אַז אַ קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער אידן זאָל אַרויסשטעלן אַזאַ פאָדערונג. ער האָט גערעדט אין דייטשלאַנד מיט הויכע באַאַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום (צימערמאַן א. א.) און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון אַ פּאָליטישער היים אין א״י. דאָס וועט נאָר ברענגען שאָדן די אידן אין א״י, און דעם ציוניזם.

די דייטשע ציוניסטן האָבן זיך נאָר באַמיט צו ווירקן דורך דייטשלאַנד אויף טערקיי אָפּצושטעלן אירע רדיפות קעגן די אידן אין א״י. דר. רופּין האָט אויף דעם געביט געהאַט וויכטיקע פאַרדינסטן. ווען די דייטשע ציוניסטישע פּאָליטיקער האָבן געוואָלט אויספּרובירן דעם באָדן, צי וואָלט דייטשלאַנד געווען גרייט צו העלפן אידן אין זייערע פּאָליטישע באַמיאונגען לטובת דעם ציוניזם, איז געווען דער ענטפער, וואָס ליכטהיים האָט באַקומען פון דייטשן געזאַנדטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — אַ קאַטעגאָרישער ניין!

מיטן אַריינטריט פון אַמעריקע אין קריג און מיט דעם וואַקסנדיקן כוח און נצחונות פון די עליים, האָט אָנגעהייבן רייף ווערן די נייע ציוניסטישע אָריענטאַציע, וואָס איז געוואָרן אָנגעשלאָגן דורך ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו און אַנדערע ציוניסטישע פירער. ווען עס זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע די ערשטע ידיעות וועגן די פאַרהאַנדלונגען וואָס גייען אָן צווישן די ציוניסטישע פירער מיט דער ענגלישער רעגירונג, איז אין דער אידיש־אַמעריקאַנער פּרעסע געוואָרן אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז אויך אַמעריקע זאָל צוגעצויגן ווערן צו דער אָנפירונג מיט ארץ ישראל און ס׳זאָל געשאַפן ווערן אַ מין קאָנדאָמיניום פון ענגלאַנד מיט אַמעריקע. אָבער נאָך דעם ווי די ציוניסטישע לייטונג אין לאָנדאָן האָט געמאָלדן איר קעגנערשאַפט צום פּלאַן איז דער פּלאַן אָפּגעשטאָרבן. בראַנדייס האָט טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן, אַז צווישן די מאַסן הערשט אַ גרויסע באַגייסטערונג פאַר דער געפּלאַנטער דעקלאַראַציע און אַז אויך די קאַנאַדער ציוניסטן וועלן מאָביליזירט ווערן אונטערצושטיצן די אידישע פאָדערונגען.

לאָרד באַלפור האָט ביי זיינע באַזוכן אין אַמעריקע זיך געטראָפן מיט בראַנדייסן און זינט דאַן איז די ציוניסטישע פּאָליטיק אין ענגלאַנד און אַמעריקע געוואָרן פאַראייניהייטלעכט. פיל גרויסע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן אין אַמעריקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די אידישע רעכט אויף ארץ ישראל. אויך אין דער אַרבעטערשאַפט איז אַלץ קלאָרער געוואָרן די גערעכטיקייט פון אידישן שטאַנדפּונקט. אין סעפּטעמבער, 1917, האָט די „אַמעריקען עלייענס פאַר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי״, אויף איר קאָנווענשאָן אין מינעאַפּאָליס, אָנגענומען

איינשטימיק די רעזאָלוציע, פאַרגעלייגט דורך דר. נ. סירקין, צו בעטן דעם פּרעזידענט ווילסאָן און דער שלום־קאָנפערענץ „צו שטיצן די גערעכטע פאָדע־רונגען פון אידישן פאָלק אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל, אויפן יסוד פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג". דר. סירקין און סעמועל גאָמפּערס, דער פּרעזי־דענט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, האָבן די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַרגעשטעלט שריפטלעך דעם פּרעזידענט ווילסאָן. ווילסאָן האָט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערקלערט, אַז ער פילט אַ נשמה׳דיקע באַדערפעניש „צו פאַר־ריכטן די עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען אין משך פון לאַנגע דורות קעגן אור־אַלטן פאָלק ישראל" [202].

די קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין באַפאַלאָ (ווינטער, 1918), האָט איינגעשלאָסן אין איר שלום־פּראָגראַם די פאָדערונג פון ארץ ישראל, אַלס היים פאַרן אידישן פאָלק און זיך פאַרפליכטעט צו העלפן דורכ־פירן די דאָזיקע פאָדערונג. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך איידער עס איז דערשינען אויף דער קאָנפערענץ די פּועלי ציון דעלעגאַציע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון מאיר בראון, דר. נחמן סירקין און ה. סלאָבאָדין. די דעלעגאַציע האָט פאַרגעלייגט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל זיך ווענדן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג זי זאָל זיך אַרויסזאָגן פאַר אַ היים פון אידישן פאָלק אין ארץ ישראל. די אָפיציעלע פאַרשטייער פון דער גרויסער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָבן וואַרעם פאַרשפּראָכן דאָס צו טאָן [203]. טראָץ דעם, וואָס פּרעזידענט ווילסאָן איז געווען זייער אינסטרוק־טיוו און הילפס־באַרייט ביים אויסאַרבעטן דעם טעקסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַ־ציע, האָט ער זיך אָנטזאָגט אַרויסצולאָזן אַן אָפיציעלע סימפּאַטיע־דערקלערונג מיטן מאָטיוו, אַז ער האַלט עס פאַר ניט פּאַסיק, ווייל אַמעריקע געפינט זיך ניט אין קיין קריגס־צושטאַנד מיט טערקיי. בראַנדייס וואָס האָט וועגן פּרעזידענט ווילסאָנס באַשלוס מיטגעטיילט ווייצמאַנען, האָט אָבער דערביי פאַרזיכערט, אַז ווילסאָנס ליבע צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע שטייט אויסער יעדן ספק.

דוד בן גוריון — דער ערשטער פּרעמיער פון מדינת ישראל האָט דאַן גע־שריבן אין „אידישן קעמפער" (16 נאָוועמבער, 1917):

„דאָס גרויסע וואונדער איז געשען. די גרעסטע וועלט־מאַכט, וועמענס אַר־מיי דערנענטערט זיך צו די טויערן פון ירושלים, האָט זיך אָפיציעל דערקלערט פאַר דער „עטאַבלירונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל". עס עפנט זיך פונדאַסניי די אידישע געשיכטע, די געשיכטע פון אידישן פאָלק אַלס אַזעלכעס, עס באַנייט זיך נאָך אַן אונטערבראָכן פון אַכצן הונדערט יאָר די געשיכטע פון אידן אַלס אַ פּאָליטישע נאַציע.

„ענגלאַנד האָט אונז דאָס לאַנד ניט אומגעקערט. איצט, אין מאָמענט פון גרויסער פרייד און נצחון, דאַרף דאָס באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט ווערן. ענגלאַנד קאָן אונז דאָס לאַנד ניט געבן. ניט ווייל זי האָט דאָס ניט, אָדער ווייל זי האָט דאָס נאָך ניט. ווען זי זאָל שוין אפילו האָבן דעראָבערט דאָס גאַנצע לאַנד, פון דן ביז באר שבע, וועט דאָס נאָך ניט ווערן אונזערס דורך דער בלוי־זער הסכמה פון ענגלאַנד, ווען אפילו אַלע אַנדערע מלוכות זאָלן דערצו צו־שטימען. אַן אייגן לאַנד מוז פון פאָלק אויסגעוויטיקט ווערן, מיט אונזער אייגענער מי און אַרבעט, שוויס און בלוט, באַשאַפן און אויפגעבויט ווערן. „ענגלאַנד האָט אונז ניט אומגעקערט אונזער היים — דאָס וואָס זי האָט

געטאָן איז פּילייכט וויכטיקער: זי האָט אונז אומגעקערט אונזער עקזיסטענץ אַלס פּאָליטישע נאַציע און האָט אָנערקענט אונזער רעכט אויף אַן אייגענער היים אין ארץ ישראל. דאָס פּאָלק אַליין, די ניי־געבאָרענע פּאָליטישע נאַציע, וועט איצט פאַרוואַנדלען דאָס רעכט אין אַ לעבעדיקן פאַקט, וועט אַליין מיט זיינע אייגענע כחות און אוצרות, גייסטיקע און מאַטעריעלע, אויסבויען זיין נאַציאָנאַלע היים און דערפירן זיין נאַציאָנאַלע דערלייזונג ביזן ענדלעכן היסטאָרישן נצחון".

די פּועלי ציון זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָרגאַניזירט גאַסן־מאַניפעסטאַציעס מיט פיל טויזנטער אָנטיילנעמער. אויפן יום טוב אין דער קופּער יוניאָן האָבן טויזנטער זיך ניט געקענט אַריינבאַקומען אין זאַל, האָט מען אימפּראָווירט גלייכצייטיק מיטינגען אויף דער גאַס. עס האָבן גערעדט בן צבי, בן גוריון און יוסף שלאָסבערג, דער דאַמאָלסטיקער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אַמאַלגאַמייטעד. ברוך צוקערמאַן האָט געפירט דעם פאָרזיץ. דוד פּינסקי האָט געלייענט פון זיין דראַמע „דער שטומער משיח".

נאָכן מיטינג האָט מען פאַרעפנטלעכט טעלעגראַמען פון טרענטאָנער צוזאַמענפאָר פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אַז ער וועט גייען האַנט ביי האַנט מיט דער פּאַרטיי אין דער פאַרווירקלעכונג פון געמיינזאַמען אידעאַל און פון אַ גרופּע אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז זייער מעגלעכע בלוט־פאַרגיסונג וועט געפינען אַ נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג אין דער אויסלייזונג פון אידישן פאָלק.

דער מאַסן־מיטינג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס דריקט אויס די האָפנונג, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג וואָס האָט פּראָקלאַמירט די זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט פון אַלע פעלקער, גרויס און קליין, אַלס איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען פון אַן אַלגעמיינעם און אייביקן פרידן, וועט אויך באַלד זיך דערקלערן פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון אונזער פאָלק אין זיין היסטאָרישער היים.

דער מאַסן־מיטינג האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע פייערלעכע רעזאָלוציע:

„מיר באַגריסן פון די טיפענישן פון אונזער האַרץ דעם היסטאָרישן נצחון פון דער צוויי טויזנט יאָריקער האָפנונג און גלויבן פון אידישן פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלער גאולה. מיר באַגריסן מיט פריייד און גליקס־געפיל די אָפיציעלע דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וועלכער ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעכט פון אידישן פאָלק אויף אַ נאַציאָנאַלער היים אין זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד.

„מיר דערקלערן פייערלעך, פאַר דער אידישער געשיכטע, אַז עס איז איצט דער הייליקסטער חוב פון יעדן איד אָוועקצוגעבן אַלע זיינע גייסטיקע און מאַטעריעלע כחות און מיטלען און ווען נייטיק, זיין לעבן, פאַר דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און דער אויפבויאונג פון אַ אידישער היים אין ארץ ישראל.

„מיר, אידישע אַרבעטער, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, פאַרפליכטן זיך אָנצושליסן אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייט־באַוועגונג, אין דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, און מיטצוהעלפן מיט אַלע אונ־

זערע קרעפטן דער באַלדיקער מאָביליזירונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט נאָך ארץ ישראל, פאַר ארץ ישראל און אין ארץ ישראל.

„מיר שווערן פייערלעך איבערצונעמען און פאָרזעצן און דערפירן ביז צו אַן ענטגילטיקן זיג די אַרבייט פון אונזערע געפאַלענע העלדישע פּיאָנערן, חלוצים, אַרבעטער און שומרים, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אין אידישן לאַנד".

סוף נאָוועמבער איז געשאַפן געוואָרן דער אַרבעטס־קאָמיטעט, מיטן צוועק צו מאָביליזירן די אידישע אַרבעטערשאַפט נאָך ארץ ישראל און פאַר ארץ ישראל. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: דוד בן גוריון, י. בן צבי, ש. באַנטשעק, ברוך צוקערמאַן און ה. עהרנרייך אַלס סעקרעטאַר־קאַסירער. ס'אי'ז באַשלאָסן געוואָרן גלייך צו שאַפן די סומע פון 40,000 דאָלער. פון „טעג־טאָג", דעם 30טן דע־צעמבער אַליין זאָל אַריינקומען 17,000 דאָלאַר; טעקסירן יעדן פּאַרטיי־פּאַראיין און יעדן חבר מיט אַ מינימום־שטייער; קיין פאַרזאַמלונג אָדער מאַסן־מיטינג טאָר ניט דורכגיין אָן זאַמלען מיטלען פאַר דעם מאָביליזאַציע־פאָנד פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. די ערשטע אַרבעט זאָל זיין „צו ברענגען די בשורה וועגן דער אויסלייזונג פון אידישן לאַנד צום איינצלנעם אידישן אַרבעטער". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ ליפלעט וועגן דער ענגלישער דעקלאַראַציע און איר היסטאָרישע באַדייטונג אין אַ האַלב מיליאָן עקזעמפּלאַרן, וואָס זאָל פאַרשפּרייט ווערן אין יעדער שאַפּ און פאַבריק, וואו עס אַרבעט נאָר אַ אידישער אַרבעטער אָדער אַרבעטערין.

בן גוריון איז געוואָרן פאָרזיצער פון אַרבעטס־קאָמיטעט, ברוך צוקערמאַן — וויצע־פאָרזיצער, עהרנרייך — סעקרעטאַר, ש. באַנטשעק — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. זיצונגען פון קאָמיטעט זענען די ערשטע וואָכן פאָרגעקומען טעגלעך. קודם כל איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן מאַסן־מיטינגען איבערן גאַנצן לאַנד. אין האַרלעם איז צום מיטינג געקומען אַ מאַסע פון איבער 3,000. עס האָבן גע־רעדט בן צבי, ש. באַנטשעק, דר. נחמן סירקין, יואל ענטין און ברוך צוקערמאַן. אַ קורצע רעדע האָט געהאַלטן אברהם רייזען. ער האָט דערקלערט: „ביז איצט האָב איך אַלץ געמיינט, אַז דער ציוניזם איז אַ צו ווייטער חלום. איצט אָבער זע איך, אַז איך האָב זיך גענאַרט. די דורות־לאַנגע בענקשאַפט פון אידישן פאָלק הייבט אָן ווערן פאַרווירקלעכט. איך קום דעריבער און זאָג אייך: אייער שמחה איז מיין שמחה! אייער זיג איז אויך מיין זיג. דער וועג פון די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן איז איצט אויך מיין וועג — און איך גיי מיט אייך, חברים!" [204].

כדאי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען ווי אברהם רייזען האָט רעאַגירט אין זיין וואָכנבלאַט „דאָס נייע לאַנד", אין דעצעמבער, 1911, אויף דער דער־שיינונג פון דער וואָכנשריפט „האחדות" אין ירושלים. „די וואָכנשריפט — האָט ער דאַן געשריבן — צייכנט זיך אויס מיט איר שיינעם, ריינעם ערלעכן טאָן און מיט אַ העכסט פיינעם ליטעראַרישן געשמאַק. צום באַדויערן מוזן מיר אָבער פרעגן: —פאַר וועמען גייט עס אַרויס? וויבאַלד אַז דער יונגער עלעמענט עמיג־רירט מאַסנווייז פון ארץ ישראל, און די חלוקה־נעמער, לעבן סיי ווי סאָציאַליסטיש, קאָמוניסטיש — נעמען זיי דאָך אַלע גלייכע חלקים פון דער חלוקה.... אויף אַזאַ קלוגן און ערלעך־דענקענדיקן אידן ווי י. ח. ברענער וואונדערט אונז זייער זיין נאָבעלע אַרבעט אויפן ווינט. ברענערס טעטיקייט דאַרף אָנגעווענדט ווערן

ביי אונז אין דער אידישער ליטעראַטור, צווישן די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. מיר האָפן, אַז ענדלעך וועט ברענער עס איינזען און וועט זיך ניט שעמען מודה צו זיין, אַז ער האָט זיך טועה געווען, אויף וואָס ס׳האָט אַ רעכט יעדער גרויסער מענטש״ [205]).

רייזען איז אָבער ניט אַריין אין דער פּאַרטיי, ווען עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין איר, אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, אַ באַדייטנדיקע צאָל אידישע שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן. דאָס איז געווען אין דעצעמבער, 1917. צווישן די שרייבער וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן האָבן זיך געפונען: יוסף אָפּאַטאָשו, ד. איגנאַטאָוו, ז. ברכות, משה לייב האַלפּערן, ז. וויינפּער, לודוויק זאַץ, ה. לייוויק, חיים ליבערמאַן, משה נאַדיר, משה סטאַווסקי, י. י. שוואַרץ, מאָריס שוואַרץ און אַנדערע. דער „קעמפער״ האָט דאַן געפרעגט: „פאַרוואָס זיינען ניט אַריין אברהם רייזען און שלום אַש?״ וועגן רייזענען שרייבט דער „קעמפער״: „ער האָט זיך אין אונזער פּאַרטיי ניט אָנגעשלאָסן, אָבער מיר ווייסן אַז ער איז אונז זייער נאָענט. זיין האַרץ איז שטענדיק געווען מיט די אָרעמע, שטענדיק מיט די אידישע אַרבעטער־מאַסן, אַ טרייער באַגלייטער מיט ליד און בילד; איצט האָט ער אָנגעהויבן אויך פאַר ציון צו זינגען. איז עס ניט די פּועלי ציון קאָמבינאַציע?״ [206]).

עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פּועלי ציון קינסטלער פאַראיין, וואָס האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש־פּובליציסטישן זאַמלבוך פון אַ 400 זייטן און דורכפירן אַ גרויסע ליטעראַריש־טעאַטראַלע אונטערנעמונג. ב. י. ביאַלאָסטאָצקי איז געווען דער סעקרעטאַר פון פאַראיין.

אין אַ צאָל שטעט האָבן אויך די ס. ט. אנטיילגענומען אין די מאַסן־מיטינגען. אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען זיינען אויך אויפגעטראָטן שלום אַש און יוסף שלאָסבערג. די זאַמלונגען פאַרן אַרבעטער־פאָנד זענען איבעראל דורך מיט גרויס דערפאָלג. די שטימונג איז געוואָרן נאָך אָנגעגליטער ווען ס׳איז געקומען אַ קייבעל פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, געצייכנט פון ל. חאַזאַנאָוויטש, אַז דער האָלענדיש־סקאַנדינאַווישער סאָציאַליסטישער קאָמיטעט האָט אין זיין שלום־מאַניפעסט פּראָקלאַמירט די הויפּט־פאָדערונגען פון די פּועלי ציון, אַז די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע זאָל געלייזט ווערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן; פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די אידן פון רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניע און פּוילן, וואו אידן בילדן אייגענע צענטערן, און גאַראַנטיעס פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל.

לענגערע טורס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דר. ח. זשיטלאָווסקי און ברוך צוקערמאַן. זיי האָבן באַזוכט די ווייטסטע פּונקטן אין לאַנד. די טורס זענען געווען ניט נאָר אַ מאָראַלישער דערפאָלג נאָר אויך פינאַנציעל האָבן זיי אַריינגעבראַכט די גרעסטע סומען פאַר דעם אַרבעטס־פאָנד. דער ליפלעט אין אידיש און ענגליש איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אין קרוב אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

צווישן די פיל פאַרזאַמלונגען איז כדאי צו דערמאָנען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, איינגעאָרדנט פון העברעאישן פּועלי ציון פאַראיין (סניף שלישי) דעם 16טן דעצעמבער, 1917, אונטערן פאָרזיץ פון בן־צבי מיטן

אַנטייל פון ישראל בעלקינד, ד. בן גוריון, דר. נ. סירקין, נחום סלושטש, דוד פינסקי א. א.

אויך אין די קרייזן פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך דאָס אייז געגומען רירן. די 12טע יערלעכע קאָנווענשאָן פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, אַנהויב דעצעמבער, אין ספּרינגפילד, מאַס., האָט באַגריסט די באַלפור דעקלאַראַציע און אויפגעפאָדערט זיינע מיטגלידער זיך צו באַטייליקן אין דער גרויסער פאָלקס־באַוועגונג און אַרבעטן פאַר דער אויפריכטונג פון פּראָס־פּעקטיוון אידישן שטאַט אין ארץ ישראל אויף סאָציאַלע אַרבעטער יסודות [207]). די אַרבעטער רינג ברענטשעס אין ספּרינגפילד און ניו לאָנדאָן האָבן באַגריסט די באַלפור־דעקלאַראַציע און באַשלאָסן צו נעמען שקלים.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיך דערקלערט אַלס אַ אָנהענגער פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ער האָט גערימט אַ. ליעסינס אַרטיקלען אין דער „צוקונפט" קעגן יענע בונדיסטן, וואָס „דאָס סאַמע וואָרט ציוניזם איז פאַר זיי טריף ווי דבר אחר", וואָס „מיינען זיכער גוט, אָבער זיי זענען פאַנאַטישע אַנטי־ציוניסטן". אויך צביון האָט געראָטן דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע צו בייטן איר פאַרביסענע קעגנערישע שטעלונג צום ציוניזם. אָבער זיין שטעלונג איז נאָר געוואָרן געשטיצט פון 7 דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ פון דער איד. סאָצ. פעדעראַציע פון 10—12טן מאַי, 1918. די מערהייט וואָס האָט געהאַט 27 שטימען האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן יעדער רעוויזיע אין פּראָגראַם פון דער פעדעראַציע [208]).

אַ רייע מיטינגען זענען פאַרגעקומען פאַר סאָלדאַטן אין די קעמפּס, וואָס האָבן געבעטן מען זאָל זיי שיקן רעדנער. י. זאַר האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן ליפלעט פאַר סאָלדאַטן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אויסגענוצט פאַר אַלע ענגליש־רעדנדע. פיל טויזנטער זענען איבעראַל געקומען צו די מיטינגען. אין מאָנטרעאָל מיט ב. צוקערמאַנען — 2,500; אין שיקאַגאָ — 2,500; אין באָסטאָן מיט בן גוריון — 1,500; אין פּיטסבורג מיט ה. עהרנרייך — 1,300; אין ראָטשעסטער מיט ב. צוקערמאַנען — 2,000; אין האַרטפאָרד — 1,200; אין עקראָן — 700. דאָרט האָט אויך באַגריסט דער מעיאָר פון דער שטאָט; אין אַ קליין שטעטל ווי מאָלדען, זענען 500 געקומען צום מיטינג. דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט אויך באַשלאָסן צו אָנגאַזשירן באַאַמטע פאַר אַ צאָל ראַיאָנען וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן.

די ענטוזיאַסטישע שטימונג איז געוואָרן פאַרשטערט דורך דער ידיעה פון רוסלאַנד וועגן פלוצלימדיקן טויט פון בער באָראָכאָוו, דעם 17טן דעצעמבער, 1917, אין בליענדן עלטער פון 36 יאָר. דער „אידישער קעמפער" איז אַרויס דעם 28טן דעצעמבער (די ידיעה פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען פאַרשפּעטיקט) די ערשטע זייט אין אַ שוואַרצער טרויער־ראַם און מיט אַרטיקלען וועגן באָראָכאָוון פון י. בן־צבי, י. זאַר, דר. סירקין, שלמה גאָלדענבערג, און אַנדערע. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געמאָלדן, אַז ער וועט אַרויסגעבן באָראָכאָווס ווערק, וואָס זענען צעוואָרפן אין פאַרשידענע אויסגאַבן און לויט דער מעג־לעכקייט אויך די וועלכע זענען נאָך ביז איצט ניט דערשינען. „זאָל דאָס זיין די ערשטע מצבה אויף דעם קבר פון אונזער גרויסן באָראָכאָוו".

דער עדיטאָריעל האָט ביטער באַקלאָגט דעם גרויסן פאַרלוסט פאַר דער

וועלט־באַוועגונג מיטן טויט פון באָראָכאָוון. דער „גרינדער פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז אויך געווען אַ פּשוטער סאָלדאַט אין אירע רייען, שאַפער פון אירע טעאָריען, וועלכער איז אויך געווען דער פליסיקסטער אַרבעטער אויף צו פאַרווירקלעכן זיי; אַרכיטעקט און ציגלטרעגער, אינזשיניער און ערדגרעבער, שיפּסקאַפּיטאַן און קעלסהייצער און מאַטראָז". און דער עדיטאָריעל ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „וועלכע זעאונגען האָט ער געמוזט זען פאַר זיך איצט, ווען די ענגלישע דעקלאַראַציע איז באַקאַנט געוואָרן! וואָס פאַר אַ גרויסע טעטיקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אים! ווי האָט געמוזט אין אים ברענען און שרייען נאָך אַרבעט און ווי וואָלט ער די אַרבעט געטאָן! און געשטאָרבן איז ער! וואָס פאַר אַ פאַרלוסט פאַר דעם אידישן פאָלק און וואָס פאַר אַ אומשעצבאַרער פאַרלוסט פאַר אונזער באַוועגונג! באָראָכאָוו! באָראָכאָוו!"

דעם 11טן יאַנואַר, 1918, איז פאָרגעקומען אין קופּער יוניאָן אַ גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון דוד פּינסקי. הספּד־רעדעס האָבן געהאַלטן: י. בן־צבי, ש. גאָלדענבערג, יצחק אייזיק הורוויטש, י. זאר, יהואש, ש. יאַנאָווסקי, דר. סירקין און יואל ענטין.

דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען אַן אַקציע אויף עטלעכע פראָנטן. ער האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַן אקציע צו פאַרקויפן 50,000 שקלים; דורכפירן אַ רעפערענדום מיט אונטערשריפטן פון אַלע אַרבעטער וואָס סאָלידאַריזירן זיך מיט די אידעען פון אַ אידיש־אַרבעטנדן ארץ־ישראל און אַ רעגיסטראַציע פון די אַלע וואָס ווילן עולה זיין קיין ארץ ישראל. דער לאָזונג איז געווען: רעגיסטרירן די ערשטע 5,000 וואָס ווילן גיין קיין ארץ ישראל. די „אַרבעטער רעגיסטראַציע פאַר ארץ ישראל" האָט געשטעלט יעדן די פאָלגנדע פראַגן: זייט איר אַנטשלאָסן צו פאָרן נאָך ארץ ישראל? ביי דער ערשטער מעגלעכקייט? ערשט נאָך דער מלחמה? זענט איר שוין געווען אין ארץ ישראל? אויב יאָ, ווי לאַנג? וואָס האָט איר דאָרט געטאָן? ווילט איר זיך באַטייליקן אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין ארץ ישראל? אויב יאָ, אין וועלכע — א. לאַנדווירטשאַפטלעכע, ב. אינדוסטריעלע?

הגם די אַקציע האָט ניט געבראַכט די פולע דערוואַרטעטע רעזולטאַטן, האָט זי דאָך געהאַט אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג און זי האָט געהאַט אַ רעלאַטיוון דערפאָלג. עס איז פאַרקויפט געוואָרן עטלעכע און צוואַנציק טויזנט שקלים. דער רעפערענדום האָט געבראַכט די אונטערשריפטן פון עטלעכע צענדליק טויזנט אידישע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון די אונטערשרייבער האָבן באַלאַנגט צו יוניאָנס, צום אַרבעטער רינג, צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַ באַדייטנדע צאָל זענען געווען מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי [209].

אויף דער 11טער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), איז געוואָרן דערקלערט, אַז די סיבה וואָס דער רעפערענדום האָט ניט געהאַט דעם דערוואַרטעטן דערפאָלג איז געווען דער פאַקט, וואָס גלייכצייטיק זענען אָנגעגאַנגען די הכנות צום אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל און די טוער אויף די ערטער האָבן געגלויבט אַז די הונדערטער טויזנטער וואָס וועלן זיין רעפּרעזענטירט אויף דעם קאָנגרעס, זאָגן זיך דערמיט אַרויס פאַר ארץ ישראל,

און ס׳איז ניט נויטיק צו מאַכן אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג און באַקומען זייער דירעקטע פּערזענלעכע אונטערשריפט אויף די רעפערענדום־בויגנס.

רעגיסטרירט צו פאָרן קיין ארץ ישראל האָבן זיך ביי 1,500 פּערזאָן. אין דער צאָל זענען ניט אַריינגערעכנט די וואָס האָבן געהערט צום „החלוץ״, צו „אחוה״ און אין דער צאָל זענען ניט געווען אַריינגערעכנט קיין חברים פון דער פּאַרטיי. „מיר וויסן — זאָגט די באַריכטס־בראַשור וואָס איז דערשינען ערב דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן — „אַז דאָס איז אַן אומבאַדייטנדע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער צאָל אידן, וועלכע וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער צייט ווען זיי וועלן קענען פאָרן אין ארץ ישראל, אָבער אַלס אָנפאַנג באַווייזט עס אונז, אַז די אידייע פון דער רעגיסטראַציע איז זייער אַ געלונגענע און מען דאַרף אָנהייבן זי פאַרזעצן און אָנצופירן מיט דער נויטיקער ענערגיע, וואָס אַזאַ אַרבעט פאַרלאַנגט״.

יענע טעג זיינען געווען רייך אין געוואַגטע פּראָיעקטן און פּלענער. בן־צבי און בן־גוריון האָבן געבראַכט אַ פּלאַן צום אַרבעטס־קאָמיטעט צו שאַפן אַ פרייע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַראייניקונג. עס איז אויך דע־באַטירט געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו גרינדן אַ ליגע פאַר ארץ ישראל אין וועלכער מען זאָל אַריינציען די ברייטע אַרבעטער מאַסן. ב. צוקערמאַן האָט פאָרגעלייגט צו גרינדן אַן אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ ישראל. בן גוריון האָט פאָרגעלייגט צו פּראָקלאַמירן אַן אַקציע פון אַ מיליאָן דאָלער פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און גרינדן אַ נייעם פאָנד צו אונטערשטיצן די קאָאָפּעראַטיווע אונטער־נעמונגען אין ארץ ישראל. אַ טייל פון די אַלע געדאַנקען זענען שפּעטער רע־אַליזירט געוואָרן דורך אַנדערע וועגן און פאָרמען.

דעם פאַרנעם און אימפּעט פון דער אַקציע באַווייזט, למשל, דער באַשלוס פון די ניו יאָרקער פועלי ציון־פאַראיינען דורכצופירן אַ „טעג־טאָג״ פאַרן אַרבעטס־פאָנד מיטן צוועק צו זאַמלען לכל הפחות 10,000 דאָלער. טויזנט וואָלונטירן זאָלן דורכפירן די אַקציע אין איין טאָג צייט. דער וועכנטלעכער ביודזשעט פון אַרבעטס־קאָמיטעט האָט באַטראָפן די פאַר יענע צייטן פאַנ־טאַסטישע סומע פון 1,201 דאָלער. דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט אויך באַשטימט אַ וועכנטלעכע סובסידיע פאַרן „אידישן קעמפער״ און אַ גרעסערע סומע פאַר אַרויסגעבן ליטעראַטור. צווישן די פאַרשידענע גע־פּלאַנטע בראָשורן איז אויך געווען אַ בראָשור פון מאָריס ווינטשעווסקיס אַר־טיקלען אין „פאָרווערטס״ וועגן דער באַציאונג פון אידישע סאָציאַליסטן צום ציוניזם. ווינטשעווסקי האָט געגעבן זיין הסכמה אַרויסצוגעבן די בראָשור. (די בראָשור איז ניט דערשינען). אָסיפּ דימאָוו האָט געגעבן אַן אומזיסטע טעאַטער פאָרשטעלונג פאַרן אַרבעטס־פאָנד.

דעם 12טן פעברואַר, 1918, איז נחמן סירקין געוואָרן אַלט 50 יאָר. דער „אידישער קעמפער״ האָט אַרויסגעגעבן אַ רייכן 16 זייטיקן יובל־נומער מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען איבער סירקינס גרויסע פאַרדינסטן פאַרן סאָציאַליס־טישן ציוניזם. אין נומער האָבן זיך באַטייליקט אפרים אויערבאַך, ז. ברכות, א. וואַלינער, ק. וויטמאַן, י. זאַר, דר. זשיטלאָווסקי, יעקב לעווין, א. ליטווין, רחל לוריע, דר. נ. סלושטש, י. ענטין, מ. פריילעכאָוו, ב. צוקערמאַן, י. קאַ־

פּעלאָוו, ה. רויזנבלאַט און שאול ראַסקין, און 5 גרויסע זייטן מיט באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אין זיין באַגריסונג צו סירקינען געשריבן צוו. אַנ.: „פאַר אייערע אויגן ווערט פאַרווירקלעכט דער אידעאַל, פאַר וועלכן איר האָט אַזוי פיל געהאַט אויסצושטיין. זייער ווייניק אַזעלכע גליקלעכע אידעאַליסטן האָבן געלעבט אויף דער וועלט. טאָ וואָס אַנדערש קענען מיר אייך ווינטשן ווי דאָס: אַז אייער שיקזאַל זאָל אויך זיין גליקלעכער ווי דער שיקזאַל פון משה רבנו, איר זאָלט אַליין דערלעבן דעם טאָג ווען אין ארץ ישראל וועלן פונקט ווי אין די צייטן פון אונזערע נביאים געוועבט ווערן נייע אידעאַלן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט".

דער גרעסטער אויפטו פון אַרבעטס-קאָמיטעט איז געווען די צונויפרופונג פון ערשטן אַרבעטער-קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, דעם 6טן יוני, 1918. די איניציאַטאָרן פון דעם אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, וואָס איז פאַקטיש געווען דער פאָרלויפער פון שפּעטערדיקן געווערקשאַפטן-קאַמפּיין, האָבן זיך אָנגעטראָפן אין גרויסע שוועריקייטן. פאַר אים האָבן זיך בעיקר אַרויסגעזאָגט די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד און דער אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, וואָס האָבן אויף זייערע קאָנווענשאָנס אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן די פאָדערונגען צו עטאַבלירן אין ארץ ישראל אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק. די רעזאָלוציע פון דער אינטערנעשאָנעל האָט ניט נאָר אינדאָרסירט נאָר האָט זיך אויך אין אַ געוויסער מאָס פאַרפליכטעט צו העלפן אין דער באַוועגונג.

אָבער די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן און איר סעקרעטאַר מאַקס פיין, — דער שפּעטערדיקער מיטגרינדער פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין — האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין קאָנגרעס. מאַקס פיין האָט געטענהט, אַז ער איז חושד די פועלי ציון אַז זיי האָבן אַ מחלוקת מיט די אַנדערע ציוניסטן און זיי ווילן האָבן די געלעגנהייט אויסצונוצן די אידישע אַרבעטער באַוועגונג אַלס אַ בייטש קעגן די אַנדערע ציוניסטן. אָבער אויך די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַז זיי זענען פאַר אַ פרייער קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַט אין פאַלעסטינע. מאַקס פיין האָט דערקלערט, אַז קיינער קען זיי נישט חושד זיין אין אומטרייהייט צום אידישן פאָלק. דער „קעמפער" האָט דערויף געענטפערט עדיטאָריעל, אַז ער איז צופרידן, וואָס די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן איצט פאַרלאָזן זייער נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט. „זיי זענען אַרויף אויף דעם וועג, וועלכער פירט צו דער פולער באַפרייאונג, צו אַ פרייען אידישן שטאַט אין ארץ ישראל. זאָל זיין מיט גליק" [210].

דער אַרבעטער רינג האָט דערקלערט, אַז ער מוז בלייבן נייטראַל, ווייל אין זיינע רייען עקזיסטירט אַ מיינונגס-פאַרשידנהייט, און ער לאָזט זיינע ברענטשעס און מיטגלידער די רעכט צו האַנדלען לויט זייערע פּרינציפּן און סימפּאַטיעס. אַ צאָל יוניאָנס האָבן דערקלערט אַז זיי קענען ניט אָנטיילנעמען אין קאָנגרעס ווייל זיי האָבן אין זייערע רייען אויך ניט-אידן, און זיי קענען דערפאַר ניט אָנטיילנעמען אין אַ קאָנגרעס, וואָס איז ספּעציפיש אידיש. אַב. קאַהאַן פון „פאָרווערטס" האָט פריער צוגעזאָגט צו העלפן אין דער אַרבעט פון געווינען יוניאָנס פאַרן קאָנגרעס, אָבער שפּעטער האָט דער „פאָרווערטס"

באַקעמפט דעם קאָנגרעס און אויסגעאיבט אַ דרוק אויף דער אַמאַלגאַמייטעד, אַז זי זאָל אָפּשוואַכן איר פּראָ־ארץ ישראל רעזאָלוציע אויף איר קאָנווענשאַן אין באַלטימאָר (אין מאַי, 1918), וואָס איז געוואָרן אַריינגעטראָגן דורך די באַסטאַנער דעלעגאַטן וואָס זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די פועלי ציון. אנשטאָט דעם איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס — לויטן „פאָרווערטס" — אומגעפּער די זעלבע שטעלונג צו פּאַלעסטינע און צו דער אידן־פראַגע, וואָס ס'האָט אָנגענומען די אינטעראַליִיעד לייבאָר־קאָנ־פערענץ אין לאָנדאָן, אין פעברואַר, 1918, און וואָס איז זינט דאַן געוואָרן אַ פּונקט אין שלום־פּראָגראַם פון יעדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די עלייס־לענדער.

דער „קעמפער" האָט דאַן געפרעגט מיט רעכט, אַז אויב אַזוי — פאָרוואָס־זשע איז די רעזאָלוציע וואָס פאָדערט צו שאַפן אַ פרייען שטאַט אין פּאַלעסטינע אונטער אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס, ניט אָנגענומען געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט און דער אידיש־סאָציאַליסטישער פעדעראַציע? פאַקטיש האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ פּראָ־פּאַלעסטינע רעזאָלוציע טראָץ די דראָאונגען פון „פאָרווערטס", אַז אויב די ארץ ישראל רעזאָלוציע וועט דורכגיין, וועט קומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער יוניאָן. ס'איז אָבער אמת, אַז די מער ווייטגייענדע רעזאָלוציע פון די פועלי ציון סימפּאַטיקער איז שוין דאַן גאָרניט געשטעלט געוואָרן צו אפשטימונג. די רעזאָלוציע קעגן יוסף שלאָסבערג פאַר זיינע פּראָ־ציון אַרטיקלען אין „פאָרטשריט" — דעם אָרגאַן פון דער אַמאַלגאַמייטעד — איז צוריקגעצויגן געוואָרן פון אירע אַריינברענגער. זיי האָבן זיך שנעל איבערצייגט אַז סידני הילמאַן און די אַנדערע פירער זענען ניט וויניקער באַגייסטערט פאַר אַ אידיש ארץ ישראל ווי יוסף שלאָסבערג [211].

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס עס ברענגט די באַריכטס־בראַשור צו דער פילאַדעלפיער פועלי ציון קאָנווענשאַן (זייט 7), אַז די פירער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָבן געפּלאַנט צו רופן אַן אַנדער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל מיטן צוועק צו צעברעכן דעם קאָנגרעס, גערופן דורך די פועלי ציון. אָבער די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד און אינטערנעשאָנעל האָבן זיך אָנטזאָגט אַזאַ קאָנגרעס צו רופן „מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז אַזאַ האַנדלונג קען ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע אין דער אידישער אַרבעטער־גאַס".

די פאָרבאַרייטונגס־אַרבעט פאַרן אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך ב. צוקערמאַן, האָט געמאַכט שנעלן פאָרטשריט. די לאָקאַלע קאָנפערענצן זענען דורך מיט גרויס דערפאָלג. אין ניו יאָרק זענען צו דער לאָקאַלער קאָנפערענץ (סוף אַפּריל, 1918), געקומען פאָרשטייער פון קרוב 100,000 אַרבעטער. עס זענען געווען פאַרטראָטן 13 לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, 7 לאָקאַלן פון דער אינטערנעשאָנעל, די דזשאָינט באָארד פון די פּאָריערס און 4 לאָקאַלן; 20 אַנדערע יוניאָנס, 57 ברענטשעס פון אַר־בעטער רינג, 23 פועלי ציון פאַראיינען, 19 ברענטשעס פון נאַצ. אַרב. פאַר־באַנד, 72 אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. אַסיפ וואָלינסקי, פון דער עמברוידערי יוניאָן אין געווען דער טשערמאַן פון דער קאָנפערענץ. אב. מילער, ה. בערלין, ה. סלוצקי א. א. באַקאַנטע אַרבעטער־טוער זענען געזעסן

אין פּרעזידיום. צווישן די רעדנער זענען אויך געווען: שלום אש, דר. זשיט־לאָווסקי, דר. סירקין, י. ענטין, ד. פּינסקי, מ. רעגאַלסקי און יוסף שלאָסבערג. ב. צוקערמאַן האָט געלייענט די רעזאָלוציעס.

די ניו יאָרקער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אויפבויען ארץ־ישראל אויף סאָציאַלע יסודות; אָרגאַניזירן אַ אידישע אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ ישראל; צונויפרופן אַן אַלוועלטלעכן אידישן אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל; דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט; די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמע־ריקע זאָל זיך אַנשליסן אין די פאָדערונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט פאַר אידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין ארץ ישראל. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן דעם קאָנגרעס אָנשטאָט אין מאַי, — ווי ס'איז געווען פריער געפּלאַנט — אויף דעם 6טן יוני. ניו יאָרק האָט אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע פון 75 צום קאָנגרעס. דער קאָנגרעס איז געוואָרן אָפּגעלייגט ווייל אין זעלבן חודש האָבן געדאַרפט פאָרקומען די קאָנ־ווענשאָנס פון דער אַמאַלגאַמייטעד, אינטערנעשאָנעל און אַרבעטער רינג.

דער „פאָרטשריט“ האָט נאָך דער קאָנפערענץ געשריבן עדיטאָריעל אונטערן קעפּל „אַ הערלעכע אַרבעטער דעמאָנסטראַציע“, אַז די קאָנפערענץ האָט רעפּ־רעזענטירט אַ ריזיקן טייל פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. די מורא אַז די פּועלי ציון ווילן פון דער באַוועגונג מאַכן אַ פּאַרטיי־זאַך, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אומבאַגרינדעט. „די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַריינ־גענומען די ארץ ישראל־אַרבעט אין אירע הענט“. דער עדיטאָריעל האָט זיך געענדיקט מיט אַ רוף צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זיי זאָלן אויך צושטיין צו דער אַרבעט.

אין באָסטאָן, וואו מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ. העמלין — דער שפּעטערדיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין — האָט די באַוועגונג אַרומגענומען כמעט די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט. אין דער קאָנפערענץ האָבן אויך אנטיילגענומען 8 ברענטשעס פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. אין שיקאַגאָ האָט זיך אין דער קאָנפערענץ באַטייליקט כמעט די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט. אין פילאַדעלפיע האָבן זיך 19 יוניאָנס באַטייליקט אין דער לאָקאַלער אַרבעטער־קאָנפערענץ פאַר ארץ ישראל. דערפאָלגרייכע קאָנפערענצן זענען אויך פאָרגעקומען אין באַלטימאָר, קליוולאַנד, נואַרק, האַרט־פאָרד, אַלבאַני, פּעטערסאָן, דעטרויט, טאָראָנטאָ א. א. שטעט. אין מאָנטרעאַל האָט די קאָנפערענץ רעפּרעזענטירט 4,000 אידישע אַרבעטער — כמעט די גאַנצע צאָל אידישע אַרבעטער אין שטאָט.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט אין זיין אויפרוף דערקלערט אַז „די אי־דישע אַרבעטערשאַפט האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן דער פירנדער פאַקטאָר אין דעם נייעם אידישן לאַנד, טאַקע דערפאַר וואָס אונזער אידיש לאַנד וועט דאַרפן געבויט ווערן דורך איר מי און אַרבעט“. דער קאָנגרעס וועט דאַרפן באַטראַכטן די פּאָסיקסטע פּלענער ווי אַזוי מיר זאָלן אָוועקשטעלן ארץ ישראל אין איין רייע מיט יענע לענדער, וואו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען געוואָרן די מאַכט־פאַקטאָרן. „אויפן קאָנגרעס וועלן מיר דאַרפן אויסגעפינען די פּאַסיקסטע וועגן ווי אַזוי יענע אַרבעטער אונזערע, וועלכע וועלן בלייבן

דאָ אין אַמעריקע, זאָלן קענען שטענדיק געבן זייער הילף דער ארץ ישראל־אַרבעטערשאַפט און אויסאיבן זייער איינפלוס, אַז ארץ ישראל זאָל געבויט ווערן אין די אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, אויפן באַזיס פון פרייהייט און אין איינקלאַנג מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל" [212].

דער אויפרוף איז געוואָרן אונטערגעשריבן פון יוסף שלאָסבערג, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער אַמאַלגאַמייטעד; מאַקס צוקערמאַן, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער יונייטעד קלאוק העט און קעפּ מאַכערס יוניאָן; אב. מילער, מענעדזשער פון דער פעינטמאַכער יוניאָן פון דער „אמאלגאמייטעד"; לואיס מאַרגאָלין, פּרעזי־דענט פון לאָקאַל 2 פון דער יונייטעד קלאָוק, העט און קעפּ מאַכערס יוניאָן; שלום אש, י. מ. בודיש, דר. ח. זשיטלאָווסקי, דר. נ. סירקין, דוד פּינסקי און דר. פרענק ראָזענבלאַט.

דעם 6טן יוני, האָט זיך פאַרזאַמלט דער ערשטער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל. 250,000 אידישע אַרבעטער זענען געווען פאַר־טראַטן אויפן קאָנגרעס דורך 253 דעלעגאַטן, דערפון 100 געוויילט פון דער קאָנפערענץ אין ניו יאָרק, פון 69 שטעט, פון 19 שטאַטן און פּראָווינצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע זענען געקומען די דעלעגאַטן.

דער קאָנגרעס האָט באַגריסט מיט פרייד די מעגלעכקייט וואָס ווערט געגעבן דעם אידישן פאָלק אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיקע און פרייע היים פאַר זיך אין זיין היסטאָריש לאַנד ארץ ישראל. דער קאָנגרעס האָט זיך פייערלעך פאַרפליכטעט, דורך אַלע מעגלעכע מיטלען צו העלפן איינפירן אין פּאַלעסטינע אַ פאָלקס־רעפּובליק וואָס זאָל זיין באַגרינדעט אויף די פולסטע דעמאָקראַטישע יסודות, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. דער קאָנגרעס האָט זיך געווענדעט מיטן רוף צו אַלע פאַרגעשריטענע אידישע אַרבעטער אָרגאַני־זאַציעס זיי זאָלן זיך פאַראייניקן „כדי צו אַרבעטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון נייעם ארץ ישראל־אידעאַל".

דער קאָנגרעס האָט דערקלערט, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע וועט זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין קרבנות אין דער גרויסער אַרבעט, וואָס די וועלט־געשיכטע בכלל און די אידישע געשיכטע בפרט האָט פאַר אונז אַרויס־געשטעלט. „באַוואוסט פון דער גרויסער אחריות פון דעם איצטיקן מאָמענט פאַרפליכטן מיר זיך אָנצופירן די אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און פאַר דער זיכערונג פון אַ זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן אידישן לעבן אין ארץ ישראל".

דער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט זיין ווילן, אַז אַן אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס זאָל גערופן ווערן און גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו ביי דער ערשטער געלעגנהייט צונויפצורופן אַן אַלוועלטלעכן אידישן אַרבעטער־קאָנג־רעס.

דער קאָנגרעס האָט געוויילט אַן עקזעקוטיווע פון 53, וואָס האָט אויס־געטיילט פון זיך אַן אַקציאָנס־קאָמיטעט פון 15. יוסף שלאָסבערג איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, ב. צוקערמאַן און ח. ראָזענסאָן (פון דער שריפט־זעצער יוניאָן) וויס־פּרעזידענטן, דר. פרענק ראָזענבלאַט (בן יקיר), סעקרעטאַר און דוד פּינסקי, קאַסירער. צום אַקציאָנס קאָמיטעט האָבן אויך געהערט:

איבראַמס, י. מ. בודיש, דר. ה. זשיטלאָווסקי, אַב. מילער (אַמאַלגאַמייטעד), סוראַף, דר. נ. סירקין, סלוצקי, קאַטלער (אינטערנעשאַנעל) און מ. רעגאַלסקי.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט אין אַ בריוו פון סוף יולי, 1918, געהאַט אַ טענה צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנגרעס פאַרוואָס מ׳האָט ניט אָנגענומען קיין רעזאָלוציע וועגן די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן אין די פאַרשידענע לענדער. די דאָזיקע פאָדערונג איז אויך לויט דער מיינונג פון פאַרבאַנדס־ביוראָ ניט געוואָרן גענוג קלאָר אַקצענטירט אין ענגלישן מעמאָראַנדום „צו דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־דעמאָקראַטיע פון דער וועלט״, וואָס די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן. „די איבערגעריסענע קאָמוניקאַציע מיט אייראָפּע און דער ארץ ישראל־ענטוזיאַזם פון די לעצטע חדשים האָבן אויך אין אונזערע שורות אָפּגעקילט כמעט צום נול־פּונקט דעם אינטערעס און דאָס אחריות־געפיל פאַרן גורל פון אונזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע״, שרייבט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ אין דאָזיקן בריוו. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט אויך ניט באַרעכטיקט דאָס פאַנאַדערוויקלען אין מעמאָראַנדום אַ ברייטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַם פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל, וואָס איז ניט געוואָרן אָנגענומען פון קיין קאָמפּעטענטער אינסטאַנץ אַלס די פּראָגראַם פון די פועלי ציון פאַר דער קומענדער קאָלאָניזאַציע.

דער ס. ד. פועלי ציון פאַראיין אין ניו יאָרק האָט נאָר געציטערט, אַז דער אַרבעטער קאָנגרעס זאָל חלילה ניט אויסדריקן זיין ווילן אנטיילצונעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס; ער האָט אויך פאָרגעלייגט, אַז די פועלי ציון זאָלן ניט שיקן קיין פאָרשטייער אין דער ציון־קאָמיסיע, וואָס דער אַקציאָנס־קאָ־מיטעט האָט געזאָלט שיקן קיין ארץ ישראל, נאָר דער אַרבעטער קאָנגרעס זאָל אַליין שיקן אַ קאָמיסיע קיין ארץ ישראל.

ביסלעכוויז האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַרבעטער קאָנגרעס איז געווען אַ וואונדערבאַרע דעמאָנסטראַציע, אָבער אָן אַ וואָגיקן פּראַקטישן רעזולטאַט. אין נאָוועמבער, 1918, שרייבט דער צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון קיין שיקאַגאָ אַז די אומטעטיקייט פון קאָנגרעס דערקלערט זיך מיטן מאַנגל פון פינאַנציעלע מיטלען און מיט דעם פאַקט, וואָס די אַרבעט איז געוואָרן איבער־געגעבן אין די הענט פון כמעט פרעמדע מענטשן, ווייל מ׳האָט געוואָלט באַזייטיקן דעם חשד אַז די פּאַרטיי וויל אוזורפּירן דעם קאָנגרעס.

אין יאַנואַר, 1919, האָט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ אויסגעדריקט זיין צופרידנ־קייט וואָס די עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־קאָנגרעס האָט אַריינגענומען אין זיין פּראָגראַם אויך די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט אין די גלות לענדער, אָבער דאָס פאַרבאַנדס ביוראָ האָט נאָך אַלץ געהאַט די אילוזיע אַז דער קאָנגרעס קען אויפטאָן גרויסע זאַכן. ער האָט פאָרגעלייגט צו שיקן אַן אַרבעטער קאָמיסיע קיין ארץ ישראל, אויב אין דער צווישנצייט וועט דאָס דערוויל נישט אַריבערגיין אין דער קאָמפּעטענץ פון אַלוועלטלעכן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס וואָס דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט דאַן געפּלאַנט צו רופן. אין מערץ, 1919, האָט ה. פיינמאַן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי נאָך דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן, געשריבן צו בן גוריונען אין ארץ ישראל, אַז דער אַרבעטער קאָנגרעס איז געווען נאָר אַ דעמאָנסטראַציע, די עקזעקוטיווע אַרבעט ניט און עס פעלן פינאַנציעלע מיטלען. עס זעט אויס אַז מען וועט

דאַרפֿן פירן די אַרבעט דורך דער פּאַרטיי. דער אַרבעטער קאָנגרעס קען מאַכן מעמאָראַנדומס, אָננעמען פּאָליטישע רעזאָלוציעס, אָבער פאַר פּראַקטישער אַרבעט איז דער איינציקער אינסטרומענט — די פּאַרטיי.

דער געשטייגערטער ארץ ישראל אינטערעס צווישן די אידישע מאַסן האָט אויך דערפֿירט צו נאָך אַ שריט פון קאָנסאָלידאַציע: די ס. ט. האָט זיך פאַראייניקט מיט די פועלי ציון אין פעברואַר, 1918.

אויף דער 5טער ס. ט.־קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק (4—6 סעפּטעמבער, 1915), איז באַשלאָסן געוואָרן מיט אַ קליינער מערהייט צו שטיצן די פּאַ־לעסטינע־פאָדערונגען, בתנאי, אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל מסכים זיין צו זוכן אַן אַנדער לאַנד, אויב פּאַלעסטינע וועט ניט קאָנען רעאַליזירן דעם טע־ריטאָריאַליזם.

אויף דער 6טער ס. ט.־קאָנווענשאָן אין דעטרויט, אין דעצעמבער, 1916, האָט ה. עהרנרייך גערופן צו פאַראייניקן די כוחות פון אידישן סאָציאַליזם. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שטיצן די פאָדערונג פון פּאַלעסטינע אַלס אידיש לאַנד. אין מאַי, 1917, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון ס. ט. אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז אויב צוליב וועלכע ס'איז פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע סיבות, וועט אפילו ביי דער גרעסטער פּאָלקס־אַנשטרענגונג פּאַלעסטינע ניט קענען ווערן קיין צענטער, וואו ס'זאָלן זיך קענען קאָלאָניזירן גרויסע מאַסן פון אידישן פאָלק, „וועלן אונז ניט די הייליקייט פון פּאַלעסטינע, ניט אונזערע באַקומענע רעכט אויף איר, ניט אָפּהאַלטן פון צו זוכן אַן אַנדער פּלאַץ פאַר אַ אידיש פריילאַנד״ [213]).

אין פעברואַר, 1917, האָט זיך נחמן סירקין געווענדעט מיט אַן אָפענעם בריוו צו די ס. ט. זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין די פּוע״צ. „דער טעריטאָריאַליזם״ — האָט ער געשריבן — איז איצט די גרעסטע אוטאָפּיע קעגן א״י, אָבער אַן אוטאָפּיע אָן דעם קלענסטן פונק פון שיינקייט, פון אמת און גרויסקייט. דאָס פאַנ־טאַסטישע וואָרט „אוטאָפּיע״ פּאַסט אייגנטלעך גאָרנישט פאַר דעם אינהאַלטס לאָזן באַגריף „טעריטאָריאַליזם״. עס זענען נאָר פּסיכאָלאָגישע סיבות, וועלכע שטערן די חברים פון דער ס. ט. זיך אָנצושליסן אין די רייען פון פּוע״צ און צו־זאַמען טראָגן די פאָן פון רענעסאַנס און פּאַלעסטינישן טעריטאָריאַליזם [214]).

אין יוני, 1917, איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע קאָנווענשאָן פון די ס. ט. משה כץ האָט גערעדט פאַר פּאַלעסטינע און לעווין קעגן. דער פאָרשלאָג פון א. גלאַנץ זיך צו פאַראייניקן מיט די פּוע״צ, איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן מיט 28 שטימען קעגן 2. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן זעלבסטשטענדיק די אַרבעט פאַר פּאַלעסטינע און אין פאַל ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז פּאַלעסטינע קען ניט ווערן קיין אידישע היים, באַנייען די אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער היים אין אַן אַנדער אָרט. מ. רעגאַלסקי, דער הייניקער פּוע״צ־פירער אין אַר־גענטינע — האָט דאַן געטענה'ט, אַז ס'איז גלייכער די ס. ט. זאָל זיך אָנשליסן אין די פּועלי ציון אַלס אויסגעשפּראָכענע טעריטאָריאַליסטישע ריכטונג, אײדער אַלס אַ אידישיסטישער פליגל פון די פּועלי ציון, ווי עס האָט פאָרגע־לייגט אַ. גלאַנץ. דער לעצטער האָט נאָך דער קאָנפערענץ דערקלערט אין דעם אָרגאַן פון די ס. ט „אונזער וואָרט״, אַז ער באַנייט די אַגיטאַציע פאַר אַ פאַר־אייניקונג מיט די פּועלי ציון, טראָץ זיין דורכפאַל אויף דער קאָנווענשאָן.

אויף דער באַראַטונג פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטן טערי־

טאַריאַליסטן צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ, דעם 24טן און 25טן דעצעמבער, 1917, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרהאַנדלען מיט די פּוע״צ וועגן אַ פאַראייניקונג. די פּאַרטיי זאָל הייסן: „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי״.ביידע ריכטונגען אין דער שפּראַכן־פראַגע זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט אין זייער טעטיקייט. די פאַראייניקטע פּאַרטיי זאָל ברענגען צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די אָפּשטימונג איז דאַן געגאַנגען צו אַ רעפערענדום, וואָס האָט אָקצעפּטירט די פאָרשלאָגן. אין אַ צאָל שטעט זענען, לויט דער איניציאַטיוו פון צענטראַל קאָמיטעט, געשאַפן געוואָרן גרופּן פון ס. ט.־חברים, וואָס זאָלן זיך גרייטן גיין קיין פּאַלעסטינע ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, צו העלפן בויען דאָס לאַנד [215]).

דער פּוע״צ צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף די פאָרשלאָגן געענטפערט, אַז די אידישיסטן אין דער פּאַרטיי וועלן אין איר האָבן רעכט צו אַגיטירן פאַר זייערע מיינונגען, אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט איז קעגן דעם, מען זאָל פון פאָראויס איינטיילן די פּאַרטיי, אין צוויי ריכטונגען: אידישיסטן און העברעאיסטן. אין אַ פּאַרטיי קענען ניט עקזיסטירן אָרגאַניזירטע אָפיציעלע פראַקציעס; דאָס וואָלט פּאַראַליזירט די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי. די פראַגע וועגן ענדערן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי וועט געשטעלט ווערן אויף דער קומענדיקער קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי. אויב די קאָנווענשאָן וועט באַשליסן אַראָפּצונעמען דעם נאָמען פּועלי ציון, וועט עס קאָנען דינען אַלס רעקאָמענדאַציע צום אַלוועלטלעכן פּועלי־ ציון־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט די קאָמפּעטענץ די פראַגע ענטגילטיק צו באַשטימען.

די פאַראייניקונג איז פאָרגעקומען אין פעברואַר, 1918. דער „אידישער קעמפּער״ האָט אין זיין עדיטאָריעל „אין אַ גוטער שעה״, געשריבן: „די הויפּט־שוועריקייט אויף דעם וועג פון פאַראייניקונג איז געלעגן אין דער באַציאונג צו אידיש און העברעאיש. וועדליג אונזער פּאַרטיי פאַרהאַלט זיך נייטראַל צו ביידע שפּראַכן, איז די ס. ט. אויסגעשפּראָכן אידישיסטיש און אַנטי־העברעאיש. דער אויסוועג איז געפונען געוואָרן אין דעם, וואָס ביז דער געמיינשאַפטלעכער קאָנ־ווענשאָן קענען די ס. ט. פאָרזעצן זייער אַרבעט אין איינקלאַנג מיט זייער אידי־שיסטישער וועלט־אַנשויאונג״ [216]).

דער רעפערענדום, דורכגעפירט דורך די פּוע״צ, האָט אָקצעפּטירט די פאַר־איינקונג. אין „אידישן קעמפּער״ איז דערשינען אַן אַרטיקל קעגן דער פאַר־איניקונג. עס איז ניט געווען נייטיק צו פירן נייע פאַרהאַנדלונגען וועגן דער שפּראַך־פראַגע. אין ווינּיפּעג און קליוולאַנד זענען די בעסטע ס. ט. במילא אַריין אין דער פּאַרטיי [217]). אָבער דאָס איז געווען אַ פאַראיינצלטע שטימע. איבערן לאַנד האָבן די פּוע״צ־פאַראיינען וואַרעם באַגריסט די פאַראייניקונג און אין באַריכט צו דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דער דורכגעפירטער פאַראייניקונג מיט די ס. ט.

דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, סוף יאַנואַר 1918, צו מאַכן די נייטיקע הכנות אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג דורך פאַרקויפן 10 דאָלאַר־שערס. אין קאָמיטעט פאַר דער טאָג־צייטונג זענען אַריין: גוטמאַן, זאַר, עהרנרייך, י. קאַפּעלאָוויטש און שעלובסקי. בן־צבי האָט געשטימט קעגן דעם פאָרשלאָג. אין אַפּריל, 1918, האָט בן־צבי דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס פון אַרבעטס־קאָ־מיטעט, ווייל ער האָט באַשולדיקט אַז דער געדאַנק פון אַ צייטונג האָט צופיל אַב־

סאַרבירט די חברים און ס'איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ נייע פינאַנציעלע אַנשטאַלט פאַר ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיווע בענק אָדער אַ קאָאָפּעראַציון פאָנד (פיינמאַנס פּלאַן). פאַקטיש האָט בן צבי רעזיגנירט גלייך ווי ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן דער טאָג־ציישונג. שפּעטער האָט ער געענדערט זיין באַשלוס אונטער דער ווירקונג פון די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט. אָבער אין אַפּריל, 1918, האָט ער ווידער אָנגעמאָלדן זיין רעזיגנאַציע.

בן צבי האָט אויך געהאַט טענות, אַז די טעטיקייט פון „החלוץ״־סעקרעטאַר־יאַט איז שטאַרק געוואָרן איינגעשרומפּן; אויפן סדר היום פון אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל איז געשטעלט געוואָרן אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע פראַגע, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער סטאַטוט פון ארץ ישראל, איידער די פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאַרטיי.

ה. עהרנרייך האָט אין זיין ענטפער צו בן־צבי, אין נאָמען פון צענטראַל קאָ־מיטעט, אויפגעוויזן, אַז דער אַרבעטס־קאָמיטעט איז ניט געשאַפן געוואָרן בלויז פאַר דער ארץ ישראל־אַרבעט; דער צענטראַל קאָמיטעט האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין באַשלוס וועגן שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק אָדער אַ פאָנד; דער אַרבעטער־קאָנגרעס האָט יאָ אַ רעכט צו באַטראַכטן פּאָליטישע פראַגן.

דעם 5טן מאַי, 1918, איז פאָרגעקומען, אונטערן פאָרזיץ פון ה. עהרנרייך, אַ געזעגנונגס־באַנקעט פאַר די „בנים״ (בן צבי און בן גוריון), וואָס זענען נאָך אין יאַנואַר געוואָרן אויפגעפאָדערט צו קומען צוריק קיין ארץ ישראל. מיט די אָפּ־פאָרנדיקע האָבן זיך געזעגנט ד. אבערסאָן, שלום אַש, ראובן ברײנין, דר. ח. זאָלאָטאַראָוו, מ. מאָשעוויצקי, דר. נ. סירקין, אַ. קריטשמאַר, מ. רעגאַלסקי א. א.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעלעגירט אַלס פּוע״צ־פאַרטרעטער אין דער ארץ ישראל קאָמיסיע, יצחק זאַר. אויך די פּועלי ציון אין ענגלאַנד האָבן אַקצעפּ־טירט י. זאַר אַלס זייער פאַרשטייער אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט גע־שיקט ווערן קיין ארץ ישראל, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער ענגלישער רע־גירונג. י. זאַר האָט אָבער ניט באַקומען די רייזע־דערלויבעניש קיין ארץ ישראל. די ענגלישע פּועלי ציון האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון נחום סאָקאָלאָוו צו באַטייליקן זיך אין דער קאָמיסיע דורך אַ חבר פון ענגלאַנד. די פּועלי־ציון־פאַר־טרעטונג אין דער קאָמיסיע איז נאָך פריער רעדוצירט געוואָרן פון דריי אויף איינעם. די פּועלי ציון האָבן חושד געווען, אַז שולדיק אין די שיקאַנעס קעגן די אַמעריקאַנער פּוע״צ זענען די אַלגעמיינע ציוניסטן פון אַמעריקע.

דער עסטרייכער ברענטש 6, אין ניו יאָרק, איז אַרויסגעטראָטן קעגן שיקן אַ דעלעגאַט אין דער א״י־קאָמיסיע. אויב אַ דעלעגאַט פאָרט יאָ, זאָל ער קעמפן אין דער קאָמיסיע, אַז אידיש זאָל זיין די הערשנדיקע שפראַך אין ארץ ישראל. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט דערויף געענטפערט, אַז די שטעלונג צו דער שפראַכן־פראַגע וועט באַשלאָסן ווערן אויף דער קומענדיקער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע.

די שפראַכן־פראַגע איז אָפטמאָל געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער באַ־וועגונג. די אָפיציעלע שטעלונג איז געווען: גלייכע רעכט פאַר ביידע שפראַכן אין דער אַרבעט אין די גלות־לענדער; העברעאיש איז די שפראַך פון ארץ־ישראלדיקן ישוב, דערביי דאַרף אָבער געגעבן ווערן פאַר אידיש געוויסע רעכט און אוודאי טאָר ניט זיין קיין רייד וועגן פאַרפאָלגן אידיש.

אין מערץ, 1910, האָט די פּאַרטיי באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער

העברעאישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, אויב עס וועט דאָרט נישט ווערן באַשלאָסן, אַז העברעאיש איז די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין יוני, 1916, זיינען באָראָכאָוו און קענדזשערסקי אַרויסגעטראָטן קעגן באַטייליקן זיך אין יום העברים, ווייל די פּאַרטיי איז פאַר בײדע שפּראַכן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן ניט צו שיקן קיין דירעקטע פאַרטרעטער צו דער קאָנווענשאָן פון די העברעער, נאָר צו שיקן אַ באַגריסונג און די רעזאָלוציע אין דער פראַגע צו פאַרעפנטלעכן אין „קעמפער".
אין יולי, 1916, איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָנערקענען דעם העברעאישן פּוע"צ־פאַראיין אין ניו יאָרק, נאָך דעם ווי בן גוריון האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז דער פאַראיין שטייט אויפן יסוד פון די פּאַרטיי־באַשלוסן וועגן צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אָבער גלייכצייטיק וועט דער פאַראיין אַרבעטן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון העברעאיש אין אַמעריקע. אויך אין שיקאַגאָ איז אַנטשטאַנען אַ העברעאישער פּוע"צ־פאַראיין אין יולי, 1917.

אין פעברואַר, 1917, האָט דוד בן גוריון אין זיין אַרטיקל אין „קעמפער" א. נ. „די העברעאישע באַוועגונג אין אַמעריקע" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנפערענץ אויף וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן די הסתדרות עברית, דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון די העברעער דאַרף ניט זיין צו פירן אַן אומפּראָדוקטיוון, שעדלעכן קאַמף קעגן אידיש, נאָר בויענדע, שאַפנדע אַרבעט פאַר העברעאיש. דערביי האָט ער דערקלערט, אַז העברעאיש האָט זייער קליינע שאַנסן צו ווערן אַמאָל די אומגאַנגס־שפּראַך פון די אידן אין אַמעריקע (אָדער אין אַן אַנדער גלות־לאַנד). העברעאיש איז אָבער צוויי טויזנט יאָר געווען די שפּראַך פון אידישן בוך, פון דער אידישער קולטור, פון אידישער דערציאונג, ניט קוקנדיק דערויף וואָס זי איז ניט געברויכט געוואָרן אין אַלטעגלעכן לעבן אַלס אומגאַנגס־שפּראַך צווישן אידן [218]).

נאָכן העברעער־צוזאַמענפאָר האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפע דעבאַטע צווישן דר. שיינקין און דר. זשיטלאָווסקי וועגן דער שפּראַכן־פּראַגע. די רעדאַקציע פון „קעמפער" האָט דאַן דערקלערט: „די פּאַרטיי איז פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש אַלס בײדע נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון אידישן פאָלק; מיר האַלטן דעם גאַנצן שטרייט צווישן אידישיסטן און העברעאיסטן פאַר שעדלעך און אינהאַלטסלאָז; די רעדאַקציע פון „קעמפער" איז אין דער דאָזיקער דעבאַטע פולשטענדיק נייטראַל און נעמט אויף זיך ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט פאַר דעם אינהאַלט און ניט פאַר דעם טאָן און ניט פאַר די אויסדרוקן אין די אַרטיקלען און צושריפטן וועגן דער שפּראַכן־פּראַגע" [219]).

אין אַן ענטפער צום וויניפּיגער פאַראיין „השחר", אין מאַי, 1918, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט ווידער אַמאָל באַטאָנט, אַז צו דער פּאַרטיי געהערן נאָר אַזעלכע העברעאישע פאַראיינען, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ווי ס'האָט דאָס אָנערקענט דער ניו יאָרקער העברעאישער פאַראיין. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז דער פאַראיין זאָל טראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען, אין איינקלאַנג, מיט אַ באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד, וואָס האָט דאָס פאַרבאָטן. דער זעלביקער ענטפער איז געווען צו שיקאַגאָ, וואָס האָט געוואָלט גרינדן פאַראיינען אויף די נעמען פון מענדעלע און באָראָכאָוו.

דער „אידישער קעמפער" איז טראָץ זיינע פינאַנסיעלע שוועריקייטן דער־

שינען רעגולער, ביז ס׳האָט אָנגעהיבן דערשיינען די „צייט״, אין אויגוסט, 1920. אָנהייב 1919, האָט יואל ענטין איבערגענומען די רעדאַקציע. עס זענען דאַן צוגעצויגן געוואָרן נייע מיטאַרבעטער (דער לעבעדיקער, א. ש. זאַקס, דר. יהודה קויפמאַן, דר. ק. פארנבערג און ב. צ. גאָלדבערג). דוד פּינסקי האָט פאָרגעזעצט שרייבן זיין „אויף דער טאָגעס־אָרדנונג״, וואָס איז דערשינען אין כמעט יעדן נומער.

סוף 1917, האָט אַ רעפערענדום באַשלאָסן אַרויפצולייגן אויף די מיטגלידער אַ פּראָפּאָרציאָנעלן טעקס פאַרן „קעמפער״. פּ. גינגאָלד האָט אין מערץ, 1918, אָנגעגעבן זיין רעזיגנאַציע אַלס פאַרוואַלטער, אָבער די רעזיגנאַציע איז ניט גע־וואָרן אָנגענומען. די פאַרוואַלטונג פון „קעמפער״ איז דאַן באַשטאַנען פון פּ. גינגאָלד, י. זאַר און עפּשטיין. אין דעצעמבער, 1918, גייט גינגאָלד אַוועק אין לעגיאָן און זיין אַרבעט האָט איבערגענומען ראובן פּלאטראַט, איינער פון די גרינ־דער פון באָראָכאָוו־ברענטש 14 פון פאַרבאַנד אין ניו יאָרק.

אויסערן „קעמפער״ זענען פון צייט צו צייט דערשינען פּאַרטיי־אויסגאַבן אין אַנדערע שטעט. אין 1916 האָט ד. אבערסאָן אַרויסגעגעבן אין שיקאַגאָ דאָס וואָכנבלאַט „אונזער לעבן״. אין באַלטימאָר איז דערשינען אין 1918 דער „באַל־טימאָרער אידישער אַרבעטער״, מיט די לאָזונגען אויפן שער־בלאַט: „פון אַ פונק וועט זיך אַ פלאַם אַנטוויקלען״ און „אין קאַמף וועסטו דיין פרייהייט ערווער־בען״. צייטונגען זענען אויך דערשינען אין ניו היווען און אַנדערע שטעט. אין 1918 האָבן אַ צאָל שטעט אַרויסגעגעבן ספּעציעלע נומערן פון „קעמפער״ מיט פיל מאַטעריאַל וועגן זייער לאָקאַלער טעטיקייט.

אין 1918 האָט דער „פּועלי ציון״־פאַרלאַג אַרויסגעגעבן דוד פּינסקי׳ס דראַ־מען אין פינף בענד. דאַן זענען אויך דערשינען די בראָשור פון דר. זשיטלאָווסקי „ארץ ישראל און די אידישע אַרבעטערשאַפט״, אַן ענגלישע בראָשור פון פּראָפ. פיינמאַן וועגן פּועלי ציוניזם און פלוג־בלעטער אין ענגליש וועגן דער באַל־פור־דעקלאַראַציע און שקל. ב. אָסטראָווסקי איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון פאַרלאַג.

די אַרבעט צווישן ענגליש־רעדנדיקע האָט ניט געהאַט קיין באַזונדער מזל. נאָך אין יולי, 1915, האָט מען אין ראַטשעסטער געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַן ענגלישן זשורנאַל א. נ. „דהע פּראָגרעסיוו זייאָניסט״, דורכן דאָרטיקן ענג־ליש־שפּרעכנדיקן פאַראיין, וואָס האָט דאַן געציילט 40 מיטגלידער. אין סעפּטעמ־בער, 1916, האָט ח. פיינמאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „קעמפער״, אַז מען טאָר ניט איבערלאָזן די אידישע קולטור אין ענגליש אין די הענט פון די אַסי־מילאַטאָרן און אַז „אויב מיר ווילן אַז אונזערע קינדער זאָלן פאַרבלייבן נאַציאָ־נאַל־אידיש, קענען מיר עס ניט טאָן בלויז דורך אַ געקינסטלטן אויפהאַלטן פון אידיש, וואָס קען באַאיינפלוסן בלויז אַ קליינעם טייל פון אונזער יוגנט, נאָר אויך דורך דעם שאַפן פון אַ אידישער קולטור אין ענגליש״. ער איז אויך אַרויסגע־טראָטן קעגן דער קעגנערשאַפט צו ענגליש אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס „איז ניט נאָר לעכערלעך, נאָר אויך שעדלעך״.

די קאָנווענשאַן אין באָסטאָן (אין 1916) האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן ענגלישע חודש־שריפט דורך אַן אַקציע־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צו דעם צוועק געשאַפן. די צייטשריפט איז ניט דערשינען. אין אָקטאָבער, 1917, איז

אַנטשטאַנען אין שיקאַגאָ אַ נאָרדוי ליטעראַטור־קרייז פון סטודענטן אין די הויך־שולן מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן אידישע און העברעאישע ליטעראַטור צווישן דער סטודענטן־יוגנט. עס זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן לעקציעס אין אידיש. אין טאָראָנטאָ האָט דאַן געשאַפן אַן ענגליש־ריידנדע גרופּע יהודה קויפמאַן. ענלעכע גרופּן זענען אַנטשטאַנען אין מילוואָקי און אין אַנדערע שטעט. אין מערץ, 1918, האָט טש. בערנשטאַק, דער סעקרעטאַר פון ענגלישן פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט מיטגעטיילט, אַז עס עקזיסטירן 10 ענגליש־רעדנדע פאַראיינען. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט דאַן באַשלאָסן צו שאַפן די „וואנגארד פּאָבלישינג קאָמפּאַני", אַרויסצוגעבן אַן ענגלישן זשורנאַל. דאָס וועט נישט שטערן די אַקציע פאַר דער „צייט". און איז ניט געווענדעט קעגן אידיש. „איינס שטערט ניט דאָס צווייטע". אָבער אויף דער 11טער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע איז געוואָרן מיטגעטיילט, אַז דער ענגליש־קאָמיטעט האָט זיך אויפגעלעזט און קיין אַנדער קאָמיטעט איז ניט געוואָרן אויסגעקליבן צוליבן מאַנגל אין פאַסיקע טוער פאַר דער אַרבעט.

פון 25טן ביזן 29טן דעצעמבער, 1918, איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע די 11טע פּועלי ציון קאָנווענשאָן. די פּאַרטיי האָט דאַן געציילט 5,012 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין 120 פאַראיינען אין 83 שטעט פון 25 שטאַטן און צוויי פּראָווינצן פון קאַנאַדע. צום ערשטן אָקטאָבער, 1918, האָט די פּאַרטיי געציילט מיט 2,428 מיטגלידער מער ווי זי האָט געציילט צום ערשטן אָקטאָבער, 1917. די יוגנט־פאַראיינען האָבן דאַן געהאַט 1,250 מיטגלידער.

פון די 3,424 נייע מיטגלידער וואָס זענען אַריינגעקומען אין לעצטן יאָר האָבן 838 געהערט צום אָרב. רינג, 645 צום נאַצ. אָרב. פאַרבאַנד, 389 צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, 710 צו דער ס. פּ. דער דורכשניטלעכער עלטער פון די ניי־אַריינגעטראָטענע אין געווען צווישן 19 און 35.

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט אין זיין באַריכט צוגעגעבן, אַז „מיר האָבן די פעסטע זיכערקייט, אַז אונזער פּאַרטיי קען פאַרדרייפאַכן אונזער מיטגלידערשאַפט אין פאַרלויף פון קומענדיקן יאָר. דערצו זענען נויטיק די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען און אויך דער טיפער וואונטש פון די חברים צו זען אונזער פּאַרטיי נאָך גרעסער און שטאַרקער". די אַרבעט האָט געליטן דערפון, וואָס קרוב 500 חברים האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין לעגיאָן, 114 אין דער אַרמיי (זיי זענען ניט אַריינגערעכנט אין דער צאָל פון 5,012 חברים). דורך דעם פּאַרטיי־אָפיס איז געזאַמלט געוואָרן לעצטן יאָר (אַריינגערעכנט דעם פּאַלעסטינע קאָמיטעט) קרוב 80,000 דאָלער, אָבער זייער ווייניק איז געזאַמלט געוואָרן דירעקט פאַר דער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט. דער באַריכט פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער נויטיקייט צו שאַפן אַ באַראָכאָוו־פאָנד" אַרויסצוגעבן די באָראָכאָוו־שריפטן און צו באַזאָרגן באָראָכאָווס פאַמיליע.

די קאָנווענשאָן מיטן אָנטייל פון 154 דעלעגאַטן האָט באַשלאָסן מיט אַ מערהייט שטימען ווייטער זיך צו באַטייליקן אין ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז דער פאָרטרעטער פון אידישן פאָלק צו שאַפן אַ פּאָליטיש־געזיכערטע אידיש־נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל ביז אַן אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס וועט איבערנעמען די אַרבעט פאַר און אין ארץ ישראל. עס דאַרף אָנערקענט

פאַרטיי־ראַט פון פועלי ציון אין פילאַדעלפיע (20—22 אָקטאָבער 1917)



## ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון אין האַאג (אויגוסט 1907)



אין דער ערשטער שורה פון לינקס צו רעכטס (זיצנדיק): נ. י. ראאפלקעס־ניר; סאַבינאַ ראפאלקעס־ניר (אַ גאַסט); סאַבינאַס אַ שוועסטער (אַ גאַסט); בעלאַ פעווזנער (פאַראייניקטע שטאַטן); צבי לאריע (אַנטווערפּן, בעלגיע); דר. ל. קאָפּעלאָוויטש (פאַראייניקטע שטאַטן); קלמן מרמר (דעלעגאַט פון אַמעריקע און ענגלאַנד); לעאָן בערלינרויט־ארסקי (רוסלאַנד). אין דער צווייטער שורה שטייענדיק: יצחק זאַר (רוסלאַנד, שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע); אומבאַקאַנט; יעקב קענער (עסטרייך); דר. מאַקס ראָזענפעלד (עסטרייך); בער באָראָכאָוו (רוסלאַנד); אַ גאַסט פון שווייץ; יצחק בן צבי (ארץ ישראל); אַ גאַסט פון פראַנקרייך; ישראל שוחט (ארץ ישראל); י. אַפּלבוים (פאַראייניקטע שטאַטן); שלמה קאַפּלאַנסקי (עסטרייך); אַלעקסאַנדער כאשין (רוסלאַנד). אין דער דריטער שורה שטייענדיק: דריטער פון לינקס צו רעכטס: גאָלדהאַמער (רומעניע); נתן גראָס (עסטרייך).

ווערן די זעלבסטשטענדיקייט פון דער פועלי ציון־פעדעראציע אויף דעם ציוניס־טישן קאנגרעס.

די קאנווענשאן האט באשלאסן צו גרינדן א קאאפעראטיווע קאלאני־זאציע־געזעלשאפט פאר די אידישע פאלקס־מאסן, כדי זיי זאלן קענען אימיגרירן און זיך קאלאניזירן אין א״י אין דער לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע אויף סאָציאל־קאאפעראטיווע יסודות. דער באדן פון א״י זאל געהערן צום אידישן פאלק אלס נאציאנאלער באזיץ. אלע נאטור־רייכטימער פון לאנד, ווי אויך אלע איינ־ריכטונגען וואס זענען נויטיק פארן וואוילזיין פון כלל, ווי פארקער־מיט־לען, באוואסערונגס־איינריכטונגען א. א. וו. זאלן געהערן צום פאלק; ס׳זאל איינגעשטעלט ווערן א מינימום־לוין פאר אלע ארבעטן סיי אין קהל׳שע און סיי אין פריוואטע אונטערנעמונגען. דאס ווירטשאפטלעכע לעבן זאל ארגאניזירט ווערן אויפן סאציאל־קאאפעראטיוון יסוד.

די קאנווענשאן האט ווארעם באגריסט די חברים אין לעגיאן און דערקלערט, אז די נעמען פון די געפאלענע חברים וועלן אייביק לעבן אין זכרון פון פאלק.

די קאנווענשאן האט דערקלערט, אז ניט אריינגייענדיק אין דער פרינ־ציפיעלער פראגע, וועלכע שפראך זאל זיין די נאציאנאלע שפראך אין ארץ ישראל, געפינט זי פאר נויטיק צו פאדערן די פולע גלייכבארעכטיקונג פאר אידיש און העברעאיש אין ארץ ישראל, אין שול, געריכט און פארוואלטונג.

די קאנווענשאן האט זיך ארויסגעזאגט פאר רופן א אידישן וועלט־קאנ־גרעס און א אידישן ארבעטער־וועלט־קאנגרעס, ווי אויך פאררופן א אידישן אר־בעטער־קאנגרעס אין אמעריקע צוליב די נאציאנאל־קולטורעלע און עקא־נאמישע אינטערעסן פון דער אידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע.

וועגן דער פאליטישער טעטיקייט אין לאנד איז באשלאסן געווארן צו פאדערן פון דער ס. פ. אריינגענומען צו ווערן אלס טייל פון דער היגער סאציאליסטישער באוועגונג. „אויב די ס. פ. וועט אונז ניט וועלן אנערקענען, זאל די פארטיי אנפירן א זעלבסטשטענדיקע פאליטישע אקציע און ארויסשטעלן אייגענע קאנדידאטן אין די אידישע קווארטאלן, וואו מיר וועלן עס געפינען פאר פאסיק און נויטיק״.

עס איז באשלאסן געווארן צו פאדערן, אז אין די פאבליק סקולס מיט אידישע קינדער זאל אויפן פארלאנג פון אידישע עלטערן ווערן איינ־געפירט דער לימוד פון אידיש, אידישע ליטעראטור און אידישע געשיכטע.

עס זענען אויך אנגענומען געווארן רעזאלוציעס וועגן באציאונגען מיט דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע (רעכט זיך צו פארבינדן מיט איר אין פראגן פון אלגעמיין־ציוניסטישער טעטיקייט); פאר איינפירן אין אמעריקע א פינף־טאגיקע ארבעטס־וואך, כדי אידישע ארבעטער זאלן ניט דארפן אר־בעטן שבת.

חיים פיינמאן איז געווארן אויסגעוויילט אלס גענעראל־סעקרעטאר און י. קאפעלאוו אלס קאסיר. אין צ. ק. זענען אריין: ד. אבערסאן, י. אפלבוים, ב. אסטראווסקי, מ. בראון, י. מ. בודיש, ש. באנטשעק, מ. גוטמאן, ח. זשיטלאווסקי, י. חגי, י. לעווין, מיטשעל, ש. סיגאל, ב. סירקין, מ. עפשטיין, ס. עלסבערג, יואל ענטין, דוד פינסקי, ר. פלאטראט, ב. צוקערמאן, מ. קאץ, י. קויפמאן, חיים קאנטאראוויטש, רעזניק, י. ראזאווסקי.

.21

# הילף דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט

מיר האָבן דערציילט אין קאַפּיטל 14 וועגן דער גרינדונג פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און דער טעטיקייט פאַרן פּ. א. פּ. אין אַמעריקע ביז 1910. אין דעם איצטיקן קאַפּיטל וועלן מיר שילדערן די טעטיקייט פאַרן פּ. א. פּ. אין אַמעריקע אין די יאָרן 1911—1918, וואָס איז געוואָרן דורכגעפירט דורכן פּאַלעסטינע־קאָמיטעט.

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט אין די יאָרן 1911—1914 אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט פאַר דער „האחדות", דעם פּאַרטיי־אָרגאַן פון די פּועלי ציון אין ארץ ישראל. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט קעגן נוצן געלטער פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד פאַר אויסהאַלטן אַ פּאַרטיי־אָרגאַן, אָבער דווקא דערפאַר איז געווען ביי די חברים נאָך פעסטער דער ווילן דורכצופירן דירעקטע געלט־זאַמלונגען פאַר דעם קאַמף־אָרגאַן פון דער יונגער פּועלי ציון פּאַרטיי אין ארץ ישראל. דער פּאַרטיי ראַט אין אַפּריל, 1911, האָט באַשלאָסן צו פייערן דעם האַלב־יאָריקן יובל פון „האחדות" (געגרינדעט אין יולי, 1910) און די איינקונפט זאָל גיין פאַר דער צייטונג.

דער פּאַרטיי־אָרגאַן „האחדות", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַלס חודש־בלאַט, איז אויפן 4טן נומער געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אָנפאַנג 1911. די צייטונג איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער טערקישער מיליטער־מאַכט דעם 27טן דעצעמבער, 1914, נאָכן אַרויסגעבן 201 נומערן. די ערשטע רעדאַקציע, וואָס האָט געאַרבעט אײנגאַנצן אָן געצאָלט, איז באַשטאַנען פון בן גוריון, בן צבי, רחל ינאית און זרובבל. אין דער ערשטער צייט האָט מען פאַרהאַנדלט מיט בער באָראָכאָוו ער זאָל קומען קיין ארץ ישראל און ווערן אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון דער צייטונג. באָראָכאָוו האָט אָבער דאַן ניט געקענט קומען קיין ארץ ישראל און ער האָט בכלל ניט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד פון זיינע חלומות, ביז דער טויט האָט אים אַוועקגעריסן אין בליענדן עלטער פון 36 יאָר. סוף 1911 האָט זיך די רעדאַקציע געביטן. בן גוריון און בן צבי זענען דאַן געפאָרן קיין טערקיי און רחל ינאית קיין פראַנקרייך צו שטודירן. אין דער רעדאַקציע זענען דאַן אַריין יוסף חיים ברענער, וואָס האָט פריער מיטגעאַרבעט אין „הפועל הצעיר" און זיך דאַן געגרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע, א. ראובני, א. חאשין און זרובבל [220]).

אין מאַי, 1913, האָט זרובבל דורכגעפירט אַ דערפאָלגרייכן טור איבער אַמעריקע פאַר דער „האחדות". ער האָט באַזוכט 30 שטעט און אַרויסגעטראָטן אויף 30 עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אויף פיל פּאַרטיי־מיטינגען און באַנקעטן. אין ניו יאָרק איז זרובבל אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג פאַר עטלעכע טויזנט צוהערער אויף אַ מיטינג פאַר די שטרייקענדע שניידער. אויף דער

קבלת־פּנים־פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק איז אויך אַרויסגעטראָטן דער „זיידע פון אידישן סאָציאַליזם" מאָריס ווינטשעווסקי. דער „פּועלי ציון בולעטין" (נומער 9) האָט דאַן געשריבן: „דער רושם פון ח. זרובבל׳ס אַרויס־טרעטונגען און רעפעראַטן איז זייער אַ שטאַרקער... באַזונדערס שטאַרק איז געווען דער איינדרוק צוליב דעם, וואָס דער רעפערענט האָט זיך ניט געקווענקלט ארויסצוקומען מיטן אמת. מיר זיינען תמיד געוואוינט צו הערן באַריכטן פון ארץ ישראל, פון פאַרשידענע רעפערענטן, אָדער אינגאַנצן דורך אַ ראָזער שפּאַקטיוו אָדער אינגאַנצן דורך אַ שוואַרצער, אַלץ אָפּהענגיק פון דער באַ־ציאונג, פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער, פון דעם רעדנער גופא צום ציוניזם. די ידיעות און די זאַכן, וואָס מיר האָבן דאָס מאָל געהערט, זענען געווען ווייט פון איבערטרייבונגען און ס׳האָט אונז אויסגעזען ווי אַן אמתער שפּיגל פון דער ארץ ישראלדיקערווירקלעכקייט".

די אַקציע האָט אַריינגעבראַכט 1,400 דאָלער. ס׳איז אויך וועראבירט גע־וואָרן איבער 100 אַבאָנענטן פאַר דער „האחדות". ס׳איז אויך געוואָרן דורכ־געפירט אַ „ראַפל" פאַר דער צייטונג, וואָס האָט געבראַכט 300 דאָלער. זרובבל איז געווען דער ערשטער דירעקטער שליח פון ארץ ישראל קיין אַמעריקע און זיין באַזוך האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם [221]).

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט ביסלעכוויַיז אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד האָט דאַן געשטעלט זיינע ערשטע טריט, און זיך קלאָר געמאַכט זיינע צילן. אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ אין אויגוסט, 1911, אין ווין, האָבן ד. אבנר (בן צבי) און בן גוריון פאַרלאַנגט אין נאָמען פון די ארץ ישראלדיקע פּועלי ציון, אַז דער פּ. א. פ. זאָל ווערן אָנגעפירט דורך די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער און אַז דער פּועלי ציון וועלט־פאַרבאַנד זאָל ניט האָבן צו זאָגן איבער דער פאַרווענדונג פון די געלטער. די וועלט־קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאַרשלאָג, אָבער זי האָט שפּעטער אָנגענומען דעם מאָדיפיצירטן פאַרשלאָג פון די ארץ ישראל דעלעגאַטן, אַז די פּראַקטישע אַרבעטס־פּלענער זאָלן אויס־געאַרבעט ווערן בהסכם מיט די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער און אַז די לעצטע זאָלן ניט בלויז אויסגעהערט ווערן נאָר זאָלן אויך האָבן אַ שטימע אין אַרבעטס־אַמט. די וועלט־קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן, אַז דער פּ. א. פּ. אונטערשטיצט נאָר אַרבעטער־אונטערנעמונגען, אָבער ניט קיין יחידים. עס ווערן געשטיצט טרייד יוניאָנס אין פּאַלעסטינע און אין די אַרומיקע לענדער. איינצלנע פּראָפעסיאָנעלע אַקציעס ווערן געשטיצט נאָר אין עקסטרע פאַלן ווען עס האַנדלט זיך אין גאָר וויכטיקע עקאָנאָמישע סכסוכים. עס ווערט געגרינדעט אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ מיט אַ בודזשעט פון 5,000 קראָן פאַר די נאָענטסטע צוויי יאָר. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ זאָל באַטראַכטן די פראַגע וועגן עפענען פיליעס פון אינפאָרמאַציע־ביוראָ אין אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס אינפאָרמאַציע־ביוראָ זאָל אַרויסגעבן אַ בולעטין אין אידיש און שפּאַניאָליש מיט אינפאָרמאַציע און אויפקלערונג וועגן דער אַרבעט אין ארץ ישראל. פון אינפאָרמאַציע־ביוראָ האָט געדאַרפט אַרויסוואַקסן שפּעטער דאָס אַרבעטס־אַמט (לשכת עבודה), וואָס זאָל אויסאַרבעטן צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט דעם טעטיקייטס פּלאַן פאַרן פּ. א. פּ.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז יעדער פּועלי ציון פאַראיין זאָל דורכפירן יעדעס יאָר צוויי אונטערנעמונגען פאַרן פּ. א. פּ. אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער ענגלישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי פון יוני, 1911. אין דער צענטראַל־פאַר־וואַלטונג פון פּ. א. פּ. זענען געוויילט געוואָרן: י. וואַכמאַן, א. ש. יוריס און קרומהאָלץ. אין ארץ ישראלדיקן אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט זענען אַריין: י. בן־צבי, בן גוריון, א. בלומענפעלד און קלמן מרמר. אַלס זייערע פאַרטרעטער: ה. עהרנרייך, קאַמאַראָוו און ב. לאָקער [222]).

אַ געוויסע צייט האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ה. עהרנרייך, ער זאָל זיך באַזעצן אין ארץ ישראל און ווערן דער לייטער פון אַרבעטס־ביוראָ. דער לייטער פון ביוראָ איז געוואָרן ד. בלאָך (אפרים בלומענפעלד), וואָס האָט מיט דערפאָלג אָנגעפירט מיטן ביוראָ, זינט אויגוסט, 1912.

אין אַפּריל, 1912, האָט די צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פּ. אַ. פּ. דעלעגירט קיין ארץ ישראל שלמה קאַפּלאַנסקין, ער זאָל שטודירן די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער אויפן אָרט און אויסאַרבעטן צוזאַמען מיט דער ארץ ישראל פּאַרטיי אַ טעטיקייטס־פּלאַן פאַרן פּ. א. פּ. קאַפּלאַנסקי האָט במשך פון 3 חדשים באַזוכט די וויכטיקסטע פּונקטן אין לאַנד צוזאַמען מיט י. זרובבל און אין רעזולטאַט פון באַזוך זענען באַזייטיקט געוואָרן אַלע מיספאַרשטענדענישן און חילוקי דעות מיט דער א״י־פּאַרטיי. אין אָקטאָבער, 1912, האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן די לשכת עבודה פון פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד אונטער דער לייטונג פון בלאָך־בלומענפעלד. דער פּאַלעסטינע־אַמט אונטער דער לייטונג פון דר. אַרטור רופּין האָט גלייך מסכים געווען צו באַטראַכטן די לשכת עבודה ווי די צענטראַלע פאַר אַלע אַרבעטער ענינים און איבערגעבן איר די אַרבעטס־אינפאָרמאַציע. מיט דער „לשכת מודיעין״ פון דעם אָדעסער ועד איז מען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן קעגנזייטיקער אונטערשטיצונג. אויך איז דערגרייכט געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די עקזיסטירנדיקע אַרבעטער קלובן און אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט. שווערער איז עס געגאַנגען אין די קאָלאָניעס, וואו דער ווידערשטאַנד מצד אַ טייל חברים פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן [223]). דאָס אַר־בעטס־ביוראָ (לשכת עבודה) איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פון ארץ ישראלדיקן אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון (משרד העבודה). אין דער לשכת עבודה זענען אַריין א. בלומענפעלד, א. לעווין און אל. פיין. אין משרד העבודה: א. בלומענפעלד, בן צבי, בן גוריון, ש. קאַפּלאַנסקי און ז. אשור אַלס פאַרטרעטער פון צענטראַל קאָמיטעט פון די ארץ ישראלדיקע פּועלי ציון. שפּעטער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין משרד העבודה א. ש. וואַלדשטיין, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ארץ ישראל אין 1912.

אויף דער 4טער וועלט־קאָנפערענץ (אויגוסט, 1913), האָט בן־צבי דער־קלערט אַז פון דער אַרבעטס־ביוראָ איז מען צופרידן אין אויסלאַנד, אָבער ניט אין ארץ ישראל. די אַרבעט דאָרט קען אָנגיין נאָר ביי אַ פולשטענדיקן הסכם פון אַלע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, אָבער צוליב דעם וואָס מ׳האָט ניט געפאָלגט דער עצה פון די ארץ ישראלדיקע פּועלי ציון, באַציט זיך אַ וויכ־טיקער טייל פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט ווייטער צו אונז מיט

פּיינטשאַפט. די וועלט־קאָנפערענץ האָט ניט געטיילט די מיינונג פון בן־צבי. זי האָט פעסטגעשטעלט די פריער־אָנגענומענע ליניע וועגן דער בשותפותדיקער אָנפירונג פון דער פּ. א. פּ.־טעטיקייט אין ארץ ישראל. זי האָט אָנגעצייכנט די וויטערדיקע אויפגאַבן פון אַרבעטס־ביוראָ אין ארץ ישראל: צו געפינען נייע אַרבעטס־צווייגן, אָרגאַניזירן און צוציען נייע אַרבעטער־כוחות אין לאַנד גופא און באַזונדערס אין אויסלאַנד, פאַרשטאַרקן די אינפאָרמאַציע־טעטיקייט. די קאָנפערענץ האָט באַגריסט די גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָני־זאַציע־געזעלשאַפט „אחוה" אין אַמעריקע און אויפגעפאָדערט אַלע איבעריקע לאַנד־פּאַרטייען צו שאַפן ענלעכע געזעלשאַפטן. אין אַלע לענדער זאָלן געשאַפן ווערן פּ. א. פּ.־קאָמיסיעס[224].

ביז דעם קריגס־אויסברוך האָט דער פּ. א. פּ. אַנטוויקלט אין ארץ ישראל אַ לעבעדיקע טעטיקייט, טראָץ זיינע באַגרענעצטע געלט־מיטלען. ער האָט געהאָלפן איינאָרדענען פיל אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף; ער האָט באַדינט מיט א"י־אינפאָרמאַציע די אויסוואַנדערונגס־ביוראָען אין אָדעס, ווין און טריעסט און די 450 אינפאָרמאַציע־ביוראָס פון דער יק"א אין רוסלאַנד. פאַרטרעטער פון פּ. א. פּ. האָבן אָפּגעוואָרט די אָנקומענדיקע שיפן און געהאָלפן דעם אידישן אַרבעטער תיכף ביי זיינע ערשטע טריט אין לאַנד.

דער פּ. א. פּ. האָט געשאַפן די ערשטע אַרבעטער־אונטערנעמונגס־קאָלעקטיוון אין בוי־פאַך און ביי עפנטלעכע אַרבעטן. אין יפו האָט דער פּ. א. פּ. געגרינדעט די ערשע קבוצות אין מערץ, 1913, וועלכע האָבן איבערגענומען ביי דער „חברה חדשה" די ניוועליר־אַרבעט פון בוי־פּלעצער. אין יוני, 1913, האָט דער פּ. א. פּ. געגרינדעט אין חיפה אַ קבוצה פון 5 סטאָלערס, פון וואָס ס'איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער גרויסער סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו „כרמל" וואָס דער פּ. א. פּ. האָט שפּעטער געגרינדעט. האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג האָט דער פּ. א. פּ. געפּרוּווט אַריינפירן אידישע אַרבעטער אין דער שיפעריי. דער פּ. א. פּ. האָט געשאַפן אין מאַי, 1914, דעם ערשטן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוון קאָלעקטיוו אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט — די קבוצה „אחוה" אין פּתח תקוה. די קבוצה האָט געדאַרפט אָנזאַמלען דערפאַרונג ביי דער אַרבעט און העלפן שפּעטער די געזעלשאַפט „אחוה", געשאַפן דורך אַמעריקאַנער פּועלי ציון אין פרילינג, 1923. אין אָקטאָבער, 1923, האָבן די חברים פון „אחוה" געבילדעט דעם קערן פון דער קיבוצישער אַרבעטער־ווירטשאַפט יגור, ביי חיפה. דער פּ. א. פּ. האָט געהאָלפן אין 1914 דער קאָאָפּעראַטיווער דרוקעריי „אחדות" (דעמאָלט אין ירושלים) וואָס איז שפּעטער איבערגעפירט געוואָרן קיין תל־אביב.

דער פּ. א. פּ. האָט געהאָלפן גרינדן אַ רייע פאַך־קורסן אין חיפה און יפו. די קורסן האָבן אויך געהאַט דעם ציל צו שאַפן קאַדרען פאַר דער פּראָ־פעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין די שטעט. אָנהייב 1914 האָט דער פּ. א. פּ. געגרינדעט דעם ערשטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון סטאָליער. שפּעטער זענען אַנטשטאַנען די פאַראיינען פון שלאָסער און שוס־טער. דער פּ. א. פּ. האָט אויך געשטיצט די עקזיסטירנדיקע אַרבעטער־קיכן און געגרינדעט נייע קיכן. ער האָט צוזאַמענגערופן דעם 5טן אויגוסט, 1913, אַ צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־קיכן. אַדאַנק דער באַמיאונג פון פּ. א. פּ. האָט

די מעדיצינישע געזעלשאַפט אין יפו דורכגעפירט אַ היגיענישע אויספאָרשונג פון נייע איינוואַנדערער. אין הערבסט, 1913, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַנקעטע פון די עקזיסטירנדיקע אַרבעטער־ביבליאָטעקן. דער פּ. א. פּ. האָט געהאָלפן באַקומען פאַר זיי נייע ביכער. אין ירושלים האָט דער פּ. א. פּ. דורכגעפירט אַן עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע אויספאָרשונג וועגן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער ירושלימער אַרבעטערשאַפט; דער פּ. א. פּ. האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ „ספר הזכרון" צום אָנדענק פון די געפאַלענע שומרים. דער קריגס־אויסברוך האָט צעשטערט דעם פּלאַן, אָבער די געזאַמלטע מאַטעריאַלן זענען שפּעטער געוואָרן אויסגענוצט ביים אַרויסגעבן אין אַמעריקע דעם „יזכור"־בוך. דער פּ. א. פּ. האָט צוזאַמען מיט די פּאַרטייען פּועלי ציון, הפּועל הצעיר, „השומר" און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט סיס־טעמאַטישע וואַנדער־פאָרלעזונגען. אַלס די ערשטע לעקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רעפעראַט פון י. ח. ברענער אין 6 פּונקטן. דער פּ. א. פּ. האָט אויך מיטגעהאָלפן אַ צאָל סטרייק־אַקציעס פון אַרבעטער, פון די תלמידים פון חיפה'ער טעכניקום ביי דעם באַקאַנטן קאַמף קעגן דעם בערלינער הילפס־פאַראיין א. א.

די ידיעות וועגן דער לעבעדיקער טעטיקייט פון פּ. א. פּ. אין ארץ ישראל האָבן דערמוטיקט די אַמעריקאַנער חברים, און דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן אינערלעכן קריזיס צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון דער פּאַרטיי אין 1911, האָט פאַרשטאַרקט זיין טעטיקייט. דער פּלאַן איבערצוטראָגן דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט קיין פּילאַ־דעלפיע, איז ניט געוואָרן רעאַליזירט, און צום פּאַרטיי־ראַט אין סעפּטעמבער 1912, האָט דער סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט ש. באַנטשעק שוין אינ־פאָרמירט, אַז די אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער פּאַרטיי־ראַט האָט באַ־שלאָסן צו באַטראַכטן דעם פאָרשלאַג וועגן גרינדן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט פאַר פּאַלעסטינע־אַרבעט צוזאַמען מיטן אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; דורכפירן זאַמלונגען פאַרן פּ. א. פּ. אין חנוכה און פּסח, און תשעה באב פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד; צו שטיצן דעם „השומר"; טיכטיק אַרבעטן פאַר דער „האחדות"; באַגריסן די דערפענונג פון אַרבעטס־ביוראָ און אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט אין ארץ ישראל.

אין באַריכט צו דער קאַנווענשאַן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), האָט ש. באַנטשעק באַריכטעט אַז פון 20טן סעפּטעמבער, 1912, ביזן 20 סעפּטעמבער, 1913, איז געזאַמלט געוואָרן איבער 5,000 דאָלער פאַר פאַרשידענע ארץ ישראל צוועקן, דערונטער 1,700 דאָלער פאַרן פּ. א. פּ.; 1,800 דאָלער פאַר „האחדות" און 1,300 דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. מיט דערפאָלג איז דורך דער קאָנטעסט פאַרן פּ. א. פּ. אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען 25 פאַראיינען. אויפן ערשטן אָרט אין די ארץ ישראל זאַמלונגען איז געגאַנגען האַמילטאָן, וואָס האָט געזאַמלט 667 דאָלער; דאַן איז געקומען מאָנטרעאַל מיט 607 דאָלער; דעטראָיט מיט 481 דאָלער. דר. סירקין האָט שטאַרק געריימט אין זיין רעדע דאָס שטעטל האַמילטאָן (קענעדע). „ווען אַלע פּועלי ציון אין דער וועלט וואָלטן געאַרבעט אַזוי אַקטיוו ווי האַמילטאָן, וואָלטן זיי צענויפגעזאַמלט בערך 20 מיליאָן פראַנק אַ יאָר פאַר ארץ ישראל" — האָט סירקין געזאָגט.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן פאַרן קומענדן יאָר לכל הפחות 5,000 דאָלער פאַר די ארץ ישראל פאָנדן; דורכפירן אַ באַשלוס אין די פאַר־באַנד־ברענטשעס אַז אויף אַלע בריוו זאָלן ווערן געקלעפּט פּ. א. פּ.־סטעמפּס; בעטן דער לייטונג פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד איבערצושיקן יעדע דריי חדשים אַן אָפּיציעלן באַריכט פון די סומען געזאַמלט דורך די פאַרבאַנד־ברענטשעס פאַר פאַרשידענע ארץ ישראל צוועקן.

אינטערעסאַנט איז צו באַקענען זיך מיט די זאַמל־מעטאָדן פון די פאַראיינען פאַרן פּ. א. פּ. דאָ זענען די חברים געווען זייער דערפינדעריש. כמעט ווי פון זיך אַליין איז געוואָרן איינגעפירט, אַז קיין בריוו, אפילו אַ פּערזענלעכער, טאָר ניט ווערן אָנגענומען, אויב אויף אים שיינט ניט אַראָפּ די מאַרקע פון פּ. א. פּ. מאָנטרעאָל האָט איינגעפירט אַ לאָזונג, אַז קופּער־געלט, וואָס דער חבר האָט אין זיין טאַש, איז הייליק פאַרן פּ. א. פּ. האַמילטאָן האָט דורכ־געפירט אַן אָפּמאַך מיט די קרעמער אין שטאָט, אַז יעדן פרייטיק גייט אַ געוויסער אָפּצאָל פון זייער לייזונג פאַר פּ. א. פּ.

דער בראָנזווילער פּועלי ציון פאַראיין האָט געשאַפן דעם לאָזונג פון „בליי" פאַרן פּ. אַ. פּ. ד. ה. אַז די בליי־פּאַפּיר פון די סיגאַרעטן וואָס די חברים רויכערן זאָל געשיקט ווערן צום פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. גאַנצע קאַסטנס מיט „בליי" פלעגן אָנקומען פון די פאַראיינען און דאָס האָט געגעבן אַ גאַנץ היפּשע הכנסה [225]).

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע סעריעס מאַרקעס צו קלעבן אויף בריוו מיט די בילדער פון פאַרשידענע אידישע און ניט־אידישע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן זיי זענען געווען די בילדער פון פראַנץ אָפּענהיימער, ב. באָראָכאָוו, משה העס, מיכאל האַלפּערן, זשאַן זשאָרעס, יוסף טרומפּעלדאָר, פערדינאַנד לאַסאַל, קאַרל מאַרקס, דר. נחמן סירקין, יחזקאל עדלשטיין, דר. מאַקס ראָזענפעלד א. א.

מיטן אויסברוך פון וועלט־קריג איז דער ארץ ישראלדיקער ישוב געוואָרן אויסגעשטעלט אויף גרויסע געפאַרן. א. בלומענפעלד, דער לייטער פון אַרבעטס־ביוראָ, האָט געשילדערט די לאַגע אין לאַנד אין זיינעם אַ בריוו צום צענטראַל קאָמיטעט פון די אַמעריקאַנער פּועלי ציון פון 17טן אויגוסט, 1914. „די ווירקונג פון קריזיס איז אַן אומגעהויער גרויסע. שוין די דריטע וואָך, ווי קיין איינציקער מענטש האָט דורך אונז ניט באַקומען קיין אַרבעט. ארץ ישראל איז איצט געלט־לאָז, און דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן שטעלט זיך אָפּ. אין די קאָלאָניעס אַנטזאָגט מען אַרבעטער, אין די שטעט פאַרמאַכן זיך די פאַבריקן; דער יקרות שטייגט, דאָס געשפּענסט פון הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט, פון אינערלעכער דעזאָרגאַניזאַציע דורך דעם הונגער, רוקט זיך אָן אַלץ נענטער און נענטער און שוין זענען דאָ צענדליקער קרבנות פון הונגער און פאַרצווייפלונג. פון דעם בייגעלייגטן אויפרוף וועט איר זען, אַז די פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן פון ישוב האָבן זיך פאַראייניקט צו אַ רעטונגס־אַקציע. אַלע טאָג־טעגלעכע פראַגן רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט. און פאַר אונז אַלעמען האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי אַביסל פאַראַליזירן די ווירקונג פון קריזיס, ווי אַזוי אָפּשטויסן פון אונז די הונגער־געפאַר.

„עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיסיע אויף צו שאַפן געזעלשאַפטלעכע

און פּריוואַטע אַרבעטן. מיר האָבן באַשטימט דורכצופירן נאָר אַזעלכע אַרבעטן, צו וועלכע מען דאַרף האָבן וויניק געלט אויף מאַטעריאַל, כדי מ׳זאָל קענען מער געלט אויסגעבן אויף אַרבעטס־לוין. מ׳האָט אָנגענומען מיין פאַרשלאָג, אַז די גאַנצע צייט פון קריזיס זאָל מען די אַרבעטער גאַרניט צאָלן קיין געהאַלט (מען וועט זיי בלויז אַרויסגעבן טשעקס, צאָלבאַר נאָכן קריזיס), די אַרבעטסגעבער זאָלן זיך פאַרפליכטן די צייט פון קריזיס אויסצוהאַלטן זייערע אַרבעטער מיט עסנוואַרג. פּשוט, עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מ׳זאָל ניט אויסשטאַרבן פון הונגער־טויט און גלייכצייטיק וועגן דעם, אַז מ׳זאָל ניט איינגאַנצן אָפּשטעלן דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן. שטעלט עס זיך יאָ אָפּ, איז דער ישוב רואינירט אויף צענדליקער יאָרן. גלייכצייטיק ווירקן מיר, אַז די אַרבעטער זאָלן בלייבן אויף זייערע פריערדיקע אַרבעטס־פּלעצער, אפילו אַז זיי האָבן שוין איצט ניט קיין אַרבעט. דער אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט האַלט זיך ביים פאַרמאַכן. שיקט געלט". בלומענפעלד ענדיקט זיין בריוו מיט די ווערטער, אַז מ׳האָט מורא פאַר הונגער־אומרוען.

די איינציקע הילף איז דאַן געקומען פון אַמעריקע פון ציוניסטישן פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, דזשאַינט א. א. קוועלן. אָבער ווען ס׳איז געקומען די שיף „וואולקאַן" מיט שפּייז פון אַמעריקע, פאַרן הונגעריקן ישוב, האָט דער גובערנאַטאָר פון יפו אָוועקגעגעבן די אַראַבער כמעט אַ העלפט פון גאַנצן טראַנספּאָרט [226]).

באַלד זענען צוגעקומען נאָך אומגליקן: אַ יאָר נאָכן קריזיס־אויסברוך האָט אַ שווערער היישעריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פעלדער און געבראַכט מיט זיך חורבן און נויט. אָבער ערגער פון דעם היישעריק איז געווען די „עמליה": דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען, וואו ס׳האָבן געבושעוועט פאַרשידענע אַנשטעקנדע קרענק. די טערקישע מיליטער־מאַכט האָט אויך אָנגעהויבן האָגלען מיט רדיפות קעגן ציוניזם און דעם ישוב: די קאָלאָניעס טאָרן ניט האַלטן קיין אידישע באַוואָפנטע וועכטער, נאָר זיי מוזן נעמען אויף זייער פּלאַץ אַראַבער; די אידישע קאָלאָניעס מוזן בייטן זייערע נעמען, כדי זיך צוצופּאַסן צו דער טערקישער „קולטור". אַ געהיימער באַפעל האָט צירקולירט, אַז אידן טאָרן ניט קויפן אומבאַוועגלעכע גיטער. מ׳האָט אָנגעהויבן אַנטוואָפענען דעם ישוב און זוכן געווער. אויך דער „השומר" האָט געמוזט אַראָפּ אין דער אונטערערד. און דאָס ערגסטע — ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די גרושים פון אידן פון לאַנד, ס׳רוב קיין מצרים, וואו מ׳האָט זיי פאַרשפּאַרט אין ספּעציעלע לאַגערן. פון דעצעמבער, 1914, ביז סעפּטעמבער, 1915, האָט מען אַרויסגעטריבן 11,000 אידן פון לאַנד, און אין דריטן יאָר פון קריג איז אַרויס אַ באַפעל צו „עוואַקואירן" די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון יפו און תל אביב [227]).

אין מערץ, 1915, האָט מען אַרויסגעשיקט פון לאַנד בן צבי, בן גוריון, דר. מאָסענזאָן, דעם לייטער פון דער גימנאַזיע „הרצליה", באָריס שאַץ, דעם גרינדער פון „בצלאל", יוסף כענקין, דעם אויסלייזער פון באָדן און די גרינדער פון „השומר" ישראל און מאַניע שוחט. די לעצטע דריי זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס „פּאָליטישע פאַרברעכער". מאַניע שוחט האָט געדראָט קריגס־געריכט. אפילו דר. אַרטור רופּין, וואָס איז געווען אַ דייטשער בירגער, איז געוואָרן „געראָטן" צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אים געזאָגט, אַז

„ער זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיינע דייטשע פריינט. איך וועל שיקן מענטשן וואָס וועלן אים צווינגען מיטן כוח פון דער פויסט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד״. אויך דר. י. לוריע, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס פריינט פון די „טערקן״ איז געוואָרן אַרעסטירט. קעגן די באַשולדיקטע אין ציוניזם האָט מען פאַר־פירט פּראָצעסן און זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד[228].

דזשעמאַל פּאַשאַ איז געווען באַזונדערס אין כעס אויף די פּועלי ציון, ווען ער האָט באַשולדיקט אַז זיי שטרעבן צו פאַרגרעסערן דעם אידישן אַרבעטער־עלעמענט אין לאַנד. ״האחדות״ איז געוואָרן געשלאָסן. די פּועלי ציון האָבן דאַן אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלבוך „בין המצרים״. האָט מען אַרעסטירט זרובבלען, דעם רעדאַקטאָר פון זאַמלבוך. בן צבי איז אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן אויף עטלעכע חדשים.

אין יענע טרויעריקע טעג האָט דער פּ. א. פּ. אין ארץ ישראל, אונטער דער לייטונג פון בלאָך־בלומענפעלד, אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע הילפס־אַרבעט. ער האָט געגעבן הלוואות אַרבעטער־קבוצות. אַ צאָל אַרבעטער האָבן באַקומען קרעדיטן אין די אַרבעטער־קיכן אויפן חשבון פון פּ. אַ. פּ. דער פּ. א. פּ. האָט דורכגעזעצט אַז דער ועד המשבר (קריזיס־קאָמיטעט) וואָס האָט באַקומען די אַמעריקאַנער הילפס־געלטער, זאָל באַשטימען אַ באַשטימטן פּראָצענט־טייל פון זיינע הכנסות פאַר עפּנטלעכע אַרבעטן, און ער זאָל געבן קרעדיטן די אַר־בעטס־געבער צו באַשעפטיקן די אַרבעטסלאָזע. אין חיפה, וואו די אַרבעטער־שאַפט האָט אין די ערשטע צייטן ניט געוואָלט נהנה זיין פון די אַמעריקאַנער הילפס־געלטער צוליב דעם ניט־דעמאָקראַטישן אופן פון דער פאַרטיילונג, האָט דער פּ. אַ. פּ. מיטגעהאָלפן ביים עפענען אַן אַרבעטער־קיך און געדעקט איר דעפיציט[229].

דאָס ביוראָ פון פּ. אָ. פּ. האָט אָרגאַניזירט בוי־קבוצות, דורכגעפירט אַרבעטן פון שאָסיי־ און וועגן־בוי. באַזונדערס וויכטיק איז געווען די טע־טיקייט אויפן געביט פון דורכפירן עפנטלעכע אַרבעטן אין ירושלים, וואו די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן שטענדיק געהאַסט די חלוקה און זיי האָבן ניט געוואָלט געניסן פון קיין שטיצע. דער פּ. אַ. פּ. האָט אויך אויסגעגעבן 2,000 פראַנק בלויז אין ערשטן מלחמה־יאָר אויף געריכטס־הוצאות א. א. אין רעזולטאַט פון די משפּטים און דעפּאָרטאַציעס פון אַרבעטער.

דער פּ. א. פּ. האָט געשטיצט דער אַלגעמיינער אַרבעטער קראַנקען־קאַסע, דעם „השומר״, דעם ציטוויליקן קאָמיטעט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער. ער האָט אויך געהאָלפן פינאַנציעל ביים דורכפירן די אַקציע פון איינ־בירגערונג (אָטאָמאַניזירונג) פון די אויסלענדישע אונטערטאַנען. דער פּ. אַ. פּ. האָט אויך געהאָלפן שאַפן לייַ־קאַסעס פאַר אַרבעטער אין אַ צאָל ערטער. אין אַ צאָל קאָלאָניעס האָט דער פּ. א. פּ. געהאָלפן שאַפן בעקערייען און וועשערייען ביי וועלכע ס׳זענען געווען באַשעפטיקט אַ צאָל אַרבעטער. דער פּ. א. פּ. האָט אויך אויסגעהאַלטן די ליטעראַרישע אויסגאַבן „אחדות״, די זאַמלביכער „בין המצרים״ א׳ און ב׳ און דעם „בין הזמנים״, כמעט די איינציקע אַרבעטער־אויסגאַבן וואָס זענען אַרויס אונטערן מלחמה־רעזשים, נאָכדעם ווי די „האחדות״ און „הפּועל הצעיר״ זענען געשלאָסן געוואָרן.

אין אַ צאָל פאַלן איז אויך געגעבן געוואָרן דירעקטע אונטערשטיצונג צו יחידים, זיך רעכנענדיק מיט די געשאַפענע קריגס־באַדינגונגען, הגם דאָס איז געווען קעגן סטאַטוט פון פּ. אַ. פּ. מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע אין גליל סוף, 1915, האָט דער פּ. א. פּ. אויך אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט אין גליל, וואָס האָט ביז דאַן ניט געגאָסן פון קיין הילף און האָט, פאַרקערט, נאָך גאָר שטאַרק געשטיצט די חברים אין יהודה. ווי פאַרצווייגט עס איז געוואָרן די טעטיקייט פון פּ. אַ. פּ. באַווייזט דער פאַקט, אַז דער חודש־ביודזשעט פון פּ. א. פּ. האָט אָנהייב 1917 באַטראָפן 6,110 גאָלד־פראַנק, וואָס האָט באַדייט טאָפּלט און דרייפאַכיק ווי פאַפּיר־פראַנק.

אַ באַדייטנדער טייל פון די פּ. אַ. פּ. הכנסות איז דאַן געקומען פון אַמעריקע. אויף דער 8טער קאָנווענשאַן אין ראָטשעסטער (דעצעמבער, 1914) איז געוואָרן באַריכטעט, אַז אין לעצטן יאָר זענען געזאַמלט געוואָרן פאַר ארץ ישראל־אינסטיטוציעס 7,000 דאָלער. די ראָטשעסטער קאָנווענשאַן האָט אָנגענומען אַ רייע באַשלוסן וועגן דער ארץ ישראל טעטיקייט. זי האָט אונטערגעשטראָכן אַז די עיקר־אויפגאַבע פון פּ. אַ. פּ. דאַרף זיין צו שטיצן דורך זיין קרעדיט די זעלבסט־הילף אינסטיטוציעס פון דער אַרבעטערשאַפט, בפרט די קבוצות אין שטאָט און לאַנד. צוליב די שוועריקייטן פון דער פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל, זאָלן פאַרגרעסערט ווערן די ביודזשעט־רעכט פון אַרבעטער־סעקרע־טאַריאַט אין ארץ ישראל בנוגע דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער פּאַרטיי צו דער פאַרוועגדונג פון פּ. אַ. פּ. געלטער פאַר פּאַרטיי־אינסטיטוציעס ווי „האחדות", גילט ניט פאַר דער צייט פון קריג.

די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן צו שטיצן שטאַרקער דעם „השומר"; פאַר־פליכטן אַלע חברים צו זאַמלען וואָס מער יערלעכע סובסקרייבערס פאַרן פּ. אַ. פּ.; יעדער פאַראיין איז מחויב דורכצופירן אין דער חנוכה־וואָך אַ זאַמלונג פאַרן פּ. אַ. פּ.; דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט זאָל דורכפירן יעדן ערשטן מאַי אַ „טעג־טאָג" פאַרן פּ. אַ. פּ.; די לעצטע וואָך פון יאָר זאָלן דורכגעפירט ווערן אונטערנעמונגען און געזאַמלט ווערן אַבאָנענטן פאַר דער „האחדות".

דער ביולעטין פון פאַרבאַנדס־ביוראָ („ידיעות פון אַלוועלטלעכן אידיש סאָצ. אַרב. פאַרבאַנד פועלי ציון") פון אויגוסט, 1915, האָט באַריכטעט אַז זינט דעם אויסברוך פון קריג זענען איבערגעשיקט געוואָרן פון ניו־יאָרק קיין ארץ ישראל פאַרן פּ. א. פּ. 3,550 דאָלער. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט דורך איר אַקציע פאַר ארץ ישראל געראַטעוועט דעם יפו'ער סעקרעטאַריאַט און דאָס אַרבעטס־ביוראָ און דערמעגלעכט זייער אַרבעט אין דער איצטיקער אַזוי שווע־רער צייט. דער בולעטין האָט אויך אונטערשטראָכן, אַז דאַנק דער מאַטער־יעלער הילף פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, האָט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ געקענט אָנגיין מיט זיין אַרבעט און עס איז געדעקט געוואָרן דער גרעס־טער טייל פון די הוצאות פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, וואָס שטייגן אַריבער דעם נאָרמאַלן ביודזשעט.

אויף דער קליוולאַנדער קאָנווענשאַן (אויגוסט, 1915), האָט ש. באָנטשעק באַריכטעט, אַז אין די לעצטע 9 חדשים איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן פּ. אַ. פּ. 5,650 דאָלער. דער „טעג־טאָג" דעם ערשטן מאַי פאַרן פּ. אַ. פּ. איז דורך מיט גרויס דערפאָלג. בלויז אין ניו יאָרק זענען פאָרגעקומען 50 פאַרזאַמלונגען,

10 פון זיי האָט אַדרעסירט שלמה קאַפּלאַנסקי. דאָס פלוגבלאַט וועגן פּ. אָ. פּ. געשריבן פון ש. קאַפּלאַנסקי איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 45,000 עקזעמפּליאַרן. ער האָט אויך באַגריסט דעם באַשלוס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו שאַפן אַ ספּעציעלן סוב־קאָמיטעט פאַר דער אַרבעט פאַר די ארץ ישראל אינ־סטיטוציעס.

אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט זענען אַריין ב. אָסטראָווסקי, ש. גאָלדמאַן, חברה העלער, ס. מאָהעל, ב. צ. מילער, מ. מאשעוויצקי, נ. קויפמאַן, י. רשבם, און ס. באָנטשעק אַלס סעקרעטאַר.

די פאַראיינען האָבן טיכטיק געאַרבעט פאַרן פּ. אָ. פּ. טאָראָנטאָ האָט איינגעפירט אַ נייעס: יעדער חבר זאָל געבן מינימום 1 סענט אַ טאָג פאַרן פּ. אָ. פּ. ווי לאַנג עס דויערט דער קריזיס אין ארץ ישראל. די „קעמפער שטימע" האָט גערופן אַלע פועלי ציון־פאַראיינען נאָכצוטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל און דורכפירן דאָס זעלבע סיסטעם פון זעלבסט־באַשטייערונג פאַרן פּ. אָ. פּ. אין מילוואָקי האָט דער אידיש נאַציאָנאַלער קרעדיט־פאַרבאַנד, געשאַפן אין 1915 אַלס אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג מיט 5 דאָלאַרדיגע שערס מיטן צוועק צו לייען געלט זיינע מיטגלידער און העלפן פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אַריינגעשטעלט אַ פּונקט אין זיין סטאַטוט, אַז 10 פּראָצענט פון די פּראָפיטן ווערן אָוועקגעגעבן דעם פּ. אָ. פּ.

מיט גרויס ענטוזיאַזם איז דורכגעפירט געוואָרן די פּ. אָ. פּ. אַקציע אין 1915 אין ניו יאָרק. דער „פאָרווערטס" האָט אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריעל, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז דאָס געלט גייט ניט קיין ארץ ישראל, און מען זאָל ניט שטיצן די אַקציע. אויף שנעל איז געוואָרן צונויפ־גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין „פאָרווערטס"־האָל גופא, און ווי עס דערציילט ש. באָנטשעק, איז די שטימונג פאַר דער אַקציע געווען אַזאַ גע־הויבענע, אַז די חברים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן זאַמלען געלט, טראָץ דעם שרעקלעכן וועטער פון שטורעם און שניי. אין די פאַרשידענע צענטערס האָט מען געקאָכט טיי און געבראַכט צו די קאָמיטעס, וועלכע זענען געשטאַנען אין די גאַסן און האָבן געזאַמלט. אַרום 3,500 דאָלער האָט דאַן געבראַכט די אַקציע אין ניו יאָרק, וואָס איז געוואָרן דורכגעפירט אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען.

אין יוני, 1915, האָבן די פועלי ציון אין באָסטאָן דורכגעפירט אַ הזכרה נאָך בערל קליי, וואָס איז געפאַלן אַלס וועכטער אין מרחביה. בערל קליי איז געקומען קיין באָסטאָן אין 1905. ער האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין באָסטאָנער פועלי ציון פאַראיין. שפּעטער האָט ער געשאַפן אַ פועלי ציון פאַראיין אין קעמברידזש. ער איז געווען שטאַרק טעטיק אין „האכר הצעיר". ער איז געקומען קיין אַמעריקע פון כערסאָנער גובערניע, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט אין זיינע יונגע יאָרן. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך צוגעגרייט פאַר זיין עליה קיין ארץ ישראל, און געאַרבעט אַלס פאַרמער אין וואודביין און שפּעטער אין אַ פאַרם אין קאַליפאָרניע.

אין מאַי, 1916, איז דערשינען דאָס בוך „יזכור", אַרויסגעגעבן דורכן פּאַ־לעסטינע קאָמיטעט. די ערשטע אויפלאַגע פון בוך, וואָס איז געוואָרן געשריבן פון בן צבי און זרובבל און געשילדערט די לעבנס־באַשרייבונג פון די וועכטער,

וואָס זענען געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דעם אידישן כבוד אין א״י, איז זיך שנעל צעגאַנגען אין 5,000 עקזעמפּליאַרן. עס איז געוואָרן שטאַרק דער פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן אַ נייע און פאַרגרעסערטע אויסגאַבע פון „יזכור״-בוך. די צווייטע אויפלאַגע איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון בן גוריון און א. כאַשין. אויך די צווייטע אויפלאַגע איז געוואָרן שנעל אויספאַרקויפט.

די אידישע פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און ענגלאַנד האָט זיך אָפּגערופן ענטוזיאַסטיש וועגן בוך, וואָס האָט אויך געהאַט 60 קינסט-לערישע בילדער, וויניעטקעס, און ראשי פּרקים-צייכענונגען פון יונגן קינסטלער מ. לאָעב. דעם 14טן מאַי, 1916, איז פאַרגעקומען אין ניו יאָרק אַ מאַסן-פאַרזאַמ-לונג לכבוד דעם דערשיינען פון בוך. איבער 1,000 מענשן זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געעפנט געוואָרן פון ש. באַנטשעק און געפירט פון א. כאַשין. די וואונדערבאַרע העלדן-געשטאַלטן פון די שומרים זענען געשילדערט געוואָרן אין פלאַמענדע רעדעס דורך ד. בן גוריון, זרובבל, יהואש, דר. שמריהו לעווין, לעאָ מאָצקין, דוד פּינסקי, ב. צוקערמאַן און מ. מ. שיינקין. ס׳איז אויך אויפגעטראָטן אין אַ קראַנץ פון ארץ-ישראל-לידער דער פּועלי ציון געזאַנג-פאַראיין אונטער דער לייטונג פון העגרי לעפקאָוויטש.

ב. באָראָכאָוו האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אין דער „וואַרהייט״ זיין וואונדער-באַרן אַרטיקל „דער טעראָריסט און וועכטער״, וואו ער האָט דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן די אידישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד און די נייע אידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטאַרבן פאַר אידישער פרייהייט און אידישן כבוד. „זייערע העלדן האָבן זיך פון וועלוועלס און בערלס אין אַנטאָנ׳ס און קאָנדראַט׳ס איבערגעדרייט; די נייע העלדן אונזערע, די ארץ ישראלדיקע, זענען מיט נייע נעמען אַרויס. מיט נעמען פאַר אייגענע ערד און פרייהייט; שמואלי, אחדותי, ראובני — הייסן זיי... זיי זענען די פאַרקעמפער פון די אידישע פעסטונגען אין ארץ ישראל, די וועכטער פון אידישן פאָלקס-פאַרמעגן. און אַ טייל פון זיי איז געפאַלן, דערפילנדיק די פרייוויליקע פליכט.

...אַ נייע פּראַכטפולע תפילה האָט די היגע אידישע יוגנט פאַרפאַסט אויף די קברים פון די געפאַלענע אידישע אַרבעטער און וועכטער אין ארץ ישראל, אַ תפילה פון פרייהייט און האָפענונג, פון שטאָלץ און איבערצייגונג און געלאָזט די תפילה אין דער גרויסער וועלט אין דער מאָדערנער פאָרם פון אַ בוך. „יזכור״ הייסט דאָס בוך, דאָס שוואַרצע בוך פון זכרונות און פאַקטן. דער נייער „יזכור״ וויינט ניט אויף די „קדושים״, ער ברעכט ניט די הענט אין אָנמעכטיקן טרויער פון אל מלא רחמים, נאָר מיט יראת הכבוד איז ער מזכיר נשמות, ווי דאָס טוען קעמפער, באַוואונדערנדיק די מעשים פון זייערע מיט-קעמפער. ניט ווי אָבלים און יתומים זענען זיי מתפּלל, די אויטאָרן פון זאַמל-בוך, נאָר ווי שטרייטער וואָס לייגן אָפּ אַ פייערלעכע שבועה אויפן קבר פון זייערע ברידער״.

אין 1916 איז אויך דערשינען אין 2 אויפלאַגן די בראָשור פון בן צבי „דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד״. אויך בן צבי׳ס צווייטע בראָשור „ארץ ישראל אַלס לאַנד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע״ און די בראָשור פון בן גוריון „דער נאַציאָנאַל פאָנד — וואָס ער איז און וואָס ער האָט אויפגעטאָן״ האָבן זיך שנעל אויספאַרקויפט און געהאָלפן פּאָפּולאַריזירן ארץ ישראל-וויסן צווישן די ברייטע אידישע מאַסן.

אַ גרויסער אויפטו איז געווען דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך „ארץ ישראל״ צוזאַמענגעשטעלט פון בן צבי און בן גוריון. די „בנים״ האָבן געאַרבעט אויף דעם בוך ביי אנדערטהאַלבן יאָר. דאָס בוך וואָס האָט פריער געזאָלט האָלטן 200 זייטן, איז אויסגעוואַקסן ביז 500 זייטן. אנשטאָט די געפּלאַנטע 3,000 דאָלער האָט געקאָסט 8,000 דאָלער אַרויסצוגעבן דאָס בוך. אָבער נאָך איידער דאָס בוך איז דערשינען, זענען שוין געווען 3,000 פּאַראויס־באַצאָלטע אַבאָנענטן. די גאַנצע אידישע און אידיש־ענגלישע פּרעסע האָט גערעדט וועגן בוך מיט דער גרעסטער אַכטונג און געלויבט דעם פּאַלעסטינע קאָמיטעט פאַר אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע סטאַנדאַרד־ווערק איבער ארץ ישראל, וואָס קען נאָך היינט ווערן גע־לייענט מיט דעם גרעסטן אינטערעס. די אילוסטרירטע ארץ ישראל מאַפּע, וואָס איז געווען בייגעלייגט צום בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין קרוב צו 10,000 קאָפּיעס. דאָס „טאָגעבלאַט״ האָט אָפּגעקויפט 4,500 עקזעמפּלאַרן אַלס פּרעמיע פאַר אירע אַבאָנענטן. אַזאַ הויכער טיראַזש איז געווען אַ זעלטנהייט אויפן אידישן ביכער־מאַרק, אפילו אין יענע יאָרן ווען אידישע ביכער האָבן געהאַט אַ פּיל גרעסערן לייען־קרייז ווי היינט. ס׳איז נאָר אַ שאָד וואָס ס׳איז ניט דערשינען דער צוגעזאָגטער צווייטער באַנד, ווייל די מחברים האָבן גע־מוזט צוריקפאָרן קיין ארץ ישראל און אים נישט באַוויזן צוצוגרייטן.

דעם 3טן יוני, 1916, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פּאַלעסטינע־קאָמיטעטן. ש. באַנטשעק האָט דאַן באַריכטעט אַז ביז 11,000 דאָלער איז גע־זאַמלט געוואָרן אין 2 זאַמל־אַקציעס (דעם דריטן סעפּטעמבער און פון דעם 30טן אַפּריל ביזן 7טן מאַי). צוזאַמען מיט געלטער פון מאַרקעס, קאָנטעסט און ביישטייערונגען, איז געזאַמלט געוואָרן קרוב 14,000 דאָלער. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן אַ באַשלוס, אַז יעדער חבר זאָל געבן תשעה באב אַ טאָג שכירות פאַרן פּ. א. פּ.

אויף דער 10טער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (אָקטאָבער, 1916), האָט ש. באַנטשעק באַריכטעט, אַז אין די לעצטע 13 חדשים זינט דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן איז געזאַמלט געוואָרן 17,632 דאָלער פאַר פּ. א. פּ., 3,300 דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און 466 דאָלער פאַרן „השומר״. דער פּאַלעסטינע קאָ־מיטעט איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט 150 שטעט.

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָנסטרוקטיוון פאָנד פון 30,000 דאָלער פאַר אַ ברייטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטור־אַרבעט אין ארץ ישראל נאָכן קריג. דער פאָנד זאָל זיין אַ טייל פון פּ. א. פּ. און זאָל שטיין אין רשות פון דער פּ. א. פּ.־פאַרוואַלטונג. איינע פון די ערשטע אויפגאַבן פון פאָנד זאָל זיין צו שאַפן אַן אַרבעטער־הויז אין יפו. די קאָנ־ווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער געפּלאַנטער מעדי־צינישער עקספּעדיציע קיין ארץ ישראל, כדי אונטערצושטיצן די אַרבעטער־קראַנקען־קאַסעס. תשעה באב זאָל ווערן פּראָקלאַמירט אַלס „השומר״־טאָג; אַלע חברים דאַרפן דאַן געבן אַ טאָג אַרבעט פאַרן „השומר״. יעדעס יאָר ווערן דורכגעפירט 2 גאַסן־זאַמלונגען פאַרן פּ. אַ. פּ. (דעם 1טן מאַי און סוכות). חנוכה ווערט געזאַמלט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. באַשטימען אַ באַזונדער קאָמיסיע אַנצופירן מיטן „החלוץ״ און „אחוה״. די קאָנווענשאָן האָט אויך אויסגעדריקט איר באַדויערן וואָס ביי דער איצטיקער פאַרוואַלטונג פון די אַלגעמיינע רעליף־געלטער אין ארץ ישראל, זענען איגנאָרירט געוואָרן די אויסגעשפּראָכענע פּאַ־

דערונגען פון די דאָרטיקע אידישע אַרבעטער, וואָס ווילן ניט קיין צדקה נאָר הילף דורך פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די אַרבעט פאַרן „השומר״ איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין 1917. דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט באַשטימט ביי זיין גרינדונג, צו געבן אַ יערלעכע באַשטימטע סומע פאַרן „השומר״. שפּעטער איז געוואָרן צוגעזאָגט, אַז דאָס געלט וואָס די פּועלי ציון זאַמלען פאַרן עמוירדזשענסי־פאָנד זאָל גיין פאַרן „השומר״. ליידער זענען די דאָזיקע צוזאָגן ניט געהאַלטן געוואָרן. דער „השומר״ האָט נאָר געקענט רעכענען אויף דער הילף וואָס ער האָט באַקומען פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. די אויפגאַבן פון „השומר״ האָבן באַ־דייטנד זיך אויסגעברייטערט. די טערקן האָבן געוואָלט אַנטוואָפנען דעם ישוב און דער „השומר״ האָט געמוזט מיט טויזנט אויגן אויסבאַהאַלטן יעדעס שטיקל געווער. אין 1917 זענען געפאַלן די שומרים כּענקין און פּאָרטוגאַלי; וויכטיקע פירער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געזעסן אַרעסטירט און פאַרשיקט אויסער די גרעניצן פון לאַנד. אַ. בלומענפעלד האָט טעלעגראַפירט צו ש. קאַפּלאַנסקי אין האַאַג, אַז „גלעדי״ (דער פאַרמאַסקירטער נאָמען פאַרן „השומר״) נויטיקט זיך אין מאָמענטאַלער הילף. דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט האָט דורכגעפירט תשעה באב (פון 29טן יולי ביזן 6טן אויגוסט) דעם „השומר־טאָג״, וואָס האָט געבראַכט קרוב טויזנט דאָלער.

דעם 26טן יולי, 1917, איז פאָרגעקומען אין „פאָרווערטס״־האָל אַ אזכרה־פאַרזאַמלונג פאַר יחזקאל חענקין און מענדל פּאָרטוגאַלי, אונטערן פאָרזיץ פון ב. צוקערמאַן. זייער טויט האָבן באַקלאָגט בן צבי, בן גוריון און ישראל בעלקינד. אין ליטעראַטור־טייל, ווען מ'האָט אויך געלייענט פראַגמענטן פון „יזכור״־בוך, זענען אויפגעטראָטן די דיכטער אפרים אויערבאַך, ז. ברכות און דוד פּינסקי. דער פּועלי ציון כאָר האָט געזונגען לידער פון נייעם ארץ ישראל.

צום פּאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער, 1917, איז דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט געקומען מיט אַ גלענצנדן רעקאָרד פון אָפּגעטוענער אַרבעט. ס'איז געזאַמלט געוואָרן אין לעצטן יאָר פאַר פאַרשידענע ארץ ישאל צוועקן ביי 30,000 דאָלער, דערפון 22,000 דאָלער פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד. אויף דער ידיעה וועגן גירוש יפו, ווען 9,000 אידן זענען געוואָרן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, האָט די באַוועגונג אין אַמעריקע געענטפערט מיט שאַפן 3,000 דאָלער פאַרן נויט־פאָנד. אויך דער אַרבעטער רינג האָט דאַן געשיקט דאָס ערשטע מאָל אין זיין געשיכטע טויזנט דאָלער פאַר די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער. פאַר דער אַרבעטער־היים וואָס די פּאַרטיי האָט זיך אונטערגענומען אויפצובויען אין יפו, איז געזאַמלט געוואָרן 1,200 דאָלער. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן „החלוץ״ וואָס איז געוואָרן אויספאַרקויפט אין דריי וואָכן. אויך די בראָשור פון י. זאר וועגן נאַציאָנאַל פאָנד איז זיך שנעל צעגאַנגען. דאָס „יזכור״־בוך האָט אויך געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אויסלאַנד — האָט דערציילט דער באַריכט. דער אַקציאָנס קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך אין אַ דייטשער איבערזעצונג און אין פּוילן האָבן די פּועלי ציון איבערגעדרוקט דאָס בוך. ס'איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן די גרויסע הילף פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס ביים דורכפירן די זאַמלונגען פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט פירט אויך דורך אַן אַקציע צו שיקן ביכער פאַר די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער־ביבליאָטעקן.

דעם 26טן אַפּריל, 1917, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ארץ ישראל־אָוונט אין דער קופּער־יוניאָן. די רעדנער (שלום אַש, מאיר בראון, בן גוריון, דר. זשיטלאָווסקי, דר. שמריהו לעווין, לעאָן מאָצקין, דר. סירקין און פּנחס רוטענ־בערג) האָבן גערעדט וועגן די גרויסע פּאָליטישע אויסזיכטן, וואָס עס שטייען פאַרן ציוניזם. דער דיכטער א. אויערבאַך האָט געלייענט פון זיינע ציון־לידער. דער האַרלעמער פּועלי ציון כאָר האָט צוגעגעבן פיל חן דעם אָוונט. שלום אַש האָט דערקלערט, דריקנדיק סירקינ׳ס האַנט, אַז „איך האָב אין זיך דערפילט די שטים פון מיין ראַסע, די שטים פון מיין בלוט און איך וועל פון היינט אָן טרוימען צוזאַמען מיט אייך”. די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו פּרעזידענט ווילסאָן, ער זאָל שטיצן די אידישע פאָדערונגען אויף ארץ ישראל אַלס אידיש לאַנד.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג פאַרן אידישן לעגיאָן, איז ווידער אויסגעוואַקסן די חשיבות פון פּאַלעסטינע קאָמיטעט. אַ גרויסע צאָל לעגיאָנערן האָבן איבערגעגעבן דעם פּאַלעסטינע קאָמיטעט צו באַזאָרגן דאָ זייערע פּער־זענלעכע ענינים. פיל טויזנטער דאָלער זענען איבערגעלאָזן געוואָרן אין רשות פון פּאַלעסטינע קאָמיטעט. די לעגיאָנערן אין די זאַמל־פּונקטן, האָבן אויך ניט פאַרגעסן ביי יעדער געלעגנהייט צו זאַמלען פאַר זייער באַליבטן פאָלקס־פאָנד — דעם פּ. א. פ. פיל לעגיאָנערן האָבן אין זייערע צוואות, אין פאַל פון טויט, אָפּ־געשריבן געוויסע סומען פאַרן פאָנד פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

אויף דער עלפטער פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), איז געוואָרן באַריכטעט, אַז אין לויף פון יאָר 1918 איז געזאַמלט געוואָרן קנאַפּע 26 טויזנט דאָלער. זינט דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (אָקטאָבער, 1916), איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד די סומע פון 47,429 דאָלער. פאַר די פאַרהעלטניסן אין יענער צייט איז עס גאָר אַ באַדייטנדיקע דער־גרייכונג. דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד האָט דורכגעפירט אין באַריכטס־פּעריאָד (צוויי יאָר) 4 גאַסן־זאַמלונגען, צוויי „טעג־טאָגס”. און צוויי פלאַג טעג דעם ערשטן מאַי. דער דורכגעפירטער ראַפל האָט געבראַכט איבער 1,000 דאָלער. אין אַ צאָל שטעט איז געוואָרן איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַ רעגולערער זעלבסט־ביישטייערונג פון די חברים פאַרן פּ. אַ. פ. דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט האָט פאַר־געלייגט דער קאָנווענשאָן דורכצופירן אַ זאַמל־אַקציע פאַר אַן אַרבעטער היים און אַ גרויסער ביבליאָטעק אין ירושלים, אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו.

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט געענטפערט אויף די ידיעות וועגן גירוש יפו און די רדיפות קעגן אידישן ישוב מיט באַוועגן פיל אָרגאַניזאַציעס צו שיקן דירעקט געלט קיין ארץ ישראל דורכן „דזשאָינט”. דער „דזשאָינט” האָט דאַן געשיקט 10,000 דאָלער צו די אַרבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל.

דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט האָט אויך דורכגעפירט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט. ביי יעדער זאַמל־אַקציע זענען דורכגעפירט געוואָרן איבער 200 גרע־סערע און קלענערע פאַרזאַמלונגען. די טויזנטער וואָלונטירן האָבן געבראַכט דעם גרוס פון קעמפנדיקן ארץ־ישראל־ישוב, אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון אידישן אַמעריקע. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די שפּע־טערדיקע גרויסע מאַסן־אַקציעס בעת דעם געצייג־קאַמפּיין און דעם גע־ווערקשאַפטן קאַמפּיין פון אונזערע טעג.

.22

# באַציאונגען מיט אַלגעמיינע ציוניסטן; נאַציאָנאַל פאָנד־ארבעט

די באַציאַנגען צווישן די פועלי ציון מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דורכגעמאַכט פאַרשידענע פאַזן: אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון דער פועלי ציון פאַרטיי אין אַמעריקע האָבן די פועלי־ציון אנטיילגענומען אין די לאַנד־קאָנפערענצן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע (זע קאַפּיטל 15). אָבער מיטן וואוקס און פאַרשטאַרקונג פון דער פועלי ציון פאַרטיי זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען געוואָרן קילער און האָבן זיך רעדוצירט צו אַ צוזאַמענאַרבעט פון צייט צו צייט, אַרויסגערופן דורך דרינגלדיקע ארץ־ישראל־נויטן. די 5טע פועלי ציון קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910), האָט באַשלאָסן צו אינסטרואירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו ווירקן אויף דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און זיך פאַרבינדן מיט דער פעדעראַציע אין אַזעלכע אַרבעטן, וואָס מען קען טאָן צוזאַמען.

די 6טע קאָנווענשאָן אין דעטראָיט (אָקטאָבער, 1911), איז געוואָרן שריפטלעך באַגריסט פון לואי ליפּסקי, דער פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, וואָס האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די קאָנווענשאָן וועט ברענגען צו אַ דערנענטערונג פון די פועלי ציון צום אָרגאַניזירטן ציוניזם אין לאַנד. ס׳האָט אויך באַגריסט אַ פאָרשטייער פון די „נייטס אָוו זייאָן" — די ציוניסטישע פעדעראַציע פון די מערב׳דיקע שטאַטן. די פועלי ציון־קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרהאַנדלען מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע וועגן איינשטעלן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט אויף אַ צאָל געביטן, וואו מען קען אַרבעטן צוזאַמען.

אויפן פאַרטיי־ראַט אין אַפּריל, 1917, האָט מאיר בראון אפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַציע. אין רעזולטאַט פון די פאַרהאַנדלונגען איז מען געקומען צו אַ הסכם אַז עס ווערט איינגעשטעלט אַ געמיינזאַמע ציוניסטישע טעטיקייט, וואָס אַנטשפּרעכט דעם כאַראַקטער פוןביידע אָרגאַניזאַציעס; די פּוע״צ וועלן דעלעגירן צוויי פאַרשטייער אין דער לייטונג פון דער פעדעראַציע, וואָס וועלן האָבן איין שטימע; די פּוע״צ־פאַרטיי איז באַרעכטיקט צו זיין פאַרטראַטן אויף די ציוניסטישע לאַנד־קאָנווענשאַנס; יעדער פּועלי־ציון חבר דאַרף צאָלן 5 סענט יערלעך צו דער פעדעראַציע; יעדע 250 פּוע״צ־חברים, וואָס צאָלן אָפּ דעם 5 סענט־שטייער צו דער פעדעראַציע, זענען באַרעכטיקט צו איין דעלעגאַט אויף דער לאַנד־קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע.

שפּעטער האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אַרויסגעשטעלט נאָך אַ פאָדערונג, אַז די פּוע״צ־פאַרטיי דאַרף זיך אונטערוואַרפן אַלע באַשלוסן פון דער עק־

זעקוטיווע פון דער פעדעראַציע, אויב זיי זענען ניט קעגן די פּרינציפּן פון די פּועלי ציון. די פעדעראַציע האָט אַליין אָפּגעזאָגט פון די פּרינציפּן, אַז מיט דער פאָדערונג, אַרויסגערוקט אין דער לעצטער מינוט, האָט זי באַדייטנדיק שווערער געמאַכט די אויסזיכטן, אַז דער פאָרשלאַג זאָל ווערן אָנגענומען דורך די פּוע״צ. האָט זי אויך פאָרגעלייגט אַן אַלטערנאַטיוון פאָרשלאַג: אַז אין פאַל ווען די פּוע״צ־קאָנווענשאָן זאָל אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג, זאָל דאַן געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענקומען פון צייט צו צייט, און באַטראַכטן געוויסע אַרבעטס־פּלענער וואָס זענען אָנגענומבאַר פאַר ביידע צדדים. די פעדעראַציע האָט רעקאָמענדירט יאָ אָנצונעמען דעם ערשטן וויטגייענדיקן פאָרשלאַג, וואָס קען, לויט איר מיינונג, געבן בעסערע רעזולטאַטן פאַרן ציוניזם אין לאַנד. אין זיין בריוו צום פּאַרטיי־ראַט, האָט לואי ליפּסקי געשריבן, אַז דער ערשטער פאָרשלאַג מיינט, דאָס די באַציאונגען צווישן די פּוע״צ מיט דער ציון־פעדעראַציע זאָלן זיין אַנאַלאָגיש צו די באַציאונגען פון אייער אינטערנאַציאָנאַלער פּועלי ציון פּאַרטיי צום ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

אויפן פּאַרטיי־ראַט האָבן זיך פיל חברים, דערונטער ה. עהרנרייך, אַרויסגעזאָגט קעגן ערשטן וויטגייענדיקן פאָרשלאַג. מיט אַ מערהייט פון 8 קעגן 6 שטימען איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג ווענגן אָנשלוס אין דער פעדעראַציע און דורכפירן אין פאַרלויף פון אַ חודש אַ רעפערענדום אין דער פראַגע. עהרנרייך האָט דערביי צונישט געמאַכט די חששות, אַז די פּאַרטיי לעזט זיך אויף און זי גיסט זיך אַריין אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

דער רעפערענדום האָט מיט אַ גרויסער מערהייט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג. זעט אויס, אַז די חששות וועגן וואָס ה. עהרנרייך האָט גערעדט אויפן פּאַרטיי־ראַט, האָבן אויסגעדריקט די שטימונג פון גרעסטן טייל חברים איבערן לאַנד אין אַ צייט, ווען די פּאַרטיי איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אין סעפּטעמבער, 1912, אויסגעהערט דעם באַריכט וועגן דער דורכגעפירטער רעפערענדום־אָפּשטימונג און שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די פאַרהאַנדלונגען מיט דער ציון־פעדעראַציע זענען דורכגעפאַלן.

אויך אין די לאָקאַלע פאַראיינען זענען געווען פּרוואוון פון איינאָרדנען געמיינזאַמע אונטערנעמונגען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָבער אָן דערפאָלג. אין באָסטאָן האָט מען געזאָלט אין יולי, 1913 איינאָרדנען אַ געמיינזאַמע הערצל־אָנדענקפאַרזאַמלונג, אָבער די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געוואָלט—ווי א. העמלין האָט אינפאָרמירט אין דער „קעמפער שטימע״—„וואָס בעסער באַהאַלטן פון עולם דעם נאָמען פון די פּועלי־ציון״. די פּוע״צ האָבן דאַן איינגעאָרדנט אַן אייגענע מעמאָריעל־פאַרזאַמלונג.

אין ניו יאָרק האָט די ציון־פעדעראַציע זיך אָפּגעזאָגט אין יולי, 1914, איינצואָרדנען צוזאַמען מיט די פּועלי ציון אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע צום 10טן הערצל־יאָרצייט. די פּועלי ציון און פאַרבאַנד האָבן איינגעאָרדנט אייגענע הערצל־מיטינגען אין פיל שטעט. אין דעטראָיט זענען געוואָרן דורכגעפירט כמעט יעדעס יאָר גאַסן־צוגן אין הערצל־יאָרצייט.

אין באָפאַלאָ האָבן זיך די ציוניסטן געווענדעט אין 1914 צו די פּוע״צ וועגן שאַפן אַ ציון קאָונסיל דורכצופירן געמיינזאַמע אַרבעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי ציון האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאָרשלאַג.

מיטן אויסברוך פון וועלט־קריג איז געוואָרן שאַרפער די נויטוועגדיקייט צו פאַראייניקן די ציוניסטישע כוחות אין אַמעריקע מיטן צוועק צו געבן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הילף דעם ליידנדיקן ישוב אין ארץ ישראל און צו שטאַרקן די הענט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. דעם 31טן אויגוסט, 1914, איז פאָרגע־קומען אַן אויסערגעוויינלעכע קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס האָט געשאַפן דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט און האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון ציוניסטישן עמוירדזשענסי־פאָנד צו העלפן דעם ארץ־ישראל־ישוב. לואיס בראַנדייס איז געוואָרן דער טשערמאַן פון דעם נייעם קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט איבערנעמען געוויסע פונקציעס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע. דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן דעם פּראָווי־זאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט אַ טייל פון זיינע פונקציעס. ער האָט קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די הילפס־אַקציע פאַר ארץ ישראל אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענ־דער און דרום־אַמעריקע; איבערגענומען אויך געוויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פונק־ציעס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט; אָנגעפירט מיט אַלגעמיין־ציוניסטישער אַרבעט אין דער ברייטער עפנטלעכקייט און פאַרטראָטן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַ־ציע לגבי דער אַמעריקאַנער און אַנדערע רעגירונגען.

דער איניציאַטאָר פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט איז געווען דר. שמריהו לעווין, וואָס איז דאַן געווען אין אַמעריקע. ער האָט פאָרגעלייגט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס האָט באַשלאָסן צו שאַפן דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, צו זאַמלען 100,000 דאָלער פאַר די אינסטיטוציעס אין ישראל, פון וואָס אַ טייל זאָל גיין פאַרן „השומר". די פּועלי ציון האָבן פאָרגעלייגט אויף דער קאָנפערענץ צו רופן אַ קאָנגרעס פון אַלע אַמעריקאַנער אידן מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פאַר די ארץ־ישראל־קרבנות און אַרויסשטעלן די אידישע פאָדע־רונגען ביי דער שלום־קאָנפערענץ נאָכן קריג. כמעט אַלע אָנוועזנדיקע זענען אין דעם ערשטן מאָמענט אַרויסגעטראָטן קעגן פאָרשלאָג, אָבער שפּעטער האָבן בערנאַרד ריטשאַרדס און ראובן בריינין אונטערשטיצט דעם פאָרשלאָג. אין פּראָ־וויזאָרישן קאָמיטעט פון 9 האָט מען אויך איינגעלאַדן צו 1 פאָרשטייער פון פּועלי ציון און מזרחי. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט מיט 7 קעגן 1 שטימע (פון ה. ערנרייך, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז דער קאָמיטעט וועט ניט וועלן שטיצן אין אַ געוואוגנדיקער מאָס די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס), באַשלאָסן צו דעלעגירן אין קאָמיטעט דר. נחמן סירקין און ברוך צוקערמאַן אַלס זיין פאַר־טרעטער.

עהרנרייכס חששות האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין באַגרינדעט. דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט מסכים געווען צו שטיצן די אינסטי־טוציעס פון דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט מיט קנאַפּע 2,000 דאָלער, בתנאי, אַז די פּוע״צ זאָלן דורכפירן אַליין אַן אַקציע פאַרן 100,000 דאָלער־פאָנד צווישן זייערע סימפּאַטיקער. דער פּועלי ציון צענטראַל קאָמיטעט האָט דערויף געענט־פערט מיט אַ בריוו צום פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, אַז ער קען ניט מסכים זיין צום פאָרשלאָג וועגן דורכפירן אַן אומאָפּהענגיקע אַקציע פאַרן 100,000 דאָלער־פאָנד. די פּועלי ציון און ציוניסטן קאָאָפּערירן שוין אין פיל שטעט אין די זאַמלונגען פאַר ארץ ישראל און קענען איצט ניט ווערן סעפּאַרירט. ס'האָט

אויך ניט קיין זין צו זאַמלען אומאָפּהענגיק געלט, עס איבערגעבן דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט און עס דאַן באַקומען צוריק פון זעלבן קאָמיטעט.

דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט פאַקטיש געשיקט נאָר קליינע סומען פאַר די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל. איינע פון די פיל מאָטיוון איז אויך געווען, אַז די פּועלי ציון קלייבן אַליין געלט פאַר זייערע אינסטיטוציעס. פון די צוזאָגן ביי דער גרינדונג פון עמוירדזשענסי פאָנד, אַז דער „השומר" וועט געניסן אין דער פולער מאָס פון די געזאַמלטע געלטער, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך, טראָץ אַלע אינטערווענצן און באַמיאונגען פון די פּועלי־ציון־פאָרשטייער אין פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט.

געוויסע סומען פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט זענען אויך געוואָרן אויסגעגעבן אין אַמעריקע פאַר פאַרשטאַרקן דאָ די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אויך די פּוע"צ האָט גענאָסן פון דאָזיקן קוואַל. אויף דער באָסטאָנער פּועלי־ציון־קאָנווענשאָן (אין 1916) האָבן פיל דעלעגאַטן שאַרף קריטיקירט די לייטונג פאַר אויסגעבן געלטער פון עמוירזשענסי פאָנד פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן אין אַמעריקע. אָבער דער פּאַרטיי־ראַט האָט אין אַפּריל, 1917, באַשלאָסן מיט 15 קעגן 5 שטימען יאָ צו געניסן פון דאָזיקן פאָנד.

די אינערלעכע באַציאונגען צווישן די פּוע"צ און די אַלגעמיינע ציוניסטן אין פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט האָבן זיך אין 1917 באַדייטנדיק פאַרערגערט. די פּוע"צ־פאָרשטייער אין קאָמיטעט (דאַן זענען עס געווען: בן צבי, דר. נ. סירקין און ה. עהרנרייך), האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער קאָמיטעט און זיינע אויספיר־אָרגאַנען זאָלן ווערן צוזאַמענגעשטעלט אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות; אויך דער „מזרחי" האָט הייס געשטיצט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג. עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ הייסע דעבאַטע וועגן כאַראַקטער און קאָמפּעטענצן פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם קאָמיטעט אַלס די צענטראַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. די פּוע"צ און מזרחי האָבן באַטראַכט דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט אַלס אַ קערפּערשאַפט, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון די צענטראַל קאָמיטעטן פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַר אַרבעטן, וואָס האָבן ניט קיין ענגן, לאָקאַלן פאַרנעם.

די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן שוין געהאַט מסכים געווען צו דער ערשטער פאָדערונג וועגן איבערבויען דעם פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות, אָבער זיי האָבן אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן איינפירן דעם זעלבן שליסל אין די אויספיר־אָרגאַנען פון דער קאָנפערענץ. דאָרט רעדט מען וועגן הויך־דיפּלאָמאַטישע סיבות און צו זיי קענען ניט האָבן קיין צוטריט פאָרשטייער פון „עמך"־אָרגאַניזאַציעס...

אויף דער קאָנפערענץ פון פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט, דעם 28טן יוני, 1917, אין באַלטימאָר, איז געקומען צו אַן אָפענע שפּאַלטונג. די פאָרשטייער פון פּועלי ציון און מזרחי האָבן פאַרלאָזן די באַלטימאָרער קאָנפערענץ. דער „אידישער קעמפער" האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג פון פּועלי ציון צענטראַל קאָמיטעט, אין וועלכן ער האָט דערקלערט די מאָטיוון פון אַרויסטריט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך אַנטזאָגט צו געבן די צוויי קלענערע פראַקציעס אַ פאַרטרעטונג אין אַדמיניסטראַטיוו קאָמיטעט פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, וואָס

פירט פּאַקטיש אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט. די דערקלערונג האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „מיר רופן די אידישע מאַסן בכלל און די אָרגאַניזירטע ציוניסטן בפרט זיי זאָלן זיך שטעלן אויף אונזער זייט. זאָלן זיי גלייך און באַלד לאָזן וויסן די פירער פון דער פּעדערייש‌אָן, אַז זיי, די פּשוטע ציוניסטן האָבן אַ ברייטערן בליק אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז זיי ווילן אומבאַדינגט האָבן די באַטייליקונג פון די צוויי אָנערקענטע פּראַקציעס אין ציוניזם און די דירעקטע אַרבעט פון די צוויי אָנערקענטע פּראַקציעס אין אַלע וויכטיקע קאָמיטעס.

„אונזער זיג אין דעם דאָזיקן קאַמף וועט פאַרשטאַרקן דעם פּאָלקס־כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג. און דער ציוניזם איז און מוז בלייבן אַ פּאָלקס־באַוועגונג" [231].

ברוך צוקערמאַן האָט פאַרלאַנגט אין זיין אַרטיקל אין „קעמפער", אַז עס מוז געצויגן ווערן אַ קלאָרע שייד־ליניע צווישן דער ציוניסטישער פּעדעראַציע און דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. די ציוניסטישע פירער זענען אויך דאָן געוואָרן באַשולדיקט דורך די פּועלי ציון, אַז זיי סאַבאָטירן די צענויפרופונג פון אידישן קאָנגרעס, ווייל זיי האָבן מורא, אַז דער קאָנגרעס וועט אַרויסנעמען פון זייערע הענט די מאַכט. זיי האָבן מורא אַז דער קאָנגרעס וועט אָננעמען אַ פּראָ־ציוניסטישע רעזאָלוציע און די ציוניסטישע פּעדעראַציע וועט דאַן ניט זיין דער איינציקער אַדרעס פאַר ענינים פון ציוניסטישער פּאָליטיק [232].

דער מזרחי איז שפּעטער צוריק אַריינגעטראָטן אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, מוותר זייענדיק אויף זיינע פּרינציפּיעלע פּאָדערונגען. נאָך דעם פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ אין באַלטימאָר, אין דעצעמבער, 1917. דאַן זענען ווידער אַמאָל פאָרגעקומען פּריוואַטע באַגעגענישן פון פירער פון פּוע"צ און מזרחי מיט דע האַאַז, דר. סטיפן ווייז און ז. לעווין־עפּשטיין פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט. אויף דער באַנייטער פּאָדערונג וועגן אַ פּראָפּאָרציאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די אינסטאַנצן פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, האָבן די פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן דערקלערט, אַז אין דער צייט פון קריג אָנערקענען זיי בכלל ניט קיין פּראַקציעס אין ציוניזם. די פּועלי ציון־פאַרשטייער האָבן געוואָרנט, אַז אויב מען וועט ניט נאָכגעבן זייערע פּאָדערונגען, וועלן זיי אַרויס אין אָפּענעם קאַמף קעגן דער באַלטימאָרער קאָנפערענץ און דערקלערן אַז זי רעפּרעזענטירט ניט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג. בן גוריון האָט שאַרף פּראָטעסטירט אויף דער זיצונג פון אַרבעטס־קאָמיטעט פון די פּועלי ציון קעגן די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון אייגענער שוואַכקייט און גיבן ניט צו קיין כבוד דער באַוועגונג.

די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16טן דעצעמבער, 1917, אין באַלטימאָר, כלל־טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען, דערונטער מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין שייכות מיטן ציוניזם. אויף אַ פּריוואַטן אופן האָט מען אויף 200 איינגעלאַדענע איינגעשלאָסן 3 פּועלי ציוניסטן. שפּעטער איז מען געוואָרן גנעדיק געגנוג איינצולאַדן — ווידער אַמאָל פּריוואַט — נאָך עטלעכע פּוע"צ. דער צענטראַל קאָמיטעט פון פּועלי ציון האָט פאַרבאָטן זיינע חברים אנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ, אויב עס וועלן ניט ווערן נאָכגעגעבן די פּרינציפּיעלע פּאָדערונגען פון דער פּאַרטיי. אויף דער

אינטערווענץ פון פאַרבאַנדס־ביוראָ ביים אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט דער א. ק. מסכים געווען צו דער פאָדערונג וועגן אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטונג אין די קאָמיסיעס פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, אויסער אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וואָס דאַרף פירן וויכטיקע פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען, וואָס מוזן טראָגן אַ דיס־קרעטן כאַראַקטער. שפּעטער האָט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט מסכים געווען צו פאָדערן פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט נאָכצוקומען אַלע גערעכטע פאָדערונגען פון די פּוע״צ, אָבער אין דער צווישנצייט האָט די פּיטסבורגער ציוניסטישע קאָנווענ־שאָן (אין 1918), אויפגעלעזט דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, און אַלע דיסקוסיעס אַרום דעם באַשטאַנד און קאָמפּעטענצן פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט זענען ממילא געוואָרן געגנשטאַנדסלאָז. דאַן האָט זיך אויך אויפגעלעזט דאָס פּאַלע־סטינע ביוראָ, וואָס איז געוואָרן געשאַפן דורכן פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. בן צבי איז געווען דער פאַרשטייער פון פּועלי ציון אין פּאַלעסטינע ביוראָ, וואָס האָט גע־זאָלט אויסאַרבעטן פּלענער פאַר ארץ ישראל־אַרבעט. דאָס ביוראָ, וואָס איז געווען ס׳רוב צוזאַמענגעשטעלט פון מענטשן פון ארץ ישראל, האָט אין אָנפאַנג געאַרבעט ניט שלעכט.

די עלפטע פּועלי־ציון קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), האָט ווידער אַמאָל באַטאָנט די וויכטיקייט פון איינשטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דעם 25טן פעברואַר, 1919, האָט זיך דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געווענדעט מיט אַ בריוו צו טשאַרלס קאָוועז, דער סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע פון אַמעריקאַנער ציוני־סטישער פעדעראַציע, און אים באַקענט מיט די באַשלוסן פון דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן. אין געוויינלעכע צייטן — זאָגט זיך אין דער אָנגענומענער רעזאָלו־ציע — דאַרפן ניט געמאַכט ווערן קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען צווישן די לאָקאַלע פּועלי ציון פּאַרטייען מיט די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע פאַרבינדונגען דאַרפן געפירט ווערן דורך דעם פּועלי ציון וועלט־ פאַר־באַנד. אָבער אין דער איצטיקער אויסערגעוויינלעכער צייט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט דאָס רעכט זיך צו פאַרבינדן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע אין פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט אין אַמעריקע. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געבעטן, אַז די עקזעקוטי־ווע פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זאָל קלאָר מאַכן איר שטע־לונג צו דער דאָזיקער רעזאָלוציע.

דער ענטפער איז געווען אַ זייער ניט־צופרידנשטעלנדיקער. אין דעם ענט־פער איז געווען אַ קלאָרע אָנצוהערעניש, אַז די בעסטע אינטערעסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרלאַנגען, אַז די פּוע״צ זאָל זיך אָנשליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך אונטערוואַרפן איר קאָנטראָל. אין אַ בריוו פון 11טן מערץ, 1919, צו דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, באַדויערט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוע״צ די דאָזיקע שטעלונג. „עס טוט אונז לייד, דאָס זאָגאַר אין דעם וויכטיקן אויסערגעוויינלעכן צושטאַנד, וואָס הערשט אין דער ארץ־ישראל־פראַגע, האָט איר אין זינען בלויז די ענגע אינטערעסן פון אייער אָרגאַניזאַציע און איר נעמט אָן אַן אוממעגלעכע שטעלונג צום גאַנצן ענין״.

אַז די פּוע״צ־פּאַרטיי האָט געהאַט פּאָלקאָם רעכט אין אירע פאָדערונגען צום פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, באַווייזט אויך דער וואוקס פון איר

השפּעה, וואָס האָט זיך צווישן אַנדערן אויך אויסגעדריקט אין וואוקס פון דער צאָל פון דורך איר פאַרקויפטע שקלים. דער באַריכטס־אָפּגעבער צו דער פּיטס־בורגער קאָנווענשאָן אין 1913, האָט איבערגעגעבן, אַז די פּאַרטיי האָט פאַר־קויפט אין גאַנצן לאַנד 900 שקלים, דערפון 300 אין ניו־יאָרק. אין 1918 האָט די פּועלי ציון־פּאַרטיי פאַרשפּרייט עטלעכע און צוואַנציק טויזנט שקלים. די אַלגע־מיינע ציוניסטן האָבן דאַן אָנגעגעבן אַז זיי האָבן פאַרשפּרייט 58,000 שקלים.

אינטערעסאַנט, אַז אפילו דער ניו יאָרקער ס. ד. פּועלי־ציון־פאַראיין, האָט דערקלערט אין זיין בריוו צום צענטראַל קאָמיטעט פון 11טן אָקטאָבער, 1917, אַז טראָץ דעם, וואָס ער איז קעגן אָנגעהערן צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַ־ציע, פאַרשפּרייט ער שקלים, אין הסכם מיט די פּאַרטיי־סטאַטוטן, אָבער ער דריקט אויס זיין פאַרלאַנג, אַז דאָס געלט זאָל גיין פאַר די אויסגאַבן פון פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט דערויף געענטפערט, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד באַקומט אַ געוויסן פּראָצענט פון די געלטער פאַר די פאַר־קויפטע שקלים.

די 5טע קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין ראָטשעסטער (אין 1918), האָט רעקאָמענדירט די ברענטשעס צו קויפן שקלים. דאָס איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש אין לעבן פון פאַרבאַנד. דער רעפערענדום האָט אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאָג, אָבער פּאַקטיש האָבן נאָר אַ געוויסע צאָל ברענטשעס דורכגע־פירט דעם באַשלוס אין לעבן.

אין לאָקאַלן מאַסשטאַב איז דער צענטראַל קאָמיטעט ווייטער אַרויסגעטראָטן אין די יאָרן 1916—1918 קעגן אַריינטרעטן אין לאָקאַלע ציוניסטישע קאָונסילס. אָבער ער האָט גענומען צו קענטעניש די מעלדונג פון פּועלי ציון־פאַראיין אין אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, אַז דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ ציוניסטישער קאָונסיל פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען צו זאַמלען געלט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און אַנדערע א"י־פאָנדן. אין אַן ענטפער פון צענטראַל קאָמיטעט צום פאַראיין „השחר" אין וויניפּעג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון פאַראיין „יונגע מאַקאַבייער" און זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג, ווערט דערקלערט, אַז מען קען גיין צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן ביי פאַרשידע־נע אַרבעטן, ווי צום ביישפּיל, אין דער זאַמלונג פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד וכדומה, אָבער קיין פּועלי־ציון פאַראיין קען בשום אופן ניט געהערן צו קיין ציון־קאָונ־סיל. אין פאַל אָמאַהאַ האָט זיך, זעט אויס, געהאַנדלט נאָר אין אַ טעכנישע פאַר־אייניקונג פאַר די זאַמל־צוועקן, אָן יעדן ווייטערדיקן ברייטערן ציל.

די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד האָט זיך אין די יאָרן 1911—1918 ביסלעכ־ווייז אַנטוויקלט, הגם, ווייט ניט אין אַ גענוגנדער מאָס. דער פּאַרטיי־ראָט אין סעפּטעמבער, 1917, האָט באַשלאָסן, אַז אַלע געזאַמלטע געלטער פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, זאָלן געשיקט ווערן דורכן פּאַלעסטינע קאָמיטעט. די געלטער זאָלן געשיקט ווערן פאַר די די אַרבעטער הייזער, וואָס דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דאַן געבויט פאַר די אידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. ס'איז אויך אַרויסגערוקט געוואָרן די פאָדערונג, אַז דאָס אַמעריקאַנער נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ זאָל געבן אַ סובסידיע דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, צו דערמעגלעכן אים אויסצובררייטערן זיין טעטי־קייט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד; די דרוק־אַרבעט פון נאַציאָנאַל פאָנד זאָל געמאַכט ווערן אין אַ יוניאָן־שאָפּ.

אויף דער 4טער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע (אויגוסט, 1913), איז געוואָרן באַריכטעט, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיטן נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ וועגן געבן דעם אַמעריקאַנער פּאַלעסטינע קאָמיטעט אַ געוויסן פּראָצענט פון די געזאַמלטע געלטער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד זענען ניט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אַ הייסער וויכוח וועגן דער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. באַראָכאָוו האָט אַרויסגערוקט זיינע ספקות וועגן די קאָאָפּעראַטיווע קבוצות, און זייער סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. ער האָט געצווייפלט, צי די האָפנונג פון די עסטרייכישע פּוע״צ, אַז דורך די קאָאָפּעראַטיוון גייט מען איבער אין ארץ ישראל דירעקט צו סאָציאַליסטישער אַרבעט, האָט אַ האַפט. דער סאָציאַליזם וועט קומען נאָר דורך קלאַסן־קאַמף. באַראָכאָוו האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צו „אחוה״, דעם קאָאָפּעראַטיוון קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט פון די אַמעריקאַנער חברים, אָבער דאָס איז אַ פּריוואַטער ענין פון אַ צאָל מענטשן, וואָס פאַראייניקן זיך פאַר קיבוצישער אַרבעט, אָבער די וועלט־באַוועגונג קען זיך נישט שטיצן אויף דעם דאָזיקן פּראָיעקט — האָט באַראָכאָוו געטענהט.

זרובבל איז אַרויסגעטראָטן קעגן באַראָכאָוון און האָט צווישן אַנדערע געזאָגט, אַז אין נאַציאָנאַל פאָנד ליגט אַ גרויסער סאָציאַלער געדאַנק און ער איז בשום אופן נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציע. חאַזאַנאָוויטש האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט פון די חסידים פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, אָבער מיר דאַרפן אַרבעטן אין ארץ ישראל אויף אַלע אופנים און אַזוי ווי די קאָאָפּעראַטיווע שיטה איז מער ראַציאָנעל, דאַרפן מיר איר שטיצן. ס׳איז די פליכט פון די פּועלי ציון אַריינצוברענגען אַ סאָציאַליסטישן גייסט אין די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. ה. עהרנרייך האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע אויסזיכטן פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און דערציילט וועגן דער דערפאַרונג פון די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, וואָס סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָבן געשאַפן אין פאַרשידענע צייטן.

די וועלט־קאָנפערענץ האָט אונטערגעשטראָכן אין אירע רעזאָלוציעס די וויכטיקייט פון קרן קיימת און די נאַציאָנאַל פאָנד־ווירטשאַפטן, באַזונדערס פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער דערציאונג פון ניט־דערפאַרענע אַרבעטער. דער נאַציאָנאַל פאָנד דאַרף בלייבן טריי זיין ראָל — זיין אַ נאַציאָנאַלער ערד־פאָנד פאַר די קאַפּיטאַללאָזע פאָלקס־מאַסן. די וועלט־קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט קעגן אַלע אָפענע און באַהאַלטענע פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען דעם קרן קיימת אין אַ קרעדיט־קאַסע פאַר קאַפּיטאַליסטן. דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד פון נאַציאָנאַל פאָנד זאָל פאַרשטאַרקט ווערן, דורך שאַפן אַ ווירטשאַפטלעכן פאָנד פאַר פינאַנסירן די טעטיקייט פון דעראָבערונגס־קבוצות. דער פאָנד פאַר די עצי זית, זאָל ווערן אויסגעברייטערט אַלס אַ פלאַנצונגס־פאָנד, וואָס זאָל געבן דעם קרן קיימת די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די צאָל פון אירע פאַרמס און דערווערבן נייע באָדן־שטחים. די מיינסטע פון די באַשלוסן וועגן דער נאַציאָנאַל פאָנד אַרבעט זענען פריער געוואָרן אָנגענומען דורך דער 9טער קאָנפערענץ פון די פּוע״צ אין ארץ ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּסח, 1913, אין יפו [233].

אויף דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), האָט ש. באָנטשעק באַריכטעט, אַז אין לעצטן יאָר איז געזאַמלט געוואָרן 1,300 דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, וואָס איז אַ באַדייטנדיקער וואוקס אין פאַרגלייך מיט די זאַמ־

לונגען אין די פאַריקע יאָרן. עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פלוגבלאַט וועגן נאַציאָנאַל פאָנד אין 18,000 עקזעמפּלאַרן. די פּועלי־ציון זאַמלונג פאַרן הערצל־וואַלד האָט זיך פאַרענדיקט מיט דערפאָלג. דער באַריכטס־געבער האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָס ניו יאָרקער נאַציאָנאַל־פאָנד ביוראָ איז ניט צוזאַמענגעשטעלט אויף געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישע יסודות פון פאַרשטייער פון די פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, נאָר פון פריי־וואַטע ציוניסטן מיט אַ סעקרעטאַר פון ביוראָ, וואָס איז נאָמינעל פאַראַנטוואָרט־לעך צום צענטראַל ביוראָ אין קעלן. „אַזאַ צוזאַמענשטעל איז קעגן די דעמאָ־קראַטישע יסודות פון ציוניזם און איז פאַקטיש אַ שטערונג אין דער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד"[234].

די קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (1914) האָט אויפגעפאָדערט די פאַראיינען צו אַרבעטן הויפּטזעכלעך פאַר די רובריקן פון נאַציאָנאַל פאָנד; קאָאָפּעראַטיווער פאָנד און אַרבעטער־הייזער. קיין פאַראיין האָט ניט דאָס רעכט אָן דער הסכמה פון צענטראַל קאָמיטעט צו מאַכן אָפּמאַכן מיט אַנדערע ציוניסטישע פאַראיינען אין דער אַרבעט פאַר פאַלעסטינע־אינסטיטוציעס.

אויף דער 9טער קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (אויגוסט, 1915), האָט ה. עהרנרייך באַריכטעט, אַז דאָס נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ אין ניו־יאָרק, איז געוואָרן רעפאָר־מירט, מאיר בראָון איז אַריין אין דירעקטאָריום אַלס פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי. די לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד האָט מסכים געווען, אַז די פּועלי ציון זאָלן דעלע־גירן זייערע פאַרשטייער אין די פאַראייניקטע נאַציאָנאַל פאָנד קאָמיסיעס אויף די ערטער, אָבער דאָס געלט, געזאַמלט דורך פּועלי ציון זאָל געשיקט ווערן צום פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. ש. קאַפּלאַנסקי, וואָס האָט דאַן געוויילט אין אַמעריקע, האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן די פּועלי ציון און דעם נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ. אין באַריכטס־פּעריאָד איז געזאַמלט געוואָרן 3,339 דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד; די פאַקטישע געזאַמלטע סומע איז פיל גרעסער, אָבער מען ווייסט ניט פון פיל אומדירעקטע הכנסות, ווייל פיל פאַר־איינען האָבן זיך אין זייער נאַציאָנאַל־פאָנד־אַרבעט פאַרבונדן מיט די אָרטיקע ציוניסטישע פאַראיינען. דאָס האָט די מעלה, וואָס די אַרבעט אין לאָקאַלן מאַס־שטאַב ווערט בעסער אָרגאַניזירט; דאָס האָט אָבער דעם חסרון, וואָס ניט וועלנדיק ברענגען צו קיין קריגערייען, גיבן זיך פיל מאָל די פּועלי ציון־פאַראיינען איינגאַנצן אונטער, ניט נעמענדיק קרעדיט פאַר זייער אַרבעט. צייטנווייז פירט עס נאָר צו אַ שפּאַלטונג. דער באַריכטס־געבער האָט פאָרגעלייגט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל זיך אַרויסזאָגן קעגן דאָזיקן אופן פון פאַראייניקן זיך אין דער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. ה. עהרנרייך האָט באַגריסט דעם באַשלוס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר דער אַרבעט פאַר די ארץ־ישראל־אינסטיטוציעס[235].

אויף דער קאָנווענשאָן האָט זיך געפירט אַ שאַרפע דעבאַטע אַרום דער האַנד־לונג פון די ס. ד.־פאַראיינען אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ, וואָס האָבן זיך אָנטזאָגט צו אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. דער אינצידענט איז געוואָרן ליקווידירט נאָך דעם ווי די פאַראיינען האָבן דערקלערט, אַז זיי וואַרפן זיך אונטער דער פּאַרטיי־דיסציפּלין (זע זז. 280־84). די 10טע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (אָקטאָבער, 1916),

האָט באַשלאָסן, אַז די זאַמלונגען פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד זענען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע און אויסנאַם פאַראיינען.

די הויפּט־לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד אין האאַג, האָט פּראָטעסטירט, אין אויגוסט, 1915, קעגן דעם, וואָס די פּועלי ציון באַנוצן זיך אין דער זאַמל־אַרבעט פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד מיט די זאַמל־מעטאָדן פון נאַציאָנאַל פאָנד. דאָס הויפּט־ביוראָ האָט אויך געטענהט, אַז די ציפערן פון די פּוע״צ וועגן די דורך זיי געזאַמלטע סומען זיינען איבערטריבן און זיי שטימען ניט מיט דערווירקלעכקייט.

אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן איז געוואָרן באַריכטעט, אַז פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד איז געוואָרן געזאַמלט 3,300 דאָלער. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן דורכצופירן יאָר־יערלעך אין דער חנוכה־וואָך אַ זאַמל־אַקציע פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. אַלע אַרבעטן פאַר די ציוניסטישע פאָנדן זאָלן דורכגעפירט ווערן זעלבסטשטענדיק. אויסנאַמען קענען געמאַכט ווערן נאָר מיטן הסכם פון צענטראַל קאָמיטעט.

אין 1916, האָט ש. קאַפּלאַנסקי פאַרגעלייגט אין נאָמען פון הויפּט־ביוראָ פון קרן קיימת לישראל אין האאַג, צו שאַפן אַ פינאַנצירן־אָפּטיילונג (קופּת חלוצים) ביים קאָאָפּעראַטיוון פאָנד, אויף וואָס עס זאָל זיך קאָנצענטרירן די אַמעריקאַנער פּאַרטיי אין איר זאַמל־אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. מען קען ניט די אַקציע איבערגעבן דעם ניו יאָרקער נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ, ווייל זי וועט ניט וועלן קאָנקורירן מיטן עמוירדזשענסי פאָנד פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, וואָס וועט קוקן קרום אויף דער געפּלאַנטער נייער פאָנד־זאַמלונג. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט געענטפערט, אַז ער קען ניט נעמען אויף זיך אַליין דורכצופירן אַ נייע אַקציע. ער איז גרייט צו טוען זיין טייל, ווען די אַקציע וועט ווערן אונטערגענומען דורכן נאַציאָנאַל־פאָנד־ביוראָ. אין זעלבן בריוו אינפאָרמירט דער פּאַרטיי־צענטראַל־קאָמיטעט, אַז דאָס נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ פאַר קאַנאַדע אַרבעט זייער שוואַך, צוליב דער שולד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. דאָס הויפּט־ביוראָ האָט דערויף געענטפערט, אַז די קאַנאַדישע פּוע״צ דאַרפן זיך ניט באַנוגענען מיט אונטערזאָגן די אַלגעמיינע ציוניסטן, נאָר זיי דאַרפן אַליין זיך שטעלן אין שפּיץ פון דער אַרבעט. דאָס ביוראָ האָט אויך פאָרגעלייגט איינציקע נייע זאַמל־מעטאָדן: אַ פּנקס הישוב, וואו אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַרשרייבן זייערע נעמען; שלום־טשעקס, וואָס מען איז זיך מתחייב צו צאָלן באַלד נאָכן אָפּשלוס פון קריג, לזכרון פון שלום־אָפּמאַך. די פּועלי ציון זאָלן שאַפן אַן אָפּטיילונג פאַרן קאָאָפּעראַטיוון פאָנד ביים פּאַלעסטינע־קאָמיטעט.

דער פּוע״צ צענטראַל קאָמיטעט האָט אין זיין ענטפער־בריוו פון 2טן נאָוועמבער, 1917, פעסטגעשטעלט, אַז דאָס ניו יאָרקער נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ וויל לײדער נישט אַרבעטן פאַר נייע אינסטיטוציעס. די פירנדיקע אַלגעמיינע ציוניסטן זענען איינגאַנצן פאַרטאָן אין דער אַרבעט פאַרן עמוירדזשענסי־פאָנד און זיי קוקן קרום אויף דער עטאַבלירונג פון נייע זאַמל־פאָנדן.

אויפן פּאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער, 1917, איז געוואָרן באַריכטעט אַז פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז געזאַמלט געוואָרן 3,271 דאָלער. דער באַריכט גיט צו, אַז דאָס איז ניט קיין סך. די אַלגעמיינע ביוראָ איז ניט רייך אין איניציאַטיוו אויפצונעמען נייע אַרבעטס־פּלענער, וואָס זאָלן וועקן די אַרבעטס־לוסט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. דאָס ביוראָ האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אַקטיווע סימפּאַטיע פאַרן קאָאָפּעראַטיוון

פאָנד. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האַלט אַז די פּועלי ציון דאַרפן דורכפירן באַזונדער זייערע זאַמלונגען פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און די זאַמלונגען זאָלן גיין פאַרן קאָאָפּעראַטיוון פאָנד.

אין יאַנואַר, 1918, שרייבט ש. קאַפּלאַנסקי צו ש. באָנטשעק, אַז די אַקציע פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד אין דער חנוכה־וואָך שטערט דעם פלעג־טאָג פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. די פּועלי ציון דאַרפן אַרבעטן טיכטיקער פאַרן קאָאָפּעראַטיוון פאָנד, טראָץ דעם, וואָס די לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד אין אַמעריקע, איז נישט שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם פאָנד. דאָס הויפּט־ביוראָ אין האַאַג איז קאַטעגאָריש קעגן די פאָרשלאָגן צוזאַמענצוגיסן דעם נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ מיט דעם אַפּאַראַט פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט. אין זיין ענטפער האָט ש. באָנטשעק מודה געווען, אַז די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד איז לעצטנס געוואָרן אָפּגעשוואַכט. די סיבה, גיט ער אָן, זיינען די פיל אַקציעס אין וועלכע די פּאַרטיי איז לעצטנס געווען פאַרנומען (אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, פּ. אַ. פּ.־אַקציעס, הכנות אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג א. א.).

אין באַריכט צו דער 11טער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (סוף דעצעמבער, 1918), ווערט צוגעגעבן, אַז די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד איז ניט געווען אין די לעצטע צוויי יאָר אַזוי אינטענסיוו, ווי די אַרבעט פאַר די אַנדערע פאָנדן. קיין קאַנאַדע איז געוואָרן געשיקט י. זאַר צו פאַרשטאַרקן דאָרט די נאַציאָנאַל־פאָנד־אַרבעט, אָבער מיט קנאַפּע רעזולטאַטן. פאַרן קאָאָפּעראַטיוון פאָנד איז געוואָרן ווייניק געטאָן צוליב מאַנגל אין פאַרשטענדעניש פאַר דער אַקציע מצד דעם נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ. דער קאָנווענשאָן איז געוואָרן פאָרגעלייגט, אַז די רעזאָלוציע פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן „צו אַרבעטן זעלבסטשטענדיק", זאָל ווערן אויסגעטייטשט אַז מען זאָל האָבן איין יערלעכע זאַמל־אַקציע, וואָס זאָל געפירט ווערן זעלבסטשטענדיק. די קאָנווענשאָן האָט דעם פאָרשלאָג אַקצעפּטירט.

די בראָשור פון י. זאַר „נאַציאָנאַל פאָנד און די פּועלי ציון", איז געוואָרן גוט פאַרשפּרייט. דאָס הויפּט־ביוראָ אין האַאַג האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער בראָשור, ווי אויך מיט אַנדערע אויסגאַבן, וואָס האָבן באַקענט די אידישע פאָלקס־מאַסע מיט די אידייען און צילן פון אידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

.23

# „החלוץ‟, „אחוה‟

אין די יאָרן 1915—1918, האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע פּיאָנערן־באַוועגונג, קיין ארץ ישראל, אונטערן נאָמען, „החלוץ‟. די לעבעדיקע טרייב־קראַפט אין דער באַוועגונג, וואָס איז געווען דער צווייטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ חלוצים־באַוועגונג אין אַמעריקע (וועגן ערשטן פּרוּוו האָבן מיר דערציילט אין קאַפּיטל 14), זיינען געווען בן צבי און בן גוריון, וועלכע זיינען דעפּאָרטירט גע־וואָרן פון ארץ ישראל, עטלעכע טעג פאַר פסח, 1915, אויפן באַפעל פון אחמד דזשעמאַל פּאַשאַ, דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער טערקישער אַרמיי. אין ניו יאָרק זיינען בן צבי און בן גוריון געקומען ערב שבועות. איינע פון זייערע ערשטע טעטיקייטן אין אַמעריקע, איז געווען די שאַפונג פון „החלוץ‟, מיט דער הילף פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט און צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי.

נאָך פאַר דער גרינדונג פון „החלוץ‟ האָבן פּועלי ציון־חברים אין פאַרשידענע שטעט געזוכט זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. וועגן אַנטייל פון פּוע״צ־חברים אין די „אחוזות‟ האָבן מיר דערציילט אין קאַפּיטל 15. אַ צאָל פּועלי ציון חברים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין „אחוה‟, וועגן וואָס מיר דערציילן שפּעטער. ביי דער מאָביליזאַציע פון פּיל הונדערטער פּועלי ציון אין די רייען פון לעגיאָן האָט אויך געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל דער ווילן זיך צו באַזעצן אין אידישן היימלאַנד. אויך די רעגיסטראַציע פון די קאַנדידאַטן צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, דורכגעפירט, נאָכן אַרויסגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע, איז אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגע־רופן געוואָרן פון חלוצישע אינטענצן. צוליב פאַרשידענע סיבות האָט נאָר אַ קליי־נער טייל פון די וואָס האָבן געשטרעבט פערזענלעך זיך צו באַטייליקן אין אויפ־בוי פון ארץ ישראל, פאַרווירקלעכט זייער שטרעבונג. אָבער די בענקשאַפט נאָך לעבעדיקער ארץ ישראל־טאַט און מקיים זיין די העכסטע מצווה פון סאָציאַליס־טישן ציוניזם, איז געווען אַ מעכטיקע טרייבקראַפט אין לעבן פון דער באַוועגונג און מאָביליזירט אין און אַרום איר די וואָלונטאַרישסטע און יונג־שעפערישסטע כחות פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און פאָלקס־אינטעליגענץ.

איידער מיר גייען איבער צו דערציילן וועגן דער געשיכטע פון „החלוץ‟ אין אַמעריקע אין די יאָרן 1915־1918, איז כדאי צו ברענגען דאָ אויסצוגן פון צוויי אינטערעסאַנטע בריוו אין „פּועלי ציון בולעטין‟, נומער 20 (יוני, 1914), וואָס אַנטהאַלטן אינטערעסאַנטע פאָרשלאָגן ווי צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל.

איין פאָרשלאָג שטאַמט פון בת ציון מירסקי פון מינעאַפּאָליס. איר מאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער „אחוזה‟ אין שיקאַגאָ. זי האָט פאָרגעלייגט, אַז די פרויען פון די פאַמיליעס, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין א״י, זאָלן זיך שיידן פון זייערע מענער פאַר אַ פּאָר יאָר און צוזאַמען מיט זייערע קינדער זיך באַזעצן אין

„לאַנד פון אונזערע האָפנונגען". די מענער זאָלן דאַן פאָרזעצן זייער אַרבעט און אויסהאַלטן זייערע פאַמיליעס אין ארץ ישראל.

זי שרייבט אין איר פאָרשלאַג צווישן אַנדערן:

„דאָס לעבן אין פּאַלעסטינע איז אַ סך ביליקער ווי אין אַמעריקע. איין דאָלער, ווען איבערגעשיקט נאָך ארץ ישראל, איז ווערט פינף פראַנק, וואָס איז אַזוי גוט ווי דריי דאָלער דאָ. ווען דער מאַן, וואָס פאַרדינט דאָ — לאָמיר זאָגן — 15 דאָלער אַ וואָך, זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו שפּאָרן געלט און עס אי־בערשיקן נאָך ארץ ישראל, וואָלט די פאַמיליע געקומען צום צוועק.

„די פרויען וואָלטן געקענט עפּעס צופאַרדינען אין ארץ ישראל און די קינדער וואָלטן דערצויגן געוואָרן באַלד אין ארץ ישראל־גייסט. וואָלט דען ניט געווען גלייכער פון אָנהייב אָן צו דערציען אונזערע קינדער אין אידישן לאַנד, וואו אונזער צוקונפט ליגט? וואָס טוט מען ניט פאַר קינדער, אפילו ווען די אומשטענדן זיינען קעגן, אַ פּשיטא ווען דאָס וואָלט איינגעשפּאָרט געלט פאַרשנעלערט די אַריבערציאונג פון דער גאַנצער פאַמיליע אין אונזער לאַנד. פאַר דער צייט וואָלט זיך די גאַנצע פאַמיליע אַקלימאַטיזירט און שפּעטער וואָלט שוין אויך פאַרן חבר, וועלכער וועט קומען אין פּאַלעסטינע, זיין לייכטער זיך איינצואָרדענען און געפינען אַרבעט.

„אום אָבער די פרוי זאָל זיך ניט פילן עלנד און איינזאַם, וואָלט געווען זייער גוט אַז אַזעלכע פרויען זאָלן זיך פאַראייניקן און פאָרן צוזאַמען. אין פּאַלעסטינע זאָלן זיי אויך לעבן גרופּנווייז, און דאָס וואָלט געבראַכט אַ סך גוטע רעזול־טאַטן."

אַ צווייטער פאָרשלאַג שטאַמט פון אַ טוריסטן־גרופּע אין פילאַדעלפיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן און דער מיטהילף פון די חברים ראטמאן און פריזאנט. די גרופּע האָט זיך אָרגאַני־זירט מיטן צוועק צו באַזוכן פּאַלעסטינע אין זומער 1916. דער צוועק און כוונה פון דער גרופּע איז ניט נאָר בלויז צו באַזוכן פּאַלעסטינע, נאָר אויך גוט אויספאָרשן אַלע באַדינגונגען, און נאָכהער זיך צוריקקערן אום דאָרט צו פאַרבלייבן. פּראָפ. פיינמאַן איז געווען דער טרעזשורער פון דער גרופּע און יצחק ראָטמאַן, דער סעקרעטאַר. די גרופּע האָט זיך געווענדעט צו די חברים אין אַמעריקע און קאַנאַדע, זיי זאָלן זיך מיט איר פאַרבינדן.

דער אויסברוך פון קריג האָט צונישט געמאַכט די אַלע שיינע פּלענער און חלומות. אָבער די שטימונגען זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, האָבן צוריק אויפ־געפלאַקערט מיטן קומען אַהער פון בן צבי און בן גוריון אין יוני, 1915.

בעת דער 9טער קאַנווענשאַן אין קליוולאַנד (אויגוסט, 1915), איז פאָרגע־קומען אַ באַראַטונג פון די געשאַפענע חלוצים־גרופּן. עס איז געוואָרן באַריכטעט, אַז בן צבי און בן גוריון האָבן באַזוכט 22 שטעט. אין 19 שטעט זענען אַנטשטאַ־נען צווייגן פון „החלוץ" אָדער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ" איינצלנע חברים. 100 חברים האָט דאַן געציילט דער „החלוץ", דערונטער 30 אין ניו יאָרק, 14 אין שיקאַגאָ, 10 אין סינסינעטי, צו 7 אין דעטראָיט, מילוואָקי און טאָראָנטאָ. אין אַ צאָל שטעט זענען געשאַפן געוואָרן קורסן פון העברעאיש, ארץ־ישראל־וויסנשאַפט און גימנאַסטיק. אין ניו יאָרק איז דער קורס פאַר גימנאַסטיק גע־פירט געוואָרן מיט דער הילף פון ספּאָרט־פאַראיין „מכבי". די גרויסע מערהייט

פון די מיטגלידער זענען באַשטאַנען פון פּועלי ציון. עס זענען אויך געווען עטלעכע אַלגעמיינע ציוניסטן און אַ צאָל צוריקגעקומענע פון ארץ ישראל.

די באַראַטונג האָט באַשלאָסן צו שאַפן א צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון „החלוץ". אין דער שפּיץ פון יעדן צווייג שטייט אַ וועד. פאַראיינען וואָס ציילן ווייניקער פון 3 מיטגלידער, ווערן אַנגעפירט דורך אַ פאַרשטייער, באַשטימט דורך דער צענט־ראַלער פאַרוואַלטונג. די מיטגלידער צאָלן 1 דאָלער אַ וואָך. אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זענען אַריין ברוך צוקערמאַן, אַלס פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער, ש. באַנטשעק אַלס פאַרטרעטער פון פּאַלעסטינע קאָמיטעט, בן גוריון און בן צבי אַלס פארטרעטער פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין ארץ ישראל און צוויי פאַרשטייער פון ניו יאָרקער „החלוץ".

בן גוריון און בן צבי האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי און ענערגיע און דורכגע־שניטן דאָס גאנצע לאַנד צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פון „החלוץ". דער פּאַרטיי־צענטראַל־קאָמיטעט האָט גערופן די ברענטשעס אַביסל צו שאַנעווען דאָס געזונט פון בן גוריון און ניט איינאָרדנען יעדן אָוונט פאַרזאַמלונגען. און „ניט פאַרגעסן, אַז עס איז שווער פאַר אַ מענטש אין וועג אַלע טאָג צו האַלטן פאַרזאַמלונגען און מיטינגען; זיי זאָלן געבן דעם חבר די מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען אַן אָוונט"[236].

אין מערץ, 1916, באַריכטעט אַ צירקולאַר פון „החלוץ", געצייכנט פון י. בן צבי אַלס סעקרעטאַר, אַז די אָרגאַניזאַציע ציילט 76 חברים אין 16 שטעט. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט 22 שטעט. עס קומט פאַר אַ פּראָצעס פון נאַטירלעכן אויסוואַל און קריסטאַליזירונג. די שוואַ־כערע עלעמענטן פאַלן אַרויס, די מער־אַנטשלאָסענע בלייבן. ניט אַלע ברענטשעס האָבן געשאַפן קורסן פאַר העברעאיש און גימנאַסטיק.

דעם 3טן נאָוועמבער, 1916, איז פאַרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון זרובבל אַ קאָנפערענץ פון „החלוץ". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ „החלוץ"־ביבליאָטעק, און שאַפן אַ ליטעראַטור־פאָנד; צוציען ספּעציאַליסטן אויף פאַר־שידענע געביטן, כדי אויסצואַרבעטן פאַרשידענע פּלענער פאַר דער איינאָרדע־נונג פון די חברים אין ארץ ישראל. דער סעקרעטאַר זאָל שטענדיק זיין אַ חבר פון ארץ ישראל. אין דער פאַרוואַלטונג זענען אַריין י. בן צבי, בן גוריון, זרובבל און דער עקספּערט אַגראָנאָם ב. לעווין. זרובבל איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעק־רעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע.

מיט אַ מערהייט שטימען האָט דער פּועלי ציון צענטראַל קאָמיטעט באַ־שלאָסן אין דעצעמבער, 1916, אַז אין „החלוץ" קענען אַריינגיין נאָר מענטשן וואָס געהערן צו דער פּאַרטיי, און אויסשליסן פון „החלוץ" מענטשן וואָס גלויבן ניט אין ענד־ציל פון ציוניזם. ווען די מיטגלידער פון „החלוץ" וועלן גיין קיין ארץ ישראל, זאָל מען זאָרגן דערפאַר, אַז זיי זאָלן שטיין אונטער דער ווירקונג פון דער ארץ ישראלדיקער פּאַרטיי. בן צבי האָט געשטימט קעגן די אַלע פאָרשלאָגן. ער האָט געהאַלטן אַז דער „החלוץ" דאַרף זיין אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע.

אין מיטן 1917 איז דערשינען אַ בראָשור „החלוץ" פון זרובבל. די בראָשור איז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס, יעדעס מאָל צו 5,000 עקזעמפּליאַרן. די ערשטע אויפלאַגע איז פאַרשפּריט געוואָרן אין 3 וואָכן צייט[237].

דעם „החלוץ" איז ניט געלונגען אויסצוברייטערן זיינע ראַמען און צו שלאָגן טיפערע וואָרצלען. י. בן צבי דערקלערט וועגן דעם: „ווען די מלחמה האָט

זיך פאַרצויגן, איז געוואָרן שווער אויפצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציע פאַר אַן אַרבעט לעתיד לבוא, און די שוועריקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ דרינגענדע נויטווענדיקייט פאַר אַ באַשטימטער אַרבעט — דאָס וואָס מען רופט היינט הכשרה־אַרבעט. פאַר דעם צוועק זענען עטלעכע חברות און חברים אַריין אין דער אַגריקולטור־פאַרם אין וואודביין, ניו דזשוירזי, און אַנדערע זענען אַוועק אַרבעטן ביי אַמעריקאַנער פאַרמערס״ [238]).

באַלד זענען געקומען צוויי וויכטיקע געשעענישן: די פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און די אַטשטייאונג פון אידישן לעגיאָן. סוף 1917, האָבן זיך בן צבי און בן גוריון געזעגנט מיט די חברים אין אַ צירקולאַר און מיטגעטיילט אַז זיי גרייטן זיך צוריק צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און אַז שמואל זעלינגער פון מאָנטרעאַל נעמט איבער די אָנפירונג מיטן סעקרעטאַריאַט פון „החלוץ״ ביז דער „החלוץ״־קאָנפערענץ וואָס וועט פאָרקומען אין האַרבסט 1918, בעת דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. בן צבי און באַנטשעק וועלן אָנפירן מיט די ענינים ביז בן צבי׳ס אָפּפאָר קיין ארץ ישראל.

אין דעצעמבער, 1917, איז אַנטשטאַנען אין מילוואָקי אַ פּועלי־ציון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט מיטן צוועק צו באַזעצן אירע מיטגלידער אין ארץ ישראל. יעדער מיטגליד האָט געדאַרפט איינצאָלן 1,000 דאָלער אין פאַרלויף פון צוויי יאָר צייט, צו 6 דאָלער אַ וואָך, ד. ה. 600 דאָלער אין 2 יאָר און די איבעריקע סומע צום סוף פון די 2 יאָר. אויב די מלחמה צייט וועט אָנהאַלטן לענגער פון 2 יאָר, קענען די לעצטע 400 דאָלער ווערן באַצאָלט אין אַ שפּעטערדיקן צייט־טערמין. „די מיינסטע פון די מילוואָקער חברים טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק פריער אָדער שפּעטער צו פאָרן אין ארץ ישראל, טאָ פאַרוואָס ניט זיין פון די ערשטע אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער אידישער פרייהייטס־אַרמיי? וואָרום זיך ניט צוגרייטן אַזוי אַז קומענדיק אין ארץ ישראל זאָלן מיר מאַכן אונזער היים פאַר אַ גליקליכע, געבויט אויף יושר און סאָציאַלע יסודות״? — זאָגט זיך אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון מילוואָקי אין „קעמפער״ [239]). בערך אין דער זעלבער צייט האָט י. זאַר פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל אין „אידישן קעמפער״ א. נ. „פּועלי ציון־פּאַכמענער״, אין וועלכן ער פּראָפּאַגירט צו אָרגאַניזירן אַן עליה פון פּועלי ציון פּאַכמענער קיין ארץ ישראל [240]).

מיט דער אָרגאַניזירונג פון לעגיאָן האָט די גרעסטע טייל מיטגלידער פון „החלוץ״ זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. אויף דער עלפטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), איז געוואָרן באַריכטעט, אַז דער „החלוץ״ האָט געציילט 120 מיטגלידער. 2,300 דאָלער האָבן איינגעצאָלט די מיטגלידער פאַר זייערע רייזע־הוצאות. 80 פּראָצענט פון די מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן.

דעם 4טן און 5טן יולי, 1918, איז פאָרגעקומען אַ „החלוץ״־קאָנפערענץ. דר. ל. שיינקין האָט רעפערירט וועגן די מעגלעכקייטן פון „החלוץ״ און דר. יהודה קויפמאַן האָט פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן דעם „החלוץ״ אין פאָרם פון אַן אַרמיי, וואָס זאָל שטיין צו דינסט דער צוקונפטיקער אידישער רעגירונג. ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם פּלאַן דעם אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, און אויב דער קאָנגרעס וועט ניט האַלטן פאַר מעגלעך אַריינצונעמען דעם פּלאַן אין זיין טעטיקייטס־קרייז, פאָרלייגן דעם פּלאַן דער קומענדער פּועלי ציון־קאָנ־

וועגשאַן. אין פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט פון „החלוץ" זענען אַריין: ש. באַנטשעק, וואַלאַס, חברה עלקין און ש. זעלינגער אַלס סעקרעטאַר.

דעם פּלאַן וועגן שאַפן אַן ארבעטס־ארמיי פאַר ארץ ישראל האָט געגויער אַרומגערעדט י. בן צבי אין זיין אַרטיקל אין „קעמפער" פון 22טן מערץ, 1918. דער רעגיסטראַציע־קאַמפּיין וואָס די פּועלי ציון האָבן דאַרן דורכגעפירט, האָט גע־צילט צו שאַפן אַן אַרבעטס־אַרמיי פון 10,000 מאַן, וואָס זאָל ווערן סאָרטירט אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען. זיי זאָלן ווערן בויער און דעראַבערער פון לאַנד. אַ טייל פון דער אַרבעטס־אַרמיי האָט געדאַרפט אויסברייטערן די רייען פון „החלוץ" און די אַנדערע זאָלן בילדן ארטעלן פון קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטס־גרופּן, וואָס זאָלן איבערנעמען גרויסע אונטערנעמונגען אויף די געביטן פון לאַנדווירטשאַפט און פון אינדוסטריע. דער דאָזיקער וויט־פאַרמאָסטענער פּלאַן וואָס איז געווען אַ טייל פון אַנדערע געוואַגטע פּלענער מיט וואָס עס איז דאַן רייך געווען די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן מזל. אין ארץ ישראל גופא איז יאָ רעאַליזירט געוואָרן אַן ענלעכער פּלאַן דורכן גדוד העבודה, אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון אונזער אַרבעט.

אַ וויכטיקער פּיאָנערישער פּרואוו פון די אַמעריקאַנער פּועלי ציון איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „אחוה". די ערשטע פּלענער וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל זענען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע בערך אין דער זעלבער צייט, ווען דער געדאַנק און די פאַרווירקלעכונג פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין ארץ ישראל.

דעם 7טן סעפּטעמבער, 1907, ערב דער דריטער פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע, איז דערשינען אין „אידישן קעמפער" אַן אַרטיקל פון דר. הלל זאָלאָטאַראָוו אין פאָרם פון אַן אָפענעם בריוו, וואָס האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן אין ארץ ישראל קליינע קאָאָפּעראַטיווע אָדער געגנאָסנשאַפטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דר. זאָלאָטאַראָוו האָט ווייטער אַנטוויקלט זיין געדאַנק אין זיינע צוויי אַרטיקלען אין די נומערן 33 און 34 פון „אידישן קעמפער" אונטערן נאָמען „וועגן קאָאָפּעראַציעס אין פּאַלעסטינע".

ערב דער 5טער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (אָקטאָבער, 1910), האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַהאַנדלט אויף עטלעכע זיצונגען דעם צוגעשטעלטן פּראָיעקט פון דר. נחמן סירקין צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע גע־זעלשאַפט פאַר קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריע אין ארץ ישראל. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן די פּרטים פון פאָרגעלייגטן פּלאַן. אין דער קאָמיסיע וואָס האָט געהאַט אירע ערשטע זיצונגען אין אויגוסט, 1910, זענען אַריין: י. בערלין, צבי כהן, דר. סירקין, ה. עהרנרייך און ברוך צוקערמאַן.

אויף דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל האָט ה. עהרנרייך איבערגעגעבן אַז אין דער פּאַרטיי הערשט אַ שטאַרקע שטימונג פאַרן פּלאַן צו שאַפן אַ גרויסע פּיאָנערן־אונטערנעמונג אין ארץ ישראל, באַזירט אויף די קאָאָפּעראַטיווע פּרינ־ציפּן. דער באַשלוס פון ציוניסטישן קאָנגרעס אָנצונעמען פראַנץ אָפּענהיימערס פּלאַן פאַר קאָאָפּעראַטיווער (געגנאָסנשאַפטלעכער) קאָלאָניזאַציע, האָט אַרויס־גערופן גרויס אויפזען און פרייד אין דער באַוועגונג איבערן לאַנד.

אויף דער קאָנווענשאָן האָט דר. סירקין געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער גע־

נאַסענשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אין יסוד פון פּלאַן איז געליגן דער געדאַנק צו שאַפן גאָרטן־שטעט. דר. זשיטלאָווסקי איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּלאַן. ער האָט פאַרגעלייגט איבערצורייסן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער ציוניסטישער וועלט. יעדער פועלי ציון קען העלפן די ציוניסטישע פאָנדן, אָבער די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע זאָל עס ניט טאָן. ער האָט אויך אַרויסגערוקט זיינע ספקות אין דער רעאַליזיר־מעגלעכקייט פון אַפּענהיימערס קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפע דיסקוסיע. זשיטלאָווסקיס פאָרשלאַג איז כמעט איינשטימיק געוואָרן אָפּגעוואָרפן. אין ווייטערדיקן וויכוח האָט אַ צאָל דעלעגאַטן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מען זאָל אויך פּרובירן אַנדערע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע, ניט דווקא די קאָאָפּעראַטיווע. דר. סירקינס פאָרשלאַג איז געוואָרן אָנגענומען.

דעם 31טן מערץ, 1911, איז דערשינען אין „אידישן קעמפער" אַן אויפרוף צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־שטאָט אין ארץ ישראל, אין גייסט פון באַשלוס פון דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן. מיר ברענגען דאָ קורצע אויסצוגן פון דעם אויפרוף:

...„מיר לייגן פאָר די חברים דעם פּראָיעקט פון דער גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער גאָרטן־שטאָט, וועגן וועלכער עס איז אין אונזער פּאַרטיי שוין פיל גערעדט געוואָרן. די גרינדונג פון אַ קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אויף די יסודות פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע קען געבן די מעגלעכקייט פאַר פיל פון אונזערע חברים צו באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע אויף נייע סאָציאַלע יסודות.

„קליידער־ און שוך־פאַבריקן, ווען זיי זאָלן באַטריבט ווערן אויפן אַמערי־קאַנער אופן, קענען עראָבערן אַ מאַרק אין פּאַלעסטינע און געבן די אַרבעטער די מעגלעכקייט פון אַ פרייען און זעלבסטשטענדיקן לעבן. די לאַנדווירטשאַפט וועט אין דער קאָאָפּעראַטיווער גאָרטן־שטאָט אויסהעלפן די קאָלאָניסטן מיט לעבנס־פּראָדוקטן און די פּלאַנטאַציעס וועלן באַשאַפן אַ רייכטום פאַר דער צוקונפט.

„נעמענדיק אין אַנבעטראַכט, דאָס אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־שטעט קענען רעכענען אויף פריי לאַנד פון נאַציאָנאַל פאָנד, ווי אויך אויף דעם קרעדיט פון וועלכער ס'איז באַנק, פאָנד אָדער ספּעציעלער אינסטיטוציע, גלויבן מיר, דאָס אַ גרופּע חברים מיט 400 דאָלער יעדער, וואָלט געקענט באַשאַפן דעם ערשטן פאָנד, וואָס איז נויטיק פאַר דער דאָזיקער גרינדונג.

„ווען עס וועלן זיך מעלדן אַ גענוגנדע צאָל חברים, וועלן מיר איבער־גיין דערצו אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט אין איינצלהייטן און באַשאַפן אַ גע־זעצלעכע אָרגאַניזאַציע. עס פאַרשטייט זיך, דאָס איינע פון די ערשטע באַ־דינגונגען פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע וועט זיין, אַז דאָס איינגעצאָלטע געלט פון יעדן חבר זאָל זיין אַבסאָלוט זיכער, און דאָס מען זאָל ניט איבער־גיין צו קיין אַרבעט, אַזוי לאַנג ווי עס וועט פעלן דער קרעדיט און דאָס לאַנד. מיר זענען איבערצייגט, דאָס ווען עס וועט זיך אָרגאַניזירן אַזאַ גע־נאָסענשאַפט מיט אַן אייגענעם קאַפּיטאַל, וועט אויך זיין גאַנץ מעגלעך צו באַקומען דעם ווייטערדיקן קרעדיט, ווי אויך דאָס לאַנד. ווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע וועט געשאַפן ווערן און דער ערשטער פּרואוו וועט זיך איינ־

**אַ טייל פון די דעלעגאַטן צום ערשטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל (9 יוני 1918)**




צווישן די אין דער ערשטער רייע: (פון רעכטס צו לינקס): יואל סלאָנים, מנחם באַריישאַ, יוסף חגי, דר. מ. ליבער. — אין דער צווייטער רייע: אב. מילער, דר. הלל זאלאָטאַראָוו, דר. פרענק ראָזענבלאַט, דוד פינסקי, אָסיפ וואָלינסקי, יוסף שלאָסבערג, ה. ראָזענסאָן, דר. נחמן סירקין, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ברוך צוקערמאַן, הירש עהרענרייך, מאיר בראָון, שלום אַש, יואל ענטין, דר. מ. דאָלניק. — אין דער דריטער רייע: אייזיק העמלין, משה גוטמאַן, מ. פריילילכאָוו, מ. בן־עמי. — אין דער פערטער רייע: מ. עדעלשטיין, בן ציון מילער, שמואל סיגאַל, דוב אבערסאָן, דר. אַפּלבוים. — אין דער פינפטער רייע: ה. בערלין, ד. פלאטראט, ש. עדעלהייט, חיים פיינמאַן, י. מיטשעל, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ה. זע־ליטש, יהושע גאָרדאָן, ש. גאָלדשטיין. — אין דער זעקסטער רייע: פישל סיגאַל, בצלאל שערמאַן, דר. מ. קאליש. — אין דער זיבעטער רייע: מאיר קאסטאָף, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, י. ה. גאָלדבערג, אַלעקס ראָוז, מ. סיגל, מלך עפּשטיין. עס פעלן אויפן בילד צ. א.: ברוך אָסטראָווסקי, י. בערקנבליט, יצחק זאַר, דר. בן ציון ליבער, יעקב לעווין, אסתר מינץ־אבערסאָן, וויליאַם נאַטאַנזאָן, יעקב קאַצמאַן.

געבן, דאַן וועט קענען געלייגט ווערן דער גרונטשטיין פאַר אַ נייעם ישוב אין פּאַלעסטינע אויף די יסודות פון לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע און אויף דער פּרוכטבאַרער סאָציאַל־שעפערישער אידייע פון קאָאָפּעראַציע".

ג. אוורונין, מ. בראון, דר. נ. סירקין און ב. צוקערמאַן האָבן אונטער־געשריבן דעם אויפרוף.

די חברים אין דעטראָיט האָבן זיך מקדים געווען און גערופן אַ קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון־פאַראיינען וועגן געגאָסענשאַפטלעכן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן נאָך אין אַפּריל 1910 [241]).

די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט האָט זיך שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „אחוה". דר. סירקין האָט געשריבן וועגן דער געזעלשאַפט אין „האחדות" פון ח' סיון תרע"ג, (מאַי 1913): „די געזעלשאַפט דערוואַרט קרעדיטן פון ציוניסטישע אַנשטאַלטן און אַנדערע אידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן. „אחוה" וועט גרינדן אין ארץ ישראל קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־שטעט, פאַבריקן, שטאָט־קוואַרטאַלן, קראָ־מען, שפּייז־געשעפטן, קולטור־אַנשטאַלטן, — אַלץ אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. ס'זאָל ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און באַרבאַ־רישן אונטערשיד צווישן קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער. די אָרגאַניזאַציע „אחוה", וויל מאַכן פון ציוניזם אַ גרויסע פאָלקס־סאָציאַליסטישע באַוועגונג".

אויף דער 4־טער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע, אין אויגוסט 1913, האָט ה. עהרנרייך דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון „אחוה". ער האָט ביי דער געלעגנהייט אינפאָרמירט, אַז אין אַמעריקע באַמערקט זיך אַ שטרעבונג איבער־צוגיין פון שטאָט אין דאָרף. באַראַכאָוו האָט אויסגעדריקט זיינע ספקות אין סאָ־ציאַליסטישן כאַראַקטער פון די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס און געצווייפלט אין דער האָפענונג פון די עסטרייכישע חברים, אַז מען קען דורך קאָאָפּעראַטיוון איבערגיין אין ארץ ישראל דירעקט צום סאָציאַליזם. די רוסישע פּועלי ציון — האָט ער דערקלערט — באַציען זיך מיט סימפּאַטיע צו „אחוה", אָבער דאָס איז אַ פּריוואַטער ענין פון אַ צאָל מענטשן וואָס פאַראייניקן זיך צו אַ קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט, אָבער די וועלט־באַוועגונג קען זיך ניט שטיצן אויף דעם דאָזיקן פּראָיעקט. זרובבל און חאַזאַנאָוויטש האָבן פּאָלעמיזירט מיט באַראַכאָוון. חאַזאַנאָוויטש (כתריאל) האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט פון די חסידים פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, אָבער מען דאַרף אַרבעטן אין ארץ ישראל אויף אַלע אופנים, און אַזוי ווי די קאָאָפּעראַטיווע שיטה איז מער ראַציאָנעל, דאַרף מען איר שטיצן. „אונזער פליכט איז אַריינצוברענגען אַ סאָ־ציאַליסטישן גייסט אין די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל".

עהרנרייך האָט אָנגעוויזן אין ויכוח, אויף דער רייכער דערפאַרונג פון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן אויפן געביט פון אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָ־ניעס. קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס זענען טאַקע ניט סאָציאַליזם, אָבער זיי זענען ניט סותר דעם סאָציאַליזם. „אחוה" איז ניט קיין דירעקטער פּאַרטיי־אויפטו, אָבער די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן איינפלוס פון די פּועלי ציון. „מיר ווילן ניט זאָרגן פאַר דער גאַנצער וועלט. זי וועט זיך באַפרייען אָן אונז. מיר ווילן זיך אַליין אויסלייזן, און דערמיט וועלן מיר דערפילן אונזער סאָציאַליסטישע פליכט".

די וועלט־קאָנפערענץ האָט באַגריסט די „אחוה״ און גערופן אַלע לאַנד־פּאַרטייען צו גרינדן ענלעכע גרופּן זיך צו באַזעצן אין לאַנד אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

אויף דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), איז געוואָרן באַריכטעט, אַז „אחוה״ האָט 50 מיטגלידער און אַז בקרוב וועט זי האָבן נאָך 150. די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט די געזעלשאַפט און פאַרפליכטעט אַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען צו געבן „אחוה״ די קרעפטיקסטע שטיצע און אָנצופירן אַן ענערגישע אַגיטאַציע פאַר דעם געדאַנק פון „אחוה״ צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט.

דר. סירקין האָט אין זיין רעפעראַט געבראַכט ביישפּילן פון דערפאָלג פון די קאָאָפּעראַטיוון אין דענעמאַרק. „אחוה״ דאַרף פאַראייניקן קאָלאָניזאַציע מיט אינדוסטריע. די אידן זענען געווען די איניציאַטאָרן פון נייע אינדוסטריעס אין פיל לענדער. זיי דאַרפן עס ווערן אויך אין ארץ ישראל. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער מעגלעכקייט פון אַנטוויקלען דאָרט די קליידער־און שיך־אינדוסטריע. די מיטגלידער פון „אחוה״ וועלן אין זייער קאָלאָניע איינפירן די מילך־ווירטשאַפט, וואָס האָט אַ גרויסע צוקונפט. 200 מיטגלידער פון „אחוה״ וועלן דאַרפן מאָביליזירן 100,000 דאָלער. דער נאַציאָנאַל־פאָנד וועט געבן באָדן און ווען עס וועט נויטיק זיין וועט מען קריגן קרעדיט.

אין דער דיסקוסיע האָבן קראָנענבערג פון מאָנטרעאָל און אַנדערע דעלע־גאַטן אויסגעדריקט זייערע ספיקות אין די מעגלעכקייטן פון „אחוה״. מיר אָפּערירן מיט אַ שטאָטישן עלעמענט, אָן לאַנדווירטשאַפטלעכער דערפאַרונג. עפּשטיין פון קליוולאַנד האָט אויסגעדריקט זיינע ספקות, צי מען קען פאַראייניקן פאַרמעריי מיט אינדוסטריע.

די מיינסטע דעלעגאַטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר „אחוה״. מ. וויינשטיין פון ראָטשעסטער האָט אינפאָרמירט, אַז דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט "אחוה״ נאָך איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ געזעלשאַפט אין ניו יאָרק. לאַ־זאַרוס פון דעטראָיט האָט דערציילט, אַז „אחוה״ האָט שוין דאָרט פיל מיטגלידער. „אחוה״ דאַרף זיך נישט געפינען אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי דאַרף בלויז געבן דער „אחוה״ איר מאָראַלישע אונטערשטיצונג [242].

די ווערבירונג פון מיטגלידער איז ניט אָנגעגאַנגען אין דערוואַרטעטן טעמ־פּאָ, און אויף אַ זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט, אָנהייב דעצעמבער, 1913, איז געוואָרן באַטראַכט אַ פאָרשלאָג צו פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער, וואָס מען דאַרף ווערבירן ביז 100. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצופרעגן די חברים פון ארץ ישראל, זייער מיינונג אין דער פראַגע.

פון ארץ ישראל איז געקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. די עקזעקוטיווע פון „אחוה״ האָט וועגן דעם מיטגעטיילט אין „פּועלי ציון בולעטין״, נומ. 20 (יוני, 1914). די „אחוה״ האָט דאַן געציילט 90 חברים און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן די ערשטע קאָלאָניע, ווען עס וועלן זיין 100 מיטגלידער. אין ארץ ישראל האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 20, וואָס האָט זיך דערקלערט גרייט אָנ־צושליסן אין „אחוה״. אויך פון רוסלאַנד און ענגלאַנד זענען געקומען מעלדונגען פון אַ צאָל מענטשן, דאָס זיי ווילן זיך אָנשליסן אין דער געזעלשאַפט.

פון א. בלומענפעלד, דעם לייטער פון אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט אין יפו, איז געקומען אַ ידיעה אָנהייב 1914, אַז ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג מיט אַגראָנאָמען. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר 100 משפחות וועט מען דאַרפן האָבן 9,000 דונאַם ערד, ניט ווי מען האָט פריער גערעכנט 6,000 דונאַם פאַר 200 משפחות. וועגן די מעגלעכקייטן אויפן געביט פון אינדוסטריע — וועט גערופן ווערן אַ ספּעציעלע באַראַטונג. אין פּתח תקוה האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ גרופּע פון 20 דערפאַרענע אַרבעטער וואָס זענען שוין יאָרן אין לאַנד. זיי האָבן באַשלאָסן איינצאָלן דאָס ערשטע יאָר 5,000 פראַנק און די איבעריקע 2,000 פראַנק אויסצאָלן אין משך פון 8 יאָר.

מיטן אויסברוך פון קריג איז די אַרבעט פון „אחוה" געוואָרן אָפּגעשוואַכט. אין דעצעמבער, 1914, איז פאָרגעקומען אַ „אחוה"־קאָנפערענץ, בעת דער 8טער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער, מיטן אנטייל פון דעלעגאַטן פון ניו יאָרק, באָס־טאָן, באָפאַלאָ, טאָראָנטאָ, נואַרק און ראָטשעסטער. ש. קאַפּלאַנסקי האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער הויפּט־לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד. די קאָנפערענץ האָט אָנ־גענומען אַ רייע אָרגאַניזאַציע־באַשלוסן. ס'איז געוואָרן אויסגעוויילט אַ פאַר־וואַלטונג פון 7. אין איר זענען אַריין: י. גאָלדמאַן, י. מאהעל (פינאַנס־סעקרעטאַר), ב. סטאַדאָלסקי, ה. ערנרייך (הויפּט־סעקרעטאַר), מ. קאַצמאַן (געהילפס־סעקרע־טאַר), י. רודערמאַן און י. רשבם (קאַסירער). אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע זענען אַריין: י. אַפּלבוים, מ. בראַון און וו. שוואַרץ.

אויף דער 9טער קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (אויגוסט, 1915), איז גע־וואָרן באַריכטעט, אַז די „אחוה" מאַכט ניט קיין פאָרשריט. די אַרבעט איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט. טאָראָנטאָ האָט מודיע געווען אין מיטן 1916, אַז עטלעכע חברים פון „אחוה" זענען אַריבער צום „החלוץ".ביידע גרופּן האָבן געעפנט צוזאַמען קורסן פאַר העברעאיש.

אין אָקטאָבער, 1916, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פאַר „אחוה", בעת דער 10טער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, מיטן אנטייל פון דעלעגאַטן פון 9 שטעט. זרובבל האָט זיך געקלאָגט אין זיין רעדע, אַז דער „אחוה"־געדאַנק איז ניט גענוג פּאָפּולער אין דער פּאַרטיי. דער דורכגעפירטער רעפערענדום צווישן די מיטגלידער פון „אחוה" האָט באַשלאָסן מיט אַ גרויסער מערהייט ווייטער פאָרצוזעצן די אַרבעט. ס'איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג. אין איר זענען אַריין י. גאָלדמאַן, י. דזשוליאַן פון נואַרק, מ. סיגל (פינאַנס־סעקרעטאַר), י. קאַצמאַן (קאָרעספּ. סעק־רעטאַר), נ. קויפמאַן און י. רשבם (טרעזשורער). דער פּאַרטיי־צענטראַל קאָמי־טעט און דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָבן דעלעגירט אין דער פאַרוואַלטונג צו צוויי פאַרשטייער.

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט פון פּראָפּאַ־גאַנדע און אַגיטאַציע פאַר „אחוה". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ קאָנפערענץ מיט ארץ־ישראל'דיקע קאָלאָניזאַציע־עקספּערטן, און צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ טעטיקייטס־פּלאַן פאַר „אַחוה".

די גרופּע „אחוה" אין פּתח תקוה האָט אין מאַי, 1914, אָנגעהייבן באַאַרבעטן פּרדסים און ווייַנגערטנער מיטן צוועק אָנצוזאַמלען דערפאַרונג ביי דער אַרבעט און קענען שפּעטער העלפן די אַמעריקאַנער חברים ביים איינאָרדנען זיך אין לאַנד. די קבוצה האָט עקזיסטירט די גאַנצע מלחמה־צייט און אויך אַ געוויסע צייט נאָך

איר. זי האָט געשטויסן צו דער שאַפונג פון נאָך עטלעכע קבוצות אין פתח־תקוה („עבודה", „עמל", „ירק", „קבוצת אחים"). „אחוה" האָט אויך געדינט אַלס אויפנאַם־פּלאַץ פאַר נייע חברים, וועלכע האָבן דאָרט באַקומען די ערשטע הכשרה און געלערנט זיך צוצופּאַסן צום לעבן אין לאַנד. ביים מלחמה־אויסברוך האָט די קבוצה געציילט 21 חברים. די קבוצה האָט אויך געזאָרגט, אַז עס זאָלן אַרבעטן אָרגאַניזירטע אַרבעטער און זי האָט געצאָלט פאַר זיי דעם אנטשפּרעכנדיקן אָפּצאָל אין דער הסתדרות און אין דער קופּת־חולים. אין אָקטאָבער, 1923, האָבן די חברים פון דער קבוצה „אחוה" געבילדעט דעם קערן פון דער קבוצישער אַרבעטער־ווירטשאַפט יגור, נעבן חיפה [243].

וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון „החלוץ", „אחוה" און אַנדערע גרופּן פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע — וועלן מיר דערציילן אין די ווייטערדיקע בענד.

.24

# דער אידישער לעגיאָן

אין דער געשיכטע פון אידישן לעגיאָן אין ערשטן וועלט־קריג האָבן די אַמעריקאַנער פּועלי ציון פאַרנומען אַ גאַר חשוב׳ן פּלאַץ. פיל הונדערטער פּועלי ציון־חברים פון פאַרשידענע שטעט האָבן וואָלונטירט אין די רייען פון לעגיאָן און מיטגעריסן דורך זייער אַגיטאַציע טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

אין די ערשטע יאָרן פון וועלט־קריג איז אין דער אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי אָנגעגאַנגען אַ הייסער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון לעגיאָן. אַן ענלעכער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער פון די עליים. די אַקטיוויסטישע ריכטונג, געפירט פון זשאַבאָטינסקי און מאיר גראָסמאַן, האָט אין איר אָרגאַן אין קאָפּענהאַגן „די אידישע טריבונע״, געפירט זינט זומער, 1915, אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע פאַר אַ אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל קעמפן אויף דער זייט פון די עליים. קעגן לעגיאָן־געדאַנק זענען אַרויסגעטראָטן ניט נאָר די אָנהענגער פון דער נייטראַלער ריכטונג, רעפּרעזענטירט דורך דער ציוניסטישער לייטונג און איר ביוראָ אין קאָפּענהאַגן, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקער טייל פון ציוניסטישע פירער, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף אַ זיג פון דער קאָאַליציע.

אין מאַי, 1915, האָט ל. חאַזאַנאָוויטש פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע דערקלערונג פון פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּועלי ציון קעגן די אָנהענגער פון לעגיאָן. די ארץ־ישראלדיקע חברים און נחמן סירקין האָבן שאַרף געטאַדלט חאַזאַנאָוויטשן פאַר דער דאָזיקער דערקלערונג. דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי איז געווען צעטיילט אין זיינע מיינונגען. הגם די מערהייט האָט זיך צו יענער צייט אַרויסגעזאָגט קעגן לעגיאָן־געדאַנק, אָבער אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז חאַזאַנאָוויטש האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרעפנטלעכן די דערקלערונג אין נאָמען פון פאַרבאַנד ביוראָ, ניט פעסטשטעלנדיק פריער די מיינונג פון די וויכטיקסטע פּאַרטייען פון וועלט־פאַרבאַנד. אויפן פאָרשלאַג פון א. כאַשין האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן נישט אָנצונעמען קיין שטעלונג צו חאַזאַנאָוויטשעס דערקלערונג, מיטן מאָטיוו, אַז אין אַמעריקע וועט די דאָזיקע דערקלערונג סיי־וי ניט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּרעסע.

ביסלעכוויז איז אָבער געוואַקסן די צאָל אָנהענגער פון לעגיאָן. פּנחס רוטענבערג האָט קומענדיק קיין אַמעריקע פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור (געשריבן אין רוסיש און איבערזעצט אין אידיש) אין וועלכער ער האָט פאָרמולירט די שלום־צילן פון אידישן פאָלק. איין קאַפּיטל אין דער בראָשור איז געווען געווידמעט דעם אידישן לעגיאָן, אָבער די אַרויסגעבער פון דער בראָשור האָבן דעם קאַפּיטל ניט פאַרעפנטלעכט. רוטענבערג האָט אָבער ווייטער ווערבירט אָנהענגער פון לעגיאָן־געדאַנק. די פּועלי ציון האָבן דורכגעפירט אַן אינערלעכן רעפערענדום: „וואָס זאָל

זיין אונזער שטעלונג אין פּאַל ווען מען וועט זיך נייטיקן אין אידישן לעגיאָן?"
ביסלעכווייז זענען געוואָרן געוואונען פּאַרן לעגיאָן־געדאַנק פיל פירנדיקע טוער
פון דער פּאַרטיי, דערונטער אויך בער באָראָכאָוו און דר. חיים זשיטלאָווסקי [244]).

אין זומער, 1915, האָט אַ זיצונג פון גרויסן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין קאָפּענ־האָגן מיט דער באַטייליקונג פון די מיטגלידער פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, ענגלאַנד און האָלאַנד אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַקעמפן אומעטום די לעגיאָן־באַוועגונג. ס'איז אפילו געוואָרן אָפּגעוואָרפן זשאַבאָטינסקי'ס פּשרה־רעזאָלוציע אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל דערקלערן, אַז זי איז נייטראַל צו דער לעגיאָן־פראַגע און ער — זשאַבאָטינסקי — וועט אָפיציעל אַרויסטרעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און וועט פירן זיין אַרבעט אַלס אַ יחיד. אָבער ביסלעכווייז האָט דער לעגיאָן־געדאַנק געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאַרשידענע קרייזן. אויך דר. וויצמאַן האָט זיך, נאָך געוויסע ספקות, דערקלערט אַלס אָנהענגער פון אידישן לעגיאָן. אויך דער אַלטער באַראָן ראָטשילד (דער נדיב הידוע) איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דעם פּלאַן. אין ארץ־ישראל זענען פאַר דעם פּלאַן אַרויסגעטראָטן אין דער ערשטער רייע פיל אַרבעטער־טוער פון די פּועלי ציון, אומפּאַרטייאישע, „השומר" און אויך עטלעכע פירער פון „הפועל הצעיר" [245]).

דעם ערשטן קערנדל פון אידישן לעגיאָן, דעם גאַליפּאָלער לעגיאָן, האָבן געשאַפן הונדערטער פּליטים פון ארץ ישראל, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעטריבן פון לאַנד און זיך דערשלאָגן קיין עגיפּטן. צו אַ קאַמף צווישן זשאַבאָטינסקי'ן און די ארץ־ישראלדיקע לעגיאָנערן איז געקומען מיטן מאָמענט, ווען די ענגלישע מיליטער־מאַכט האָט געוואָלט שיקן די לעגיאָנערן קעמפן אין גאַליפּאָלי. די ארץ ישראלדיקע האָבן געוואָלט קעמפן נאָר אין ארץ ישראל; זשאַבאָטינסקי איז געווען נוטה מסכים צו זיין צו די באַפעלן פון דער ענגלישער מיליטער־קאָמאַנדע.

נאָך לאַנגע וואַקלענישן האָבן די ארץ־ישראלדיקע פּליטים דאָך מסכים געווען אָנצונעמען דעם ענגלישן פאָרשלאַג. אַ שטאַרקע ווירקונג האָט אויף זיי געמאַכט די דערקלערונג פון ענגלישן גענעראַל, וואָס איז געקומען אין באַראַק פון די ארץ ישראלדיקע פּליטים מיט זיין סוויטע: „דאָס בריטישע פאָלק האָט פאַר דעם אידנטום אַ טיף געפיל פון פריינטשאַפט — די דאָזיקע פריינטשאַפט וועט פאַרגעזעצט ווערן אין דעם צוקונפטיקן אידישן ארץ ישראל. צי זענט איר גרייט צו דריקן די האַנט, וואָס איז צו אייך געוואָרן אויסגעשטרעקט, אָדער ווילט איר זי אָפּשטויסן פון זיך?" דאַן איז אַנטשטאַנען דער „ציון־מיול־קאָרפּוס", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן דעם ענגלישן פראָנט מיט טראַנספּאָרטן פון לעבנסמיטל און אַמוניציע. די קאָמאַנדאָ־שפּראַך איז געווען העברעאיש. בראש פון „ציון־מיול־קאָרפּוס" זענען געשטאַנען דער ענגלישער אָפיציר דזש. ה. פּאַטערסאָן און יוסף טרומפּעלדאָר אַלס זיין אַדיוטאַנט.

דער „ציון־מיול־קאָרפּוס" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיכטיקייט און העלדישקייט. מיט באַוואונדערונג האָט מען גערעדט אויף דעם ענגלישן גאַליפּאָלי־פראָנט וועגן אידישן „איינהענטיקן קאַפּיטאַן", וועלכער פירט דורך אונטער אַ האָגל פון קוילן און שראַפּנעלן די שווערסטע טראַנספּאָרטן. נאָכן דורכפאַל פון דער גאַליפּאָלי־עקספּעדיציע פון די קאָאַליציע־מלוכות, האָט די ענגלישע מאַכט אויפגעלייזט דעם „ציון־מיול־קאָרפּוס" אין זומער, 1916. טרומפּעלדאָר און אַ

טייל פון זיינע סאָלדאַטן פון מיול־קאָרפּוס, וואָס האָט געציילט 600 מאַן, זענען געקומען קיין ענגלאַנד, וואו ס׳איז דאַן רייף געוואָרן דער פּלאַן פון אַן אמתן אידישן לעגיאָן [246]).

אין אַמעריקע האָט זיך אין 1917 באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע פאַר אַ אידישן לעגיאָן. אַ מעכטיקן שטויס האָט באַקומען די לעגיאָן־באַוועגונג נאָכן פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, דעם 2טן נאָוועמבער, 1917. דאָס הויפּט־קערנדל פון לעגיאָן אין אַמעריקע האָבן געבילדעט די 200 פּליטים פון ארץ ישראל, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין אַמעריקע און די איבער 100 מיטגלידער פון „החלוץ״, וואָס האָבן זיך געריסן צו קומען קיין ארץ ישראל. בן גוריון און בן צבי האָבן דאַן אָפּגעגעבן פיל צייט אין אַמעריקע דער וואַקסנדיקער לעגיאָן־באַוועגונג.

די פירער פון דער באַוועגונג האָבן זיך געווענדעט מיט אַ פאָרשלאָג צו דער בריטישער רעגירונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון ענגלישן קאָנסול אין ניו יאָרק, מען זאָל זיי דערלויבן ווערבירן פריוווּליקע פאַר אַ אידישן לעגיאָן, דערביי האָבן זיי אַרויסגעשטעלט פאָלגנדיקע באַדינגונגען:

1) עס זאָל מאָביליזירט ווערן אין אידישע איינהייט און ניט, אַז מען זאָל די לעגיאָנערן צעשפּרייטן צווישן אַנדערע באַטאַליאָנען; 2) דער אידישער לעגיאָן זאָל געשיקט ווערן בלויז אויפן ארץ ישראל־פראָנט; 3) העברעאיש זאָל זיין די שפּראַך פון די באַפעלן; 4) די אויסערלעכע סימנים זאָלן זיין אידישע. די באַדינגונגען זענען געוואָרן אָנגענומען און ס׳האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע אַגיטאַציע פאַרן לעגיאָן, טראָץ די שטערונגען פון די קעגנער.

אין דער פּאַרטיי איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון לעגיאָן. ש. קאַפּלאַנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן לעגיאָן א. נ. „דער מלחמה־ציוניזם״ [247]), אָבער די שטימונגען פאַרן לעגיאָן זענען שנעל געוואַקסן. דעטראָיט איז געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון דער לעגיאָן־באַוועגונג. דאָרט איז אויך אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפט „דער רויטער מגן דוד״ צו פאַרזאָרגן די לעגיאָנערן מיט מלבושים, מעדיקאַמענטן וכדומה. עס זענען געוואָרן אַרויסגעגעבן 3 נומערן פון „בולעטין פון רויטן מגן דוד״, רעדאַגירט דורכן באַקאַנטן דיכטער ה. רויזנבלאַט, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין דעטראָיט. גרשון אוורוניך, די ביסקינס און אַנדערע חברים האָבן געפיבערט מיט טעטיקייט פאַרן לעגיאָן.

אין יאַנואַר, 1918, שרייבט דער צענטראַל קאָמיטעט אַ בריוו קיין שיקאַגאָ, אַז די ווענדונג פון דער לייטונג פון „החלוץ״ וועגן ווערבירן וואָלונטירן פאַרן לעגיאָן, איז געטאָן געוואָרן אָן וויסן פון צענטראַל קאָמיטעט. אָבער אין אַפּריל שרייבט ה. עהרנרייך אין אַ בריוו צו נ. חפץ, אין מאָנטרעאל, אַז יעדער חבר פון צענטראַל קאָמיטעט איז פאַרן לעגיאָן אָבער דער צענטראַל קאָמיטעט אַלס אַזעלכער קען ניט נעמען קיין שטעלונג, ווייל ער איז געבונדן מיט דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי קעגן קריג. די עצה צו די חברים אין מאָנטרעאל איז אויך, אַז די חברים וואָס זענען פאַרן לעגיאָן זאָלן ווייטער פירן די אַרבעט, ניט אָראַנזשירנדיק אָפיציעל דעם פאַראיין אַלס אַזעלכן. אין אַ מעלדונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון 8טן מערץ, 1918, ווערט איבערגעגעבן, אַז פון פיל פאַראיינען גייען אַוועק אין לעגיאָן די בעסטע, ערפאַרנסטע און עלטסטע חברים. דער אויפרוף פון לעגיאָן־

קאָמיטעט, פאַרעפנטלעכט פּראָמינענט אין דער אידישער טאָג־פּרעסע, דעם 5טן מערץ, 1918, איז געוואָרן אויפגענומען מיט באַגייסטערונג אין אַלע עקן לאַנד.

דער פלאַמנדיקער אויפרוף האָט זיך געשלאָסן מיט די ווערטער:

„ברידער און פריינט!

„קעמפנדיק פאַר ארץ ישראל, פאַר אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל פאַרן אידישן פאָלק, שטעלן מיר זיך אַוועק אין הייליקן פריהייטס־פּראָצעס, וואָס ציט זיך איבער גאָר דער וועלט, קעמפן מיר פאַרן זיג פון דער דעמאָקראַטיע אין גאָר דער וועלט, טראָגן מיר הויך די פאָן פון רעוואָלוציע, דעם לאָזונג פון פרייהייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

„עס איז געקומען די שעה. אונזערע ערשטע קעמפער זענען שוין אַרויס צום שלאַכטפעלד, און מיר קומען צו אייך און זאָגן: שטעלט אייך אין די מחנות פון פאָלק! שליסט זיך אָן אין אידישן לעגיאָן. הייבט אויף די פאָן פון ציון איבער אייער קאָפּ. ענטפערט! ענטפערט!"...

אונטערן אויפרוף האָבן פיגורירט די אונטערשריפטן פון אליעזר מר חיים, ראובן ברייניז, דוד בן גוריון, יצחק בן צבי, נסים בכר, יהושע גאָרדאָן, שלמה גאָלדנבערג, מתתיהו גוטביטער, דר. חיים זשיטלאָווסקי, משה משיבסקי, דר. נחמן סירקין, דר. נחום סלושטש, דר. ש. עלסבערג, משה קאַץ, פּייזל ראַבינאָוויטש.

„דער אידישער לעגיאָנער" האָט אָפּגעשפּיגלט דעם פאַרנעם פון דער לעגיאָן־באַוועגונג. אין באָסטאָן האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם די רעדע פון דר. נחמן סירקין. דער באָסטאָנער גאָווערנאָר האָט אין זיין קורצער רעדע געזאָגט: „איר גייט קעמפן פאַר אייער לאַנד, זייט געבענטשט". דער „אידישער לעגיאָנער" האָט דערויף קאָמענטירט: „זיי פאַרשטייען אונז בעסער ווי אונזערע ברידער, אונזערע מהיפית'ניקעס האָבן מורא פאַרן „מה יאמרו הגוים" און די גוים זאָגן דווקא דאָס זעלבע ווי מיר".

דעם 20טן מערץ איז אין וואַשינגטאָן געוואָרן איבערגעגעבן אַ אידישע פאָן די 170 לעגיאָנערן אין ניו יאָרק און די טויזנטער פאַרזאַמלטע אויף אַ מאַסן־מיטינג. קאָלאָנעל דעניס, וואָס האָט איבערגעגעבן די פאָן האָט געוואונטשן: „איר זאָלט קענען דורכמאַרשירן מיט דער פאָן איבער די גאַסן פון ירושלים".

אין „אידישן קעמפער" פון 29טן מערץ, 1918, איז דערשינען דער פאָלגנ־דיקער אַנאָנס:

„קעמפט פאַר ארץ ישראל. אידישע יונגעלייט, וועלכע זענען ניט אונטער־געוואָרפן דעם דרעפט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, שליסט זיך אָן אין דעם אידישן באַטאַליאָן צו דינען בלויז אין פאַלעסטינע.

די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרשפּראָכן צו העלפן די אידן גרינדן אַ נאַציאָ־נאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק אין פאַלעסטינע.

איר, אידישע יונגעלייט האָט איצט אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן די הבטחה, דורך דעם, וואָס איר וועט זיך אָנשליסן אין אידישן לעגיאָן.

שליסט זיך אָן איצט!

און איר וועט קענען אָפּפאָרן דעם 11טן אַפּריל.

די דאָזיקע גרופּע וועט זיין דורכאויס אידיש, וועט האָבן איר אייגענע פאָן און דער מגן דוד וועט זיין איר עמבלעם.

ווענדעט זיך נאָך ווייטערע אינפאָרמאַציעס אין הויפּט־אָפיס פון אידישן לעגיאָן, 169 איסט בראָדוויי".

אן אינטערעסאַנטע שילדערונג פון יענער צייט געפינען מיר אין אַרטיקל פון פּינחס גינגאָלד אין יובל־נומער „אידישער קעמפער" (דעצעמבער, 1935), אונטערן נאָמען „די פּאַרטיי און דער אידישער לעגיאָן".

גינגאָלד דערציילט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז אָפיציעל געווען נייטראַל צו דער לעגיאָן־באַוועגונג, אַנדערש אָבער האָבן זיך געהאַלטן די איינצלנע פאַראיינען אין דער פּאַרטיי. פיל פון זיי זענען אָנגעצונדן געוואָרן מיטן פאַרלאַנג אויסצודריקן אויפן שטאַרקסטן אופן דעם ציוניסטישן ווילן אין באַטייליקן זיך אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן אין דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. די וויכטיקסטע מענטשן אין די פאַראיינען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. יעדע גרופּע לעגיאָנערן, וואָס איז אָפּגעפאָרן, האָט מיט זיך מיטגענומען פירנדיקע און אַקטיווע חברים. די געזעגנונגס־און אָפּשיידס־אָוונטן, וואָס מ'האָט אין יעדער שטאָט געמאַכט פאַר די אָפּרייזנדיקע לעגיאָנערן, זענען געווען דורכגעפירט פון די פּועלי ציון טוער. די לעגיאָן־באַוועגונג איז מערסטנס געלעגן אין פּועלי ציון־הענט. ניט נאָר איז דעמאָלט די פּועלי ציון־באַוועגונג איבערן לאַנד כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַקטיווע טוער, נאָר אפילו די באַוועגונג פאַר אידישע שולן איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל די פּועלי ציון־טוער זענען אַוועק „אין קאַמף פאַר פאָלק און לאַנד".

דער צענטראַל קאָמיטעט איז טאַקע געבליבן נייטראַל, אָבער די טעטיקסטע צענטראַל קאָמיטעט־חברים זענען אַריינגעשפּרונגען מיט זייער גאַנצן יונגן ענטוזיאַזם אין דער לעגיאָן־באַוועגונג. איינצלנע צענטראַל־קאָמיטעט־חברים האָבן אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו זיך געווענדעט קיין וואַשינגטאָן און האָבן פון דער רעגירונג געקריגן אַ דערלויבעניש צו פאַרמירן דעם לעגיאָן. דער ערשטער וואָס האָט זיך פאַרגעשלאָגן צו זיין אַ לעגיאָנער, איז געווען דר. נחמן סירקין, און דער ערשטער וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין לעגיאָן איז געווען אַ פּועלי ציון. דער קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט שאַפן דעם לעגיאָן, איז באַשטאַנען פון פּועלי ציון מיט אַ מערהייט פון צ. ק.־מיטגלידער.

„אַ דאַנק דער אָנפירערשאַפט פון די פּועלי־ציון מיטן לעגיאָן האָט אין דער פּראָפּאַגאַנדע אינגאַנצן געפעלט דער ספּעציפישער „מלחמה־פּאַטריאָטיזם". אדרבא, אין דער אַגיטאַציע האָט זיך שטענדיק געפילט דער טאָן פון אַפּאָלאָגעטיק. מען האָט זיך כסדר געהאַלטן אין פאַרענטפערן, פאַרוואָס מען האָט אַ שייכות צו מלחמה. די צענדליקער פרייע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן אָוונט אויף די פאַרשיידענע גאַסן פון שטאָט און פלעגן באַזוכט ווערן פון טויזנטער מענטשן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּהאַנדלונגען וועגן אידישע פראַגן און פּראָבלעמען. ניו יאָרק און צענדליקער אַנדערע שטעט האָבן קיינמאָל ניט געהערט אַזוי פיל אידישע רעדנער און אידישע רעדעס, ווי אין די צייטן פון אידישן לעגיאָן.

„עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס די איינצלהייטן פון דער לעגיאָן־געשיכטע זענען נאָך ניט אויפגעשריבן געוואָרן. איך דערמאָן זיך די גרויסע טראַקס, וואָס פלעגן זיך אָוועקשטעלן פּונקט צוועלף אַ זייגער ביי טאָג אַרום די גרויסע שניידערשעפער, וואו עס האָבן געאַרבעט אידישע אַרבעטער. אַזוי שנעל ווי די אַרבעטער

פלעגן אָנהייבן אַרויסקומען אין די טויזנטער פון די שעפּער, כּדי עפּעס אָפּ־צועסן, פלעגט דער רעדנער־לעגיאָנער אָנהייבן זיין רעדע און אַפּעלירן צו די אַרבעטער, אַוועקצולייגן דעם שער און נאָדל און זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי פון די באַפרייער פון אידישן לאַנד. די סצענעס, ווי צענדליקער אַרבעטער פלעגן אַרויפשפּרינגען אויף יעדן רעדנער־וואָגן, אָפּגעבן אַ דערקלערונג, אַז זיי גיבן אויף דעם שאַפּ און זייער אַרבעט און אָפּנעמען די שבועה פון לעגיאָן, זענען פאַר איינעם, וואָס האָט זיי בייגעוואוינט — אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן.

„אַ סך פאָלקלאָר איז געשאַפן געוואָרן אין און אַרום לעגיאָן. די רעדעס פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי רוטענבערג, בן גוריון, בן צבי, דר. סירקין, דר. יוסף זעוו און אַנדערע, וואָלטן צוזאַמענגעשטעלט אַ וויכטיק בוך פון אַ ספּעציפישער אידישער אויפפאַסונג פון די צילן און אויפגאַבן פון אַן אַרמיי".

מיכל מרגליות שילדערט אין זיינע ניט־פאַרעפנטלעכטע זכרונות די לעגיאָן־טעג אין דעטראָיט: פיל טויזנטער זענען געקומען צום מאַסן־מיטינג אין שטאָט־טעאַטער מיט דר. סירקין אַלס צענטראַלער רעדנער. מען האָט זיך בוכ־שטעבלעך געשלאָגן צו באַקומען אַ פּלאַץ אין איבערגעפּאַקטן טעאַטער־זאַל. אַרום דעם טעאַטער־זאַל האָבן זיך צונויפגעקליבן טויזנטער מענטשן אויסער די טויזנטער באַגייסטערטע צוהערער אין זאַל. סירקין האָט גערעדט ווי אַ נביא און דער ריזיקער עולם האָט געשלונגען זיינע גליענדיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגט מיט טיפן פּאַטאָס. אויף אַנדערע מיטינגען זענען אויפגעטראָטן יואל ענטין, קריטשמאַר־איזראַעלי, דר. קאַפּעלאָוויטש, וואָס איז פריער געווען אַ קעגנער פון לעגיאָן און אַרטיקע רעדנער. די פירער פון לעגיאָן־קאָמיטעט זענען געווען די פּועלי־ציון־חברים אוורונין, חגי און מרגלית.

עס זענען פאָרגעקומען פיל מאַסן־מיטינגען און פּאַראַד־מאַרשן איבער די גאַסן. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן טויזנטער פלוג־בלעטלעך און טויזנטער נומערן פון „לעגיאָנער". די מאַסן־מיטינגען פלעגן זיך אָנהייבן מיט אַ מאַסן־פּאַראַד. פאָראויס פלעגט מאַרשירן אַן אָרקעסטער, דאַן די אָנגעשלאָסענע לעגיאָ־נערן, די קאַנדידאַטן אויף אָנשליסן זיך און אַ גרויסער המון פון דער גאַס. דער דיכטער ה. רויזנבלאַט האָט אויף אַ פייערלעכן באַנקעט זיך געזעגנט מיט דער ערשטער גרופּע אָפּפאָרנדיקע לעגיאָנערן. אַ גרויסן איינדרוק האָבן געמאַכט די האַרציקע ווערטער פון דער 60 יאָריקער מוטער פון ס. פויזנער, וואָס האָט זיך געזעגנט מיט איר זון פאַר זיין אָפּפאָר צום פראָנט. די מוטער האָט זיך אַריינ־געוואָרפן מיט גרויס ענטוזיאַזם אין דער אַקציע פאַרן „רויטן מגן דוד". זי איז שטענדיק צוזאַמען מיט אַנדערע דריי פרויען געגאַנגען בראש פון די פּאַראַדן פון „רויטן מגן דוד", וואָס האָט מאַרשירט איבער די גאַסן מיט אַ אידישער פאָן, זאַמלענדיק געלט פאַר שיקן מעדיצינישע הילף די קאַמף־גרופּן פון לעגיאָן.

דער „רויטער מגן־דוד" האָט אַרויסגעגעבן אין דעטראָיט עטלעכע נומערן פון „בולעטין פון רויטן מגן דוד", רעדאַגירט דורך ה. רויזנבלאַט. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט די ידיעה, אַז גרשון אוורונין — דאַן אַ פאָטער פון צוויי קינ־דער — האָט זיך מאָביליזירט אין לעגיאָן. פון דעטראָיט זענען אַוועק 82 יונגע־לייט אין לעגיאָן, די גרויסע מערהייט, חברים פון פּועלי ציון.

אויך בן גוריון און בן צבי זענען געווען צווישן די וואָלונטירן אין לעגיאָן. דעם 5טן מאַי, 1918, האָט זיך די פּאַרטיי מיט זיי געזעגנט אויף אַ באַנקעט אין

קלינטאָן האָטעל. דער „קעמפּער" האָט זיך מיט זיי געזעגנט אין אַ לייט־אַרטיקל, אונטערגעשטראָכן זייערע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, „ווען זיי האָבן געטריי געדינט מיט דער פּען און מיט דער צונג. אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אין די פאַרשידענע קאָמיטעטן און קאָמיסיעס — אומעטום האָט מען זיי געפונען, אומעטום האָבן זיי געטאָן גוטע, נוצלעכע אַרבעט. דער ענערגיע פון בן גוריונען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אָרגאַניזירונג פון אונזער אַרבעטס־קאָמיטעט און דעם אימפּולס פון אַרבעטן, וואָס דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט געקראָגן, און ווי וועט אונז פעלן דער צאַרטער, פריינטלעכער בן צבי. דאַרפן מיר נאָך זאָגן, אַז מיר ווינטשן זיי פאַרשאַנעוועט צו ווערן פון פיינטלעכע קוילן? אונזער פאָלק ברויכט זיי, אונזער לאַנד ברויכט זיי, אונזער פּאַרטיי אין ארץ ישראל וואַרט אויף זיי. זיי ווילן לעבן און טאָן די גוטע אַרבעט, צו וועלכער מען איז פון זיי געוואוינט"[248].

אין לעגיאָן האָבן זיך אויך מאָביליזירט דער דאַן 40 יאָריקער קריטשמאַר־איזראַעלי, וועלוול שוואַרץ, י. גאָלדמאַן, דער סעקרעטאַר־קאַסירער פון דער ערש־טער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין ניו יאָרק, און פיל אַנדערע אַקטיווע טוער.

פיל לעגיאָנערן האָבן אָפּגעשריבן אין זייערע צוואות זייערע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע דאָלער פאַר דער פּאַרטיי — אין פאַל פון טויט. דער פּאַלעסטינע־קאָמי־טעט, ווען די לעגיאָנערן פּוע"צ האָבן אָנפאַרטרויט זייערע געלטער, האָט דאַן אָנגעגעבן די סומע פון 10,000 דאָלער אין מזומן, אויסער פאַרשידענע ווערט־פּאַפּירן און פאַרזיכערונגס־פּאָליסיס, וואָס די חברים־לעגיאָנערן האָבן אים אָנ־געטרויט. אָן אייגנאַרטיקע הכנסה איז דאַן צוגעקומען דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט — די ציווילע קליידער פון די לעגיאָנערן וואָס זיי האָבן אויסגעטוישט אויף מי־ליטערישע. פון דעם איז אַריינגעקומען פאַר פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, איבער 1,500 דאָלער.

אַ צאָל לעגיאָנערן האָבן איבערגעגעבן זייערע אויטאָביאָגראַפיעס דעם פּאַ־לעסטינע־קאָמיטעט פאַר אַ ספּעציעלן „פּנקס" פון די לעגיאָנערן. פון 893 לעגיאָ־נערן, וואָס האָבן איבערגעגעבן זייערע אויטאָביאָגראַפיעס, זענען געווען 342 פּועלי ציון־חברים, 105 ציוניסטן, 12 מזרחיסטן, 58 אַלגעמיינע סאָציאַליסטן, 1 אַנאַרכיסט, 20 וואָס האָבן נאָר באַלאַנגט צו יוניאָנס און ניט צו אַ פּאַרטיי, 354 אומפּאַרטייאישע און איינער וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אינדוסטריאַליסט[249].

די דאָזיקע ציפער וואָס נעמט אַרום נאָר אַ געוויסן טייל פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן שעפּט ווייט נישט אויס די צאָל פּועלי ציון־חברים אין לעגיאָן. אין אַ בריוו צום צענטראַל קאָמיטעט פון די אַרגענטינער פּועלי ציון פון 19טן מערץ, 1918, אינפאָרמירט ה. עהרנרייך אַז פון דער ערשטער קאָמפּאַניע, וואָס איז אָפּגע־פאָרן מיט צוויי וואָכן צוריק זענען פון 180 לעגיאָנערן געווען 30 פּועלי ציוניסטן; אין דער איצטיקער גרופּע פון 300 איז די מערהייט פּועלי ציון; דעם צווייטן אַפּריל גייט אָפּ אַ גרופּע פון 500, צווישן זיי געפינט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל פּועלי ציון חברים. צווישן דער ערשטער גרופּע פון 50 לעגיאָנערן פון שיקאַגאָ זענען געווען 31 פּועלי ציון, דערונטער פירנדיקע חברים פון דער שיקאַגער אָרגאַניזאַציע. אויך אין קאַנאַדע האָבן די פּוע"צ געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דער טעטיקייט פאַרן לעגיאָן.

לײדער פאַרמאָגן מיר ניט קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל לעגיאָנערן

פון אַמעריקע און זייער פּאַרטייאישער צוזאַמענשטעל. אָבער מען קען אָן דער מורא אַריינצופאַלן אין אַ טאָן פון גוזמא באַהויפּטן, אַז די פּועלי ציון האָבן געשפּילט אַ פּירנדיקע ראָל אין דער לעגיאָן־באַוועגונג און אַז אַ גרויסע צאָל פון די אומ־פּאַרטייאישע זענען אויך געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די פּועלי ציון.

לויט אַן אָפּשאַצונג פון י. בן צבי האָבן זיך אין אַמעריקע אַנגעשלאָסן אין לעגיאָן אַרום 6,500 מאַן. עס איז געווען, לויט זיין מיינונג, מעגלעך צו רעקרו־טירן פיל מער, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וואָלט ניט געווען פאַרווערט אירע בירגער זיך אַנצושליסן אין פרעמדע לעגיאָנען, אָבער אַ סך אַמעריקאַנער ביר־גער האָבן זאָגאַר מוותר געווען אויף זייער אַמעריקאַנער ביגערשאַפט, כדי זיי זאָלן זיך קענען אַנשליסן אין אידישן לעגיאָן. „צווישן די לעגיאָנערן זענען געווען פאַרשידענע עלעמענטן, אָנהייבנדיק פון מענטשן מיט אַ הויכער בילדונג ביז מענטשן פון די נידעריקסטע שיכטן. עס זענען אפילו געווען אַ פּאָר גענגסטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די לעצטע זענען געווען אַן אויסנאַם. בדרך כלל איז דער מענטשן־מאַטעריאַל געווען צופרידנשטעלנדיק. אַ סך זענען געווען דערצויגן אין אידישן נאַציאָנאַלן גייסט. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן ניט געוואוסט קיין צורת אלף און האָבן אפילו קיינמאָל ניט געהערט וועגן ארץ ישראל. איין זאַך, אָבער, האָבן אַלע געוואוסט: „מיר גייען קעמפן פאַר אונזער לאַנד“.

אין מיטן זומער, 1918, זענען שוין געווען אין ענגלאַנד 3,000 לעגיאָנערן פון אַמעריקע. דאָס דערשיינען פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַגיטאַציע אין ענגלאַנד פאַרן אנשלוס אין לעגיאָן. פון די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן געבילדעט די אידישע קאַמף־איינהייטן פון לעגיאָן זענען 38 און 39 באַשטאַנען פון לעגיאָנערן פון אַמעריקע און ענגלאַנד און 40 פון מאָביליזירטע פון ארץ ישראל.

שלום שוואַרץ גיט אָן אין זיין בוך „זבוטינסקי לוחם האומה“ (ירושלים, תשי״ג), אַז סך הכול האָבן וואָלונטירט אין גאַר דער וועלט 10,000 יונגעלייט אין לעגיאָן. 5,000 זענען בכלל נישט געשיקט געוואָרן צום פראָנט, ווייל אין דער צווישנצייט האָט זיך דער קריג פאַרענדיקט. אין די קאַמפּס־אַקציעס אין עמק הירדן האָבן אנטיילגענומען 1,300 מאַן, די איבעריקע זענען געוואָרן סטאַנ־ציאָנירט אין עגיפּטן. לויט זייער אָפּשטאַם־לענדער זענען געווען געקומענע פון אַמעריקע 34 פּראָצענט, פון ארץ ישראל און עגיפּטן 30 פּראָצענט, פון ענגלאַנד 28, פון קאַנאַדע 6, פון אַרגענטינע 1 און קריגס־געפאַנגענע פון דער טערקישער אַרמיי 1 פּראָצענט. איבער 50 מענטשן זענען געפאַלן אין די שלאַכטן, אָדער גע־שטאָרבן פון די באַקומענע וואונדן און פון קרענק. נאָכן אָנגריף אויפן ירדן זענען דריי פערטל פון די אנטיילנעמער אין די שלאַכט־אָפּעראַציעס געוואָרן געשיקט אין מיליטערישע שפּיטאָלן.

די פּועלי ציון אין לעגיאָן זענען געווען טעטיק פאַר דער באַוועגונג אויך זייענדיק אין די אַרמיי־אוניפאָרמען. אין מיליטערישן לאַגער אין ווינדזאָר איז אַנטשטאַנען אין מאַי, 1918, אַ פּועלי ציון לעגיאָנערן פאַראיין און אַ פּועלי ציון יוגנט־קלוב, וואָס האָט דורכגעפירט צווישן די לעגיאָנערן זאַמלונגען פאַרן פּאַ־לעסטינע אַרבעטער פאָנד. שפּעטער ווען די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן זענען גע־קומען קיין עגיפּטן, האָבן זיי מיטגעהאָלפן צו שאַפן, אין אויגוסט, 1918, אַ פּאַר־איייניקטן קאָמיטעט פון פּועלי ציון, וואָס האָט צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ אין

קאַהירע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פּועלי ציון־אָרגאַניזאַציע אין לע־גיאָן און עפענען אַ ביוראָ אין קאַהירע, ניט ווייט פון מיליטער־קעמפּ, אַרויסגעבן זאַמלביכער אין אידיש און העברעאיש א. א.. אין ביוראָ פון 3 זענען אַריין צוויי חברים פון לעגיאָן — צפרוני פון ארץ ישראל און הגלילי פון אמעריקע.

די 128 דעלעגאַטן פון לעגיאָן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אויף דער פּאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין זומער, 1919, ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין פּתח תקוה די „אחדות העבודה״, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער שפּעטערדיקער „הסתדרות הפּועלים״ (געגרינדעט אין דעצעמבער, 1920 אין חיפה).

נאָר טיילן פון לעגיאָן זענען געוואָרן געשיקט צום פראָנט. דאָ האָט געהאַט אַ האַנט דער ענגלישער גענעראַל־שטאַב, וואָס האָט ניט געוואָלט, אַז דער לעגיאָן זאָל באַקומען צו פיל אָנזען. דאָס האָט געווירקט שלעכט אויף דער מאָראַל פון די לעגיאָנערן פון אמעריקע, וואָס האָבן באַלד נאָך זייער לאַנדן אין פּאָרט פון אַלעקסאַנדריע פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי שיקן צום פראָנט. דער גענעראַל־שטאַב האָט באַשטימט פאַר דעם לעגיאָן פונקציעס אויסער דעם פראָנט, ווי דאָס באַוואַכן די שטאָט חיפה, אָפּהיטן לאַגערן פון געפאַנגענע, אַמוניציע־סקלאַדן און די קאָמוניקאַציע־וועגן פון קאַנטארא ביז חיפה. צו אַ שטאַרקן אינצידענט צווישן לעגיאָן און דעם ענגלישן גענעראַל־שטאַב איז עס געקומען, ווען מען האָט רעקרוטירט אין רפיח (רפה) 120 סאָלדאַטן פון לעגיאָן צו העלפן איינשטילן דעם אויפשטאַנד אין עגיפּטן. די פירער פון לעגיאָן האָבן נישט געוואָלט פאָלגן דער דאָזיקער פאַראָרדנונג. זיי האָבן דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון לעגיאָן איז צו באַפרייען ארץ ישראל און ניט אונטערדריקן די פרייהייט פון אַן אַנדער פאָלק, אָדער פון אַן אַנדער לאַנד. דער לעגיאָן איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ וואַך פון ענגלישע סאָלדאַטן. דער ענגלישער קאָמענדאַנט האָט געשטעמפּלט די האַלטונג פון די לעגיאָנערן ווי אַ רעוואָלט און אַן אָפענער ברוך פון דער מיליטערישער דיס־ציפּלין. ס׳האָט נישט געהאָלפן אויך דער אַפּיל פון דר. אידער, וועלכער איז דאַן געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאַנד. ענדלעך האָט געזיגט די ריכטיקע שטעלונג פון די פירער פון לעגיאָן. דער גענעראַל־שטאַב האָט דערקלערט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש און אַז ער ציט צוריק דעם באַפעל.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָט מען אַריינגעצויגן אַ טייל פון לעגיאָן אין די אייגנטלעכע שלאַכטן אויף די פראָנטן ביי דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. די לעגיאָנערן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די שלאַכטן אויף די פראָנטן פון ירושלים־רמלה, יריחו און סלט. אמת, סלט איז איינגענומען געוואָרן דורך דער אויסטראַלישער קאַוואַלעריע, אָבער די אידן האָבן תיכּף איבערגענומען די וואַך און די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט.

מיט דער אַלגעמיינער דעמאָביליזאַציע, איז אויך געוואָרן פאַנאַנדערגעלאָזט דער אידישער לעגיאָן. דאַן איז געשאַפן געוואָרן דער לעגיאָן פאַר דער פרידנס־צייט אונטערן נאָמען „ראשון ליהודה״. אַלס שטראָף, וואָס 100 סאָלדאַטן פון „ראשון ליהודה״ האָבן באַשיצט תל אביב בעת די אומרוען אין פּסח, 1920, אַן דער דערלויבעניש פון די ענגלישע מיליטער־קאָמענדאַנטן, איז געוואָרן אויפגע־לעזט דער לעצטער איבערבלייב פון אידישן לעגיאָן.

אין לאַנד זענען דאַן געבליבן איבער 2,000 לעגיאָנערן, וואָס האָבן געוואָלט זיך קאָלאָניזירן און פאַרבלייבן אין לאַנד. אַן אַנקעטע צווישן די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן האָט באַוויזן, אַז אַרום 70 פּראָצענט פון זיי טראַכטן זיך צו באַזעצן אין א״י. אָבער לײדער האָבן דער „וועד הצירים" (ציוניסטישע קאָמיסיע פאַרן ארץ ישראל־ישוב) און די ציוניסטישע עקזעקוטיווע נישט געוואוסט ווי ריכטיק אָפּצושאַצן די שטרעבונג פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן צו פאַרבלייבן אין לאַנד. דריי פערטל פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן האָט זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, פיל פון זיי שטאַרק אַנטוישטע, וואָס זיי איז נישט געלונגען צו פאַר־ווירקלעכן זייער לעבנס־חלום זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער לעגיאָנערן, וואָס זענען געבליבן אין לאַנד, זענען געגרינדעט געוואָרן כפר אַביחיל אין עמק חפר אין 1934 און אין 1930 האָט אַ צאָל געוועזענע לעגיאָנערן צוזאַמען מיט אַרבעטער־ותיקים צוריק אויפגעבויט די חרוב־געוואָרענע באר טוביה. די פאַרשטייער פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט (בן גוריון, בערל קאַצענעלסאָן א. א.) האָבן ביטער קריטיקירט אויף דער לאָנדאָנער ציוניסטישער קאָנפערענץ, אין זומער, 1920, די זינד פון ועד הצירים און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס האָבן דורך זייער פאַלשער פּאָליטיק באַרויבט ארץ ישראל פון הונדערטער אידעאַליסטישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרבינדן אויף אייביק מיטן לאַנד פון זייערע האָפענונגען.

.25

# אויפן אַרבעטער־פראָנט

די השפעה פון פועלי ציון אויף דער אידישער און אַלגעמיינער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז ביסלעכווייז אָבער סיסטעמאַטיש געוואָרן אַלץ מער פאַרגרעסערט אין די יאָרן 1912־1918.

די פועלי ציון האָבן געהאָלפן די אידישע אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער זייער השפעה, זיך צו אָרגאַניזירן אין די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס און שאַפן נייע יוניאָנס, דאָרט וואו זיי האָבן פריער נישט עקזיסטירט. די פועלי ציון האָבן מיטגעהאָלפן אַקטיוו מיט ראַט און טאַט אין כל׳ערליי סטרייק־אַקציעס און געהאָלפן די סטרייקנדיקע אַרבעטער מאַטעריעל און מאָראַליש.

אין 1912 איז פאָרגעקומען אין פעטערסאָן אַ גרויסער סטרייק פון די וועבער־אַרבעטער. אין אַ צאָל פאַלן האָבן קריסטלעכע אַרבעטער פאַרנומען דעם אַרבעטס־פּלאַץ פון די סטרייקנדיקע אידישע אַרבעטער. דער צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון האָט געשיקט קיין פעטערסאָן אַ ספּעציעלן שליח זיך צו באַקענען אויפן אָרט מיט דער לאַגע. דער שליח האָט פעסטגעשטעלט, אַז די ידיעות, אַז קריסטלעכע אַרבעטער פאַרנעמען דעם אַרבעטס־פּלאַץ פון זייערע אידישע חברים, זענען אמת און אַז זאָגאַר אַ רעוואָלוציאָנערע יוניאָן האָט דערביי מיטגעהאָלפן די קריסטלעכע אַרבעטער טראָץ דעם, וואָס מיט אַ צייט צוריק האָבן די אידישע וועבער־אַרבעטער געהאָלפן דורכפירן און געווינען דעם סטרייק, וואָס די דאָזיקע יוניאָן האָט אָרגאַניזירט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גערופן זיינע פאַראיינען צו שטיצן די סטרייקנדיקע אַרבעטער אין פעטערסאָן און פיל פאַראיינען האָבן געשיקט הילף פאַר דעם סטרייק־פאָנד.

אין יולי, 1912, האָבן די פועלי ציון־און פאַרבאַנד־ברענטשעס אין מאָנטרעאָל שטאַרק געהאָלפן דערפירן צו אַ נצחון דעם סטרייק פון 4,000 שניידער אין מאָנטרעאָל. הילף פאַר די סטרייקנדיקע שניידער איז אויך געקומען פון אַ צאָל פועלי ציון־פאַראיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ גרויסער סטרייק איז אויסגעבראָכן אין מיטן 1913 אין פּיטסבורג, פון די „סטאָג מייקערס" (אַרבעטער אין אַ געוויסן צווייג פון דער ציגאַרן־אינדוסטריע). די פועלי ציון אין פיטסבורג האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין סטרייק־קאָמיטעט. אַ דעלעגאַציע פון די סטרייקנדיקע 2,000 אַרבעטער האָט באַגריסט די 7טע פועלי ציון קאָנווענשאָן, וואָס האָט זיך געעפנט אין פּיטסבורג, דעם 19טן אָקטאָבער, 1913. מיט אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן איז געוואָרן אויפגענומען דער באַגריסער פון די ציגאַרן־אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואונען זייער לאַנג־פאַרצויגענעם סטרייק אַ טאָג ערב דער דערעפנונג פון דער קאָנווענשאָן.

די פּיטסבורגער קאָנווענשאָן האָט באַגריסט מיט שמחה דעם פאַנאַנדער־בליען זיך פון פאַך־יוניאָנס אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט. די קאָנווענשאָן

האָט גערופן די פועלי ציון־חברים זיך אָנצושליסן אין די יוניאָנס און טראָגן צווישן דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט, דעם סאָציאַליסטישן און דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. אַ באַזונדער רעזאָלוציע ציט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט, אַז „די גרויסע אידישע אי־מיגראַציע איבט אויס אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף די אידישע יוניאָנס. די סוועט־שעפּער, וועלכע עקזיסטירן אין די אידישע פאַכן זייט ביי זייט מיט די גרויסע פאַבריקן, באַנוצן זיך מיט די אָנקומענדיקע הילפלאָזע אימיגראַנטן, צאָלנדיק זיי די קלענסטע שכירות און עקספּלואַטירנדיק זיי ביז צום שווידערלעכסטן. דאַדורך ווערט געשאַפן אַ גרויסע אַרמיי פון ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע גראָבט לאַנגזאַם אונטער די יסודות פון די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס.

...די קאָנווענשאָן לייגט פאָר צו שאַפן אַן אימיגראַציע־קאָמיטעט, צוזאַמענ־געשטעלט פון אַלערליי אידישע יוניאָנס, הויפּטזעכלעך אין ניו יאָרק, וואָס זאָל האָבן זיינע פאַרטרעטער אין די אַלע האַפנס, דורך וועלכע עס פליסט דער אימיגראַציע־שטראָם און באַגעגענען די אָנקומענדיקע אידישע אימיגראַנטן, זאָרגנדיק ערשטנס, אַז זיי זאָלן גלייך ביי זייער אָנקומען זיך ניט פילן אַזוי הילפלאָז, און, צווייטנס, אַז זיי זאָלן גלייך ביי זייער אָנקומען, זיך שטעלן אין דינסט פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט“.

די קאָנווענשאָן האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אידישע יוניאָנס זיינען אין מיינסטע פאַלן אָרגאַניזירט אינדוסטריעל און אַז דעריבער איז נישטאָ פון אָרגאַניזאַציע־שטאַנדפּונקט, קיין סיבה פאַר אָפּאָזיציע־יוניאָנס. די טאַקטיק פון דער „אינדוסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָירלד“ צו גרינדן אָפּאָזיציע־יוניאָנס קעגן די שוין עקזיסטירנדיקע יוניאָנס פון דער א.פ. א. ל. קען פירן בלויז צו איין רעזולטאַט: אָפּצושוואַכן די פּאָזיציעס פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער און העלפן דורך דעם די בעלי־הבתים.

„די קאָנווענשאָן שטעלט אויך פעסט, אַז אַזאַ טאַקטיק מצד די אָנהענגער פון אינדוסטריעלע יוניאָנס נעמט אַוועק די מעגלעכקייט אַריינצוברענגען אין די אי־דישע יוניאָנס דעם רעוואָלוציאָנערן סענטימענט, וואָס דער אינדוסטריאַליזם ברענגט מיט זיך, אַ סענטימענט אין וועלכע עס נייטיקן זיך די מערסטע אידישע יוניאָנס, אין וועלכע עס מערקט זיך שוין צופיל די אָפּשוואַכונג פון רעוואָלוציאָ־נערער ענערגיע“.

די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געווען אַ שריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיט די קאָנווענשאָנס פון פריערדיקע יאָרן, ווען די פועלי ציון האָבן זיך שטאַרק געהיטן זיך ניט צו אידענטיפיצירן מיט קיינעם פון די זיך באַקעמפנדיקע צדדים אויף דער אַרבעטער־און טרעיד יוניאָן־גאַס.

די פועלי ציון האָבן אויך מיטגעהאָלפן ביי דעם גרויסן שניידער־סטרייק, אין ניו יאָרק, אין 1913. כמעט אַלע פאַראיינען אין גאַנצן לאַנד האָבן געשיקט געלט פאַרן סטרייק־פאָנד. אָבער ווען דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך געווענ־דעט צום סטרייק־קאָמיטעט אַז אויסער געלט־שטיצע, איז ער אויך גרייט צו געבן רעדנער און 7 חברים זענען פון צענטראַל קאָמיטעט דערווילט געוואָרן זיך צו שטעלן אין דינסט פון סטרייק־קאָמיטעט, איז געקומען אַן ענטפער אויף אַ זייער ניט־דיפּלאָמאַטישן אופן, אַז מען וויל ניט די הילף פון די פועלי ציוניסטישע רעדנער.

בעתן סטרייק פון די קוילן־גרעבער אין קאָלאָראַדאָ, האָבן די פּועלי ציון אין מאָנטרעאָל, צענויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס אין אידיש, ענג־ליש און פראַנצויזיש. אויף דעם מאַסן־מיטינג האָבן אנטיילגענומען פאַרשטייער פון אידישע, ענגלישע, דייטשע, רוסישע און אוקראַאינישע סאָציאַליסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד צו העלפן די סטרייקנדיקע אַרבעטער.

אין שיקאַגאָ האָט דער פאַרשטייער פון אַרבעטער רינג אָנגערופן די פּועלי־ציון־רעזאָלוציע, פאַרגעלעגט אויף דער קאָלאָראַדאָ־קאָנפערענץ, „אַ פּאַטש אין פּנים דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע״. די פּועלי ציון האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער שטאָטישער קאָנפערענץ, גערופן דורכן אַרבעטער רינג און דורכגעפירט זעלבסטשטענדיק אַן אַקציע פאַר די סטרייקער. הילף פאַר די סטרייקער אין קאָלאָראַדאָ איז געשיקט געוואָרן פון פיל פּועלי ציון־און פאַרבאַנד־ברענטשעס איבערן לאַנד.

אויף דער 8טער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (דעצעמבער, 1914), האָבן אַ צאָל דעלעגאַטן זיך געקלאָגט, אַז די פּאַרטיי איז ניט גענוג טעטיק אין די יוניאָנס. די קאָנווענשאָן האָט נאָכאַמאָל באַנייט דעם פאָרשלאָג פון דער פּיטסבורגער קאָנ־ווענשאָן צו שאַפן אַ טרייד יוניאָן אימיגראַציע־קאָמיטעט. ס'איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו דערוויילן אַ ספּעציעלן טרייד יוניאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס זאָל א) שטיין אין פאַרבינדונג מיט אַלע פאַראיינען דורך ספּעציעל־דערוויילטע טרייד־יוניאָן קאָמיטעטן, וואָס זאָלן ווירקן אַז אַלע מיטגלידער זאָלן געהערן צו זייערע באַטרעפנדיקע יוניאָנס; ב) געבן די חברים איבערן לאַנד דירעקטיוון ווי צו האַנדלען ביי ספּעציעלע פּאַסירונגען אין דער אידישער און אַלגעמיינער טרייד יוניאָן־באַוועגונג; ג) קומען אין פאַרבינדונג מיט די אידישע יוניאָנס און ווירקן, אַז עס זאָל שנעל ווי מעגלעך דורכגעפירט ווערן אַ גענויע אויספאָרשונג פון דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געבוי פון די אידישע טריידס און זייערע יוניאָנס; ד) שטודירן די באַציאונגען פון די אידישע און ניט־אידישע עלעמענטן אין די אַזוי־גערופענע אידישע טריידס, ווי אויך די באַציאונגען פון אידישע און ניט־אידישע טרייד־יוניאָנס אין די זעלבע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן.

די קאָנווענשאָן האָט באַנייט דעם באַשלוס פון דער פריערדיקער קאָנווענשאָן קעגן די אָפּאָזיציע־יוניאָנס און אויפגעפאָדערט די אידישע טרייד יוניאָנס צו פּראָטעסטירן קעגן דער שטעלונג פון דער „אַמעריקען פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר״ אין דער פראַגע פון אימיגראַציע.

אין יאַנואַר, 1915, האָט דער ס. ד. פּוע״צ פאַראיין אין ניו יאָרק פאָרגעלייגט דעם צענטראַל קאָמיטעט צו רופן אַ קאָנפערענץ פון פאַרשטייער פון אַלע ריכטונ־גען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג צו דערנענטערן זייערע שטאַנדפּונקטן אין די טרייד־יוניאָן־פּראָבלעמען. אַזאַ קאָנפערענץ איז ניט גערופן געוואָרן.

די פּועלי ציון־פאַראיינען אין אַ צאָל שטעט האָבן גענומען אנטייל אין קאָנ־פערענצן צו העלפן די אַרבעטסלאָזע אין 1915. אין ניו יאָרק האָט די קאָנפערענץ געבראַכט קליינע רעזולטאַטן. אין באָסטאָן האָבן די ברענטשעס פון פּועלי ציון און פאַרבאַנד זיך באַטייליקט אין אַפּריל, 1915, אין אַ קאָנפערענץ צו העלפן די שניידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד, וואָס זענען געוואָרן פאַרוויקלט אין אַ סטרייק־אַקציע. די פּועלי ציון האָבן אויך געשטיצט די סטרייקנדיקע אַרבעטער אין דער

שכנותדיקער שטאָט גלאָווערסוויל. אין וואָוסטער איז אַ חבר פון פּועלי ציון, אַראָנאָוו, געוואָרן דער טשערמאַן פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. אין יולי, 1915, האָבן די פּועלי ציון אין נוארק געהאָלפן געווינען דעם סטרייק פון 400 אַרבעטער אין האָלענדערס פוטער־פאַבריק, נאָך פינף וואָכן פון שווערן קאַמף מיט די באַלעבאַטים.

די 9טע פּוע״צ־קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (אויגוסט, 1915), האָט אויסגע־הערט אַ באַריכט פון טרייד יוניאָן־קאָמיטעט (י. בערקענבליט, דוד פּינסקי און ברוך צוקערמאַן). דער קאָמיטעט האָט אַנטוויקלט אַ שוואַכע טעטיקייט. אַ דורכ־געפירטע אַנקעטע צווישן די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָט באַוויזן, אַז נאָר 35 פּראָצענט פון די חברים זענען מיטגלידער אין די יוניאָנס. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע צווישן די מיטגלידער זיך אַנצושליסן אין זייערע באַטרעפנדיקע יוניאָנס.

אין שיקאַגאָ האָבן די פּועלי ציון־פאַראיינען פיל מיטגעהאָלפן די שניידער אין זייער סטרייק. די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אַ „טעג־טאָג״־אַקציע פאַר די שטרייקנדיקע. יעדער מיטגליד איז געוואָרן באַשטייערט צו צאָלן 25 סענט אַ וואָך פאַרן סטרייק־פאָנד פאַר דער גאַנצער צייט פון סטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן, סוף 1915. די פּאַרטיי האָט אויך ארויסגעגעבן אַ ספּעציעלע צייטונג „דער שניי־דער״, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע סומע פאַרן סטרייק־פאָנד. די פּועלי ציון אין מילוואָקי האָבן באַשטייערט די חברים מיט 50 סענט אַ וואָך און אַרויס־געלאָזט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ספּעציעלע מאַרקעס פאַר די שיקאַגער סטרייקער. דער פאַראיין אין מעדיסאָן האָט צוזאַמען מיטן אַר־בעטער רינג דורכגעפירט אַן אונטערנעמונג פאַר די סטרייקער. אין באָסטאָן האָבן די פּועלי ציון געררופן אַ קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט צו הילף די סטרייקער אין שיקאַגאָ. אין סט. פּאָל און אין מילוואָקי, האָבן די פּועלי ציון געגרינדעט שניידער־לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד. אויך באַלטימאָר, מי־נעאַפּאָליס און אַנדערע שטעט האָבן געשיקט הילף פאַרן סטרייק־פאָנד.

אַ גרויסע אַקציע האָבן אַנטוויקלט די פּועלי ציון־פאַראיינען אין ניו יאָרק בעת דעם לאָקאַוט פון די באַלעבאַטים קעגן 50,000 קלאָוקמאַכער, אין מיטן 1916. דער פּאַרטיי־ צענטראַל קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ רוף צו העלפן די אַרבע־טער אין זייער גערעכטן קאַמף, קעגן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן צוריקגעוויזן יעדן פאַרזוך פון דער יוניאָן און פון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. דעם 23טן יוני, 1916, איז דערשינען אַ ספּעציעלער קלאָוק־מאַכער־נומער פון „אידישן קעמפער״ מיט אַרטיקלען פון בער באָראָכאָוו („די מאָראַל פון קלאַסן־קאַמף) ; יוסף באַראָנדעס („מיט 25 יאָר צוריק״); דר. י. אייזיק הורוויץ, י. זאַר, ל. חאַזאַנאָוויטש, אַלעקסאַנדער כאַשין, דר. נחמן סירקין, יואל ענטין („דער אידישער אַרבעטער אין דער אידישער ליטעראַטור״) ; דוד פּינסקי, מאַקס פיין, דר. ק. פאַרנבערג, ב. צוקערמאַן, און א. קערר.

„ליידער האָבן די אַסימילאַטאָרישע קעגנער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג געשטערט צו נעמען אַ נאָך אַקטיווערן אנטייל אין סטרייק״, האָט זיך געקלאָגט ה. עהרנרייך אין זיין באַריכט אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (אָקטאָבער, 1916).

אויף דער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן אַ טרעיד־יוניאָן־אָפּטיילונג אין „אידישן קעמפער״ ; אַרויסגעבן בראָשורן וועגן געווערקשאַפטלעכע

פּראָבלעמען; אויפהייבן דעם קולטורעלן מצב פון די אידישע אָרגאַניזירטע אַר־בעטער. די קאָנווענשאָן האָט אויסגעדריקט איר פּאַרדרוס וואָס אַ טייל יוניאָנס שטערן דער געווערקשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי. ס׳איז אויך גע־וואָרן אָנגענומען אַ פּראָטעסט קעגן דער אַנטי־אימיגראַציע־פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. אין טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט זענען אַריין: י. בערקענבליט, בערלין, ב. גאָלדבערג, י. סאָרנאָצקי און פּאָטאָצקי.

אין פעברואַר, 1917, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ רוף צו אַלע פּאַראײנען צו שטיצן די שניידער־אַרבעטער אין מאָנטרעאַל, וואָס זענען אַרויס אין סטרייק.

אין מאַי, 1917, איז דער געווערקשאַפטלעכער קאָמיטעט געוואָרן רעאָרגאַני־זירט. צו אים זענען געוואָרן צוגעצויגן ה. ביומאַן און א. אַראָנאָוו (אַלס סעקרעטאַר).

צום פּאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער, 1917, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַ־ריכטעט, אַז דער געווערקשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט ניט גוט געאַרבעט. ס׳איז ניט געוואָרן איינגעשטעלט אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן קאָמיטעט מיט די פּאַראײנען איבערן לאַנד. דער קאָמיטעט האָט רעדאַקטירט די אָפּטיילונג „אַרבע־טער וועלט" אין „אידישן קעמפער". די אַנקעטע וואָס דער געווערקשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט דורכגעפירט, איז ניט געוואָרן באַענטפערט פון אַ גענוגנדיקער צאָל פּאַראײנען. איינצלנע חברים פון קאָמיטעט זענען געווען טעטיק אין פאַרשידענע יוניאָנס. עטלעכע חברים זענען געווען די אָנפירער פון סטרייק פון די „דריי־גודס קלוירקס יוניאָן".

פון די 3,324 נייע חברים וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי אין 1918, האָבן 1,435 געהערט צו יוניאָנס, דאָס הייסט 42 פּראָצענט. דאָס באַווייזט, אַז דער איינפלוס פון דער פּאַרטיי צווישן דער מיטגלידערשאַפט פון די יוניאָנס איז באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן.

די 5טע קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910), האָט באַשלאָסן צו שטעלן צו דיס־קוסיע אין די פּאַרטיי־פּאַראײנען דעם פאָרשלאָג וועגן אָנשליסן זיך אין דער ס. פּ. אַלס זעלבסטשטענדיקע אידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. ערב דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), האָט דער צענטראַל קאָמיטעט באַ־שלאָסן פאָרצולייגן דער קאָנווענשאָן זיך אָנצושליסן אין דער ס. פּ. אַלס אַ גאַנצע קערפּערשאַפט, נישט אַלס יחידים אָדער אַלס באַזונדערע פּאַרטיי־פּאַראײנען. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אויך באַשלאָסן צו פאַרהאַנדלען מיט דער אידישער סאָ־ציאַליסטישער פעדעראַציע מכח פעסטשטעלן די מעגלעכקייט צו פירן אַ געמיינזאַ־מע סאָציאַליסטישע טעטיקייט און פאָרלייגן די פירער פון דער פעדעראַציע אַ פּרינציפּיעלע רעזאָלוציע, אַז זיי אָנערקענען דאָס די אידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן.

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אַ געראַנגל קעגן די אָפּן־אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן אין דער ס. פּ., וואָס האָבן באַקעמפט יעדן געדאַנק וועגן אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע פון אידישע סאָציאַליסטן (זע קאַפּיטל 13). די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט ביי איר גרינ־דונג אין אויגוסט, 1912, אָנגעשלאָגן אין איר מאַניפעסט נאַציאָנאַלע טענער. זי האָט זיך מער ניט געשעמט מיטן וואָרט „אידיש פאָלק". דער עצם פאַקט, וואָס די אידיש־שפּרעכנדיקע אַסימילאַטאָרן פון אַלטן שניט, וואָס זענען געבליבן אין

דער ס. פּ. האָבן באַקעמפּט די פעדעראַציע, האָט געשטאַרקט די האָפנונג ביי די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער אידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז דאָ קומט פאַר אַ ראַדיקאַלע אידייאישע ווענדונג אין די מחות און הערצער פון די גענאָסן, וואָס מען קען צואיילן דורך אָנשליסן זיך אין דער פעדעראַציע און צוזאַמען מיט איר ווירקן אין דער ס. פּ. צו אָנערקענען די אייגנאַרטיקע פאָדערונגען פון דער אידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

געשטאַרקט די דאָזיקע אילוזיע האָבן אויך, בלי שום ספק, די אָפענע און מוטיקע רייד פון „זיידן", מאָריס ווינטשעווסקי, די אַרטיקלען און לידער פון א. ליעסין, וואָס האָבן געאָטעמט מיט הייסער ליבע צום פאָלק און אנדערע פאַקטאָרן. דער ווילן איז דער פאָטער פון געדאַנק, און די אָנהענגער פון אַזאַ פאַראייניקונג אין די רייען פון פועלי ציון האָבן זיך ניט געמאַכט וויסנדיק פון דער דערקלערונג פון ב. פייגענבוים, אַליין אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אַז ער זעט נישט קיין שמץ פון „אידישקייט" אין דער פעדעראַציע, אַלנפאַלס נישט אַן „אונץ מער, ווי פריער אין דער ביוראָ" (דאָס אידישע אַגיטאַציע־ביוראָ, אַנטשטאַנען אין 1905, פון וואָס ס'איז אַרויסגעוואַקסן די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע).

די אילוזיע האָט אויך געקענט געשאַפן ווערן צוליב דעם פאַרשטאַרקטן קאַמף פון דער פעדעראַציע קעגן דער ס. פּ. צוליב איר שטעלונג צו דער פראַגע פון אימיגראַציע. אין יאַנואַר, 1914, האָט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־אַקציע קעגן דער האַנדלונג פון דער ס. פּ. דער „אידישער סאָציאַליסט", דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציע האָט דאַן געשריבן: „גענוג לאַנג האָבן אונזערע פּאַרטיי־פירער געשפּילט דעם שפּיל פון צווידייטיקער ‚דיפּלאָמאַטיע' אין דער דאָזיקער פראַגע. איצט מוז מען ביי זיי פאָדערן אַ קלאָרן און אַנטשידענעם ענטפער: צי זייט איר וויליק זיך אונטערצואוואַרפן דעם ווילן פון דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין דער שטוטגאַרטער רעזאָלוציע? אָדער איר ווילט ווייטער העלפן דער רעאַקציאָנערער אַרבעט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן?"... „מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָדער מיט דער אַמעריקען פעדערײשאָן? דאָס איז די פראַגע פאַר דער פּאַרטיי" [250]).

אויף דער 7טער פועלי ציון־קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג האָט זיך געפירט אַ הייסע דעבאַטע אַרום דעם פּונקט „סאָציאַליסטישע טעטיקייט". ברוך צוקערמאַן, דער רעפערענט, האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער ס. פּ. וועגן אָנשלוס אין איר. י. אַפּלבוים האָט געמיינט, אַז מיט דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע עפנט זיך פאַר אונז אַ מעגלעכקייט צו נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. די פעדעראַציע האָט זיך געגרינדעט בלויז אַלס „אידיש־שפּרעכנדע", אָבער זי וועט זיך מוזן אָנפאַנגען צו רעכענען מיט דער אידישער ווירקלעכקייט. ווען מיר זאָלן זיך שטעלן מיט זיי אין נאָענטע באַציאונגען פאַר געמיינזאַמער אַרבעט, וועלן מיר קענען אויסנוצן דאָרט אונזער איינפלוס.

ש. באָנטשעק האָט באַקעמפט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. יעדע פאַרבינדונג מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע וועט אָפּשוואַכן די פועלי־ציון־פּאַרטיי. פּ. קרוזאַ, קראַנענבערג און קלמן מרמר האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פירן

פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע. אַן עווענטועלע פֿאַראייניקונג מיט דער פֿעדעראַציע וועט געבן די מעגלעכקייט אָנצופֿירן אַ ברייטע סאָציאַליסטישע טעטיקייט — האָט פּ. קרוזאָ געטענהט, אַז מיר וועלן קע־נען אויסאיבן אַ גרויסן איינפֿלוס אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט. א. העמלין האָט באַקעמפֿט דעם פֿאָרשלאָג. „דאָס איז אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז קעגן אונזערע פּרינציפּן". משה פּריילּיכאָוו (וואַשינגטאָן) האָט דערקלערט, אַז דאָס מיינט קומען אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַסימילאַציע, זי אָנערקענען און איר געבן אַ געוויסע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

דר. סירקין האָט פֿאַרטיידיקט די רעזאָלוציע. די ס. פּ. וועט אונז ניט אָנער־קענען, ווייל זי אָנערקענט בלויז איין פֿעדעראַציע. קומנדיק אין פֿאַרבינדונג מיט דער אידישער פֿעדעראַציע, הייסט ניט, אַז מיר קומען אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַסימילאַציע. מיר קומען אַהין צו טאָן געמיינזאַמע אַרבעט אויף דער אידישער גאַס. מיר קומען אַלס זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי און אַלס אַזעלכע וועלן מיר צוזאַמען אָנפֿירן די אַרבעט. צוקערמאַן האָט אַרגומענטירט, אַז די פֿעדעראַציע האָט אָנער־קענט, אַז דער אידישער אַרבעטער לעבט אונטער ספּעציפֿישע באַדינגונגען; שטיצנדיק זיך אויף דעם, קענען מיר פֿירן אַ געמיינזאַמע סאָציאַליסטישע אַרבעט.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„א) די 7טע קאָנווענשאָן פֿון דער אידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַר־טיי פּועלי ציון דריקט אויס דעם וואונטש, אַז די פּאַרטיי זאָל קומען אין אַ נענ־טערער פֿאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי;

„ב) מיר באַאויפֿטראָגן אונזער צענטראַל־קאָמיטעט זיך צו שטעלן אין פֿאַר־בינדונג מיט דעם סעקרעטאַריאַט פֿון דער אידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַ־ציע און אונטערזוכן, אויב עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט פֿאַר געמיינזאַמע סאָ־ציאַליסטישע טעטיקייט אין דער אידישער גאַס;

„ג) די קאָנווענשאָן פֿאָדערט אויף אונזערע פֿאַראיינען אין קאַנאַדע, זיי זאָלן, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון צענטראַל קאָמיטעט קומען אין נענטערער פֿאַר־בינדונג מיט איינע פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין קאַנאַדע, כדי אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף".

די קאָנווענשאָן האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט אַ באַשלוס פֿון פֿריערדיקע קאָנ־ווענשאָנס, אַז אַ חבר פֿון פּועלי ציון טאָר ניט געהערן גלייכצייטיק צו קיין אַנ־דערער פּאָליטישער פּאַרטיי [251]).

די אידישע סאָציאַליסטישע פֿעדעראַציע האָט אין דעצעמבער, 1913, באַ־שטימט אַ קאָמיסיע פֿון דריי: מ. ווינטשעווסקי, ה. יאפּע און דר. ק. פֿאַרנבערג — אַז זיי זאָלן פֿאַרהאַנדלען מיט די פּועלי ציון וועגן זייער אַנשלוס אין דער ס. פּ. נאָך אַ רייע אונטערהאַנדלונגען האָט די עקזעקוטיווע פֿון דער פֿעדעראַציע באַשלאָ־סן דעם 15טן מערץ, 1914, אַז מ'קען ניט אָננעמען די פּוע"צ אַלס גאַנצע קער־פּערשאַפֿט, און עס וועלן דאַרפֿן ווערן אויסגעאַרבעט פּרטים ווי זיי אָנצונעמען אַלס יחידים. אין יוני, 1914, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פֿון דער ס. פּ. גע־ענטפֿערט, אַז די ס. פּ. קען ניט אָנערקענען צוויי אידישע פֿעדעראַציעס. דערמיט איז דער גאַנצער ענין געוואָרן פֿאַרענדיקט און די פּועלי ציון־קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (דעצעמבער, 1914) האָט קאָנסטאַטירט אַז „די ביז איצטיקע אָרגאַ־

ניזאָטאָרישע פאָרשלאָגן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע שטייען נישט בהסכם מיט די החלטות און מיט דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער פּאַרטיי".

פאַר דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן איז ווידעראַמאָל געשטאַנען די פראַגע וועגן דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין וואַל-קאַמפּאַניעס. ברוך צוקערמאַן האָט קאָנסטאַטירט דעם דורכפאַל פון די פאַרהאַנדלונגען מיט דער ס. פּ. און מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אָבער די פּאַרטיי האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי צו שטיצן די ס. פּ. ש. קאַפּלאַנסקי האָט דערקלערט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל שטיצט די ס. ל. פּ. פונקט ווי די ס. פּ. דוד פּינסקי האָט שטאַרק געקעמפט פאַר זיין שטאַנדפּונקט, אַז די פּועלי ציון-פּאַרטיי דאַרף ווייטער אָנהאַלטן איר פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און געבן פרייע הענט אירע מיט־גלידער צו שטימען פאַר דער ס. פּ. אָדער פאַר דער ס. ל. פּ. באָראָכאָוו האָט אָנ־געוויזן ווי אילוזאָריש עס זענען די חברים וואָס לייגן פאָר אַרויסצושטעלן אייגענע קאַנדידאַטן.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אָנצונעמען די פאָלגנדיקע טאַקטיק: אַלע פּועלי ציון בירגער זאָלן זיך רעגיסטרירן אויף דעם טיקעט פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; אין יענע שטאַטן, וואו עס עקזיסטירט דאָס סיסטעם פון פריימערי-וואַלן, זאָל מען שאַפן אַ וואַל-קאָמיטעט פון חברים און סימפּאַטיקער, וואָס זאָל אָנפירן אין די אידישע קוואַרטאַלן אַ קאַמף פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, וואָס זענען אין זייערע אנשויאונגען אָמנענטסטן צו אונזערע אידייען, און וואו מעגלעך אויך אַרויסשטעלן אַלס קאַנדידאַטן אייגענע חברים און סימפּאַטיקער.

אויב אונזער וואַל-קאָמיטעט איז ניט געלונגען צו געווינען זיין קאַמף ביי די פריימערי-וואַלן, איז עס דער חוב פון אַלע אונזערע חברים צו אונטערשטיצן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, וואָס זענען נאָמינירט געוואָרן אין די פריימערי־וואַלן; אין די שטאַטן, וואו עס איז נאָך ניט געוואָרן אַנגעפירט פריימערי-וואַלן, אונטערשטיצן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן און מיטווירקן, אַז עס זאָל שנעל ווי מעגלעך איינגעפירט ווערן פריימערי-וואַלן. אין פאַלן ווען די חברים האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט אין פראַגן וואָס באַרירן די אינטע־רעסן פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן, דאַרף מען די פראַגע איבערגעבן צו אַנט־שיידן דעם צענטראַל-קאָמיטעט און זיין באַשלוס איז בינדענד; אין דער אַגיטאַציע פאַר די קאַנדידאַטן פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, מוז די פּאַרטיי אָפן און ברייט דערקלערן איר אידיש-סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט.

די קאַנאַדער חברים, וואָס געפינען זיך אונטער אַנדערע וואַל-געזעצן און אונ־טער אַנדערע סאָציאַל-פּאָליטישע באַדינגונגען, זענען פאַרפליכטעט צו שטיצן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן דאָרט, וואו עס ווערן נישט אַרויסגעשטעלט קיין אייגענע קאַנדידאַטן.

אין נאָוועמבער, 1914, איז מאיר לאָנדאָן אויסגעוויילט געוואָרן אין קאָנגרעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון פון דער ניו יאָרקער איסט סייד (דער ערשטער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן איז געווען וויקטאָר בערגער פון מילוואָקי, וועל־כער איז צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אין 1910). לאָנדאָן איז אָפיציעל אַריינגעטרעטן אַלס מיטגליד אין קאָנגרעס אין דעצעמבער, 1915. די „קעמפּער שטימע" האָט דאַן אין אַן אַרטיקל „מאיר לאָנדאָן אין קאָנגרעס" אויפגעפאָדערט דעם ערשטן אידיש-סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן צו פאַרטיידיקן די אידישע אַר־

בעטער פאָדערונגען אין קאָנגרעס. לאָנדאָן דאַרף באַקעמפן די אַגיטאַציע קעגן די „הייפעניטעד" (די בירגער פון פרעמדער אָפּשטאַמונג, וואָס זענען פאַרבונדן סיי מיט אַמעריקע און סיי מיט די לענדער פון זייער אָפּשטאַמונג). דער פּרעזידענט האָט געהאָלפן אָנצינדן אַ האַס קעגן די אַזוי־גערופענע „הייפעניטעד"־בירגער — די בירגער מיט אַ גייסטיקער פאַרבינדונג צו אַן אַנדער לאַנד, אויסער די פאַראייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע אַגיטאַציע טראָגט אין זיך אַלע געפאַרן פון אַ קומענדיקן בירגער־קריג. די דאָזיקע אַגיטאַציע, וואָס ווערט איצט געטריבן פון אַלע סאָרטן דעמאַגאָגן, מוז באַקעמפט ווערן.

„אַלס אידישער קאָנגרעסמאַן דאַרף מאיר לאָנדאָן באַקעמפן דעם נייעם פאַרזוך אַריינצוברענגען דעם „ליטערעסי ביל" אין 64טן קאָנגרעס. דאָ וועט ער זיך מוזן פאַרבינדן מיט אַלע פריינט פון די אימיגראַנטן, כדי נאָכאַמאָל צו באַגראָבן דעם שענדלעכן פאַרזוך פון די נאַטיוויסטן. דעם קאַמף, האָפן מיר, וועט קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן אָנפירן אַזוי העפטיק, אַז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג זאָל דערפילן אין אים איר אמתן פאַרטרעטער.

„מ. לאָנדאָן דאַרף אויך פאַרטיידיקן די רעזאָלוציע פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָנווענשאָן און קלאָר מאַכן פאַר אַמעריקעס געזעצגעבער, וואָס עס זענען די פאַרלאַנגען פון די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן.

„דאָ געפינען מיר פאַר נייטיק צו דערמאָנען אונזער קאָנגרעסמאַן, אַז ער מוז שטייען פאַר דער פולער פאָרמולע וואָס די אַרבעטער־קאָנווענשאָן האָט אַרויסגעבראַכט. ער טאָר אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן, אַז די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען זענען פאַר די אידישע אַרבעטער־מאַסן פונקט אַזוי נייטיק און אַזוי דרינגענד, ווי די פּאָליטישע און בירגערלעכע פאָדערונגען. דאָ קען אויך נישט זיין די פראַגע, אויב ער אַליין שטימט יאָ אָדער ניט פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג. ער פאַרטרעט ניט זיך, ער פאַרטרעט די אידישע אַרבעטער־מאַסן און אין קיין פראַגע האָבן זיך נאָך די אידישע אַרבעטער ניט אַרויסגעזאָגט אַזוי קלאָר און שאַרף ווי גראַד אין דער דאָזיקער פראַגע.

„מיר ווינטשן אַלזאָ קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן דערפאָלג אין זיין נייער ראָלע. מיר ווילן אָבער פון אים פאָדערן ער זאָל זיין מיסיע דורכפירן פאָלקאָם. ער זאָל מיט זיך באמת פאַרשטעלן ניט נאָר דעם סאָציאַליסט, נאָר אויך דעם טיף פון דעם נייעם אידן".

אין סעפּטעמבער, 1915, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער ס. פּ. באַשלאָסן, אַז זי שטימט איין מיט די רעזאָלוציעס פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן און זי פאָדערט אויף מאיר לאָנדאָן ער זאָל פאַרלייגן אין קאָנגרעס רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן פאַרשטעלן די צילן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס. די פאַרשטייער פון דער ס. פּ. זאָלן אויך פאַרלייגן די רעזאָלוציעס ביים קומענדן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.

ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס אין 1916, האָט זיך געפירט אַ הייסע דיסקוסיע פאַר וועמען די פועלי־ציון זאָלן רופן צו שטימען. אין צענטראַל קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן אין יולי, 1916, מיט 6 קעגן 3 שטימען, זיך צו ווענדן צו דער ס. פּ. אַרויסצושטעלן אַ ניט־איד אין אידישן קוואַרטאַל, ווייל לאָנדאָן מיספּרעזענטירט זיינע אידישע וויילער. אויב דער פאַרשלאָג וועט ווערן אָפּגעוואָרפן, זאָלן די פועלי ציון אַרויסשטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט. די מינדערהייט

וואָס איז געווען פאַר לאַנדאָנען האָט ניט קיין רעכט צו אַגיטירן עפנטלעך קעגן באַשלוס פון צענטראַל קאָמיטעט. די ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר שטיצן די קאַנדידאַטור פון מאיר לאַנדאָן, טראָץ זיין אַסימילאַטאָ־רישן בליק אויף דער אידן־פראַגע.

אויף אַ שפּעטערדיקער זיצונג מיט די חברים פון ניו יאָרק, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו טרעפן מיט מאיר לאַנדאָן און פאָדערן פון אים ער זאָל קעמפן פאַר דער רעזאָלוציע פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן, וואָס האָט גע־פאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט (ניט גרופּן־רעכט), פרייע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און אַן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע פאַר די אידן אין ארץ ישראל. „אויב לאַנדאָן וועט אָפּוואַרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, זאָלן זיך די פועלי ציון אָפּ־האַלטן פון שטימען".

די חברים פון האַרלעם זענען אינסטרואירט געוואָרן צו שטיצן מאָריס הילק־וויט, אויב ער וועט געבן אַ צופרידנשטעלנדיקע תשובה וועגן זיין באַציאונג צו אימיגראַציע און צו די רעזאָלוציעס פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנ־ווענשאָן.

די ניו יאָרקער פאַראיינען האָבן באַשלאָסן צו אינדאָרסירן די קאַנדידאַטור פון מאיר לאַנדאָן קעגן אַלע קאַנדידאַטן פון די בירגערלעכע פּאַרטייען און אין אָקטאָבער האָט אויך דער צענטראַל קאָמיטעט באַשלאָסן צו שטיצן לאַנדאָנס קאַנ־דידאַטור, אָבער ער האָט זיך געלאָזן דאָס רעכט צו אַגיטירן פאַרן שטאַנדפּונקט פון די פועלי ציון אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דעם 19טן אָקטאָבער איז אונ־טערן פאָרזיץ פון מאיר בראון פאַרגעקומען אַ ראַטיפיקאַציע־מיטינג פאַר מאיר לאַנדאָן מיטן אָנטייל פון בער באָראָכאָוו, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ל. חאַזאַנאָוויטש, דר. נ. סירקין, דר. ס. עלסבערג און ברוך צוקערמאַן. אויפן מיטינג זענען אויך אויפגעטראָטן מאיר לאַנדאָן און דזשאָזעף ד. קענאַן, דער סאָציאַליסטישער קאַנדי־דאַט צום סענאַט.

דעם 10טן נאָוועמבער, 1916, האָט דער „אידישער קעמפער" פאַרעפנט־לעכט אַן עדיטאָריעל מיט אַ באַגריסונג צו מאיר לאַנדאָן, וואָס האָט ווידעראַמאָל געוואונען אין וואַל־קאַמף קעגן די בירגערלעכע פּאַרטייען. דער עדיטאָריעל האָט זיך צו אים געווענדעט ער זאָל קעמפן פאַר די בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַ־ציאָנאַלע רעכט פון די אידן, דאָך האָבן אויף דער 10טער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (אָקטאָבער, 1916), פיל דעלעגאַטן קריטיקירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאַר־וואָס ער האָט באַשלאָסן צו אַגיטירן פאַר מאיר לאַנדאָן.

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אייגענע קאַנדי־דאַטן ביי פּאָליטישע וואַלן, דאָרט וואו די פּאַרטיי וועט עס געפינען פאַר נייטיק און צוועקמעסיק צו טאָן. אין די ערטער, וואו די פּאַרטיי קען ניט אַרויסשטעלן קיין אייגענע קאַנדידאַטן, שליסט די פּאַרטיי אָפּמאַכן מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אונטערשטיצט זייערע קאַנדידאַטן, פירנדיק זעלבסטשטענדיק איר פּאָליטישע אַגיטאַציע. דער צענטראַל קאָמיטעט און די רעדאַקציע פון „קעמפער" זענען געוואָרן אינסטרואירט אויפצונעמען אין דער גאַנצער ברייט די פראַגע וועגן די פּרינציפּן און מעגלעכקייטן פון אַ זעלבסטשטענדיקער אַרויסטרעטונג אין אַמע־ריקאַנער פּאָליטישן לעבן. די קאָנווענשאָן איז באַגריסט געוואָרן דורך אַ פאַר־שטייער פון די ס. פּ.

אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן האָט דער צענטראַל קאָמיטעט געשיקט אַ צירקולאַר אין אויגוסט, 1916, אַז ס'איז דער חוב פון די חברים אָנצופירן אַ קאַמף פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, אָבער די פּאַרטיי דיקטירט ניט פאַר וועלכער פון די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען די פאַראיינען זאָלן אַגיטירן. יעדער פאַראיין האָט דאָס רעכט צו באַשטימען, אַז ער אינדאָרסירט די אָדער יענע פּאַרטיי, אָבער ער דאַרף וועגן דעם מעלדן דעם צענטראַל קאָמיטעט. אין וואַל־קאַמף דאַרפן זיך די פאַראיינען האַלטן שטרענג אין פּרינציפּ פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. דער פּרינציפּ מוז אָפּגעהיטן ווערן אויך אין די אָפּמאַכן מיט אַנדערע פּאַרטייען.

אין סעפּטעמבער, 1916, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אָנגעפרעגט די פאַר־איינען זייער מיינונג וועגן אונטערהאַנדלען מיט דער ס. ל. פּ. זיך אָנצושליסן אין איר פעדעראַטיוו אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרן נאָכדעם ווי די ס. פּ. האָט ניט אָנגענומען די פאָר־שלאָגן פון פּועלי ציון וועגן אַ קאָלעקטיוון אָנשלוס פון דער פּאַרטיי אין דער ס. פּ. די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט זיך באַקענענדיק מיט דער שטימונג פון די פאַראיינען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג ניט געשטעלט אויפן סדר היום.

די פּאַרטיי איז געווען קאָנסעקווענט אין איר באַשלוס צו שטיצן ביי וואַל־קאַמפּאַניעס נאָר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. אין מילוואָקי, האָט די פּאַרטיי איינ־שטימיק אויסגעשלאָסן אין דעצעמבער, 1916, אַ חבר וועלכער האָט געאַרבעט פאַר די רעפּובליקאַנער. אין פּיטסבורג האָט די פּאַרטיי ביי די שטאָטישע וואַלן, אין יאַנואַר, 1917, באַשלאָסן מיט אַ מערהייט שטימען אַרויסצושטעלן אין געוויסע דיסטריקטן אייגענע קאַנדידאַטן. די קעגנער פון דעם פאָרשלאָג האָבן געטענהט, אַז דאָ איז ניט עסטרייך. מען קען קעמפן פאַר דער אנערקענונג פון אידיש אין די פּאַבליק סקולס פון געדיכטע אידישע געגענטן, ניט האָבנדיק קיין אייגענע ראַט־מענער. דער קאַמף פאַר די רעכט פון אידיש אין דער שול איז דאַן געווען אַ צענטראַלער וויכטיקער פּונקט אין דער טעטיקייט פון די פּועלי ציון פאַראיינען.

צום פּאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער, 1917, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַ־ריכטעט, אַז אין ניו יאָרק און אין שיקאַגאָ איז געוואָרן אָנגעפירט אַ טיכטיקער קאַמפּיין פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. אין ניו יאָרק האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אינדאָרסירט די קאַנדידאַטור פון מאָריס הילקוויט. דער צענטראַל קאָ־מיטעט האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון געדאַנק אַרויסצושטעלן אין אייגענע דיסט־ריקטן אייגענע קאַנדידאַטן צוליב פאַרשידענע שוועריקייטן.

די פאַרשטאַרקטע פּראָ־ארץ־ישראל שטימונגען אין דער אידישער אַרבעטער־שאַפט אין די טעג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן אויך באַאיינפלוסט די ניט־אידישע אַרבעטערשאַפט. דאָס האָבן באַוויזן די פּראָ־ארץ־ישראל רעזאָלוציעס, אָנגענומען אויף די קאָנווענשאַנס פון דער אַמעריקן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין באַפאַלאָ (אין נאָוועמבער, 1917), און פון דער „אַמעריקען עלייענס פאַר לייר־באָר ענד דעמאָקראַסי" אין מינעאַפּאָליס (אין סעפּטעמבער, 1917). אַ רייע סאָציאַ־ליסטישע פירער האָבן אין זייערע אינטערוויוען מיט די פאָרשטייער פון דער פי־לאַדעלפיער „אידישע וועלט" זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די אידישע פאָדערונגען אויף ארץ ישראל. יודזשין וויקטאָר דעבס האָט דערקלערט, אַז ער זעט ניט קיין גרונט פאַרוואָס אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט זאָל ניט זיין פאַר דער

ווידעראויפלעבונג פון אידישן פאָלק אַלס נאַציע אין זיין היסטאָריש לאַנד. פאַרקערט, ס'איז זייער פּאַסיק און ריכטיק אַז אַ סאָציאַליסט זאָל מיט באַגייסטערונג געבן זיין שטיצע און סימפּאַטיע דער אונטערנעמונג פון אידישן פאָלק און די אידישע סאָציאַליסטן צו קריגן פּאַלעסטינע פאַר דעם צוועק, כדי דאָרט ווידער אויפצובויען אַ אידישע מדינה. דאָך האָט זיך די ס. פּ. אנטזאָגט אָנטייל צו נעמען אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר א״י, און געראָטן די איניציאַטאָרן פון קאָנגרעס אין יוני, 1918, זיך וועגן דעם צו פאַרשטענדיקן מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע אין יולי, 1918, האָבן די ניו יאָרקער פּועלי ציון פאַרלאַנגט פון די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, אַז זיי זאָלן קלאָר אַרויסזאָגן זייער שטעלונג צום פאָרשלאָג, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל אונטערשטיצן די פאָדערונג פון אַ היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל און אינדאָרסירן די באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער בריטישער רעגירונג, און אָנגעפרעגט צי זיי וועלן אַריינטראָגן אַ ביל אין קאָנגרעס, אָדער אונשטערשטיצן אַזאַ ביל ווען ער וועט ווערן אַריינגעטראָגן, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע אויפן שלום־קאָנגרעס זאָל פאַרטיידיקן און פאַרזיכערן די אידישע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

אין באַריכט צו דער עלפטער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), איז געוואָרן דערציילט, אַז אין ניו יאָרק האָט די פּאַרטיי אונטערשטיצט די קאַנדידאַטן פון דער ס. פּ. אויסער מאיר לאָנדאָן אין 12טן קאָנגרעס־דיסטריקט. „די שטעלונג פון מ. לאָנדאָן צו דער ארץ ישראל פראַגע איז געווען אַזאַ, וואָס האָט פּשוט אוממעגלעך געמאַכט פאַר דער פּאַרטיי אים צו אונטערשטיצן. אונטערשטיצנדיק לאָנדאָנען וואָלט די פּאַרטיי פאַרראַטן אירע אייגענע פּרינציפּן אַלס אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי".

„מיר וועלן מוזן איבערצייגן די ס. פּ." — זאָגט זיך ווייטער אין באַריכט, „אַז זי מוז זיך רעכענען, נאָמינירנדיק די קאַנדידאַטן אין די פאַרשידענע דיסטריקטן, מיט דער מיינונג פון די אידישע נאַציאָנאַליסטן־סאָציאַליסטן. מיר וועלן זיין געצוואונגען אַרויסצושטעלן אייגענע קאַנדידאַטן אויב אונזערע פאַראיינען וועלן זיך נישט קענען באַטייליקן אין דער נאָמינאַציע". אין 1918 איז לאָנדאָן דורכגעפאַלן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע אין אידישן קוואַרטאַל.

אַ גאַר טיכטיקן אנטייל האָבן אין וואַל־קאַמף גענומען די פּועלי ציון אין שיקאַגאָ, באַלטימאָר, מינעאַפּאָליס און אַנדערע שטעט. אין מינעאַפּאָליס האָבן די גענאָסן געשטערט אין דער אַקציע. „אין פיל פאַראיינען ווערן געמאַכט פאָרבאַרייטונגען אַרויסצושטעלן זעלבסטשטענדיקע פּועלי ציון קאַנדידאַטן אין די אידישע דיסטריקטן", איז געוואָרן דערציילט אין דער באַריכטס בראָשור.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אויפצופאָדערן די ס. פּ. אַריינצונעמען די פּוע"צ אַלס טייל פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; אויב אָבער די ס. פּ. וועט ניט וועלן אָנערקענען די פּועלי ציון, זאָל די פּאַרטיי אָנפירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אַקציע און אַרויסשטעלן אייגענע קאַנדידאַטן אין די אידישע קוואַרטאַלן, „וואו מיר וועלן עס געפינען פאַר פּאַסיק און נייטיק".

אין אַ בריוו קיין שיקאַגאָ פון דעצעמבער, 1918, זאָגט זיך דער צענטראַל קאָמיטעט אַרויס קעגן העלפן דעם מיליאָן דאָלער פאָנד פון דער ס. פּ. די ס. פּ. מוז

ניט איבעראַלווערן געשטיצט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס. דאָרט וואו מען קען, דאַרף מען אַרויסשטעלן אייגענע קאַנדידאַטן.

די פּאַרטיי האָט אָנטיילגענומען אין די 1טע מאַי־פייערונגען פון דער אַר־בעטערשאַפט. אין אַ צאָל שטעט, ווי אין שיקאַגאָ און אַנדערע, זענען אין 1914 געוואָרן אַרויסגעגעבן ערשטע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס. אין שיקאַגאָ האָבן זיך אויך די פּועלי ציון באַטייליקט אין 1914 אין אינטערנאַציאָנאַלן פּיקניק פאַר דער סאָ־ציאַליסטישער פּרעסע אין אַלע שפּראַכן מיט אַן אייגענער פאָן און אויפשריפטן.

אין ניו יאָרק האָט די פּאַרטיי, אין 1915, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָנטייל־גענומען אין אַלגעמיינעם דעמאָנסטראַציע־צוג. דער מאַי־אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט אין 1915 איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 10,000 עקזעמפּלאַרן. אין 1917 האָט זיך דער 1טער מאַי אויפרוף, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דער גאַנצער ערשטער זייט פון „אידישן קעמפער" זיך פאַרענדיקט מיט די לאָזונגען:

„מיר פאָדערן אַ באַלדיקן שלום אויפן באָדן פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע פעלקער. זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל! מיר פאָדערן אַ געזיכערטע היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל! מיר פאָדערן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג אין גלות! זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!"

די פּועלי ציון זענען אויך געווען אַקטיוו אויפן געביט פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער באַוועגונג. אויף דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ (1909) זענען געמאַכט געוואָרן פאָרשלאָגן וועגן שאַפן אידישע קאָנסום־ און פאַרזיכערונגס־פאַראיינען. דער צענטראַל קאָמיטעט איז געוואָרן באַאויפטראַגט צו באַטראַכטן גענויער די פאָרשלאָגן. אַן ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון קאָאָפּעראַטיווער טע־טיקייט איז געווען דר. נחמן סירקין. אין אַ בריוו צו ברוך צוקערמאַן פון 15טן אַפּריל, 1910, שרייבט דר. סירקין פון זיין טור איבער אַ צאָל שטעט, אַז אַ פּראַקטישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וואָלט צוגעצויגן צו אונז די גרויסע מאַסן. „מיר דאַרפן שניידן, וואָס מיר האָבן געזייט אין אַזוי פיל יאָרן פון איינזאַמקייט און מאַטערניש. מיר וועלן מוזן אויפנעמען דעם פּלאַן מיט אונזער גאַנצער ענערגיע און ענטוזיאַזם". דר. סירקין האָט פאַרעפנטלעכט אין 1911 אַרטיקלען וועגן קאָאָפּעראַציע אין „פריינד" — דעם אָרגאַן פון אַרבעטער רינג און אין אַנדערע צייטשריפטן. ער האָט אויך געהאַלטן פיל רעפעראַטן וועגן זעלבן ענין.

סירקין איז אויך געווען צווישן די מיטגרינדער פון דער קאָאָפּעראַטיווער ליגע אין 1909. די ליגע האָט געעפנט אַ פאַבריק פון היט און עטלעכע היט־סטאָרס, אין 1910. די פאַבריק האָט זי געמוזט פאַרקויפן אין 1911 צוליב די גרויסע דעפּי־ציטן. אין 1912 האָט די ליגע געעפנט אַ „בוטשער־שאַפּ" אין בראָנקס, אויך ניט מיט קיין צו גרויסער הצלחה. אין מאַי, 1914, האָט זיך די ליגע אויפגעלעזט. אין 1912 איז אַנטשטאַנען די „אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיווע אַסאָסיישאַן", וואָס האָט איבערגענומען די הוט־געשעפטן פון דער ליגע און געעפנט אַ שוך־געשעפט, און עטלעכע קאָאָפּעראַטיווע רעסטאָראַנען [253]). אין סעפּטעמבער, 1913, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון אַ גרופּע פּועלי ציון־חברים וועגן גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוון רעסטאָראַן.

די 7טע פּועלי ציון־קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (1913), האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס שטרייכט אונטער דעם פאַקט, אַז „קאָאָפּעראַציע פאַרנעמט אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע" און באַטאָנט „דעם

גרויסן ווערט פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג פאַר דעם אַלגעמיינעם פּראָ־לעטאַריאַט". די פּאַרטיי דאַרף „שטרעבן צו שאַפן אויף די ערטער קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, און ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן אַ טייל פון זייערע פּראָפיטן פאַר די צוועקן פאַר דער פּאַרטיי".

אין מילוואָקי איז אַנטשטאַנען, אין 1915, דער „אידיש־נאַציאָנאַלער קרעדיט־פאַרבאַנד", מיט דער אויפגאַבע צו לייען געלט די מיטגלידער אויף אָפּצאָלונגען און אויף העלפן פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. אַ שער האָט געקאָסט 5 דאָלער. 10 פּראָצענט פון די פּראָפיטן איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד.

אין זיין באַגריסונג צו דער 3טער קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין באָפאַלאָ (יולי, 1915), האָט דר. סירקין אונטערגעשטראָכן די גרויסע באַדייטונג פון קאָאָפּעראַציע. „פון קאָאָפּעראַטיוון אינשורענס לאָמיר איבערגיין צו קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט, פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט צו קאָאָפּעראַטיוון קאָנסום און פּראָדוקציע, ביז דער וועג וועט אונז ווייטער פירן צו אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט אין אַ אידיש לאַנד".

דעם 19טן אויגוסט, 1915, איז פאָרגעקומען אין „פאָרווערטס"־האָל אַ קאָנפערענץ פון דער אינדוסטריעלער און אַגריקולטורעלער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט מיטן אָנטייל פון 70 דעלעגאַטן. די קאָנפערענץ האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער צו שטיצן די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. אַ טייל פון זייערע פּראָפיטן זאָל גיין פאַרן האַיאַס, דענווער סאַנאַטאָריע, און פאַרן פאָנד פאַר שווינדזיכטיקע קלאָוקמאַכער. די פּועלי ציון האָבן אין דער געזעלשאַפט געקעמפט, אַז די אַרבעט זאָל טראָגן אַ מער אידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און אַז עס זאָל ווערן אַריינגעשטעלט אַ פּאַראַגראַף אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס פאַרפליכטעט צו שטיצן נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. ס. זאַקס האָט באַריכטעט אויף דער פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (אָקטאָבער, 1916), אַז די פּועלי ציון האָבן פאַרלאַנגט, אַז די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט זאָל ניט אויסגענוצט ווערן פאַר אַסימילאַטאָרישע און קאַפּיטאַליסטישע צוועקן. די דאָזיקע פאָדערונגען זענען געוואָרן אָפּגעוואָרפן. די פּועלי ציון האָבן דאַן באַשלאָסן צו גרינדן אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט.

סוף 1916, איז אַנטשטאַנען די „אידיש־נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט". די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט ברייטע צילן. זי „באַצוועקט צו שאַפן אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן. זי שטרעבט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אַלס פאַרבריוכער און אַלס שאַפער פון פּראָדוקטן. אין דער זעלבער צייט לייגט זי אַריין אַ נאַציאָנאַלן און אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג". די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג „אַנטוויקלט די געפילן פון קעגנזייטיקער הילף און פון זעלבסט־הילף; זי איז די ווירקזאַמסטע שולע אין פּראַקטישן סאָציאַליזם, און איז אַ גרויסער פאַקטאָר צו דערנענטערן דעם אָנקום פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג".

„מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג", זאָגט זיך ווייטער אין פאַרעפנטלעכטן אויפרוף — „פירן מיר אין אידישן לעבן איין אַ נייעם טייל פון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג מוז ביי אונז ווערן פּונקט אַזוי וויכטיק און שטאַרק ווי די טרייד יוניאָן־באַוועגונג. דורך די צווי שטאַרקע וואָפן פון קאָאָפּעראַציע און פון טרייד יוניאָניזם קאָנען מיר איבעראַנדערשן דאָס גאַנצע

עקאָנאָמישע לעבן פון דעם אידישן פאָלק". „אונזער קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט שטעלט זיך פאַר איר ציל צו העלפן מיט אַלע אירע כחות דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס און דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער און די דערגרייכונג פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. די דאָזיקע גרונט־פּרינציפּן זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון אונזער געזעלשאַפט און זענען אינקאָרפּאָרירט אין אונזער טשאַרטער. זי וועט דערינבער שטיצן אַלע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס, וועלכע פירן צו די דאָזיקע צילן".

די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבן שערס צו 5 דאָלער. אַ טייל פון די פּראָפיטן זאָל פאַרטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער און אַ טייל זאָל פאַרווענדט ווערן פאַר אַלע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און פאָלק.

מיט דער געזעלשאַפט האָט אָנגעפירט דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמיטעט, וואָס איז לויטן באַשלוס פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (1916) געוואָרן אָפּגעטיילט פון געווערקשאַפטלעכן קאָמיטעט. דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון ב. אַראָנאָוו, ש. גאָלדשטיין, ש. זאַקס, חברה זעליגסאָן און דר. נחמן סירקין.

די געזעלשאַפט האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן מזל. אויפן פּאַרטיי ראַט, אין אַפּריל, 1917, איז געוואָרן באַריכטעט, אַז עס זענען פאַרקויפט געוואָרן סך־הכל 150 שערס און אַז די געזעלשאַפט איז ניט שטאַרק טעטיק.

די אידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט בכלל ניט געהאַט קיין צו גוטן מזל אויף די געביטן פון קאָנסום און פּראָדוקציע. די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך שנעל ליקווידירט, ניט קענענדיק אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די פּריוואַטע שפּייז־קראָמען און פון די מעכטיקע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע „קייטן־קראָמען" (טשעין־סטאָרס). אויך די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. אַן אויסנאַם זענען געווען די קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך אַרבעטסלאָזע בעקער־אַרבעטער אין אַ רייע שטעט. (סיראַקיוז, קליוולענד, לאָס אַנזשעלעס, פּעטערסאָן, לין און אַנדערע). אין ניו יאָרק האָט אַ געוויסע צייט געהאַט גרויס דערפאָלג דער בעקער־קאָאָפּעראַטיוו אין בראָנזוויל, וואו ס'איז געווען באַזונדערס אַקטיוו א. שיפּליאַקאָוו. אין 1925 האָט דער קאָאָפּעראַטיוו געציילט אַרום 2,000 מיטגלידער און פאַרקויפט געבעקס פאַר קרוב 230,000 דאָלער, הגם זיין קאָאָפּעראַטיווער קאַפּיטאַל האָט נאָר באַטראָפן 10,000 דאָלער. אָבער זינט 1929 האָבן די בעקער־קאָאָפּעראַטיוון דורכגעמאַכט אַ כסדרדיקע ירידה. אַ בעסערן דערפאָלג האָבן דערפאַר געקענט פאַרצייכענען די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון און די קאָאָפּעראַטיווע הייזער־בוי־פאַראיינען[254]).

די פּועלי ציון און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן אין די יאָרן 1918־1919 זיך באַטייליקט אין די צוזאַמענפאָרן פון די אידישע קאָאָפּעראַטיווע טוער צוזאַמען מיטן אַרבעטער רינג, אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג און זענען געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאָאָפּעראַטיווער פעדעראַציע (סעקרעטאַר, אהרן סטאַלינסקי). א. סטאַלינסקי האָט אין 1918 פאָרגעלייגט די פּועלי ציון צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי. אויך דער פּלאַן איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

26.

# די שטעלונג צום קריג

די פועלי ציון־פּאַרטיי איז ווי די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געווען אין די יאָרן 1917־1914 אַן אַנטשידענע קעגנערין פון קריג. די שטימונגען אין דער אידישער גאַס זענען געווען צעטיילט: דער „פאָרווערטס”, למשל, האָט אָפן סימפּאַטיזירט מיט די דייטשן און געוואונטשן אַ מפּלה דעם פאַרהאַסטן צאַריזם. פאַרקערט, איז די „וואַרהייט” געווען אַ פאַרקאַכטע אַנהענגערין פון די עליים. י. ב. סאַלוצקי, לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, האָט אָנגערופן באַראָכאָוון „פאַררעטער פון סאָציאַליזם” פאַר זיינע אַרטיקלען אין דער „וואַרהייט” קעגן די דייטשע ס. ד. פאַר זייער מלחמה־פּאַטריאָטיזם.

אין 1916 האָבן די דייטשע סאָבמאַרינס פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט קעגן אַמעריקאַנער שיפן, וואָס האָבן געפירט סחורות קיין אייראָפּע און אין לאַנד זענען געוואַקסן די פּראָ־מלחמה־שטימונגען קעגן דייטשלאַנד. די ס. פּ. האָט געשריבן אַ בריוו צו ווילסאָנען, בעטנדיק אים, ער זאָל גיין אין די פוס־טריט פון זיין באַרימטן פאָרגייער, טאָמאַס דזשעפערסאָן, און אַרויפלייגן אַ פולשטענדיקן פאַרבאָט אויף אַלע מלחמה־ליפערונגען קיין אויסלאַנד. ווען דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט דעם 30טן מערץ, 1917, אָנצונעמען זיין אַנטשיידונג וועגן דערקלערן מלחמה דייטשלאַנד, האָט די ס. פּ. נאָך געשריבן אַ בריוו צו ווילסאָנען, וואָס האָט פאַרלאַנגט דורכצופירן אַ רעפערענדום פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין דער פראַגע פון מלחמה קעגן דייטשלאַנד. דאָס איז אויך געווען די שטעלונג פון דער אידישער אַרבעטער־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 11טן מערץ, 1917, אין „פאָרווערטס”־האָל, צונויפגערופן דורך דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און אינדאָרסירט דורך דעם אַרבעטער רינג, פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן און דער אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן. די קאָנפערענץ האָט דערקלערט: „מיר זענען קעגן קריג, ניט ווייל מיר האַלטן מיט דעם אָדער יענעם צד פון די קריג־פירנדיקע גרופּן. מיר זענען קעגן קריג בכלל. מיר זענען ניט קיין פּראָ־דייטש און נישט קיין פּראָ־עליים. מיר זענען פּראָ־פּראָלעטאַריאַט”. אין דער דעקלאַראַציע איז אויך געווען דערקלערט, אַז אידן דאַרפן זיין באַזונדערס קעגנעריש צום קריג ווייל „יעדעס מאָל ווען דער שאָוויניזם שפּרייט אויס זיינע פליגלען, ליידן די אידישע מאַסן, די אייביק־געיאָגטע און פאַרפאָלגטע, מער ווי אַלע אַנדערע” [255]).

אויך די פועלי ציון האָבן פאַרנומען די זעלבע שטעלונג. אין פעברואַר, 1917, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף קעגן קריג. דער אויפרוף רופט די חברים זיך ניט אָפּצושרעקן פון מה־יפית־געשריי פון די בירגערלעכע עלעמענטן וואָס באַהויפּטן, אַז אידן דאַרפן ניט קעמפן קעגן

קריג, זיי דאַרפן זיין פּאַטריאָטיש, שטיל און באַשיידן און דעם דאָזיקן קאַמף איבערלאָזן פאַר די ניט־אידן. דער אויפרוף שילדערט אין שטאַרקע ווערטער די חורבנות פון קריג, די מיליטערישע דיקטאַטור, צענזור און די מיליטאַריזירונג פון אַמעריקע, די פאַרניכטונג פון די קולטורעלע און ציוויליזאַציע־דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט במשך פון הונדערטער יאָרן און די מאָראַלישע דעגראַדאַציע פון גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג. דער אויפרוף רופט די חברים דורכצו־פירן מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אַרויסטראָגן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן קריג, אי־בערשיקן צום קאָנגרעס און צום פּרעזידענט די פאָדערונג פון דורכפירן אַ רעפע־רענדום צווישן דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, וואָס זאָל אַנטשיידן איבער די פראַגן פון אַמעריקעס אַריינגיין אין קריג, די פראַגע פון אַלגעמיינער מיליטער־דינסט און די פראַגע פון באַוויליקן קריגס־קרעדיטן. דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט די לאָזונגען: „זאָל דאָס פאָלק אַליין באַשליסן זיין גורל! נידער מיטן קריג! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם, די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די פרייהייט און ברידער־לעכקייט פון אַלע פעלקער"[256].

דעם 6טן אַפּריל, 1917, האָט אַמעריקע דערקלערט קריג דייטשלאַנד. דער „אידישער קעמפער" האָט דאַן געשריבן צווישן אַנדערן: „די בירגערלעכע פּרעסע איז איצט פול מיטן רוף צו לאָיאַליטעט, און דער פּרעזידענט האָט זיין רעדע געשלאָסן מיטן דאָזיקן רוף. זיכער זענען מיר לאָיאַל צו אַמעריקע און קעגן דער דייטשער רעגירונג. אָבער מיר האָבן אַן אידעאַל, וואָס קען בעסער באַשיצן סיי די אַמעריקאַנער און סיי די אַנדערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן ווי דער קריג: דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם. ער און ניט וואָל־סטריט, ער און ניט די אַרמייען וועלן דער וועלט ברענגען אַלע שיינע זאַכן וועגן וואָס ס'האָט גערעדט פּרעזידענט ווילסאָן: שלום, אמתע דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַלע אומאָפּהענ־גיקייט, פרייהייט אויפן ים און אויף דער יבשה. לאָזט אונז אונטער אַלע אומשטענדן בלייבן טריי צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם".

דעם 7טן אַפּריל, אַ טאָג נאָך דעם, ווי אַמעריקע איז אַריין אין קריג, איז פאָרגעקומען אין סט. לואיס אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָרט איז שוין געווען אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט וואָס האָט פאָרגעלייגט אין איר רעזאָלוציע פעסטצושטעלן דעם פאַקט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דורכ־געפאַלן מיט זיין פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן קריג; אָנערקענען דעם קריג אַלס אַ פאַקט און אַרויפצווינגען אויף דער רעגירונג דורך דער עפנטלעכער מיינונג אַ קאָנסטרוקטיוו פּראָגראַם.

מיט אַ מערהייט פון 104 קעגן 39 איז אָבער געוואָרן אַקצעפּטירט די פריער־דיקע אַנטי־מלחמה־שטעלונג פון דער ס. פּ. מאָריס הילקוויט האָט דערקלערט: „מיר שטעמפּלען די מלחמה־דערקלערונג פון אונזער רעגירונג אַלס אַ פאַרברעך קעגן פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קעגן די נאַציעס פון דער גאַנצער וועלט". די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אַז די פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אין קאָנגרעס, אין די לעגיסלאַטורן און אויך די לאָקאַלע אַנשטאַלטן זאָלן שטימען קעגן אַלע קריגס־קרעדיטן, אָבער ביים שלוס פון דער קאָנווענשאָן האָבן 60 דע־לעגאַטן, צווישן זיי 50 פון דער מערהייט, אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, וואָס איז געווען אַ פאַקטישע אָפּשוואַכונג פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע. דער רע־

פּערענדום וואָס איז שפּעטער געוואָרן דורכגעפירט, האָט אָקצעפּטירט די שטעלונג פון דער מערהייט.

מאיר לאָנדאָן האָט אין קאָנגרעס אָבער ניט געשטימט קעגן דער קריגס־הלוואה אין גייסט פון דער רעזאָלוציע אין סט. לואיס, נאָר זיך באַנוגנט מיט אָפּהאַלטן זיך פון שטימען. דאָס איז געוואָרן געטאַדלט דורך דער קאָנווענשאָן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אָפּגעהאַלטן סוף מאַי, 1917, אין ניו יאָרק. „עס וואָלט געווען טאַקטישער און אויך מער אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער פּאַרטיי, ווען גענאָסע לאָנדאָן וואָלט אויסדריקלעך געשטימט קעגן דער הלוואה״.

אויף דער זיצונג פון פּועלי ציון צענטראַל קאָמיטעט, דעם 16טן אַפּריל, 1917, האָבן זיך אויסגעשיילט צוויי מיינונגען: אַנצונעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום קריג, ווייל דאָס איז אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון פעלקער און אַ צווייטע מיינונג, אַז עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דער מלחמה און אַנדערע מלחמות. די מערהייט האָט באַשלאָסן צו בלייבן ביי דער פריערדיקער שטעלונג קעגן קריג. די אַרטיקלען וואָס חברים פאַרעפנטלעכן פאַרן קריג דריקן נאָר אויס זייער פּריוואַטע מיינונג. אויף אַ שפּעטערדיקער צענטראַל־קאָמיטעט־זיצונג איז דער פּראָטאָקאָל פון דער פריערדיקער זיצונג געוואָרן קאָרעגירט: די קעגנער פון קריג זענען ניט קיין קעגנער פון יעדן קריג. זיי זענען יאָ פאַר אַ קריג, וואָס טראָגט אַ פאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער, אָבער זיי באַטראַכטן ניט דעם איצטיקן קריג פאַר אַזאַ און דערפאַר זענען זיי קעגן אים.

באַלד הייבן אָן דערשיינען אין „קעמפּער״ אַרטיקלען פון פירנדיקע חברים, וואָס הייבן אָן רעווידירן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום קריג. ברוך צוקערמאַן האָט געענדיקט זיין אַרטיקל, דערשינען דעם 14טן אַפּריל, 1917, מיט די ווערטער: „פאַר אונז אידן איז צום ערשטן מאָל אין אונזער גאַנצער גלות־געשיכטע דערשינען די מעגלעכקייט, אַז אויך אונזער פאַרגאָסן בלוט זאָל האָבן אַן ענטשעדיקונג. מיר גיבן גענוג בלוט פאַר דעם. אנשטאָט צו קעמפן קעגן מלחמה, ווען די מלחמה איז שוין אַ פאַקט, לאָמיר קאָנצענטרירן אַלע אונזערע כחות אין דער ריכטונג פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט, ווייל אין דעם ליגט דאָס גליק אויך פאַר אונזער פאָלק״.

דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון די פּועלי ציון אין שיקאַגאָ (סעקרעטאַר מ. זילבערט), האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דאָזיקן אַרטיקל. אָבער דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געהאַט אַ ריכטיקן תירוץ: ס׳איז דאָ אַ באַשלוס אַז חברים מעגן פאַרעפנטלעכן מלחמה־אַרטיקלען אויף זייער אייגענער אחריות.

די סאָציאַליסטישע קרייזן וואָס זענען געבליבן אַנטשידענע קעגנער פון קריג האָבן זיך גרופּירט אַרום דער אָרגאַניזאַציע „פּיפּלס קאָונסיל״. הגם די מערהייט פון דער ס. פּ. האָט זיך געהאַלטן ביי די אַנטי־קריגס־רעזאָלוציעס פון דער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס, איז די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע ניט געווען פאַרטראָטן אין „פּיפּלס קאָונסיל״. יודזשין דעבס, טשאַלס ע. רוטענבערג און אַ געוויסע צייט מאָריס הילקוויט זענען געבליבן קעגנער פון קריג. אָבער עס הייבן אָן וואַקסן פּראָ־קריג־שטימונגען ביי אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער, ווי אַלאַן בענסאָן, געוועזענער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט און רעדאַקטאָר פון דער פאַר־שפּרייטער וואָכן־צייטונג „אַפּיל טו ריזאָן״; טשאַרלס עדוואַרד ראַסעל, טשעסטער

רייט, דזשאָן פּארגא און אַנדערע. אין פעברואַר, 1918, זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן די נאַציאָנאַלע באַאַמטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אויפן גרונט פון דער סט. לואיסער רעזאָלוציע. זיי זענען אָבער ניט געוואָרן אַרעסטירט. צוויי יאָר שפּעטער האָט דאָס העכסטע געריכט אָפּגעשאַפט דעם אורטייל, אָבער יודזשין וויקטאָר דעבס, דער באַקאַנטער סאָציאַליסטן־פירער, איז פאַר זיין ליידנשאַפטלעכער אַנטי־מלחמה־רעדע אין דענטאָן, אָהאַיאָ, דעם 12טן יוני, 1918, געוואָרן פאַרמשפט אויף 10 יאָר טורמע. אויך אַנדערע מיליטאַנטישע סאָציאַליסטן־פירער זענען געוואָרן אַרעסטירט.

סעמיועל גאָמפּערס און אַנדערע פירער פון דער „אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" וואָס זענען געווען אַנטשידענע אָנהענגער פון קריג, האָבן געשאַפן די אָרגאַניזאַציע „עלייענס פאָר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי". אַ טייל פירער פון די אידישע יוניאָנס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן קעגן גאָמפּערסן. ביס־לעכווייז האָט זיך אָנגעהייבן בייטן די שטימונג אין די רייען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. מאיר לאָנדאָן האָט שוין דעם 12טן אַפּריל, 1917, מאָטיווירט פאַרוואָס ער האָט נישט געשטימט קעגן די קריגס־קרעדיטן טראָץ דעם באַשלוס פון דער ס. פּ. אין סט. לואיס. ער האָט געטענהט: „אויב די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צום פאָלק פאַר אַ הלוואה, וואָלט דער שונא נישט געהאַט קיין בעסערע הילף, ווען מען זאָגט זיך אָפּ די דאָזיקע הלוואה צו שטיצן".

אַ צאָל אידישע יוניאָן־פירער האָבן סוף 1917, פאַרעפנטלעכט דערקלערונ־גען, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט דער שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין די ערשטע וואָכן פון 1918 האָבן די פאַראייניקטע אי־דישע געווערקשאַפטן פון ניו יאָרק דערקלערט, אַז זיי שטיצן די שטעלונג פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט אין די פראַגן פון קריג. די פירער פון דער אַמאַלגאַמיי־טעד האָבן פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז זיי שטיצן דעם פּרעזידענט ווילסאָנס פּלענער ווייל „די אַרבעטער זענען פאַראינטערעסירט צו צוברעכן דעם דייטשן מיליטאַריזם".

די עקזעקוטיווע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט אין אַפּריל, 1918, זיך געווענדעט צום עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. מיט אַ קלאָרן פאָרשלאָג צו בייטן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום קריג אין ליכט פון די נייע אַנטוויקלונגען. די קאָנפערענץ פון דער ס. פּ. אין אויגוסט, 1918, אין שיקאַגאָ, האָט טאַקע געענדערט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום קריג. די קאָנ־ווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז „אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום ענ־דיקן די מלחמה, איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בכלל מסכים מיט די פאַרעפנטלעכטע צילן, וואָס עס האָט פאָרמולירט די קאָנפערענץ פון די סאָציאַליס־טישע און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די קאָאַליציע־לענדער".

אָבער אין מיטן 1917 איז נאָך די גרויסע מערהייט פון דער אידישער אַר־בעטערשאַפט, געטריי אירע סאָציאַליסטישע טראַדיציעס, געווען קעגן קריג. אין די רייען פון די פועלי ציון האָט זיך לאַנגע חדשים געפירט אַ קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון קריג, אַ קאַמף וואָס האָט געהאַט אין זיך פיל ביטער־קייט און איז געפירט געוואָרן מיט ליידנשאַפט, ברען און ליבע צום אמת אויף ביידע זייטן.

אין יוני, 1917, ענטפערט דער צענטראַל קאָמיטעט דעם ברענטש 2, אין ניו יאָרק, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אַלס אַזעלכער זיך ניט באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון „פּיפּלס קאָונסיל" אין ניו יאָרק (סוף יוני), אָבער ער האָט דערלויבט די פאַראיינען וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ דאָס צו טאָן. אפילו די ס. פּ. וועמענס מיטגלידער זענען אַזוי אַקטיוו אין „פּיפּלס קאָונסיל" איז אַלס גאַנצע ניט אַנגעשלאָסן אין דעם קאָונסיל. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרוואורף, אַז דערפאַר וואָס דער „אידישער קעמפער" איז ניט אַרויס מיט אַ געוואַלדיקער אַטאַקע קעגן דער קאָנסקריפּשאָן אין דער אַרמיי, פאַר־דינט ער ניט דעם נאָמען „קעמפער". דער צענטראַל קאָמיטעט ווייזט אָן, אַז ער מוז האַנדלען פאָרזיכטיק, כדי ניט צו באַדראָען די עקזיסטענץ פון דער צייטונג. די חברים פון מינעאַפּאָליס זענען געוואָרן אינסטרואירט אָפּצושטעלן זייערע פאַרהאַנדלונגען מיט די ס. פּ. וועגן פירן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער קאָנס־קריפּשאָן. די פראַגע דאַרף ערשט ווערן אַנטשידן דורך אַ רעפערענדום, וואָס ווערט באַלד דורכגעפירט.

דעם 6טן יולי, 1917, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אין זיינעם אַ צירקולאַר געמאָלדן די פּאַרטיי־פאַראיינען אַז זיי קענען זיך באַטייליקן אין פּיפּלס קאָונסיל, אָבער די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע שליסט זיך פאָרלויפיק ניט אָן אין דער אָרגאַניזאַ־ציע.

אונטערן דרוק פון פיל פאַראיינען האָט דער צענטראַל קאָמיטעט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין „פּיפּלס קאָונסיל" און ער האָט געשיקט י. זאַר, אַלס זיין פאָרשטייער, צו דער קאָנווענשאָן פון דער אָרגאַניזאַציע אין מינעאַפּאָליס. די קאָנ־ווענשאָן איז ניט געוואָרן אָפּגעהאַלטן אין מינעאַפּאָליס צוליב די אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן מצד דער רעגירונג און נאָר אַ טייל דעלעגאַטן האָבן באַוויזן אָפּצו־האַלטן אַ באַראַטונג עטלעכע שעה אין שיקאַגאָ.

אין יולי, 1917, איז דורכגעפירט געוואָרן דער רעפערענדום אין דער פראַגע קאָנסקריפּשאָן. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט ניט געשטעלט דאָן צו אָפּשטימונג די פראַגע וועגן זיין באַציאונג צום קריג, ווייל די מערהייט פון צענטראַל קאָמיטעט איז געווען קעגן בייטן די פריערדיקע אַנטי־מלחמה־שטעלונג. די פראַגע איז נאָר געווען צי זאָל זיך די פּאַרטיי אַקטיוו באַטייליקן אין קאַמף קעגן קריג, ווי דאָס האָבן געפאָדערט אַ צאָל פאַראיינען. 575 האָבן געשטימט דערפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין קעגן קאָנסקריפּשאָן. 93 זענען געווען קעגן דעם. אויף דער פראַגע צי זאָל די פּאַרטיי אָנהייבן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן קאָנסקריפּשאָן, האָבן 393 געענט־פערט מיט „יאָ". אָבער ס'איז געווען אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט פון 238, וואָס איז געווען קעגן דעם פאָרשלאַג.

אין אויגוסט, 1917, האָט דער פאַראיין פון סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּועלי ציון אין ניו יאָרק געפאָדערט, אַז דר. נחמן סירקין זאָל רעזיגנירן פון צענטראַל קאָמיטעט. זייער טענה איז געווען, אַז דער אויסגאַנג פון רעפערענדום באַווייזט קלאָר די שטעלונג פון דער פּאַרטיי קעגן קריג. קיינער קען ניט פאַרלאַנגען, אַז מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע איבערצייגונגען, אָבער זיי קענען ניט מאַכן קיין עפנטלעכע אויפטריטן וואָס זענען קעגן דער מיי־נונג פון דער באַוועגונג. דער בריוו טרעט אַרויס קעגן סירקינס „רעוואָלוציאָנערע" מלחמה־אַרטיקלען, וואָס רעדן קעגן די אידישע אַרבעטער, וואָס זענען קעגן קריג.

אַזוי ווי דר. סירקין וועט זיך זיכער נישט לאָזן קאָנטראָלירן און איבעררייסן זיין קריגס־אַגיטאַציע, דאַרף ער דערפאַר רעזיגנירן פון צענטראַל קאָמיטעט און זיך צוריקציען פון די פאַרשידענע אַמטן, וואו ער איז פאַרטראָטן אַלס מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט.

דער עסטרייכישער פּועלי ציון־פאַראיין אין ניו יאָרק (ברענטש 6) איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיינע פאָדערונגען: ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דר. סירקין זאָל פאַרלאָזן די „עלייענס פאָר דעמאָקראַסי ענד לייבאָר", אין קעגנפאַל זאָל ער אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פאַרטיי.

די פאָדערונג פון די ביידע פאַראיינען האָט אַרויסגערופן אַ שטורם איבערן לאַנד. פון ביידע זייטן — פון די קעגנער און אָנהענגער פון דר. סירקינס ליניע — האָבן אָנגעהייבן צו פליען דראָאונגען און פּראָטעסטן. דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון די ניו יאָרקער פּועלי ציון־פאַראיינען האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער פאָדערונג פון די ס. ד. פּועלי ציון. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל עפנטלעך דערקלערן, אַז סירקין פאַרטרעט ניט אין זיינע האַנדלונגען די פאַרטיי, און אַז ער זאָל רעזיגנירן פון צענטראַל קאָמיטעט. דער ניו־יאָרקער ברענטש 1 האָט אַלס פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער דערקלערונג פאַרלאָזן דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט. ער איז אַריין צוריק אין קאָמיטעט ערשט נאָך אַ שטאַרקער פאָדערונג פון צענטראַל קאָמיטעט. דעטראָיט האָט געשטיצט די פאָדערונג. אַז סירקין זאָל רעזיגנירן פון צענטראַל קאָמיטעט. אָלבאַני האָט פּראָטעסטירט קעגן די אָנפאַלן אויף סירקינען. דער ברענטש 1 אין פילאַדעלפיע האָט געבעטן נישט צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן סירקינען.

דעם 5טן אָקטאָבער, 1917, איז דערשינען אין „אידישן קעמפער" אַ דערקלערונג פון דר. סירקין, אַז ער רעזיגנירט פון צענטראַל קאָמיטעט. די רעזיגנאַציע איז ניט קיין פרייווילליקע נאָר אַ געצוואונגענע. „ווען דער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן" — האָט דר. סירקין געשריבן „האָט די ראַטשעסטער קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז די פאַרטיי בלייבט נייטראַל. די קליוולענדער און די באָסטאָנער קאָנווענשאָנס האָבן באַשטעטיקט די דאָזיקע רעזאָלוציע". „איך מיט מיין שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם פּראָ־עלייס שטאַנדפּונקט האָב געהערט צו אַ גאַנץ קליינער מינאָריטעט אין דער פאַרטיי, אָבער דער שלום אין דער פאַרטיי איז נישט צעשטערט געוואָרן".

נאָכן אַריינטריט פון אַמעריקע אין קריג, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעפערענדום, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט ניט־גענוג אויפקלערונג. „ווען די פאַרטיי האָט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין ,פּיפּלס קאָונסיל', האָב איך געהאַלטן דאָס דער באַשלוס איז גילטיק נאָר בנוגע דער פאַרטיי, אָבער דורכאויס ניט בנוגע איינצלנע חברים. די באַוועגונג פון ,פּיפּלס קאָונסיל', איז רעאַקציאָנער און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, איז אַ טריק פון אייניקע ,סאָציאַליסטישע' פּאָליטישענס און איז אַ סכנה פאַרן אידישן פאָלק און פאַרן ציוניזם... איך האָב ווייטער אָנגעפירט מיין אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן די מלחמה־פּראָבלעמען, זייענדיק איבערצייגט, אַז איך האַנדל ניט נאָר אין גייסט, נאָר אויך לויט דער דיסציפּלין פון דער פאַרטיי".

„בשעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ,אידישע סאָציאַליסטישע ליגע' אין ניו יאָרק מיטן צוועק אַרויסצורופן אַן ערלעכע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן אידן, בין איך געוועזן איינער פון אירע איניציאַטאָרן. די נייע

אָרגאַניזאַציע האָט אויך אינדאָרסירט די אידייע פון אַ היים אין ארץ ישראל פאַר דעם אידישן פאָלק. אין דער קאָנפערענץ אין מינאַפּאָליס פון דער „עלייענס פאַר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי" איז מיר געלונגען דורכצופירן איינשטימיק און ענטוזיאַסטיש אַ רעזאָלוציע פאַרן ציוניזם, וואָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פאָסירונגען אין דער געשיכטע פון ציוניזם זינט דער מלחמה".

סירקין האָט ווייטער דערציילט אין זיין דערקלערונג, אַז פיל פאַראיינען האָבן פּראָטעסטירט קעגן זיין אנטייל אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ און דעם אופן ווי ער האָט פעסטגעשטעלט די סיבות פאַרוואָס פיל אידישע אַרבעטער סימפּאַטיזירן מיט דעם „פּיפּלס קאָונסיל". ער איז איבערצייגט, אַז אַ רעפערענדום אין דער פּאַרטיי, וואָלט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן זיין רעזיגנאַציע פון צענטראַל קאָמיטעט. אָבער „איך וויל ניט שטעלן די אַזוי מיר נאָענטע און שטענדיק טרייע באַוועגונג און פּאַרטיי אין אַ סכנה". ווייל, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די מערהייט פון דער פּאַרטיי וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר דער רעזיגנאַציע פון אַ חבר דערפאַר, ווייל ער האָט דורכגעפירט אַ ציוניסטישע רעזאָלוציע אויף אַ קאָנווענשאָן פון אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, וועט דאָס זיין אַן אומגליק פאַר דער פּאַרטיי און אַ צייכן פון דער געפאַלנקייט פון גאַנצן סאָציאַליסטישן ציוניזם. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אַליין צו רעזיגנירן. „ביי דעם ערשטן רוף פון צענטראַל קאָמיטעט, וועל איך צוריקקומען צום צענטראַל קאָמיטעט, אין אַלטער טרייהייט און ליבע צו דער אידייע און די מיטקעמפנדיקע חברים".

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט באַגלייט סירקינס בריוו מיט אַ דערקלערונג פון באַדויערן, וואָס איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט־באַוועגונג איז געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון דער פּאַרטיי־לייטונג. דער באַשלוס וועגן אנשלוס אין „פּיפּלס קאָונסיל" איז ניט געוואָרן אָנגענומען דורך אַ רעפערענדום נאָר איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט. דער צענטראַל קאָמיטעט באַטראַכט דעם „פּאָלקס־ראַט" פאַר אַ וויכטיקן ראַדיקאַלן פאַקטאָר אין אַמעריקאַנער לעבן. די פאַראיינען וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן סירקינס פאָרז נאָך מינעאַפּאָליס, האָבן עס געטאָן ניט צוליב זייער קעגנערשאַפט צו דער קאָנווענשאָן, נאָר ווייל זיי האָבן אין דער גאַנצער עפנטלעכער האַלטונג פון דר. סירקין געזען אַ דיסציפּלין־ברוך. די דערקלערונג, געצייכנט פון ה. עהרנרייך — דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר — האָט זיך געענדיקט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז סירקין בלייבט באַליבט און טיף געאַכטעט ווי פריער און מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט צוריק קענען פאַרנעמען אין דער נאָענטסטער צוקונפט דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ אין דער לייטונג, ווי ער האָט אים די גאַנצע צייט פאַרנומען.

אויפן פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען פון 20טן ביזן 22טן אָקטאָבער, איז פאָרגעקומען אַ הייסער וויכוח אַרום דער מלחמה־פראַגע. בן גוריון, ש. גאָלדשטיין און קריטשמאַר־איזראַעלי האָבן פאַרטיידיקט סירקינס שטעלונג. זיי האָבן געהאַט טענות צום „קעמפּער", אַז ער האָט פאַרשוויגן די פּראָ־פּאַלעסטינע רעזאָלוציע, אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן אין מינעאַפּאָליס, און נישט באַגריסט דעם פאַקט, וואָס דער ענגלישער אַרבעטער קלאַס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ארץ ישראל. סירקין האָט געראַטן דעם פּאַרטיי־ראַט ניט אָנצונעמען קיין שטעלונג ביז די חברים וועלן באַקומען מער אויפקלערונג וועגן דעם ענין.

אין וויכוח האָבן אַ צאָל דעלעגאַטן פאָרגעוואָרפן דעם צענטראַל־קאָמיטעט,

אַז ער האָט נישט געשיקט די צירקולאַרן קעגן קריג, פּאַרוואָס דער צענטראַל קאָמיטעט איז נישט פאַרטראָטן אין דער עקזעקוטיווע פון „וואָרקמענס קאָונסיל", פּאַרוואָס ער איז נישט אַקטיוו אין קאַמף קעגן קאָנסקריפּשאָן. ערנרייך האָט גע־ענטפערט, אַז די מערהייט פון צענטראַל קאָמיטעט איז קעגן קריג. פאַר זענען נאָר ער און בן צבי. דער צענטראַל קאָמיטעט דאַרף ניט אָנפירן קיין דעמאָנסט־ראַציעס קעגן קריג, דאָס געהער צו די לאָקאַלע פּאַראייניגן. דער צענטראַל קאָ־מיטעט איז אָנגעשלאָסן אין „פּיפּלס קאָונסיל", אָבער ער איז ניט געוואָרן איינגע־לאַדן צום „וואָירקמענס קאָונסיל".

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז די פּאַרטיי האַלט אַלס איר הייליקע פליכט מיטצוהעלפן באַקעמפן די פאַרשלעפּונג פון קריג און פאַרשנעלערן דעם וועלט־שלום, וואָס זאָל געזיכערט ווערן דורך א) אַלגעמיינע אָנטוואָפנונג ב) אינטערנאַציאָנאַלע טריבונאַלן, ג) גאַראַנטירן נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָ־מיע אַלע קליינע פעלקער און געבן אידן רעכט אויף אַן אייגענער היים אין ארץ ישראל.

דער פּאַרטיי־ראַט באַאויפטראָגט דעם צענטראַל קאָמיטעט צו פירן אַ מוטיקע און אָנטשלאָסענע אַרבעט פאַר דער אנשויאונג; פּאַרטיידיקן איר אין דער פּרעסע און עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען; באַקענען מיט איר די ברייטע מאַסן און די רע־גירער און מאַכטהאָבנדע; זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע כחות, וואָס נוצן אויס דעם קריג, כדי צו אונטערדריקן די דעמאָקראַטישע אײַנ־סטיטוציעס אין לאַנד; מיטהעלפן יעדער באַוועגונג, וואָס וויל שאַפן אַן עפנט־לעכע מיינונג צו צווינגען די רעגירונגען, זיי זאָלן דערקלערן דייטלעך זייערע שלום־פאָדערונגען.

דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל דורכפירן די אַרבעט זעלבסטשטענדיק און אויף אייגענער אחריות, אָבער אין פרייער צוזאַמענווירקונג מיט אַזעלכע אַרבע־טער און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס טעטיקייט איז אין איינקלאַנג מיט דעם שלום־פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

רעכנענדיק זיך מיטן פאַקט, אַז אַ טייל פון די חברים, פּונקט ווי פיל סאָ־ציאַליסטן פון אַנדערע פּאַרטייען זענען איבערצייגט, אַז די פאַרזעצונג פון דער מלחמה איז נייטיק, כדי צו דערגרייכן אַ גערעכטן און זיכערן וועלט־פרידן, וואָס איז באַזירט אויפן פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע פעלקער; אַז טיילן פון אידישן פאָלק אין די מלחמה־לענדער באַטייליקן זיך באַוואוסטזיניק און לויט זייערע נאַציאָנאַלע איבערצייגונגען אין קריג, באַשליסט דער פּאַרטיי־ראַט, אַז איינצלנע חברים זענען בארעכטיקט בלייבנדיק אין דער פּאַרטיי, צו רעדן און צו אַרבעטן לויט זייערע איבערצייגונגען.

נאָך אַ באַשלוס לויטעט, אַז קיין מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט קען ניט געהערן צו קיין אָרגאַניזאַציע וואָס איז אַנטשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן קריג און אין וועלכער די פּאַרטיי קען ניט זיין אָנגעשלאָסן.

אין דורכגעפירטן רעפערענדום איבער די פאַרשלאָגן פון פּאַרטיי־ראַט האָבן 615 געשטימט פאַרן שלום־פּראָגראַם און 159 קעגן. פאַר דעם, אַז קיין צענטראַל־קאָמיטעט מיטגליד קען ניט געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן קריג און אין וועלכער די פּאַרטיי קען ניט זיין אָנגעשלאָסן, האָבן געשטימט 529 פאַר און 102 קעגן.

אין דעצעמבער, 1917, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אויפגעפאָדערט דעם עסטרייכישן פּועלי ציון פאַראיין אין ניו יאָרק (ברענטש 6), צו פאַרלאָזן דעם „וואָירקמענס קאָונסיל״, ווייל לויטן באַשלוס פון רעפערענדום קענען נאָר איינצלנע חברים געהערן צו אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן קריג, און וועלכע די פּאַרטיי אַלס גאַנצע איז ניט אָנגעשלאָסן, אָבער זיי באַטייליקן זיך דאָרט ניט אַלס פּועלי ציון. אַ פאַראיין אַלס גאַנצער קען דערפאַר ניט זיין אָנגעשלאָסן אין „וואָירקמענס קאונסיל״. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן אַלס ענטפער אויפן פאָרשלאַג פון ברענטש 6, אַז דער ברענטש וויל שיקן דעלעגאַטן צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „וואָירקמענס קאָונסיל״ אין באָפאַלאָ און דאָרט ווירקן אָנצונעמען אַ פּראָ־פּאַלעסטינע רעזאָלוציע.

דער ברוגז צווישן דר. סירקין און דער פּאַרטיי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די באַלפור־דעקלאַראַציע, דער זיג פון ציוניסטישן געדאַנק אין די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט פון די עליס־לענדער, דער גרויסער ענטוזיאַזם וואָס ס'האָט אַרויסגערופן די באַוועגונג פאַר א אידישן לעגיאָן און דער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל האָבן פאַרבלאָסט די אַלטע רייבונגען. אויך די ס. פּ. און די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָבן ביסלעכווייז געביטן זייער שטעלונג און געשטיצט די קריגס־צילן און שלום־פאָדערונגען פון דער אַרבעטערשאַפט אין די עליס־לענדער. דר. סירקין איז צוריק געוואָרן אַקטיוו אין צענטראַל קאָמיטעט און די גאַנצע באַוועגונג האָט מיט גרויס ליבע געפייערט זיין 50טן געבורטסטאָג, אין מערץ, 1918. אין 16 זייטיקן סירקין־יובילײ־נומער „אידישער קעמפער״ האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע פירער פון דער באַוועגונג און די דר. סירקין־פייערונגען אין פיל שטעט האָבן דעמאָנסטרירט ווי באַליבט און געאַכטעט סירקין איז געווען אין דער גאַנצער באַוועגונג, טראָץ צייטווייליקע חלוקי־דעות.

.27

# וואוקס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט נאָך דער טשאַר־טער־קאָנווענשאָן אין אַלבאַני, זיך אָנגעהויבן שנעל אַנטוויקלען. דער יונגער אָרדן האָט אויך אָנגעהויבן ווערן אַן אָנגעזעענער פאַקטאָר אין אַמעריקאַנער אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין 1913 האָט זיך דער פאַרבאַנד אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו באַ־קעמפן דעם בוירנעט־ביל, וואָס האָט געצילט צו באַגרענעצן די אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין יאַנואַר, 1914, איז אויף דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ האָט באַ־שלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין וואַשינגטאָן, וואָס זאָל אויפטרעטן פאַרן פּרעז־זידענט וואודראָ ווילסאָן און אַפּלייקענען די באַהויפּטונג פון סעמועל גאָמפּערס און אַנדערע פירער פון „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר", אַז די אַרבעטער זענען קעגן דער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע און פאַרן ביל. דער פאַרבאַנד האָט איינגעאָרדנט גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד קעגן פּראָיעק־טירטן רעאַקציאָנערן געזעץ.

דער פאַרבאַנד איז געווען וואַכזאַם צו יעדער וויכטיקער פראַגע אין אידישן לעבן. ער האָט פּראָטעסטירט אין 1913 קעגן פּוילישן באָיקאָט און קעגן שענדלעכן עלילת דם־פּראָצעס פון מענדל בייליס אין קיעוו. צוזאַמען מיט די פּועלי ציון זענען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען אין פיל שטעט. באַזונ־דערס אָנגעזען זענען זיי געווען אין באָסטאָן, דעטרויט, מילוואָקי, מאָנטרעאָל, סינסינעטי און קליוולאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט אויך גענומען אַן ענערגישן אָנטייל אין דער פּראָטעסט־אַקציע פון די פּועלי ציון קעגן דער געפּלאַנטער איינפירונג פון דייטש אַלס די לימודים־שפּראַך אין טעכניקום אין חיפה, אנשטאט העברעאיש. די העברעאישע לערער אין ארץ ישראל זענען אַרויס אין פּראָטעסט־סטרייק קעגן די געפּלאַנטע האַנדלונגען פון אַ גרופּע אַסימילירטע אידיש־דייטשע פירער. דער ארץ ישראל־ישוב האָט שטורמיש אויסגעדריקט זיין סאָלידאַריטעט מיט די סטרייקנדיקע. דער פאַרבאַנד און די פּועלי ציון האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די גערעכטע פאָדע־רונגען פון ישוב און אויך געהאָלפן שאַפן מיטלען פאַר דעם סטרייק־קאָמיטעט.

דער פאַרבאַנד האָט סוף 1913, געציילט 2,000 מיטגלידער און 50 בראַנטשעס. יואל ענטין האָט זיך דאַן אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד און באַלד האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן זיין השפעה אויפן פאַרבאַנד.

אין 1914 האָט דער פאַרבאַנד אַנטוויקלט אַ פיינע קולטור־אַרבעט. פון 50 בראַנטשעס האָבן 29 געהאַט בילדונגס־קאָמיטעטן, וואָס זענען געשטאַנען אין

פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון מ. בראַון, פנחס גינגאָלד (וואָס איז געווען דאַן אַ קורצע צייט אין לאַנד, אָבער אַקטיוו אין פאַרבאַנד — כמעט פון זיינע ערשטע חדשים אויפן אַמעריקאַנער באָדן), חיים ליבערמאַן (סעקרעטאַר), יואל ענטין און ש. שאַפּיראָ (שפּעטערדיקער סעקרעטאַר).

דער פאַרבאַנד איז געווען פון די לעבעדיקסטע כוחות אין דער יונגער שול באַוועגונג. ער האָט אויך דער ערשטער אַרויסגעגעבן קינדער־ליטעראַטור פאַר די נייע שולן. עס זענען דערשינען די ביכלעך „די דין תורה מיטן ווינט" פון י. ל. פּרץ און „די גרים" פון ש. אַנסקי. י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן האָבן צוגע־שיקט האַרציקע דאַנק־בריוו פאַר דער שיינער אויסגאַבע. פּרץ האָט געשריבן: „דעם שענסטן טאָג פון מיין לעבן האָב איך איך צו פאַרדאַנקען, דעם שענסטן און גליקלעכסטן. קיין שענערע און גליקלעכערע בשורה איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי איר אין אייער האַרציקן בריוו האָט עס געטאָן. איך וועל ביי אייך קיין פינף דאָלער נישט נעמען. קויפט פאַר זיי קינדער־ביכלעך און צעשענקט אָרעמערע קינדער. זאָלט איר און די קינדער ,אייערע' ווערן גע־טרייסט ווי איר האָט מיך געטרייסט צום נייעם יאָר. און וועט איר מיר פון צייט צו צייט שרייבן וועגן דעם גאַנג פון אייער הייליקער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אָן אַ שיעור" [257]).

אין אָקטאָבער, 1914, האָט אָנגעהויבן דערשיינען די „אידישע אַרבעטער שטי־מע" אַלס אַ פערטל־יאָר־זשורנאַל, רעדאַגירט פון מ. בראַון און ש. שאַפּיראָ. די 4טע קאָנווענשאָן אין דעטרויט (1918) האָט אויפן פאָרשלאַג פון פּ. גינגאָלד באַ־שלאָסן צו פאַרוואַנדלען די צייטשריפט אין אַ חודש־אָרגאַן. אין דעצעמבער, 1919, איז געפייערט געוואָרן דער 5־יאָריקער יובל פון דער צייטשריפט און לכבוד דעם איז דערשינען אַ פאַרגרעסערטער נומער. דוד פּינסקי וואָס איז אַריין אין פאַר־באַנד אין 1914 איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט ביז ער האָט איבערגענומען אין 1920 די רעדאַקציע פון דער „צייט". מ. בראַון האָט דאַן רעדאַגירט די „שטימע" ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ ישראל. שפּעטער האָט ל. סיגאַל איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער צייטשריפט. פאַר דעם זשורנאַל האָבן די מיטגלידער פריער געצאָלט 20 סענט אַ יאָר. ווען די „שטימע" איז גע־וואָרן אַ חודש־בלאַט, איז באַשטימט געוואָרן אַ שטייער פון 40 סענט אַ יאָר.

אין אַפּריל, 1914, איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע די צווייטע קאָנווענשאָן. די לייטונג פון פאַרבאַנד האָט אויך איינגעלאַדן אַלס באַגריסער די אידישע סאָ־ציאַליסטישע פעדעראַציע. דאָרט האָט די פראַגע יאָ אָדער ניט־באַגריסן דעם פאַרבאַנד אַרויסגערופן אַ שטורמישן וויכוח. מיט 7 קעגן 2 איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן יאָ צו שיקן אַ באַגריסער. ב. וולאַדעק און פּ. געליבטער, וואָס האָבן גע־שטימט קעגן, האָבן אָפּגעגעבן מאָטיווירנדיקע דערקלערונגען. וולאַדעק האָט אין זיין דערקלערונג געזאָגט, אַז ניט די פּראָגראַם און ניט די טעטיקייט פון פועלי ציוניסטישן פאַרבאַנד האָבן וועלכע ס'איז שייכות מיט דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. „דאָס איז בעיקר אַ נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און איך בין אַנטשידן קעגן דעם, אַז די פעדעראַציע זאָל זי אויף וועלכן ס'איז אופן אָנערקענען". דער באַגריסער האָט געזאָלט זיין אַ פאַרביסענער געגנער. ער האָט

זיך אַנטזאָגט אויסצופירן זיין שליחות. און די פאַרבאַנד קאָנווענשאָן האָט „ניט געהאַט דאָס גליק" אויסצוהערן זיין באַגריסונג.

אָבער דערמיט האָט זיך דער ענין ניט געענדיקט. דער באַשלוס פון דער פעדעראַציע האָט אַרויסגערופן אַ שטורם אין איר אָרגאַן, „דער אידישער סאָציאַליסט". מאַקס לולאָוו האָט פאַרטיידיקט דעם באַשלוס. ער האָט געשריבן: „עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די פעדעראַציע און איר עקזעקוטיוו אַלס אַ גאַנצער, איז ניט מסכים מיט די נאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד". פונדעסטוועגן דאַרף מען שיקן אַ באַגריסער, ווייל דער פאַרבאַנד „אנערקענט אין זיינע גרונט־פּרינציפּן די טעטיקייט פון סאָציאַליזם אַלס זייער נוצלעך און פאַרפליכטעט זיך זי אונטערצושטיצן"... „מיר זענען נישט קיין סעקטע, מיר באַנוגענען זיך ניט מיט דינען אונזער גאָט און האַלטן ריין אונזערע נשמות" [258]).

די דיסקוסיע איז געווען אַ „זאַפטיקע". מינעאַפּאָליס האָט געשטורעמט, אַז די מיטגלידער פון דער פעדעראַציע, וועלכע האָבן געשטימט פאַר שיקן אַ באַגריסונג צום פאַרבאַנד, „זאָלן זיך אַנשליסן אין די נאַציאָנאַליסטן, און נישט פאַרראַטן די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם". דער בראַנטש פון בעדפאָרד האָט צוגעשיקט אַ פּערלדיקע רעזאָלוציע, וואָס האָט דערקלערט: „מיר פּראָטעסטירן קעגן דער עקזעקוטיווע פאַר שיקן דעלעגאַטן צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק צו זאַמלען שקלים פון דער פאַרגאַנגענהייט און שאַפן חדרים פאַרן אידנטום פון דאָס אידישע פאָלק". אַ גרויסער טייל פון די בריוו־שרייבער האָט געטאַדלט די האַנדלונג פון דער עקזעקוטיווע. דער ענין איז אַזש איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ רעפערענדום, וואָס האָט זיך געדאַרפט אַרויסזאָגן, צי די עקזעקוטיווע האָט ריכטיק געהאַנדלט מיט שיקן אַ באַגריסער צו דער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד. 50 בראַנטשעס האָבן אנטיילגענומען אין רעפערענדום. 561 האָבן געשטימט קעגן באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע און 244 — פאַר. די „פאַרבאַנד שטימע" האָט באַהאַנדלט סאַטיריש די גאַנצע מחלוקת, אין אַן אַרטיקל „כשר אָדער טריף?". דער אַרטיקל־שרייבער האָט צום סוף געטרייסט די „געגנאָסן", אַז עס וועלן קומען אַנדערע צייטן, ווען אידישע סאָציאַליסטן וועלן בעסער פאַרשטיין דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און דעם קאַמף פאַר אידישער באַפרייאונג [259]).

אין יולי, 1915, איז פאָרגעקומען די דריטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין באַפאַלאָ. דער פאַרבאַנד האָט דאַן געציילט 72 בראַנטשעס און 3,013 מיטגלידער. אין ניו יאָרק זענען געווען 900 מיטגלידער, פון זיי זענען 200 געווען פּועלי־ציון־חברים. בן גוריון און אַלעקסאַנדער כאַשין האָבן אין גליענדע ווערטער באַגריסט דעם פאַרבאַנד אין נאָמען פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. אַן אינטערעסאַנטע באַגריסונג האָט צוגעשיקט דר. נחמן סירקין. „מיין מיינונג איז, אַז דער פאַרבאַנד איז די ערשטע אידישע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג. די גרויסע באַדייטונג פון פאַרבאַנד און זיין סאָציאַלער און קולטורעלער ווערט לערנען אונז, אַז מיר דאַרפן ווייטער גיין אויף דעם וועג פון קאָאָפּעראַציע און אָרגאַניזירן אַלע צווייגן פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. פון קאָאָפּעראַטיווער אינשורענס לאָמיר איבערגיין צו

קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט, פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט צו קאָאָפּעראַטיוון קאָנ־סום און פּראָדוקציע, ביז דער וועג וועט אונז ווייטער פירן צו אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט אין אַ אידיש לאַנד".

די קאָנווענשאָן איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון די גרויסע אויפגאַבן, וואָס דער וועלט קריג האָט געשטעלט פאַרן אידישן פאָלק. דער אידישער קאָנגרעס, פיפלס רעליף, קאַמף פאַר ראַטעווען דעם ארץ־ישראל־ישוב, די צוגרייטונגען צו דער קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ — עס איז געווען אַ שטורמיש־צערודערטע צייט, פול מיט אויפברויז און האָפנונגען. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענטוזיאַזם פאַר ארץ ישראל. די פאַרבאַנד־משפחה איז שוין דאַן געווען אַקטיוו אַריינגעוואָרפן אין די אַקציעס, געפירט פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. דער אַרטיקל פון ש. קאַפּלאַנסקי וועגן פּ. אָ. פּ. אין די „אידישע אַרבעטער שטימע" האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פּאָפּולאַריזירן די צילן פון פאָנד.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צוצושטעלן טויזנט וואָלונטערן פאַר דער הילפס־אַרבעט; שטיצן די קאָנגרעס־באַוועגונג; רופן אַ אידישע אַרבעטער־קאָנ־ווענשאָן וועגן די שלום־פאָדערונגען; שטיצן דעם האַיאַס; שאַפן אַ קאָאָפּעראַ־טיווע קרעדיט־יוניאָן; פּראָטעסטירן קעגן דער פּוילישער פּרעסע אין פּוילן, פאַר איר אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע; שאַפן אַ קולטור־פאָנד.

דר. יוסף פעלדמאַן, אַ פאָלקס־מענטש פון ברוקלין, איז געוואָרן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אויפן אָרט פון ג. אוררונין (אוררונין האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן, דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן און זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע. ער איז געשטאָרבן אין אָנהייב 1923, ווען דער פאַרבאַנד האָט געפייערט זיין צען יאָריקן יובל).

דעם פאַרבאַנד האָט מען דאַן גערופן מיט רעכט „דער אָרדן פון דער יוגנט". דער דורכשניטס־עלטער פון זיינע מיטגלידער איז דאַן געווען 26.3/4. מיט פרייד איז אויף דער קאָנווענשאָן אין באַפאַלאָ געוואָרן אויפגענומען די ידיעה, אַז די לאַ־גע פון פאַרבאַנד דערלויבט צו געבן אַ דיווידענד פון 25 פּראָצענט. אַ גרויסע צאָל חברים האָבן דעם דיווידענד געגעבן אַ מתנה צו זייערע פאַראיינען. 34 פּראָצענט מיטגלידער זענען געווען בירגער. די לייטונג האָט געפירט אַ טיכטיקע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די מיטגלידער זאָלן ווערן בירגער. איבער אַ דריטל פון די מיט־גלידער האָבן געהערט צו יוניאָנס.

דער קולטור־קאָמיטעט האָט דאַן געפירט אַ טיכטיקע אַרבעט. אַ רייכע קול־טור־אנקעטע (צוזאַמענגעשטעלט פון מאיר בראון, יצחק אייזיק הורוויץ און דר. יהודה קויפמאַן) איז פאַרנאַנדערגעשיקט געוואָרן דירעקט צו די מיטגלידער און די 1,200 תשובות זענען געווען אַ זייער אינטערעסאַנט מאַטעריאַל וועגן גייסטיקן מצב און די נויטן פון די מיטגלידער. ס'איז געוואָרן דורכגעפירט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ־קורס מיט 12 געדרוקטע לעקציעס און ס'איז געוואָרן פאַרנאַנדערגעשיקט צו די מיטגלידער אַ פרעג־בויגן איבער אידישער געשיכטע פון נאָכן חורבן בית ראשון ביז דער היינטיקער צייט.

אין 1915 און 1916 זענען פאָרגעקומען פיל טרויער־פאַרזאַמלונגען נאָכן טויט פון די קלאַסיקער פון דער אידישער ליטעראַטור: י. ל. פּרץ און שלום עליכם. אַ גרויסער יום טוב איז געווען אין פאַרבאַנד דעם 26טן יוני, 1915, ווען ס'האָבן

גראַדואירט די ערשטע 7 קינדער פון דער ניו יאָרקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. אַ טייל פון די גראַדואירטע זענען היינט שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

צו דער 4טער קאָנווענשאָן, אָנהייב סעפּטעמבער, 1916, אין דעטרויט, איז דער פאַרבאַנד געקומען מיט 100 בראַנטשעס און 4,400 מיטגלידער. זינט דער פאַריקער קאָנווענשאָן אין באַפאַלאָ זענען צוגעקומען 1,500 נייע מיטגלידער. דער פאַרבאַנד האָט דאַן געהאַט אַ פאַרמעגן פון 50,000 דאָלער.

ברוך צוקערמאַן האָט אין זיין באַגריסונגס־אַרטיקל אין „אידישן קעמפער" דערקלערט, אַז 30 פּראָצענט פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער זענען חברים פון פּועלי ציון. די פּאַרטיי האָט דאַן געציילט 3,000 מיטגלידער. אין 1911 איז געווען כמעט אַ חלום צו רעדן וועגן טויזנט מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי דאַרף פאַרשטאַרקן איר אַרבעט אין פאַרבאַנד. „פּאַרוואָס קען מען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פאַרבאַנד פון 50,000 און אַ פּאַרטיי פון 25,000 מיט־גלידער ?"[260].

יואל ענטין האָט אין זעלבן נומער „קעמפער" פאָרגעלייגט דער קאָנווענשאָן אויסצוברייטערן די קולטור־אַרבעט; שאַפן אַ באַוועגונג פאַר „יוניווערסיטי עקסטענשאָן" און גרינדן אַ פאָלק־טעאַטער.

לעאָן חאַזאַנאָוויטש האָט פאָרגעלייגט דעם פאַרבאַנד צו פּאָפּולאַריזירן אַ לאָ־זונג פאַר אַ אידיש־נאַציאָנאַלער הילפס־אַרבעט. די קאָנווענשאָן האָט טאַקע באַ־שלאָסן צו פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון פּיפּלס רעליף און אַז יעדער חבר זאָל געבן אַ סענט אַ טאָג פאַר אידישע מלחמה־קרבנות און זיך גרייטן צום „אידן־טאָג", פּראָקלאַמירט פון פּרעזידענט ווילסאָן.

לכבוד דער קאָנווענשאָן איז דערשינען אַ פאַרגרעסערטער נומער „אידי־שער קעמפער" מיט אַרטיקלען פון בן גוריון, יצחק אייזיק הורוויץ, פּינסקי, צו־קערמאַן און אַנדערע. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די ארץ־ישראל־טעטיקייט. „דער פאַרבאַנד באַטראַכט די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל אַלס די שאַפער פון דער אידישער צוקונפט און די הויפּט־טרעגער פון אונזער אויפלעבונג אין ארץ ישראל". דער צוזאַמענפאָר האָט פאַרפליכטעט די ניי־געווילטע לייטונג צו „באַטייליקן זיך אין יעדער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פאַר ארץ ישראל איצט און נאָך דער מלחמה".

די קאָנווענשאָן האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער הלוואה; די הילף זאָל גיין דורך אַרבעט און קאָאָפּעראַציע; אויפבויען די אידישע קולטור־צענטערן אין די מלחמה־לענדער און שאַפן נייע; גרינדן אַ ליגע צום קאַמף קעגן אימיגראַציע־באַגרעניצונגען; גרינדן אַן אימיגראַציע־באַנק; העלפן דעם שלום־עליכם הילפס־פאָנד אַרויסצוגעבן די ווערק פון שלום עליכם; דורכפירן ברייטע טעטיקייטן אויפן געביט פון זעלבסט־בילדונג; אויפבויען אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע; גרינדן אַ פאָלקס־טעאַטער און אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט; באַ־גריסן די גרינדונג פון דער הסתדרות עברית.

די קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פּאָפּולערע בראָשורן אי־בער פאַרשידענע פראַגן; דורכפירן לעקציע־טורס מיט דער מיטהילף פון די דיס־טריקט־קאָמיטעטן; שאַפן שטודיר־און לייען־קרייזן, דיסקוסיע־און רעדנער־גרופּן און ליטעראַריש־דראַמאַטישע קרייזן. די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט די קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט און אויפגעפאָדערט די חברים צו קויפן די אויסגאַבן פון

דער געזעלשאַפט „וואָס טראָגט איבער וויכטיקע אַלגעמיינע קולטור־אוצרות אין דער אידישער שפּראַך". די קאָנווענשאַן האָט גלייכצייטיק באַשלאָסן צו שטיצן דעם העברעאישן וואָכנבלאַט „התורן", „כאָטש דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבע־טער פאַרבאַנד איז אין מאַנכע פּרטים ניט איינשטימיק" מיט אים. דער דאָזיקער רעגנבויגן פון באַשלוסן אויפן קולטור־געביט זאָגט עדות, אַז דער פאַרבאַנד איז דאַן באַשטאַנען פון אַ יונגן, וויסנס־דורשטיקן עולם. די אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד איז געווען אַ גוטער ביישפּיל אויך פאַר אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער פאַרבאַנד האָט דאַן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון דער אידי־שער שפּראַך און ליטעראַטור אין 4 בענד. בער באָראָכאָוו האָט געזאָלט שרייבן די דאָזיקע אַרבעט. באָראָכאָוו האָט שוין אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען מיט דער פאַרבאַנד־לייטונג און אויסגעאַרבעט פּרטים פון דאָזיקן מאָנומענטאַלן ווערק. לײַדער האָט דער פּריצייטיקער טויט פון דאָזיקן געניאַלן פאָרשער און דענקער צונישט געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן גייסט פון פאַרבאַנד, איז זיין באַגריסונג צו דער 16־טער קאָנווענשאַן פון אַרבעטער רינג, וואָס האָט באַשלאָסן צו גרינדן אידישע סאָציאַליסטישע קינדער־שולן.

די קאָנווענשאַן אין דעטרויט האָט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הורוויטש. י. א. הורוויטש (זיין פּסעוודאָנים: יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי) איז געוואָרן אינסטאַלירט אַלס מיטגליד אין משה העס ברענטש 47, דעם 5טן יוני, 1915, ביי אַ פייערונג מיטן אָנטייל פון 600 מענטשן. ער האָט דאַן געזאָגט אַז „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז אים טייער און נאָענט, ווייל מיט זיינע אויפגאַבן און פּרינציפּן שטייט ער אויף יענער הויך, צו וועלכער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיך דערהויבן". י. א. הורוויטש איז גע־שיקט געוואָרן אין 1915 קיין וואַשינגטאָן צום פאַרהער קעגן בוירנעט אימיגראַציע־ביל, וואָס איז געווען געצילט קעגן אַריינלאָזן רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן (דער ביל איז וועטאָאירט געוואָרן דורך פּרעזידענט ווילסאָן). דער פאַרבאַנד איז דאַן אַרויס מיט אַ פאָרשלאָג צו שאַפן אַן אַלגעמיינע ליגע פון פריינט פון אימיגראַ־ציע. יצחק אייזיק האָט דעם פאָרשלאָג געשטיצט, אָבער ס'האָבן זיך באַוויזן שווע־ריקייטן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן.

יצחק אייזיק הורוויטש האָט פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין דער אידיש־אַמערי־קאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. ניט זייענדיק פאַרבונדן מיט קיין פּאַרטיי, האָט ער אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס מיט זיין קלאָרער לאָגיק, רייכער ערודיציע און פּראַקטיש־עמפּירישן חוש פאַר די אַלגעמיינע און אידישע אַרבעטער־פּראָבלע־מען. אין 1891 האָט ער באַווירקט די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן צו אינסטרואירן איר דעלעגאַט (אַב. קאַהאַן) אַרויסצושטעלן אויפן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל די פאָדערונג מען זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע קעגן אַנטי־סעמיטיזם. אין 1902 האָט ער, אין אַן אינטערוויו אין דער ציוניסטישער צייַ־טונג „די אידישע וועלט", זיך אַרויסגעזאָגט פריינטלעך צום ציוניזם. שפּעטער האָט ער פאַרנומען אַן אַנטי־ציוניסטישע שטעלונג. ער האָט אַמאָל געשריבן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע": „ניט אין אוגאַנדע, ניט אין ירושלים וועט זיין די אידישע פרייהייט, נאָר אין וואַרשע". מיטן אויסברוך פון קריג איז ער גע־

וואָרן נאַציאָנאַל געשטימט; גענומען אַ גרויסן אַנטייל אין דער באַוועגונג פאַרן אידישן קאָנגרעס און געקראָגן סימפּאַטיעס פאַר ארץ ישראל.

הורוויטש האָט אַלס פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אַרויסגעוויזן פיל טרייהייט דער באַוועגונג און אַ טיפן חוש פאַר אַלע אירע פאַרוויקלטע אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען. ער איז געשטאָרבן דעם 9טן יולי, 1924, אין ניו יאָרק, אין עלטער פון 64 יאָר.

דער פאַרבאַנד איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין דער אידישער גאַס. די אידישע אינטעליגענץ האָט אָנגעהייבן אים צו באַטראַכטן ווי איינעם פון די וויכ־טיקסטע שטיץ־פּונקטן פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם, פון אידישער קולטור און דערציאונג. באַראָכאָוו האָט אין אַן אַרטיקל אין „אידישן קעמפּער" (22טן דע־צעמבער, 1916), כאַראַקטעריזירט דעם פאַרבאַנד אַלס „אַן אָרדן וואָס האָט קלאָר געמאַכט זיין נאַציאָנאַלן איך". „ביי די אַנדערע אידישע אָרדנס", האָט באַראָכאָוו געשריבן, „איז דאָס נאַציאָנאַלע פאַרטונקלט דורך אומזיניקע פאַראָלן און פראַזן. דערפאַר טאַקע וועט אונזער אָרדן אויפגעבויט אויף מאָדערנע, באַוואוסטזיניקע, וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן, סיי אין זיין קולטורעלער טעטיקייט און סיי אין זיין פאַרזיכערונגס סיסטעם. יענע אַלטע אידישע אָרדנס זענען אומרייפע „בעיבים" אין פאַרגלייך מיט אונזער אינסטיטוציע. זייער פאַרזיכערונגס־סיסטעם איז פּרימיטיוו און פאַרשוועגדעריש. זייער קולטורעלע סביבה — קינדיש און פאַרקריפּלט. דאָס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אונזער אָרדן האָט לכתחילה איינגעפירט דאָס וויסנ־שאַפטלעכע און עקאָנאָמישע סיסטעם פון ,פּראָטוירנאַל רעיטס'. ער האָט עס געטאָן ווייל ער איז אַ מאָדערנער אָרדן, דער מאָדערנסטער און פאָלקאָמסטער אידישער אָרדן; מאָדערן אין זייןווירטשאַפט, מאָדערן אין זיין פּאָליטיק, מאָדערן אין זיין קולטורעלער טעטיקייט.

„די אַלטע אָרדנס האָבן געוואָלט שאַפן אַ היימישע סביבה און פאַרזיכערן איינצלנע מענטשן קעגן קראַנקהייטן און טויט. אונזער אָרדן וויל דאָס אויך. אָבער ניט נאָר דאָס. זיין עיקר־שטרעבן איז צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קולטור־סביבה פאַרן גאַנצן אידישן אַרבעטער־קלאַס און דורך דעם צו פאַרזיכערן קעגן קראַנקהייטן און טויט דאָס אידישע פאָלק".

דעם 11טן נאָוועמבער, 1917, האָט דער פאַרבאַנד צענויפגערופן אַ קאָנפערענץ מיטן צוועק צו גרינדן אַ „פאָלקס־ליגע" פאַר אידישע סאָלדאַטן אין אַמעריקע. אינם אויפרוף איז געוואָרן דערקלערט, אַז ס'איז טאַקע דאָ די דזשואיש וועלפער קאָמיטע, אָבער זי טראַכט נאָר ווי צו באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפעגישן פון די אידישע סאָלדאַטן. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 164 דעלעגאַטן פון 75 ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציעס און פאַרשטייער פון 5 צענטראַלע קערפּערשאַפטן, דערונטער דער ניו יאָרקער ציון־קאָונסיל, דער דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַל־גאַמייטעד, די סאָציאַליסטישע פּרויען קאָנסומערס ליג און אַנדערע. די איניציאַ־טאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן דערקלערט, אַז די ליגע שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו שאַפן פאַר די אידישע סאָלדאַטן אידישע לייען־צימערן, ביבליאָטעקן, דורכ־פירן קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, לעקציעס; אָרגאַניזירן אונטערהאַל־טונג־קלובן פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין די קעמפּס און אין די שכנותדיקע שטעט.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון 27 האָט פּראָקלאָמירט אַ פאָנד פון 100,000 דאָלער. דער קאַסיר איז געווען דער באַקאַנטער ציון־טוער א. לובאַרסקי.

די „פֿאָלקס־ליגע" האָט נישט געהאַט קיין איבעריק מזל און האָט נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט.

אָנהייב דעצעמבער, 1917, איז פֿאָרגעקומען אין טרענטאָן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פֿון פֿאַרבאַנד. די דאָזיקע קאָנווענשאָן איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און די ענטוזיאַסטישע פּראָ־ארץ־ישׂראל־שטימונג וואָס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. די ספּעציעלע קאָנפֿערענץ איז געוואָרן צונויפֿגערופֿן אַנשטאָט דער רעגולערער יערלעכער קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן איז געווען אַן עדות פֿון די נייע ווינטן וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין פֿאַרבאַנד. דער פֿאַרבאַנד האָט זיך אויף דער קאָנווענשאָן געשטעלט מיט ביידע פֿיס אין לאַגער פֿון די פּראַקטישע פֿאַרווירקלעכער פֿון ציוניסטישן חלום. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ פּאָליטישע ארץ ישׂראל־קאָמיסיע וואָס זאָל צוזאַמען מיט די פּועלי ציון און אַנדערע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן רופֿן אַ לאַנד־קאָנווענשאָן פֿון די אידישע אַרבעטער פֿאַר אַן אַלגעמיינער אַקציע פֿאַר ארץ ישׂראל. די קאָמיסיע זאָל צוגרייטן פֿאָרשלאָגן פֿאַר דער 5טער קאָנווענשאָן (אין 1918, אין ראָטשעסטער) וועגן דעם אופֿן פֿון אָנטייל פֿון פֿאַרבאַנד אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, שקל און נאַציאָנאַל פֿאָנד. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפֿן אַן ארץ ישׂראל־פֿאָנד; דערמוטיקן חברים צו ווערן פּיאָנערן פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון אידישן לאַנד און זיך אָנשליסן אין „החלוץ" און „אחוה". עס איז געוואָרן אויסגעדריקט גרויס פֿרייד מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ דאַנק די 3 גרויסע אַרבעטער־קערפּערשאַפֿטן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן באַקומען ארץ ישׂראל אַלס אידישע היים; דעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט, די ענגלישע טרייד־יוניאָנס און דער אַמעריקאַנער פֿעדערייִשאָן אָוו לייבאָר.

אַ וויכטיקע רעזאָלוציע רעדט וועגן שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכן אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד. „די רוסישע רעוואָלוציע און די נייע לאַגע אין ארץ ישׂראל דערעפֿנט מעגלעכקייטן פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַלוועלטלעכן אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און די קאָנווענשאָן אינסטרואירט די גענעראַל עקזעקוטיווע אויסצופֿאָרשן אַלע מעגלעכקייטן וועגן באַשאַפֿן פֿאַרבאַנד־אָפּטיילונגען אין אַלע לענדער און צושטעלן צו דער 5טער קאָנווענשאָן אַ באַריכט וועגן דער פֿראַגע".

אין טרענטאָן זענען די לייטונג און די דעלעגאַטן געווען אייניק אין דערקלערן „אַז ניט בלויז אונטערשטיצן די אַרבעט אין ארץ ישׂראל, נאָר מיר מוזן ווערן איינער פֿון די אָנפֿירנדיקע און בויענדיקע כחות. די צייט פֿאַר טעאָרעטישע דיסקוסיעס איבער ארץ ישׂראל איז אַוועק. ס׳איז אַ צייט פֿאַר מעשׂים".

בן צבי איז געווען דער גאַסט פֿון טרענטאָנער צוזאַמענפֿאָר. ער האָט גערעדט וועגן די שומרים אין ארץ ישׂראל, וואָס זענען געפֿאַלן פֿאַרטיידיקנדיק אידיש לעבן. ער האָט באַטאָנט דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס אונזער פֿאָלק לעבט אַדורך, גערעדט איבער חלוציזם און וועגן דעם אַז „דער פֿאַרבאַנד דאַרף גיין מיט די אידישע אַרבעטער אין דער אַרבעט פֿאַר ציון און אין ציון".

דער „אידישער קעמפֿער" האָט עדיטאָריעל דערקלערט, אַז די רעזאָלוציעס פֿון דער טרענטאָנער קאָנווענשאָן באַדייטן, אַז דער פֿאַרבאַנד דערקלערט זיך אידענטיש מיטן פּראָלעטאַרישן ציוניזם און באַשלאָסן אויפֿצונעמען די אַקטיווע

אַרבעט פון בויען די אידישע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע געזיכערטע היים אין ארץ ישראל האָט אין האַנט מיט די אָרגאַנען, וועלכע רעפּרעזענטירן דעם סאָציאַליס־טישן ציוניזם אויף דער אידישער גאַס. „נאָך אַ שריט ווייטער און דער פאַרבאַנד און אונזער פאַרטיי וועלן ווערן איינס — אַ גליקלעכע פאַראייניקונג, וואָס וועט פאַרטאָפּלען די ענערגיע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אונטער דער זיגער־פאָן פון דער ציון־אידייע [261]).

בן צבי איז דאָך ניט געווען אינגאַנצן צופרידן מיט די אָנגענומענע ארץ־ישראל־רעזאָלוציעס פון דער קאָנווענשאָן. דער פאַרבאַנד, האָט לויט זיין מיי־נונג, אויסגעמיטן צו סאַנקציאָנירן דעם ציוניזם, אָבער ער האָט זיך דערקלערט אידענטיש מיטן ציוניסטישן סאָציאַליזם.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ גרויסן אָרגאַניזאַציע־פאָנד; אַרויסצוגעבן פּאָפּולערע בראָשורן; ס׳זענען אויך אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן אידישן קאָנגרעס, וועגן „אידישן קעמפּער" און אַנדערע ענינים. שלוס־רעדעס האָבן געהאַלטן יצחק אייזיק הורוויטש, מאיר בראַון, יהושע גאָרדאָן, זעליטשע, ערנרייך און בן צבי.

אין 1917 האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פיל וויכטיקע פּערזענלעכ־קייטן, דערונטער דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז אַריין אין ברענטש 14 דעם 14טן אַפּריל, 1917 און איז געוואָרן אינסטאַלירט דורך מ. בראַון. דער פאַרבאַנד האָט אויף דער טרענטאָנער קאָנווענשאָן באַשלאָסן צו געבן דעם לערער־סעמינאַר די ערשטע 250 דאָלער און דער סעמינאַר איז געוואָרן געעפנט אין מערץ, 1918, מיט 20 סטודענטן.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין יענעם יאָר אין דער באַוועגונג צו באַקעמפן דעם יקרות און העפטיק פּראָטעסטירט קעגן די אימיגראַציע־גזרות, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס טראָץ דעם וועטאָ פון פּרעזידענט ווילסאָן. אין יולי, 1917, האָט דער פאַרבאַנד פאַרענדיקט זיין זאַמלונג פאַר די קינדער־היימען אין פּוילן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַרום 13,000 דאָלער און איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם „פּיפּלס רעליף."

דער פאַרבאַנד האָט געשאַפן אין אָנהייב 1918 אַן אייגענעם פּיאָנערן פאָנד. „מיר פילן", זאָגט זיך אין דער דערקלערונג פון פאַרבאַנד, אַז „ניט נאָר דאַרף דער פאַרבאַנד זיך באַנוגענען בלויז מיט דער אונטערשטיצונג פון עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און אַרבעטער־פאָנדן, נאָר „ער מוז אַליין אונטערנעמען עפּעס זעלבסטשטענדיקעס, וואָס זאָל קענען מערער פאַראינטערעסירן דעם פאַרבאַנד־חבר אין דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל".

דעם 21טן מערץ, 1918, איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אַ גרויסע פייערונג לכבוד דעם 5 יאָריקן יובל פון פאַרבאַנד מיטן אנטייל פון מ. בראַון, יצחק אייזיק הורוויטש און דר. ח. זשיטלאָווסקי. דר. זאלאטאַראָוו האָט באַגריסט, און יהואש האָט געלייענט זיינע לידער. אַ באַזונדער פייערלעכקייט האָבן צוגעגעבן דעם אָוונט די חברים לעגיאָנערן. דער פּועלי־ציון־כאָר האָט באַשיינט די שמחה. ענלעכע פייערונגען זענען פאָרגעקומען אין פיל אַנדערע שטעט.

אין פאַרבינדונג מיט דער יובל־דאַטע האָט די לייטונג פון פאַרבאַנד פאָרגע־לייגט אַ צאָל וויכטיקע טוער אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן די ווייטערדיקע אויפגאַבן פון פאַרבאַנד. צווישן די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען האָט זיך אויסגע־

טיילט אַן אַרטיקל פון אַ דאַן אומבאַקאַנטן חבר פון דער וויטער פּראָווינץ. ער האָט פאַרגעלייגט צו גרינדן אַ סאַנאַטאָריע, עפּעס נאָך דער מלחמה פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען אין ארץ ישראל און אין רוסלאַנד, זיך ענגער פאַרבינדן מיט די פּועלי ציון פאַר ארץ־ישראל ־אַרבעט און זיך אָפּגעבן מיט טרייד יוניאָן־טעטי־קייטן. דער חבר איז געווען לואי סיגאַל פון סט. פּאָול, דער היינטיקער פאַר־דינסטפולער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד זינט 1926. דר. בן־ציון ליבער וואָס איז דאַן אַריין אין פאַרבאַנד האָט פאַרגעלייגט צו בויען אַ פּרעווענטאָריום, אַ געזונטהייטס־אינסטיטוציע צו פאַרהיטן חברים פון קראַנקהייטן און געבן אָפּגע־שוואַכטע מיטגלידער די מעגלעכקייט צו קומען צו זייערע כוחות. עטלעכע יאָר האָט מען געפירט הייסע וויכוחים אַרום דער פראַגע ביז די 9טע קאָנווענשאָן אין 1924, אין פילאַדעלפיע האָט דערקלערט, אַז דער פאַרבאַנד איז ניט בכוח צו נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע פינאַנציעלע לאַסט מיט וואָס עס איז פאַרבונדן דאָס אויפבויען אַ פּרעווענטאָריום.

צו די קולטור־אויפטוען פון פאַרבאַנד דאַרף מען זיכער צורעכענען די יום־טוב־פייערונגען און עונג שבתים, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעפירט און זענען שפּעטער געוואָרן איבערגענומען פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דר. זשיטלאָווסקי האָט וועגן דעם געשריבן אין דער „פאַרבאַנדסשטימע" פון מיטן 1918. ער האָט דערקלערט אַז די אידישע אַרבעטער דאַרפן אַריינברענגען אין זייערע היימען די פּאָעטישע שיינקייט פון די אידישע יום־טובים. „עס וואָלט גאַנץ זיכער געווען איינע פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון אונזער אָרדן, אויב ער וואָלט ערנסט גענומען אויף זיך אויסצוקעמפן — אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע שיכטן פון אונזער פאָלק, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם — די מעגלעכקייט פאַר דעם אידישן אַרבעטער אָפּצוהיטן זיינע שבתים און יום־טובים".

סוף יוני, 1918, האָט דער פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן אין ראָטשעסטער זיין 5טע קאָנווענשאָן. קרוב 6,000 מיטגלידער האָט דאַן געציילט דער פאַרבאַנד. יצחק אייזיק הורוויץ האָט געעפנט די קאָנווענשאָן פאַר אַן עולם פון 2,500 דעלעגאַטן און געסט. צום ערשטן מאָל איז געזונגען געוואָרן אַ פאַרבאַנד־הימן, „מיר שמידן דעם חבר־פאַרבאַנד", פאַרפאַסט פון דיכטער ה. רויזנבלאַט אויף דער ווענדונג פון דער פאַרבאַנד־לייטונג. ס'האָט באַגריסט צבי הירש מאַסליאַנ־סקי פון ציוניסטישן פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, וואָס האָט דערקלערט אַז ער פילט זיך יונג און באַנייט צווישן די פאַרבאַנד־חברים. ס'האָבן אויך גערעדט מ. בראַון, יהודה קויפמאַן און י. גאַרדאַן, וואָס איז געוואָרן פאַרגעשטעלט דורך י. א. הורוויץ אַלס דער צוקונפטיקער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

די קאָנווענשאָן האָט אנערקענט די וויכטיקייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און פאַרפליכטעט די דעלעגאַטן צו קויפן שקלים. צווישן ראָטשעסטער 1910 און ראָטשעסטער פון 1918 זענען אָפּגעפלאָסן פיל וואַסערן. דער פאַרבאַנד איז איצט געוואָרן אַן אַקטיוו־ציוניסטישער אָרדן. אַ גרויסער וויכוח האָט זיך אַנטוויקלט אַרום אַ רעזאָלוציע צו באַגריסן די לעגיאָנערן־באַוועגונג. מאַנכע חברים, פּאַ־ציפיסטיש געשטימט, זענען געווען קעגן מען זאָל אָננעמען אַ קלאָרע באַגריסונגס־רעזאָלוציע פאַרן לעגיאָן. אַנדערע האָבן פאַרלאַנגט צו באַטאָנען די גרויסע היס־טאָרישע באַדייטונג פון דער באַוועגונג און זיי האָבן זיך ניט געוואָלט צופרידנ־שטעלן בלויז מיט באַגריסן די פאַרבאַנד־חברים אין לעגיאָן. די אָנגענומענע רע־

זאַלוציע איז געהאַלטן אין וואַרעמע טענער פאַרן לעגיאָן, אין ווען דער פאַר־באַנד זעט דעם אייזערנעם ווילן פון דער אידישער יוגנט צו קעמפן און זיך מקריב זיין פאַר ארץ ישראל.

אין ראָטשעסטער איז צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן דער ראָל פון דער פרוי אין פאַרבאַנד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן פרויען־ברענטשעס פון פאַרבאַנד.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ פאַרבאַנד־דעלעגאַציע קיין ארץ ישראל, וואָס זאָל צווישן אַנדערן פעסטשטעלן די מעגלעכקייט צו גרינדן דאָרט אַ פאַרבאַנד; אָרגאַניזירן קהילות; שטיצן די פאָלקס־ליגע פון סאָלדאַטן; זיך אָנ־שליסן אין דער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיוון; פאַרשטאַרקן די טרייד־יוניאָן אַרבעט; שאַפן אַ וועלט־פאַרבאַנד; דורכפירן אַ קאָפּ־שטייער פאַר די שולן; שאַפן געזאַנג־ספּאָרט־און דראַמאַטישע פאַראיינען; אַרבעטן פאַרן פּיאָנערן־פאָנד פון פאַרבאַנד פאַר ארץ ישראל.

יהושע גאָרדאָן איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט; דר. ישראל אַפּלבוים — וויצע־פּרעזידענט; מאיר בראון — סעקרעטאַר; דוד פּינסקי — קאַסירער. י. גאָרדאָן איז באַלד אָפּגעפאָרן מיטן לעגיאָן און י. אַפּלבוים (איצט אין ארץ־ישראל, וואו ער איז פאַרבונדן מיט דער קופּת חולים זינט 1933) איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד ביז דער 6טער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אין 1919, ווען דעם אָרט פון פּרעזידענט האָט איבערגענומען דוד פּינסקי.

כאַראַקטעריסטיש איז דאַן געווען די דיסקוסיע וואָס האָט זיך פאַרנאַנדער־געברענט וועגן אַ פאַראייניקונג פון פאַרבאַנד מיטן אַרבעטער־רינג. דר. י. וואַרטסמאַן איז אַרויסגעקומען מיטן דאָזיקן פאָרשלאַג אין „טאָג", נאָך דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן. עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אין „טאָג" שטימען פון פאָלק פאַר און קעגן דעם פאָרשלאַג. די פירער פון פאַרבאַנד האָבן דערקלערט, אַז ביי זיי איז דער פאַרבאַנד ניט קיין פעטיש. דער פאַרבאַנד איז גרייט צו פאַר־אייניקונג מיט די אַנדערע אָרדנס (אַרבעטער רינג און אינדעפּענדענט אַרב. רינג) ווען עס וועט פאָרקומען אַ פּרינציפּיעלע ענדערונג אין די אַנדערע אָרדנס און עס וועט מעגלעך זיין אַ בשותפותדיקע אַרבעט אויף די געביטן פון ארץ ישראל, שולן, קולטור און אַזוי ווייטער.

דער אַרבעטער רינג איז אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז „ס'איז נישטאָ קיין ארץ ישראל פאַרן אַרבעטער רינג. אויב דער פאַרבאַנד וויל זיך אָנשליסן אין אַרבעטער רינג, קען ער אַריינגענומען ווערן אויפן זעלביקן יסוד, ווי אַנדערע אַר־בעטער־רינג־פאַראיינען". אין מאַי, 1921, און ביי אַנדערע געלעגנהייטן איז די פראַגע ווידעראַמאָל אויפגעשוואומען. מיר וועלן וועגן דעם דערציילן אין די ווייַ־טערדיקע בענד.

.28

# אַנטוויקלונג פון דער שול־באַוועגונג

מיט דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן איז געוואָרן שאַרפער די נויטווענדיקייט צענויפצורופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די שולן. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, האָט אין פעברואַר, 1914, צעשיקט אַ צירקולאַר, אונטערגעשריבן פון חיים ליבערמאַן, וואָס רופט די שולן און שול־פאַראיינען צו שיקן דעלעגאַטן צום ערשטן שול־צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל פאָרקומען פון 18טן ביזן 21טן אַפּריל אין ניו יאָרק. דער וואָל מאָדוס איז געווען אַזאַ: די שולן שיקן צו 2 דעלעגאַטן, די שול־פאַראיינען פון די שטעט, וואָס האָבן נאָך נישט קיין שולן — צו איין דעלעגאַט. לערער, ניט־דעלעגאַטן האָבן באַראַטונגס־רעכט. אויב אַ שול שיקט צוויי דעלעגאַטן, זאָל איינער זיין באַקאַנט מיט דער פּעדאַגאָגישער זייט און דער אַנדערער מיט דער פינאַנציעלער זייט פון דער שול; אויב מען שיקט נאָר איין דעלעגאַט — זאָל עס זיין דער לערער פון דער שול.

דאָס שול־ביוראָ פון די ס. ט.־שולן וואָס איז אַנטשטאַנען סוף 1913 אויף דער באַראַטונג אין טאָראָנטאָ, איז געוואָרן ברוגז, ווייל זי איז געווען די ערשטע צו רופן אַ צוזאַמענפאָר פון די שולן אויף פּסח, 1914. זי האָט פאָרגעלייגט דורכצופירן אַ רעפערענדום צווישן די שולן וועגן אָרט פון צוזאַמענפאָר. זי האָט אויך אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז אויפן סדר היום פון צוזאַמענפאָר זאָלן אויך שטיין די פונקטן: אָרטאָגראַפיע, געשיכטע און קינדער־גאָרטענס. זי האָט באַשולדיקט דעם בילדונגס־קאָמיטעט, אַז ער באַשטייט בלויז פון פּאַרטיי־לייט פּועלי ציון און אַנדערע חטאים.

פון דעם צירקולאַר פון בילדונגס־קאָמיטעט ווערט קלאָרער די סיבות פון קאָנפליקט צווישן ביידע ריכטונגען. דאָס שול־ביוראָ, אָנגעפירט פון א. גלאַנץ (דאַן אין שיקאַגאָ) און יוסף קאַמיי (טאָראָנטאָ), גרייפט אָן דעם בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס האָט אויף זיין קרעדיט די גרינדונג פון 3 שולן אין ניו יאָרק און 10 איבערן לאַנד. ס'איז אויך געוואָרן איינגעפירט אַ קינדער־אָפּטיילונג אין דעם „טאָגעבלאַט", רעדאַגירט פון ח. ליבערמאַן און ענלעכע אָפּטיילונגען זענען איינגעפירט געוואָרן אין אַנדערע צייטונגען.

דער צירקולאַר לייקנט, אַז דער בילדונגס־קאָמיטעט באַשטייט בלויז פון פּועלי ציון. ענטין און זשיטלאָווסקי שטייען צו די פּועלי ציון ניט נענטער ווי צו די ס. ט. אויך קלמן ווייטמאַן (באַקאַנטער העברעאישער פּעדאַגאָג) איז ניט קיין פּועלי ציון. „עס איז ניט געווען קיין איין שול פון פּועלי ציון אָדער ס. ט. וואָס האָט זיך נישט געווענדעט צו אונז נאָך עצות און הילף".

וועגן פּראָגראַם זענען נאָר דאָ צוויי אונטערשיידן: העברעאיש און די דערציאונג אין סאָציאַליסטישן גייסט. אין דער פראַגע העברעאיש זענען ניט אייניק צווישן זיך די שולן פון דער ס. ט. די ס. ט.־שול אין שיקאַגאָ לערנט די העברע־

אישע עלעמענטן פון אידיש; אין טאָראָנטאָ לערנט מען העברעאיש אין די העכערע קלאַסן. אַ פּרינציפּיעלער אונטערשיד איז נאָר דאָ צווישן די שולן אין ניו יאָרק און דער ס. ט.־שול אין שיקאַגאָ. אָבער דער זעלבער אונטערשיד איז אויך דאָ צווישן דער ס. ט. שול אין שיקאַגאָ און דער שול אין מאָנטרעאָל, וואו מען לערנט פיל העברעאיש און די שול שטייט נאָענט צו דער ס. ט. (די פּרץ־שול). אין עטלעכע שולן פון דער ס. ט. פירט מען מיט די קינדער סאָציאַליסטישע געשפּרעכן און מען פייערט סאָציאַליסטישע יום טובים, אָבער „מיר ווילן ניט מאַכן נאָך שווערער די אַזוי אויך שווערע און פאַרפּלאָנטערטע פראַגע וועגן אי־דישער דערציאונג מיט נאָך אַן ענין, וואָס האָט ניט מיט דערציאונג דירעקט צו טאָן“.

די פראַגע אָרטאָגראַפיע געהער צו אַ קאָנפערענץ פון פילאָלאָגן. וועגן קינדער גערטנער דאַרף מען ניט רעדן נאָר טאָן, ווען מען וועט האָבן פּאַסיקע לערערינס און די ריכטיקע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן ווי צו פירן די אַרבעט. די פראַגע וועגן געשיכטע וועט ווערן אויפגעהויבן אויף דעם צוזאַמענפאָר.

דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שאַפן אַ נייעם קאָמי־טעט צוזאַמען מיטן שול־ביוראָ, וואָס זאָל רופן דעם צוזאַמענפאָר. יעדע ריכטונג האָט דאָס רעכט אַרויסצושטעלן אייגענע רעפערענטן צו אַלע פראַגן. ער האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן אַ רעפערענדום איבערן אָרט פון צוזאַמענפאָר. אויף דער פאָדערונג, אַז מען זאָל ניט צולאָזן צו דער קאָנווענשאָן שולן, וואו אי־דיש ווערט ניט געלערנט אַלס אַ באַזונדערער לימוד און שולן וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט תלמוד תורות, האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט געענטפערט, אַז ער ווייס ניט פון אַזעלכע שולן. ער האָט אַפּעלירט צו אַלע שולן אנטיילצונעמען אין דער קאָנווענשאָן.

דער וויכוח האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן. ה. נאָוואַק פון מאָנטרעאָל איז אַרויס מיט אַ פאָרשלאָג, אַז אפשר זאָל גאָר די מאָנטרעאָלער שול איבערנעמען דאָס רופן די קאָנווענשאָן, כדי צו מאַכן שלום צווישןביידע ריכטונגען, דערביי האָט ער אונ־טערשטיצט די פּראָגראַם פון שול־ביוראָ פון די ס. ט. חיים שאַפּיראָ, דער פּרינ־ציפּאַל פון דער שול אין לאָס אַנזשעלעס, האָט אַפּעלירט צו פאַראייניקן ביידע שול־צענטראַלעס. די ערשטע שול־קאָנווענשאָן איז געוואָרן אָפּגעהאַלטן אין פריער־באַשטימטן טערמין: פון 18טן ביזן 21טן אַפּריל, אין ניו יאָרק.

אין דער קאָנווענשאָן האָבן אנטייל גענומען דעלעגאַטן פון 4 שולן אין ניו יאָרק (דאַון־טאַון, בראָנקס, האַרלעם און בראָנזוויל), פאַרטראָטן דורך ש. באָנטשעק, חיים ליבערמאַן, מ. מאשעוויצקי, יואל ענטין, מ. קאַסטאָף, י. קאַמינסקי, שטאַם און וו. שווארץ; די שול אין ראָטשעסטער (קאַפּלאַן); אין דעטרויט (ב. בראַווער); אין פּיטסבורג (פּ. קרוזאַ); אין שיקאַגאָ (ב. שאַפּיראָ); אין מיל־וואָקי (ש. שאַפּיראָ און ה. ערנרייך); אין נואַרק (י. גאָלדמאַן און דזשוליאַן); אין פּראָווידענס (א. בוימאַן); אין טאָלידאָ (ס. מייזל); אין לין (ל. קאָהן); און די שול־פאַראייניגן אין פאָל ריווער (י. קאַראַוואַי); און ניו הייוון (וואַלל). מיט באַראַטונגס־רעכט האָבן אנטיילגענומען וואַלערשטיין פון דער תלמוד־תורה אין האַמילטאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן איינפירן דעם פּראָגראַם פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן; משה שאַליט פון „דאָס נייע לעבן“ און ז. שערעשעווסקי (ז. שער) און זאַלצמאַן

פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג; דר. נחמן סירקין פון פּועלי ציון און מ. בראון פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַרבאַנד פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן פון אַמעריקע. עס איז געוואָרן אָנגענומען די פאָלגנדיקע פּרינציפּן־דערקלערונג:

„אַלס אידישע נאַציאָנאַליסטן גלויבן מיר אין דער איינהייט פון דער אידישער נאַציע און ווילן זי אויפהאַלטן מיט אַלע אונזערע קרעפטן און מיטלען. מיר ווילן אונזערע קינדער געבן אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל די דאָזיקע איינהייט אויפהאַלטן און וואָס זאָל דאָס אידישע קינד פאַרבינדן מיט זיינע ברידער אידן אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער.

„אַלס ראַדיקאַלן און דעמאָקראַטן ווילן מיר דעם אידישן קינד געבן אַ דערציאונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיטן פּאָרטשריט פון דער וויסנשאַפט און דעם פרייען געדאַנק און די פאָרגעשריטענסטע אַנשויאונגען וועגן געזעלשאַפטלעכן יושר און מענטשן־ליבע.

„אונזער דערציאונג דאַרף דעריבער אריינגעמען די פאָלגנדיקע עלעמענטן: אידיש, העברעאיש, אידישע ליטעראַטור, העברעאישע ליטעראַטור (אַלטע און נייע), אידישע געשיכטע און אידישן פאָלקלאָר (פאָלקס־געזאַנג, פאָלקס־מעשה׳לעך און אַזוי ווייטער).

„אונזער דערציאונג שטעלט זיך די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען ביי די קינדער אַ געזונטן בליק איבער דער אידישער רעליגיע, באַטראַכטנדיק איר פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. די לערער דאַרפן זיך באַמיען אַרויסצוברענגען פאַר די קינדער די נאַציאָנאַל־עטישע און פּאָעטישע זייטן פון דער אידישער רעליגיע.

„סיי די נאַציאָנאַליסטישע און סיי די ראַדיקאַלע אַנשויאונגען זאָלן ניט געלערנט ווערן אַלס זעלבסטשטענדיקע לימודים, נאָר אויף וויפל זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דער געשיכטע און ליטעראַטור און לאָזן זיך אין זיי אָנקניפּן.

„אַלס טייל פון אונזער דערציאונג דאַרפן די אידישע נאַציאָנאַלע יום־טובים געפייערט ווערן אין די שולן".

וועגן אָרט פון אידיש און העברעאיש אין דער שול איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אידיש און העברעאיש זענען גלייכבאַרעכטיקט אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. דער אונטערריכט איןביידע שפּראַכן זאָל זיך אָנפאַנגען גלייכצייטיק; מעגלעכע מיטלען זאָלן אָנגעווענדעט ווערן די קינדער וואָס שנעלער צוצופירן סיי צו דער אידישער און סיי צו דער העברעאישער ליטעראַטור.

„וואָס אַנבעלאַנגט מעטאָדן, זאָל פאַר אידיש באַנוצט ווערן די מעטאָדע אידיש־באידיש און פאַר העברעאיש — אַ פאַראייניקונג פון עברית בעברית מיט עברית באידיש".

די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן מיטאַרבעטן מיט אַלע קאָמפּעטענטע כוחות, וואָס אַרבעטן פאַר פעסטשטעלן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע אין דער אידישער שפּראַך; פאַרהאַנדלען מיטן קלעצקין פאַרלאַג

אין ווילנע וועגן אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנער ביילאַגע צום קינדער־זשורנאַל „גרינינקעביימעלעך" און צו מאַכן אים פּאַסיק אַלס זשורנאַל פאַר די קינדער פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן; זיך ווענדן צום געזאַנג־לערער ה. לעפקאָוויטש וועגן אַרויסגעבן אַן איינהייטלעכן געזאַנג־בוך פון נאַציאָנאַלע און פאָלקס־לידער אין אידיש און העברעאיש.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ אידישן לערער־סעמינאַר און אינסטרואירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט אויסצואַרבעטן די פּלענער פאַר דער גרינדונג פון אַ סעמינאַר אין דער נאָענטסטער צוקונפט. דער שול־פאַרבאַנד זאָל אָפּהאַלטן זיינע צוזאַמענפאָרן יערלעך. דעם אָרט פון צוזאַמענפאָרן זאָל באַשטימען אַ רעפערענדום פון די שולן. די שולן ווערן פאַרוואַלטעט פון אַ בילדונגס־קאָמיטעט און אַ פאַרוואַלטונגס־ראַט.

אין בילדונגס־קאָמיטעט זענען אַריין ש. באַנטשעק, ק. וויטמאַן, ח. ליבערמאַן, י. ענטין, לעאָן עלבע, ב. צוקערמאַן, משה שאַליט און ש. שאַפּיראָ. אין פאַרוואַלטונגס־ראַט: ש. באַנטשעק, י. גאָלדמאַן, דר. ס. עלסבערג, ה. עהרנרייך, ג. קויפמאַן, מ. שטאַם און וועלוול שוואַרץ.

אינטערעסאַנט איז זיך אויך צו באַקענען מיט דער רעזאָלוציע פון די עטלעכע ס. ט.־דעלעגאַטן, די אַזוי גערופענע, „אָפּאָזיציע":

„די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע דערציאונג איז געגרינדעט אויף פאָלגנדיקע יסודות:

1. די דערציאונג פון אידישן קינד דאַרף זיין באַגרינדעט אויף ליבע, מענטשלעכקייט און שיינקייט, ניט אויף רעליגיע, נאָר אויף דער אידישער קולטור אין ברייטן זינען פון וואָרט.

2. דאָס אידישע קינד דאַרף באַקומען זיין דערציאונג אויף אידיש, דער שפּראַך פון פאָלק.

3. דאָס אידישע קינד דאַרף אונטעררריכטעט ווערן אין תנ"ך. מען דאַרף אים גרינטלעך לערנען די געשיכטע פון אידישן פאָלק און זיין ליטעראַטור.

4. העברעאיש דאַרף אין דער עלעמענטאַרער פאָלקס־שול אָפּגעגעבן ווערן דעם צווייטן אָרט נאָך אידיש, אויף וויפל עס איז נייטיק אַלס דערגענצונג צו דער אידישער דערציאונג און איר ווייטערע אַנטוויקלונג אין דער מיטלשול.

5. מען דאַרף איינפלאַנצן אין דעם אידישן קינד ליבע צום פאָלק דורך אידישע פאָלקס־לידער, לעגענדן, פאָלקס־געשיכטן, שפּריך־ווערטער, פאָלקס־וויצן און דורך אָפּהיטן נאַציאָנאַלע און פרייהייטלעכע אידישע יום־טובים מיט זייערע שיינע, פּאַטעטישע סימבאָלן און סאָציאַל־געשיכטלעכע און קולטורעלע מאָטיוון" [262]).

מ. שאַליט, דער פירער פון דער אָפּאָזיציע, האָט נאָך דער קאָנווענשאָן געשריבן אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן", אַז „מיר וועלן קעמפן פאַר דער הערשאַפט פון אידיש אין די שולן און די וועלטלעכקייט פון די שולן, אָבער מיר וועלן דאָס טאָן אין דער באַוועגונג גופא. מיר וועלן פון די רייען ניט אַרויסטרעטן, ווייל מיר ווילן ניט קיין צעשפּאַלטונג. מיר זעען נאָך ניט די נייטיקייט דערצו, ווייל די באַוועגונג איז נאָך גאָר יונג און דער פּלאַץ איז נאָך גענוג ברייט".

דער ס. ט.־ניק משה כ״ץ, וואָס איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן ווי אַ פּאָלי־טישער „באָאָבאַכטער״ האָט דערנאָך די קאָנווענשאָן אויסגעלאַכט אין פּעטער־בורגער „פריינט״. די פּאָרגעלייענטע קאָנסטיטוציע פון ה. ערנרייך וועגן אַ זעלבסטשטענדיקן שול־פאַרבאַנד אָבער מיט מיט־אַמיניסטראַטאָרן פון פאַרבאַנד און פּועלי ציון איז געוואָרן אָנגענומען. די ס. ט. האָבן שפּעטער ווייטער געטענהט, אַז דאָס איז אַ ענג־פּאַרטייאישער שול־פאַרבאַנד.

ווען חיים ליבערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט זיין רעפעראַט וועגן רעליגיע אויף דער שול־קאָנווענשאָן אין אַ בראָשור־פאָרם און באַהויפּטעט, אַז די רעזאָ־לוציע וועגן רעליגיע, אָנגענומען אויף דער שול־קאָנווענשאָן, איז אין גייסט פון די אויספירונגען פון זיין רעפעראַט, האָט אים דר. חיים זשיטלאָווסקי אָנגעוויזן אין אַן אַרטיקל, א. ב. „נאַציאָנאַל־קלעריקאַל״, אַז דאָס איז ניט־ריכטיק, און דאָס באַוויזן, ציטירנדיק דעם נוסח פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע [263]).

נאָך דער קאָנווענשאָן האָט זיך די פאַרוואַלטונג פון שול־פאַרבאַנד קאָנ־סטיטואירט: י. ענטין אַלס פאָרזיצער; ש. שאַפּיראָ, סעקרעטאַר פון בילדונגס־קאָמיטעט און ה. ערנרייך אַלס סעקרעטאַר פון פאַרוואַלטונגס־ראַט. ליבערמאַן, ענטין און שאַפּיראָ האָבן געדאַרפט אַריינקוקן אין סעמינאַר־פּראָיעקט, צוגעשטעלט פון יואל ענטין. אין דער קאָמיסיע אַרויסצוגעבן אַ געזאַנג־בוך זענען אַריין: י. ענטין, ש. שאַפּיראָ און דער לערער ה. לעפקאָוויטש.

פון לאַנד זענען געקומען דערמוטיקנדיקע ידיעות וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער שול־באַוועגונג. אין ווייטן אָמאַהאַ האָט זיך געעפנט אַ שול סוף יוני מיט 7 קינדער און אין משך פון 4 וואָכן איז די צאָל קינדער געוואַקסן ביז 84; פון שי־קאַגאָ האָט מען געשריבן וועגן גוטע אויסזיכטן זיך צו פאַראייניקן מיט דער ס. ט.־שול; אין אַלבאַני האָט זיך דער שול־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פאַראייניקט מיטן ברענטש פון אַרבעטער רינג און מען שאַפט צוזאַמען אַ שול; אין ראָטשעס־טער האָבן באַזוכט די שול 150קינדער. מ׳האָט געמוזט אָנטזאָגן פיל קינדער, וואָס האָבן געוואָלט לערנען אין דער שול. מ׳גייט עפענען נאָך אַ פּאָר אָנפאַנגער־קלאַסן; ניו־היווען האָט דורכגעפירט אַ קינדער שול־טאָג; סט. לואיס האָט גע־עפנט אַ נאַציאָנאַלע פאָלקס שול מיט 120 קינדער. מען לערנט 2 מאָל אין וואָך. ביי די שולן אין ניו יאָרק זענען אַנטשטאַנען קינדער־קלובן. שול־פאַראיינען זענען אַנטשטאַנען אין אַ צאָל שטעט. אין לינקאָלן, נעבראַסקאַ, האָט די קאָנגרעגיישאָן „תפארת ישראל״ געעפנט אַ זונטיק־שול, וואו מען לערנט אידיש, אידישע גע־שיכטע און ליטעראַטור, אויך עטלעכע אַרבעטער רינג ברענטשעס האָבן געבעטן אָנווייזונגען ווי איינצופירן אידישע לימודים אין זייערע זונטיק־שולן.

דער בילדונגס־קאָמיטעט פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן האָט פאַרלאַנגט אין זיינע ערשטע צירקולאַרן מ׳זאָל איינפירן פּעדאַגאָגישע ראַטן אין די שולן. ער האָט רעקאָמענדירט באַשטימטע לערן־ביכער פאַר אידיש, העברעאיש און אידישע געשיכטע. פאַר אידיש: 1) „די אידישע שפּראַך״ פון לעאָן עלבע; 2) „אונזער נייע שול״ פון י. לעווין, לוקאָווסקי און ש. הורוויץ; 3) „דאָס אידישע וואָרט״ פון אַלגין. פאַר העברעאיש: 1) „שפת ילדים״, חלק א׳; 2) „הלשון״ פון ש. ל. גאָרדאָן, חלקים א־ג. פאַר אידישע געשיכטע: „אונזער געשיכטע״ פון מאירסאָן. ער האָט באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַן איינהייטלעך פאַרוואַלטונגס־סיס־

טעם פאַר די שולן. ער האָט געגעבן אָנווייזונגען ווי צו פּייערן ל״ג בעומר, שבועות און אַנדערע יום טובים.

די ס. ט. האָט פאַרגעזעצט איר קאַמף קעגן די שולן פון פאַרבאַנד און פּועלי ציון און אַזוי אַרום געבראָכן די הבטחה, אַז דער קאַמף וועט ווערן אָפּגעשטעלט. אין אַ צירקולאַר פון די ס. ט. אין פאַרבינדונג מיט אַ טור פון א. גלאַנץ (מאַי, 1914), ווערט געזאָגט, אַז אין דער צייט ווען די שולן וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון די ס. ט. זענען ראַדיקאַל, פּראָגרעסיוו און וועלטלעך, אָן וועלכן ס'איז עלעמענט פון רעליגיע, זיי אַנערקענען אַלס די איינציקע נאַציאָנאַל־שפּראַך פון דעם אידישן פאָלק דעם לשון פון די מאַסן — אידיש, זענען די שולן פון די פּועלי ציון צוויי־שפּראַכיק, ווייט פון די צילן פון דער אַלעמנטשלעכער פרייהייטלעכער דערציאונג, און זיי זענען נוטה איינצופירן רעליגיעזע לימודים. אַ. גלאַנץ האָט געשאַפן אין 8 שטעט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול־פאַראיינען פון וועלכע צוויי האָבן געעפנט שולן. די שול אין לאָס אַנזשעלעס האָט באַשלאָסן זיך ניט אָנצושליסן אין קיין צענטראַלע ביז דער פאַראייניקונג פון ביידע צענטראַלעס. דערביי האָט זי געלייקנט אַז זי שטייט אונטער דער השפעה פון די ס. ט.

פון טאָראָנטאָ איז געקומען אַ ידיעה, אַז דער שול־פאַראיין האָט באַשלאָסן אַז צו אים קענען געהערן נאָר מענטשן וואָס אַנערקענען אידיש אַלס די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך. דער צענטראַל קאָמיטעט פון פּועלי ציון האָט אויפגעפאָדערט די דאָרטיקע פּועלי ציון צו ווירקן אויפן פאַראיין צוריקצוציען דעם באַשלוס און אין קעגנפאַל צו פירן אַ קאַמף קעגן שול־פאַראיין. אויך אין מאָנטרעאַל האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף צווישן די עקסטרעמע אידישיסטן פון דער פּרץ־שול און די אָנהענגער פון צוויי שפּראַכיקע שולן. גענויער שרייבט וועגן דעם ש. בעלקין אין זיין אַרבעט אינם בוך.

מילוואָקי האָט אָנגעפרעגט דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי זיין מיינונג אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ וויכוח וואָס האָט זיך געפירט אין דעם דאָרטיקן פּועלי ציון־פאַראיין צי זאָל מען פאָדערן אין דער פּאָבליק סקול איינצופירן אַלס לימוד אידיש אָדער העברעאיש. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געענטפערט, אַז דאָס איז אַ לאָקאַלע פראַגע, וואָס דאַרף ווערן אַנטשידן דורך די אָרטיקע טוער.

אויף דער 8טער קאָנווענשאָן פון די פּועלי ציון אין ראַטשעסטער (סוף 1914), האָט זיך געפירט אַן אינטערעסאַנטער וויכוח וועגן די שולן. באָראָכאָוו איז אַרויסגעטראָטן קעגן עקסטרעמען אידישיזם און קעגן עקסטרעמען העברעאיזם. העברעאיש איז נאָר אַ לימוד און קען ניט ווערן די אומגאַנגס־שפּראַך אין דער שול. עס איז ניט מעגלעך אין דער פּראַקטיק די גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן. דער תהום צווישן גלות און ארץ ישראל קען אָפּגעשוואַכט ווערן נאָר דאַן, ווען די אידן פון ארץ ישראל וועלן זיך באַציען סימפּאַטישער צו אידיש. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פאַראייניקן זיך מיט די ס. ט. שולן און קעגן לאָזן די איינצלנע פאַראיינען צו באַשטימען אַליין פּראָגראַם־פראַגן.

ערנרייך, פיינמאַן, צוקערמאַן און קאַפּלאַנסקי זענען אַרויסגעטראָטן פאַר דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש. ר. קענדזשערסקי און בערקענבליט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאַראייניקונג מיט די ס. ט.־שולן. ס'איז שווער צו לערנען ביידע שפּראַכן גלייכצייטיק. בלעכמאַן (שיקאַגאָ) האָט

געהאַלטן אַז מען קען זיך פאַראייניקן מיט די שולן פון דער ס. ט., נאָר דאַן, ווען די לעצטע וועלן לערנען העברעאיש, כאָטש אין די העכערע קלאַסן.

חיים ליבערמאַן האָט אויסגעדריקט זיין מורא, אַז מען וועט אָנהייבן קוקן אויף די שולן פון אַ פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט. די פּועלי ציון דאַרפן נאָר שטיצן דעם שול־פאַרבאַנד, וואָס דאַרף זיין אויטאָנאָם אין זיין אַרבעט. זיגן וועט — לויט זיין מיינונג — די ריכטונג וואָס איז פאַר גלייכבאַרעכטיקן ביידע שפּראַכן, אָבער פאַר אָנפאַנגער איז שווער צו דערלערנען ביידע שפּראַכן מיט אַמאָל.

די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך נאָר אין אַזעלכע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וועמענס לערן־פּראָגראַם באַזירט אויפן פּרינציפּ פון גלייכבאַ־רעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן. די קאָנווענשאַן האָט אָנגענומען די פּרינציפּן־דערקלערונג פון דעם ערשטן שול־צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין אַפּריל, 1914.

דעם 26טן יוני, 1915, האָט די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו־יאָרק געפייערט די גראַדואירונג פון די ערשטע 7 שילער. לכבוד דעם יום טוב איז דערשינען אַ ווענדונג צו די פריינט פון דער שול, וואָס האָט דאַן אָפּגעשלאָסן דאָס פערטע יאָר פון איר עקזיסטענץ. קרוב 700 קינדער זענען דורכגעגאַנגען די שול. ביי 200 תלמידים האָט דאַן געהאַט די שול, פון זיי 100 וואָס לערנען שוין אין דער שול 3 יאָר. „זיי שטייען גאַנץ הויך אין זייערע קענטניסן און זענען אינ־גאַנצן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון ברייטן נאַציאָנאַליזם און אומבאַגרענעצטער און צאַרטער ליבע צו דער אידישער קולטור“. אין דער ווענדונג ווערט דער־ציילט, אַז די שול ראַנגלט זיך מיט פינאַנסיעלע שוועריקייטן און אַז עס ווערן אָרגאַניזירט אַ רייע אונטערנעמונגען — די ערשטע אַ בלומען־טאָג, דעם 20טן יוני.

דער אָפּקלאַנג פון דער שול־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אַריבערגעהילכט קיין ענגלאַנד. אין אָנהייב 1915 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ פּועלי ציון צוזאַמענ־פאָר, אויף וועלכן ס'איז געפירט געוואָרן אַ העפטיקע דעבאַטע וועגן דער אומגאַנגס־שפּראַך אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין לידז און עדינבורג. די פּועלי ציון אין לידז האָבן געפאָדערט אַז אידיש זאָל זיין די שפּראַך פון די שולן און די עדינבורגער זענען „געשטאַנען פעסט“ פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן. קיין באַשלוס איז ניט געוואָרן אָנגע־נומען און די פראַגע איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו אַנטשיידן דעם קומנדיקן צו־זאַמענפאָר [264]).

בעת דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאַן אין באַפאַלאָ (יולי, 1915), איז פאָרגעקומען אַ שול־באַראַטונג. ש. שאַפּירא האָט דאָרט אָפּגעגעבן אַן אָפּטימיסטישן באַריכט וועגן דער אַנטוויקלונג פון די שולן. דער שול־סעקרעטאַריאַט איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט 23 שולן אין 18 שטעט. די שולן אין טאָראָנטאָ, לאָס אַנזשעלעס, פאַל ריווער און איין שול אין שיקאַגאָ רעכענען זיך פאַר אַ באַזונדער ריכטונג. זיי זיינען ניט אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד. דאָך שטייט דער סעקרעטאַריאַט מיט זיין אין פאַרבינדונג. נייע שולן ווערן געעפנט אין מאָנטרעאַל (די פאָלקס־שול) און אין וויניפּעג.

די פאַרבאַנד־קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם שול־פאַרבאַנד דעם גאַנצן קולטור־פאָנד, פאַר וועלכן יעדער פאַרבאַנד־חבר צאָלט 2 סענט אַ קוואָרטאַל. יואל ענטין האָט פאָרגעלייגט צו עפענען דערווייל לערער־קורסן ביז מען וועט עפענען דעם לערער־סעמינאַר.

סוף דעצעמבער, 1915, האָט זיך דערפילט אַן אָפּגעשוואַכטקייט אין דער אַרבעט. אויף דער ספּעציעלער באַראַטונג, צונויפגערופן דורך די צענטראַלעס פון פועלי ציון און פאַרבאַנד, האָט מען געפּרואווט פעסטשטעלן די סיבות פון קריזיס. מ׳האָט אָנגעוויזן אויף די פינאַנסיעלע שוועריקייטן פון סעקרעטאַריאַט (דער סעקרעטאַר האָט דאַן געאַרבעט פריווויליק, אָן געהאַלט); מען דאַרף אָפּטערס באַזוכן די שטעט א. א. וו. ק. ווייטמאַן האָט שוין דאַן געוואָרפן דעם לאָזונג צו שאַפן טאָג־שולן. ש. שאַפּיראָ האָט געמאָלדן אַז דער סעקרעטאַריאַט שטייט אין פאַרבינדונג מיט 31 שולן פון וועלכע 17 זענען אָנגעשלאָסן אין שול־פאַרבאַנד. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צענויפצורופן אַ צווייטן שול־צוזאַמענפאָר אויף אַפּריל, 1916. דעם סעקרעטאַר איז באַשטימט געוואָרן אַ געהאַלט פון 5 דאָלער אַ וואָך. די לייטונג איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט. צו איר זענען געוואָרן צוגעצויגן צו 2 פאָרשטייער פון פועלי ציון און פאַרבאַנד.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער שול אין בראָנקס האָט דער שול־פאַרבאַנד צענויפגערופן אין מערץ, 1916, אַ באַראַטונג וועגן פאַראיינהייטלעכן די אידישע אָרטאָגראַפיע. אויף דער באַראַטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ געזעלשאַפט פאַר דער אידישער אָרטאָגראַפיע. אויף דער באַראַטונג וואָס איז געוואָרן געעפנט פון לעאָן עלבע, זענען אויך געווען איינגעלאַדן באָראָכאָוו, יודא יאפע און אַנדערע פילאָלאָגן. אין מערץ, 1918, איז ווידער פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגן זעלבן ענין, צענויפגערופן דורכן י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. די באַראַטונגען האָבן געגעבן געוויסע רעזולטאַטן ביים פאַראיינהייטלעכן די אידישע אָרטאָגראַפיע.

מיט אַן אינטערעסאַנטן פאָרשלאָג איז צו יענער צייט אַרויס ראובן קענ־דזשערסקי אין „דער נייער דור״ — אַ צייטשריפט פאַר שול־פּראָבלעמען, אַרויס־געגעבן פון דער אידיש־ראַדיקאַלער שול אין שיקאַגאָ, אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר. ער האָט פאָרגעלייגט צו גרינדן אַ נעץ פון פאַראיינען „פאַר אידיש אין די פּאַבליק סקולס״. מען זאָל דורכפירן אַ ברייטע מאַסן־אַקציע פאַר איינפירן אידיש אַלס לימוד אין די פּאַבליק סקולס אין די אידישע געגענטן. אַ פּאַלקס־פּעטיציע זאָל אָרגאַניזירט ווערן פאַר דעם דאָזיקן צוועק [265]).

אין פעברואַר, 1916, האָבן זיך פאַראייניקט אין שיקאַגאָ די פאָלקס־שול, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון פועלי ציון און די ראַדיקאַלע שול, וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ס. ט. 200 קינדער האָבן געלערנט איןביידע שולן. די פאַראייניקונגס־פּראָגראַם האָט פאַרלאַנגט די פולע פאַראייניקונג פון די פּוע״צ און ס. ט. שולן, „כדי צו שאַפן אַן איינהייטלעכע אידישע פאָלקס־שול, וואָס זאָל מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרבייטן פאַר דעם יונגן אידישן דור אין אַמעריקע די ,פּאַבליק סקול׳ ״ די אויסדרוקן „נאַציאָנאַל״ און „ראַדיקאַל״ אַנטשפּרעכן ניט דעם אמתן כאַראַקטער פון אונזערע שולן. דער נאָמען פון דער פאַראייניקטער שול (די אידיש־ראַדיקאַלע פאָלקס־שול) איז פון ביידע צדדים געוואָרן אָנערקענט אַלס אַ צייטווייליקער ביז דער שול־פאַרבאַנד וועט ניט גע־פינען קיין מער־פּאַסיקן נאָמען. אין די שולן זאָלן נישט ווערן געזונגען לידער, וואָס זענען אָנערקענט אַלס אָפיציעלע פּאַרטיי־הימנען. אידיש איז די שפּראַך פון דער פאַראייניקטער שול. העברעאיש ווערט אנערקענט אַלס אַ שפּראַך פון וויכטיקער נאַציאָנאַלער באַדייטונג און ווערט געלערנט אַלס אַ לימוד. די פאַר־אייניקטע שול שטייט אויפן באָדן פון אומפּאַרטייאישקייט.

קלמן מרמר איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון די לימודים און מ. שוכטער דער שול־פּאַרוואַלטער. העברעאיש איז געוואָרן געלערנט מיט די עלטסטע צוויי קלאַסן. מ. שוכטער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַן ארטיקל אין דער צייט־שריפט פון די ס. ט. „אונזער וואָרט" (מערץ, 1916), אַז די קומענדיקע קאָנפערענץ פון שול־פאַרבאַנד דאַרף באַשליסן, אַז יעדע שול זאָל זיין פריי אָנצונעמען וועלכע ס'איז שטעלונג אין דער שפּראַכן־פראַגע. די אויפגאַבע פון צענטראַלן פאַרבאַנד איז נאָר צו אָרגאַניזירן די אַלגעמיינע טעטיקייט פון די שולן און צו לייזן זייערע נויטן.

פון 22טן ביז 25טן אַפּריל, 1916, איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק דער צווייטער שול־צוזאַמענפאָר. אין אים האָבן זיך באַטייליקט 21 פון די 30 עקזיסטירנדיקע שולן, מיינסטע שולן מיט דירעקטע פאָרטרעטער. דעם צוזאַמענפאָר איז געלונגען צו פאַראייניקן די פּועלי־ציון־שולן מיט די שולן פון די ס. ט. די וויכטיקסטע שטרייט־פראַגע: די שפּראַך־פראַגע איז געוואָרן געלעזט דערמיט, וואָס מ'האָט גע־געבן די שולן אויטאָנאָמיע אַליין צו באַשליסן ווען אָנצוהייבן לערנען אידיש און העברעאיש. די רעזאָלוציע לויטעט:

א) אידיש איז די אומגאַנגס־שפּראַך פון די שולן.

ב) אידיש און העברעאיש אַלס קעגנשטאַנדן זאָלן געלערנט ווערן אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין שול־פאַרבאַנד.

ג) די שולן האָבן אויטאָנאָמיע צו באַשליסן ווען אָנצוהויבן לערנען מיט די קינדער די שפּראַכן.

ד) קיין ענדערונגען אין דעם לימוד פון די שפּראַכן, זאָלן געמאַכט ווערן אין מיטן זמן.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אַ קאָמיטעט פון פּאַכלייט אויסצואַרבעטן אַ גענויען קורס פון לימוד פון אידישער געשיכטע. דער קורס זאָל ניט געענדערט ווערן אָן דער צושטימונג פון אַ צוזאַמענפאָר. ווייטער איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאָנד פון וויניקסטנס טויזנט דאָלער פאַר דער גרינדונג פון לערער־סעמינאַר. די סומע זאָל געשאַפן ווערן ביז סוף סעפטעמבער, 1916.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַרלאַג פאַר די שולן. די ערשטע אַרבעט פון פאַרלאַג זאָל זיין דאָס אַרויסגעבן אַ קינדער־זשורנאַל. עס זאָל אַרויס־געגעבן ווערן אַ ניט־פּעריאָדישער שול־זשורנאַל. דער ערשטער נומער זאָל דערשיינען דעם ערשטן אָקטאָבער, 1916.

וועגן די יום טובים איז באַשלאָסן געוואָרן צו פייערן פּסח, ל"ג בעומר, שבועות, סכות, חנוכה, פּורים און דעם ערשטן מאַי. תשעה באב זאָל אָפּגעהיטן ווערן אַלס אַ נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג. ראש השנה זאָל באַטראַכט ווערן אַלס דאָס אידישע ניי־יאָר. וועגן אַלע אַנדערע יום טובים, האָט יעדע שול דאָס רעכט צו באַשליסן איבער זיי.

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט רעפערירט וועגן אידישער אָרטאָגראַפיע; חיים שויס, דעמאָלט אַ נייער מענטש, ערשט פון שיקאַגאָ, האָט רעפערירט וועגן לימוד פון אידישער געשיכטע; יואל ענטין וועגן לערער סעמינאַר און וועגן יום טובים; ש. שאַפּיראָ וועגן שול־און קלאַס־פירונג.

אין דער לייטונג זענען געוואָרן געוויילט: ש. באַנטשעק, אַ. גלאַנץ, י. גאָלד־מאַן, משה כץ, חיים ליבערמאַן, י. ענטין, לעאָן עלבע, ה. עהרנרייך און ש. שאַפּיראָ.

די לייטונג האָט באַשטימט 3 קאָמיסיעס פון פאַך־לייט אויסצואַרבעטן גע־נויע פּראָגראַמען פון אידיש, העברעאיש און אידישע געשיכטע. אין דער רע־דאַקציע פון שול־זשורנאַל זענען אַריין מ. כץ, ה. ליבערמאַן און י. ענטין. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ יערלעכער בודזשעט פון 750 דאָלער. יעדע שול, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, זאָל צאָלן אַ יערלעכן שטייער פון 15 דאָלער. די צענט־ראַלע קערפּערשאַפטן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין צענטראַלן שול־קאָמיטעט, דאַרפן געבן צו 25 דאָלער אַ יאָר.

די ווירקונג פון דער פאַנאַנדערגעוואַקסענער שול־באַוועגונג האָט זיך אויך געלאָזט שפּירן אויף די קרייזן פון אַרבעטער־רינג, וואו ס׳איז אָנגעגאַנגען זינט 1912 אַ שטאַרקער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון אַ שול אין אידיש. צו די קעגנער פון אַ שול אין אידיש האָט אויך געהערט ב. וולאַדעק. ער האָט גע־שריבן אין ערשטן מאַי־נומער פון „אידישן סאָציאַליסט״ (אין 1915), אַז „דער זין פון לערנען אידיש איז צו פּרואוון קינסטלעך אונטערצוהאַלטן אַ שפּראַך, וואָס איז אָן צווייפל נישט די שפּראַך פון אונזער דור״... אין 1915 האָבן טוער פון אַרבעטער רינג, (נ. כאַנין) צוזאַמען מיט טוער פון ס. ט. (יעקב לעווין, מ. שעלובסקי, חייקע קאָן א. א.) געגרינדעט די ערשטע סאָציאַליסטישע שול וואָס האָט זיך געפירט אין גייסט פון די סאָציאַליסטישע סאַנדיי־סקולס, אָבער אין אידיש, ניט אין ענגליש. אַן ענלעכע שול איז געשאַפן געוואָרן אין מאַי, 1916, אין שיקאַגאָ, דורך מיטגלידער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

אויף דער 15טער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער רינג אין שיקאַגאָ, אין 1915, איז געוואָרן געפירט אַ העפטיקער וויכוח איבער דער פראַגע אידישע שולן. די קאָנ־ווענשאָן איז באַגריסט געוואָרן פון אַ קינדער־דעלעגאַציע פון די נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלע שולן און זי האָט אפילו באַשטימט פאַר זיי אַ קליינע געלט־אונטערשטיצונג. דער פאָרשלאַג צו בויען אידישע און ענגלישע זונטיק־שולן איז דורכגעפאַלן מיט 52 שטימען קעגן 35. ערשט די 16טע קאָנווענשאָן אין 1916 האָט באַשלאָסן מיט 55 קעגן 43 שטימען צו בויען אידיש־סאָציאַליסטישע שולן. אין דער אָנגענומע־נער רעזאָלוציע איז געוואָרן אָנגעגעבן דער מאָטיוו, אַז די אַרבעטער־רינג־מיטגלידער, וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן האָבן אַ באַגריף איבער דער אידישער געשיכטע, קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור, זענען אָפט געצוואונ־גען אַוועקצוגעבן זייערע קינדער צו אָרטאָדאָקסישע מלמדים צוליבן מאַנגל אין פרייע אידיש־ראַדיקאַלע פאָלקס שולן.

די האַרטעקפּיקע קעגנער פון דער רעזאָלוציע האָט מען ניט געקענט גע־ווינען פאַר איר טראָץ דעם, וואָס מ׳האָט געפאָכעט מיט דער מורא אַז די קינדער וועלן ווערן געפאַנגען אין די נעצן פון רעליגיע. איינער פון זיי האָט געטענהט, אַז „דערמיט וואָס די קאָנווענשאָן וועט אָננעמען די דאָזיקע רעזאָלוציע, וועט מען אומדירעקט אינדאָרסירן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד״. דערויף האָבן די אָנהענגער פון דער רעזאָלוציע אָנגעוויזן, אַז גראַד פאַרקערט: „דורכן אָננעמען די רעזאָלוציע וועלן מיר פאַרמיידן צו שיקן אונזערע קינדער אין די שאָוויניסטישע שולן״. כדי אויס־

צומיידן די דאָזיקע געפאַר, איז די רעזאָלוציע געוואָרן אָנגענומען מיט אַ קליינער מערהייט. אָבער אויך שפּעטער האָבן די קעגנער פון די שולן ניט אָפּגעשטעלט זייער אַגיטאַציע. פיליפּ קראַנץ, למשל, האָט דערקלערט אין „פריינט", דער אָרגאַן פון אַרבעטער רינג (אין 1917), אַלס ענטפער אויף אַן אַרטיקל פאַר די שולן פון א. גלאַנץ (לעיעלעס), אַז דאָס לעבן אין אַמעריקע פירט צו אַ זייער שנעלער אַסי־מילאַציע פון די אידן. אין 1925 האָט מאיר לאָנדאָן נאָך געטענהט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון שאָוויניסטישע פראַזן; מען דאַרף געבן די קינדער אַ ריכטיקע אַמעריקאַנער בילדונג אין סאָציאַליסטישן גייסט. און אַזוי שפּעט ווי אין 1931 האָט אב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס" „באַוויזן", אַז די אַרבעטער רינג שולן זענען פאַרן אָרדן אַן איבעריקע און נאָך ערגער — אַ שעדלעכע לאַסט [266]).

די לייטונג פון שול־פאַרבאַנד האָט זיך קאָנסטיטואירט אין יוני, 1916: י. ענטין אַלס פאָרזיצער; מ. כץ, וויצע פאָרזיצער; ש. שאַפּירא, סעקרעטאַר און ל. עלבע, קאַסירער. די פּועלי ציון, ס. ט. און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַר־באַנד זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו שיקן צו איין פאַרטרעטער אין דער לייטונג פון דעם שול־פאַרבאַנד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ קאָמיטע זאָל זיך טרעפן מיטן דערציאונגס־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג, ער זאָל זיך אָנשליסן אין שול־פאַרבאַנד. אין פאַל ווען דער אַרבעטער רינג וועט אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג, זאָל מען זיי פאָרלייגן, אַז די אַרבעטער רינג־בראַנטשעס זאָלן שטיצן די נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שולן אין די שטעט, וואו זיי האָבן ניט קיין אייגענע שולן. גלייכ־צייטיק פאַרזיכערן דעם אַרבעטער רינג, אַז מען איז גרייט אים צו העלפן מיט איני־פאָרמאַציע, רעדנער וכדומה, ביים גרינדן אַרבעטער רינג שולן.

אין מערץ, 1916, איז אַנטשטאַנען אין ניו יאָרק אַ לערער־פאַראיין פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. דער פאַראיין האָט זיך צווישן אַנדערן געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפן אַ לערער־פאַרבאַנד פון גאַנצן לאַנד און אַקטיוו מיטהעלפן ביים פאַנאַנדערבוי פון די שולן. די לייטונג פון שול־פאַרבאַנד האָט אויך באַשלאָסן צו שאַפן אַ פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון די ניו יאָרקער שולן.

אין מאַי, 1916, האָט אַ רבנים־קאָנפערענץ באַשלאָסן... אַריינצולייגן אין חרם די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, כדאי צו „פאַרייביקן" די דאָזיקע פערלדיקע רעזאָלוציע אויפן רבנים־צוזאַמענפאָר: „די קאָנוועגשאָן פון די רבנים פּראָטעס־טירט העפטיק קעגן די ראַדיקאַלע שולן און וואָרנט אַלע אידן, וואָס האָבן גאָט אין האַרץ נישט צו שיקן אַהין זייערע קינדער; די דאָזיקע שולן זיינען אַ גיפט פאַרן אידנטום און מען מוז אונזערע קינדער דערווייטערן פון זיי, ווי פון מיס־יאָנערסקע שולן, און ווער עס שטיצט זיי, איז ווי ער וואָלט שטיצן עבודה זרה"...

דער שול־פאַרבאַנד האָט העפטיק פּראָטעסטירט אין דער פּרעסע קעגן דער דאָ־זיקער שענדלעכער דערקלערונג. אַן ענלעכע חרם דערקלערונג האָט רבי סילווער אַרויסגעלאָזן אין מינעאַפּאָליס אין אויגוסט, 1917. ער האָט אָנגערופן די נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שול „בית השמד" און ער האַלט אַלס „זיין הייליקן חוב" אָפּצו־האַלטן דעם איינפלוס פון דער שול, וועמען ער לייגט דערפאַר אַריין אין חרם.

די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו יאָרק האָט אין יוני, 1916, אָנ־געהויבן לערנען יעדן טאָג. צו דעם צוועק איז געוועזן נייטיק צו קריגן 3,000 דאָ־לער. דעם 27טן אויגוסט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַסן־זאַמלונג פאַר דעם צוועק.

אינטערעסאַנט איז אַריינצוקוקן אין דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס דער שול־פאַרבאַנד האָט געפירט מיט די שולן איבערן לאַנד. עס שאַפט זיך דערפון אַ שטיקל בילד וועגן דער לאַגע פון די שולן אין די יאָרן 1916־1917.

מ י ל וו אָ ק י אינפאָרמירט, אַז זי זאַמלט 30,000 דאָלער צו בויען אַ געביידע פאַר דער שול. אין דער שול וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1915 לערנען אין 1917 קרוב צו 150 קינדער 3 מאָל אַ וואָך. עס זענען דאָ 5 קלאַסן. אין די 2 העכערע קלאַסן ווערט אויך געלערנט העברעאיש. אין ד ע נ וו ע ר איז דער אַרבעטער־רינג צוגעשטאַנען צו דער שול, וואָס איז געוואָרן אַ טעגלעכע מיט 2 לערער. אין ר אָ ט ש ע ס ט ע ר איז די שול געפאַלן אין 1917 פון 120 ביז 60 קינדער. די שול איז אָפן נאָר זונטיק און מיטוואָך. אויך די שול אין ב אָ ס ט אָ ן האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס. מ׳האָט צוגעצויגן אין דער שול־פאַרוואַלטונג פאָרשטייער פון פועלי ציון, ס. ט. , פאַרבאַנד און אַרבעטער רינג. עס לערנען 60 קינדער, ס׳רוב מיידלעך מיט 3 לערער. דער שול־פאַראיין ציילט 120 מיטגלידער. אין ס י נ ס י נ ע ט י צאָלן פון 60 קינדער נאָר אַ העלפט שכר־לימוד, 50 סענט אַ חודש. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך מיטן העברעאישן לערער. ער האָט איינגעפירט דעם מעטאָד פון עברית בעברית, האָבן זיך די אי־דישיסטן דערשראָקן און אָנגעהויבן קעגן דעם אַ קאַמף.

אין ד ע ט ר אָ י ט לערנען 140 קינדער. דער פרויען־פאַראיין און דער פאַראיין פון דער אידישער יוגנט געבן זייער פולע הילף. עס עקזיסטירן 6 קלאַסן מיט 7 לערער, מיינסטנס באַצאָלטע. עס ווערט געשאַפן אַ קינדער־ביב־ליאָטעק. אין וו אַ ש י נ ג ט אָ ן לערנען 60 קינדער, דערווייל נאָר זונטיק. אין מ י נ ע א פּ אָ ל י ס, וואו הרב סילווער האָט אַריינגעלייגט די שול אין חרם, לערנען אין דער שול 75 קינדער אין 3 קלאַסן. אין ש י ק אַ ג אָ האָבן זיך אין מיטן 1917 ווידער צעפלאַקערט קאַמפן צווישן די פועלי ציון און ס. ט. די פועלי ציון עפענען אין דער וועסט סייד אַ טעגלעכע שול, אָבער די ס. ט. קלייבן זיך צו עפענען אַ קאָנקורענץ־שול אין דער זעלבער געגענט. אין אַ ט ל אַ נ ט אַ איז דער אַרבעטער רינג געוואָרן צוגעצויגן צו דער אַרבעט פאַר דער שול. אין פּ י ט ס ב ו ר ג האָבן געלערנט אין דער שול 150 קינדער אין 5 קלאַסן. אין ה אַ ר ט פ אָ ר ד איז די שול וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט פון איין מענטש, אַריבער אין רשות פון פועלי ציון פאַראיין. ג ל אָ וו ע ר ס־וו י ל (די „הענטשקע״־שטאָט) וויל געבן אין דער שול אויך אַ געוויסן רע־ליגיעזן אונטערריכט. אין מ אָ נ ט ר ע אַ ל ציילט שוין די פאָלקס־שול אין 1917 200 קינדער. אין 20 קלאַסן לערנען 8 לערער. אין ט אָ ר אָ נ ט אָ לערנען אין דער פּרץ־שול 300 קינדער אין 13 קלאַסן. אין די העכערע 2 קלאַסן לערנט מען העברעאיש. די שול האָט אין 1916 געפייערט איר 5 יאָריקן יובל.

ס י ר אַ ק י וו ז האָט אָנגעפרעגט, צי קען זיך די שול פאַראייניקן מיט דער תלמוד־תורה. דער ענטפער איז געווען: אין יעדער שול מוז איינגעפירט ווערן די פּראָגראַם פון פאַרבאַנד. מיט דעם פּרינציפּ אין אויג, קענען זיי האַנד־לען ווי עס פאָדערן די לאָקאַלע אומשטענדן. אין מ י ל וו אָ ק י האָט מען איינגעפירט צו שרייבן אין שבת. די עצה פון צענטער איז געווען דאָס נישט צו טאָן.

דעם 20טן מערץ, 1917, איז דערשינען דער ערשטער נומער „קינדערוועלט“ אין טויזנט עקזעמפּלאַרן (פריער האָט מען געפּלאַנט צו רופן די צייטונג „משה׳לעך און שלמה׳לעך“). די רעדאַקטאָרן זענען געווען: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, י. ענטין און ש. שאַפּירא. די ערשטע 6 חדשים איז זי דערשינען יעדן חודש. פון סעפּטעמבער, 1917, איז דער זשורנאַל דערשינען יעדע צוויי וואָכן. דער דעפיציט פון יעדן נו־מער האָט באַטראָפן ביי 35 דאָלער. די קינדער האָבן שטאַרק ליב געקראָגן זייער צייטונג.

פון די לערן־ביכער, וואָס זענען דערשינען אין באַהאַנדלטן צייט־פּעריאָד זאָל מען דאָ דערמאָנען „פון אידישן קוואַל“, אַרויסגעגעבן פון לעאָן עלבע און יואל ענטין, דערשינען אין 1916. אין דער הקדמה ווערט דערציילט, אַז דאָס בוך „איז אַרויסגעוואַקסן פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן“. חיים ליבערמאַנס אידישע געשיכטע פון ש. דובנאָוו, ה. לעפקאָוויטשעס געזאַנג־בוך מיט 25 לידער, יעקב לעווינס „די אידישע שפּראַך“, אַ צאַל קינדער־ביכלעך פון יואל ענטין און ל. עלבע. ש. שאַפּירא האָט אין די צוואַנציקער יאָרן אַרויסגעגעבן אַ בוך פון יהודה שטיינבאַרגס אידישע דערציילונגען.

די ס. ט.־קאָנפערענץ אין דעטראָיט (דעצעמבער, 1916), האָט באַשלאָסן צו פאַראייניקן די ס. ט.־שולן מיט די פאָלקס־שולן פון פּועלי ציון, אָבער עס זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן די העגעמאָניע פון דער אידישער שפּראַך. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו קעמפן דערפאַר, אַז אין די פּאַבליק סקולס מיט אידישע קינדער זאָל געלערנט ווערן אידיש און אידישע געשיכטע.

סוף 1917 איז די שול־באַוועגונג געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט. די באַוועגונג צו גיין אין אידישן לעגיאָן האָט צוגענומען פיל וויכטיקע שול־טוער. ווי עס דער־ציילט פּ. גינגאָלד — איינער פון די אַקטיוויסטע טוער פון אידישן לעגיאָן — זענען פיל פּועלי ציון שול־טוער דאַן אַוועק אין „קאַמף פאַר פאָלק און לאַנד“ [267]).

דעם 30טן מערץ, 1918, האָט די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו יאָרק איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט־באַל און אַ באַזאַר. די שול האָט דאַן גע־ציילט 200 קינדער, וואָס האָבן געלערנט 5 מאָל אַ וואָך. ס׳האָבן עקזיסטירט 8 קלאַסן מיט 5 לערער. דער קלוב „אידישע קינדער“ ביי דער שול האָט שפּעטער געשאַפן דעם דאַון טאַונער פּועלי ציון יוגנט־קלוב. דעם 26טן יאַנואַר, 1918, זענען געעפנט געוואָרן ביי דער שול אָוונט־קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, וואו מ׳האָט געלערנט אידיש און אידישע געשיכטע.

צו יענער צייט איז אַנטשטאַנען דער שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט 3 שולן. דער אינסטיטוט האָט גרופּירט אַרום זיך אָנהענגער פון ס. ט. און ראַדיקאַלן, אָבער דאָרט זענען אויך געווען אַקטיוו עטלעכע פּועלי ציון. די שולן פון אינסטיטוט זענען געווען אָנגעשלאָסן אין שול־פאַרבאַנד. די ערשטע שול פון דעם מין איז אַנטשטאַנען אין בראָנקס אין 1914. די לערער זענען געווען חיים ליבערמאַן און לעאָן עלבע. אַ געוויסע צייט האָט דאָרט גע־לערנט העברעאיש יצחק בן צבי, דער איצטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. אין מאַי, 1916, נאָכן טויט פון שלום עליכם, האָט אויפן פאָרשלאָג פון ל. עלבע די שול זיך אַ נאָמען געגעבן „שלום עליכם שול“. די שלום־עליכם שולן האָבן זיך שפּעטער — מיט דער אָפּשוואַכונג פון שול־פאַרבאַנד — אַלץ מער איזאָלירט אין זייער אייגן ווינקל און ביסלעכווייז אויסגעפאָרעמט אַן אייגענע אָרגאַניזאַ־

ציע — און ס'איז אַנטשטאַנען אַ דריטער שול־טיפּ צו די שול־טיפּן פון פּועלי ציון־פאַרבאַנד און פון אַרבעטער־רינג.

פון 20טן ביזן 23טן יולי, 1918, איז פאַרגעקומען אין סיראַקיוז דער דריטער שול־צוזאַמענפאַר. פון די 40 שולן, וואָס זענען געווען אַנגעשלאָסן אין שול־פאַר־באַנד, זענען נאָר געקומען צום צוזאַמענפאַר 40 דעלעגאַטן פון 20 שולן. יואל ענטין האָט רעפערירט וועגן דער שייכות פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג צו אידישער רעליגיע; יהודה קופמאַן — וועגן העברעאיש אין דער נאַציאָנאַל־ראַ־דיקאַלער דערציאונג און וועגן לערער סעמינאַר.

די מער אידישיסטישע שולן זענען צופעליק געווען אַ מערהייט אויף דער קאָנווענשאָן. זיי האָבן פּראָטעסטירט פאַרוואָס מ'האָט אויך איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ די הסתדרות עברית, (איר האָט רעפּרעזענטירט אב. גאָלדבערג). פאַרן סוף פון דער קאָנווענשאָן איז שיר געקומען צו אַ קריזיס. די „אידישיסטן" האָבן געוואָלט דורכפירן אַ רעזאָלוציע, אַז אין שול־פאַרבאַנד קענען זיך אויך אַנשליסן שולן וואָס לערנען ניט העברעאיש. נאָך אַ לאַנגן און הייסן גראַנגל איז די רעזאָלוציע געוואָרן צוריקגעצויגן, אָבער כדי מפייס צו זיין די „אידישיסטן" איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די לייטונג איז מחויב מיטצואווירקן און העלפן אויך אַזעלכע שולן, וואָס לערנען נישט קיין העברעאיש, מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלן דעם העברעאיש־לימוד שפּעטער איינפירן אין זייערע שולן.

דער צוזאַמענפאַר האָט באַשלאָסן, אַז די געשיכטע פון אידישער רעליגיע דאַרף גרינטלעך שטודירט ווערן אין פאַרבינדונג מיטן לימוד פון אידישער גע־שיכטע. די שולן זענען רייכער געוואָרן מיט נאָך עטלעכע יום טובים, ווי חמישה־עשר בשבט. די קינדער אין די שולן דאַרפן ווערן גוט באַקאַנט מיט דעם זין און פייערלעכקייט פון יום כיפור.

דער שול־צוזאַמענפאַר אין סיראַקיוז האָט באַשלאָסן צו בייטן דעם נאָמען פון די שולן אויף „אידישע פאָלקס־שולן"; באַנייען דעם זשורנאַל „קינדער וועלט"; זיכערן דעם בודזשעט פון לערער־סעמינאַר און אַנגאַזשירן אַ באַצאָלטן סעקרע־טאַר, וואָס זאָל אויך זיין אַן אָרגאַניזאַטאָר ביים עפענען נייע שולן [268].

אין דער נייער לייטונג זענען אַריין: י. ענטין, פּרעזידענט; יעקב לעווין, וויצע־פּרעזידענט; ש. שאַפּיראָ, סעקרעטאַר; י. וואל און יהודה קופמאַן. אין דער קאָמיסיע פאַרן לערער־סעמינאַר זענען אַריין: ס. הירזדאַנסקי, ליבוש לערער, מ. מאַשעוויצקי, י. ענטין און חיים שויס. אין דער קאָמיסיע פאַרן קינדער־זשורנאַל: י. וואל, ב. י. זשיטלאָוו, י. לעווין, י. ענטין און ש. שאַפּיראָ. די נייע לייטונג האָט באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן „קינדער וועלט" און אַרויסגעבן אַ פּעדאַגאָגישן זשורנאַל אָדער זאַמלביכער. דער סעקרעטאַר זאָל באַקומען 15 דאָלער אַ וואָך.

אין פילאַדעלפיע האָט זיך דאַן פאַנאַנדערגעוואַקסן די שול־באַוועגונג. אין מערץ, 1918, האָבן דאָרט עקזיסטירט 3 שולן מיט 10 קלאַסן און 189 קינדער. די מערהייט אינגלעך. העברעאיש איז געוואָרן פיל געלערנט. ש. בערקאָוויטש (שפּע־טער אין דעטראָיט) איז געווען דער סעקרעטאַר פון שולן־קאָמיטעט. אָנהייב 1919 האָבן דאָרט עקזיסטירט 4 שולן (מענדעלע, פּרץ, יהואש, שלום עליכם). די פּרץ־שול האָט געהאַט 160 קינדער. די אָרטיקע שול־טוער זענען אָבער ניט

געווען צופרידן מיט די רעזולטאַטן און פאַרלאַנגט, אַז יעדע שול זאָל האָבן 2 לערער, וואָס זאָלן האָבן זייער פולן געהאַלט פון דער שול.

דער לערער־סעמינאַר, וואָס עס האָט נאָך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דעם ערשטער שול־צוזאַמענפאָר (אין 1914), איז געעפנט געוואָרן דעם ערשטן מערץ, 1918, מיט 20 תלמידים. דער דירעקטאָר איז געווען יהודה קויפמאַן. די ערשטע לערער זענען געווען פאַר אידיש, אידישער ליטעראַטור און פילאָלאָגיע: חיים ליבערמאַן, יודא א. יאַפע און יואל ענטין; פאַר העברעאיש און העברעאישער ליטעראַטור: דר. יהודה קויפמאַן; פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן: א. ש. זאַקס; פאַר נאַטור־וויסנשאַפטן: דר. אב. קאַספּע און דר. י. א. מעריסאָן; פאַר אידישער געשיכטע: חיים שויס; פאַר פּעדאַגאָגיק: ב. צ. גאָלדבערג, סיימאָן הירזדאַנסקי און לייבוש לערער. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון יואל ענטין, י. קאַפּעלאָף, י. קויפמאַן און ש. שאַפּירא. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט דעלעגירט אין דער פאַרוואַלטונג מאיר בראון און י. גאָרדאָן.

אין אָנהייב זענען געווען פאַרשריבן אַלס תלמידים בלויז יונגע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט ווערן לערער, אָבער שוין נאָכן צווייטן יאָר האָבן אָנגעהויבן אָנקומען תלמידים וואָס האָבן סתם געוואָלט דערווערבן אידישן וויסן אָן דעם ציל פון „מאַכן דערפון אַ לעבן".

די פּלאַטפאָרם פון סעמינאַר, אָנגענומען אויף די ערשטע זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג, האָט דערקלערט די צילן פון סעמינאַר:

„דער אידישער לערער־סעמינאַר איז אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע העכערע אַקאַדעמישע אינסטיטוציע, וואָס גיט די סטודענטן אַ סיסטעמאַטישע אידישע און אַלגעמיינע בילדונג און אַ גרינטלעכע פּעדאַגאָגישע בילדונג צו די וואָס גרייטן זיך צו זיין אידישע לערער.

„דער סעמינאַר שטרעבט צו שאַפן אַ טיפּ פון אַ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל האָבן טיפע און ברייטע ידיעות און אַ לעבעדיקן אינטערעס אין דער וועלט־קולטור, און וואָס זאָל אין ליכט פון דעם דאָזיקן וויסן, לערנען, פאַרשטיין און אָפּשאַצן אונזער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור; אַ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל זיין גרינטלעך באַקאַנט מיט די סאָציאַלע בויטן און פּראָבלעמען פון דער צייט און וואָס זאָל פילן זיין חוב צו טראָגן ליכט און וויסן צו די אידישע מאַסן בכלל און צום אידישן קינד בפרט.

„לויט זיין כאַראַקטער איז דער אידישער לערער־סעמינאַר אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אינסטיטוט. זייענדיק נאַציאָנאַל, איז דער סעמינאַר פאַראינטערעסירט אין אַלע פאַזן פון דער אידישער נייער און עלטערער קולטור, ווי אויך אין די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן און שאַפן. זייענדיק פּראָגרעסיוו אָדער ראַדיקאַל, באַקענט דער סעמינאַר זיינע תלמידים מיט די סאָציאַלע שטרעבונגען, סימפּאַטיעס און קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט בפרט".

אין אָנהייב 1919, איז חיים ליבערמאַן געוואָרן דער סעקרעטאַר פון סעמינאַר. אַביסל שפּעטער האָט דעם דאָזיקן אַמט איבערגענומען פ. גינגאָלד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן סעמינאַר בערך 20 יאָר.

אין מערץ, 1920, האָבן גראַדואירט די ערשטע 13 תלמידים, וואָס האָבן באַקומען לערער־דיפּלאָמען. יואל ענטין האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטן

אַרטיקל וועגן סעמינאַר, וואָס ווערט אַ אידישע הויכשול, אַ קאָלעדזש מיט אַ שפּרייז אויפן וועג צו אַ אידישן אוניווערזיטעט. „מוז אליהו הנביא נאָך אַלץ ער־געץ אַרומגיין צווישן אונז; געשעען נסים אפילו נאָך היינט״! ענטין האָט געשיל־דערט די גרויסע פאַרדינסטן פון יהודה קויפמאַן, וואָס איז דאַן אָפּגעפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל.

דער לאָזונג פון סעמינאַר: „הוי כל צמא לכו למים״, האָט אַרויסגעלויכטן פאַר פיל וויסנס־דורשטיקע און ווען דער סעמינאַר האָט געפייערט זיין 30 יאָריקן יובל אין 1948 — האָבן די סעמינאַר־פירער באַהויפּטעט, אַז איבער 3,000 סטו־דענטן האָבן געלערנט אין סעמינאַר; פון זיי האָבן גראַדואירט קרוב 300 תלמידים.

.29

# יונגע פועלי ציון

פראָווידענס האָט געהאַט די זכיה צו שאַפן דעם ערשטן פועלי ציון יוגנט קלוב. 2 יאָר אײדער די ראָטשעסטער קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צוצוטרעטן גרינדן יוגנט־קלובן פון דער פּאַרטײ. אין 1912 איז דאָרט אַנטשטאַנען דער ערשטער פועלי ציון יוגנט־קלוב, און פּראָווידענס האָט עס באַוואויגן דעם צענטראַל קאָמיטעט ארויפצושטעלן די פראַגע יוגנט־קלובן אויפן סדר היום פון דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן [269].

די 8טע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (דעצעמבער, 1914), האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו אָרגאַניזירן יוגנטלעכע פועלי ציון פּאַראײנען. צוליב דער וויכטיקייט פון דער רעזאָלוציע, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פון דער יוגנט־באַוועגונג פון די פועלי ציון, ברענגען מיר דאָ איר פולן טעקסט:

„א) נעמענדיק אין אנבעטראַכט, אַז די אידישע יוגנט ווערט אָרגאַניזירט אין קלובס און אין פּאַראײנען, וועמענס טענדענצן זענען אין ווידערשפּרוך מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אידישן פאָלק און די אידעאַלן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, און אַז די אידישע יוגנט אין די אָנגערופענע קלובן און פּאַראײנען ווערט דערצויגן אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז פרעמד פון אידישן פאָלקס־לעבן —

„ב) באַשליסט די אַכטע קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטײ פועלי ציון צו אָרגאַניזירן די אידישע יוגנט, אין עלטער פון 14 ביז 18 יאָר, אין פועלי ציון יוגנט־קלובס, וועמענס אויפגאַבן זאָלן זײן: באַקענען די חברים מיט דער אידישער געשיכטע, אידישער ליטעראַטור, ציוניזם און סאָציאַליזם, און מיט אַלע פּראָבלעמען פון אידישן נאַציאָנאַלן און אַרבעטער־לעבן.

„ג) די 8טע קאָנווענשאָן אָנערקענט די נויטווענדיקייט אַרײנצוטראָגן אין די קלובן די טענדענצן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און פאַרברייטן די אידישע יוגנט פאַר דער גרויסער אַרבעט פון פאָלקס־באַפרייאונג אין זין פון די פועלי ציון.

„ד) די יוגנטלעכע פועלי ציון־פּאַראײנען דאַרפן שטייען אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער קען אין זײן אַרבעט גרינדן ספּעציעלע קאָמיטעטן אָדער שטעלן די קלובס אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די לאָקאַלע פּאַראײנען".

אַמעריקע איז געווען דאָס פערטע לאַנד — לויט דער רײ — וואו ס'איז אַנטשטאַנען אַ פועלי ציון־יוגנט־באַוועגונג. אין רוסלאַנד זענען אַנטשטאַנען די ערשטע פועלי ציון־יוגנט־פּאַראײנען אַזוי פרי, ווי אין 1902. אין 1905 האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין אין גאַליציע פועלי ציון יוגנט־פּאַראײנען א. נ. „אידישער יוגנטלעכער אַרבעטער און האַנדלס־פּראַקטיקאַנטן בילדונגס־פּאַראײן פועלי ציון". אין נאָוועמבער, 1905, איז דערשינען דער ערשטער נומער פון די „אידישע אַר־

בעטער יוגנט״ — אַ מאָגער, באַשיידן העפטל. אין 1907 איז פאָרגעקומען די ערש־טע קאָנפערענץ פון די יוגנט־פאַראײנען און אין 1909 האָט דער פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך פאַרנאַנדערגעצווייגט אויך איבער בוקאָווינע און דעם איבעריקן עסטרייך, שוין געציילט 1,800 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין פערצן פאַראײנען און 9 גרופּן. דער אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן פאַראומעגלעכט דורכן באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל אָפּהענגיק צו מאַכן דעם אנשלוס פון דער אנערקענונג פון דער פועלי ציון־פּאַרטײטונג אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. צו דער קאָנפע־רענץ אין 1912 זענען געקומען 52 דעלעגאַטן פון 20 פאַראײנען. אַ געוויסע צייט איז דאָן די „אידישע אַרבעטער יוגנט״ געוואָרן רעדאַגירט דורך בערל לאָקער.

אין גאַליציע האָט אויך עקזיסטירט אַ פאַרבאַנד פון שילער אין מיטל־שולן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גוט־רעדאַגירטע חודש־צייטשריפט אין פּויליש. אויף דער 5טן קאָנווענשאָן אין 1912 איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די צייטשריפט אין אידיש. דער דאָזיקער פאַרבאַנד האָט דערצויגן פאַר דער פועלי ציון באַוועגונג פיל וויכטיקע אינטעלעקטועלע כחות.

אין פּוילן האָבן זיך די ערשטע יוגנט־קרײזן פון שילער אָרגאַניזירט אין 1903, אָבער שפּעטער האָט די רעאַקציע אַלץ צעשטערט. אין יוני, 1919, איז פאָרגעקומען אין באַפרייטן פּוילן דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון פועלי ציון־יוגנט־פאַרבאַנד. אין דעצעמבער, 1918, האָט דער שרייבער פון די שורות אָנ־געהויבן פּריוואַט אַרויסגעבן דעם „יונגן קעמפער״, וואָס איז שפּעטער איבער־גענומען געוואָרן דורכן פּוע״צ יוגנט־פאַרבאַנד. אין 1919 איז די צייטונג אַלס חודש־זשורנאַל דערשינען אין 3,000 עקזעמפּלאַרן. נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פועלי ציון וועלט־באַוועגונג אין 1920, זענען אַנטשטאַנען צוויי באַזונדערע יוגנט פאַרבאַנדן פון די רעכטע און לינקע פועלי ציון. אין דעצעמבער, 1922, איז פאָר־געקומען די פאַראײניקונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער יוגנט (י. ס. אַ. י.) — דער יוגנט פאַרבאַנד פון די פועלי ציון מיט דער צ. ס. יוגנט — דער יוגנט־פאַרבאַנד פון דער צ. ס. פּאַרטיי. ביי דער צ. ס.־פּאַרטיי בלייבן אָבער עקזיסטירן אַ צאָל יוגנט־גרופּן, וואָס זעצן פאָר זייער באַזונדערע עקזיסטענץ. ערשט נאָך דער פּולער פאַראײניקונג פון די פועלי ציון מיט דער צ. ס. פּאַרטיי, קומט פאָר אין יוני, 1926, די פולע פאַראײניקונג פון ביידע יוגנט פאַרבאַנדן און עס אַנטשטייט דער „סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון דער אידישער אַרבעטער־יוגנט „פרייהייט״, מיט זיין חודש־אָרגאַן „יוגנט פרייהייט״. דער פאַרבאַנד האָט זיך פאַראײניקט מיט דעם „החלוץ הצעיר״ אין סעפּטעמבער, 1938. דער פאַראײניקטער פאַרבאַנד האָט געציילט ערב דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג קרוב 18,000 מיטגלידער, דערפון עטלעכע טויזנט אויף הכשרה־פאַרמס פון „החלוץ״. פועלי ציון יוגנט־פאַרבאַנדן האָבן אויך עקזיסטירט אין רומעניע, טשעכיע, ליטע, לעט־לאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער [270]).

נאָך דער ראַטשעסטער קאָנווענשאָן האָט דער צענטראַל קאָמיטעט איבער־געגעבן צו מ. בראון, ה. ערנרייך און דוד פּינסקי, די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר די יוגנט קלובס. אין קאָמיטעט אָנצופירן מיט די יוגנט־קלובס זענען אַריין: ב. אָסטראָווסקי, ש. באַנטשעק, פּ. גינגאָלד, סאָפיע יודין, חיים ליבערמאַן מ. מאָשעוויצקי, ש. שאַפּירא און יואל ענטין. שיקאַגאָ האָט זיך אַרויס־

געדרוקט אויפן ערשטן אָרט אין דער יונגער באַוועגונג. דאָרט איז אַנטשטאַנען דער ערשטער יוגנט־קלוב סוף 1913, מיט 8 מיטגלידער. סוף 1914 האָבן עקזיסטירט 6 קלובן מיט 400 קינדער אין עלטער פון 9 ביז 16 יאָר. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע אין געווען „יונגע מאַקאַבייער". זיי זענען אַנטשטאַנען פון דער מכבי פאָלקס־שול, וואָס די פועלי ציון האָבן געשאַפן אין 1915. די קלובן האָבן אָנגעפירט קלאַסן פאַר אידישער שפּראַך און געשיכטע און דורכגעפירט פיל דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען. זיי האָבן געזאַמלט אַ גרעסערע סומע פאַר די סטרייקנדיקע שניידער אין שיקאַגאָ און איבער 300 דאָלער פאַרן פיפּלס רעליף. די קלובן זענען געווען אומפּאַרטייאיש. די פירער האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז ניט פּראַקטיש צו פּרעדיקן פּאַרטיי־אידעאַלן פאַר יונגע קינדער, אָבער די גאַנצע דערציאונגס־אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין גייסט פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. סוף 1914 האָבן די „יונגע מאַקאַבייער" אָפּגעהאַלטן זייער ערשטע קאָנווענשאָן. אין נאָוועמבער, 1915, האָבן זיי געציילט 450 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין 8 קלובן. אין דער עקזעקוטיווע האָט יעדער קלוב דעלעגירט צוויי פאָרשטייער. ביי יעדער פאַרזאַמלונג איז געוואָרן דורכגעפירט אַ ליטעראַרישע פּראָגראַם. אַ צאָל לערער פון די שולן האָבן אָנגעפירט מיט דער קולטור־אַרבעט.

אויף דער 9טער קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (אויגוסט, 1915), האָט ה. עהרנרייך באַריכטעט, אַז 200 מיטגלידער זענען אָרגאַניזירט אין 9 יוגנט־פאַראיינען אין 6 שטעט (די „יונגע מאַקאַבייער"־קלובן אין שיקאַגאָ זענען ניט געוואָרן אַריינגערעכנט). די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע באַשלוסן נאָכן אויסהערן דעם רעפּעראַט פון יואל ענטין:

„א) דער צוועק פון די יוגנטלעכע פועלי ציון־פאַראיינען איז צו אָרגאַניזירן און דערציען די אידישע יוגנט אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גייסט; ב) די גרונט־יסודות פון די יוגנטלעכע פועלי ציון־פאַראיינען זענען די זעלבע ווי די גרונט־פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי פועלי ציון; ג) די יוגנטלעכע פועלי ציון־פאַראיינען שטייען אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון דער פועלי ציון־פּאַרטיי; ד) יעדער יוגנטלעכער פועלי ציון קלוב, סיי שוין עקזיסטירנדער און סיי נייער, זאָל גלייך אָנגעשלאָסן ווערן אין צענטראַל קאָמיטעט פון די יוגנט־קלובן; ה) די אומגאַנגס־שפּראַך פון די קלובן איז אידיש. דאָרט, וואו דאָס איז אוממעגלעך, מעג די אַרבעט געפירט ווערן אויף ענגליש מיט דער פאַרשטענדעניש, אַז דאָס איז בלויז צייטווייליק און אַלץ זאָל אָנגעווענדעט ווערן, כדי די מיטגלידער זאָלן וואָס גיכער דערלערנען די אידישע שפּראַך; ו) דער יוגנט קלוב־קאָמיטעט, וואָס שטייט אונטער דער אויפזיכט פון צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון, זאָל פאַרזעצן די אויסגאַבע פון 2־וועכנטלעכן זשורנאַל ,דער יונגער קעמפער'. יעדער פועלי ציון־פאַראיין זאָל זיין פאַרפליכטעט צו העלפן פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל".

די ערשטע 2 נומערן פון „יונגן אידישן קעמפער" זענען געווען העקטאָגראַפירט. אָנהייבנדיק פון נומער 3 (3 דעצעמבער, 1915), איז דער זשורנאַל געוואָרן געדרוקט. די ערשטע נומערן זענען געוואָרן רעדאַגירט דורך ש. שאַפּירא. אויפן שער־בלאַט האָבן אַראָפּגעשיינט די לאָזונגען: „די יוגנט איז די צוקונפט פון פאָלק"; „אונזער אַרבעט איז פאַר דער צוקונפט". שפּעטער האָבן זיך

די לאַזונגען געביטן. די צייטונג וואָס האָט געזאָלט זיין אַ צוויי־וועכנטלעכע איז דערשינען דורכשניטלעך אַ 6־9 מאָל אין יאָר. אין יאַנואַר, 1919, איז זי אַרי־בער אויף אַ זשורנאַל־פאָרמאַט. אין דער רעדאַקציע האָבן זיך אין פאַרשידענע צייטן באַטייליקט ב. אָסטראָווסקי, ב. בעלקין (ביאַלאָסטאָצקי), ש. באַנטשעק, יואל ענטין, פּ. קרוזאַ און אַנדערע. חיים עהרנרייך און אַנדערע יוגנטלעכע זענען אָפט געווען צווישן די מיטאַרבעטער. גאַנץ פרי האָבן זיך אָנגעהייבן ווייזן ענגלישע נאָטיצן, אַרטיקלען און לידער. אַ געוויסע צייט (אין 1917 און 1918), איז די צייטונג נאָר געווען אַן אָפּטיילונג פון „אידישן קעמפער", אָבער שטענדיק אונ־טער אַ זעלבסטשטענדיקער רעדאַקציע. אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן איז זי געוואָרן רעדאַגירט דורך א. העמלין און י. שניידער, וואָס איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון יוגנט צענטראַל קאָמיטעט. די צייטונג האָט דאַן געביטן איר נאָמען אויף „יוגנט".

דער „יונגער אידישער קעמפער" און שפּעטער „די יוגנט" האָט פאַרעפנט־לעכט פיל אַרטיקלען איבער די זיילן פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, איבער די נביאים, אַרטיקלען לכבוד אַלע יום טובים און פיל אָפּהאַנדלונגען אי־בער גרויסע אידישע און אַלגעמיינע פערזענלעכקייטן (ש. אַנסקי, דר. נתן בירנ־בוים, דר. הערצל, ישראל זאַנגוויל, מאַקס נאָרדוי, זשאַן זשאָרעס, קאַרל מאַרקס און אַנדערע).

אין ניו יאָרק איז דער ערשטער פּועלי ציון יוגנט־קלוב געגרינדעט געוואָרן אין בראָנזוויל, דעם 31טן יאַנואַר, 1915, מיט 6 חברים. דער קלוב האָט איינגע־אָרדנט יעדן חודש אַ ליטעראַרישן מיטינג, איינגעאָרדנט „אָפּן עיר"־מיטינגען און אַרויסגעגעבן אַ געוויסע צייט אַ העקטאָגראַפירטן 2 וואָכנבלאַט „דער יונגער קעמפער". אין אָקטאָבער, 1915, האָט דער קלוב געציילט 35 מיטגלידער. צו זיין 1 יאָריקער עקזיסטענץ האָט דער קלוב איינגעאָרדנט אַ יאָר־פעסט, דעם 31טן יאַנואַר, 1916. דער קלוב האָט געגרינדעט אַ יוגנט־קלוב אין דאַון טאַון. אינטע־רעסאַנט איז זיך צו באַקענען מיט די טעמען פון די לעקציעס, וואָס דער קלוב האָט איינגעאָרדנט אין ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ: 10 לעקציעס איבער פּועלי ציוניזם; 3 לעקציעס איבער אידישער געשיכטע; מצב פון אידן אין מלחמה־לענדער; באַדייטונג פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד; נאַציאָנאַל פאָנד; ביאָגראַ־פיע פון י. ל. פּרץ; אַלטער און נייער ישוב אין ארץ ישראל; אידישע דערציאונג; אידישער קאָנגרעס; עין תחת עין; וועלכער גלות איז בעסער: אַמעריקע אָדער מצרים?; וועלכעס לאַנד איז מער שולדיק אין דער מלחמה?; סאָציאַליזם און ציוניזם; פּסח; ל"ג בעומר; באַדייטונג פון דער אידישער פאָן.

אַן אַנדער קלוב א. נ. „אידישע קינדער" איז אַנטשטאַנען אין מערץ, 1916. דער קלוב איז באַשטאַנען ס'רוב פון גראַדואַנטן פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַ־דיקאַלער שול. חיים ערנרייך איז געווען דער סעקרעטאַר פון קלוב. חיים ליבער־מאַן האָט באַגריסט דעם קלוב אויף דער אנשלוס־פאַרזאַמלונג אין דער פּועלי־ציון יוגנט־באַוועגונג.

אין שיקאַגאָ האָבן זיך די קלובן „יונגע מאַקאַבייער" גוט אַנטוויקלט. אין אָנהייב 1916 האָבן עקזיסטירט 10 קלובן מיט איבער 500 מיטגלידער. אַ שטאָב פון לערער האָט אָנגעפירט מיט די קלובן, וואָס זענען געווען צעשפּרייט אין אַלע טיילן שטאָט. „עס פרייט אונז צו זען ווי קינדער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אָנונג

פון וואָס עס איז אידיש, רעדן איצט אַ גוטן אידיש און האָבן אַ באַגריף פון אי־דישער געשיכטע און ליטעראַטור", האָט באַריכטעט אין „יונגן אידישן קעמפער" אַ פירער פון די קלובן. אַ פעדעראַטיווער קאָמיטעט האָט אָנגעפירט מיט די קלובן. „וואָלטן געווען לערער, וואָלט מען געקענט פאַרטאָפּלען די צאָל קלובן", האָט באַ־ריכטעט קיפּניס, דער פאַרוואַלטער פון די קלובן. דער ברענטש 1 אין שיקאַגאָ האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע צו העלפן דעם ח' קיפּניס אין זיין אַרבעט. די קינ־דער האָבן געצאָלט 3 סענט אַ וואָך פאַר דער אָרגאַניזאַציע און 5 סענט אַ וואָך פאַר די לערן־ביכער מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט.

דעם 27טן סעפּטעמבער, 1916, האָט חיים עהרנרייך באַריכטעט אין „אידישן קעמפער", אַז עס עקזיסטירן שוין 30 קלובן. 4 קלובן אין מאָנטרעאַל האָבן געציילט 300 מיטגלידער. ה. עהרנרייך איז אַרויסגעטראָטן קעגן די קלובן וואָס קענען אי־דיש און דאָך פירן זיי די מיטינגען אין ענגליש. קלובן וואָס קענען ניט פירן זייער אַרבעט אין אידיש, זאָלן ווערן צוגעלאָזן בתנאי, אַז זיי וועלן זיך פאַרפליכטן זיך אויסצולערנען אידיש.

פּ. קרוזאָ באַריכטעט אין זעלבן נומער „קעמפער", אַז די יוגנט־קלובן ציילן שוין 900 מיטגלידער. לײדער באַציען זיך צו זיי די פּועלי ציון־פאַראיינען גלייכ־גילטיק, אָבער די לאַגע הייבט זיך אָן צו פאַרבעסערן.

אויף דער 10טער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (1916) האָט פּ קרוזאָ באַריכטעט, אַז עס עקזיסטירן 30 קלובן מיט קרוב 1,000 מיטגלידער. 15 קלובן האָבן גע־ענטפערט אויף דער אַנקעטע. פון 524 מיטגלידער זענען געווען 279 אינגלעך און 245 מיידלעך. 136 אין עלטער פון 15־16 יאָר; 240 פון 16־17 יאָר; 103 פון 17־18; 39 יונגער פון 15 און 6 עלטער פון 18 יאָר. 304 זענען געווען אַרבעטער. 73 מיטגלידער זענען געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע. די איבעריקע אין דער „אַלטער היים". 236 חברים האָבן געענדיקט די פּאָבליק סקול. 115 קענען ניט קיין אידיש, 81 לערנען העברעאיש.

דעם 20טן אָקטאָבער, 1917, איז פאָרגעקומען די ערשטע לאַנד־באַראַטונג פון די פּועלי ציון יוגנט־קלובן. 16 דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן 11 קלובן. יואל ענטין האָט געעפנט די באַראַטונג. חיים ערנרייך איז געווען דער פאָרזיצער און יעקב פרידמאַן, דער סעקרעטאַר. ב. אָסטראָווסקי, דער סעקרעטאַר פון יוגנטלעכן קאָמיטעט, האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט. אין דער דורכגעפירטער יוגנט־וואָך זע־נען צוגעקומען עטלעכע הונדערט מיטגלידער. די יוגנט־קלובן האָבן געשאַפן אי־בער 3,000 דאָלער פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד. ס'איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַן ענגלישער ליפלעט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם „יונגן אידישן קעמפער" יעדע 2 וואָכן אין 4 זייטן (דער באַשלוס איז ניט געוואָרן אויסגעפירט). מ'זאָל דורכפירן אַ רעפערענדום אין די יוגנט־קלובן, צי איז נייטיק אַז אַ טייל פון דער צייטונג זאָל אויך געפירט ווערן אין ענגליש. אויפפאָדערן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אויסצוצאָלן רעגולער די יערלעכע סובסידיע פון 500 דאָלער. אַלס פאַרשטייער פון די יוגנט־קלובן אין יוגנט־קאָמיטעט זענען באַשטימט געוואָרן מאַקסאָן און י. פּאַרמאַן.

אויפן פּאַרטיי־ראָט וואָס איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, האָט מען אין דער קריטיק פון באַריכט געהאַט טענות פאַרוואָס מען פאַרנאַכלעסיקט די פּראָפּאַגאַנדע אין ענגליש צווישן דער יוגנט. ה. ערנרייך האָט דערקלערט, אַז די

פּועלי ציון־פאַראיינען באַציען זיך פאַרברעכעריש גלייכגילטיק צום יוגנט־קאָמי־טעט. צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן האָט אויפגעהערט דערשיינען דער „יוגנער אידישער קעמפער״. די יוגנטלעכע האָבן פון פעניס צונויפגעזאַמלט די סומע פון 300 דאָלער פאַר זייער באַליבטער צייטונג. ביז דער באַנייאונג פון דער צייט־שריפט האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ יוגנט־אָפּטיילונג אין „קעמפער״. כמעט אַלע קלובן האָבן ספּעציעלע קלאַסן פאַר אידישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע, אייניקע אויך פאַר העברעאיש און געזאַנג. די יוגנט־חברים האָבן אַקטיוו מיטגע־האָלפן אין די וואַל־אַקציעס צום אידישן קאָנגרעס, אין פאַרשידענע סטרייק־אַק־ציעס, ביים אויפהאַלטן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און ביי זאַמלונגען פאַר פאַר־שידענע ארץ ישראל־צוועקן, ביים פאַרקויפן שערס פון דער „צייט״ א. א.

אויף דער 11טער פּוע״צ־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1918), איז געוואָרן באַריכטעט, אַז עס עקזיסטירן 30 יוגנטלעכע קלובן מיט 1,200 מיט־גלידער. קוים 700 צאָלן רעגולער זייער שטייער. 50 חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. ס׳איז דערשינען אַ בראָשור „דער סאָציאַליזם״ פון נ. קאַנטאָראָוויטש און אַן ענגלישע בראָשור. עס זענען אויך טעטיק עטלעכע קינדער־קלובן. דער צענטראַל קאָמיטעט פון פּועלי ציון האָט קוים געגעבן אַ פינפטל פון דער צו־געזאָגטער יערלעכער סובסידיע. די אָנפירונג פון יוגנט־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון ב. אָסטראָווסקי, ב. בעלקין, ש. באַנטשעק, ל. מעלצער און פ. קרוזאַ. אויפן אָרט פון מעלצער וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע און קרוזאַ וואָס איז אַוועק אין דער אַרמיי, האָט מען צוגעצויגן נ. קאַנטאָראָוויטש. דער סעקרעטאַר ב. אָסט־ראָווסקי האָט באַקומען שכירות 7 דאָלער אַ וואָך, אָבער לעצטנס האָט ער געאַרבעט אינגאַנצן אָן געהאַלט.

דעם 27טן דעצעמבער, 1918, איז פאַרגעקומען די צווייטע יוגנט באַראַ־טונג. עס זענען געווען פאַרטראָטן 18 קלובן דורך 19 דעלעגאַטן (10 יוגנטלעכע, 9 עלטערע). יואל ענטין האָט געעפנט די באַראַטונג. י. קאָהען פון פּראָווידענס איז געווען דער פאָרזיצער און ח. עהרנרייך, דער סעקרעטאַר. ב. אָסטראָווסקי האָט אָפּגעגעבן דעם טעטיקייטס־באַריכט.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן קינדער־קלובן אין עלטער פון 13 ביז 16 און יוגנט פּועלי ציון־פאַראיינען אין עלטער פון 16 ביז 20; שאַפן אַ ספּעציעלע יוגנט ביבליאָטעק. דער יערלעכער בודזשעט זאָל באַטרעפן 3,000 דאָלער, פון וואָס די פּאַרטיי זאָל געבן 1,800 דאָלער. דער יוגנט־קאָמיטעט זאָל באַשטיין פון 5 עלטערע און 4 יוגנטלעכע. אויך די רעדאַקציע פון „יונגן קעמפער״ זאָל באַשטיין פון צוויי עלטערע און איין יוגנטלעכן; די פאַרוואַלטונג פון דער צייטשריפט — פון יונגע חברים. די ענגלישע אָפּטיילונג פון „יונגן אידישן קעמפער״ זאָל ניט פאַרנעמען מער פון אַ דריטל פון דער צייטונג. יאַנואַר איז אַ קאַמפּיין־חודש צו ווערבירן אַבאָנענטן.

עס זענען געוואָרן איבערגעשיקט באַגריסונגען צו די חברים אין לעגיאָן און צו די יוגנט־פאַרבאַנדן אין פאַרשידענע לענדער. ס׳איז געוואָרן אויסגעדריקט דער וואונטש, אַז בקרוב זאָל פאַרקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ פון די יוגנט־פאַר־באַנדן.

אויפן פּאַרטיי־ראַט אין אלבאַני (סעפּטעמבער, 1919) איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער יוגנט־קאָמיטעט זאָל באַשטיין פון 4 יוגנטלעכע און 3 עלטערע. דער

יוגנט־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פירן זיין קאָרעספּאָנדענץ אין אידיש און באַנוצן ענגליש נאָר אין אויסנאַם־פאַלן. ווירקן אויף די קלובן צו פירן די מיטינגען אין אידיש, אָבער צוליב דער גרויסער צאָל מיטגלידער, וואָס פאַרשטיין נאָך נישט זייער גוט די אידישע שפּראַך, זאָל פון צייט צו צייט אויך צעשיקט ווערן צו די קלובן אַ צירקולאַר אין ענגליש. אַרויסשיקן יום טוב־פּראָגראַמען און פּראָגראַמען פאַר קולטור־אַרבעט. ה. עהרנרייך זאָל ווערן דער מיט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג צו ב. י. ביאַלאָסטאָצקי׳ן.

די יוגנט־קלובן האָבן שוין פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער פּועלי ציון באַוועגונג און זיי זענען געווען ווירקזאַם און אַקטיוו אויף פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־געביטן. די אָנפירונג פון דער באַוועגונג האָט איינגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די פּועלי ציוניסטישע יוגנט־פאַרבאַנדן אין פאַרשידענע לענדער.

30.

# כראָנאָלאָגיע פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג

ווען דער באַוועגונג פאַר א אידישן קאָנגרעס שרייבט געגויער ח' ברוך צו־קערמאַן אין 1טן באַנד אויף די זייטן 46־62. איך וויל דאָ נאָר פאַרצייכענען כראָנאָלאָגיש די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג אין אַמערי־קע. דאָ וועט אויסקומען צו פאַרצייכענען געוויסע טעטיקייטן אין קאַמף פאַר אי־דישע רעכט אויך אין אַנדערע לענדער. איך פּרעטענדיר ניט צו געבן אין דעם קאַ־פּיטל אַן אויסשעפּנדיקע איבערזיכט פון אַלע געשעענישן אין דער קאָנגרעס־באַ־וועגונג, וואָס האָט געלאָזן אַזאַ טיפן רושם אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג. אָבער די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דעם אינטערעסאַנטן קאַפּיטל אין קאַמף פאַר אי־דישע רעכט ווי אויך געוויסע געשעענישן וואָס זענען פאַראויסגעלאָפן דער קאָנ־גרעס־באַוועגונג, וועלן דאָ ווערן פאַרצייכנט, אין אַ געפּרעסטער, קאָנדענסירטער פאָרם פון אָנגעגעבענע פאַקטן. אַזוי אַרום וועט דאָס קאַפּיטל זיין אַ דערגענצונג צום אַנטשפּרעכנדיקן קאַפּיטל אין דער אַרבעט פון ברוך צוקערמאַן.

## ערב 1914

צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע דעם 5טן פעברואַר, 1891, ווערט גע־רופן אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און די דערוואַרטונג, אַז קיין אַמעריקע וועט זיך אַ לאָז טאָן אַ גרויסער שטראָם פון אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. עס אַנטשטייט די „דזשואיש עליעַנס אָוו אַמעריקאַ", אַלס אַ פאַראייניקונג פון אָרגאַניזאַציעס מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן אַגריקולטור און אַנדערע מלאכות צווישן די נייע אימיגראַנטן. די אָרגאַניזאַציע פאַראייניקט זיך אין פעברואַר, 1892, מיט די „אַמעריקאַנישע קאָמיטע צו פאַר־בעסערן דעם צושטאַנד פון די רוסישע פּליכטלינגע".ביידע אָרגאַניזאַציעס זענען באַלד פאַרגעסן געוואָרן [271]).

אברהם שאָמער פאַרעפנטלעכט אין 1904 עטלעכע בראָשורן אין וועלכע ער אַנטוויקלט די אידעע פון רופן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס. סוף יאַנואַר, 1906, ווערט געמאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אידישן קאָמיטעט אויף אַ קאָנפערענץ אין בריסל, בעלגיע, אונטערן רושם פון די פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד. דער פּלאַן ווערט ניט דורכגעפירט. 3־4 פעברואַר, 1906, קומט פאָר אַ קאָנפערענץ אין ניו יאָרק, וואָס לייגט דעם יסוד פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע".

אין אַפּריל, 1908, קומט יעקב קלאַצקין קיין ניו יאָרק, אין שליחות פון „הילפס־פאַראיין דער דויטשן יודען" צו שטודירן די לעבנס־באַדינגונגען פון די

אידישע אימיגראַנטן. ער אַנטוויקלט אַן אַגיטאַציע צו שאַפן אַן אַלאידישע אַנ־שטאַלט, וואָס זאָל זיין אַ רעפּרעזענטאַנץ פון אידישן פאָלק כלפּי חוץ. דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ באַשליסט דאַן אויסצובויען זיין טעטיקייט אויף אַ פאָלקס־באַזע, וואָס זאָל באמת רעפּרעזענטירן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום און אָנהייבן פאַרהאַנדלען מיט די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע מיטן צוועק צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אידישן קאָמיטעט, וואָס זאָל איבערוואַכן אַלע געשעענישן אין דער אידישער וועלט. אין אַפּריל, 1908, דערקלערט סירקין אויף דער צווייטער ס. ט.־קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד, אַז מען דאַרף רופן אַ אידישן פּאַרלאַמענט צו אָרגאַניזירן דעם גלות.

אין יולי, 1909, פאַרעפנטלעכט נחמן סירקין אַן אַרטיקל אין ציוניסטישן „אידישן פאָלק״, וואו ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון שאַפן אַ וועלט־אָרגאַני־זאַציע פון אידישן פאָלק, אַ אידישן פּאַרלאַמענט; סוף 1911, דערשיינען אַרטיק־לען וועגן רופן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס פון א. שאָמער און נחמן סירקין [272]).

## 1914

אָנהייב 1914 קומט פאָר אין ניו יאָרק אַ באַראַטונג וועגן אָנגעמען מיטלען קעגן אַנטי־אידישן באָיקאָט אין פּוילן. ביי דער באַראַטונג האָבן אַ צאָל אָנוועזנדע, אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאַג צונויפצורופן אַ קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער אידן [273]); די אָפּטיילונג פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון אין מילאַן, איטאַליע, באַשליסט דעם 18טן אויגוסט, אויפן פאָרשלאַג פון בער באָראָכאָוו צו אַגיטירן פאַר דער צונויפרופונג פון אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע און פון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס: מיט דער הילף פון פּנחס רוטענבערג אַנטשטייט אין ציריך, שווייץ אַ קאָמיטעט „פּראָ קאוזא העבראַאיקאַ״, אונטער דער פירונג פון י. דרייפוס בראָדסקי, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון שווייצאַרישע קהילות. די בונדיסטן אין איטאַליע און שווייץ באַקעמפן דעם געדאַנק פון רופן אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס; דעם 30טן אויגוסט האָבן נ. סירקין און ב. צוקערמאַן פאָרגעלייגט אויף דער אויסערגעוויינלעכער ציוניסטישער קאָנפערענץ וואָס האָט געשאַפן דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט, אַז מ׳זאָל צונויפרופן אַ קאָנגרעס פון אַמעריקאַ־נער אידן. ראובן ברייני און בערנאַרד ריטשאַרדס האָבן אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג, וואָס איז ניט געוואָרן אָנגענומען: אין נאָוועמבער, איז לויט דער פּריוואַטער איניציאַטיוו פון דר. יוסף קרימסקי אַנטשטאַנען די „אידישע עמאַנציפּאַציע־ליגע״, מיטן צוועק צו פירן אַן אַגיטאַציע פאַרן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; די 8טע פּוע״צ־קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (24־30 דעצעמבער), באַשליסט צו רופן אַן אַלגעמיין־אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע צו „פאַרטיידיקן די פאָדערונגען פון דער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פון דעם אידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע און ארץ־ישראל״; אין ענגלאַנד איז אַנטשטאַ־נען די „ליגע פאַר אידישע רעכט״; סוף 1914 קומט פאָר אין ניו יאָרק אַ באַראַ־טונג פון אַרבעטער־טוער, גערופן פון ש. קאַפּלאַנסקי וועגן רופן אַ אידישע אַר־בעטער־קאָנפערענץ. די באַראַטונג האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון 5 (דר. ה. זשיטלאָווסקי, א. ליעסין, מאיר לאָנדאָן, דר. נ. סירקין, יוסף שלאָסבערג) אָנ־צוגיין מיט דער אָרגאַניזיר־אַרבעט.

1915

דעם 20טן יאַנואַר באַשליסט די „אמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ צו רופן אַ קאָנפערענץ וועגן אידישע רעכט. די קאָנפערענץ איז ניט גערופן געוואָרן; אין פעברואַר איז געעפנט געוואָרן אין קאָפּענהאַגן דאָס ביוראָ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אונטער דער לייטונג פון ע. וו. טשלענאָוו, לעאָ מאָצקין און נחום סאָקאָלאָוו. דאָס ביוראָ האָט געשאַנקען פיל אויפמערקזאַמקייט דער פּראָבלעם פון אידישע רעכט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע; דעם 4טן מערץ איז געשאַפן געוואָרן אין ניו יאָרק די ליגע פאַר אידישע רעכט; דעם 21 מערץ — געשאַפן אַ קאָנגרעס־קאָמיטעט מיט גדליה בובליק, פּאַרזיצער און דר. מאַקס גירדאַנסקי, סעקרעטאַר; 26 מערץ — ציוניסטישע קאָנווענשאַן אין באָסטאָן זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ קאָנגרעס; 18 אַפּריל — ערשטע אַרבעטער־קאָנפערענץ באַשליסט צו שאַפן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. פּוע״צ אַריין אין אויספיר־קאָמיטעט נאָך אַ קאַמף וועגן אנערקענען זיי אַלס גלייכבאַרעכטיקטער טייל פון קאָמיטעט. פּוע״צ נעמט גלייכצייטיק אויך אָן אַקטיוון אנטייל אין דער אַלגעמיינער קאָנגרעס־באַוועגונג.

דעם 29טן מאַי אינדאָרסירט די ניו יאָרקער קהילה דעם קאָנגרעס, אָבער זי פאַרבייט דאָס וואָרט „קאָנגרעס״ אויף „קאָנפערענץ״; יוני — פּנחס רוטענבערג געקומען קיין אַמעריקע; געשאַפן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַגיטאַציע־קאָמיטעט; אין יוני אַנטשטייט אַ קאָנגרעס־קאָמיטעט מיטן אנטייל פון 18 גרויסע אָרגאַניזאַציעס; 20 יוני — אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע באַשליסט צו רופן קאָנפערענצן פון אידישע אָרגאַניזאַציעס וועגן אידישע רעכט. די אָנהענגער פון קאָנגרעס טרעטן אַרויס קעגן דער קאָנפערענץ; 5טן אויגוסט — מאַסן־מיטינג אין קופּער יוניאָן פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַגיטאַציע קאָמיטעט (רעדנער: הורוויץ, זשיטלאָווסקי, סירקין, צוקערמאַן, רעגאַלסקי, רוטענבערג); 6 אויגוסט — דערשינען 1טער נומער פון וואָכנבלאַט „דער אידישער קאָנגרעס״, אָרגאַן פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַגיטאַציע־קאָמיטעט; געמיינזאַמע דערקלערונג פון פּוע״צ, אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג א. א. אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קעגן רדיפות אויף אידן אין רוסלאַנד; מאַסן־מיטינג פון פּוע״צ פאַר אידישע רעכט אין פּוילן.

19 אויגוסט — גרויסע דעמאָנסטראַציע־פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן, גערופן פון קאָנגרעס־קאָמיטעט מיט צוואַנציק טויזנט אנוועזנדע אין און אַרום דעם זאַל; 20 אויגוסט — קאָנפערענץ פון דעלעגאַטן פון אויסער ניו יאָרק באַשליסט צו אָרגאַניזירן קאָנגרעס־קאָמיטעטן איבערן גאַנצן לאַנד; אויף דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט פאַרלאָזן די פּועלי ציון צייטווייליק דעם קאָנגרעס־קאָמיטעט.

6־5 סעפּטעמבער — 350,000 אידישע אַרבעטער פאַרטראָטן אויף נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאַן אין ניו יאָרק. אָנגענומען רעזאָלוציע פאַר אַ קאָנגרעס אויף דעמאָקראַטישע יסודות, צום קאַמף פאַר בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלע מלחמה־לענדער, פאַר פרייהייט פון אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, פאַר רעגולירן די אידישע וואַנדערונג. געוויילט אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט; סעפּטעמבער — נאַציאָ־

נאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פאַרהאַנדלט מיטן אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע וועגן אנטיילנעמען אין דער קאָנפערענץ פון אָרגאַניזאַציעס. שאַרפער ווערערשטאַנד פון פּועלי ציון און גאַנצן נאַציאָנאַלן פליגל; 3 אָקטאָבער — קאָנפערענץ פון פּרע־זידענטן פון 22 אָרגאַניזאַציעס, גערופן דורך „בני ברית", קומט ניט צו קיין באַשלוס וועגן קאָנגרעס; 14 נאָוועמבער — אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע באַ־שליסט צו רופן אַ „קאָנפערענץ" פאַר אידישע רעכט, וואָס זאָל נעמען שריט צו רופן אַ קאָנגרעס ווען דער קריג וועט זיין פאַריבער.

12 סעפּטעמבער — אידישע אַרבעטער־קאָנפערענצן אין ענגלאַנד שטיצן פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו יאָרק; וואַרעמע סימפּאַ־טיע־דערקלערונגען פון דענעמאַרק, שווייץ, שוועדן און אַנדערע לענדער; הכנות צו א אידישן קאָנגרעס אין קאַנאַדע; געשאַפן סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט פאַר גלייכע רעכט פאַר אידן; נאָוועמבער — פּוע"צ פאַרבאַנדס־ביוראָ אין האַאַג גיט איבער מעמאָראַנדום דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט די שלום־פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

## 1916

23 יאַנואַר — קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ פון דער מיטלוועסט פאָדערט צענויפ־רופן דעם קאָנגרעס; 9 פעברואַר — מיטינג אין קאָפּענהאַגן שטיצט קאָנגרעס־באַוועגונג; 16 פעברואַר — נאַציאָנאַלע עלעמענטן געפירט פון פּוע"צ פאַרלאָזן נאַצ. אַרב.־קאָמיטעט, וואָס ווערט באַשולדיקט, אַז ער האָט געשלאָסן יד אחת מיט דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, אָפּצושלעפּן דאָס רופן פון דעם קאָנגרעס ביז נאָך דער מלחמה; געשאַפן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קאָמיטעט; 27 פעברואַר, קאָנגרעס־קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט רוף צו שיקן דעלע־גאַטן צו דער פאַר־קאָנפערענץ פאַר אַ קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע סוף מערץ; 26־27 מערץ — פאַר־קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע, וואָס רעפּרעזענטירט אַ מיליאָן אידן באַשליסט צו רופן קאָנגרעס ניט שפּעטער, ווי דעם 31טן דעצעמבער, 1916; געוויילט עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס. די שטרייט־פראַגן: צי זאָל דער קאָנגרעס זיין אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע און די פּראָגראַם פאַר ארץ ישראל — זאָל אָנטשיידן דער קאָנגרעס.

אין מיטן אַפּריל — קאָנפערענץ אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד), גערופן פון „אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַר אידישע רעכט", באַשליסט רופן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס אין ענגלאַנד און אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס. בונדיסטישע מינדערהייט ניט אָנטיילגענומען דעמאָנסטראַטיוו אין די וואַלן פון באַאַמטע; 15 מאַי — קאָנ־פערענץ אין ניו יאָרק אונטערן פאָרזיץ פון ד. בן גוריון, באַשליסט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר ניו יאָרק; יוני — פּועלי ציון באַשלאָסן ניט אנטיילנעמען אין קאָנווענשאָן פון דער ניו יאָרקער קהילה, וואָס איז אַ געוועקציייג אין די הענט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע און איז קעגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

16 יולי — די באַראַטונג אין האָטעל „אַסטאָר" פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט איז מסכים צו רופן דעם קאָנגרעס ביז סוף יאָר און שטעלט זיך ניט קעגן זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער,

שאַפט „קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס“, פאָדערט פאַר אידן „גרופּן־רעכט“ אנשטאט נאַציאָנאַלע רעכט; 31 יולי — סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין האַאג נעמט אָן שלום־פּראָגראַם פון פּועלי ציון וועלט־פאַרבאַנד; 18 אויגוסט — רוף פון פּועלי ציון־צענטראַל קאָמיטעט קעגן געפּלאַנטן שלום־אָפּמאַך צווישן קאָנגרעס־קאָמיטעט און דער „קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס“. טרעט אַרויס קעגן לאָזונג פון „גרופּן־רעכט“ און קעגן איגנאָרירן פאָדערונג פון פרייער אייַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און די פּונקטן וועגן קאָנסטרוקטיווער הילפס־אַרבעט און רעגולירן אידישע וואַנדערונג, וואָס זענען באַשלאָסן געוואָרן דורך דער פאַר־קאָנפערענץ פון קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע.

סעפּטעמבער — געשאַפן פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פּועלי ציון און „מזרחי“ פאַר דער קאָנגרעס־באַוועגונג; געשאַפן אידישע קאָנגרעס־ליגע, פּרעזידענט — יצחק אייזיק הורוויץ, סעקרעטאַר — ד. בן־גוריון, קאַסיר — דר. ס. עלסבערג; 2 אָקטאָבער — דערגרייכט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן קאָנגרעס־קאָמיטעט און דער „קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס“; 25 דעצעמבער — געשאַפן די נייע עקזעקוטיווע, וואָס זאָל רופן דעם קאָנגרעס. זי באַשטייט צו 70 פאָרשטייער פון יעדן צד. נאַטאַן שטרויס — פאָרזיצער.

## 1917

11־12 פעברואַר — קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט אָן דעם אָנטייל פון די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע גרופּירונגען, באַשליסט מיט אַ קליינער מערהייט צו שאַפן אַ פּערמאַנענטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. נעמט אויך אָן באַשלוסן קעגן אַ פּערמאַנענטן אידישן קאָנגרעס, קעגן דעם, אַז קאָנגרעס זאָל אויפנעמען פראַגע פון אימיגראַציע, קעגן אָפּמאַך מיט אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרבעט פאַרן קאָנגרעס, קעגן געדאַנק פון נאַציאָנאַלער הלוואה. אין אויפרוף צו די דעלעגאַטן, האָט דער „אידישער קעמפער“ אָנגעוויזן, אַז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט האָט פאַרוואָרפן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין די לענדער פון אייראָפּע און ניט אויסגעטיילט אין איר שלום־פּראָגראַם אַלס אַ באַזונדערן פּונקט דעם קאַמף פאַר די אידישע רעכט אין ארץ ישראל [274]).

24־25 מערץ — נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן פאַרטרעט אַרום 150,000 אַרבעטער, באַשליסט קאָנגרעס זאָל זיין נישט שפּעטער, ווי 15 יוני, 1917, זאָגט זיך אַרויס פאַר אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס וואָס זאָל זיך צענויפקומען נאָך פאַר דער שלום־קאָנפערענץ, פאַר נאַציאָנאַלע רעכט, פרייהייט פון אידישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל; מאַי — דריטע קאָנווענשאָן פון ניו יאָרקער קהילה נעמט אָן, אונטער דער ווירקונג פון לואי מאַרשאַלס אַ וואַרעמער רעדע, אַ רעזאָלוציע פאַר אַ פריי און עפנטלעך־אנערקענט היימלאַנד אין ארץ ישראל.

12 מאַי — נאָמינאַציע־קאָנווענשאָנס איבערן גאַנצן לאַנד באַשטימען זייערע דעלעגאַטן צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; 1 יוני — נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט באַשליסט אין דער לעצטער מינוט, ניט צו גיין צום קאָנגרעס. מאָטיוו:

דער וואַל־סיסטעם איז ניט געווען דעמאָקראַטיש, רוסישע רעוואָלוציע האָט געעפנט נייע מעגלעכקייטן פאַר אידן, קאָנגרעס וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר אַ אי־דישער היים אין ארץ ישראל; שאַרפע דערקלערונג פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קאָמיטעט; מיט דערקלערונגען קעגן קאָנגרעס טרעטן אויך אַרויס די יוניאָן פון אידישע קאָנגרעגאַציעס (ווען אַמעריקע איז אין קריג, טאָר מען ניט אויפהייבן באַזונדערע ראַסן־פראַגן) און דר. סיירוס אַדלער; פּאַראייניקטע אי־דישע געווערקשאַפטן פּראָטעסטירן קעגן באַשלוס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט; אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג באַשליסט צו באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס.

10 יוני — אין די וואַלן צום קאָנגרעס האָבן געשטימט 333,000 אידן. נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בלאָק פירט דורך 60 פון 400 דעלעגאַטן; יולי — אונטערן דרוק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווערט קאָנגרעס אָפּגעלייגט אויפן 18טן נאָוועמבער. דער „קעמפער" באַשולדיקט די ציוניסטן, אַז זיי האָבן מורא, אַז דער קאָנגרעס וועט איבערנעמען די פירונג פון די ארץ ישראל־ענינים פון די הענט פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט[275]; 6 אויגוסט — מעמאָראַנדום פון פּוע״צ וועלט־פאַרבאַנד צום האָלענדיש־סקאַנדי־נאַווישן קאָמיטעט; 10 אָקטאָבער — סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם, פאָדערט אין איר שלום־מאַניפעסט פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר אידן אין רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניע און פּוילן, אינטערנאַציאָנאַלע לעזונג פון דער אידן־פראַגע, באַשיצן די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל; 14 אָקטאָבער — קאָנגרעס־קאָמיטעט באַשליסט אָפּצולייגן קאָנגרעס ביז נאָך דעם קריג; סוף נאָוועמבער — קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערייַשאָן אָוו לייבאָר אין באַ־פאַלאָ אַנערקענט די אידישע רעכט אויף ארץ ישראל.

## 1918

7 נאָוועמבער — קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, באַשליסט מיט אַ מערהייט שטימען זיך צו באַטייליקן אין אידישן קאָנגרעס. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פאַרלאַנגט 100 דעלעגאַטן און באַ־קומען 20. דער אַרבעטער רינג האָט באַשלאָסן זיך ניט צו באַטייליקן אין דער דעלעגאַציע, די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע — יאָ.

פון 15טן ביזן 19טן דעצעמבער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־הויז אין פילאַדעלפיע. נאַטאַן שטרויס האָט געהאַלטן די דערעפענונגס־רעדע. דער דיכטער יהואש — דער קאַנדידאַט אַלס פאָרזיצער פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן בלאָק האָט באַ־קומען 61 שטימען. ריכטער יוליאַן מעק — 234 שטימען און איז געוואָרן דער־ווײַלט אַלס פאָרזיצער. דער קאָנגרעס האָט נאָך אַ שווערן קאַמף, אָנגענומען איינשטימיק די רעזאָלוציע, אַז אידער מען גיט אַ לאַנד אויטאָנאָמיע, אומאָפּ־הענגיקייט אָדער פרייהייט, מוז עס זיכערן די גלייכע, ציווילע, פּאָליטישע, רע־ליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע. אויך די ארץ־ישראל־רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. מ׳האָט אויך

באַשלאָסן, צו שיקן אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע קיין פּוילן, אויסצופאָרשן די האַנדלונג פון דער פּוילישער רעגירונג צו אידן.

אין דער נײַן־קעפּיקער דעלעגאַציע צו דער ווערסײַלער שלום־קאָנפערענץ זענען אַרײַן: יוסף באַראָנדעס, דזשעיקאָב דע האַאַז, סטעפאַן וויז, מאָריס ווינט־שעווסקי, ראַביי ב. ל. ליליענטאַל, לואי מאַרשאַל, דזשוליאַן וו. מעק, נחמן סירקין, הערי קאטלער און בערנאַרד ג. ריטשאַרדס אַלס סעקרעטאַר. דער פאָרשלאַג פון די פּועלי ציון פאַר אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס איז געוואָרן דערקלערט אויסער אָרדנונג. דער קאָנגרעס זאָל זיך צענויפקומען נאָכאַמאָל ביים אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער שלום־קאָנפערענץ. דעם 10טן מאַי 1920, איז פאָרגעקומען די באַריכטס־פאַרזאַמלונג פון קאָנגרעס.

# מקורות צו דער אַרבעט פון ל. שפּיזמאַן

1 ) די צוקונפט, אויגוסט, 1916
2 ) געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו יאָרק, 1945, צווייטער באַנד, ז. 413
3 ) אַרבעטער, 25 דעצעמבער, 1897
4 ) צוקונפט, יולי, 1912
5 ) קלמן מרמר: דער אָנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע, ניו־יאָרק, 1944, ז. 47
6 ) דער נייער גייסט, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1897, יאַנואַר, 1898
7 ) צוקונפט, יאַנואַר, 1935
8 ) אברהם ליעסין: זכרונות און בילדער, ניו יאָרק, 1954, ז. 172
9 ) די וועלט (דייטש), 5 יולי, 1901
10 ) די וועלט, 20 יוני, 1902
11 ) פאָרווערטס, 4 יאַנואַר, 1902
12 ) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, 1910־1946, ניו יאָרק, 1946, ז. 165
13 ) פאָרווערטס, 14 פעברואַר, 1903
14 ) פאָרווערטס, 16 פעברואַר, 1901
15 ) פאָרווערטס, 9 פעברואַר, 1901
16 ) אידישעס טאגעבלאַט, 7 פעברואַר, 1901
17 ) פאָרווערטס, 6 יולי, 1903
18 ) מאָרגן זשורנאַל, 6 יולי, 1952
19 ) ציטירט פון מ. אַשעראַוויטש אין „פאָרווערטס", 10 אויגוסט, 1947
20 ) דער אידישער ארבעטער, ניו יאָרק, 10 אָקטאָבער, 1930
21 ) יובילײ־בוך צו דער פייערונג פון צוואנציק יאָר פועלי ציוניזם אין אַמעריקע; פילאַדעלפיע, 1925
22 ) אידישער קעמפער, ז. 12, 13 אָקטאָבער, 1939
23 ) אידישער אַרבעטער, ניו יאָרק, 26 מערץ, 1926
24 ) פאָרווערטס, 3 יוני, 1905
25 ) פאָרווערטס, 26 יוני, 1903
26 ) פאָרווערטס, 19 סעפּטעמבער, 1903
27 ) מ בראון אין פועלי ציון יובילײ־בוך, פילאַדעלפיע, 1925
28 ) משה פרײליכאָוו: געקליבענע שריפטן, 1938, ז. 87
29 ) יוסף קאהאן: די אידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, פילאַדעלפיע, 1945, ז. 146
30 ) אידישער קעמפער, 26 אָקטאָבער, 1906
31 ) אידישער קעמפער, 26 אָקטאָבער, 1906
32 ) 25 יאָריקער יובילעאום פון פוע"צ אין דעטראָיט, 1905—1930
33 ) די אידישע פרייהייט, לאָנדאָן, זומער, 1905
34 ) די אידישע פרייהייט, זומער, 1905
35 ) אידישער קעמפער, 29 דעצעמבער, 1916
36 ) פאָרווערטס, 1 סעפּטעמבער, 1905
37 ) דער איד, ניו יאָרק, 8 סעפּטעמבער, 1905
38 ) אידישער אַרבעטער־יאָרבוך און אַלמאַנאַך, 1928, ז. 261
39 ) פאָרווערטס, 11 סעפּטעמבער, 1905

40 ) צבי יוסף כהן: פּופציק יאָר פּועלי ציוניזם אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1953, ז. 21
41 ) אידישער קעמפער, 20 אַפּריל, 1906
42 ) געדאַנק און לעבן, אָקטאָבער־דעצעמבער, 1945, ז. 137
43 ) פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן „פּועלי ציון" פון אַמעריקע, ניו יאָרק, 1905
44 ) פאָרווערטס, 29 דעצעמבער, 1905
45 ) ה. עהרנרייך אין אידישן אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1927, ז. 52
46 ) אידישער קעמפער, 25 מאַי, 1906
47 ) יובילײ־בוך, פילאַדעלפיע, 1925, ז. 51
48 ) אידיש פאָלק, ווילנע, 20 יולי, 1906
49 ) אידישער קעמפער, 12 אָקטאָבער, 1906
50 ) אידישער קעמפער, 27 אַפּריל, 1906
51 ) אידישער אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1928, ז. 226
52 ) הפּועל הצעיר, תל אביב, 14 אַפּריל, 1953
53 ) אידישער אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1928, ז. 226
54 ) ש דימענטשטיין: רויטע בלעטער, מאָסקווע, 1929
55 ) אידישער ארבעטער יאָר־בוך און אלמאַנאַך, 1928, ז. 232
56 ) ספר הגבורה, חלק שלישי, תל אביב, תש״י, ז. 166
57 ) פאָרווערטס, 23 דעצעמבער, 1905
58 ) ספר הגבורה, חלק שלישי, ז. 166
59 ) פ. וויערניק: געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע, זז. 370—374
60 ) המליץ, 8 יוני, 1903
61 ) פאָרווערטס, 23 נאָוועמבער, 1905
62 ) די וואַרהייט, 25 נאָוועמבער, 1905
63 ) פאָרווערטס, 6 דעצעמבער, 1905
64 ) פאָרווערטס, 8 דעצעמבער, 1905
65 ) פאָרווערטס, 8 אויגוסט, 1905
66 ) י. קאפּעלאָוו: אמאָל און שפּעטער, ניו יאָרק, 1932, ז. 97
67 ) ווארהייט, 16 יולי, 1906.
68 ) געדאַנק און לעבן, אָקטאָבער, 1945, ז. 147
69 ) ווארהייט, 19 יולי, 1906
70 ) אידישער קעמפער, 8 יוני, 1906
71 ) י. אַפּלבוים אין „אידישן קעמפער", 18 יאַנואַר, 1954
72 ) אידישער קעמפער, 26 אָקטאָבער, 1906
73 ) אידישער קעמפער, 25 יאַנואַר, 1907
74 ) אידישער קעמפער, 4 יאַנואַר, 1907
75 ) אידישער קעמפער, 15 מערץ, 1907
76 ) אידישער אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1927, ז. 58
77 ) אידישער קעמפער, 27 דעצעמבער, 1907
78 ) אידישער קעמפער, 26 אָקטאָבער, 1906
79 ) אידישער קעמפער, 19 אָקטאָבער, 1906
80 ) אידישער קעמפער, 19 אָקטאָבער, 1906
81 ) אידישער קעמפער, 21 סעפּטעמבער, 1906
82 ) באַריכט פון דער ס. ט. קאָנווענשאָן, 18־21 אָקטאָבער, 1906, אין באָסטאָן
83 ) אידישע צוקונפט, אויגוסט, 1908
84 ) דאָס אידישע פאָלק, ניו יאָרק, 16 אַפּריל, 1909
85 ) אונזער לעבן, ווארשע, 9 יולי, 1909
86 ) קענעדער אָדלער, 6 סעפּטעמבער, 1908
87 ) אידישער קעמפער, 19 אָקטאָבער, 1906
88 ) דאָס נייע לעבן, אַפּריל, 1909

89) דאָס אידישע פאָלק, 11 יוני, 1909
90) דאָס נייע לעבן, 8 יולי, 1909
91) דאָס נייע לעבן, מערץ־אַפּריל, 1910 (געשריבן אין נאָוועמבער, 1909)
92) ווארהייט, 5 אָקטאָבער, 1909
93) פאָרווערטס, 9 אָקטאָבער, 1909
94) דאָס אידישע פאָלק, 15 אָקטאָבער, 1909
95) אידישער קעמפער, 29 אַפּריל, 1910
96) אידישער קעמפער, נומ. 31—35, פון 1910
97) אידישער קעמפער, 18 נאָוועמבער, 1910
98) אידישער קעמפער, 23 נאָוועמבער, 1906
99) אידישער קעמפער, 7 דעצעמבער, 1906
100) אידישער קעמפער, 14 אָקטאָבער, 1910
101) אידישער קעמפער, 11 נאָוועמבער, 1910
102) אידישער קעמפער, 3 מערץ, 1911
103) אידישער קעמפער, 24 פעברואַר, 1911
104) אידישער קעמפער, 3 מערץ, 1911
105) דאָס נייע לאַנד, 29 דעצעמבער, 1911
106) י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער רינג אין אידישן לעבן, 1950, ז. 127
107) אידישער קעמפער, 24 פעברואַר, 1911
108) אידישער קעמפער, 3 מערץ, 1911
109) אידישער קעמפער, 21 אַפּריל, 1911
110) אידישער אַרבעטער, לעמבערג, 28 יולי, 1911
111) פאָרווערטס, 27 אויגוסט, 1904
112) פאָרווערטס, 16 אָקטאָבער, 1904
113) ניט־פאַרעפנטלעכטע יכרונות פון מ. בירשטיין פון באָסטאָן
114) אידישער אַרבעטער, 3 יאַנואַר, 1930
115) אידישער קעמפער, 12 יולי, 1907
116) אידישער קעמפער, 11 מאַי, 1906
117) אידישער קעמפער, 5 אָקטאָבער, 1906
118) אידישער קעמפער, 9 נאָוועמבער, 1906
119) אידישער אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1927, ז. 55
120) אידישער קעמפער, 14 אָקטאָבער, 1910
121) אידישער קעמפער, 17 אויגוסט, 1906
122) אידישער קעמפער, 13 סעפּטעמבער, 1907
123) דער צייט־גייסט, 17 יאַנואַר, 1908
124) דער צייט־גייסט, 25 יאַנואַר און 1 פעברואַר, 1907
125) קלמן מרמר: מאָריס ווינטשעווסקי, ניו יאָרק, 1928, ז. 293
126) אידישער קעמפער, 20 מאַי, 1910
127) אידישער קעמפער, 9 סעפּטעמבער, 1910
128) יובל־נומער „אידישער קעמפער“, 20 דעצעמבער, 1935, ז. 142
129) אידישער קעמפער, 28 אַפּריל, 1911
130) אידישער קעמפער, 2 נאָוועמבער, 1906
131) אידישער קעמפער, 17 מאַי, 1907
132) אידישער קעמפער, 26 אַפּריל, 1907
133) דאָס אידישע פאָלק, ניו יאָרק, יובילעאום־אויסגאַבע, 1913
134) אידישער קעמפער, 7 אָקטאָבער, 1910
135) דאָס אידישע פאָלק, 11 יוני, 1909
136) אידישער קעמפער, 23 דעצעמבער, 1910
137) ב. קאַצענעלסאָן: שריפטן און רעדעס, ניו יאָרק, 1945, זז. 406—416
138) חיים שורר: בעליה השניה, תל אביב, 1952, ז. 152

139) אידישער קעמפּער, 29 נאָוועמבער, 1907
140) מלך גײשטאַט: 15 יאָר פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאָנד, תל אביב, תרפ״ח, ז. 122
141) זרובבל: אין אָנהויב, תל אביב, 1928, ז. 162
142) זרובבל: אין אָנהויב, ז. 115
143) פאָרווערטס, 23 אַפּריל, 1904
144) פאָרווערטס, 24 דעצעמבער, 1904
145) פאָרווערטס, 10 יולי, 1905
146) דער איד, ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1905
147) דאָס אידישע פאָלק, ווילנע, 20 יולי, 1906
148) אידישער קעמפּער, 15 יוני, 1906
149) אידישער קעמפּער, 6 יולי, 1906
150) אידישער קעמפּער, 11 יאַנואַר, 1907
151) אידישער קעמפּער, 12 אַפּריל, 1907
152) אידישער קעמפּער, 17 יאַנואַר, 1908
153) י. אַפּלבוים: אין באַגינען, תל אביב, 1948, ז. 156
154) דאָס אידישע פאָלק, ניו יאָרק, 8 יולי, 1910
155) אידישער קעמפּער, 18 מאַי, 1906
156) אידישער קעמפּער, 31 מאַי, 1907
157) אידישער קעמפּער, נומ. 31—35 פון 1910
158) אידישער אַרבעטער, לעמבערג, 28 יולי, 1911
159) י. בן־צבי: פועלי ציון בעליה השניה, תל אביב, 1950, ז. 104
160) דאָס אידישע פאָלק, ניו יאָרק, 21 מאַי, 1909
161) דאָס אידישע פאָלק, 30 יולי, 1909
162) משה שמואלי: פרקים בתולדות הציונות ותנועת העבודה, תל אביב, תש״ט, חלק שני, ז. 262
163) דאָס אידישע פאָלק, 30 אַפּריל, 1909
164) כל מקום. פנקס כיס להכרת הארץ. הוצאת צבא הגנה לישראל, 1953
165) פאָרווערטס, 5 אויגוסט, 1905
166) אידישער קעמפּער, 6 יולי, 1906
167) ש. גאָלדשטיין אין „אידישער קעמפּער״, 29 מערץ,1940
168) צייט־גייסט, 27 סעפּטעמבער, 1907
169) דאָס פאָלק, 15 מערץ, 1908
170) י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער רינג אין אידישן לעבן, ניו יאָרק, 1950, ז. 90
171) אידישער קעמפּער, 1 יולי, 1910
172) ש. באָנטשעק אין „אידישער קעמפּער״, 3 פעברואַר, 1933
173) אידישער קעמפּער, 3 יוני, 1910
174) די קעמפּער־שטימע, 10 נאָוועמבער, 1913
175) קענעדער אָדלער, 22 אָקטאָבער, 1911
176) קענעדער אָדלער, 6 נאָוועמבער, 1911
177) זרובבל: אין אָנהויב, ז. 220—221
178) קלמן מרמר: מאָריס ווינטשעווסקי, ניו יאָרק, 1928, ז. 293
179) ש. נאומאָוו אין יובל־נומער „אידישער קעמפּער״, 20 דעצעמבער, 1935, ז. 144
180) קעמפּער שטימע, 10 נאָוועמבער, 1913
181) אידישער קעמפּער, 4 יאַנואַר, 1907
182) דאָס נייע לעבן, מאַי, 1909
183) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד 1910—1946, ניו יאָרק, 1946, ז. 172
184) אידישער קעמפּער, 19 אויגוסט, 1910
185) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, 1910—1946, ז. 178
186) די וואַרהייט, 15 פעברואַר, 1912
187) די וואַרהייט, 11 יוני, 1912

188) 25 יעריקער יובילעאום פון פּוע״צ־פאַראיין פון דעטראָיט, 1905—1930
189) דער נייער דור, שיקאַגאָ, 1913
190) שול־פּנקס, שיקאַגאָ, 1946, ז. 588—590
191) האחדות, כ״ד אלול, תרע״ג
192) פּוע״צ־בולעטין, נומ. 20, 1914
193) אידישער קעמפער, 22 סעפּטעמבער, 1916
194) קעמפער־שטימע, אויגוסט, 1915
195) אידישער קעמפער, 24 נאָוועמבער, 1916
196) ב. באָראָכאָוו אין „אידישן קעמפער״, 8 אָקטאָבער, 1915
197) דאָס אידישע פאָלק, ניו יאָרק, 11 אָקטאָבער, 1916
198) מ. בראון אין „פאַרבאַנד־שטימע״, ניו יאָרק, יוני, 1943
199) מ. שמואלי: פּרקים בתולדות הציונות ותנועת העבודה, תל אביב, תש״ט, חלק שני, ז. 383
200) דר. נ. מ. גלבר: הצהרת בלפור ותולדותיה, ירושלים, תרצ״ט, ז. 126
201) דאָרט, זייט 127
202) דאָרט, זייט 118
203) באַריכט צו דער 11טער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן, דעצעמבער, 1918, ז. 10
204) אידישער קעמפער, 21 דעצעמבער, 1917
205) דאָס נייע לאַנד, 15 דעצעמבער, 1911
206) אידישער קעמפער, 21 דעצעמבער, 1917
207) אידישער קעמפער, 7 דעצעמבער, 1917
208) י. ש. הערץ: די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1954, ז. 170
209) באַריכט צו דער 11טער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן, דעצעמבער, 1918, ז. 11
210) אידישער קעמפער, 26 אַפּריל, 1918
211) אידישער קעמפער,24 מאַי, 1918
212) אידישער קעמפער, 12 אַפּריל, 1918
213) אונזער וואָרט, יוני, 1917
214) אידישער קעמפער, 2 פעברואַר, 1917
215) אונזער וואָרט, יאַנואַר, 1918
216) אידישער קעמפער, 1 פעברואַר, 1918
217) אידישער קעמפער, 15 פעברואַר, 1918
218) אידישער קעמפער, 9 פעברואַר, 1917
219) אידישער קעמפער, 23 פעברואַר, 1917
220) י. בן צבי אין „דבר״, 6 יאַנואַר, 1945
221) זרובבל: דער אָנהויב, ז. 237
222) דער אידישער אַרבעטער, לעמבערג, 18 אויגוסט, 1911
223) מ. ניישטאַט: 15 יאָר פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, ז. 14
224) האחדות, כ״ט אלול, תרע״ג
225) ש. באַנטשעק אין יובל־נומער „אידישער אַרבעטער״, 10 אָקטאָבער, 1930
226) אברהם יערי, זכרונות ארץ ישראל, חלק שני, ירושלים, תש״ז.
227) פּרקי הפּועל הצעיר
228) מ. סמילנסקי: פּרקים בתולדות הישוב, חלק ד׳, תל אביב, 1945
229) מ. ניישטאט: 15 יאָר פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד
230) די קעמפער־שטימע, 27 סעפּטעמבער, 1915
231) אידישער קעמפער, 6 יולי, 1917
232) אידישער קעמפער, 29 יוני, 1917
233) האחדות, כ״ט אלול תרע״ג
234) קעמפער־שטימע, 11 אָקטאָבער, 1913
235) קעמפער־שטימע, נאָוועמבער, 1915

236) קעמפער־שטימע, דעצעמבער, 1915
237) באַריכט צו דער עלפטער פועלי ציון־קאָנווענשאָן, 1918
238) יצחק בן צבי: געקליבענע שריפטן, ניו יאָרק, 1937, ז. 186
239) אידישער קעמפער, 28 דעצעמבער, 1917
240) אידישער קעמפער, 21 דעצעמבער, 1917
241) אידישער קעמפער, 22 אַפּריל, 1910
242) די קעמפער־שטימע, נאָוועמבער, 1913
243) מ. נייישטאַט: 15 יאָר פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד
244) יצחק בן צבי: געקליבענע שריפטן, ז. 178
245) עבר הדני: עם במלחמתו, תל אביב, תש״ח
246) יעקב ציגעמאַן: די געשיכטע פון ציוניזם, פּאַריז, 1949
247) אידישער קעמפער, 5 יאַנואַר, 1917
248) אידישער קעמפער, 10 מאַי, 1918
249) באַריכט צו דער עלפטער פועלי ציון קאָנווענשאָן, 1918, ז. 15
250) דער אידישער סאָציאַליסט, 30 יאַנואַר, 1914
251) קעמפער שטימע, נאָוועמבער, 1913
252) אידישער קעמפער, 27 אַפּריל, 1917
253 ה. בורגין: געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו יאָרק, 1914, ז. 718
254) דר. ה. פראַנק: אידישע קאָאָפּעראַציע אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. אידן א׳, פּאַריז, 1939
255) י. ש. הערץ: די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אמעריקע, ז. 161
256) אידישער קעמפער, 16 פעברואַר, 1917
257) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, 1910—1946, ז. 370
258) דער אידישער סאָציאַליסט, 15 יוני, 1914
259) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד 1910־1946 ז. 36
260) אידישער קעמפער, 1 סעפּטעמבער, 1916
261) אידישער קעמפער, 7 דעצעמבער, 1917
262) דאָס נייע לעבן, מאַי, 1914
263) דער נייער דור, יאַנואַר, 1916
264) די קעמפער־שטימע, מערץ, 1915
265) דער נייער דור, יאַנואַר, 1916
266) ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, ניו יאָרק, 1940, זז. 67, 202
267) אידישער קעמפער, 20 דעצעמבער, 1935
268) וואַרהייט, 26 יולי, 1918
269) צענטע יערלעכע קאָנווענשאָן, באָסטאָן, 1916
270) ספר דרור, עין חרוד, תש״ז
271) דער אידישער קאָנגרעס, 8 אָקטאָבער, 1915
272) דאָס נייע לאַנד, 8, 22, 29 דעצעמבער, 1911
273) א. גלאַנץ אין „דאָס נייע לעבן״, מערץ, 1914
274) אידישער קעמפער, 9 פעברואַר, 1917
275) אידישער קעמפער, 27 יולי, 1917

# ביבליאָגראַפיע צו דער אַרבעט פון ל. שפּיזמאַן


א פערטל יאָרהונדערט הסתדרות, ניו יאָרק, 1946

אונזער געדאַנק, בערלין, 1920

אידישער אַרבעטער יאָרבוך און אַלמאַנאַך, ניו יאָרק, 1927, 1928

דער אידישער אַרבעטער, מאָסקווע, 1925

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד 1910־1946, ניו יאָרק, 1946

אין באַגינען, תל אביב, 1948

אסופות, קבצים לתולדות תנועת העבודה בישראל, תל אביב, 1954

אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן, באַנד ג׳, ניו יאָרק, 1942

דר. פראַנץ אָפּענהיימער: מיין שטודיענרייזע אין פּאַלעסטינע, ניו יאָרק, 1908

באַריכטן צו פועי״צ־קאָנווענשאַנס

ב. באָראָכאָוו: געקליבענע שריפטן, ניו יאָרק, 1928

ה. בורגין: די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק, 1914

י. בן צבי: דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, ניו יאָרק, 1916

י. בן צבי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1937

י. בן צבי: פועלי ציון בעליה השניה, תל אביב, 1950

ד. בן גוריון און י. בן צבי: ארץ ישראל, ניו יאָרק, 1918

דר. נ. מ. גלבר: הצהרת בלפור ותולדותיה, ירושלים, 1939

געדאַנק און לעבן, זמ״ב, ניו יאָרק, 1943־1945

יצחק גרינבוים: התנועה הציונית, ירושלים, 1949

משה דויים: דרכי היהדות באמריקה, תל אביב, 1954

ש. דיאמענטשטיין: רויטע בלעטער, מאָסקווע, 1929

יודזשין וויקטאָר דעבס: אויסדערוויילטע שריפטן, ניו יאָרק, 1926

חיים א. הורוויץ: דוד בן גוריון, ניו יאָרק, 1952

י. ש. הערץ: די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1954

י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער רינג, ניו יאָרק, 1950

המאבק בזירה הפרולטרית הבינלאומית, תל אביב, 1954

די הסתדרות, זמ״ב, תל אביב, 1948

פּ. וויערניק: געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע, ניו יאָרק,, 1914

ישראל זאַנגוויל: הדרך לעצמאות, תל אביב, 1938

יצחק זאַר: דער נאַציאָנאַל פאָנד און די פועלי ציון, ניו יאָרק, 1917

זרובבל: אין אָנהויב, תל אביב, תל אביב, 1938

דר. חיים זשיטלאָווסקי, געזאַמלטע שריפטן, ניו יאָרק, 1912

י. חייקין: אידישע בלעטער אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1946

ברכה חבס: דוד בן גוריון ודורו, תל אביב, 1952

א. טשעריקאָווער, רעד: געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניו יאָרק, 1943, 1945

אברהם יערי: זכרונות ארץ ישראל, ירושלים, 1947

א. ישראלי: היהדות בדורותינו, תל אביב, 1952

יובליי־בוך, צו דער פייערונג פון 20 יאָר פועלי ציוניזם אין אַמעריקע, פילאַדעלפיע, 1925

צבי יוסף כהן: פופציק יאָר פועלי ציוניזם אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1953

כל מקום, פנקס כיס להכרת הארץ, תל אביב, 1953

ב. כצנלסון: איינער קעגן אַלעמען, תל אביב, 1940

ב. כצנלסון: כתבים, תל אביב, 1949

ח. ליבערמאַן: אין קאַמף פאַר אידישער דערציאונג, ניו יאָרק, 1941

לייבאָר זייאָניסט הענדבוק, ניו־יאָרק, 1939

א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו יאָרק, 1945

א. ליעסין: זכרונות און בילדער, ניו יאָרק, 1954

מ. מדזיני: המדיניות הציונית, ירושלים, 1934

קלמן מרמר: מאָריס ווינטשעווסקי, ניו יאָרק, 1928

קלמן מרמר: דער אָנהייב פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1943

ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער ערציאונג, ניו יאָרק, 1940

ש. ניגער: די צוויי־שפּראַכיקייט פון אונזער ליטעראַטור, ניו יאָרק, 1941

מ. ניישטאַט: 15 יאָר פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, תל אביב, 1928

נ. סירקין: אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1915

דר. נחמן סירקין: געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטן, ניו־יאָרק, 1925

נחמן סירקין: קובץ זכרון, תל אביב, 1951

מ. סמילנסקי: פרקים בתולדות הישוב, תל אביב, 1945

ספר דרור, עין חרוד, 1947

ספר הגבורה, תל אביב, 1940

ספר היובל של אגודת המורים, ניו יאָרק, 1944

עבר הדני: עם במלחמתו, 1915־1945, תל אביב, 1948

מלך עפשטיין: די געשיכטע פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1935

פּראָגראַם פון דיא סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן „פועלי ציון" פון אַמעריקא, ניו יאָרק, 1905

פּאַלעסטיין יירבוק, ניו יאָרק, 1946

די פיפלס רעליעף פון אמעריקא, 1915־1924, ניו יאָרק, 1924

מ. פרייליכאָוו: געקליבענע שריפטן, ניו יאָרק, 1938

75 יאָר אידישע פּרעסע אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1945

50 יאָר פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, ניו יאָרק 1938

צביון: פאַר פופציק יאָר, ניו יאָרק, 1948

יעקב צינעמאַן: די געשיכטע פון ציוניזם, פאַריז, 1947־1949

י. קאַפּעלאָוו: אַמאָל און שפּעטער, ניו יאָרק, 1932

יוסף קאַהאַן: די אידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1945

ב. קאַצענעלסאָן: שריפטן און רע־דעס, ניו יאָרק, 1945

י. קענער: קוואָר שניט, ניו יאָרק, 1947

רויטער פּנקס, וואַרשע, 1924

הלל ראָגאָף: מאיר לאָנדאָן, ניו יאָרק, 1930

דר. מאַקס רייזען: גרויסע אידן וואָס איך האָב געקענט, ניו יאָרק, 1950

שול־אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935
שול־פּנקס: שיקאַגא, 1948

שלום שוואַרץ: זבוטינסקי לוחם האומה, ירושלים, 1943

שלום שוואַרץ: אוסישקין באגרותיו, ירושלים, 1950

א. שולמאַן: געשיכטע פון דער אי־דישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1943

חיים שורר: בעליה השניה, תל אביב, 1952

משה שמואלי: פּרקים בתולדות הציונות ותנועת העבודה, תל אביב, 1948

בצלאל שערמאַן: אידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניו יאָרק, 1948

The Jewish Communal Register of New York City 1917—1918

ש. בעלקין

# די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע

## 1

## די פּאַרטיי־פאַראיינען — זייער גרינדונג און אַנטוויקלונג

### מאָנטרעאָל

חבר יעקב סאלאָמאָן דערציילט אין זיינע זכרונות אַז ער איז אָנגעקומען אין מאָנטרעאל אין נאָוועמבער, 1904. דער איינפלוס פון די ציוניסטישע גרופּן אויף דער אידישער גאַס, צווישן די אידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן, איז געווען ניט גרויס, „דערפאַר האָבן זיך זייער שטאַרק געלאָזט פילן אַלערליי גע־נאַסישע קלייזלעך". „זיי האָבן פאַרפלייצט די אידישע גאַס מיט זייערע פאַמפלעטן, בראָשורן און צייטשריפטן, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, בונדישע א. א. וו.". זייערע אויפרופן פאַר לעקציעס און דעבאַטן מיט אַ פרייען אַריינגאַנג ציען גרויסע מאַסן [1].

אין יענער צייט האָט פונקציאָנירט אין מאָנטרעאל דער פאַראיין „דורשי ציון נומער 2", וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 2טן אָקטאָבער, 1904 און געוואָרן באַהערשט פון די לאָזונגען פון וויצמאַנס דעמאָקראַטישער פראַקציע. דער פאַראיין איז באַשטאַנען פון יונגע אידישע אימיגראַנטן און איז געווען אַ אידיש־ריידנדיקער. אייניקע פון די אָנגעקומענע ערשטע פועלי ציון־חברים פלעגן באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון דעם פאַראיין „דורשי ציון". זייער הויפּט־פירער איז געווען מ. ל. זאַק, וועלכער איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין אַפּריל, 1905. די פועלי ציון־חברים פלעגן אויך גיין צו די עפנטלעכע לעקציעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַנאַרכיסטן און סאָציאַל דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן שוין דאַן געהאַט פאַראיינען אין מאָנטרעאל.

ביי די דאָזיקע לעקציעס, ווען חברים פועלי ציון האָבן אָנגעהויבן דעבאַטירן מיט די געגנאָסן, האָבן די ערשטע פועלי ציון־חברים דערקענט איינער דעם אַנדערן. אָנפאַנג 1905 איז געשאַפן געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון די פועלי ציון אין מאָנטרעאל. די ערשטע גרופּע, איז, לויט חבר סאלאָמאָן, באַשטאַנען פון 4 חברים: טאַבאַטשניקאָף, מאָסקאָוויטש, האַישבערג, סאלאָמאָן און 1 חברה, שרה מאָן־צוקער. אין פעברואַר איז געקומען ל. צוקער. אין מאַי, 1905, איז אָנגעקומען ב. לאַכאָוויצקי. ס'זיינען אויך אָנגעקומען אַ צאָל אַנדערע חברים און ס'האָט זיך געגרינדעט דער מאָנטרעאלער פועלי ציון־פאַראיין, וועלכער האָט איינגעשלאָסן „פּאַלעסטינצעס" און „אוגאַנדיסטן" (עס־עס'אָוצעס).

לויט אַ שטעמפּל וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויפגעהאַלטן און איז גענוצט געוואָרן, איז דער מאָנטרעאלער פועלי ציון־פאַראיין געגרינדעט געוואָרן דעם 25טן יולי, 1905. ס'איז אָבער אויך געווען אַ רויטע פאָן פון די מאָנטרעאלער פועלי ציון, וועלכע איז גענוצט געוואָרן ביי דעמאָנסטראַציעס און איז געהאַנגען פאַר אַ לאַנגע צייט אין די פועלי ציון מיטינג־זאַלן. אויף דער פאָן איז געווען אויסגעהעפט מיט גאָלדענע בוכשטאַבן „געגרינדעט דעם 10טן מאַי, 1905".

קיינער פון די עלטערע חברים געדענקט ניט, וועלכע פון די צוויי דאַטעס איז די ריכטיקע. קען זיין, אַז די ערשטע גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 10טן מאַי, אָבער דער פאַראיין איז ערשט אָפיציעל אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 25טן יולי, 1905.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם מאָנטרעאַלער פּועלי ציון־פאַראיין איז פאָרגעקומען אין אַ הויז אויף קעדזשי גאַס (איצט הייסט זי דע־בוליאָן) קעגנאיבער דער בני יעקב שול, וואו עס דרוקט זיך איצט די פראַנצויזישע צייטונג „לאַ סאַמעדי". חברים זיינען ניט זיכער, צי דאָס זיינען געווען געדונגענע צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען אָדער אַ שול צו דאַווענען.

חברה שרה מאַן־צוקער איז געווען די ערשטע פינאַנץ־סעקרעטאַרין. חבר א. מאסקאָוויטש איז געווען דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר. די גרופּע האָט געפּרואווט איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט ניו יאָרק, האָבן זיי געקראָגן אַ פאָר בריוו פון חבר פייפמאַכער. ניו יאָרק האָט זיי דאַן נאָך ווייניק וואָס געקאָנט העלפן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע און אין זייער קאַמף פאַר אָנערקענונג. זיי האָבן זיך דאַן דורכגעשריבן מיט די פּועלי ציון אין ענגלאַנד, וועלכע האָבן צוגע־שיקט צוויי העפטן די „אידישע פרייהייט". ניט נאָר האָט זיי געפעלט דער איינ־ספּידירנדיקער קאָנטאַקט, נאָר אויך די נייטיקע פּאַרטיי־ליטעראַטור און איינער וואָס זאָל זאָגן אַ שטאַרק וואָרט [2].

אין יולי אָדער אויגוסט איז אַריין אין דעם פּועלי ציון פאַראיין דר. י. באַכ־ראַך, וועלכער האָט געוואוינט אין קאַנאַדע זינט 1903. ער איז געווען אַ גוטער ציוניסט־סאָציאַליסט. ער איז אַריבער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן צו דער פּועלי ציון פּאַרטיי, גלייך ווי זי האָט זיך געגרינדעט. זיין אַריינטריט אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַר דער באַוועגונג. ער איז אויפגעטראָטן ביי די פּועלי ציון־פאַראיינען אין טאָראָנטאָ, האַמילטאָן און וויניפּעג און איז געווען דער ערשטער נאַציאָנאַל־באַקאַנטער פירנדיקער חבר. יענעם זומער זיינען אויך אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע חברים וועלכע זענען אַריין אין דעם פאַראיין, צווישן זיי י. ראַבינער, יאַמפּאָלסקי, שאַפּיראָ און אַנדערע.

די גרעסטע צאָל פון די ניי־אָנגעקומענע זענען געווען עס־עס׳־אָווצעס אָדער ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן ס. ט. אין אַ קורצער צייט זיינען זיי געוואָרן די מאַיאָריטעט אין דעם פּועלי ציון פאַראיין. ווען דער א. ק. פון די פּועלי ציון אין ניו יאָרק האָט אויף זיין זיצונג, דעם 27טן אויגוסט, 1905, באַשלאָסן אַז אַלע פאַראיינען זאָלן אָפּשטימען דעם טעריטאָריאַליסטישן פּונקט, און זיך גרופּירן לויט דער אָפּשטימונג, און אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן ניט נאָר אין דעם אַקציאָנס קאָמיטעט וואָס פאַרטרעט די גאַנצע פּאַרטיי, נאָר אויך אין איינע פון די ספּעציעלע צוויי קערפּערשאַפטן וואָס זיינען פון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן צו אויפפּאַסן אויף די פּאַלעסטינישע און טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטן, — האָבן זיך אָנגעהויבן זייער שאַרפע דיסקוסיעס צווישן די מאָנטרעאַלער חברים, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט פירן צו דער שפּאַלטונג.

דעם 18טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען איינער פון די סאַמע שטורמדיקע מיטינגען. דר. באַכראַך האָט גערעדט איבער ציוניזם פון דעם פּאַלעסטינישן שטאַנדפּונקט און יאַמפּאָלסקי האָט גערעדט אַלס טעריטאָריאַליסט. דעם 25טן און 26טן נאָוועמבער, 1905, האָט די פּועלי ציון אַראַנזשירט אין עמפּייער האָל צוויי

לעקציעס פון ד. אַבערסאָן איבער ציוניזם און סאָציאַליזם און איבער דער רוסי־שער רעוואָלוציע. אגב איז ד. אבערסאָן אויך אויפגעטראָטן דאַן אין נאָמען פון די פועלי ציון ביי אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג צו פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. דעם 2טן דעצעמבער איז פאַרגעקומען די סאַמע לעצטע דיסקוסיע צווישן די פּאַלעסטינצעס און ס. ט. ד. אַבערסאָן האָט גערעדט פונם פּאַלעסטינישן שטאַנדפּונקט. דעם 9טן דעצעמבער האָט מען געזאָלט באַשליסן צי דער פאַראיין וועט בלייבן אומאָפּהענגיק אָדער ער וועט זיך צעטיילן. דער פאַראיין האָט זיך דאַן געשפּאָלטן. ביי דער אָפּשטימונג איז מען געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז איין חברה האָט געחלש׳ט.

די ס. ט. זיינען געבליבן מיט 28 חברים צוזאַמען מיט דעם סעקרעטאַר א. מאָסקאָוויטש. זיי האָבן זיך אָפיציעל קאָנסטיטואירט אַלס אַן ס. ט. פאַראיין דעם 3טן יאַנואַר, 1906 [3]), און זיינען פאַרבליבן אין די געדונגענע צימערן — אין 43 פּילימס גאַס.

די פועלי ציון זיינען אַוועק בלויז מיט 9 חברים [4]). זיי האָבן, ווייזט אויס, גע־האַט גענוג מוט און האָבן פאָרטגעזעצט זייער אַרבעט. זיי האָבן מיטגענומען די ביבליאָטעק וועלכע מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען נאָך אין זומער, 1905, און האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דעם זאַל, וואו די „דורשי ציון" פלעגן אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען.

די פועלי ציון זיינען באַלד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם וואָס דער „דורשי ציון־פאַראיין נומער 2" האָט זיך געשפּאָלטן און די בעסטע חברים פון דעם דורשי ציון פאַראיין אונטער דער פירונג פון מ. ל. זאַק זענען אַריין אין דער פּאַרטיי. אַזוי ווי מ. ל. זאַק און זיין גרופּע זענען געווען די ערשטע חברים פון דער פּאַרטיי, קענען זיי גערעכנט ווערן אַלס מיטגרינדער און מיטבויער פון דעם מאָנטרעאַלער פועלי ציון־פאַראיין. יעקב מאָריס איז דאַן געוואָרן דער סעקרע־טאַר פון דעם פועלי ציון־פאַראיין. די פועלי ציון האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע. דער ערשטער רעפעראַט פון מ. ל. זאַק איז פאַרגעקומען דעם 14טן יאַנואַר, 1906. חבר סאָלאָמאָן שרייבט וועגן דעם: „אונזער פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר אָנגעפירט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן. אין די אידישע גראָסעריס, ביכער־סטאָרס, ביי די גאַרמענט וואָרקערס, בעקערס, סיגאַר מייקערס יוניאָנס. מיר זיינען געקומען, ניט געבעטן, צו די גענאָסישע פאַרזאַמ־לונגען און אומעטום אויפגעקלערט אונזער שטאַנדפּונקט [5]). עס זענען אויך פאַר־געקומען עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען מיט געסט־רעדנער און לאָקאַלע חברים.

אין אַפּריל, 1906, האָבן זיי געבראַכט ד. אַבערסאָן פאַר דריי לעקציעס, וועל־כע זענען געווען גוט באַזוכט, און די צוהערער זיינען געווען זייער באַגייסטערט. אַ מאָנטרעאַלער חבר שרייבט אין זיין באַריכט: „זונטיק אָוונט איז געווען איינער פון די באַגייסטערנדסטע מיטינגען, וואָס זענען ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אונזער שטאָט. פיל פון פּובליקום האָבן נאָכן לעקטשור געקושט אונזער חבר מיט טרערן אין די אויגן. 10 נייע חברים אויפגענומען" [6]).

בעלאַ פּעווזנער האָט געמאַכט אַ צווייטן באַזוך אין מאָנטרעאַל דעם 14טן און 15טן אָקטאָבער, 1906. מ׳האָט צוגעצויגן 1,000 צוהערער, ווערבירט נייע 22 חברים. בעלא פעווזנער האָט דאַן אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי דעם פאַראיין

„בנות ציון קדימה"" א. ד. ט. „די ראָל פון דער פרוי אין פאַרשיידענע פריי־היטס־באַוועגונגען".

ביי דעם מעמאָריאַל־מיטינג פון די פועלי ציון און ס. ט. נאָך חבר יחזקאל עדלשטיין אין סט. דזשאָזעף האָל, האָבן געַרעדט ברוך צוקערמאַן און דר. באַכראַך און מ'האָט געזאַמלט 5.95 דאָלאַר פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. אין אַ באַריכט אין „אי־דישן קעמפער" פון אויגוסט, 1907, שרייבט חבר ס. מערלין אַז „די היגע פועלי ציון אַרבעט זייער טעטיק. זי ציילט ביי 75 מיטגלידער. פאַר די לעצטע צוויי וואָכן האָבן זיי געשיקט 30 דאָלאַר פאַרן „קעמפער", 19 דאָלאַר פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, 3 דאָלאַר פאַר בצלאל און 10 דאָלאַר פאַר 6 ביימער צו פלאַנצן אין פאַלעסטינע אין אָנדענק פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר ח. עדל־שטיין [7].

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „קעמפער" שרייבט חבר סאָלאָמאָן וועגן אַרויס־טריט פון חבר טאַבאַטשניק פון פילאַדעלפיע און די עפנטלעכע דעבאַטע צווישן חבר מ. ל. זאַק און די ס. ט. דעם 29טן אָקטאָבער 1907, אין סט. דזשאָזעף האָל. „אַ דונער פון אַפּלאָז האָט אויסגעבראָכן ווען ער (זאַק) האָט געענדיקט. נאָך דער דעבאַטע האָבן זיך פינף נייע מיטגלידער אָנגעשלאָסן" [8]. ווי מ'קען זען האָבן די פועלי ציון אָנגעהאַלטן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע. פונדעסטוועגן האָט דער צענט־ראַל קאָמיטעט געהאַלטן אין 1907, אַז דער מאָנטרעאַלער פאַראיין איז געווען אַן אָפּגעשוואַכטער [9].

אויסער די דערמאָנטע עפנטלעכע לעקציעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן לי־טעראַרישע אָוונטן און פיל אַנדערע אַרויסטרעטונגען פון די פועלי ציון. די ס. ט. האָבן אויך אָנגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע און האָבן געהאַט אַלס געסט, אויסער ברוך צוקערמאַן, אויך דר. זשיטלאָווסקי און דר. נחמן סירקין.

אין פרילינג, 1909, איז דר. חיים זשיטלאָווסקי אַרויסגעקומען מיט אַ פאָר־שלאָג אין זיין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" פאַר אַ פאַראייניקונג פון די דריי אי־דישע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען: די פועלי ציון, די ס. ט. און די סיי־מאָוויצעס (סערפּיסטן), „פאַר געמיינשאַפטלעכער טעטיקייט אין פאַלעסטינע און אין די גלות־לענדער". די מאָנטרעאַלער חברים פון דער ס. ט. האָבן לויט דער איניציאַטיוו פון די חברים ש. שניאור און ל. צוקער באַשלאָסן גלייך אָנצופאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דעם פועלי ציון־פאַראיין. די ס. ט. האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פועלי ציון אויף דער פּלאַטפאָרם פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות און אי־דישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע און אין די שכנותדיקע לענדער. די ס. ט. האָבן נאָכגעגעבן, אַז פאַלעסטינע איז אַ טעריטאָריע און די פועלי ציון האָבן נאָכ־געגעבן, אַז די נאָכבאַר־לענדער זיינען אַ טייל פון ארץ ישראל. די פאַראייניקונג אין מאָנטרעאָל איז געווען די ערשטע פאַראייניקונג און איז פאָרגעקומען מיט אַ דריי־פיר חדשים פאַר דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ.

ס'מוז געזאָגט ווערן, אַז אין אַלגעמיין זיינען אין פאַרלויף פון די יאָרן 1906־1909 געווען גוטע חברישע באַציאונגען אין מאָנטרעאָל צווישן די פועלי ציון און ס .ט. מיר האָבן דאָס געזען ווען ס'איז פאָרגעקומען די דערמאָנטע מעמאָריאַל־פאַרזאַמלונג נאָך עדלשטיינען. אָן אַנדער ביישפּיל: אין 1907 האָבןביידע פאַר־איינען קאָאָפּערירט ביי דער גרינדונג פון אַ פאָלקס־קיך פאַר אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָט עקזיסטירט אַרום 9־10 חדשים, אָדער די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט

פאַר אַ פאָנד, „צו ראַטעווען שלום עליכם“ אין 1908, ווען שלום עליכם איז קראַנק געוואָרן.

ווען די פאַראייניקונג איז פאָרגעקומען, איז דער פועלי ציון־פאַראיין פאַר־שטאַרקט געוואָרן. חבר י. פּרוזשאַנסקי וועלכער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דעם פועלי ציון־פאַראיין ארום 1908, איז געבליבן סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין נאָך דער פאַראייניקונג. אייניקע חברים פון די ס. ט. האָבן נישט געוואָלט אריינ־טרעטן אין דעם פועלי ציון־פאַראיין און זיינען געבליבן אויסער די רייען פון ביידע פאַראיינען.

כאָטש פיל חברים זיינען אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאָל איז אָבער דער פאַר־איין געבליבן שטאַרק.

ביי דער זיצונג פון דעם גרעסערן צענטראַל קאָמיטעט, אין מערץ, 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז אין אַלגעמיין איז די לאַגע פון דעם מאָנטרעאַלער פועלי ציון־פאַראיין געווען אַ גוטע. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פאַרוואָס מ׳האָט דעם פאַראיין אָנפאַרטרויט די דורכפירונג פון דער היסטאָרישער 5טער פועלי ציון קאָנווענשאַן, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער, 1910, אין מאָנט־רעאַל — די ערשטע און איינציקע פאַרטיי קאָנווענשאַן וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַנאַדע. ביי די חברים פון דער פאַרטיי איז דאָס געווען אַ גאָר גרויסער יום טוב. אַלס פאָרזיצער פון דעם קאָנווענשאָן־קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן ש. שניאור. ל. מעלצער איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון קאָנווענשאָן־קאָמיטעט, און ב. לאַכאָוויצקי האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין זיין אַרבעט. דער קאָנווענשאָן קאָמיטעט האָט געפּלאַנעוועט צו האָבן עטלעכע גרעסערע פאַרזאַמ־לונגען אין דער צייט פון דער קאָנווענשאָן.

פיל אָפּען־עיר מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן כדי צו מאַכן די קאָנ־ווענשאָן פּאָפּולער ביי דעם אידישן עולם אין מאָנטרעאַל. מ׳האָט אויך געהאַט באַ־שלאָסן צו מאַכן אַ היפשע צאָל קליינע פענער און צעטיילן זיי צווישן דער אידישער באַפעלקערונג צו באַפּוצן זייערע הייזער לכבוד דער קאָנווענשאָן. אַ ספּעציעלער סואווענירזשורנאַל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דער קאָנווענשאָן, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען צווישן אַנדערן אַן אַרטיקל פון נ. סירקין א.ג. „ווען אַלע וואָלטן געוואָלט“, פון ברוך צוקערמאַן — „אונזער נעקסטע אויפגאַבע“, פון ב. ג. זאַק, „די קאַנאַדער אַרבעטער און איינוואַנדערונג“, פון מאיר בראון — „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד“, פון מ. ל. זאַק „אַ יאָר פועלי ציון טעטיקייט אין מאָנטרעאַל“. אין זשורנאַל זענען אויך געווען געדרוקט לידער פון יהואָש, אַדלער און ראָזענבלאַט און אַרטיקלען פון א. ש. וואַלדשטיין, דר. י. וואַרטסמאַן און א. בערלינער.

די דעלעגאַטן פון דעם מאָנטרעאַלער פועלי ציון־פאַראיין זענען געווען י. פּרוזשאַנסקי און מ. ל. זאַק. חבר מ. ל. זאַק האָט געהאַט דעם כבוד צו דער־עפענען די קאָנווענשאָן. דער הויפּט־רעדנער ביי דער ערשטער זיצונג איז געווען ג. אַוורונין. אַט ווי אַזוי די לאָקאַלע צייטונג באַשרייבט די שטימונג ביי דער דערעפענונגס־זיצונג: „אַוורונינס רעדע האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג. נאָך דעם האָט אַ בענד מוזיק אויסגעשפּילט פאַרשידענע ציוניסטישע לידער ווי „התקוה“ און אַנדערע. די שטימונג איז געווען זייער אַ געהייבענע און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף אַלע אנוועזנדע“ [10].

די הכנסה און הוצאה אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָר־גאַניזירט געוואָרן פון דעם מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן־קאָמיטעט, איז געווען אַרום 800 דאָלער, אַ געוואַלדיק גרויסע סומע פאַר יענער צייט.

מיט דעם יאָר 1910 האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער פעריאָד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין מאָנטרעאַל. די יאָרן 1905־1910 זיי־נען געווען פאַר דער באַוועגונג אין מאָנטרעאַל אַ פעריאָד פון קאָנסאָלידאַציע, איינבירגערונג און איינוואָרצלונג. ס׳האָבן זיך פאַרענדיקט די חבלי לידה. ס׳זיינען אַריבער די קינדער־יאָרן פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען די הויפּט־אַרבעט איז באַ־שטאַנען אין דיסקוסיעס און מסירה־נפש׳דיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פּועלי־ציון אידעאַלן. נאָך דער פּועלי־ציון־קאָנווענשאָן האָט די פּאַרטיי דערפילט אין זיך די כחות אָנצוהייבן בויען אינסטיטוציעס פאַר אידישע פאָלקסמאַסן און מיט פאַרשטאַרקטע כוחות פאַרצוזעצן דעם קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס און קעגן הפקרות אין אידישן פאָלקס־לעבן. די פּאַרטיי איז געוואָרן די סאַמע סענסיטיווע צעל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מאָנטרעאַלער אידן. יעדע פראַגע פון אידישן און אַרבעטער לעבן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די פאַרזאַמלונגען פון דער פּאַרטיי און אויף יעדער פון די דאָזיקע פראַגן האָט מען געגעבן אַן ענטפער.

איז געוואָרן אַ יקרות אויף פליייש, איז געווען טייער ברויט, האָבן די פּועלי ציון געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג, און גערופן אַ קאָנפערענץ[11]. איז געווען אַ פראַגע פון העלפן אימיגראַנטן, האָט עס אינטערעסירט פּועלי ציון. איז פאָרגעקו־מען אַ ביילים פּראָצעס אין רוסלאַנד, זיינען געווען די פּועלי ציון, וועלכע האָבן גענומען די איניציאַטיוו איינצואָרדענען אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג[12]. אַלע ענינים וואָס האָבן באַרירט דאָס לעבן פון כל ישראל, זיינען געווען אַ טייל פון דער פּועלי ציון־טעטיקייט.

די פּאַרטיי־פאַראיינען זענען געוואָרן צענטערן פאַר קולטורעלן אויסלעבן זיך און פאַר זעלבסט־בילדונג. דער צווייטער פעריאָד פון דעם פּאַרטיי־לעבן אין מאָנטרעאַל, וואָס ווערט געדעקט מיט די יאָרן 1910־1915, קען אָנגערופן ווערן דער פעריאָד פון בויען קולטור־אינסטיטוציעס, פאָלקס־ביבליאָטעקן, שולן און טרייד־יוניאָנס. עס איז אמת, אַז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זייער אַנטשטייאונג האָבן די פּאַרטיי־פאַראיינען אָנגעפאַנגען אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט און טרייד־יוניאָן־אַרבעט, אָבער ערשט נאָך 1910 זענען די דאָזיקע אַרבעטן געקומען צום פולן אויסדרוק.

אין 1910 האָט מען שוין אָנגעהויבן אין מאָנטרעאַל צווישן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס רעדן וועגן אַרויסגעבן אַן אַרבעטער־וואָכנבלאַט. די פּועלי ציון האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער גרינדונג פון דער „פאָלקס צייטונג אַסאָסיאיישאָן" און האָבן אויסגעפירט, אַז לעאָן חאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט פריער באַזוכט מאָנטרעאַל אַלס אַ גאַסט־רעדנער פון די פּועלי ציון, זאָל איינגע־לאַדן ווערן צו זיין רעדאַקטאָר. די „פאָלקס צייטונג" איז דערשינען דעם 19טן אַפּריל, 1912. זי איז געווען דאָס ערשטע אידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־בלאַט אין קאַנאַדע. אויף דעם באַגריסונגס־אָוונט זיינען געקומען 2,000 מענטשן.

צווישן די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זענען געווען: י. אַדלער, ב. באַראָכאָוו, בן יקיר, מ. האַלפּערן, דר. בירנבוים, א. וואָלינער, וולאַדעק, מ. זאַקס, דר. חיים זשיטלאָווסקי, יהואָש, ז. ליבין, י. מילך, קלמן מרמר, ב. סאַלוצקי, י. שלאָסבערג, דר. סירקין, י. סלאָנים, ש. עפּשטיין, יואל ענטין, י. ל. פּרץ, דוד פּינסקי, ל. קאָברין, אברהם רייזען, מ. שמואלזאָן און פיל אַנדערע.

אין מיטן זומער האָט חבר ל. מעלצער איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער „פאָלקס צייטונג", אַזוי אַז דער רעדאַקטאָר און דער פאַרוואַלטער זיינען געווען חברים פון דער פּאַרטיי. די „פאָלקס צייטונג" האָט זיך אָפּגעשטעלט אין הערבסט פון 1912, ווייל די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען געווען פאַראָרימט נאָך דעם גענעראַל־סטרייק פון די מענער־שניידער. חבר האַזאַנאָוויטש איז געווען ניט צופרידן מיט די פּועלי ציון חברים, ווייל זיי האָבן ניט געאַרבעט גענוג פאַר דער „פאָלקס צייטונג" און האָט אפילו געוואָלט רעזיגנירן פון דעם מאָנטרעאַלער פּועלי־ ציון־פאַראיין. זיין רעזיגנאַציע איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן.

אין 1913 זענען די חברים פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי געווען זייער צופרידן וואָס חבר קאַמאַראָוו איז געווען אַ דעלעגאַט צו דעם אַלוועלטלעכן פּועלי ציון צוזאַמענפאָר און צו דעם ציון־קאָנגרעס אין ווין.

אין 1917 האָט זיך געגרינדעט אַ פּועלי ציון פרויען־פאַראיין. פאַר אַ שטיקל צייט האָבן זיך אַ צאָל חברות אָפּגעטיילט פון דעם פאַראיין מיינענדיק, אַז זיי וועט געלינגען דורך דעם צו טאָן מער זעלבסטבילדונג און מער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט צווישן פרויען. רחל ראָזענבלאַט איז געווען סעקרעטאַרין. אָרגאַניזאַטאָריש און אין אַלגעמיין האָט דאָס ניט געהאָלפן דער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט 9 חברות און האָבן ווייניק וואָס אויפגעטאָן צו קריגן נייע מיטגלידער. דאָס איז אָבער געווען דער ערשטער פרואוו צו שאַפן אַ פּועלי ציון פרויען־אָרגאַניזאַציע — אַן אָנדייטונג אויף די פּיאָנערן פרויען־פאַראיינען, וואָס זיינען געקומען שפּעטער.

אין 1919, נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון ח. מ. קייזערמאַן אַ צווייטער פּועלי ציון פאַראיין — אַ קולטור פאַראיין. כמעט אַלע אידישע שרייבער אין מאָנטרעאַל און אַ צאָל אינטעליגענטערע שול־טוער ווי אויך חברים פון „הזמיר" האָבן זיך דאָן אָנגעשלאָסן אין דעם נייעם פאַראיין. אַרום יענער צייט זענען אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע מיט די חברים לעאָן חפץ און י. מ. באַבראָוו אין דער שפּיץ געוואָרן חברים פון דער פּאַרטיי. חבר חפץ און זיין גרופּע זענען זינט 1918 געווען אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן.

די יאָרן 1915־1920 האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם דריטן פּעריאָד אין דער פּועלי ציון־ און פאַרבאַנד־אַרבעט. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון גרויסע געוואַגטע אַרבעטן, אַ פּעריאָד פון נצחון — אַ גלאָררייכער פּעריאָד פון גרויסאַרטיקע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון טעטיקייט: טרייד יוניאָן, סאָציאַליסטישע (איינשליסנדיק ארץ ישראל אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און ארץ ישראל אַרבעטער־קאָנגרעס), אַלגעמיין־אידישע (מלחמה־הילפס־אַרבעט און קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס), ארץ ישראל־אַרבעטן, איינשליסנדיק פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, פּועלי ציון יוגנט, חלוציות און לעגיאָן. פון גאָר גרויסער באַדייטונג איז געווען

דער זעלבסטשטענדיקער קאַמפּיין אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1916 מיט חבר קייזערמאַן אַלס קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן די שולן און פאָלקס־ביבליאָטעק אָנגעפירט פון די פּועלי ציון, געמאַכט אַ גרויסן פּאָרשריט. דער דאָזיקער פּעריאָד האָט ניט נאָר דערהויבן און געבראַכט פיל גליק און פריייד צו די חברים, נאָר ער האָט געבראַכט ממשותדיקע רעזולטאַטן פון אומגעהויערן ווערט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון קאַנאַדער אי־דנטום. די מאָנטרעאָלער חברים האָבן אויך אָרגאַניזירט אין 1916 די שלום עליכם קאָנפערענץ און געהאָלפן שאַפן מיטלען פאַר דעם שלום עליכם פאָלקס־פאָנד.

מיר האָבן פריער דערמאָנט די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע און די אונטערנע־מונגען פאַר זעלבסטבילדונג. אויסער די פירנדיקע חברים פון דער באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן די מאָנטרעאָלער חברים געהאַט אַלס געסט בן־צבי, זרובבל, אַלכסנדר כאַשין, ב. באָראָכאָוו, ש. קאַפּלאַנסקי. גאַנצע סעריעס פון לעקציעס זענען געגעבן געוואָרן פון יהודה קויפמאַן. אַ צאָל לעקציעס זענען געגעבן געוואָרן פון ש. שניאור, ח. מ. קייזערמאַן, ע. קאָרנבערגער און אַנדערע חברים, מיט פינף סענט, אָדער פרייען אַריינטריט.

אייניקע חברים האָבן אויף אַ פּריוואַטן אופן געדינט דער באַוועגונג אַלס רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער פון צייטשריפטן וועלכע זיינען פּאַקטיש געווען פּועלי ציון זשורנאַלן. אַזוי האָט חבר ל. מעלצער אַרויסגעגעבן אייניקע נומערן פון דעם „מאַקאַבייער" מיט ש. שניאור אַלס רעדאַקטאָר. אין 1917 איז חבר יהודה קויפמאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון „דאָס וואָרט", אַ וואָכנבלאַט וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פאַר ארום זעקס־זיבן מאָנאַטן.

שליסנדיק דעם איבערזיכט פון די ערשטע 15 יאָר פון דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין, וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען די אַלע חברים וועלכע זענען געווען סעקרעטאָרן פונם פאַראיין. מיר האָבן שוין דערמאָנט י. מאָריס און י. פּרוזשאַנסקי. אויסער זיי זענען פאַר לענגערע טערמינען געווען סעקרעטאָרן די חברים ל. מעלצער, ב. לאָכאָוויצקי, א. עסנער, פרענק ווייט און דער אומפאַר־געסלעכער נח חפץ. קיין שטענדיקע פּרעזידענטן זיינען אין מאָנטרעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין ניט געווען.

## טאָראָנטאָ

„ביז אָקטאָבער, 1904, איז אין טאָראָנטאָ ניט געווען קיין סימן פון אַ וועלכער עס איז ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע" [13]. אַרום יענער צייט איז אין טאָראָנטאָ גע־גרינדעט געוואָרן אַ קולטור־פאַראיין וועלכער האָט איינגעשלאָסן נאַציאָנאַל־ראַ־דיקאַלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אַלע ריכטונגען.

איינער פון די ערשטע פּועלי ציון, אויב ניט דער סאַמע ערשטער חבר פון די פּועלי ציון צו אָנקומען אין קאַנאַדע, איז געווען חבר א. ז. סילווערמאַן. איידער ער איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע, איז ער געווען אַ שטיקל צייט אין לידס, ענגלאַנד. דאָרט האָט ער שוין געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט קלמן מרמר און די פּועלי ציון אין ענגלאַנד.

אָנגעקומען איז חבר סילווערמאַן אין טאָראָנטאָ אין אָנהייב, 1904. ער דער־

אַ גרופּע מאָנטרעאָלער פּועלי ציון אין 1905, גרינדער פון דאָרטיקן פּועלי ציון פאַראיין



צווישן זיי: מ. האיזנבערג, ה. זאריצקי, י. חאלאמאי, ל. טיכער, הערה טיכער.

**אַ גרופּע חברים אין מאָנטרעאָל נאָך אַ פּייערונג לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע סוף 1917**



אין דער ערשטער רייע זיצן חברים, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין „החלוץ" און די מייסטע פון זיי זענען דערנאָך אַוועק קיין ארץ ישראל מיטן אידישן לעגיאָן.

ציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט אין טאָראָנטאָ געפונען „אַ גאַנץ קליינעם אידישן ישוב, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין איניקע אידישע גאַסן, באַוואוסט אַלס דער ,ווארד'. אין אָט דעם קליינעם אידישן ישוב זענען זייער ווייניק געווען ציוניסטיש באוואוסטזיניק, און מ'האָט באַדאַרפט באַאַרבעטן אַ זייער שווער און האַרט פעלד." ח' סילווערמאַן דערציילט ווי אַזוי ער און אַ קליינע גרופּע „אחים לדעה" — האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ פּועלי ציון פּאַר־איין אין טאָראָנטאָ אין 1905־4. די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז, אָנפאַנג זומער, 1904. מ'פלעגט האָבן נאָך דעם פאַרזאַמלונגען ביי אים אין הויז, 20 סענטער עווניו, דערנאָך ביים חבר הוטניק. זיי האָבן געהאַט אַ שווערן קאַמף צו קריגן אנערקענונג אַלס ציוניסטן און נאָך אַ שווערערן קאַמף צו קריגן אנערקענונג ביי די אידישע אַרבעטער. יעדער איינער איז געוואָרן אַ קליינער „אַגיטאַטאָרל", „זיצנדיק ביי די מאַשינעס אין די שעפּער ביי דער אַר־בעט", דערציילט חבר סילווערמאַן, „ניט קוקענדיק אויף די אויפזעערס, פלעגן מיר אָפּשטעלן די מאַשינען, און אַז מיר האָבן דערטאַפּט אַן אַרבעטער וואָס האָט אַנ־געהערט צו דער סאָציאַליסטישער אָדער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, האָבן מיר גלייך פאַרפירט דעבאַטן אים צו איבערצייגן זיינע טעות'ן און אונזערע אמת'ן" [14]).

מיר האָבן דערמאָנט, אַז אַ קולטור פאַראיין וואָס איז געגרינדעט געוואָרן סוף אָקטאָבער אָדער אָנפאַנג נאָוועמבער 1904, האָט אַריינגענומען חברים פון פּאַר־שיידענע ריכטונגען. איניקע פּוע"צ זיינען אין דעם ווינטער 1905־4 געוואָרן מיט־גלידער פון דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן, פּראָגרעסיון פאַראיין. אַנדערע פּועלי ציון געשטימטע חברים זיינען געווען מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן פּאַר־איין „בני ציון". אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער „אידישער פריהייט" פון לאָנ־דאָן, ענגלאַנד, האָט אַ טאָראָנטער פּועלי ציון געשריבן, אַז אָנפאַנג 1905 זענען שוין געווען אַ היפּשע צאָל פּועלי ציון חברים אין טאָראָנטאָ (25־30) און אַז ס'וועט זיך באַלד אָרגאַניזירן אַ פּועלי ציון פאַראיין, און פיל מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן פאַראיין „בני ציון" און פון דעם פּראָגרעסיוו סאָציאַליסטישן פאַראיין וועלן זיך פאַראייניקן מיט די פּועלי ציון. דערצו איז אָבער נייטיק, אַז די פאַראייניקטע פּועלי ציון פון ענגלאַנד זאָלן העלפן מיט ראָט און טאָט [15]).

ס'האָט אָבער גענומען נאָך עטלעכע מאָנאַטן ביז דער פאַראיין איז טאַקע גע־גרינדעט געוואָרן. לויט ידיעות אין די צייטונגען איז דר. י. באַכראַך פון דעם מאָנטרעאלער פּועלי ציון פאַראיין געווען ביי דער גרינדונג. דר. באַכראַך איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ מיטגליד פון די טאָראָנטער „בני ציון". דעם 6טן אוי־גוסט, 1905 איז פאָרגעקומען, לויט אַ ידיעה אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס", די ערשטע מאַסן פאַרזאַמלונג מיט דר. באַכראַך אַלס רעדנער און ס'איז געשאַפן גע־וואָרן דער טאָראָנטער פּועלי ציון פאַראיין. דר. באַכראַך האָט גערעדט אויף דער טעמע „פּועלי ציון און איר אויפגאַבע". ער האָט אויך גערעדט וועגן די מאַר־טירער אין סאָכאַלין און ס'איז געזאַמלט געוואָרן פאַר זיי 2.60 דאָלער. משה בירשטיין האָט אין זיינע נישט־געדרוקטע זכרונות געשריבן, אַז ער האָט איינגע־לאַדן דר. באַכראַך וועלכער פלעגט אָפט קומען געשעפטלעך אין טאָראָנטאָ, צו האַלטן די דערמאָנטע לעקציע.

חבר סילווערמאַן גערענקט, אַז די פאָלגנדע חברים זענען צוזאַמען מיט אים געווען די גרינדער פון פאַראיין: לייב הוטניק, משה בירשטיין, ש. שאַפּיראָ, פּערל־

מוטער, קראַל, וויס, ברודיע, נאָוויק, לאפידות, קאַטץ, האָלצמאַן. אַביסל שפּעטער זענען צוגעקומען ל. באַגראַד, וועלכער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיוועסטע חברים, לייבל, פּערסיקער, טענצער, פּאולין, קאַנטאָר, מוזמאַן, לייב האָדעס און ש. דזשוליען. משה בירשטיין גיט אויך אָן די פאָלגנדיקע נעמען פון די גרינדער פון פּועלי ציון פאַראיין: פרידמאַן, ראָזענשפּיר, מאַנסטער, חברה מאַנסאָן (בעסי קראָניק) און זיין (משה בירשטיינס) ברודער.

מ׳האָט געדונגען אַ צימער אויף 98 אַלבערט סטריט און מ׳האָט אָנגעהויבן פירן רעגולערע פאַרזאַמלונגען. א. ז. סילווערמאַן דערציילט, אַז ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר (קאָרעספּאָנדענץ און פינאַנצן), און ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז דעם ווינטער פון 1911־1912, ווען ער האָט פאַרלאָזן טאָראָנטאָ. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך געדינט אַלס פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, אָדער אַלס צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן ש. שאַפּיראָ, ש. פּערסיקאָף, א. נאָוויק.

אין טאָראָנטאָ האָט זיך, פּאַרשטייט זיך, אויך אָנגעהויבן דער וויכוח צווישן די „פּאַלעסטינצעס” און „טעריטאָריאַליסטן”. ביי אַ פאַרזאַמלונג דעם 15טן אָקטאָבער, 1915, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פאַראיין בלייבט אַ פּאַלעסטינישער אָבער מען זאָל ניט אויסשליסן אַזעלכע חברים טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זענען ניט קעגן פּאַלעסטינע. אין פאַראיין איז פאַרבליבן, לויט חבר מ. בירשטיין, איין ס. ט. חבר פרידמאַן, וועלכער פלעגט אַלעמאָל קלאַפּן אין טיש און שרייען „דאָס פאָלק וויל ברויט און איר גיט אים ראָמאַנטיק”. אגב פלעגט ש. שניאור פון מאָנטרעאַל, ווען ער איז נאָך געווען אַ חבר פון די ס. ט., אויך נוצן דעם דאָזיקן אויסדרוק.

זיי האָבן געבראַכט דר. אַבערסאָן פון ניו יאָרק פאַר דריי לעקציעס. דעם 9טן נאָוועמבער זענען פאָרגעקומען צוויי פאַרזאַמלונגען, וואו אבערסאָן האָט גערעדט אויף די טעמען „ציוניזם און סאָציאַליזם” און „די רוסישע רעוואָלוציע און די אידן פראַגע”. דעם 7טן יאַנואַר, 1906, האָט מען ביי אַ מיטינג באַשלאָסן צו ראַפּלען פּרצ׳עס שריפטן לטובת דער פּועלי ציון־ביבליאָטעק. מ׳האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דעם מאָנטרעאַלער פאַראיין וועגן ברענגען מאַדאַם בעלאַ פּעווזנער.

ס׳איז, ווייזט אויס, אין דעם טאָראָנטער פּועלי ציון־פאַראיין געווען גאָר אַ קליינע צאָל ס .ט. און ווען ס׳איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין די לעצטע מאָנאַטן פון 1905, איז קיין ס. ט. פאַראיין ניט געגרינדעט געוואָרן. ביי דער ערשטער ס. ט. קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18טן אָקטאָבער, 1906, אין באָסטאָן, איז באַריכטעט געוואָרן אַז „אָן ס. ט. פאַראיין עקזיסטירט אין טאָראָנטאָ צוויי חדשים. דער צווייג איז געגרינדעט געוואָרן דורך שטענדיקער קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם אָקציאָנס קאָמיטעט און אַ חבר, וועלכער האָט זיך געפונען אין יענעם געגענט... באַשטייט איצט פון 25 חברים”...

אָנפאַנג 1907, האָט חבר אַפּלבוים באַזוכט דעם פּועלי ציון־פאַראיין. שפּעטער אין דעם זעלבן יאָר איז טאָראָנטאָ ווידער באַזוכט געוואָרן פון דר. באַכראַך פון מאָנטרעאַל. אין יענעם יאָר האָבן שוין די חברים אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָפּהאַלטן „אָפּן־עיר”־מיטינגען און דער פּרעסטיזש פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן וואַקסן. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אין אָקטאָבער פון דעם זעלבן יאָר געהאַלטן, אַז דער טאָראָנטער פּועלי ציון־פאַראיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן [16].

אין 1908 האָט דער פאַראיין שוין אָנגעהויבן אָפּהאַלטן מיטינגען אין ציון אינסטיטוט, 249 סימקאָ סטריט. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער מאָנטרעאַלער צייטונג, שרייבט חבר סילווערמאַן, אַז „צוליב די זומערדיקע מאָנאַטן און צוליב פאַרשידענע סיבות איז זיי ניט געלונגען אָנצוהאַלטן רעגולערע מיטינגען. איצט אָבער ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען יעדן זונטיק, 2 אַזייגער נאָך מיטאָג, מיט גוטע פאַרלעזונגען, לעקציעס און דעבאַטן איבער אידישע געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ליטעראַטור און צייט־פראַגן". ער לאָזט וויסן דאָס בעפאָר חנוכה וועלן די חברים מאַכן אַ הויז־ צו הויז־זאַמלונג פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און אַז דער פאַראיין גרייט זיך צו אַראַנזשירן „אַ חנוכה פעסט און ליטעראַרישן אָוונט מיט אַ פרייען בוך ראַפל" [17]). זיי האָבן אין יענעם יאָר זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו „העלפן ראַטעווען" שלום עליכם׳ן, וועלכער איז דאַן קראַנק געוואָרן.

פונקט ווי אין מאָנטרעאַל, האָט זיך אין טאָראָנטאָ באַלד אָנגעהויבן דאָס אָוועקפאָרן פון חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אַזוי ווי זיי זיינען געווען נעענטער צו צענטראַלע אַמעריקאַנער פונקטן, איז די אויסוואַנדערונג געווען אַ גרעסערע. יעדנפאַלס פון ווייטערדיקע באַריכטן אין די צייטונגען זעט מען, אַז דער פאַראיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַפילו די פאַראייניקונג־קאָנווענשאָן אין 1909 האָט ניט געהאַלטן קיין ס. ט.־חברים זיינען ניט אַריינגעקומען. די ס. ט. זיינען דאַן צעפאַלן געוואָרן אַלס אָרגאַניזירטע גרופּע.

ס׳וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אַרום יענער צייט, האָט חבר פּרוזשאַנסקי געשריבן צו חבר לבדי אין וויניפּעג, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אים געלאָזט וויסן, אַז דער פאַראיין אין טאָראָנטאָ עקזיסטירט פּאַקטיש ניט. אין אַן אַנדער בריוו פון חבר פּרוזשאַנסקי צו חבר לבדי זאָגט ער, אַז טאָ־ראָנטאָ ענטפערט ניט אויף זיינע (פּרוזשאַנסקי׳ס) בריוו און אַז ער וועט זיך ווענדן צו די חברים אין האַמילטאָן צו טאָן עפּעס אין טאָראָנטאָ. ביי דער זיצונג פון דעם גרעסערן צענטראַל־קאָמיטעט אין מערץ, 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז אין טאָראָנטאָ איז ביי די פּועלי ציון אַ פּאַסיווע שטימונג.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דר. י. גאָלדסטיק, געדרוקט אין „קענעדער אָדלער", ווערט איבערגעגעבן אַ קורצער איבערזיכט פון דער געשיכטע פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין. דער פאַראיין, דערציילט דר. גאָלדסטיק, האָט זיך געגרינ־דעט מיט 7־8 מיטגלידער. געווען אַ הייפעלע מענטשן, וואָס האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלט פאַר זייער אידעאַל. זיי האָבן געגעבן לעקטשורס, פאַר־שפּרייט ליטעראַטור, געזאַמלט געלט פאַר ציוניסטישע פאָנדן; „געבראַכט די גרעסטע אָפּפער פאַר זייער אָרגאַן ,דער קעמפער׳ ". אַ דאַנק זייער אומדערמידלע־כער אַרבעט האָט זיך דער פאַראיין אויפגעהאַלטן און אָפט זאָגאַר געווען דער־פּאָלגרייך ביי פיל אונטערנעמונגען. „דער פאַראיין איז געווען אין דער גלענ־צנדסטער לאַגע נאָך מאַדאַם פּעווזנערס באַזוך. פון אַ הייפעלע זיינען זיי גע־וואָרן 60 מעמבערס". דער ענטוזיאַזם איז אָבער אריבער, מיטגלידער האָבן אָנגע־הויבן אָפּפאַלן און דער פאַראיין איז געבליבן ביי דער זעלבער צאָל מיטגלידער וואָס פאַר מאַדאַם פּעווזנערס באַזוך; געהאַט אַ סך דורכפאַלן מיט זייערע אונ־טערנעמונגען; זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די האָפנונג ביי אַ געלעגנ־הייט ווידער אויפצולעבן דעם פאַראיין. דר. גאָלדסטיק האָט פאַרענדיקט זיין קאָ־

רעספאָנדענץ מיט אַ באַריכט פון אַ באַזוך וואָס חבר אָוורונין האָט געמאַכט אין טאָראָנטאָ נאָך דער 5טער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ „ניי לעבן ביי די חברים אין טאָראָנטאָ. דער פאַראיין האָט זיך פאַרגרעסערט און האָט שוין 15 מעמבערס... דער פאַראיין האָט זיך געהאַלטן פעסט, פול מיט האָפנונג" [18]).

אין אַפּריל, 1911, איז ווידעראַמאָל אָרגאַניזירט געוואָרן א ס. ט.־פאַר־איין אין טאָראָנטאָ. די צאָל פון די ס. ט.־חברים האָט זיך פאַרגרעסערט דורך אימיגראַציע. דער נייער פאַראיין איז געווען גאַנץ אַגרעסיוו און האָט אפילו צוגעצויגן אייניקע געוועזענע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן [19]). צו דער זעלבער צייט האָבן נאָך אייניקע פּועלי ציון חברים פאַרלאָזן די שטאָט. אין דעם ווינטער פון 1911—1912 האָט חבר א. ז. סילווערמאַן שוין אויך אָנגעהויבן זיך גרייטן אַוועקצופאָרן און דער פּועלי ציון־פאַראיין האָט זיך געהאַלטן ביים צעפאַלן.

אין האַמילטאָן האָט דאַן געוואוינט חבר פישל וואַלערשטיין. ער איז אַהין אָנגעקומען אַרום סעפּטעמבער, 1911. ער איז אין האַמילטאָן שוין געוואָרן אַן איבערצייגטער פּועלי ציון, אָבער אָפיציעל איז ער ניט געווען אָנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי. ער איז אין האַמילטאָן פאַרבליבן כמעט ביזן סוף נאָוועמבער, 1911, און האָט באַשלאָסן איבערפאָרן קיין טאָראָנטאָ. אָנקומענדיק אין טאָראָנטאָ האָט ער ניט געקענט זיך באַרויקן, זעענדיק אַז אין שטאָט זענען פאַראַן אַרום 30—40 גוטע חברים און קיין פּועלי ציון־פאַראיין איז ניטאָ. האָט ער אויסגעפונען זייערע אַד־רעסן און האָט זיי אַרויסגערופן צו אַ פאַרזאַמלונג און 20 חברים זענען געקומען.

ביי יענער פאַרזאַמלונג האָט חבר וואַלערשטיין אויפגעלעבט אָדער רעאָרגאַ־ניזירט דעם פאַראיין. אַזוי ווי חבר א. ז. סילווערמאַן האָט שוין ניט געקענט, אָדער ניט געוואָלט זיין סעקרעטאַר, איז חבר פישל וואַלערשטיין דערווײלט גע־וואָרן אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין. ער האָט אָבער לאַנג אין טאָראָנטאָ נישט גע־קאָנט פאַרבלייבן. נאָך דריי מאָנאַטן איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין האַמילטאָן. זייענדיק אין האַמילטאָן, פלעגט ער אָפט באַזוכן טאָראָנטאָ. ער איז געקומען קיין טאָראָנטאָ צו באַזעצן זיך אין 1919. נאָך חבר וואַלערשטיינס אַוועקפאָרן איז חבר ד. לאַפּידוס געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דעם פּועלי ציון פאַראיין. פון דער צייט ווען דער פאַראיין איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אויף אַ גרויסן פאַרנעם. אַזוי אַרום האָבן די קינדער־יאָרן, דער פעריאָד פון וואוקס און פאַרוואָרצלונג, וועלכער איז אגב געווען רייך אין טעטיקייטן — זיך פאַרענדיקט אין טאָראָנטאָ אין 1912.

פונקט ווי זייערע מאָנטרעאַלער חברים, האָבן די פּועלי ציון אין טאָראָנטאָ, זיך אַלעמאָל אָפּגערופן אויף אַלע פראַגן פון אידישן און אַרבעטער־לעבן אין זייער שטאָט. אויך זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן פּאָגראָמען, צוזאַמען מיט די ס. ט. האָבן זיי גערופן אַ קאָנפערענץ (ס'זיינען געקומען 37 אָרגאַניזאַציעס) צו פּראָ־טעסטירן קעגן ביילים־בלוט־בלבול [20]). אויך זיי האָבן גענומען שטעלונג ווען ס'איז געוואָרן אַ יקרות אויף פלייש און ברויט. ענינים פון כלל־ישראל האָבן אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג ביי זייערע פאַרזאַמלונגען. האָבן די מיסיאָנערן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט אין די אידישע קוואַרטאַלן, האָבן די פּועלי ציון געהאַנדלט קעגן זיי. די עלטערע חברים געדענקען נאָך ווי חבר חנא פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיט אַ גראַמאָפאָן צו שפּילן פונקט נעבן דעם אָרט, וואו דער מיסיאָנער האָט אָנ־

געפאַנגען זיין רעדע. די פּועלי ציון האָבן אויך אָנגעהויבן אָפּהאַלטן „אָפּן־עיר״־פאַרזאַמלונגען אַוועקצוציען דעם עולם פון די מיסיאָנערן־פאַרזאַמלונגען. ס׳זיינען אויך פאָרגעקומען געשלעגן ביז מ׳האָט די מיסיאָנערן פאַרטריבן פון דעם אי־דישן קוואַרטאַל.

דער פּעריאָד פון 1912 ביז 1915 איז געווען אַ פּעריאָד פון גרויס אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג. אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זיינען צוגעקומען אַ גרויסע צאָל חברים און חברות.

די יאָרן 1912—1914 זיינען געווען זייער פּרוכטבאַרע. אין מיטן 1913 האָט זיך דער פאַראיין ווידער רעאָרגאַניזירט און פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגע־הויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין דער באַוועגונג, נאָר אין דעם אידישן לעבן פון טאָראָנטאָ בכלל.

די יאָרן 1914—1920, דער דריטער פּעריאָד אין דער 15 יאָריקער געשיכט־טע פון דעם טאָראָנטער פּאַרטיי־פאַראיין — זיינען געווען אַ פּעריאָד ווען דער טאָראָנטאָר פאַראיין האָט אין פיל הינזיכטן דעריאָגט און איבערגעיאָגט דעם מאָנטרעאַלער פאַראיין. חברים אין טאָראָנטאָ זיינען געווען די ערשטע צו נעמען די איניציאַטיוו אין דער מלחמה־הילפס־אַרבעט; זיי זיינען געווען די ערשטע דורכצובורעכן די פעסטונגען פון „גענאָסן״ אין קאַנאַדע; זיי האָבן געמאַכט אַ ווירדיקן בייטראַג ביים צוזאַמענרופן דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס; זיי זיינען געוואָרן אַ פעסטונג־שטאָט פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דער פאַראיין האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. אין 1916 האָבן זיי געהאַט 80 חברים און אַ שטענדיקן לאָקאַל אויף 123 בעווערלי סט. סוף 1916, האָבן זיי געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל, אויף ספּאַדיינאַ, קאָרנער ענדרוס (פּועלי ציון און פאַרבאַנד אינסטיטוט). אין 1916 האָבן די פּועלי ציון גענומען די איני־ציאַטיוו צו אָרגאַניזירן די שלום עליכם־קאָנפערענץ און געהאָלפן צו שאַפן אַ היפּשע סומע פאַרן שלום עליכם פאָלקס־פאָנד. אין יאַנואַר, 1917, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך, לויט דער איניציאַטיוו פון חבר יהודה קויפמאַן, צו שאַפן אַן ענגליש־רעדנדיקע גרופּע פּועלי ציון. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 8 חברים. אַ טייל פון זיי האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (אין דעם נאָרדוי־קלוב). זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש ביי דעם צענטראַל קאָמיטעט דאָרט ווייטער צו בלייבן, אָבער דער צ. ק. האָט דאָס ניט דערלויבט.

אין 1918 איז אין טאָראָנטאָ אויך געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איניציאַ־טיוו פון דר. סעם הורוויץ, חיים פאַבריקאַנט (איצט אין שיקאַגאָ) און אַנדערע, אַ פּוע״צ קולטור־פאַראיין. דעם 15טן מערץ האָבן זיי אָפּגעהאַלטן זייער ערשטע פאַרזאַמלונג. אין דעם זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען די צווייטע און לעצטע פאַר־אייניקונג מיט די ס. ט. אַרום יענער צייט האָבן גראַדויִרט פון דער יוגנט אַ צאָל חברים און חברות. צווישן זיי זענען געווען חיים לאַנגער און איידאַ קראַקאָווער, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן פירנדיקע מענטשן אין דער באַוועגונג.

דער טאָראָנטער פּועלי ציון־פאַראיין איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם מאָנט־רעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין אין זיין פּראָפּאַגאַנדע, זעלבסט־דערציאונג און קולטור־אַרבעט, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן. זיי האָבן נאָך פאַר 1914 שוין פאַרמאָגט אַ צאָל אייגענע חברים וואָס האָבן געלייענט רעפעראַטן און אָנגעפירט

מיט דיסקוסיעס. אברהם ריינוויין האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער פּאַרטיי נאָך אין 1916—1917 און פלעגט אָפט לייענען לעקציעס ביי פּאַרטיי־פאַרזאַמלונ־גען. די ס. ט. אין טאָראָנטאָ האָבן נאָך אין אָנפאַנג מאַי, 1917, געשטימט פאַר פּאַלעסטינע [21]). אויסער דעם פלעגן די פועלי ציון ברענגען פון ניו יאָרק אַלס געסט די פירנדיקע חברים פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד. חבר יהודה קויפמאַן פון מאָנטרעאל איז געווען אַן אָפטער באַזוכער און געגעבן סעריעס פון לעקציעס. טאָראָנטאָ איז אויך באַזוכט געוואָרן פון די ארץ ישראל־חברים: זרובבל, בן גוריון, אַלעכסנדר כאַשין. אין 1914 האָט מאָנטרעאל באַזוכט ש. קאַפּלאַנסקי און אין 1915 איז צו זיי אויך געקומען בער באָראָכאָוו.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די ערשטע סעקרעטאָרן פון דעם פאַראיין. אויסער זיי זענען אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט געווען סעקרעטאָרן די חברים אליעזר פרענקל, מ. קרעמער, ל. ראָזענבערג און אַנדערע.

## וויניפּעג

פון אַלע גרעסערע שטעט אין קאַנאַדע איז וויניפּעג געווען די לעצטע שטאָט, וואו ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פועלי ציון.

י. א. טשערניאַק שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז אין אָנהויב 1905, איז אין דער „ראַדיקאַלער" גאַס אין וויניפּעג געווען אַ קליינע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך גערופן „ראַדיקאַלע ביבליאָטעק". די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1904 פון ס. ד., ס. ר. און אַנאַרכיסטן. אַרום דער ביבליאָטעק האָבן זיך גרופּירט אַלע ראַדיקאַלן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, געוועזענע בונדיסטן, אַנאַרכיסטן און אַ בן יחיד, אַ פועלי ציון. דער לעצטער „האָט גע־דאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן אויסצוהאַלטן דעם סאַרקאַזם און די גרינגשע־צונג וואָס די איבעריקע חברים האָבן צו אים אַרויסגעוויזן" [22]). דער נאָמען פון דעם דאָזיקן חבר איז געווען יעקב פרידמאַן. ער איז אַריין אין דער ס. ט.־גרופּע און אין 1909 איז ער אַריבער צו די פועלי ציון.

אין 1906, מיט דעם אָנקומען פון נייע אימיגראַנטן, האָבן די דריי באַזונ־דערע ראַדיקאַלע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „ביבליאָטעק" געשאַפן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פאַראיין, אַ ס. ט. פאַראיין און אַ פועלי ציון־פאַראיין. די ס. ט. האָבן זיך אָרגאַניזירט אין יולי, 1906 מיט 5 חברים און אין דריי מאָנאַטן אַרום האָבן זיי געהאַט 35 חברים [23]). דער פועלי ציון־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון אהרן אָסאָווסקי. אַהרן אָסאָווסקי איז געקומען קיין וויניפּעג נאָך אין 1904.

חבר לבדי דערציילט אין זיינע זכרונות ווי אַזוי זיי האָבן געגרינדעט דעם פועלי ציון־פאַראיין: „אין דעם ,בני־ציון'־בית מדרש האָב איך זיך באַגעגענט מיט אהרן אָסאָווסקי'ן און מאיר ברעזקין. מיין ברודער זלמן זאַסלאַווסקי האָט מיך מיט זיי און אַנדערע ,בני ציון' באַקענט. ס'איז געווען אָסאָווסקי'ס געדאַנק און ענערגיע וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג אין די ,בני ציון' און דער גרינ־דונג פון דעם 1טן פועלי ציון־פאַראיין אין מערב־קאַנאַדע. ער האָט דערפילט, אַז

ער האָט נאָך צוויי פּראָספּעקטיווע חברים. האָט ער גערופן די ערשטע באַראַטונג, דינסטיק, נאָך שמחת תורה, דעם 17טן אָקטאָבער, 1906, אין הויז פון זיין שוואָגער איליושאַ דאַנער, 330 מאַניטאָבאַ עוו. סיי אָסאָווסקי, סיי דאַנער זיינען געווען שוואַרצע אַרבעטער ביי דער „קענעדיען פּאַסיפיק"־באַן־געזעלשאַפט. ס'זיינען געווען אַנוועזנד אהרון אָסאָווסקי, איליושאַ דאַנער, שלמה ציוקין, מאיר בערעזקין, פּנחס (פּיטער) צוואַנקין, ש. איטקין, און י. א. זאַסלאַווסקי־לבדי. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער גרינדונג, פּראָפּאַגאַנדע, ווערבירונג פון מיטגלידער, אַנשלוס צום צענטראַל־קאָמיטעט אין ניו יאָרק, וועגן באַציען מאָנטרעאָל, דינגען אַ לאָקאַל, צו טאָן דערציערישע אַרבעט, קולטורעלע אַרבעט, לעקציעס, שאַפן אַ ביבליאָטעק, אַ כאָר, דראַמאַטישע אָפּטיילונג א. א. וו. און צו דורכפירן די פּראָגראַם אין לויף פון דער צייט איינס נאָך איינס, לויט די מעגלעכקייטן"... אהרן אָסאָווסקי איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. ער איז געווען אַ דינאַמישער פירנדיקער חבר. באַלד נאָך דער גרינדונג פון דעם פאַראיין, האָט בעלאַ פּעוזנער באַזוכט וויניפּעג. זיי האָבן אַראַנזשירט פיר לעקציעס און האָבן פאַרשטאַרקט זייער השפעה [24]).

אין 1907 איז געוואָרן געגרינדעט די ערשטע פּועלי ציון ביבליאָטעק און אין 1908 אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואָס האָט אויסגעפירט „בר כוכבא", „חורבן ירושלים", „שולמית". אין די דאָזיקע אויפפירונגען האָבן זיך אויך באַטייליקט חברים און חברות פון דעם ס. ט.־פאַראיין. ס'האָט אויך עקזיסטירט אַ געזאַנג־פאַראיין.

די פּועלי ציון־חברים האָבן געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. ווען בעלאַ פּעוזנער איז צו זיי געקומען אין 1906, האָבן די קעגנער פון לינקס, איינשליסנדיק אויך די ס. ט.־חברים איר געשטערט, און זי האָט, ווי חבר לבדי שרייבט אין זיינע זכרונות, געחלשט אין מיטן פון איר לעקציע. מ'האָט זי אָפּגעמינטערט און זי האָט פאַרענדיקט איר לעקציע. נאָך בעלאַ פּעוזנער'ס באַזוך זיינען צו זיי געקומען לייענען לעקציעס חבר עפּלבוים, דר. באַכראַך, ד. אַבערסאָן. אין 1909 האָבן זיי מיט גרויס פּאַראַד אויפגענומען יעקב פרידמאַן, וועלכער איז צו זיי אַריבערגעגאַנגען פון דעם ס. ט־פאַראיין. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ירידה אין ביידע פאַראיינען. חברים האָבן אָנגעפאַנגען צעפאָרן זיך און ביידע, די ס. ט. און די פּועלי ציון־פאַראיינען זיינען געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

דער פּועלי ציון־פאַראיין האָט נאָך צו דעם אַלעמען פאַרלאָרן זיין סעקרעטאַר. אין 1909 זיינען פאָרגעקומען פעדעראַלע וואַלן. די קאַנאַדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען קעגן איינוואַנדערונג. אייניקע חברים, צווישן זיי אָסאָווסקי און לבדי, האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף שטיצן די ליבעראַלע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען פאַר אַריינלאָזן אימיגראַנטן. א. אָסאָווסקי האָט זיך טאַקע באַטייליקט אין די וואַלן פאַר דער ליבעראַלער פּאַרטיי און האָט צוליב דעם רעזיגנירט פון דער פּאַרטיי. דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין האָט איבערגענומען חבר לבדי, אָבער דער פאַראיין האָט קוים עקזיסטירט. דער ס. ט.־פאַראיין איז נאָך דער שיקאַגער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאַן, אין גאַנצן צעפאַלן געוואָרן.

אין אָקטאָבער, 1909, איז געקומען צו די פּועלי ציון אַב. גאָלדבערג. דאָס איז געווען נאָך דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאַן. ער האָט געהאַלטן דריי פאַר־

טראַגן: „די אידישע ליטעראַטור", „די רעוואָלוציע אין אָריענט אין פאַרבינדונג מיט דער אידן פראַגע", „די פאַרלאָרענע האָפנונג און די געביטענע שטרעמונגען אין דער אידישער גאַס". צו די פאָרטראַגן זיינען געקומען 650 צוהערער, אַ ריזיקער עולם פאַר יענער צייט. ס'האָט זיך דאַן געגרינדעט אַ נייער פועלי ציון־פאַראיין צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען די מיטגלידער פון דעם אַלטן פאַראיין. די צאָל מיטגלידער האָט דערגרייכט 20" [25]).

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַרבעט פאַר פאַרשיידענע פאָנדן און ספעציעל פאַר דער באַנייאונג פון דעם „קעמפער". „מ'האָט באַשלאָסן, אַז יעדער חבר דאַרף צאָלן 3 דאָלער אַ יאָר „מעמבערשיפ", קויפן דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן שקל, דעם פאַלעסטינע ביוראָ־שקל און אַבאָנירן דעם „אידישן קעמפער". דער וויניפיגער פאַראיין האָט דורך דעם „קענעדער אָדלער" געבעטן די מאָנטרעאָלער חברים צו שטעלן זיך מיט זיי אין פאַרבינדונג" [26]).

די אויפלעבונג וואָס איז געקומען סוף, 1909, האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער פאַראיין אָדער גרופע האָט צו דער צייט פון דער 5טער קאָנווענשאָן אין אָקטאָבער, 1910, כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. חבר עהרנרייך האָט דאַן געשריבן צו לבדי, אַז ער ווייס, אַז ער איז כמעט איינער אַליין, דאָך האָט ער אים געבעטן צו קומען צו דער קאָנווענשאָן. חבר לבדי איז געקומען מיט אַ פראַכט־צוג וואָס פירט בהמות. די „פאַסאַזשירן" אויף אַזעלכע באַנען פאָרן פריי, אָן אָפצאָל, און דאַרפן שוין גלייכצייטיק אַכטונג געבן אויף די בהמות, געבן זיי עסן און טרינקען. דער אופן ווי אַזוי לבדי איז אָנגעקומען אין מאָנטרעאָל האָט געמאַכט אַ רושם אויף אַלע דעלעגאַטן. חבר עהרנרייך דערמאָנט דאָס אין זיינע זכרונות [27]).

חבר לבדי איז סוף 1910, אַוועקגעפאָרן פון וויניפעג. די איבערגעבליבענע חברים האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט גאָרניט געטאָן צו רעאָרגאַניזירן דעם פאַראיין אָדער ווידער צונויפצוברענגען די איינצלנע חברים אין וויניפעג אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, און דער פועלי ציון־פאַראיין איז צעפאַלן געוואָרן. ס'איז פאַר א לאַנגע צייט גאָרניט געטאָן געוואָרן צו רעאָרגאַניזירן אָדער ווידער צוזאַמענברענגען די איינצלנע חברים אין וויניפעג אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן.

איינע פון די הויפט־שטערונגען איז געווען די גרינדונג סוף 1910, פון דעם „יוגנט פאַראיין" צו וועלכן מיר וועלן זיך שפעטער צוריקקערן. אייניקע חברים וואָס וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פועלי־ציון־פאַראיין, זענען אַריין אין דעם „יוגנט־פאַראיין". אין 1911, איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין פון ציוניסטישער יוגנט אונטערן נאָמען „צעירי ציון". דאָס איז געווען אַ פראָגרעסיווער פאַראיין, וואָס האָט זיך אָפגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג און ספאָרט און וואָס האָט שפעטער קאָאָפערירט מיט די פועלי ציון, אָבער ביז דער אויפלעבונג פון דעם פועלי ציון־פאַראיין האָט דער דאָזיקער פאַראיין אַריינגענומען אַ צאָל חברים וואָס זיינען אפשר געווען סימפאַטיש צו די פועלי ציון, און וואָס וואָלטן זיך דירעקט אָנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי, ווען אַ פאַרטיי־פאַראיין וואָלט עקזיסטירט.

אַ פיל גרעסערע שטערונג צו דער אויפלעבונג פון די פועלי ציון איז געווען דער ציוניסטישער פאַראיין „יונגע מכבייער". די לערער פון דער תלמוד תורה, צווישן זיי דר. י. פעלדמאַן, דר. גאָרעליק, מ. אווערבוך, זענען געווען צווישן די גרינדער און אָנפירער פון דיביידע פאַראיינען.

דער פאַראיין „יונגע מאַקאַבייער" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1913. ער

האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל חברים וואָס זיינען געווען פּועלי ציוניסטיש געשטימט. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען אַ ראַדיקאַלער פאַראיין וואָס האָט געשטיצט סטרייקערס, וואָס האָט אפילו אַראַנזשירט לעקציעס מיט דר. זשיטלאָווסקי. ער האָט אויך געזאַמלט געלט פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און דעם נאַציאָנאַל פאָנד. די פירנדיקע מיטגלידער זיינען געווען סעם גרין, י. סטייק, י. ערמאַן (בן־עזרא), קורצער, עדעלמאַן און אַנדערע. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז דער פאַראיין אויסגעוואַקסן צו 225 חברים.

לויט חבר משה פּייערמאַן האָט דער מכבייער־פאַראיין עקזיסטירט ביז יוני, 1918. אין 1917 זיינען געווען זייער טעטיק אין מכבייער־פאַראיין: מ. טשעקאוו, י. סטייק, ה. קורצער, עדעלמאַן און אַנדערע.

אין 1914 האָט חבר שלמה (בן) אברהם אָדער ווי מ'האָט אים שוין דאַן גערופן אייבראַמס, אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר דער אויפלעבונג פון די פּועלי ציון אין וויניפּעג. חבר אייבראַמס (באַטאשענאָוו) איז אָנגעקומען קיין וויניפּעג אין 1908 און איז נאָך אין אַלטן פאַראיין געווען אַ פירנדיקער חבר. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דיסקוסיע־גרופּן. אָנפאַנג 1915, האָט ער אָרגאַנזירט דעם פּועלי ציון זעלבסט־בילדונגס־פאַראיין. אים האָבן אַרויסגעהאָלפן חבר י. לבדי, וועלכער האָט זיך שוין דאַן צוריקגעקערט קיין וויניפּעג, אויך חבר און חברה מיינער, ש. קאַפּלאַן און אַנדערע. זיי האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענעמען, ווי חבר לבדי שרייבט אונז, די לויזע פעדעם פון דעם אַלטן צעפאַלענעם פאַראיין און אויך צוציען די ניט־לאַנג אָנגעקומענע סימפּאַטיקער.

אין אַ בריוו פון 4טן אַפּריל, 1915, האָט חבר לבדי געשריבן צו דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז זייער גרופּע עקזיסטירט שוין צוויי חדשים, זיי האָבן אָפּגעהאַלטן 11 מיטינגען און אַז זיי מאַכן זאַמלונגען פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד צוזאַמען מיט די צעירי ציון און יונגע מכבייער. לבדי איז געווען דער קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר, גלאם, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, סלאַבאָדקין, פינאַנץ־סעקרעטאַר, שערשאָוו, טרעזשורער. זיי האָבן געבעטן מ'זאָל זיי אָנשליסן אין דער באַוועגונג.

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט נאָכגעגעבן חבר לבדי'ס פאַרלאַנג און דער פּועלי ציון זעלבסט בילדונג־פאַראיין איז אין אַפּריל, 1915, געוואָרן אַן אונטערקענטער פּאַרטיי־פאַראיין. אייניקע אַנדערע חברים האָבן ביסלעכווייז זיך אָנגעשלאָסן אין דעם נייעם פאַראיין. צווישן זיי חבר מאיר אָווערבוך, וואָס איז כמעט גלייך דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין, אַן אַמט, וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1919. דער פאַראיין האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דעם ציון־קאָונסיל פון וויניפּעג.

נאָך חבר בן צבי'ס באַזוך אין וויניפּעג, איז דער פאַראיין פאַרשטאַרקט געוואָרן. מיר געפינען אין דער לאָקאַלער צייטונג אַ באַריכט אַז „ער (בן צבי) האָט מיט זיינע שאַרפזיניקע און לעבנסדייטלעכע לעקטשורס געשאַפן אַ פולן מאַראַלישן אויך דערפאָלגרייכן געווינס פאַר אונזער פאַראיין... עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ טייל נייע מעמבערס, אויך אַלטע חברים" [28].

אין אַ באַגריסונג צו דער דריטער קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, שרייבט חבר אווערבוך, אַז אין וויניפּעגער פאַראיין האָבן זיך אין יענער צייט שוין געפונען 40 חברים [29]. פון אַ שפּעטערן באַריכט פון מ. אווערבוך, דערוויסן מיר זיך אַז אַלס רעזולטאַט פון זרובבל'ס באַזוך אין 1916, איז

אַריינגעקומען אַ נייער גייסט אין דעם פאַראיין. „די חברים זיינען געוואָרן מער סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיניק, ביז דאַן זיינען זיי געווען 99 פּראָצענט בירגער־לעכע ציוניסטן און 1 פּראָצענט סאָציאַליסטן. זרובבל האָט זיי דערמאָנט וועגן זייערע התחיבותן צו די יוניאָנס, און ,צו אַלע אַנדערע מינים גלות־אַרבעט׳. ער האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ ,חרם׳, מ׳זאָל אַרויסטרעטן פון ציון קאָונסיל און האָט זיי פאַרפליכטעט ענגער זיך צו פאַרבינדן מיט דער י. ל. פּרץ־שולע און מיט אַלע סאָציאַליסטישע מינים אַרבעטן, כאָטש פאַר פילע פון אונז זענען די אויפדעקונגען קיין נייעס ניט געווען“ [30]).

אין דעם זעלבן יאָר (1916) האָט דער וויניפּעגער פאַראיין געשאַפן 500 דאָלער פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד אין אַהויז־צו־הויז־זאַמלונג, אַ סומע וואָס קיין אַנדער פאַראיין אין קאַנאַדע האָט ביז צו יענער צייט ניט דערגרייכט אין איין זאַמלונג.

דאָס יאָר 1916 איז געווען אַ יאָר פול מיט אַקטיוויטעטן. דער פּוע״צ־פאַראיין האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ וועגן דעם שלום עליכם פאָלקס־פאָנד. ער האָט דורכגעפירט 14 עפנטלעכע לעקציעס און דיסקוסיעס. די חברים האָבן זיך נאָך פון פריער אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמה־הילפס־אַרבעט, אין דער אַרבעט פאַר דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין יענעם יאָר האָבן זיי אויך געגרינדעט דעם צווייג 20 פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און דער פּרעס־טיזש פון דעם פאַראיין און פון דער באַוועגונג איז געוואָרן זייער גרויס. אָנפאַנג סעפּטעמבער, 1917, האָבן זיך שוין געפונען 60 גוטשטייענדיקע חברים [31]). דאַן הויבט זיך אָן אַ נאָך גרעסערע אויפלעבונג — ס׳איז אַרויס די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע און מערב־קאַנאַדער אידן זענען עלעקטריזירט געוואָרן פון דער דאָזיקער געשעעניש.

אָנפאַנג דעצעמבער, 1917, איז דר. זשיטלאָווסקי געווען אין וויניפּעג — אין זיין פעסטונג־שטאָט. פאַר זיין אָפּפאָר פון וויניפּעג האָט ער גערופן דעם עולם צום „אידישיסטישן ציוניזם“ און האָט „רעקרוטירט פאַר דעם פּועלי ציון־פאַר־איין אייניקע פון די וויניפּיגער ס. ט. און גלות־נאַציאָנאַליסטן“ [32]). ס׳האָט זיך נאָך דעם אָנגעפאַנגען אין דער באַוועגונג עטוואָס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן אין קיין אַנדער שטאָט אין קאַנאַדע. די פירנדיקע חברים פון דעם פּרץ שול־פאַראיין, וועמענס נעמען ווערן דערמאָנט אין דעם איבערזיכט פון דער וויניפּיגער פּרץ־שול, האָבן אָנגעהויבן מאַסנוויז אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי. צווישן די וועלכע זענען דאַן אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענע כלל־טוער: י. א. טשערניאַק, י. העסטרין, י. פּערלמאַן, ב. שעפּס, מ. א. גרעי (גור אריה), מאַרקוס היימאַן, וו. קעלער און אַנדערע.

אָנפאַנג 1916, ווערט ב. שעפּס דער סעקרעטאַר פון דער רעגיסטראַציע, רעפערענדום און שקלים־קאַמפּיין פאַר וויניפּעג און גאַנץ מערב־קאַנאַדע. וו. קעלער ווערט קאַסירער, מ. א. גרעי, סעקרעטאַר פון דעם פּראָפּאַגאַנדע קאָ־מיטעט [33]). וויניפּעג און גאַנץ מערב־קאַנאַדע זיינען אויפגעשטורעמט געוואָרן מיט די אַקטיוויטעטן פון דער באַוועגונג. דער פאַראיין אין וויניפּעג האָט שוין געהאַט 144 חברים, פאַרקויפט 800 שקלים, מ׳איז אַרויס מיט אַ קאַמפּאַניע צו אָרגאַ־ניזירן חברים איבער דער פּראָווינץ א. א. וו.

אין מאַי, 1918, האָט זיך דער יונגער מכבייער פאַראיין צעטיילט אויף אַ

פרידלעכן אופן אין צוויי גרופּירונגען. די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען ווייטער געבליבן מכבייער, די פּועלי ציוניסטן, אָנגעפירט פון ס. גרין און י. סטיין האָבן זיך אָפּגעטיילט, זיך אַ נאָמען געגעבן „השחר" און אַוועקגעשיקט אַן אַפּליקאַציע צום צענטראַל קאָמיטעט זיי זאָלן אַריינגענומען ווערן אַלס חברים. זייער צאָל איז געווען 32. נאָך אַן אויסטויש פון קאָרעספּאָנדענץ, האָט זיך דער דאָזיקער פאַראיין קאָנסטיטואירט אַלס פּועלי ציון צוויג צוויי. חבר י. סטיין איז דערווײלט געוואָרן סעקרעטאַר פון דעם נייעם פאַראיין. אין פעברואַר, 1919, איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער סטודענטן פּועלי ציון־פאַראיין — „חרות".

אַזוי אַרום איז ביים אָנפאַנג פון 1920 געווען אין וויניפּעג אַ היפּשע צאָל אָרגאַניזירטע פאַרטיי־חברים מיט לעבעדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ וויכטיקן ביישטראַג צו דער באַוועגונג און צו דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין אַלגעמיין. הזורעים בדמעה ברינה יקצורו! זיי האָבן פיל געקעמפט און געליטן אין די פריערדיקע יאָרן, האָבן זיי דערפאַר דערלעבט צו זען אַ גרויסן אויפשטייג ביי דעם אָפּשלוס פון די ערשטע 15 יאָר פון דער באַוועגונג אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

# 2

# דער אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

## אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל

באַלד ווי חבר מ. בראַון האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף אין 1908 וועגן דער גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, איז געווען אַ גרופּע מאָנטרעאָלער חברים, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן זייער וואַרעם, כאָטש דער מאָנטרעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין איז אין יענער צייט געווען נוטה זיך אָנצושליסן אין דעם אָרדן „בני ציון" (די חברים פון דער דערמאָנטער גרופּע זענען געווען שפּעטער די גרינדער פון דעם 1טן פאַרבאַנד־צווייג אין מאָנטרעאָל). נאָך דעם פּאַרטיי־ראַט אין באָפאַלאָ, אין סעפּטעמבער, 1908, איז שוין דער ענין פאַרבאַנד געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג פון מאָנטרעאָלער פּאַרטיי־פאַראיין.

שבת אָוונט, דעם 22טן מאַי, 1909, האָט דער מאָנטרעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין „דערוויילט אַ קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן אַ צווייג פון פילאַדעלפיער נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד". אַזוי האָט באַריכטעט י. פּרוזשאַנסקי, דער סעקרעטאַר פון פאַראיין[1]. אין דעם באַריכט ווערט ניט דערציילט ווער עס זיינען געווען די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט. מיר זיינען זיך משער, אַז די חברים ל. מעלצער און ב. לאַכאָוויצקי זיינען געווען אין דעם קאָמיטעט, ווייל זיי זיינען געווען, ווי חבר לאַכאָוויצקי דערציילט, די ערשטע באַאַמטע פון דעם צווייג אין מאָנטרעאָל, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 8. ל. מעלצער איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער און ב. לאַכאָוויצקי דער ערשטער סעקרעטאַר.

אין קענעדער אָדלער" פון 22טן יולי איז דאָ אַ באַריכט, אַז מאָנטיק, דעם 19טן יולי איז געגרינדעט געוואָרן אַ צווייג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַז מען וועט אַריינעמען מיטגלידער ביז דעם 1טן אויגוסט אָן איינטריט־געלט... אין דער יובילײ־אויסגאַבע פון „קענעדער אָדלער" פון 6טן אויגוסט, 1915 ווערט געזאָגט, אַז דער צווייג 8 פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל איז געגרינדעט געוואָרן דעם 20טן יולי, 1909, דורך ל. מעלצער און ב. לאַכאָוויצקי. חבר לאַכאָוויצקי דערציילט, אַז אויסער אים און ל. מעלצער זיינען ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג אויך געווען י. כהן און גאָלובאָוו. י. כהן איז געווען דער ערשטער האָספּיטאַלער[2].

אַרום סוף יולי האָט די עקזעקוטיווע באַריכטעט אין דער פּרעסע, אַז ס'זיינען שוין פאַראַן 25 חברים פון וועלכע פופצן זיינען שוין עקזאַמינירט געוואָרן פון דעם דאָקטאָר[3]. לויט די דערינערונגען פון די חברים זיינען אויסער די דערמאָנטע חברים געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דעם צווייג 8, אויך די חברים ל. צוקער, וו. כייטמאַן, פּ. גאָלדמאַן, מ. בראָנשטיין, ס. סילווער[4] און וואַרשיינלעך י. פּרוזשאַנסקי. ביי אַ מיטינג דעם 12טן אויגוסט איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַדאַנקען די פּועלי ציון פאַר זייער אָרגאַניזירן דעם צווייג[5]. עט־

לעכע חדשים שפּעטער זיינען די ווייטערע באַריכטן אונטערגעשריבן געוואָרן פון דעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר א. מאַן.

אין נאָוועמבער, 1909, האָט דער צווייג פאַרלאַנגט פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע אָנצושטעלן אַן אָרגאַנייזער און באַווילן 25 דאָלער פאַר דעם צוועק. מ׳האָט אויך באַשלאָסן צו האָבן אָפטע פאַרזאַמלונגען. אין יוני, 1910, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד האָט שוין געציילט 60 חברים. אַלס דעלעגאַטן צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער זיינען דערווילט געוואָרן ל. מעלצער און י. פּרוזשאַנסקי [6]).

אין אויגוסט, 1910, האָט מען באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער הילפס־קאָנפערענץ און צו שטיצן דעם קלאָוקמאַכער־סטרייק אין ניו יאָרק מיט 5 דאָלאַר. מ׳האָט שוין דאַן אָנגעהויבן ריידן וועגן גרינדן נאָך אַ צווייג פון פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד־צווייג האָט אין סעפּטעמבער, 1910, געשיקט צוויי דעלעגאַטן צום מאָנטרעאַלער פּועלי ציון קאָנווענשאָן־קאָמיטעט צו העלפן אָרגאַנזירן די פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל. מ׳האָט אויך באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ פאַר די סטרייקנדיקע קלאָוקמאַכער. אין דער צייט פון דער קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון דעם פאַרבאַנד־צווייג, מיט דעם דאַמאָלסטיקן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, י. חייקין. אין 1911 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר מ. בראַון באַזוכט דעם צווייג.

דעם 1טן יאַנואַר, 1912, איז געשטאָרבן חבר חיים שענקער, און דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט די ערשטע לויה.

אין פעברואַר, 1913, האָט דער צווייג געהאַט אַלס גאַסט ג. אוורונין, דעם פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. דעם 2טן יולי, 1913, האָט דער צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד גערופן אַ קאָנפערענץ צו שאַפן מיטלען צו „שטיצן דעם גרויסן סטרייק אין פּעטערסאָן" [7]). דעם 14טן דעצעמבער, 1913, זענען פאָרגעקומען וואַלן. דער ערשטער פּולער באַריכט אין דער פּרעסע וועגן די וואַלן גיט איבער, אַז ל. צוקער איז דערווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער; מ. בראַנשטיין, וויצע־פאָרזיצער; יעקב קאַץ, פינאַנץ־סעקרעטאַר; א. מאַן, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; אַראַנאָוו און גאָלדשמיד, אַדיטאָרס. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אויך דערווילט געוואָרן די חברים ברוידע, א. גאָלדמאַן, יעקב גאַרט, ב. ליוואי און מאָרדער [8]). דעם 10טן מאַי, 1914, האָט א. מאַן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער קאָנווענשאָן.

אין יוני, 1914, איז חבר מאיר בראַון ווידער געקומען אין מאָנטרעאַל. מ׳האָט אָפּגעהאַלטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינג. דעם 17טן יאַנואַר, 1915, זיינען פאָרגעקומען וואַלן. ל. צוקער איז ווידער דערווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער; י. קאַץ, פינאַנץ־סעקרעטאַר; י. שעכטער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר; א. מאַן, קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר; י. גאַרט אַלס האָספּיטאַלער. אַלס עקזעקוטיוו־מיטגלידער זיינען דערווילט געוואָרן ל. געלער, מ. בראַנשטיין, ב. חפץ [9]). דעם 13טן יוני, האָט מען באַשלאָסן זיך באַטייליקן אין די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. אַלס פאָרשטייער צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זיינען דערווילט געוואָרן די חברים אַראַנאָוו, עמנער און טאַלער. אַראַנאָוו איז אויך דערווילט געוואָרן אַלס קאָנווענשאָן־דעלעגאַט.

אין מערץ, 1915, האָט די פּועלי ציון־באַוועגונג צוגעטיילט דעם פאַרבאַנד דעם כבוד צו נעמען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן די אידן אין קאַנאַדע. דער

פאַרבאַנד האָט דאַמאָלסט צוזאַמענגערופן די ערשטע היסטאָרישע קאָנפערענץ ביי וועלכער ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער פאָלקס־פאַרבאַנד פון קאַנאַדער אידן, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין 1916 האָט דער צווייג רעקאָמענדירט צו דער קאָנגרעס־פאַר־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4טן יאַנואַר, אין טאָראָנטאָ, אַז קאַנאַדער אידן זאָלן אַראַנזשירן אַ אידישן הילפס־טאָג פאַר די מלחמה־לײַדנדע [10]). דעם 30טן אויגוסט, 1916, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז מ׳האָט דערוויילט יהודה ראָזענפעלד אַלס דעלעגאַט צו דער פאַרבאַנד קאָנווענשאָן אין דעטראָיט [11]).

דער צווייג 8, האָט אויך געטאָן קולטור־אַרבעט. מ׳האָט געהאַט פיל לעקציעס מיט לאָקאַלע חברים, ווי יהודה קויפמאַן און ש. שניאור. מ׳האָט אויך געהאַט לעקציעס מיט ניו יאָרקער חברים. אויסער די באַאַמטע פון פאַרבאַנד זיינען ביי דעם צווייג אויפגעטראָטן: ד. אַבערסאָן, דר. נ. סירקין, יואל ענטין און אַנדערע. אויסער זיינע פאַרבאַנד־אַרבעטן האָט דער צווייג זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פאַר שולן און אין אַלע אַנדערע אַקטיוויטעטן פון דער פאַרטיי און אין די זאַמלונגען פאַר מלחמה־קרבנות און א״י־פאָנדן.

די מאָנטרעאָלער פאַרטיי־און פאַרבאַנד־חברים האָבן אין די יאָרן 1909־1918 ניט געהאַט קיין מזל מיט דער גרינדונג פון נייע צווייגן פון פאַרבאַנד. אין 1911 איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ סירקין־צווייג פון פאַרבאַנד. מער ווי איין באַריכט פון דעם צייטווייליקן סעקרעטאַר ז.פּאשערסניק איז ניט געווען אין דער פרעסע וועגן דעם דאָזיקן פאַרזוך. אין 1911 איז אויך באַריכטעט געוואָרן אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ פינסקער פאַראיין, וואָס האָט געהאַט 25 מיטגלידער, ער האָט געפּלאַנט זיך אָנשליסן אין דעם פאַרבאַנד, אָבער ס׳איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

אין מערץ, 1912, האָט דער פינסקער פאַראיין, אונטער דער לייטונג פון ד. רובין, סעקרעטאַר און עקזעקוטיווע מיטגלידער ל. מעלצער, ד. ראַקאָוו, א. נייטן, ס. מירסקי און י. עפּשטיין געמאַכט אַ גאַר ערנסטן פאַרזוך צו גרינדן אַ נייעם פאַרבאַנד־צווייג. דער פאַראיין האָט שוין אַפילו געהאַט אַ נומער. ער איז גערופן געוואָרן צווייג 69 און האָט געמעלדעט וועגן זיין גרינדונג דעם 19טן מערץ, 1912. ער האָט געפייערט זיין אינסטאַלירונג ביי אַ קאָנצערט דעם 26טן מאַי, 1912. ס׳האָבן גערעדט לעאָן האַזאַנאָוויטש, ל. צוקער, ל. מעלצער [12]). דער צווייג איז אָבער קורץ נאָך דעם צעפאַלן געוואָרן. מער האָט מען פון אים ניט געהערט.

דעם 21טן דעצעמבער, 1916, האָט זיך געגרינדעט אַ נייער צווייג פון פאַרבאַנד, וועלכער איז באַקאַנט געוואָרן אַלס צווייג 109. שפּעטער האָט ער זיך אויך גערופן יהואש־צווייג. די אינסטאַלירונג איז געפייערט געוואָרן מיט ה. רויזענבלאַט אַלס גאַסט. די ערשטע באַאַמטע זיינען געווען: וו. סיראָטאַ, פאָרזיצער; פינעס, וויצע־פאָרזיצער; ד. שראַגא, פינאַנס־סעקרעטאַר; ש. זעלינגער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען חברה קאַץ, דזש. כהן (טאַרטשין), עסנער, י. חדש, סילווערמאַן. שפּעטער איז מ. פּעריל געוואָרן סעקרעטאַר. דער צווייג האָט עקזיסטירט עטוואָס מער פון אַנדערהאַלבן יאָר און האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאַלן. אָנפאַנג נאָוועמבער, 1917, האָט מען אָנגעפאַנגען פאַרהאַנדלען וועגן פאַראייניקן די איבערגעבליבענע מיט דעם צווייג 8.

יענעם ווינטער איז טאַקע פאַרגעקומען די פאַראייניקונג און דער נאָמען יהואָש איז צוגעגעבן געוואָרן צום צווייג 8.

אין 1919 האָט אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע — די קווין וויקטאָריא סאָ־סייעטי זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, אַלס דוד פינסקי צווייג, נומער 142. דאָס איז געווען אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון אַרום 150 מיטגלידער. קירצלעך נאָך זייער גרינדונג האָבן אַ צאָל מיטגלידער זיך אָפּגעטיילט פון דעם צווייג 142 און האָבן אָרגאַניזירט דעם דר. הערצל צווייג, נומער 144. דער דר. הערצל צווייג איז געווען זייער אַ טעטיקע אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך באַזונדערס אויס־געצייכנט מיט זיין אַרבעט פאַר דער „צייט", ווען דר. זשיטלאָווסקי איז געקו־מען שאַפן געלט און פאַר דער מאָנטרעאָלער פּרק־שולע. א. מאַרקאָוויטש איז געווען דער פאָרזיצער און מ. קאַפּלאַן איז געווען דער סעקרעטאַר.

## פאַרבאַנד־צווייגן אין טאָראָנטאָ

די ערשטע מעלדונג וועגן דעם אַז ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ צווייג פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ, איז דאָ אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון (דר) י. גאָלדסטיק אין „קענעדער אָדלער" פון דעם 4טן נאָוועמבער, 1910. דאָרט ווערט דערציילט, אַז דער פאַרבאַנד צווייג האָט זיך געגרינדעט אין סעפּטעמבער, 1910, ווען די שטאָט איז באַזוכט געוואָרן פון י. כייקין. ער האָט אויך געשריבן אַז די מיטגלידערשאַפט באַשטייט פון 12 חברים.

מיר געפינען אַ באַשטעטיקונג פון דער גרינדונג פון דעם ערשטן צווייג פון דעם פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ אין אַ בריוו פון חבר מ. בראַון צו חבר לבדי פון וויניפּעג, דאַטירט דעם 9טן סעפּטעמבער, 1910. חבר בראַון שרייבט: „היינטיקע וואָך זיינען צוגעקומען צוויי נייע פאַראיינען אין ניו יאָרק און טאָראָנטאָ". חבר א. ז. סילווערמאַן שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז זיי האָבן צוגעצויגן צו די חברים פּועלי ציון אַ גרופּע מענטשן נאָענט צו אונזערע אידייען. דער ערשטער פאָר־זיצער פון דעם געגרינדעטן פאַרבאַנד־צווייג איז געווען א. קאָהען פון ריטש־מאָנט סטריט. ביי אים אין הויז איז טאַקע פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג. דער ערשטער קאַסירער איז געווען י. פעדער פון סימקאָ סטריט, און דער ערשטער סעקרעטאַר א. ז. סילווערמאַן. דער ערשטער דאָקטאָר איז געווען דר. זינגער, דאַמאָלט איינער פון די צוויי אידישע דאָקטוירים אין שטאָט. חבר סילווערמאַן האָט אונז געשריבן, אַז די אַנדערע מיטגרינדער פון דעם פאַרבאַנד־צווייג זיינען געווען ל. הוטניק, ש. שאַפּיראָ, בראָדי, ל. הדס, האָלצמאַן, קאַנטאָר, פּערסי־קער, לייבעל, סילווערמאַן, לפידות, נאָוואַק און אַ פאָר אַנדערע. דער צווייג איז געווען באַוואוסט אַלס טאָראָנטער צווייג פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער איז אָבער נישט געוואַקסן. פאַרקערט, די לאַגע פון דעם צווייג איז געווען גאָר ניט קיין צופרידנשטעלנדע — און אַרום 1913 האָט ער קוים עק־זיסטירט. מ׳האָט דאַן געגרינדעט דעם ברענטש 62 און מ׳האָט אַריינגענומען די חברים וואָס זענען פאַרבליבן פון דעם צווייג. חבר ה. מ. קירשענבוים שרייבט אין דער „אידישער אַרבעטער שטימע", יאַנואַר 1923, אַז די גרינדער פון דעם ברענטש 72 זענען געווען די חברים מאַקס מענסאָן און ל. הדס. דער צווייג איז ניט גע־וואַקסן און האָט זיך געפונען אין פאַרגליווערטן צושטאַנד ביז דער באַפאַלער קאָנ־ווענשאַן, אין 1915.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די חברים פון דעם פּאַרטיי־פּאַראיין אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג פאַרן פּאַרבאַנד. די הויפּט־אָנפירער פון דער פאַרבאַנד־אַר־בעט זיינען געווען מאַקס מענסאָן, ל. הדס, הערבי אייזענשטאַט, ישראל פריימאַן, מ. סילווערבערג און מ. קרעמער. זיי זענען געווען אַנטשלאָסן אויפצובויען אַ גרויסן פאַרבאַנד און האָבן זיך מיט גרויס ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט [13]). אין אויגוסט, 1916, האָט שוין דער צווייג געהאַט 108 מיטגלידער [14]). די מערסטע חברים פון צווייג זיינען געווען חברים פון דער פּאַרטיי. די חברים זענען געווען אומצופרידן צו האָבן בלויז איין צווייג, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן צו גרינדן אַ צווייטן צווייג פון פאַרבאַנד. דעם ערשטן פאַרזוך האָבן געמאַכט אייניקע יונגע חברים וואָס האָבן געשטאַמט פון גאַליציע. צוליב דער מלחמה מיט עסטרייך, האָבן זיי זייער צווייג אַ נאָמען געגעבן שלום עליכם צווייג פון פאַרבאַנד און נישט עסטרייכער צווייג ווי ס׳וואָלט זיך זיי געוואָלט. זייער נומער איז געווען 49. פּאַקטיש איז דער נייער צווייג געגרינדעט געוואָרן פון צווייג 72. אַ צאָל חברים פון צווייג 72 זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין צווייג 49 אים צו באַפעסטיקן. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך דער צווייג 49 צוזאַמענגעגאָסן מיטן צווייג 72.

אין כמעט דער זעלבער צייט, וואָס דער צווייג 49 איז געגרינדעט געוואָרן, איז צום פאַרבאַנד צוגעשטאַנען נאָך אַן אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די פּראָ־גרעסיווע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1913 — די „פּוילישע יאָנג מענס סאָסייעטי". די אָרגאַניזאַציע האָט געטאָן גו־טע אַרבעט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אין טאָראָנטאָ, העלפנדיק אָרגאַני־זירן יוניאָנס, ספּעציעל די קלאָוקמאַכער.

אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען קעגן אי־דישן נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. ווען דער געדאַנק פון אָנשליסן זיך אין איינעם פון די עקזיסטירנדיקע אָרדנס איז רייף געוואָרן, איז פאָרגעקומען אַ קאַמף און די אָנהענגער פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן געזיגט. די חברים געטלער, באַגראַד, פישל וואַלערשטיין און קלמן וואַגנער האָבן געהאָלפן דעצידירן דעם קאַמף און די „סאָסייעטי" איז געוואָרן דער י. ל. פּרץ ברענטש 25 פון פאַרבאַנד. דער נייער צווייג האָט אין אַ קורצער צייט איבערגעשטיגן אין צאָל חברים דעם צווייג 72. אין 1917 איז פאָרגעזעצט געוואָרן די פאַרשטאַר־קונג פון דעם פאַרבאַנד. אין ברענטש 72 זיינען דערווילט געוואָרן מ. קרעמער אַלס פאַרזיצער, מ. קאָהן, וויצע־פאַרזיצער און אין דער עקזעקוטיווע זענען אַריין ב. שטריקמאַן, א. מיטשעל, ה. מ. קירשענבוים, סעם וויינבערג און לעווין [15]).

אין 1916 זענען שוין צו דער פערטער קאַנווענשאָן פון פאַרבאַנד געפאָרן דעלעגאַטן פון דריי צווייגן. זיי האָבן פאַרלאַנגט מ׳זאָל אָנשטעלן אַן אָרגאַנייזער, ספּעציעל פאַר קאַנאַדע. זיי האָבן אויך באַשלאָסן „צו נעמען די איניציאַטיוו פון גרינדן אַן עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפט צו רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג אין אַמעריקע" [16]). זיי האָבן דאָ געגרינדעט דעם טאָראָנטער פעדעראַטיוון אָדער שטאָט־קאָמיטעט. אין דעם זעלבן יאָר 1917, האָט זיך געגרינדעט אַ פערטער צווייג, דער ב. באָראָכאָוו־צווייג 124.

דער הויפּט־קרעדיט פאַר דער גרינדונג פון דעם באָראָכאָוו־צווייג קומט די ברידער שאַץ און אַנדערע חברים, וועלכע האָבן גראַדואירט פון פּועלי ציון

יוגנט־קלוב. דער געדאַנק צו גרינדן דעם צווייג האָט אַרויסגעבראַכט לואי שאַץ. ער און זיינע ברידער איבי און בעני זיינען געווען מיטגלידער פון צווייג 72. זיי זיינען געווען יונגע בחורים און האָבן געוואָלט אַריינברענגען אין פאַרבאַנד אַ אינגערן עלעמענט און פאַראייביקן דעם נאָמען פון בער באָראָכאָוו. בעני שאַץ איז געווען דער פאָרזיצער פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי געהאַט 18 חברים. דער שטאָט־קאָמיטעט אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן דער „פעדעראַטיווער קאָמיטעט", האָט זיך אַביסל געקווענקעלט, ער האָט בעסער געוואָלט פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיקע דריי צווייגן. ער האָט אָבער צוגעשטימט צו דער גרינדונג פון דעם 4טן צווייג. אין גאָר אַ קורצער צייט זענען זיי אינסטאַלירט געוואָרן דורך חבר מענסאָן, וועלכער האָט פאָרגעלייענט מאיר בראָונ׳ס טעלעגראַמע מיט דער האַרציקער ברכה: „זאָל דער נאָמען ,באָראָכאָוו׳ זיין אייער וועג ווייזער". די חברים ה. מ. קירשענבוים, ס. קרוגער און מ. קרעמער האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם צווייג [17]).

אין מאַי, 1916, האָט דער באָראָכאָוו צווייג דערוויילט זיינע באַאַמטע: א. גאָלדמאַן, פאָרזיצער; ב. שאַץ, פינאַנץ־ און קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר; פּ. שיפרין, טרעזשורער; י. קלאָגסבערג, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר; ס. אַקערמאַן, רעליף־סעקרעטאַר; ל. מעטפאַס, געהילפס־סעקרעטאַר. אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין ל. ווילנער, ס. אַקערמאַן, פּ. קאַהן, ל. שאַץ און א. שאַץ [18]).

דעם 13טן און 14טן יולי, 1918, איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרבאַנד־קאָנפערענץ פון טאָראָנטאָ. די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פון טש. ליבמאַן פון בר. 26, אַלס פאָרזיצער פון דער 1טער זיצונג איז דערוויילט געוואָרן מ. מענסאָן און אַלס סעקרעטאַר ב. שאַץ. דער פאָרזיצער פון דער צווייטער זיצונג איז געווען ה. מ. קירשענבוים און און פון דער דריטער זיצונג א. פריימאַן.

ס׳איז באַריכטעט געוואָרן, אַז די צאָל גוטשטייענדיקע פאַרבאַנד־חברים אין טאָראָנטאָ האָט שוין דערגריכט 365. דער האַמילטאָנער צווייג האָט באַריכטעט, אַז זיי האָבן 82 גוטשטייענדיקע מיטגלידער. ס׳איז אויך באַריכטעט געוואָרן וועגן דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון די פאַרבאַנד־צווייגן. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע אַרבעטן פון דער באַוועגונג. זיי האָבן געשאַפן 455 דאָלאַר פאַרן פיאָנערן־פאָנד און פאַרקויפט 1‎80 שערס פון דער „צייט".

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ דיסטריקט־קאָמיטעט. דער דיסטריקט־קאָמיטעט זאָל איבערנעמען די אויפזיכט איבער די צווייגן צו אָנפירן קאַמפּאַניעס פאַר מיטגלידער אין טאָראָנטאָ און זיך גלייך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַלע שטעטלעך אין אָנטעריאָ אויסצוגעפינען, וואו עס איז פאַראַן מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן פאַרבאַנד־צווייגן און גלייך שיקן חברים צו טאָן די אַרבעט.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט צו שאַפן אַ לאָקאַלע קאָנסטיטוציע ווי אויך אַ דיסטריקט־קאָנסטיטוציע.

עס זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן קולטורעלער אַרבעט, ליטעראַרישע אָוונטן, מאַנאַטלעכע לעקציעס מיט לאָקאַלע חברים, סיסטעמאַטישע קורסן, ווי אויך אַ לעקציע־טור מיט אַ ניו־יאָרקער חבר. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שטיצן אַלע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אינעם שולן־פאַרבאַנד, ווי אויך צו שאַפן אַ ספּעציעלע פאַרבאַנד־ביבליאָטעק און אַ

לייען־זאַל פאַר פאַרבאַנד־מיטגלידער. מ׳האָט באַשלאָסן אַז מ׳דאַרף שאַפן אַ ביכער־און טאַבאַק־פאָנד פאַר די לעגיאָנערן און אַז מען זאָל מאַכן פון דעם פאָנד אַ פאָלקס־באַוועגונג.

מ׳האָט אויסגעקליבן אַ דיסטריקט־קאָמיטעט מיט טש. ליבמאַן אַלס פאָרזיצער; ל. מ. קירשענבוים, סעקרעטאַר און שטיינהויז, קאַסירער. אַלס עקזעקוטיוו־מיטגלידער זענען דערווײַלט געוואָרן ב. שאַץ, זוסמאַן, ה. מ. קירשענבוים, העלער און מאַרקאָוויטש.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז דער דיסטריקט קאָמיטעט זאָל באַקומען אַ בודזשעט פון 15 דאָלער (!) פאַר זיין אַרבעט. ער זאָל דורכפירן אַ פינאַנציעלע אונטערנעמונג צו שאַפן צוגאָב־פאָנדן צו דערמעגלעכן אים אָנגיין מיט זיין אַרבעט. מ׳האָט צוגעזאָגט די שטיצע פון אַלע צוויגן, האַמילטאָן אַריינגערעכנט. די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן מיט דער „שבועה" און „התקוה" [19].

ווי ס׳איז צו זען פון דעם באַריכט, איז דער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט־אָרגאַניזירטער, ציל־באַוואוסטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה.

אין יוני, 1919, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע דיסטריקט קאָנפערענץ מיט מאיר בראון אַלס גאַסט פון דער קאָנפערענץ. אַ נייער דיסטריקט־קאָמיטעט איז דערווײַלט געוואָרן מיט ס. קרוגער אַלס פאָרזיצער; סעראַדזקי, קאַסירער; ה. מ. קירשענבוים, דיסטריקט־סעקרעטאַר; שעהר, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר [20]. אויסער זיי האָט יעדער צוויג געקראָגן דאָס רעכט צו דערווײַלן דריי פאָרשטייער צו דער עקזעקוטיווע. די קאָנפערענץ האָט באַנייט די פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יוניאָן־טעטיקייט און באַטאָנט אַז די פאַרבאַנד־צוויגן דאַרפן זיך אינטערעסירן מיט דער אויסהאַלטונג און גרינדונג פון אידישע פאָלקס־שולן לויט די אָנערקענטע פּרינציפּן פונם פאַרבאַנד. די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָרגאַניזירן בילדונגס־קורסן פאַר חברים און האָט באַגריסט מיט פרייד די גרינדונג פון דעם לערער־סעמינאַר. די קאָנפערענץ האָט באַגריסט דעם פּלאַן פון אַ פּרעווענטאַריום אין ארץ ישראל. זי האָט אויפגעפאָדערט די חברים צו באַטייליקן זיך אין דעם פרייהייט פאָנד־קאַמפּיין פון די פועלי ציון און אויך באַנייען און פאַרענדיקן די אַרבעט פאַר דעם פאַרבאַנד פּיאָנערן־פאָנד דורך וועלכן דער פאַרבאַנד זאָל קאָנען צוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַן אַרבעטער־היים אין ארץ־ישראל. די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן [21].

אין די יאָרן 1918, 1919, 1920 איז אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע אַרבעט צו פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער פון די צוויגן אין טאָראָנטאָ און צו גרינדן נייע צוויגן. צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ אין מאַי, 1921, איז דער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ געקומען מיט נייע צוויי צוויגן, דער הערצל צוויג 145, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1921, און דער ש. פרוג פּרויען־קלוב 4, געגרינדעט אין דעם זעלבן יאָר.

ס׳וועט זיין גענוג צו שליסן דעם איבערזיכט פון דער פאַרבאַנד־אַרבעט אין טאָראָנטאָ מיט דעם, אַז אין יענער צייט זענען די חברים געווען אַנטשלאָסן צו האָבן 1,000 פאַרבאַנד־מיטגלידער אין טאָראָנטאָ. ס׳האָט דאַן טאַקע אויסגעזען, אַז זיי הויבן זיך אָן צו דערנענטערן צו זייער ציל, אַ געוואַלטיקער אויפטו פאַר

אַזאַ שטאָט מיט אַזאַ אידישער באַפעלקערונג, אַ דערגרייכונג מיט וועלכער ניט פיל אַנדערע שטעט קענען זיך פאַרגלייכן.

## וויניפעג

דעם ערשטן פאַרזוך צו גרינדן אַ צווייג פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין וויניפעג איז געמאַכט געוואָרן פון חבר יעקב אַריה לבדי. ער איז געווען צווישן די ערשטע אָנהענגער פון פאַרבאַנד. צווישן די בריוו, וואָס חבר לבדי האָט אונז איבערגעגעבן, געפינען מיר אַ בריוו פון חבר מאיר בראון פון יוני, 1910, אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט „עס פרייט אונז זייער און זייער, וואָס איר גרינדעט אַ בראַנטש אין וויניפעג". אין סעפטעמבער האָט חבר בראון געענטפערט אויף לבדי'ס בקשה צו שיקן „אַן אַגיטאַטאָר", ער האָט אָבער געוואָלט וויסן וויפיל די וויניפעגער חברים „ווילן ספענדן" אויף רייזע־הוצאות. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו שיקן י. כייקין. „ער (כייקין) רעדט גאַנץ הייס, וואַרעם, אַ געוועזענער ס. ל. פ." מיט גרויס מי האָט מען צוזאַמענגענומען נאָך אַביסל חברים און מ'האָט דעם צווייג געגעבן דעם נומער 37. חבר לבדי איז אַוועקגעפאָרן פון וויניפעג סוף 1910, אויף כמעט פיר יאָר.

די פיר יאָר פון 1911 ביז כמעט דעם סוף פון 1914 זיינען געווען שווערע קריזיס־יאָרן פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין וויניפעג. אין פרילינג, 1915, איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן דער וויניפעגער פועלי ציון־פאַראיין און מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ פאַרבאַנד־צווייג. סוף, 1915, האָט מען געמאַכט עטלעכע אומגעלונגענע פאַרזוכן צו גרינדן אַ צווייג. אין אַפריל, 1916, האָט דער פאַרטיי־פאַראיין אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן דער פראַגע פון פאַרבאַנד, ביי וועלכער חבר מ. אַווערבוך האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג[22]. אין חודש מאַי איז דער צווייג געגרינדעט געוואָרן און האָט באַקומען דעם נאָמען: שלום עליכם צווייג 20. די וויניפעגער אידישע צייטונג האָט באַגריסט די גרינדונג פון פאַרבאַנד[23]. אין אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ וואַל־פאַרזאַמלונג. דער צייטווייליקער קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, „אַז אַלע מיטגלידער, אויסער 2 זענען אַנוועזנד". ס'זיינען דערווילט געוואָרן י. א. לבדי, סעקרעטאַר, ל. קאָמיסאַראָוו, פּראָטאָקאָל־און פינאַנץ־סעקרעטאַר; (דר) ה. גאַרעליק, האָספּיטעלער. מ'האָט באַשלאָסן צו האָבן פאַרזאַמלונגען יעדן ערשטן און דריטן מיטוואָך אין חודש און אַלע פאַרזאַמלונגען זאָלן זיין אין פּריוואַטע הייזער צו שפּאָרן הוצאות[24]. סוף סעפטעמבער האָבן זיי שוין געהאַט 25 חברים[25]. ביי אַ זיצונג דעם 15טן אָקטאָבער האָט מען באַשטימט אַלס חברים פון דער עקזעקוטיווע אב. לעווין, מ. מיינס, ש. קאַטשין און ח. איינדרוק[26].

אין לויף פון יאָר 1917 האָט דער פאַרבאַנד־צווייג געמאַכט ווייניק פאָרשריט, אָבער אין אַפריל, 1918, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג[27]. ס'האָבן אָנגעהויבן אַריין אין דעם צווייג גרויסע צאָלן פון די געוועזענע ס. ט.־חברים, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג בראַנטש 506. ס'האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינקומען אַנדערע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער פּרץ־שול. דער אַריינטריט אין פאַרבאַנד פון די חברים י. פּערלמאַן, י. א. טשערניאַק, יוסף העסטרין, ב. שעפּס, וו. קעלער, וואָס האָבן

געשפילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דעם עפנטלעכן לעבן פון וויניפּעג און מערב־קאַנאַדע בכלל, האָט פאַרשטאַרקט די באַוועגונג און האָט פאַראייניקט אַלע שאַפנדיקע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות אין דעם אידישן לעבן פון דעם ווייטן מערב.

מיט דער גרינדונג פון צווייג 20 פון פאַרבאַנד אין וויניפּעג, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נײַ קאַפּיטל אין דער באַוועגונג. דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין מאָנטרעאָל אין 1909, דורך דער פאַראייניקונג פון די ס. ט. מיט די פּועלי ציון, אָדער אין טאָראָנטאָ מיט דעם שנעלן וואוקס פון פאַרבאַנד, האָט איצט פּאַסירט אין וויניפּעג. פּאַקטיש, ניט קוקנדיק אויף די חלוקי־דעות וועגן אידיש און העברעאיש, האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען, לאַנג נאָך פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נאָך פאַר דער פאַראייניקונג, וואָס איז געקומען צוליב דעם אַלגעמיינעם אויפשטייג פון אידישע און אַרבעטער־האָפענונגען. די גרינדונג פון צווייג 20 האָט געהאָלפן דער באַוועגונג ניט נאָר אין לאָקאַלע אַרבעטן, נאָר אין אירע ווייטערע אונטערנעמונגען פון אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם, אין די אַלץ־אַרומנעמענדיקע טעטיקייטן אין קאַנאַדע, סיי אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, סיי אין דעם אידישן לעבן אין אַלגעמיין.

# די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג און די שולן אין קאַנאַדע

## ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע

אין זיינע זכרונות, וועגן דעם אָנפאַנג פון די שולן אין קאַנאַדע, שרייבט ה. נאָוואַק: „איך וויל דאָ פאַרריכטן דעם טעות, וועלכן אַ סך פון די שרייבער וועגן דער געשיכטע פון די אידישע שולן אין אַמעריקע, באַטאָנען, אַז די מאָנטרעאָלער פּרץ־שול איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַ אידישיסטישע, מחמת זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון די ס. ט. — עס איז נישט אַזוי" [1]). למען האמת וועלן מיר מוזן זיך אַריינלאָזן אין אייַנצלהייטן, כדי צו פאַרריכטן אויך אַנדערע טעותן, אום פעסטצושטעלן ווי ווייט מעגלעך די ראָלע פון דער באַוועגונג אין דער גרינדונג פון די ערשטע קאַנאַדער שולן, די דאַטעס פון זייער גרינדונג און זייער אַלגעמיינע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם שולוועזן אין קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער הויפּט־טעות אָדער אומפּינקטלעכקייט פון די זייער חשובע און פאַרדינסטפולע זכרונות־שרייבער אין דעם פּרץ שול־בוך (אַרויסגעגעבן צו דעם 25־יאָריקן יובילײ פון דער מאָנטרעאָלער פּרץ־שול אין 1938) איז, אַז די ערשטע מאָנטרעאָלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן פון יחידים. די דאָזיקע פאַרגרייזונג האָט, ווייזט אויס, געפירט צו דעם, אַז ש. ניגער זאָל שרייבן: „אין 1911 איז לויט דער איניציאַטיוו פון ה. נאָוואַק און אַנדערע, געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע—די מייל ענדער שול פון מאָנטרעאָל" [2]). ווער זענען געווען די „אַנדערע"? האָט טאַקע אַן 18 יאָריקער בחורל געקאָנט נעמען די איניציאַטיוו (נאָוואַק איז דאַן אַלט געווען בלויז 18 יאָר) צו גרינדן אַן אינסטיטוציע?... ה. נאָוואַק אַליין שרייבט וועגן דער ערשטער מייל ענד שול: „מסתמא געדענקען נאָך די עלטערע חברים, ווי גלייך נאָך דער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן אין 1910, האָבן מיר — אויף דער ווענדונג און איניציאַטיוו פון אַן אַלטן פרומען שניידער, אַ מיילענדער איינוואוינער, געגרינדעט אַ אידישע שול אין מייל ענד, אין קעלער פון דער דאָרטיקער פּועלי צדק שול. דער לערער איז געווען אַן אַמאָליקער פּועלי ציון־חבר, י. ציפּערשטיין. חבר ש. שניאור איז אפילו באַשטימט געוואָרן פאַר פּרינציפּאַל ואני הקטן, בין געווען דער סעקרעטאַר" [3]). קומט גאָר אויס, אַז די איניציאַטיוו איז געקומען פון אַן אַלטן פרומען שניידער.

אַזוי ווי אין דער פּראָווינץ קוויבעק שטייען די אַלגעמיינע שולן אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די קאַטאָליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן, וועלכע האָבן אויפגעבויט צוויי באַזונדערע שול־סיסטעמען, אין וועלכע ס'ווערט אויך געלערנט די קריסטלעכע רעליגיע, האָט די פראַגע פון שולן פאַר אידישע קינדער אַנ־

געהויבן אינטערעסירן אידישע איינוואוינער פון מאָנטרעאל פון פאַרשיידענע קרייזן פריער ווי אין אַנדערע שטעט. דערפאַר אפשר האָט דער באַשלוס פון דער פינפטער פועלי ציון־קאָנווענשאָן צו גרינדן אידישע שולן געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק אין מאָנטרעאל און ס׳זיינען געווען אויך יחידים, וואָס האָבן, ווען די צייט איז געקומען, צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן אין דער שול־אַרבעט.

דער באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן האָט זיכער געווירקט, אַז די מאָנטרעאַלער פאַרטיי־חברים זאָלן פילן, אַז זיי דאַרפן זיין די ערשטע אָנצופאַנגען עפּעס צו טאָן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע. מיט אומגעפער צוויי וואָכן שפּעטער, נאָך דער קאָנווענשאָן, איז דערשינען אויף דער ערשטער זייט פון דער לאָקאַלער צייטונג די פאָלגנדיקע ידיעה: „די היגע פּועלי ציוניסטן גייען גרינדן אַ שולע, וואָס וועט זיין די ערשטע אידישע ראַדי־קאַלע שולע אין מאָנטרעאל. זי וועט באַשטיין פון צוויי קלאַסן און אַנטהאַלטן 33 קינדער. די שולע וועט זיין אין מיילענד. עס איז שוין ערווילט געוואָרן אַ שול־באָארד און רומס זיינען געדונגען געוואָרן. נעקסטן דינסטיק אָונט וועט די סקול באָארד פון דער נייער שולע האָבן איר ערשטן מיטינג״[4]).

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז מר. עלמאַן אָדער האַלמאַן — אַן איינוואוינער פון מיילענד — אַ פאַרשטאָט פון מאָנטרעאל — איז געקומען צו די פּועלי ציון גלייך נאָך דער קאָנווענשאָן מיט אַ פאָרשלאַג, אַ ז זיי זאָלן דאָרט גרינדן די ערשטע שול. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז די ווענדונג אָדער פאָרשלאַג וועגן דער שול איז געקו־מען פון אים אָדער עמיצן אַנדערש אַלס פאָרשטייער פון דעם „פּועלי צדק״־פאַראיין, וואָס האָט זיך אַרום יענער צייט געגרינדעט אין מיילענד. ס׳איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דער מאָנטרעאלער פּועלי ציון־פאַראיין, אויסהערנדיק דעם קאָנווענשאָן־באַריכט פון זייערע דעלעגאַטן מ. ל. זאַק און י. פּרוזשאַנסקי — ש. שניאור איז אויך געווען אַ דעלעגאַט, ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ מאַנדאַט פון אַן אַנדער שטאָט — האָט אַליין באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקספּערימענט און גרינדן אַ שול אין דער מיילענד געגענט, וואו ס׳האָט זיך באַזעצט אַ היפּשע אידישע באַפעלקערונג. דאָרט איז נאָך דאַן ניט געווען אפילו קיין שולן. ליידער געדענקען די עלטערע מאָנטרעאלער חברים כמעט גאָר ניט וועגן דער מיילענדער שול. אגב, דער „פּועלי צדק״־פאַראיין האָט ערשט, אין 1913, אויפ־געבויט אַ שול און אַ תלמוד תורה אין מיילענד[5]). ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַרום יענער צייט (אין נאָוועמבער, 1910), איז דערשינען אַן אַרטיקל אין „קענעדער אָדלער״ פון א. ח. רובינשטיין פון מאָנטרעאל. ער האָט קאָמענטירט די שול־רעזאָלוציע פון דער פּועלי ציון־קאָנווענשאָן און האָט פאָר־געשלאָגן צו גרינדן „דענאָמינײשאָנאַל סקולס״, וואו מ׳לערנט אַלע לימודים, לויט דער רעגירונגס־פּראָגראַם און די אייגענע רעליגיעזע לימודים. מ׳האָט אַ רעכט אויך פאַר צוגאָב־לימודים נאָך די געוויינלעכע־שעה׳ן. ער האָט גע־שריבן: „אַזעלכע סקולס עקזיסטירן אין ענגלאַנד, ווערן אויסגעהאַלטן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און האָבן דעם בעסטן דערפאָלג״[6]). דאָס זיינען נישט קיין „פּאַראָקיאַל סקולס״ אָדער טאָג־שולן, ווי מיר פאַרשטייען עס.

דער באַשלוס פון דעם מאָנטרעאלער פאַראיין צו גרינדן די שול אין מיי־לענד האָט באַוועגט דעם „קענעדער אָדלער״ אַרויסצוקומען מיט אַ לייט־אַרטיקל,

קריטיקירנדיק די פּועלי ציון, וועלכע „גייען גרינדן אַ שולע, וואָס וועט זיין די ערשטע ראַדיקאַלע שולע אין מאָנטרעאַל" און האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַז „אַ שולע פאַר קינדער קען ניט זיין ראַדיקאַל, קאָנסערוואַטיוו, ליבעראַל אָדער סאָציאַליסטיש' "[7]. אָן ענלעכער לייט־אַרטיקל איז דערשינען אין „קענעדער אָדלער" מיט אַ טאָג שפּעטער. אַ לעזער פון דער צייטונג, וואָס איז, ווייזט אויס, אויך געווען אַ געגנער פון דעם פּועלי ציון־באַשלוס, האָט אַריינגעשיקט אַ בריוו אין דער רעדאַקציע און האָט פאָרגעשלאָגן: „זאָל די קאָמיטע פּרינטן צעטלען און זאָל עס געגעבן ווערן די קינדער אָדער באַזוכער און די עלטערן פון די קינדער אָדער די באַזוכער זאָלן ענטפערן, צי ווילן זיי העברעאיש, צי זשאַרגאָן, צי קאַרל מאַרקס א. א. וו. און דאַן זאָלט איר פאָרמירן קלאַסן"[8].

מער ווי אַ מאָנאַט נאָך דעם, זענען אין דער לאָקאַלער צייטונג ניט געווען קיין ידיעות וועגן דער מיילענדער שול. דעם 22טן יאַנואַר איז דערשינען אַ ידיעה אין „קענעדער אָדלער": „היינט אום 1 אוהר אָבענד וועט שטאַטפינדען די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער אידישער שולע אין מיילענד, די ערעפענונג וועט זיין מיט מוזיק. פאָלגנדע וועלן אַדרעסירן: מר. שניאור, ציפּערשטיין, מ. ל. זאַק, רובינשטיין און אַנדערע, איינטריט פריי. די וואָס ווילן אנוועזענד זיין זאָלן נעמען סט. לאָרענס קאַר, סטאָפּן נעבן סי. פּי. אַר. טרעקס. דאָרט וועט זיי ער־וואַרטן אַ קאָמיטע און אָפּפירן צום פּלאַץ".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער געפינען מיר אין דער לאָקאַלער צייטונג די פאָלגנדיקע באַשרייבונג פון דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער מיילענדער שולע: „די דערעפענונג פון דער ערשטער פּועלי ציון ראַדיקאַלער נאַציאָ־נאַלער שולע אין מיילענד איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. ש. שניאור, דער טשערמאַן פון דער סקול־באָארד, האָט דערעפנט דעם אָוונט און פאָרגעשטעלט מ. י. שקלאָווער אַלס טשערמאַן פון דעם אָוונט, וועלכער האָט נאָכדעם, ווי די מוזיק האָט געענדיקט שפּילן „התקוה", ערקלערט די אויפגאַבן פון דער שולע. זייער געלונגענע וואַרימע רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן פון מר. ציפּער־שטיין, א. רובינשטיין, ל. עלשטיין, ש. שניאור און מר. האַלמאַן פון די „פּועלי־צדק". אַן אַפּיל איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער שולע, וועלכער האָט אַריינגע־בראַכט 41 דאָלער. אונטער די טענער פון „התקוה" און די „שבועה" איז מיט גרויס באַגייסטערונג דער אָוונט געשלאָסן געוואָרן"[9]. מיט עטלעכע טעג שפּע־טער איז געמאָלדן געוואָרן אין „קענעדער אָדלער", אַז די געזאַמלטע סומע איז געווען 42.75 דאָלער.

פון דעם דאָזיקן באַריכט איז קלאָר, אַז די שול האָבן געגרינדעט די פּועלי ציון און ניט יחידים. אויסער מר. האַלמאַן, אָדער עלמאַן פון דעם פּועלי צדק־פאַראיין זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעדנער א. רובינשטיין, וועמענס אַר־טיקל מיר האָבן פריער דערמאָנט און וועלכער איז געווען פריינטלעך צו די פּועלי ציון, און ל. עלשטיין — אַן אַנאַרכיסט, וועלכער האָט אַרויסגעצייגט אַן אינטערעס צו דעם פּועלי ציון־באַשלוס צו גרינדן שולן. דאָס איינלאַדן אויך ניט־פּועלי־ציון אַלס רעדנער צו דעם יום טוב באַווייזט, אַז ביי דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער אַרבעט איז ביי די פּועלי ציון געווען קלאָר, אַז זיי וועלן מוזן אַריינציען אין דער באַוועגונג פאַר די שולן אַלע פריינטלעכע עלעמענטן, ווייל ס'וועט זיין צו שווער פאַר דער פּאַרטיי צו טראָגן דעם פינאַנציעלן יאָך

פון אויסהאַלטן די שולן, און ווייל די אַרבעט פאַר די שולן איז באַטראַכט געוואָרן אלס א פאָלקס־ארבעט, אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט און ניט בלויז אַ פּאַרטיי־זאַך.

די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער מאָנטרעאָלער מיילענדער שולע איז געווען דעם 22טן יאַנואַר, 1911. די שול איז אָבער דערעפנט געוואָרן פריער. ש. ניגער אין זיין בוך „אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג", ציטירט ל. מעל־צערס אַן אַרטיקל (אין „אונזער שול", פעברואַר, 1934, ז. 43), אַז די מיילענדער שול האָט זיך דערעפנט דעם 20טן דעצעמבער, 1910. די עלטערע פּאַרטיי־חברים, ווי שוין געזאָגט, געדענקען ניט קיינע איינצלהייטן אָדער דאַטן. מיר האָבן געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט חבר יעקב ציפּערשטיין, וועלכער איז גע־ווען פּרינציפּאַל און לערער פון דער שול. ליידער האָט ער אויך פיל זאַכן פאַרגעסן. אָבער פון דעם שמועס וועלכן מיר גיבן דאָ באַלד איבער, איז קלאָר, אַז די מיילענדער שול איז ניט דערעפנט געוואָרן פאַר דעם 10טן דעצעמבער, 1910, דעם טאָג ווען ס'איז דערעפנט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו יאָרק. די מאָנטרעאָלער מיילענדער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול איז דערפאַר ניט די ערשטע שול אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זי איז אָבער געווען די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע.

יעקב ציפּערשטיין איז, ווי ער געדענקט, אָנגעקומען אין קאַנאַדע, אין דעצעמבער, 1910 — אַ פּאָר טעג פאַר ניי־יאָר. דאָס איז געווען זיין צווייט אָנקומען קיין קאַנאַדע. צום ערשטן מאָל איז ער אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין 1904. אין 1906 איז ער אַריין אין דעם מאָנטרעאָלער פּועלי ציון־פאַראיין. אין 1907 איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ווען ער איז אָנגעקומען סוף דעצעמבער, 1910, איז ער געקומען צו דעם פאַראיין און איז גלייך איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן דער פּרינציפּאַל און לערער פון דער מיילענד שול. דער פאַקט, וואָס ער דערמאָנט, אַז ער איז אָנגעקומען עטלעכע טעג פאַר ניי־יאָר, מאַכט אונז גלויבן, אַז די קלאַסן זענען דערעפנט געוואָרן אָנפאַנג יאַנואַר, 1911 אָדער אין די סאַמע לעצטע טעג פון דעצעמבער, 1910.

וועגן דער אָפיציעלער פייערונג פון דער דערעפענונג פון דער שול דער־ציילט ער, אַז די חברים האָבן אַזוי געמאַכט, אַז די צייט פון דער דערעפענונג זאָל פאַרקומען אין אַ זאַל, וואו עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ חתונה. זיינען די מחותנים פון דער חתונה און די קלעזמער אריבער פון זייער זאָל אין דעם אַנדערן זאַל, וואו עס איז פאַרגעקומען די פּועלי ציון־שמחה. ה. נאַוואַק דער־מאָנט אַז דאָס איז געווען אין „עפּעס אַן איירישן שעמראָק האָל אין מייעלענד" [10]). אַזוי אַרום ווערט דערקלערט פאַר וואָס די פּועלי ציון האָבן זיך געקאָנט פאַר־גינען צו האָבן מוזיק ביי דער פאַרזאַמלונג.

די קלאַסן פון דער שול זענען, לויט חבר ציפּערשטיין, ניט געהאַלטן גע־וואָרן אין דעם קעלער פון דער אָרטיקער פּועלי צדק, נאָר אין אַ הויז, וואו עס זענען געווען עטלעכע צימערן. ווי מ'זאָגט אונז, איז די הויז געווען אויף מאַזארט סטריט. ציפּערשטיין געדענקט ניט צי די הויז איז געדונגען געוואָרן פון די פּועלי ציון אָדער פון דעם פּועלי צדק־פאַראיין. אפשר האָבן זיי דאָרט געדאַוונט, ער געדענקט ניט וועגן דעם. יעדנפאַלס אַ פּועלי צדק־שול צום

דאַוונען איז, ווי שוין דערמאָנט, ערשט אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1913־1914.

אין דער שול זענען, לויט חבר ציפּערשטיין, געווען 20 קינדער, איינגע־טיילט אין 2 קלאַסן. איין קלאַס פון אָנפאַנגער, אַ צווייטער קלאַס האָט געהאַט קינדער, וועלכע האָבן שוין יאָ געקענט עפּעס. קיין לערן־ביכער האָט ער נישט געהאַט. ער פלעגט לערנען העברעאיש און אידיש. אייניקע קינדער האָבן גע־צאָלט שכר לימוד. די שול האָט אָנגעהאַלטן ביז מען האָט אויפגעגעסן דאָס געלט. ער פלעגט לערנען פון 4 ביז 6 נאָך מיטאָג יעדן טאָג און זיין געהאַלט איז געווען פון 10 ביז 15 דאָלאַר אַ מאָנאַט. ווען עס איז מער נישט געווען קיין געלט, האָט זיך די שול געשלאָסן. דאָס איז געווען נאָך פּסח פון יענעם יאָר. ער געדענקט, אַז באַלד נאָך דעם איז ער אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאָל און האָט זיך באַזעצט אין דזשאָליעט. מיר ווילן דערביי פאַרריכטן די אינפאָרמאַ־ציע וואָס מיר האָבן געגעבן אין דעם פאַרבאַנד סואוועניר בוך (געדרוקט אין מאָנטרעאָל, אין 1930), אַז די מיילענדער שול האָט עקזיסטירט אַרום 10 חדשים און אַז מ׳האָט דאָרט געלערנט דריי מאָל אַ וואָך. די שול האָט עקזיסטירט פינף אָדער זעקס מאָנאַטן און געלערנט האָט מען דאָרט, ווי חבר ציפּערשטיין זאָגט, יעדן טאָג.

וועגן מר. האַלמאַן אָדער מר. עלמאַן פון דער פּועלי צדק־שול, דער־ציילט חבר ציפּערשטיין, אַז ער האָט געוואוינט אין אמהערסט פּאַרק, וואָס גרעניצט זיך מיט מיילענד. ער פלעגט קומען מאַכן דעם איווון יעדן טאָג. ער האָט געהאַט אַ גרויסע באָרד, איז געווען אַ פרומער איד און געזוכט, ווייזט אויס, אַ תיקון. ביי אים איז די שולע געווען אַ חדר און ער פלעגט יעדן טאָג האָבן טענות צו ציפּערשטיינען פאַרוואָס ער פלעגט לערנען אָן אַ היטל. חבר נאָוואַק דערמאָנט טאַקע אין זיינע זכרונות די פראַגע פון לערנען מיט אַ היטל אָדער אָן אַ היטל.

חבר ציפּערשטיין געדענקט ניט די נעמען פון די באַאַמטע פון דער שול. ער זאָגט, אַז קיינער פון די חברים איז אים ניט געקומען באַזוכן. דער איינציקער, וועלכער איז אַמאָל יאָ געקומען אים זען איז געווען ל. מעלצער. וו. כייטמאַן באַשטעטיקט דאָס אין זיין אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון דער פּרץ שולע". ער שרייבט אַז די מיילענדער שולע האָט „ניט אַרויסגערופן גענוג אינטערעס אין די היגע אינטעליגענטע קרייזן, צוליב דעם, ווייל זי איז געווען ווייט פון דעם אידישן צענטער"[11]).

## מאָנטרעאָלער פּרץ־שול

נאָך איידער די ערשטע קאַנאַדער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין מיי־לענד האָט זיך געשלאָסן, האָבן די מאָנטרעאָלער פּועלי ציון פאַרהאַנדלט די פראַגע פון גרינדן אַ שול אין צענטער פון שטאָט, אין דער אידישער געגנט פון דאַון־טאַון. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן ביי יענעם מיטינג, אַז מען זאָל מאַכן אַן אַנקעטע צווישן עלטערן, אָנפרעגנדיק זיי צי ווילן זיי אידיש אָדער העברע־איש; אָדער ביידע זאַכן; וואָס איז זייער מיינונג וועגן רעליגיע אין שולן א. א. וו. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַ דריי־סענטיקן סטעמפּ צו פאַר־

קויפן און דער פּראָפּיט זאָל גיין פאַר דער שול. דער שול־קאָמיטעט, וועלכער איז דאַן באַשטימט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון ש. שניאור, טשערמאַן און טרעזשורער; ל. מעלצער, סעקרעטאַר; און ר. פאַשערסטניק, פינאַנץ־סעקרעטאַר [12]).

אין יענעם זומער פון 1911 איז די פראַגע פון דער שול נישט אַרונטער־געגאַנגען פון דער טאָג־אָרדנונג פון דעם פּאַרטיי־פאַראיין. מען האָט זיך איבערצייגט, אַז אַ שול אויסהאַלטן איז נישט קיין לייכטער ענין און אַז דער פּאַרטיי־פאַראיין אַליין קען נישט שאַפן די מיטלען צו דעקן דעם בודזשעט. נאָך מער, מען האָט פאַרשטאַנען, אַז גלייך אָנפאַנגען מיט אַ נאָכמיטאָג־שול איז אוממעגלעך און מען זאָל דערווייל אָנהאַלטן קלאַסן שבת און זונטיק. אין „קענעדער אָדלער" פון 6טן נאָוועמבער, 1911, געפינען מיר אַ מעלדונג, אַז דעם 8טן נאָוועמבער וועט אין 478 סט. טשאַרלס ברום סט. פאָרקומען אַ קאָנפערענץ וועגן גרינדן „אַ אידישע פאָלקס־שול פאַר קינדער". ביי דער קאָנפערענץ וועלן זיין פאַרטראָטן די מאָנטרעאַלער פּועלי ציון, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און די פאָלקס צייטונג־געזעלשאַפט. אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ווי אויך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואָרן געבעטן צו שיקן זייערע סעקרעטאַרן אָדער דעלעגאַטן צום קומענדן מיטינג. מיר האָבן פון אַן אַלטער שטאָט־דירעקטאָרי אויסגעפונען, אַז 478 סט. טשאַרלס ברום איז געווען דאָס הויז פון ד. סייקין. ער איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער פאָלקס־מענטש און זייער פאַראינטערעסירט אין דער שול־פראַגע. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אָבער ניט געבראַכט צו ממשות׳דיקע רעזולטאַטן.

אין יוני, 1912, איז מאָנטרעאַל באַזוכט געוואָרן פון דעם סעקרעטאַר פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, ה. עהרנרייך, אין די אינטערעסן פון די פּועלי ציון און פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול [13]). אין דער „פאָלקס צייטונג" ווערט געזאָגט וועגן עהרנרייכס באַזוך, אַז ער „וועט פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן און וועט האַלטן אייניקע פאָרטראַגן, באַזונדערס איבער דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן". עהרנרייכס באַזוך האָט אַן צווייפל סטימולירט די חברים צו נעמען זיך ערנסט צו דער שול־אַרבעט, אָבער דער גענעראַל־סטרייק פון די מענער שניידער האָט געמאַכט אוממעגלעך מ׳זאָל קענען גלייך אָנהויבן פּראַקטישע אַרבעט.

די אַנטי־נאַציאָנאַליסטישע געגנאָסן האָבן זיך דערווייל דערשראָקן פאַר דער שול־באַוועגונג. די אַנאַרכיסטן האָבן באַשלאָסן צו האַנדלען געגן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול־באַוועגונג פון די פּועלי ציון און האָבן אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר אַ „ראַציאָנאַלע שול". אין דער „פאָלקס צייטונג" פון 12טן יולי, 1912, לייענען מיר אין איינע פון זייערע נאָטיצן: „מיר האָבן שוין פאַרבאַרייט אַביסל פינאַנס און מיר האָבן שוין אויך עטלעכע טיטשערס". די דאָזיקע „ראַציאָנאַלע שולע" האָט זיך געעפנט אין אויגוסט אָדער סעפּטעמבער און האָט עקזיסטירט אַלס אַ זונטיק־שול פאַר אַ יאָר מיט אַ האַלב און האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטערט דער אָרגאַניזירונג און אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול פון די פּועלי ציון און אַנדערע סאָציאַליסטן־נאַציאָנאַליסטן.

ענדלעך האָט זיך נאָך אַ צאָל קאָנפערענצן און זיצונגען געעפנט די נאַ־

ציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע דעם 18טן מאַי, 1913, אין לאָקאַל פון דער פּרעסער יוניאָן, פּרינץ אַרטור האַל, ווי אַ שבת און זונטיק־שול. דעם ערשטן טאָג האָבן זיך פאַרשריבן 15 קינדער. די שול איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. די ערשטע לערער זענען געווען ח״ח נאָוואַק, שלמה בערקאָוויטש, סלאָבאָדסקי און וו. כייט־מאַן. דער „קאַפּיטאַל״ מיט וועלכן מ׳איז צוגעטרעטן צו עפענען די שול איז באַשטאַנען פון 70 דאָלאַר. האָט מען באַצאָלט פאַר צוויי חדשים רענט און פאַרן איבעריקן געלט געקויפט אַ טאָוול און נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן. די לערער האָבן קיין געהאַלט ניט גענומען. די קינדער האָבן בלויז געשריבן אין די העפטן, ווייל קיין לייען־ביכער זיינען ניט געווען. מערסטנס האָט מען פאַרגעלייענט אָדער דערציילט מעשה׳לעך, די לערער האָבן געהאַט אַ טעקסט־בוך מיט דעם נאָמען „היהודיה״. אין דעם לאָקאַל איז די שול געווען איבער צוויי חדשים [14].

די שול איז דאַן צוגעמאַכט געוואָרן. דער לאָקאַל איז ניט געווען פּאַסיק און קיין געלט איז אויך ניט געווען. אָבער דאָס לערנען איז ניט אינגאַנצן איבערגע־ריסן געוואָרן. מען האָט אָפיציעל ניט געלערנט, מ׳האָט זיך אָבער „אָפט גע־טראָפן מיט די קינדער אויף די בערג וואו מ׳האָט מיט זיי פאַרבראַכט אין שפּילן, זינגען און פאַרלייענען אידישע ליטעראַטור״ [15].

ווען מ׳האָט געשאַפן אַביסל געלט און אויך געפונען אַ פּאַסיק הויז, איז אין „קענעדער אָדלער״ דערשינען אונטערן קעפּל „ערעפענונג פון אַ אידי־שער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע״ די פאָלגנדיקע מעלדונג: „דער נאַציאָ־נאַל ראַדיקאַלער שולע פאַראיין, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די „פּועלי ציון״, נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פּריוואַטע פּערזאָנען, האָט ביי דעם לעצטן מיטינג באַשלאָסן צוריק צו דער־עפענען די שול וועלכע איז נאָך אַ צוויי מאָנאַטנדיקער עקזיסטענץ געשלאָסן געוואָרן צוליב די הייסע זומער־מאָנאַטן. אַלע פאַרבארייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן, די שולע זאָל קענען דערפאָלגרייך עקזיסטירן. דער פאַראיין האָט די בעסטע אויסזיכטן פאַר דערפאָלג. די שולע וועט דערעפנט ווערן דעם 1טן סעפּטעמבער אויף 15 גילבאוט סט., צווישן פּרינץ אַרטור און פּיין עווענױ [16].

אין אַן אַנדער מעלדונג ווערט געזאָגט, אַז „אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַ־לער שול, וועט געלערנט ווערן די אידישע און העברעאישע שפּראַכן און ליי־טעראַטור, אידישע געשיכטע, געזאַנגען און אַלעס וואָס האָט אַ נאַציאָנאַל־מענטשלעכן ווערט פאַר דעם אידישן פאָלק. דער צוועק פון דער שול איז, ווי די גרינדער באַהויפּטן, „אויפצוהאַלטן די אידישע יוגנט פאַרן אידישן פאָלק, זיי פעיאיק צו מאַכן ווידערצושטיין די אַסימילאַציאָנס־שטרעבונגען און ענט־וויקלען אין זיי אַ העכערן געפיל פאַר אמת און יושר צו זייער אייגענער נאַ־ציאָן און צו דער גאַנצער מענטשהייט בכלל״ [17].

גלייך נאָך דער דערעפענונג פון דער שול איז געווען אַ הויז צו הויז־זאַמ־לונג. די מעלדונג וועגן דער דאָזיקער זאַמלונג האָט זיך געלייענט: „דיזען זונטיק וועט זיין אַ הויז צו הויז קאָלעקשאָן פאַר דער ערשט דערעפנטער נאַ־ציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. אין דער קאָלעקשאָן נעמען אנטייל די מאָנטרעאַלער פּועלי ציון, ברענטש 8 אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און אויך איי־ניקע פּריוואַטע מענטשן, סימפּאַטייזער פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול״ [18].

ווי מען קען זען פון די אויבן־דערמאָנטע פאַקטן, האָבן די אָפיציעלע אינ־

סטאַנצן פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג — דער פּאַרטיי־פּאַראיין און דער פּאַרבאַנד־צווייג — ניט נאָר געגומען די איניציאַטיוו אין דער גרינדונג פון דער מאַנטרע־אַלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול — שפּעטער י. ל. פּרץ־שול — נאָר אַז אפילו נאָך דער גרינדונג זענען אַלע פּרינציפּיעלע אָרגאַניזאַטאָרישע און פינאַנ־ציעלע פראַגן פאַרהאַנדלט און באַשלאָסן געוואָרן אויף די זיצונגען פון דעם פּועלי ציון־פּאַראיין.

דאָרט זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די שטעלונגען, דאָרט זענען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס צו די חברים ווי צו האַנדלען נאָך דעם ווי ס'איז שוין אָרגאַניזירט געוואָרן דער „אומפּאַרטייאישער" שול־פּאַראיין. דער שול־פּאַראיין, דערציילט וו. כייטמאַן, „האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין קאָנפערענץ פון אָר־גאַניזאַציעס און פיל פון די שול פּאַראיין־מיטגלידער האָבן געשפּילט די ראָל פון דעלעגאַטן... די דעלעגאַטן פלעגן, פאַרשטייט זיך, קומען מיט אינסטרוק־ציעס פון זייערע אָרגאַניזאַציעס צום שול־פּאַראיין" [19]). אגב, האָט דער פּועלי ציון־פּאַראיין און פאַרבאַנד געהאַט אָפיציעלע דעלעגאַטן ביי דעם שול־פּאַראיין.

ה. נאָוואַק זאָגט טאַקע אין זיינע זכרונות, אַז „די מאָנטרעאַלער ערשטע שול־גרינדער זיינען כמעט אַלע געוועזן מיטגלידער פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, אָבער אַ גרויסע צאָל פון זיי זענען אויך געוועזן הייסע אידישיסטן און איבער־געגעבענע אָנהענגער פון זשיטלאָווסקי'ס גלות־נאַציאָנאַליזם" [20]). דאָס וועט, אגב, פאַרריכטן אַ טעות וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ש. ניגערס בוך, אַז אין מאָנטרעאָל איז די שול „אָנגעהויבן געוואָרן אין 1913 פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן" [21]). דער פּאַראיין פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָט זיך פּאַראייניקט מיט די פּועלי ציון אין 1909 און קיין אַנדער ס. ט.־פּאַראיין האָט אין מאָנטרעאָל נאָך דעם ניט עקזיסטירט.

י. זיפּער, דער לאַנג־יאָריקער פּרינציפּאַל פון דער מאָנטרעאַלער פּרץ־שול, (מיט דעם אויסנאַם פון 4 יאָר אין וויניפּעג איז י. זיפּער פּרינציפּאַל פון דער פּרץ־שול זינט 1925), האָט זיך באַמיט צוזאַמענשטעלן דעם צעטל פון די ערשטע מיטגלידער פון דעם שול־פּאַראיין, אָדער ווי מ'איז זיך נוהג צו רופן זיי: די ערשטע גרינדער [22]). פון זיי זענען מ. בלעכמאַן, די שוועסטער בעלסאָן, י. חפץ, נח חפץ, וו. כייטמאַן, י. מאַלאַמוד, ה. נאָוואַק, אַ. פּרנס, י. פּרוזשאַנסקי, ל. צוקער, א. קאַמאַראָוו, ע. קאָרנבערגער, ש. שניאור און ש. שניידער געוועזן חברים און חברות פון דער פּאַרטיי. אברהם שניידער איז געוועזן אַ חבר פון פּאַרבאַנד. שלמה בערקאָוויטש איז געוועזן אַ געוועזענער חבר פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי. די איינציקע ניט פּאַרטיי־חברים און ניט־פּאַרבאַנד־חברים זענען געוועזן ד. סייקין, י. סלאַבאַדסקי און ב. סמאַל, אָבער ב. סמאָל איז געוועזן אַ גע־וועזענער חבר פון דעם אויפגעלייזטן ס. ט.־פּאַראיין און האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין פּאַרבאַנד.

אין דעם שול־פּאַראיין זענען געוועזן אָנגעשלאָסן אין דעם ווינטער פון 1913־1914 יהודה קויפמאַן און די אַלע פּועלי ציון־חברים, וועלכע זענען גע־וועזן פון די ערשטע נאָכצופאָלגן יהודה קויפמאַן, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם שול־פּאַראיין סוף אויגוסט, אָדער אָנפאַנג סעפּטעמבער, 1914. פּאַקטיש זיינען אויך זיי געוועזן צווישן די בויער פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול.

פיל אידעאַליזם און באַגייסטערונג איז אריינגעלעגט געוואָרן פון די לערער

און שול־טוער אין דער אַרבעט פון דער שול. נישט קוקנדיק אויף די פּרינ־ציפּיעלע חלוקי דעות, האָט די באַוועגונג אַלע מאָל דערמאָנט מיט דאַנק־באַרקייט די פּיאָנערן־אַרבעט פון די חברים הערשל נאַוואַק, וואָלף כייטמאַן, שלמה בערקאָוויטש און פּריינט י. סלאָבאָדסקי, די ערשטע פּרייוויליקע לערער פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. ווי חברים דערציילן, איז הערשל נאַ־וואַק צו ערשט געווען אַ שטילער, צוריקגעצויגענער בחור׳ל. אין דעם גענעראַל־סטרייק פון די מענער־שניידער אין 1912, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן זיינע ערשטע אַרויסטריטן און מ׳האָט באַלד באַמערקט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעּ־איקייטן, זיין רעדנער־טאַלאַנט און זיין פלאַמענדן אידעאַליזם. ער האָט זיך אַנט־וויקלט צו זיין אַ פירנדיקער חבר פון דער ערשטער מדרגה. ווען דער שול־פאַראיין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1912־1913, איז נאַוואַק גלייך דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר.

דער ענטוזיאַזם און אָפּטמאָל עקזאַלטירטע באַגייסטערונג פון די לערער און שול־טוער פאַר דער שול, די ליבע און טרייהייט צו די קינדער סיי מצד די לערער, סיי מצד די שול־טוער, האָבן דאַכט זיך, ניט געהאַט קיין גרעניץ. אַט ווי חבר וו. כייטמאַן באַשרייבט די געפילן פון די פרייוויליקע לערער: „אַלע זענען געווען שניידער. זיצט מען אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ און דער קאָפּ ליגט אין שול. דער שאַפּ איז די וואָך... די שול איז דער יום־טוב, די נשמה־יתירה. לויפט מען פאַרנאַכט גלייך פון שאַפּ אין שול אַריין מיט התלהבות, מיט אמת־חסידישן ברען... אַריבער די שוועל פון שול — איז פאַרגעסן דעם שאַפּ, פאַרגעסן אַלע פּריוואַטע אינטערעסן, מ׳איז אַריינגעטאָן אין איין זאַך: די שול! די קינדער! מיר האָבן פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן — אַ גאָרטן מיט לעבע־דיקע בלומען. מען דאַרף אים כאַליען, אָפּהיטן"...[23]).

דער ערשטער חנוכה־קאָנצערט פון דער שול איז פאָרגעקומען אין דעם ווינטער פון 1913־1914. וו. כייטמאַן שרייבט וועגן די איבערלעבונגען פון די לערער און שול־טוער ביי דעם דאָזיקן ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט: „די הערצער ביי די לערער ציטערן נאָך מער ווי ביי די קינדער. דער עולם איז באַ־גייסטערט. די קינדער הויבן זיך אָן פילן זיכערער, באַגייסטערט פון זייער דערפאָלג. איך גיי צו צו חבר ק. — ער וויינט. קען אַ וואָרט ניט אַרויסרעדן — וויינט פאַר שמחה"...[24]).

ביים סוף פון דעם יאָר 1913 איז אין דער שול שוין געווען אַרום 150 קינ־דער. מ׳האָט דאַן שוין געלערנט דריי מאָל אַ וואָך. אין נאָוועמבער האָט די שול אַנאָנסירט אָוונט־קורסן אויך פאַר דערוואַקסענע, וואו מ׳וועט לערנען אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע, ליטעראַטור א. א. וו.[25]). אין 1914 האָט מען אויף די אָוונט־קורסן אויך געלערנט אַריפמעטיק. וו. פינקעלשטיין האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן זיין אַמט אין דער שול. אין אַ באַריכט אין „קענעדער אָדלער" ווערט איבערגעגעבן אַז „די פועלי ציון האָבן דורכגעפירט זייער אַ שיינעם באַנקעט צו עהרע פון די לערער פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן"[26]). ה. נאַוואַק איז דאַן געוואָרן פּרינציפּאַל און האָט געטאָן זיין אַרבעט פרייוויליק, כמעט אַ יאָר צייט.

אָנפאַנג מאַי, 1914, האָט זיך די שול איבערגעקליבן אויף 1020 קעדזשו סטריט, און אין 1915 האָט זיך די שול איבערגעקליבן אויף 299 קאָלאָניאַל

עוועניו (לויט די דאַמאָלסטיקע נומערן). דאָרט איז די שול געבליבן ביז 1918, ווען מ'האָט געקויפט אַן אייגן הויז. ס'איז דאָן פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ „זיבן יאָריקער קורס" [27]. „די שול האָט נאָך אין 1913 געהאַט אַן איינגעשטעלטע פּרינציפּן־דערקלערונג און לערער־פּראָגראַם, הגם ניט קיין אָנגעשריבענע" [28]). לויט ה. נאָוואַק'ס דעראינערונגען זענען זיי געווען פאַרשריבן אין אַ פּראָטאָקאָל־בוך, נאָר ער האָט דעם פּראָטאָקאָל־בוך פאַרלוירן.

צוליב דער וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן דאָקומענט געבן מיר דאָ איבער דעם פולן טעקסט פון דער פּרינציפּן־דערקלערונג:

1) „אַלס נאַציאָנאַליסטן, אין דעם פּראָגרעסיוון דעמאָקראַטישן זין פון וואָרט, ווילן מיר אונזערע קינדער געבן אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל זיי פּאַקטיש צובינדן צו אונזער אידיש פאָלק, שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע און צו אַלע אונזערע אַנדערע פאָלקס־שאַפונגען.

„אַלס ראַדיקאַלן, ווילן מיר אונזערע קינדער געבן אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דעם פאָרטשריט, דער וויסנשאַפט און דעם פרייען געדאַנק און פאָרטגעשריטנסטער אנשויאונג פון געזעלשאַפטלעכן יושר און ליבע צו אַלע אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן" [29]).

וועגן דער לערן־פּראָגראַם ווערט דאָרט געזאָגט: „אונזער ערציאונגס־און לער־פּראָגראַם באַזירט זיך דאַרום אויף פאָלגנדיקע יסודות: א) אנערקענענדיק אידיש אַלס די לעבעדיקע שפּראַך פון דעם רוב פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, שטעלן מיר פעסט, אַז דאָס אידישע קינד דאַרף און זאָל באַקומען זיין ערציאונג און אונטעררריכט אין אונזער שול אין אידיש. ב) העברעאיש באַטראַכטן מיר אַלס העכערן לימוד אין דער אידישער עלעמענטאַר־שול און קאָן דאַרום געלערנט ווערן אין אונזער שול אַלס אַזעלכע מיט די קינדער פון די העכסטע קלאַסן, אויף וויפל עס איז נויטיק אַלס אַן ערגענצונג צו דער אידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג און איינפירונג צו דער אַלטער אידישער קולטור און וויסן. אַנמערקונג: העברעאיש קען געלערנט ווערן: עברית בעברית אָדער עברית באידיש. ג) באַטראַכטנדיק העברעאיש נאָר אַלס אַ העכערן לימוד, אַנערקענען מיר, אַז דיזער לימוד דאַרף נישט גערעכנט ווערן אַלס אַ חוב פון די קינדער פון די העכסטע קלאַסן נאָר אַלס רשות. ד) לערנענדיק אידישע געשיכטע נאָך די מאָדערנע פאָרשונגען און ביבל־קריטיק, שטעלן מיר זיך די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען ביי די קינדער אַ געזונטן ראַציאָנאַלן בליק אויף דער אידישער געשיכטע, אַריינגעמענדיק אויך די אידישע רעליגיאָן, באַטראַכטנדיק זי פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט" [30]). די אַנדערע דריי פּונקטן פון לערן־פּראָגראַם האָבן גערעדט וועגן באַקענען די קינדער מיטן אידישן פאָלקלאָר, פאָלקס־און אַרבעטער־לידער; אידישע יום־טובים און טרויער־טעג, און די אַלוועלטלעכע פרייהייטס־יום־טובים.

נאָך אין 1913 האָבן זיך אָנגעהויבן חלוקי־דעות אין דעם שול־פאַראיין וועגן די פּרינציפּן און לערן־פּראָגראַם פון דער שול. דער וויכוח איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער אומצופרידנקייט פון די פּועלי ציון. די צענטראַלע אינסטאַנצן פון די פּועלי ציון און פאַרבאַנד־שולן האָבן אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון גלייכבארעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש, און דאָ האָט מען אין דעם מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן שול־פאַראיין אָנגעהויבן באַטראַכטן העברעאיש אַלס אַ

„העכערן למוד״, „וואָס דאַרף אַפילו ניט גערעכנט ווערן אַלס חוב״. אויסער דעם זענען געווען חלוקי־דעות וועגן דעם אָרט פון ארץ־ישראל אין דער פּראָגראַם פון דער שול. אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער „בילדונגס־קאָמיטעט״ פון דעם פאַרבאַנד און פּועלי ציון שולן אין ניו יאָרק און די „שול־ביורא״ אין טאָ־ראָנטאָ צו וועלכער ס׳האָבן באַלאַנגט די אידישיסטישע שולן פון שיקאַגאָ און טאָראָנטאָ. דער סעקרעטאַר פון דער שול־ביוראָ איז געווען יוסף קאַמאַי. די מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן ניט אין „בילדונגס־קאָמיטעט״ און ניט אין „שול־ביוראָ״, אָבער די סימפּאַטיע פון די פירער פון דער מאָנטרעאַלער שול איז געווען מיט דער „שול ביוראָ״. זיי האָבן אפילו אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער „שול־ביוראָ״.

ווען דער „בילדונגס קאָמיטעט״ האָט אָנגעהויבן אין 1915, צו פּלאַנירן דעם צוזאַמענפאָר פון אַלע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, האָט נאַוואַק מיטגעטיילט, אַז מאָנטרעאַל וועט ניט זיין פאַרטראַטן ביי דעם צוזאַמענפאָר. ער האָט פאָר־געלייגט צו פאַראייניקן ביידע ריכטונגען און אַז אויפן צוזאַמענפאָר זאָל יעדע ריכטונג האָבן אַ רעכט אַרויסצושטעלן אַ רעפערענט. דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט.

אַזוי ווי די צאָל חברים פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין האָט זיך אין 1913־1914 געהאַלטן אין פאַרגרעסערן האָט זיך די צאָל פּועלי ציון־מיטגלידער פון דעם שול־פאַראיין אויך פאַרגרעסערט.

עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ ביטערער קאַמף פאַר דער פּראָגראַם פון לימודים אין דער שול, אַ קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון אידיש און העברעאיש און פאַר אנשלוס אין דעם „בילדונגס קאָמיטעט״. אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געשטאַנען יהודה קויפמאַן, וועלכער האָט באַווירקט די חברים פון דער באַוועגונג, פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. יהודה קויפמאַן איז אַריין אין דעם פּועלי ציון־פאַראיין אין האַרבסט, 1913. ער איז דאַן געווען אַ סטודענט אין מק׳גיל אוניווערזיטעט.

אין יוני, 1914, איז חבר עהרנרייך געקומען ספּעציעל קיין מאָנטרעאַל אויס־גלייכן, אויב מעגלעך, דעם סכסוך אַרום דער שול. דער פּאַרטיי־פאַראיין האָט באַשלאָסן, אַז די שול זאָל מער ניט שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער „שול־ביוראָ״. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אָננעמען אַ באַשלוס, אַז די שול זאָל זיך באַלד אָנשליסן אין דעם צענטראַלן שול־פאַרבאַנד. אַ צאָל חברים זענען געווען אויפגערעגט קעגן חבר דר. נ. סירקין פאַר זיינע אַרטיקלען קעגן אידיש אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״ און האָבן נישט געוואָלט אָננעמען אַ באַשלוס וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן. אַלץ וואָס די חברים האָבן גע־וואָלט נאָכגעבן איז געווען, אַז מ׳זאָל אָנהויבן לערנען העברעאיש פון דעם דריטן יאָר.

עהרנרייכ׳ס קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג, אַז מ׳זאָל אָננעמען דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן און, אַז די פראַגע ווען מען זאָל אָנהויבן לערנען העברעאיש זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַ פּעדאַגאָגישע קאָ־מיסיע, וואָס זאָל אויך פעסטשטעלן צי מען קאָן ניט אָנהויבן לערנען ביידע שפּראַכן גלייכצייטיק, — דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס איז אויך נישט אונטערשטיצט געוואָרן, אַלס אַן אויסגאַנג פון דער פראַגע, און כדי צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג,

האָט דער פּועלי ציון־פֿאַראיין באַשלאָסן צו פֿאָדערן, אַז דער שול־פֿאַראיין זאָל בלייבן אומאָפּהענגיק און אַז ער זאָל זיך פֿאַראייניקן מיטן „בילדונגס־קאָמיטעט" פֿעדעראַטיוו. חבר קאָרנבערגער האָט דאַן רעזיגנירט אַלס אָפֿיציעלער פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַרטיי צו דער שול [31].

אַרום יענער צייט זענען אין דער שול שוין געווען אַ גרויסע צאָל תּלמידים און תּלמידות. ביי אַ מיטינג פֿון שול־פֿאַראיין האָט דער „עדוקאַציאָנס־קאָמיטעט" באַריכטעט, אַז אין דער שול וועלן שוין זיין 13 קלאַסן, 10 אידישע און דריי העברעאישע [32].

דאָס וואָס איז ניט געלונגען חבר עהרנרייכן דורכצופֿירן אין יוני, איז אָנגענומען געוואָרן פֿון דעם פּאַרטיי־פֿאַראיין מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער. ביסלעכווייז האָבן די חברים פֿון דעם פּאַרטיי־פֿאַראיין אָנגענומען און אונטערגעוואָרפֿן זיך דער שטעלונג פֿון דעם צענטראַל קאָמיטעט און האָבן באַשלאָסן צו קעמפֿן אין דעם שול־פֿאַראיין פֿון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול פֿאַר אַ רעוויזיע פֿון דער פּרינציפּן־דערקלערונג און פּראָגראַם פֿון לימודים. אונטער יהודה קופּמאַנס השפּעה איז די צאָל סימפּאַטיקער פֿון די פּועלי ציון געוואָרן גרעסער און ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער שול־פֿאַראיין זאָל ענדערן זיין עקסטרעם־אידישיסטישן איינשטעל.

ה. נאָוואַק דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן די לעצטע פֿאַזן פֿון דעם ביטערן קאַמף: „דער צוויי שפּראַכיקער צד האָט דערווייל מאָביליזירט צו די מיטינגען די גאַנצע גרויסע מחנה פֿון פּאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער און ביי די ערשטע פֿול נאַכטיקע זיצונגען האָבן מיר, ד. ה. דער אידישיסטישער צד שוין געהאַט פֿאַרלאָרן פֿיל וויכטיקע פּרינציפּיעלע פּונקטן. ווערט דאָך ביטער. באַשליסט חברה צו מאַכן אַ גוט־צוגעגרייטע קאָנטר־אַטאַקע. מען פֿאַררופֿט ביי בעני סמאל אין הויז, ווייט הינטערן שטאָט, אַ געהיימע קאַקוס־פֿאַרזאַמלונג. מיר קריגן אַריין דורך דער וואָך ביז צו דער קומענדיקער מאַנטיקפֿאַרזאַמלונג פֿון שול־פֿאַראיין, צענדליקער נייע מיטגלידער. איך, ווי דער סעקרעטאַר, בין דאָך ממונה אויפֿן שטעמפּל און חבר־ביכלעך, איז הבה נתחכּמה. מיר פֿאַרשרייבן אונזערע אייגענע משפּחות, ברידער, שוועסטער, און שוועסטער־קינדער, לאַנדסלייט, מאַמעס און שוויגערס. מיר שלעפּן זיי אַלע צום לעצטן „אַנטשיידענעם" שלאַכט־מיטינג... דער פֿאָרזיצער... גיט אַ פּאַטש אין טישל, אונזערע עלטערע קעמפּער כאַפּן זיך אויף זעען ווי מיר שטימען, און זיי הויבן די הענט ווי די קינדער ווילן... די שול איז געראַטעוועט פֿאַר אירע בויער. די שול בלייבט אַ ריין־אידישיסטישע פֿעסטונג. דער צווייטער צד גרינדעט דאַן די פֿאָלקס שול"... [33].

דער פּועלי ציון־פֿאַראיין האָט נאָך דעם פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאָלגנדיקע דערקלערונג: „מיר, די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון, מאַכן באַקאַנט דאָס מאָנטרעאַלער פּובליקום, אַז מיר זענען ניט מער פֿאַרטראָטן אָפֿיציעל אין דער היגער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול". אונטערגעשריבן פֿון ב. חפץ, סעקרעטאַר [34]. דער פּועלי ציון־פֿאַראיין האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס צו גרינדן אַ פֿאָלקס־שול. אַזוי ווי די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט זיך דאַן געפֿונען אין דעם העכערן טייל פֿון שטאָט, האָט דער פֿאַראיין באַשלאָסן, אַז כדי צו אויסמיידן קאָנקורענץ זאָל די פֿאָלקס־שול געעפֿנט ווערן

אַ גרופּע ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן אין וויניפּעג אין 1907, בעת אַ באַזוך פון ברוך צוקערמאַן



אין דעם נידעריקערן טייל פון דער שטאָט. ווי חברים דערציילן איז אַ קאָ־מיטעט פון צען חברים דערוויילט געוואָרן פון דעם פּאַרטיי־פאַראיין דורכצו־פירן דעם דאָזיקן באַשלוס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט, אַז די חברים וואָס האָבן געשטימט אין דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן שול־פאַראיין קעגן די באַשלוסן פון דעם פּועלי־ציון־פאַראיין זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. אָבער דער פאַרלאַנג איז ניט דורכגעפירט געוואָרן און איז שנעל צוריקגעצויגן געוואָרן. אַרום 25־30 פּאַרטיי־און פאַרבאַנד־חברים זענען גע־בליבן מיט דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול און זענען פאַרבליבן דער רוקנביין פון דעם שול־פאַראיין און די אָנפירער פון דער גאַנצער אַרבעט. צווישן די פאַרבליבענע שול־חברים זענען געווען אַזעלכע פירנדיקע חברים ווי ל. צוקער, ה. נאָוואַק, וו. כייטמאַן, ש. שניאור, מ.בלעכמאַן, ב. לאַכאָוויצקי, ע. קאָרענבערגער א. א. ס'וואָלט געווען אַן אַבסורד דורכפירן די אויסשליסונג פון אַרום אַ דריטל פון דעם פאַראיין... ווי ווייט אונז איז באַקאַנט האָט דער צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד זיך קיינמאָל ניט צוריקגעצויגן פון דער נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלער שול. ה. נאָוואַק דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז מען האָט אים ביי איינעם פון די „הייסע מיטינגען" סוספּענדירט פון דעם פּאַר־טיי־פאַראיין. ווייניק חברים געדענקען עפּעס וועגן דעם און דאָס וואָס זיי גע־דענקען יאָ, איז ווידערשפּרעכנד. יעדנפאַלס דאָס איז געווען אַ ציטווייליקער ענין, דער באַשלוס איז שנעל אַנולירט געוואָרן און נאָוואַק האָט פאָרטגעזעצט צו דינען דער פּאַרטיי אַ סך יאָרן.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול איז גע־ווען זייער אינטערעסאַנט און די שול־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט נאָך מער איבערגעגעבנקייט ווי פריער. די שול איז געוואָרן אַ גרויסער קולטור־צענטער און האָט געשאַפן אַן אמתע אידישע קולטור־סביבה. די צאָל פון קינדער האָט געהאַלטן אין וואַקסן. ווען מ'האָט זיך איבערגעצויגן אין 1915 אין קאָלאָ־ניאַל עוועניו, האָט די צאָל קינדער, ווי חבר וו. כייטמאַן האָט אונז דערציילט, דערגרייכט 613. דער לערער־ראַט אין יענעם יאָר איז באַשטאַנען פון פאָלגנ־דיקע: ה. נאָוואַק, וו. כייטמאַן, שלמה בערקאָוויטש, י. סלאָבאָדסקי, כאַשע סלאַבאַדסקי, קערי וויטאַל, רבקה בעלסאָן, ג. פּערלמאַן, ג. אורוטיק און דער געזאַנג־לערער י. ראָזמאַרין. דער ערשטער געזאַנג לערער איז געווען בער־קאָוויסי.

מען האָט דאַן געצוואונגען ה. נאָוואַק, ער זאָל אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט און ווערן אַ באַצאָלטער פּרינציפּאַל. וו. כייטמאַן דערציילט אונז, אַז נאָוואַק פלעגט אַרומגיין און קלאָגן זיך, אַז ער באַרייסט די שול, ווייל ער נעמט 50 דאָלאַר אַ חודש שכירות... מ'האָט דאַן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צווינגען אויך אַנדערע חברים אויפצוגעבן זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין די שעפּער און ווערן באַצאָלטע לע־רער. ס'איז געווען אַ קרבן צו זיין אַ פרייוויליקער לערער. עס איז דאַן געווען נאָך אַ גרעסערער קרבן צו ווערן אַ באַצאָלטער לערער. עס זענען דאַן געווען מלחמה־יאָרן, אייניקע האָבן געקאָנט אין אַ שאָפּ פאַרדינען אַ מאָנאַט דריי אָדער פיל מאָל אַזויפיל ווי מ'האָט געקאָנט צאָלן אין דער שול, אָבער די 4 ערשטע פּיאָנערן זענען געווען אויך גרייט אויף דעם.

און ווען מיר רעדן פון די לערער מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז זיי זענען פריער קיינמאָל ניט געווען קיין לערער. נאָך מער מיט דער אויסנאַמע פון ווו. כייטמאַן האָבן זיי אַלע געקענט ווייניק העברעאיש אָדער אידיש. די יונגעלייט האָבן אויך פאַרמאָגט זייער ווייניק אַלגעמיינע בילדונג. ס׳איז דאַרום צו באַוואונדערן דעם אויסדויער און מוט פון די מענטשן. זיי האָבן געאַרבעט אויף זיך מיט אַלע כוחות, יומם ולילה צו קענען ווערן קוואַליפיצירטע לערער, זיי האָבן פאַר דעם אָפּגעגעבן זייער גאַנצע פרייע צייט און האָבן באַוויזן וואונדער. ווען יואל ענטין האָט אין אַפּריל, 1916, באַזוכט די שול האָט ער אין זיין באַריכט געזאָגט, „אַז די לערער זענען ניט פאַלקאַם, אָבער בכלל מאַכט די שול אַ גוטן איינדרוק". די לערער, דער גרעסטער צאָל פון זיי, האָט נאָך דעם לאַנג ניט גענומען צו ווערן פאַלקאָם און צו שטייגן אין זייערע דערגרייכונגען.

די פינאַנציעלע נויטן פון דער שול זענען אַלעמאָל געווען גרויס. שכר־לימוד און מיטגלידער־אָפּצאָל האָט ניט געקאָנט דעקן די הוצאות און מ׳האָט געמוזט מאַכן אונטערנעמונגען און זאַמלען ביישטייערונגען. מ׳האָט נאָך ניט געפירט קיין קאַמפּאַניעס. מ׳האָט אַלעמאָל געזאַמלט. און געזאַמלט האָבן ניט נאָר די שול־טוער, נאָר אויך די לערער. דער געטרייסטער „טים" איז געווען דער „נאָוואַק־צוקער טים". חבר ל. צוקער איז פון דעם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פון דער שול געווען און פאַרבליבן עד היום הזה דער געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער שול־טוער, איינער, וואָס האָט אַלעמאָל געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם הויפּט־יאָך און הויפּט־זאָרג פאַר דער אויסהאַלטונג פון דער שול.

נאָך דער שפּאַלטונג האָט די שול זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ. דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער צוויג, האָט אויף צולהכעיס די פּועלי ציון אָפיציעל אינדאָרסירט די שול, אָבער קיין ממשותדיקע הילף איז פון דעם ניט אַרויסגעקומען. זייער סאָציאַליסטישע „סאַנדיי סקול", וואו מ׳האָט געלערנט סאָציאַליזם אויף ענגליש האָבן זיי ניט אויפגעגעבן. סוף מאַי, 1915, צו דער צוויי יאָריקער עקזיסטענץ פון דער שול, איז ה. נאָוואַק אַרויסגעקומען אין נאָמען פון דעם שול־פאַראיין מיט אַ פּאַטעטישן אויפרוף צו „אידן, אַרבעטער" און אַפּעלירט צו זיי אויפנעמען פריינטלעך די קאָמיטעטן פון דער הויז צו הויז־זאַמלונג וואָס וועט פאָרקומען דעם 30טן מאַי.

אין אויגוסט, 1915, איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון 13 אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָט געבראַכט אַביסל פּרעסטיזש דער שול לגבי דער „קליינבירגערלעכער" פאָלקס שול, ווי די „גענאָסן" האָבן זי גערופן, אָבער די מאַטעריעלע הילף פון דער קאָנפערענץ איז געווען ניט גרויס.

אָנפאַנג 1916, האָט דער שול־קאָמיטעט, פריערדיקער „בילדונגס־קאָמיטעט" פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פּועלי ציון אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, פאַר דעם צווייטן שול־צוזאַמענפאָר. דער שול־פאַראיין פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע איז געווען קעגן באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענפאָר, סיידן די גרונט־פּרינציפּן וועלן דיסקוטירט ווערן, ווי עס האָט באַשלאָסן די שול אין טאָראָנטאָ, ספּעציעל, די פראַגע וועגן אידיש און העברעאיש. דער שול־פאַראיין איז דאָך געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר. דער פאַקט וואָס די מאָנטרעאַלער פאָלקס־שול האָט שוין עקזיסטירט און וואָס די הילף פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַנטוישנד, האָט אַן צווייפל געהאָלפן די פּועלי

ציון־חברים אין דעם שול־פאַראיין אויסצואווירקן אַז מ׳זאָל זיך באַטייליקן אין צוזאַמענפאָר.

אַזוי ווי דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען דעם קאָמפּראָמיס, אַז, כאָטש העברעאיש דאַרף געלערנט ווערן (דאַרף און ניט קען), מוז מען אָבער ניט אָנפאַנגען גלייך פון אָנפאַנג — זענען אַלע אידישיסטישע שולן פון קאַנאַדע געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם צענטראַלן שול־פאַרבאַנד. די „שול־ביורא״ אין טאָראָנטאָ איז דאַן צעפאַלן געוואָרן. דער צווייטער שול־צוזאַמענפאָר האָט ניט געבראַכט צו אַ דערנענטערונג פוןביידע טיפּן שולן אין מאָנטרעאַל, אָבער ס׳האָט זיכער געבראַכט צו אַ מער נאָרמאַלער באַציאונג אין דער שול־אַרבעט ביי חברים פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און ס׳איז אפילו געקומען אַ געלעגנהייט פאַר „געאייניקטע אַקציעס״.

אין אַ הויז צו הויז־זאַמלונג אין יוני, 1916, האָבן זיך די פּועלי ציון און פאַרבאַנד אָפיציעל באַטייליקט [35]). „צוויי שפּראַכיקע״ פּועלי ציון האָבן גערעדט ביי עפנטלעכע שול־מיטינגען צוזאַמען מיט „אידישיסטישע פּועלי ציון״ וועגן שולן. מ׳האָט זיך אויך געקליבן צו שיקן אַ געמיינשאַפטלעכן קאָמיטעט צו פאָדערן אַ חלק פון שחיטה־טעקס. אין יוני, 1916, האָט דער אידיש־רעדנדיקער אַלט־ניילאַנד ציוניסטישער פאַראיין גערופן אַ מאַסן־מיטינג צו באַקעמפן די אַרבעט פון די מיסיאָנערן אין דער אידישער געגנט. דאָרט האָבן אייניקע אָרטאָדאָקסישע רעדנער זיך באַמיט אַריינצושלעפּן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול און די פאָלקס־שול אין זייער אָנגריף אויף די קריסטלעכע מיסיאָנערן. זיי האָבן געגעבן דעם איינדרוק, אַז „מיר זענען איינס מיט די מיסיאָנערן״. זיי האָט געענטפערט פאַר ביידע שולן יהודה קויפמאַן [36]). די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך אָנגעברוגזט און אַלס פּראָטעסט האָבן זיי פאַרלאָזן דעם מיטינג.

דעם 5טן יולי, 1916, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קענעדער אָדלער״ אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע און פאָלקס־שולן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַ פאַרזאַמלונג פון „מאָנטרעאָלער פּראָמינענטע בעלי בתים, וואָס האָט שטאַטפונדן אין בהכ״נ עדת ישורון״. פאַקטיש איז דאָס געווען אַן אויפרוף צו די „ברידער און שוועסטער וועמענס עלטערן האָבן מקבל געווען די תורה אויף דעם באַרג סיני״ צו שטיצן „די רעליגיעזע תלמוד תורה, צו שיקן זייערע קינדער אין די רעליגיעזע תלמוד תורה׳ס און אַז זיי זאָלן ניט שיקן זייערע קינדער אין די שולן, וואו „אונזער הייליקע רעליגיאָן ווערט פאַראַכטעט און פאַרשפּאָטעט״.

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוקומען אין „קענעדער אָדלער״ מיט אַן ענטפער דעם 5טן יולי. אין דער דערקלערונג איז געווען אַן אויפקלערונג וועגן דער שול־באַוועגונג, אַ היפּש ביסל אַגיטאַציע, און אַן אָפּלייקענונג אַז די שול פּריידיקט און פּראַקטיצירט חילול הדת. די שול האָט אפילו געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן די אָרטאָדאָקסן אַז „מיר גלויבן אַז רעליגיאָן איז אַ פּריוואַט זאַך״, אַז מיר ווילן, אַז די קינדער ווען זיי וועלן אויסוואַקסן „זאָלן זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס״, און איז אַרויסגעקומען מיט אַ קעגן־באַשולדיקונג, אַז די היגע רבנים האָבן די שול גערודפט זייט איר גרינדונג און, אַז זיי האָבן פאַרגעסן, אַז רבנים דאַרפן „מאַכן אַ גרינטלעכע און אויפריכטיקע אויספאָרשונג איידער מ׳טרעט אַרויס מיט באַ־

שולדיקונגען״. מ׳האָט אויך געזאָגט די רבנים, אַז זיי דאַרפֿן וויסן אַז „זייער ראָל איז אויסגעשפּילט״.

דעם 30טן יולי איז געווען געדרוקט אַן ענטפֿער פֿון די רבנים, אַז זיי האָבן יאָ חוקר ודורש געווען... אַ בײַשפּיל „זייער קאָנוועגשאַן איז געווען אום יום טוב, איינער פֿון די פּראָטאָקאָלן איז געשריבן געוואָרן אום יום טוב״. „יום כּיפּור איז אויסגעשלאָסן פֿון די הייליקע טעג און דער ערשטער מאַי דאַרף יאָ ערקלערט ווערן פֿאַר אידישע קינדער אַלס יום טוב״ א. א. וו. די רבנים האָבן פּראָטעסטירט קעגן די שאַרפֿע אויסדרוקן אין דער דערקלערונג פֿון דער שול און פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער „דרך־ארץ, קינדערלעך״...

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט מער קיין דערקלערונגען ניט פֿאַרעפֿנט־לעכט. די פֿאָלקס שול האָט אין גאַנצן דעם קול קורא פֿון די רבנים איגנאָרירט און ניט אַרויסגעגעבן קיין שריפֿטלעכע דערקלערונגען. חבר פּרנס דערציילט, אַז „אונזערע חברים האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן, נאָר געענטפֿערט מיט אַ ריי מיטינגען, וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטערן פֿרייען הימל [36] א). ס׳איז איינינקע מאָל גע־שריבן געוואָרן, אַז ווען די שולן זענען אויפֿגעקומען האָבן די קאַנאַדער רבנים זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין חרם. דאָס איז אַ ביסל איבערגעטריבן. די רבנים האָבן קיינמאָל ניט דורכגעפֿירט קיין טראַדיציאָנעלן חרם אויף די שולן. זיי האָבן שאַרף אַגיטירט קעגן די שולן פּונקט ווי די שולן האָבן אַגיטירט קעגן די תלמוד־תורה׳ס. נאָך דעם 1916־אינצידענט האָבן זיך די געמיטער איינגעשטילט. די פֿאַר־אייניקונג אַרום דעם מלחמה־הילפֿס־אַרבעט און דעם קאַנאַדער אידישער קאָנ־גרעס האָבן געמאַכט צו פֿאַרגעסן די מחלוקה און ה. נאָוואַק און דער ראש פֿון מאָנטרעאַלער ועד הרבנים האָבן ווידער געקאָנט זיצן בײַ איין טיש און האַנדלען פֿאַראייניקט אין אַלגעמיינע אידישע ענינים.

אין די אויסגאַבן פֿון דער שול און אין דעם „קענעדער אָדלער״ האָבן מיר ליידער ניט געפֿונען קיין גענויע איפֿאָרמאַציע וועגן די לימודים, וועלכער אונזע־רע חברים האָבן דאַמאָלט איינגעשטעלט אין דער שול. מיר האָבן אָבער געפֿונען אַ באַריכט פֿון ה. נאָוואַק אין דעם מאָנטרעאַלער וואָכנבלאַט „דאָס פֿאָלק״, 27טן יולי, 1917, וועגן די עקזאַמענס וואָס זענען דערפֿאָלגרייך אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן דעם 22טן יוני און 8טן יולי, 1917, קלאַסן 2, 3, 4, און 7 און וואָס מ׳האָט געלערנט אין די דאָזיקע קלאַסן. מיר ציטירן פֿון דעם דערמאָנטן וואָכנבלאַט, ווײַל דאָס גיט אַ בילד פֿון דער שול־אַרבעט און ווײַזט ווי די שול־פּראָגראַם איז דורכגעפֿירט געוואָרן.

„דער קורס פֿון די לימודים פֿאַר די דערמאָנטע קלאַסן איז ווי פֿאָלגט:

אין קלאַס 2, ד. ה. דאָס צווייטע האַלב־יאָר, וואָס די קינדער לערנען אין שול און דאָס צווייטע האַלב יאָר פֿון לערנען אידיש, ווערט דער לימוד ווייטער פֿאָרטגעזעצט. די קינדער פֿאַנגען דאָ שוין אָן צו שרייבן אַליין לייכטע קאָמפּאָזיציעס, לייענען העברעאיש (עברית), דערווייל נאָר די ווערטער, וועלכע קומען אַרײַן אין אידיש, זיי לייענען שוין אַליין אויך קליינע מעשה׳לעך, צו דעם העלפֿט אונז פֿיל דער קינדער־זשורנאַל „די אידישע קינדער וועלט״. אַלס אַ פֿאָרברייטונג צו דער אידישער געשיכטע לעזט דער לערער פֿאַר דעם קלאַס אידישע לעגענדען און אַ׳ש מעשה׳לעך פֿון חומש.

„אין קלאַס 3 ווערן די זעלבע לימודים פאַרטגעזעצט אין אַביסל אַ העכערן מאַסשטאַב.

„פאַר דעם קלאַס 4, וועלכער ווערט שוין באַטראַכט אַלס אַ העכערער קלאַס, איז דער קורס שוין אַ שווערער און קאָמפּליצירטער. דער לימוד אין דעם קלאַס דויערט שוין אַ יאָר. דאָ פאַנגען די קינדער שוין אָן צו לערנען די אידישע געשיכטע סיסטעמאַטיש, העברעאיש, העכער אידיש, גראַמאַטיק און קאָמפּאָזיציע. דער העברעאישער עלעמענט אין אידיש — דאָס לעצטע לערנען מיר דורך אַ ספּעציעלן ווערטער־בוך. אַלס אַריינפיר צו ליטעראַטור, ווערט חוץ דעם, וואָס די קינדער לערנען פון דער כרעסטאָ־טיע „פון אידישן קוואַל״, אויך פאַרגעלייענט שלום אַש׳ס „קיין אַמעריקאַ״ און שלום עליכם׳ס „מאָטעל פּייסי דעם חזנ׳ס״.

„די קינדער לערנען אויך די באַדייטונג פון אַלע אידישע ימים טובים, אַריינגערעכנט אויך דעם ערשטן מאַי.

„אין קלאַס 5 ווערן די זעלבע לימודים פאַרטגעזעצט.

„קלאַס 7 וועלכער איז באַשטאַנען לעצטן יאָר פון 11 שוין דערוואַקסע־נע קינדער, איז דער קורס געווען אַ גאַנץ שווערער; די הויפּט־לימודים אין קלאַס זענען געווען די אידישע געשיכטע און ליטעראַטור. עס איז אויך געלערנט געוואָרן: קאָמפּאָזיציעס, העברעאיש, תנ״ך און קולטור־געשיכטע.

„די עקזאַמענס פאַר קלאַס זיבן זענען דערוויל געווען נאָר אין גע־שיכטע און ליטעראַטור. פון געשיכטע, וועלכע די קינדער לערנען שוין דאָס דריטע יאָר, איז דער קורס היי־יאָר געווען זייער אַ שווערער. דורך איין יאָר צייט איז געלערנט געוואָרן די געשיכטע פון די אידן אין די איראָ־פּעאישע לענדער, ביז די 60־ער יאָרן, אין ליטעראַטור איז געלערנט גע־וואָרן די שריפטן פון מענדעלען, שלום עליכמ׳ן און פּרץ׳ן. עס איז אויך געלערנט געוואָרן די אידישע דראַמאַ און פּאָעזיע.

„ווי שוין דערמאָנט איז דער דערפאָלג פון די עקזאַמענס זייער אַ דערפרייענדיקער. די קינדערלעך פון אַלע קלאַסן האָבן גאַנץ גוט געקענט אַלע לימודים און האָבן גוט און קלוג געענטפערט אויף די פראַגעס פון דעם לערער און די עקזאַמענאַטאָרס, מיטגלידער פון דעם עדוקאַציאָנס קאָמיטעט. באַזונדערס שטאָלץ און צופרידן זענען מיר אַלע מיט דעם קלאַס 7.

„די קינדער דאַרפן נאָך עקזאַמינירט ווערן אין קאָמפּאָזיציע, גראַמאַ־טיק, העברעאיש און תנ״ך. די עקזאַמען־קאָמפּאָזיציעס זענען: א) אַ שיין בלעטל אין דער אידישער געשיכטע און ב) די גרונט־יסודות פון מענדעלעס, שלום עליכם׳ס און פּרץ׳ס שאַפן.

„דעם פאַלשטענדיקן סיום פון קלאַס 7 דענקען מיר צו פייערן ביי אונזער קומענדיקן סוכות־קאָנצערט. מיר זענען זיכער, אַז דאָס וועט זיין אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער היגער פּראָגרעסיווער אידישער באַפעלקע־רונג. עפּעס זענען מיר דאָך ערשט די דריטע שול אין גאַנץ אַמעריקאַ, וועלכע דערלעבט שוין צו אַ סיום!״

אין יאָר 1917, האָט מען אויך איינגעפירט דאָס לערנען פון פאָלקס־טענץ אין דער שול. ווען מ׳האָט געפייערט די ערשטע גראַדואירונג האָט מען געבראַכט

דוד פּינסקי׳ן אַלס גאַסט. דאָס איז, אגב, געווען זיין ערשטער באַזוך אין מאָנט־רעאַל. די גראַדואירונגס־צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. די פאָלקס־טענץ זענען געווען צווישן די נומערן ביי דעם גראַדואירונג־קאָנ־צערט. די ערשטע גראַדואירונג פון די קינדער, ווי אויך די שפּעטערדיקע גראַ־דואירונגען, זענען געווען יום טובים פון דער ערשטער מדרגה ניט נאָר ביי די שול־טוער נאָר אין גאָר ברייטע קרייזן פון דער שטאָט. אין זיינע זכרונות זאָגט ה. נאָוואַק: „עס האָט זיך אונז אין אונזער יונגקייט און גרינקייט געדוכט, אַז מיר זענען די באַלעבאַטים פון לעבן, אַז דאָס וואָס מיר מיינען וועט טאַקע דורכגע־פירט ווערן, דערפאַר די פרייד די גרויסע, דערפאַר די פול האַרציקע התרוממות״ [37]).

אין 1917־1918 האָט מען דורכגעפירט אַ קאמפאניע. מ׳האָט געשאַפן צווישן 1טן דעצעמבער, 1917 ביז 30טן מאי, 1918 אַ סומע פון אַרום 3,400 דאָלאַר און מ׳האָט געקויפט אַן אייגן דריי שטאָקיק הויז אויף 834 קעדזשו גאַס. אין דער סומע זענען אויך אַריין הלוואות פון חברים פון דעם הויז־קאָמיטעט וואָס האָבן באַטראָפן 847 דאָלאַר... ה. נאָוואַק דערמאָנט אין דעם 1918 סואווענירבוך פון דער שול די געטרייע איבערגעגעבענע אַרבעט פון אייניקע מיטגלידער פון דעם הויז־קאָמיטעט, ווי פריינד מ. ראָזענטאַל, פּרעזידענט, פינאַנץ־סעק־רעטאַר און קאַסירער פון הויז־קאָמיטעט, ל. צוקער, לעווין, גאָלד, טענענבוים, י. פּאַטעל א. א. אויך ה. הערשמאַן, וו. באַראנאָווסקי, נערמאַן, די קייזערמאַנס האָבן געהאָלפן. ה. נאָוואַק שרייבט אויך: „געעפנט די שול האָבן מיר אָרעם, אָן פינאַנציעלע מיטלען און אויסזיכטן, און יעצט איז אונזער שול די גרעסטע אידי־שע שול אין שטאָט. 500 קינדערלעך לערנען ביי אונז! און ניט בלויז אין שטאָט, זי ווערט גערעכנט אַלס איינע פון די בעסטע און איז טאָקע די גרעסטע נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שול פון גאַנץ אַמעריקע״ [38]).

די פייערונג פון דעם חנוכת הבית איז געווען אַ גרויסער יום טוב. אַ ספּעציע־לע מאָנטרעאַלער אויסגאַבע פון „קעמפער״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. ה. נאָוואַק האָט אין זיינע זכרונות פאַרגליכן די שמחה פון די חברים צו דער שמחת בית השואבה. מ׳האָט געהוליעט ביזן ווייסן טאָג. „חבר פּיניע מהרם איז געווען דער ממונה אויף ביידע זאַכן אי אויפן י״ש און אי אויף די חסידישע האָפּקעס״... מיר האָבן פריער דערמאָנט די סומע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו קויפן דאָס הויז. אין דעם 1918 סואווענירבוך געפינען מיר אַ פינאַנציעלן באַריכט פון דער לויפנדער הכנסה און הוצאה פאַרן יאָר 1917. דער סך־הכל פון דער איינ־נאָמע איז געווען אַרום 3,700 דאָלאַר. פון דער סומע איז 1,775 דאָלאַר אַריינ־געקומען פון שכר לימוד, אַרום 560 פון מיטגליד־אָפּצאָל און 335 דאָלאַר זענען געווען נדבות און אַרום 1,270 דאָלאַר איז געווען ריינע הכנסה פון אונטערנע־מונגען. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער געהאַלט פון דעם פּרינציפּאַל און אַלע לערער אין 1917 האָט באַטראָפן 2,260 דאָלאַר. דאָס באַווייזט, וואָס פאַר א ביי־טראָג זיי האָבן געמאַכט צו דעם אויפבוי און אויפהאַלט פון דער שול.

מיט דעם איבערקלייבן זיך אין דעם נייעם אייגענעם הויז איז די שול גע־וואָרן אַ טעגלעכע נאָכמיטאָג־שול. ביז 1918 האָט מען נאָך אַלץ געלערנט דריי מאָל אַ וואָך, בלויז די עלטערע קלאַסן האָבן געלערנט פיר מאָל אַ וואָך [39]). אין 1918 האָט מען איינגעפירט, לויט דעם באַשלוס פון דעם דריטן שולן־צו־

זאַמענפאָר אין סיראַקיוז, אַ זעקס יאָריקן קורס, אנשטאָט דעם פריערדיקן 7יאָריקן קורס. לויט דעם באַשלוס פון דעם זעלבן צוזאַמענפאָר האָט מען אויפגעגעבן דעם נאָמען „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול״. די מאָנטרעאַלער שול האָט פאַר אַ שטיקל צייט זיך גערופן י. ל. פּרץ פאָלקס־שול. כּדי ניט צוזאַמענמישן די שול מיט דער עקזיסטירנדיקער פאָלקס־שול האָט די שול אָנגענומען דעם קורצן נאָמען: אידישע פּרץ־שול.

די פּרץ־שול האָט פאָרטגעזעצט איר ווייטערדיקע אַרבעט מיט גרויס דערפאָלג. די צווייטע גראַדואירונג איז פאָרגעקומען אין 1920. איינער פון די גרעסטע אויפטוען פון דער שול אין דעם צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר באַהאַנדלען, איז געווען די נאַציאָנאַליזירנדע ווירקונג פון דער שול אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס און איר גרויסע השפּעה אויף פיל אידיש־רעדנדיקע גענאָסן. די שול האָט זיי דערנענטערט צו די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגן און האָט אַזוי אַרום געהאָלפן דער פאַרטיי צו ברעכן די העגעמאָניע פון די אַסימילאַטאָרישע גענאָסן אין די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די שול האָט אויך, ווי חבר ל. צוקער האָט געזאָגט, אין דעם פּרץ שול בוך פון 1938, ניט נאָר געגעבן אַ פּראָגרעסיווע דערציאונג צו טויזנטער קינדער, נאָר האָט זוכה געווען, אַז אַ „גאָר גרויסער טייל פון אירע גראַדואירטע זענען אמת־אידישע פאָלקס אינטעליגענטן. די פּיאָנערן־אַרבעט פון דער פּרץ־שול, אירע לערער און טוער איז פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג״.

מיט דעם אָפּפאָר פון ה. נאָוואַק, אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געקומען אַ קריזיס אין דער פּרץ שול. די אַנדערע ערשטע לערער זענען נאָך פריער אַוועקגעפאָרן. אין 1922 האָט דער יהואָש צווייג 8 פון דעם פאַרבאַנד איבערגענומען פאַר אַ שטיקל צייט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פינאַנצן פון דער שול. אָבער דאָס געהערט שוין צו דער שפּעטערער געשיכטע פון דער באַוועגונג און איר שול־וועזן. ס׳דאַרף אָבער דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן איז אָנגעקומען פון פּוילן חבר יעקב זיפּער, וועלכער איז געווען אַ דערפאַרענער פּעדאַגאָג און איז געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער שול. אונטער זיין לייטונג האָט די פּרץ־שול אָנגעהויבן לערנען העברעאיש פונם צווייטן יאָר און האָט פאָרטגעזעצט צו מאַכן אַ ווירדיקן בייטראַג צו דער מאָדערנער אידישער דערציאונג און די פּראָגראַם פון דער שול איז פיל געענדערט געוואָרן. היינט־צו־טאָג איז העברעאיש אין דער פּרץ שול נישט מער אַ הילפס מיטל צו אידיש, „נאָר אַ שפּראַך, וואָס אויף איר איז געשאַפן געוואָרן די אַלטע אידישע קולטור און אויך היינט ווערט אויף איר געשאַפן און געלעבט אַ ניי לעבן״ [40]). די איצטיקע צאָל פון תלמידים אין דער טאָג־שול און די אָוונט־שולן איז אַרום זעקס הונדערט און זי איז ווי אין די אַמאָליקע צייטן איינע פון די וויכטיקסטע דערציאונגס־אנשטאַלטן פון דער באַוועגונג.

## אידישע פאָלקס־שול אין מאָנטרעאָל

ווי שוין דערמאָנט, איז דער באַשלוס צו גרינדן די פאָלקס־שול אָנגענומען געוואָרן ביי דעם מאָנטרעאַלער פּועלי ציון־פאַראיין נאָך דער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום סעפּטעמבער, 1914. דער פאַראיין האָט אויסגעקליבן אַ קאָ־

מיטעט דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע חברים: מ. דיקשטיין, ז. וואָלאָפסקי, ד. ה. לאַזאַרוס, א. מייבערג, מ. מייבערג, ל. מעלצער, א. עסנער, מ. עפשטיין, א. פרנס און יהודה קויפמאַן[41]). דער שול־קאָמיטעט האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם ענין פאַר אַ לאַנגער צייט, מסתמא זיינען אַנטשטאַנען שוועריקייטן צוליב דעם אויסברוך פון קריג, אָדער אַנדערע סיבות.

ענדלעך האָט דער קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, ריכטיקער געזאָגט, אַ דעקלאַראַציע, „צו די מאָנטרעאַלער אידישע בעלי בתים". דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן פון יהודה קויפמאַן. מען קאָן דאָס אפילו דערקענען פון דעם סטיל. אַזוי ווי דער אויפרוף איז געווען ווי אַ פּרינציפּן־דערקלערונג און ווי אַ פּראָגראַם פון לימודים, גיבן מיר דאָ מיט קליינע אָפּקירצונגען דעם דאָזיקן, באַמת היסטאָרישן, דאָקומענט:

„מיר קומען אייך היינט אַ בשורה אָנזאָגן. מיר ווייסן, אַז די ברענענסטע און אויך שווערסטע לעבנס פראַגע ביי אייך איז — ווי און וואו אייערע קינדער צו ערציען. ווי און וואו צו ערציען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן געטרייע קינדער פון זייער פאָלק, אַז די גרויסע רייכע אידישע קולטור פון טויזנטער יאָרן אין פאַרשידענע לענדער זאָל זיי ניט פרעמד בלייבן, אַז דיליידן און פריידן פון אונזער פאָלק זאָלן זייערע זיין און אַז זיי זאָלן זיין פאַרבערייטעט מיט אַלע גייסטיקע כלי־זיין צו פירן דעם שווערן אידישן לעבנס־קאַמף! ווי און וויאַזוי צו ערציען זיי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן פרייע מענטשן מיט פרייע געדאַנקען און פרייע נשמות און די אוצרות פון דער וועלט זאָלן פאַר זיי זיין אָפן, אַז די אידעאַלן פון דער בעסערער מענטשהייט זאָלן זייערע זיין און אַז זיי זאָלן קריגן די ליבע, דעם מוט און דעם שטאָלץ צו קעמפן פאַר דיזע אידעאַלן.

„אויף די אַלע שווערע פראַגן וועט פּרואוון געבן אַ ריכטיקן ענטפער די נייע שול וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן דאָ, אין מאָנטרעאַל, אונטער דעם נאָמען: די אידישע פאָלקס־שול (בית ספר עממי יהודי).

„די אידישע פאָלקס־שול שטעלט זיך אַלס איר ערשטע אויפגאַבע צו ער־ציען דאָס אידישע קינד אין אַ געזונטן נאַציאָנאַליסטישן גייסט, פאַרבינדן עס מיט זיינע ברידער אידן אין אַלע צייטן און לענדער, באַקענענדיק עס מיט די הויפּט־יסודות פון דער אידישער קולטור. דיזן ציל גלויבן מיר צו עררייכן דורך אַ נאַ־ציאָנאַלן אונטערריכט אין אידיש און העברעאיש...

„ביידע שפּראַכן וועלן געלערנט ווערן פון די ערשטע קלאַסן... די פאָלקס־געשיכטע וועט געגעבן ווערן אין דער ריכטיקער באַלייכטונג... מ'וועט ווידמען פיל אויפמערקזאַמקייט דעם אידישן פאָלקלאָר פון אַלע צייטן... מ'וועט די־רעקט און אונדירעקט לערנען די קינדער די גרונד־פּרינציפּן פון דער אידישער מאָראַל: דירעקט דורך נביאים־ליטעראַטור, דער אגדה, אויסצוגן פון מוסר־ספרים (אין אידיש און העברעאיש) און פון חסידות; און אונדירעקט דורך דער פאָלקס־לעגענדע און דורך די ביאָגראַפיעס פון די גרויסע אידישע פאָלקס־העלדן.

„די צווייטע אויפגאַבע וועט זיין צו ערציען דאָס אידישע קינד אינם גייסט פון ליבע צו פרייהייט, אינדיווידועלער זעלבסטשטענדיקייט און געזעלשאַפטלע־כער גערעכטיקייט, פאַרבינדענדיק עס מיט אַלע ליידנדיקע און קעמפנדיקע פון אַלע צייטן אין אַלע לענדער.

„...צוליב דעם איז נויטיק באַקענען די קינדער מיט דער נאַטור און נאַטור־וויסנשאַפט... די גרויסע דערפינדונגען און ענטדעקונגען... די געשיכטע פון אונטערדריקטע פעלקער און מאַסן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר ברויט, רעכט און פרייהייט וועט די קינדער באַקאַנט מאַכן מיט די אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

„...מיר ווילן האָפן, אַז דאָס קינד וואָס וועט ענדיקן די שול, וועט מיט לייב און זעלע זיין איבערגעגעבן צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן, וועט אימער בלייבן אינעם פאָלק, ליבן דאָס פאָלק, און קעמפן פאַרן פאָלק.

„פון אייך אידישע עלטערן פאַרלאַנגען מיר נאָר איין זאַך: אויב איר זייט איינשטימיק מיט אונזערע אידעען וועגן ערציאונג, קומט אונז העלפן בויען די אידישע פאָלקס־שול.

מיט גרוס,

די קאָמיטע (פון די מאָנטרעאַלער פועלי ציון)"[42].

נ. ב. „די שול וועט זיך עפענען אין מאָנאַט סעפטעמבער, אין דאַון טאַון פון מאָנטרעאָל. קינדער קען מען שוין פאַרשרייבן אין אָפיס פון דער אידישער פאָלקס שול, 579 מיין סטריט (סיגעל שיפסקאַרטן אָפיס), טעלעפאָן איסט 1991. אונזערע מיטגלידער וועלן זיצן אין אָפיס טעגלעך ביז 12 און פון 6 ביז 8 אָוונט, צו פאַרשרייבן קינדער און צו געבן באַקאַנט מאַכן אונזער פראָגראַם"[43].

דער אויפרוף האָט שטאַרק אויפגערעגט די יעניקע אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול, וועלכע זענען נישט געווען קיין חברים פון דער פּאַרטיי און וועלכע האָבן דאָ געפונען אַ געלעגנהייט צו אַטאַקירן די „רעאַקציאָנערן" אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זייער הויפּט־טענה איז געווען, דאָס אויב מען וועט גרינדן אַ צווייטע שול אין דעם זעלבן געגענט — אין דעם העכערן טייל פון דער „איסט סייד", וועט דאָס זיין אַ קאָנקורענץ צו דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. אין אַ בריוו פון 26טן יולי, 1915, געדרוקט אין „קענעדער אָדלער", טענה'ט זיך ח' משה דיקשטיין אויס מיט די „געגנאָסן", וועלכע זענען פלוצים געוואָרן אידישע נאַציאָנאַליסטן. ער האָט אויך שטאַרק אַטאַקירט דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן שול־פאַראיין פאַר ניט אָנשליסן זיך אין דעם צענטראַלן שול־פאַרבאַנד.

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז דער גרינדונגס־קאָמיטעט זאָל פריער פאַר אַלץ אָרגאַניזירן אַ פאָלקס שול־פאַראיין, אַריינציען אַלע חברים פון דער באַוועגונג, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן אַ פאָלקס־שול און אויך צוציען פון דעם אַלגעמיינעם עולם אַלע סימפּאַטיקער און אָנהענגער פון אַ מאָדערנער און פּראָגרעסיווער דערציאונג, לויטן פּראָגראַם פון דעם שול־פאַרבאַנד פון די פועלי ציון. — האָט מען גערופן, סוף יולי, אַ פאַרזאַמלונג צו גרינדן דעם פאָלקס שול־פאַראיין. מיר גיבן דאָ דעם באַריכט פון דעם זייער וויכטיקן צוזאַמענקונפט, וואָס האָט געבראַכט צו דער דערעפענונג פון דער פאָלקס־שול.

„ביי אַ פול געפאַקטן האָל, אויף 29 פּרינס אַרטור סט. איסט, איז פאַריקן זונטיק געגרינדעט געוואָרן ,דער פאַראיין אידישע פאָלקס שול'. יהודה קויפמאַן האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ,אידישע ערציאונג', חבר מעלצער האָט דערקלערט די גרויסע וויכטיקייט צו עפענען אַ שול דאַון טאַון — אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט. עס געפינען זיך הונדערטער און הונדערטער קינדער, וואָס האָדעווען זיך און וויסן גאָרנישט, אַז זיי זענען אידן און די מערסטע פון זיי (אידישע קינ־

דער), געפינען זיך נאָך דאַן טאַון. מעלצער האָט אָפּגעלייקנט די קלאַנגען, אַז די פֿאָלקס־שול וועט זיין אַ קאָנקורענץ פון ביזנעס שטאַנדפּונקט קעגן דער פרץ־שול. די שול וועט זיין אַ ריין־אידעאַליסטישע. אויב זי וועט קאָנקורירן מיט דער שוין עקזיסטירנדיקער שול, וועט די קאָנקורענץ באַשטיין פון אַ ריין פּרינ־ציפּיעלער זייט, דאָס הייסט, אויפן געביט פון לערנען. די עלטערן וועלן זיין די ריכטער אין וועלכער שול די פּראָגראַם פון די לימודים וועט זיין אַ ריכטיקע. וועלכע שול עס וועט זיין בעסער, וועט האָבן די באַרעכטיקונג אויף דער אידי־שער גאַס. חבר משה דיקשטיין האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון גרינדן אַ פּאַראַיין, וואָס זאָל אויף זיך טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער שול. ער לעזט פֿאָר די גרונט־פּרינציפּן פון דער שול און דערביי ווייזט ער אָן, אַז אַזוי־ווי די שול איז אַ צווייג פון דעם צענטראַלן שול־פֿאַרבאַנד, פון אַמעריקע און קאַנאַדע, קענען די דאָזיקע גרונט־יסודות געענדערט ווערן נאָר אויף דער יער־לעכער קאָנפֿערענץ פון דעם דאָזיקן פֿאַרבאַנד. אויפן אַפילו האָבן זיך אָנגעשלאָסן פיל אָנוועזנדע אַלס מיטגלידער פון דעם שול־פּאַראַיין".

אַלס טשערמאַן פון דער ערשטער אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאַרזאַמלונג פון פּאַראיין ווערט ערווילט חבר ל. מעלצער. העכער 50 חברים האָבן אָנטיילגענומען אין דער פֿאַרזאַמלונג. עס זענען אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדיקע באַשלוסן: די שול זאָל געעפֿנט ווערן ניט שפּעטער ווי דעם 1טן סעפּטעמבער, מיטגלידער זאָלן איינגעטיילט ווערן אין אַקטיווע און פּאַסיווע, מיטגליד־אָפּצאָל איז נישט ווייניקער ווי 10 סענט אַ מאָנאַט, די רעגולערע וועכנטלעכע מיטינגען זאָלן פֿאָר־קומען יעדן מאָנטיק אָוונט. דאַן זיינען פֿאָרגעקומען וואַלן. חבר יהודה קויפמאַן איז ערווילט געוואָרן אַלס שול־סעקרעטאַר; חבר מייבערג, פינאַנס־סעקרע־טאַר; חבר א. עסנער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר[44]); א. פּרנס, איז דאַכט זיך, גע־ווען דער ערשטער קאַסירער.

דער פּועלי ציון גרינדונגס־קאָמיטעט און אַלע חברים, וואָס האָבן זיי געהאָלפֿן האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן מיט אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם און מיט אומגעהויערער עקשנות אין אויפֿבוי פון דער פֿאָלקס־שול. סוף אויגוסט, 1915, האָט יהודה קויפמאַן באַריכטעט צו דער צענטראַלע אין ניו יאָרק, אַז דער שול־פּאַראיין ציילט איבער 100 מיטגלידער. וועכנטלעכע מיטינגען ווערן באַזוכט דורך 40־50 מענטשן. חברים פֿאַרבן, רוימען און טוען אַנדערע אַרבעטן פֿאַר דער שול אומזיסט. ער האָט אויך באַריכטעט, אַז זיי האָבן שוין 20 קינדער. חברים דערציילן, ווי אַזוי קויפמאַן פלעגט זיצן אויף אַ פעסל אין דעם אויבן־דערמאָנטן סיגעלס געשעפט און פלעגט מיט התלהבות רעגיסטרירן קינדער.

רעדנדיק וועגן דעם פּועלי ציון גרינדונגס־קאָמיטעט קאָנען מיר זיך ניט צוריקהאַלטן פון וועלן ציטירן פון חבר א. פּרנס׳עס זכרונות: „זאָל איך דערציילן, ווי אַזוי צען חברים, מיט אַ קליינער אויסנאַמע, אַלע גרינע און יונגע חברים, מיט חבר יהודה קויפמאַן בראש, מיט אַ קאַפּיטאַל פֿאַר וועלכן מ׳קאָן קוים קויפן אַ לייטיש בענקל פֿאַר אַ שול, האָבן באַשלאָסן צו עפֿענען אָט די איצט בליענדיקע פֿאָלקס־שול? זאָל איך באַשרייבן די שטורמדיקע מיטינגען, וועלכע זענען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן איידער דער באַשלוס צו עפֿענען די נייע שול איז אָנגענומען געוואָרן? אַ גרופּע פון וועלכע די מערסטע האָבן ניט פֿאַרמאָגט מער ווי אַן

אייזערנעם ווילן און אַ פייערדיקן ענטוזיאַזם — זיי האָבן אויסגעשמידט דעם פונדאַמענט אויף וועלכן ס'שטייט דער שיינער בנין" [45]).

די חברים האָבן זיך מער ניט גערדאַרפט אַמפּערן צי מ'זאָל יאָ זינגען „התקוה" אין דער שול צי ניט, צי העברעאיש איז אַ רעאַקציאָנערע שפּראַך. מ'האָט מער ניט געדאַרפט דיסקוטירן ציוניזם אָדער גלות־נאַציאָנאַליזם א. א. וו. „די ערשטע טרעגער פון דער פאָלקס שול־באַוועגונג האָבן אויסגעאַרבעט אַן אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געווען באַזירט אויף די נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־קולטורעלע נויטן פון דער צייט, ווי זיי האָבן זיי דאַן פאַרשטאַנען און אויף די חלומות, וועלכע האָבן זיי באַזעלט" [46]).

„די פאָלקס־שולן האָבן ביי זייער גרינדונג אַריינגענומען דעם סאָציאַליס־טישן ציוניזם אַלס גרונט־יסוד אין זייער פּראָגראַם. זיי האָבן זיך אונטער־גענומען צו דערציען די יוגנט אויף דעם אידעאַל פון דעם אויפגעלעבטן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל אויף די יסודות פון אַרבעט און פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט" [47]). דערמיט קען מען דערקלערן פאַר וואָס די חברים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר דער שול מיט אַזאַ רעליגיעזן עקסטאַז.

די שול איז דערעפנט געוואָרן זונטיק, דעם 29טן אויגוסט, אין 502 סט. אור־ביין גאַס [48]). לויט אַ שפּעטערדיקער מעלדונג קומט אויס, אַז די שול איז גע־עפנט געוואָרן אָנפאַנג אָקטאָבער, 1915, אין 502 סט. אורביין גאַס. אַרום דעם 18טן אָקטאָבער, האָט שוין די שול געהאַט העכער 100 קינדער מיט 8 קלאַסן און 8 לערער [49]).

ס'וועט דאָ זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ווי נאָר די נייע טעגלעכע צייטונג „דער וועג" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מאָנטרעאַל, אין אָקטאָבער, 1915, האָט דער פּועלי ציון־פאַראיין פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אין דער צייטונג: „מיר, די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, פּועלי ציון מאַכן באַקאַנט דאָס מאָנטרעאַל פּובליקום, אַז מיר זענען ניט מער פאַרטראַטן אָפּיציעל אין דער היגער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער־שול". אַזאַ דערקלערונג איז געדרוקט געוואָרן אין „קענעדער אָדלער" מיט איבער אַ יאָר פריער. צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט דרוקן נאָך אַמאָל אַזאַ דערקלערונג? ניט אַנ־דערש, אַז די חברים האָבן געוואָלט אויסנוצן די דערשיינונג פון דער נייער צייטונג צו ציען אויפמערקזאַמקייט פון מאָנטרעאַלער פּובליקום צו דער פאָלקס־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין. פיל האָבן טאַקע גערופן די פאָלקס שול — די פּועלי ציון־שול.

יהודה קויפמאַן איז געווען ניט נאָר סעקרעטאַר, נאָר אויך דער גייסטיקער פירער און פּרינציפּאַל פון דער שול. קויפמאַן האָט געאַרבעט אָן געצאָלט. אַלע לערער האָבן געאַרבעט אומזיסט. די ערשטע פריוויליקע לערער זענען געווען ס. דיקשטיין, ל. מעלצער, מיכלין, ראַכלענקאָ, זעלדע אַקערמאַן, מ. עפּשטיין, מייבערג, עסנער. נאָר איין לערער, א. ש. זאַכער, אַ גראַדואירטער פון די גראָדנער לערער־קורסן און מיט דערפאַרונג אין אַ מאָנטרעאַלער תלמוד־תורה, איז דאַמאָלסט אָנגעשטעלט געוואָרן אויף גאַנצע 25 דאָלאַר אַ מאָנאַט. ער האָט שוין געדאַרפט אויך איבערנעמען די אַרבעט פון טעכנישן סעקרעטאַר, לערער, קאָלעקטאָר א. א. וו.

דער בודזשעט איז דאַמאָלסט באַשטאַנען אין גאַנצן פון 50 דאָלער אַ מאָנאַט.

שכר־לימוד האָט מען גערעכנט 10 סענט אַ וואָך, אויב ס'איז געווען אַ הויז מיט דריי קינדער האָט מען גערעכנט 25 סענט [50]). דאָס ערשטע האַלבע יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די שולע ניט אָרגאַנזשירט קיינע אונטערנעמונגען אום ניט אַרויס־צורופן קיין פּראָטעסט „אַז עס איז אַן אָפּאָזיציע־שול" צו דער שוין עקזיסטירנ־דיקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער־שול. דאָס אויסהאַלטן די שול איז דעריבער גע־פאַלן אויף די אייגענע חברים [51]). מרים מעלצער דערציילט אין אירע זכרונות: „ס'ליגט נאָך גוט אין זכרון ווי מען פלעגט שלעפּן עמער קוילן אַנצואוואַרימען די שול, אָפּגעבן די לעצטע פאַר דאָלער צו באַצאָלן דירה־געלט פאַר דער שול און פאַר באַלייכטונג, און אויף מאָרגן האָט מען געדאַרפט פאַר זיך אַליין לייען אַ פּאָר סענט" [52]).

די איינגאַמע פון דעם ערשטן אויגוסט ביז דעם 2טן נאָוועמבער, 1915, איז באַשטאַנען פון 211.15 דאָלער, פון וועלכע 90 דאָלער זענען געווען געבאָרגטע (40 דאָלער געליען פון חברים, 50 דאָלער פון אַ הלוואה), 13.35 פון שכר לימוד, 43.40 מיטגליד־אָפּצאָל, 19 דאָלאר דאָנאַציעס, איינשליסנדיק 5 דאָלער פון פועלי ציון יוגנט־קלוב. דאָס איבעריקע געזאַמלט אויף אַ חתונה, רענט פון דעם פועלי ציון־פאַראיין פאַר באַנוצן די צימערן פאַר מיטינגען, א. א. וו. [53]). די חברים האָבן דאַן ניט געחלומט, אַז זיי וועלן דערגיין צו דעם איצטיקן בודזשעט פון 135 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר...

יהודה קויפמאַן האָט אַריינגעלייגט אומגעהויער פיל אַרבעט צו מאַכן פון דער פאָלקס־שול אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט פון דער ערשטער מדרגה. „ביסלעכווייז, נאָך דעם ערשטן האַלבן יאָר פון דער שולס עקזיסטענץ, האָט מען אָנגעשטעלט עטלעכע באַצאָלטע לערער (מען האָט זיי געצאָלט 7 דאָלער מאָנאַטלעך...), און די שול איז געוואָרן אַ טעגלעכע, די ערשטע טעגלעכע אידישע פאָלקס שול אין קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן" [54]). לויט אַן אַנדער קוואַל איז די פאָלקס־שול געוואָרן אַ טעגלעכע, אָנפאַנג דעצעמבער, 1915 [55]). מ'האָט געלערנט 5 מאָל אַ וואָך צו 2 שטונדן טעגלעך מיט יעדן קלאַס. „ביי דער ערשטער חנוכה־פייערונג האָבן יהודה קויפמאַן און זאכער גערעדט וועגן חנוכה. דער געזאַנגס־לערער ה. וויסמאַן האָט מיט די קינדער געזונגען פאָלקס־לידער ווי אויך „איר קליינע ליכטעלעך" [56]). ווען יואל ענטין האָט באַזוכט די שול, אין אַפּריל, 1916, האָט ער באַריכטעט צו דער צענטראַלע אין ניו יאָרק, אַז אין דער פאָלקס־שול לערנען 60 קינדער און אַז די שול איז נאָך ניט געעריק איינגעאָרדנט.

חול המועד פסח פון יענעם יאָר האָט די פאָלקס שול דורכגעפירט אַ „פאָלקס שול טאָג". קאָמיטעטן האָבן באַזוכט אידישע הייזער אויפצונעמען קינדער פאַר דער שול. די קאָמיטעטן האָבן אויך געהאַט אַלס זייער אויפגאַבע צו שאַפן נייע מיטגלידער און צו זאַמלען ביישטייער [57]). דער ערשטער קאָנצערט פון דער פאָלקס שול איז פאָרגעקומען ל"ג־בעומר, דעם 20טן מאַי, 1916. יענעם זומער איז פיל געטאָן געוואָרן צו העלפן די לערער זיך אויסבילדן פאַר זייער אַרבעט. וועגן דעם ווערט דערציילט אין דער לאָקאַלער צייטונג: „די אידישע פאָלקס שול האָט ווידער אויפגענומען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן פאַרשיידענע לעקציעס פאַר לערער איבער פּעדאַגאָגישע קעגנשטאַנדן. דער ציל פון די לעקציעס וועט זיין: מעטאָדישע אָנווייזונגען פאַר פּראַקטישע לעקציעס. די ערשטע לעקציע וועט זיין — אידישע געשיכטע [58]).

אָנפאַנג 1916, האָט משה דיקשטיין איבערגענומען דעם אַמט פון סעקרע־טאַר פון דער שול. שפּעטער זענען פּיניע מהרם, ש. לעוו און אליהו גרינבערג געווען סעקרעטאַרן. מ׳האָט זיך אין 1916 שוין אָנגעהויבן גרייטן צו יהודה קויפ־מאַנס פאַרלאָזן פון מאָנטרעאַל. ער איז אין מאָנטרעאַל ניט געווען אין דעם ווינ־טער 1916־1917 און סוף זומער, 1917, איז ער אין גאַנצן אַוועקגעפאָרן פון מאָנטרעאַל. א. ש. זאַכער איז דאַן געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער שול. קויפמאַן האָט אָבער אַלעמאָל אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער פאָלקס־שול און האָט באַווירקט איר אַרבעט אפילו ווען ער איז ניט געווען אין מאָנט־רעאַל. ווען מ׳האָט דורכגעפירט דעם ערשטן גרויסן קאָנצערט פון דער פאָלקס־שול, סוף דעצעמבער, 1916, איז קויפמאַן ספּעציעל געקומען קיין מאָנטרעאַל און איז געווען דער פעסט־רעדנער. וואָס דער ערשטער גרויסער קאָנצערט האָט געמיינט פאַר די חברים קען מען זיך פאָרשטעלן ווען מ׳לייענט וואָס א. פרנס זאָגט אין זיינע דעראינערונגען: „ווען איך בין בכח, וואָלט איך אפשר באַ־דאַרפט איבערגעבן די גרויסע פרייד און באַגייסטערונג, וואָס האָט געהערשט ביי דעם ערשטן קינדער־קאָנצערט, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנומענט נאַשיאָ־נאַל טעאַטער און ווי טרערן פון פרייד האָבן געבלישטשעט אין חברים׳ס אויגן״ . . . [59]).

אָנפאַנג 1917, איז אַ דאַנק די מוטערס פון די תלמידים, קאָהן און אייבראַמס געגרינדעט געוואָרן דער מוטער־פאַראיין. פאַקטיש איז דאָס געוואָרן אַ פּרויען־פאַראיין פון דער פאָלקס־שול און די הויפּט־גרינדערינס און אָנפירערינס זענען געווען חברות פון דער פּאַרטיי.

אָנפאַנג מאַי, 1917, האָט זיך די פאָלקס־שול איבערגעצויגן אין 477 סט. אורביין גאַס (לויט דאַמאָלסטיקע נומערן). זי איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ דאַון טאַון שול. די צאָל פון תלמידים איז געוואַקסן. די אינערלעכע אַרבעט פון דער שול, די דערציערישע אַרבעט האָט געמאַכט פיל פאָרטשריט. מ׳האָט זיך אָנגע־הויבן גרייטן צו דעם צוויי יאָריקן יובילײ.

אין דער צייטונג „דאָס פאָלק״, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן יענעם זומער פון יהודה קויפמאַן, געפינען מיר די פאָלגנדע נאָטיץ וועלכע איז, וואַרשיינלעך, געשריבן געוואָרן טאַקע פון יהודה קויפמאַן: „צו די יונגסטע אינסטיטוציעס גע־הערט די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס־שול, וואָס פייערט די טעג איר צוויי־יאָריקן יובילעאום. די גרינדער פון דער שול האָבן געדענקט, אַז ס׳איז דאָ אין שטאָט אַ פּלאַץ פאַר מערער ווי איין שול. און זיי זענען געווען גערעכט. געעפנט האָט זיך די פאָלקס־שול מיט אַ מנין קינדער, און היינט לערנען שוין אין דער שול איבער 200 קינדער. דער דערפאָלג שפּרעכט זיך אויס נישט נאָר אין דער צאָל פון קינדער, נאָר ווי און וויפל די קינדער האָבן פאַר צוויי יאָר געלערנט. פיל פון די לערער האָבן אויך פאַרמאָגט דעם נויטיקן אידעאַליזם. די פאָלקס־שול גע־הערט צו דעם טיפּ פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, זי צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַ רייכן העברעאישן פּראָגראַם. זי פאָדערט פון אירע קינדער מער העברעאישע קענטעניש. הויבט אָן צו לערנען מיט די קינדער העברעאיש פון דעם ערשטן טאָג פון זייער אריינטריט אין דער שול. לויטן פּראָגראַם דאַרפן די קינדער אין איר לערנען 8 יאָר און צום סוף פון דער דאָזיקער צייט דאַרפן די קינדער האָבן גרינטלעכע אידישע און העברעאישע ידיעות. געוויס, נישט אַלע אויפגאַבן זענען

דערפילט געוואָרן, אָבער קוקנדיק צוריק אויף די צוויי יאָר פון איר עקזיסטענץ, מעג זי גלויבן, אַז זי וועט אימשטאַנד זיין, וואָס אַמאָל נעענטער קומען צו אירע אידעאַלן״ [60]).

ביי דעם צוויי יאָריקן יובילײ־באַנקעט זענען געווען אנוועזנד צוויי הונדערט מענטשן. דער פאָרזיצער איז געווען ל. מעלצער. באַגריסונגס־רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן אין נאָמען פון פריינטלעכע צו דער שול אָרגאַניזאַציעס, פון ח. מ. קייזערמאַן, וו. כייטמאַן, י. ראַבינאָוויטש, ש. זעלינגער און רחל ראָזענבלאַט. נאָך די באַגריסונגס־רעדעס האָט טאָסטן יהודה קויפמאַן געהאַלטן אַ זייער וואַרימע רעדע. מ. דיקשטיין האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער שול פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. אויף אַן אַפּיל פון דעם פאָרזיצער איז גע־זאַמלט געוואָרן 156 דאָלאַר [61]) — אַ גאָר גרויסע סומע פאַר יענער צייט.

אין דעם יאָר 1917 איז באמת פאָרגעקומען אַ ווענדונג פון היסטאָרישער באַדייטונג אין דער אַרבעט פון דער שול. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער גן ילדים און עס איז דערמיט געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט צו דער פאַר־וואַנדלונג פון דער פאָלקס־שול אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן פון אַ טעג־לעכער נאָכמיטאָג־שול צו אַ באמת נאָרמאַל־טעגלעכער שול, אַ טאָג־שול, וואָס האָט איינגעשלאָסן סיי אידישע, סיי ענגלישע לימודים (אַ פּאַראַקיעל־שול), די ערשטע טאָג־שול אין מאָנטרעאַל. די לערערין פון דעם גן־ילדים איז געווען זעלדע אַקערמאַן (מיכלין).

אין 1917, זענען אויך דערעפנט געוואָרן קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, וואו מ׳האָט געלערנט אין די אָוונטן אידיש־העברעאיש און אידישע געשיכטע. ס׳איז אינטערעסאַנט דאָס אָנפאַנג יאַנואַר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לאַנגער אויפ־רוף פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס־שול, אונטערן נאָמען, „לערנט העברעאיש״ [62]).

אין 1918, האָבן די אַקטיווע חברים פון דער פאָלקס־שול און גן ילדים זיך גענומען אויסברייטערן דעם קרייז פון די פאָלקס שול־טוער און האָבן אַריינ־געצויגן אין דער אַרבעט פּראָגרעסיוו־געשטימטע פריינט פון דער געשעפטס־וועלט. זעענדיק אַז די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט געהאַט דערפאָלג אין איר ערשטער קאמפּאַניע, האָבן די פאָלקס שול־חברים באַשלאָסן ביי סוף פון יענעם יאָר דורכפירן אַ קאמפּאַניע פון אכצן טויזנט דאָלאַר (!), אַ סומע, וואָס קיינער האָט אפילו ניט געחלומט צו דערגרייכן. די הויפּט־אָנפירער פון יענער קאמפּאַ־ניע זענען געווען ל. מעלצער, א. קאַצמאַן און זעליק וואָלאָפּסקי. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער שריט וואָס האָט, צוליב דער געוואַגטקייט אַליין, דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פאָלקס־שול. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן „אַדווייזאָרי קאָמיטע״ פון געשעפטסלייט און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט דורכצופירן דעם אַכצן טויזנט דאָלאַר קאַמפּיין. פריינט לואיס מילער איז באַשטימט געוואָרן מענעדזשער פון דער קאמפּאַניע, און ב. פּערלמוטער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער „ביזנעסמען קאָמיטע״ [63]). די קאמפּאַניע האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 15טן דעצעמבער. אין דער פאָלקס־שול און גן־ילדים האָבן דאמאָלט געלערנט אין 18 קלאַסן אַרום 300 קינדער [64]). די ערשטע קאמפּאַניע פאַר דער גוזמאַדיקער סומע פון אַכצן טויזנט דאָלאַר איז געווען אַ דורכפאַל; פאַרן יאָר 1918־1919 איז די הכנסה געווען אַרום 7,400 דאָלאַר, מיט אַרום 530 דאלער ווינציקער ווי אין דעם

פריערדיקן יאָר. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָט זיך די פינאַנציעלע לאַגע פאַר־ערגערט.

אין דעם ווינטער, 1919־1920, איז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שול געווען כמעט אַ פאַרצווייפלטע. בן יוסף דערציילט אין דעם 1920 סואווענירבוך: „דער לעצטער ווינטער איז פאַר דער שול געווען דער ערגסטער זייט איר עקזיסטענץ. די קינדער האָבן פשוט געפרוירן, אַזוי קאַלט איז געווען אין דער שול. די רערן האָבן געפּלאַצט און די שול איז פאַרמאַכט געוואָרן אויף גאַנצע פיר וואָכן" [65].

צוליב סיבות, וואָס זענען אונז ניט באַקאַנט, זענען „אייניקע פון די אַק־טיוויסטע טוער פונקט דאַן ניט געווען ביי דער אַרבעט, און עס איז געווען די סכנה, אַז די שול זאָל זיך איינגאַנצן פאַרמאַכן. גליקלעכערוויז זענען אייניקע פון די עלטסטע חברים און שול־טוער, צווישן זיי ד. ה. לאַזאַרוס און ז. וואָלאָפּסקי דאַן געווען פעסט אַנטשלאָסן פאַר קיין פאַל ניט צו דערלאָזן צו אַ קאַטאַסטראָפע און גענומען די סיטואַציע אין זייערע הענט אַריין. אין יענער קריטישער צייט איז חבר א. קאסטין פיל באַהילפיק געווען מיט גרויסע ביישטייערונגען און הלוואות" [66].

„דאַמאָלסט", דערציילט ווייטער בן יוסף, „איז אָבער איינגעפאַלן אַ גערדאַנק ביי אייניקע חברים, אַז דאָס איז דער פּאַסיקער מאָמענט צו קויפן אַן אייגן הויז פאַר דער שול. נו, און געלט? (אין דער שול איז דאַמאָלט געווען אַ דעפיציט פון אַכט הונדערט דאָלער...) די חברים, אָבער, שרעקן זיך ניט פאַר אַזאַ קליינער זאַך, ווי געלט... באַלד איז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט באַ־דאַרפט זען, ערשטנס, אַ פּאַסיקע הויז און, צווייטנס, די ערשטע טויזנט דאָלער... פאַר אַן אייגן הויז! צו דעם קרעדיט פון אונזערע חברים מוז געזאָגט ווערן, אַז די ערשטע טויזנט דאָלער (פאַרן הויז פאָנד) זענען געשאַפן געוואָרן פון אַן ערך 15 חברים פון דער שול" [67].

אַלעס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, אָבער אַ דאַנק דער ענערגישער אַר־בעט פון חברים שאַפּירא, דיקשטיין, וואָלאָפּסקי, פּרנס, דזש. קאָהן (טאַרטשין) און סילעף איז די ערשטע סומע געשאַפן געוואָרן. באַלד איז געלונגען אונזערע חברים צוציען דעם איצטיקן פּרעזידענט פון הויז־קאָמיטעט, נ. נאַבעלמאַן — וועמענס אַרבעט און פינאַנציעלע הילף וועט די פאָלקס־שול זיכער ניט פאַר־געסן, משה און וואָלף מייערסאָן, וועלכע האָבן דעם ערשטן טשעק געגעבן און פיל אַרבעט געטאָן" [68]. די עקזעקוטיווע פון דעם הויז־קאָמיטעט איז באַשטאַ־נען פון נ. נאַבעלמאַן, משה דיקשטיין, זעליק וואָלאָפּסקי, א. פּרנס, ד. ה. לאַזאַרוס און ש. לעוו.

דעם 30טן מאַי, איז פאַרגעקומען דער חנוכת הבית פון דער ערשטער איי־גענער שול־געביידע, אויף 953 סט. אורביין סטריט (לויט דאַמאָלסדיקע נומערן, שפּעטער 3885 סט. אורביין סטריט). דער יום טוב איז געפייערט געוואָרן מיט דעם פּאָעט יהואָש אַלס גאַסט. משה דיקשטיין, וועלכער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונגס־ראַט האָט מיט פרייד אויסגערופן: „היינט איז אונזער שמחה! היינט פייערן מיר אונזער זיג... היינט פרייען מיר זיך מיט דער פרוכט פון אונזער אַלעמענס אומדערמידלעכע פינף יאָריקער שווערער אַרבעט... דער פונדאַמענט פון אונזער אינסטיטוציע איז איצט אַ געזיכערטער" [69]. דעם דאָזיקן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם פאַר דער פאָלקס־שול האָט חבר משה דיקשטיין אָן ביזן היינטיקן טאָג.

ווען מ׳האָט דורכגעפירט דעם חנוכת הבית האָט זיך דער הויז־קאַמפּיין נאָך ניט אין גאַנצן פאַרענדיקט. אין דעם סוּאווענִיר בוך פון 1920 איז געווען קוויטירט די סומע פון 3,151 דאָלער. צווישן די ביישטייערונגען זענען געווען 25 דאָלער פון די פועלי ציון און 25 דאָלער פון דער פּרעסערס לאָקאַל פון דער אַמאַלגאַ־מייטעד. די קאַמפּאַניע איז פאַרגעזעצט געוואָרן ביז דעם סוף פון דעם זומער. ס׳איז אויך נאָך אַמאָל אָנגעפירט געוואָרן אַ דאָלער־קאַמפּאַניע פאַר קלענערע סומען, אָנגעפירט פון די חברים גרינבערג, קאַץ און לינאַ דיקשטיין. דער פרויען־פאַראיין האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט. דאָס יאָר 1919־1920 איז טאַקע געווען אַ יאָר פון מזל און ברכה. מ׳האָט אין יענעם יאָר צונויפ־געזאַמלט פון אַלע קאַמפּאַניעס און אַלע קוואַלן אַ סך הכל פון איבער 20 טויזנט דאָלער (פון וועלכע זעקס טויזנט איז געווען פאַרן הויז־פאָנד און איבער 4,700 פון שכר־לימוד). אָבער אַזוי ווי די הוצאות זענען געוואָרן אַלץ גרעסער און גרע־סער, דער בודזשעט איז אויסגעוואַקסן צו 1,200 דאָלאַר אַ מאָנאַט, האָט מען נאָך אַלץ ניט געקאָנט צאָלן די לערער אין צייט. אַזוי ווי דאָס לערנען איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ קורצער צייט, ביז מ׳וועט זיך אַריינקלייבן אין דער נייער הויז, איז די צאָל קינדער געפאַלן ביז ווייניקער ווי 200. אין הערבסט פון יענעם יאָר האָט מען געהאַט נאָך אַ יום טוב. ס׳איז פאַרגעקומען די ערשטע גראַדואירונג. ס׳האָבן געענדיקט די שול די ערשטע צוויי קינדער.

צו דעם יום טוב פון דעם חנוכת הבית האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ סוּאווע־ניר־בוך און מ׳האָט דאָרט אָפּגעדרוקט די פּראָגראַם פון לימודים פון דער שול. די דאָזיקע פּראָגראַם איז לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון יהודה קויפמאַן און איז געווען אַ רעזולטאַט פון פינף יאָר דערפאַרונג, פון פינף יאָר עקספּע־רעמענטירן. די פּראָגראַם איז טאַקע אַ סך הכל פון דער אַרבעט פון אַלע לערער, אָבער עס טראָגט שוין דעם סטעמפּל פון שלמה וויסמאַן. ל. מעלצער האָט שלמה וויסמאַנען אַריינגעצויגן אַלס לערער פון געשיכטע אין עלטסטן קלאַס פון דער פאָלקס־שול אין דעם ווינטער 1916־1917. יענעם ווינטער האָט וויסמאַן אָנ־געהויבן שטודירן אין מקגיל אוניווערזיטעט. ער איז דאַן געווען אַ יונגערמאַן, 18 יאָר אַלט. סוף 1917, אָדער אָנפאַנג 1918, האָט מען, לויט דער רעקאָמענ־דאַציע פון די חברים מעלצער און מייבערג, וויסמאַנען אָנגעשטעלט אַלס לערער, און זייט דאַן איז ער פאַרבונדן מיט דער פאָלקס־שול. פּורים צייט 1920, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּרינציפּאַל פון דער שול, אַן אַמט, וועלכן ער האַלט אָן ביז היינט צו טאָג. אין יענעם יאָר האָט וויסמאַן געענדיקט מקגיל אויף ב. איי., וואו ער איז אויך דורכגעגאַנגען אַ פיר יאָריקן קורס אין פּעדאַגאָגיק. זיין מ. איי.־דיגרי האָט ער געקראָגן, זייענדיק שוין דער פּרינציפּאַל פון דער פאָלקס־שול.

אין דער פאָלקס־שול האָבן זיך אָפּגעהיט די פּראָטאָקאָל־ביכער פון דעם לערער־ראַט, אָנפאַנגנדיק דעם 27טן אויגוסט, 1919. אין יענער צייט זענען אין דער פאָלקס־שול געווען אויסער די שוין דערמאָנטע א. ש. זאַכער, זעלדע אַקער־מאַן (מיכלין), שלמה וויסמאַן, אויך די פאָלגנדיקע לערער: שלמה שניידער, וועלכער איז פאַר אַ שטיקל צייט געווען פּרינציפּאַל, א. ענדעלמאַן, ב. פיגלער, י. באַבראַוו, ברזילאי, מ. סליפּצין און די געזאַנגס־לערערין ד. פיינבערג. די לערער האָבן באַהאַנדלט פּעדאַגאָגישע, טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען. מיר וועלן דערמאָנען אייניקע פון זיי. פריער פון אַלץ האָבן זיי געליטן פון דער „דע־

קלאַמאַציע קרענק". מ'האָט פון זיי געפאָדערט צופיל דעקלאַמאַציעס פאַר די קאָנ־צערטן... ביי א זיצונג, דעם 6טן סעפטעמבער, 1919, האָט מען באַטראַכט וויס־מאַנס פּראָיעקט וועגן קורס העברעאיש־אידיש און מ'האָט „באַשלאָסן צו צעטיילן דעם איצטיקן קורס אויף צוויי"... „דער עלעמענטאַר־קורס זאָל געדויערן זעקס יאָר און אַ העכערער קורס צוויי יאָר". ביי יענער זיצונג האָט ש. שניידער פאָר־געשלאָגן, אַז „די אָנפאַנגער־קינדער זאָלן אין פאַרלויף פון דעם ערשטן יאָר, ניט לערנען צוויי שפּראַכן. די לערער זענען פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט איינ־פאַרשטאַנדן מיט אים און ס'ווערט באַשלאָסן די פראַגע איבערגעבן דעם פאַראיין" (דעם פאָלקס־שול־פאַראיין).

ביי דער זיצונג פון לערער־ראַט פון 19טן סעפטעמבער, איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז „מאָנטיק זאָל אין אַלע קלאַסן גערעדט און ערקלערט ווערן — ראש השנה. מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויף די פיר פונקטן: א) אָנפאַנג יאָר, ב) דין וחשבון, ג) פאַרגעבונג פון זינד, ד) רעליגיעזער שטאַנדפּונקט פון די רעליגיעזע אידן". 1טן אָקטאָבער — „באַשלאָסן אַז אַ לערער זאָל קענען אַרויסשיקן פון שול די גאָר ערגסטע קינדער ווען די וואָרנונג האָט ניט געהאָלפן". ביי דער זעלבער זי־צונג האָט לערער זאַכער געמאַכט אַ פאָרשלאָג „מען זאָל זונטיק לערנען אין דעם גן לילדים אויף אידיש, ווייל דער דורכשניטלעכער עלטער פון די קינדער איז נאָך ניט זעקס יאָר. אַזוי ווי מ'רעדט און מען לייענט פאַר זיי אין העברעאיש אַ גאַנצע וואָך, זאָל מען איין טאָג זיי אַנטוויקלען אויף אידיש. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען".

דעם 12טן דעצעמבער האָט לערערין אַקערמאַן געפאָדערט, „מען זאָל ריידן מיט קלאַס א־1־ב מער העברעאיש". דעם 11טן פעברואַר, 1920, האָט לערערין אַקערמאַן באַריכטעט, אַז חברה גאָלדע מאירסאָן פון ניו יאָרק (איצט מיניסטער־שע פון אַרבעט אין ישראל) און חבר ל. צוקער זענען געווען אין גן ילדים און זע־נען געווען זייער צופרידן. דעם 24טן פעברואַר האָט מען באַשלאָסן „צו האָבן אַ שטענדיקן פּרינציפּאַל פאַרן גאַנצן זמן". דעם 1טן יולי האָט מען באַשלאָסן „צו רעקאָמענדירן דער פאַרוואַלטונג, אַז די שולע זאָל זיין פאַרמאַכט אין די זונטיקן, פאַר דער צייט פון די וואַקאַציע־מאָנאַטן". דעם 12טן אויגוסט, האָט זיך דער לע־רער־ראַט באַקלאָגט, אַז דער סעקרעטאַר חבר לעוו „מישט זיך צופיל אין אַזוינע ענינים, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות בלויז מיט די לערער און מיטן פּרינציפּאַל". ביי דער זעלבער זיצונג האָט מען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז עס וועט זיין צו שווער פאַר די קינדער אַרויסצוגעבן אַ קינדער־זשורנאַל יעדן מאָנאַט.

מיר ווילן זיך איצט אָפּשטעלן אויף דער 1920 פּראָגראַם פון דער פאָלקס־שול, ווייל דאָס איז די איינציקע פולע פּראָגראַם פון אַ קאַנאַדער שול פון יענער צייט, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן. אין דעם פאָרוואָרט ווערט געזאָגט: „די אידישע פאָלקס־שול איז, ווי איר נאָמען באַדייט, אַ נאַציאָנאַלע אידישע שול. זי שטרעבט צו געבן צו אירע קינדער אַן אַלזייטיקע אידישע און מענטשלעכע דערציאונג. זי לערנט די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש, אָבער דער לימוד פון די שפּראַכן איז ניט דער ענדציל. דאָס דינט אונז בלויז אַלס מיטל אַריינ־צופירן אונזערע קינדער אין דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור און אין דער אידישער ליטעראַטור. די ליטעראַטורן אין ברייטסטן זין פון וואָרט, ווי אויך דער לימוד פון אידישער געשיכטע, באַקענען אונזערע קינדער מיט דעם

לעבן פון זייער פאָלק אין אַלע צייטן און גרייטן זיי צו דעם אַקטיוון אנטייל וואָס זיי וועלן דאַרפן נעמען אין דער אויפלעבונג פון זייער פאָלק״ [70]).

די פּראָגראַם פון די לימודים פון יאָר 1920 איז ניט פאַרבליבן אַ פּאַר־גליוועטע זאַך. זי איז פיל מאָל געענדערט און אויסגעבעסערט געוואָרן *). שרייבנדיק וועגן לערן־פּראָגראַם פון די שולן דערמאָנט שלמה וויסמאַן: „די שאַפער פונם פּראָגראַם פון די אידישע פאָלקס שולן האָבן געזוכט איר אַוועק־צושטעלן אויף אַ באַזיס פון מאַקסימאַלסטע פאָדערונגען״ [71]).

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט שלמה וויסמאַן: „מיר האָבן באַקעמפט די איינזייטיקייט סיי פון די אידישיסטן און סיי פון די העברעאיסטן״... „מיר זענען געווען פון די ערשטע דאָ אין שטאָט, און אפשר טאַקע די ערשטע בכלל, אַריינצוברענגען אין דער מאָדערנער דערציאונג העברעאיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, ניט בלויז אַלס שפּראַך פון דער אַלטער אידישער קולטור און פון דער רעליגיע, נאָר ווי אַ שפּראַך וואָס לעבט אויף אין ארץ ישראל און איבער דער גאַנצער אידישער וועלט ווי אַ שפּראַך אויף וועלכער ס׳שאַפט זיך אַ וויכטיקער טייל פון דער מאָדערנער אידישער קולטור״... „מיר זענען געווען צווישן די סאַמע ערשטע שולן אויף דעם קאָנטינענט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם עלעמענט פון ארץ ישראל־אויפבוי בכלל און פון דער נייער אידישער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל אין צענטער פון דערציאונג״... „זיך שטאַרק קאָנצענטרירט אויף דערציען די דערוואַקסענע — די עלטערנשאַפט, די לערער, די שול־טוער און די גראַדואירטע יוגנטלעכע״...“ [72]).

די פאָלקס־שול איז געווען „צווישן די סאַמע ערשטע און אפשר טאַקע די ערשטע אידישע שול אין אַמעריקע״, ניט נאָר צו האָבן אַ אידיש־העברעאישן קינדערגאַרטן, נאָר צו גרינדן אַ מיטל־שול אין 1922, העכערע קורסן אין 1924 און אַלס קרוין פון אירע אויפטואונגען, באַשאַפן די גאַנצע אידישע שול (די טאָג־שול) אין 1928, די ערשטע פון דעם מין אין מאָנטרעאָל. אָבער דאָס געהערט ניט צו דעם צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר באַטראַכטן.

אַ באַזונדערע ראָלע אין דער ווייטערער ענטוויקלונג און פונאַנדערוואַוקס פון דער פאָלקס־שול פאַרנעמען חבר משה דיקשטיין, דער פאַרשטאָרבענער חבר זעליק וואָלאָפּסקי און אייניקע אַנדערע חברים, וואָס זענען געווען פון די סאַמע ערשטע בויער פון דער שול, אָבער דאָס געהערט שוין צו דער געשיכטע פון נאָך 1920. ס׳דאַרפן דאָ אָבער דערמאָנט ווערן די גאָר גרויסע פאַרדינסטן פון דעם פּרינציפּאַל, חבר שלמה וויסמאַן. מיט דעם אויסנאַם פון די ערשטע עטלעכע יאָר, טראָגט ער אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פעדאַגאָגישן טייל פון דער אַרבעט פון דער שול זינט איר גרינדונג און האָט זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער אָנפירערשאַפט פון דער שול. זיין אַרבעט אין שול־פאַראיין און אין דירעקטאָרן־ראַט האָט אים אַוועקגעשטעלט אין די סאַמע ערשטע רייען פון די שול־טוער און אָנפירער פון אַלע גרויסאַרטיקע אַרויסטרעטונגען פון דער פאָלקס־שול. אָבער אַן אָפּשאַצונג פון זיין שפּעטערן ביישטייער געהערט ניט צו דעם צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר באַהאַנדלען.

*) די פולע פּראָגראַם ווערט פאַרעפנטלעכט אין מיין בוך „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע״, וואָס דערשיינט אין זומער 1955 אין מאָנטרעאָל.

אַפּשליסנדיק דעם איבערזיכט פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס־שול, ווילן מיר, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין אונזער איבערזיכט פון דער פרץ־שול, זאָגן, אַז די באַוועגונג האָט אַלעמאָל אָפּגעשאַצט און דערמאָנט מיט דאַנקבאַרקייט די געטרייע אַרבעט, דעם אידעאַליזם און פינאַנציעלע קרבנות פון די לערער און שול־טוער. זיי אַלע האָבן געהאָלפן, ווער מער, ווער ווייניקער, צו מאַכן די פאָלקס־שול דאָס, וואָס זי איז היינט. אָנגעפאַנגען מיט אַ נישטיקער צאָל תלמידים, לערנען איצט אין אַלע אירע אָפּטיילונגען מער ווי עלף הונדערט קינדער. זי איז אַזוי אַרום געוואָרן די גרעסטע לערן־אנשטאַלט פון אונזער באַוועגונג.

און אחרון אחרון הביב. מיר דערמאָנען מיט גרויס יראת הכבוד און דאַנקבאַרקייט די פּיאָנערן־אַרבעט פון חבר דר. יהודה קויפמאַן אין דער גרינדונג און אויפבוי פון דער פאָלקס־שול. די שול וועט אַלעמאָל בלייבן אַן עדות פון חבר קויפמאַנ׳ס גייסטיקער פירערשאַפט, געזעלשאַפטלעכן אויפטו און זיין אינטעלעקטועלער גבורה.

## סעפּאַראַטע שול־באַוועגונג אין מאָנטרעאָל

אין פאַרלויף פון דעם צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ, האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר באַזונדערע שולן (רעגירונגס־שולן) פאַר אידן אין דער פּראָווינץ קוויבעק. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן איז אין דער קאָנסטיטוציע פון קאַנאַדע באַוואָרנט געוואָרן, אַז די פּראָטעסטאַנטישע מינדערהייט אין דער פּראָווינץ קוויבעק זאָל האָבן דאָס רעכט צו האָבן סעפּאַראַטע שולן (באַזונדערע שולן) און זאָלן ניט דאַרפן שיקן זייערע קינדער אין די שולן פון דער מאַיאָריטעט — אין די קאַטוילישע שולן. ס׳איז אויך באַוואָרנט געוואָרן, אַז די פּראָטעסטאַנטישע מינאָריטעט מעג האָבן ענגליש אַלס די שפּראַך פון לימודים. די זעלבע רעכט פאַר באַזונדערע שולן זענען געגעבן געוואָרן דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער מינאָריטעט אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ און אין צוויי מערב־פּראָווינצן.

ווען די אידישע באַפעלקערונג אין מאָנטרעאָל איז געווען קליין, איז די פּראָבלעם פון דערציען אידישע קינדער ניט געווען שאַרף. ווען דער באַראָן דע הירש האָט אָנגעהויבן שטיצן די מאָנטרעאָלער אידן, אין אָנפאַנג פון די ניינציקער יאָרן, צוליב דער פאַרגרעסערטער אימיגראַציע, איז געגרינדעט געוואָרן דער באַראָן דע הירש אינסטיטוט. ביי דעם אינסטיטוט איז געעפנט געוואָרן אין 1893 אַ שול — אַ טאָג־שול פאַר קינדער פון אידישע אימיגראַנטן, וואו מען האָט געלערנט אידישע און אַלגעמיינע לימודים פון די ערשטע קלאַסן. די אַלטגעזעסענע אידן האָבן פריער געהאַט פאַר אַ קורצער צייט טאָג־שולן, אָבער האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט און האָבן אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן. די תלמידים פון דער באַראָן דע הירש טאָג־שול האָבן געלערנט אין זייער שול נאָך אַ פאָר יאָר ביז זיי האָבן זיך אויסגעגרינט. נאָך דעם האָט מען זיי אויך געשיקט אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן.

אין 1902 האָט אַ אידישער תלמיד (פּילזנער) פון די פּראָטעסטאַנטישע שולן געוואונען אַ „סקאָלערשיפּ״, אָבער די פּראָטעסטאַנטישע סקול באָרד האָט זיך אנטזאָגט די סקאָלערשיפּ אויסצוצאָלן, ווייל דער תלמיד איז געווען אַ זון פון אידן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אייגנטום און דערפאַר ניט געווען קיין שטייער־צאָלער. דער פאָטער פון דעם אידישן קינד האָט אָנגעקלאָגט די פּראָ־

טעסטאַנטישע סקול־באַרד אין געריכט. די אַנטשיידונג פון געריכט איז געווען, היות, די אידן האָבן ניט קיין רעכט צו קריגן אַ דערציאונג פאַר זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן, איז די פּראָטעסטאַנטישע סקול־באַרד נישט מחויב אויסצוצאָלן אַ אידישן תלמיד אַ סקאָלערשיפּ, אפילו, ווען ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים.

די אידישע פירערס פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, וואָס האָבן זיך אויך געהאַלטן פאַר די פאָרשטייער פון אַלע אידן פון דער פּראָווינץ קוויבעק האָבן דערפאַר אין 1903 געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די פּראָטעסטאַנטן, כדי צו פאַרזיכערן פאַר אידישע עלטערן רעכט אויף צו קריגן דערציאונג פאַר זייערע קינדער. אין יענעם יאָר איז שוין אין מאָנטרעאָל געווען 2,600 אידישע קינדער פון שול־עלטער. לויט יענעם אָפּמאַך האָט מען אָנגעהויבן אידן אידענטיפי־צירן אַלס פּראָטעסטאַנטן פאַר שול־צוועקן. ווען אַ איד האָט געהאַט אומבאַ־וועגלעך אייגנטום און האָט געצאָלט שול־שטייערן, איז דעם אידנס געלט געגאַנגען אין דער קאַסע פון די פּראָטעסטאַנטן, פּונקט ווי דער איד וואָלט גע־ווען אַ פּראָטעסטאַנט. די פּראָטעסטאַנטן האָבן דערפאַר זיך אונטערגענומען צו געבן די אידן דאָס רעכט צו שיקן זייערע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן. די אידישע קינדער האָבן באַקומען די זעלבע רעכט, ווי די פּראָטעס־טאַנטישע קינדער און האָבן זיך געדאַרפט אונטערוואַרפן צו די זעלבע פליכטן. דער אָפּמאַך איז גוטגעהייסן געוואָרן פון דער פּראָווינציעלער רעגירונג און איז געוואָרן אַ געזעץ.

אַזוי ווי די לערע פון רעליגיע איז געווען אַ טייל פון דעם פּראָטעסטאַנטישן שול־קוריקולום, זענען אידישע קינדער אויך געקומען צו די לעקציעס פון רעליגיע. אידישע קינדער זענען באַפרייט געוואָרן פון לערנען די קריסטלעכע רעליגיע, נאָר דאַן, ווען איינער פון די עלטערן האָט אַריינגעשיקט אַ שריפטלעכע בקשה צו דעם פּרינציפּאַל. פיל עלטערן האָבן וועגן דער פּריווילעגיע נישט געוואוסט, אַנדערע האָבן זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ווייל זיי האָבן נישט גע־וואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן דערפילן, אַז זיי זענען אַנדערש פון אַנדערע...

„די אונטערשטע שורה איז געווען", שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש אין זיין „געשיכטע פון דעם אידישן שול־פּראָבלעם אין קוויבעק" (1926) — אַז „טראָץ דעם ,געווויסן־פּונקט'... „האָט מען פונדעסטוועגן גאַנץ געשמאַק געקנעלט מיט די אידישע קינדער די לערע פון ישו הנוצרי". צו דעם אַלעמען האָבן די פּראָ־טעסטאַנטן אפילו ניט געוואָלט הערן צו האָבן אַ אידישן פאָרשטייער אין זייער סקול־באַאַרד. די אידן זענען דערפאַר געווען זייער ניט צופרידן מיט דעם אָפּ־מאַך און געזעץ פון 1903.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז נאָך אין נאָוועמבער, 1910, האָט אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער איד, א. ה. רובענשטיין, אין אַן אַרטיקל אין „קענעדער אָדלער", פאָרגעשלאָגן, אַז אידן אין מאָנטרעאָל זאָלן גרינדן „דענאָמינײשיאָנאַל סקולס".

אין אָקטאָבער, 1912, איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער „פאָלקס־צייטונג", פאַרגעקומען אַ פאָלקס־קאָנפערענץ וועגן דער שול־פראַגע. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט די מערסטע טרייד־יוניאָנס און ראַדיקאַל־פּאָליטישע אָר־גאַניזאַציעס. ס'זענען אויך געקומען פאָרשטייער פון איינינקע שולן (סינאַגאָגן). ס'זענען געווען 40 דעלעגאַטן פון 20 אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ איז דער־

עפנט געוואָרן פון לעאָן האַזאַנאָוויטש. יעקב פּרוזשאַנסקי האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אין נאָמען פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין צו איבערגעבן די פּרינצי־פּאַלס פון די פּראָטעסטאַנטישע שולן אונטערשריפטן פון די עלטערן פאָדערנדיק פון זיי צו באַפרייען זייערע קינדער פון רעליגיעזן אונטערריכט און אָנפירן אַ באַ־וועגונג פאַר אַ אידישער „באָארד אָוו עדיוקיישאָן". ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו פּראָטעסטירן קעגן לערנען אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן מיט אידישע קינדער די קריסטלעכע רעליגיע און ס'איז דערקלערט געוואָרן אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע, אַז אין פּאַבליק סקולס דאַרף איבערהויפּט ניט געלערנט ווערן קיין רעליגיע. לויט אַ באַריכט אין „קענעדער אַדלער" איז ביי יענער קאָנפערענץ באַשלאָסן געוואָרן אָנצופאַנגען אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג צוליב יענעם צוועק. עס איז דערוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון 9 פּערזאָן און מ'האָט זיך געגרייט צו רופן אַ מאַסן־מיטינג איבער דער שול־פּראַגע [73]).

אין 1913 איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון 500 אידישע שול־קינדער אין דער אַבערדין סקול אַלס פּראָטעסט קעגן אַן אַנטיסעמיטישער באַמערקונג פון אַ לערע־ריך. די קינדער האָבן פאַרלאַנגט, אַז די לערערין זאָל זיך אַנטשולדיקן. די פירער פון די „אַפּטאונער יהודים" האָבן זיך אַריינגעמישט און האָבן באַווירקט די קינ־דער זיך צוריקצוקערן אין שול. דער דאָזיקער סטרייק האָט פאַרשנעלערט די באַוועגונג פאַר דער גרינדונג פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין מאָנטרעאַל.

אין די מוניציפּאַל־וואַלן פון 1916, האָבן די פּועלי־ציון אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג מ'זאָל איינפירן אידישע לימודים אין די עקזיסטירנדיקע שולן און מ'זאָל אָנערקענען אידיש אַלס אַן אָפיציעלע שפּראַך אין דער שטאָט מאָנטרעאַל. מ'האָט שאַרף אַטאַקירט דעם 1903 שול־אָפּמאַך, אָבער קיין סעפּאַראַטע שולן האָט מען ניט פאַרלאַנגט. דער אמת'ער פאַרשפּיל פון דער באַוועגונג פאַר אַ באַזונדערן אידישן שולוועזן איז געווען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטור־רעלער אויטאָנאָמיע (אידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין קאַנאַדע) און סעפּאַראַטע שולן, וועלכע די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט פאַרגעבראַכט פאַר דעם ערשטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אין 1919, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו לייענען אַ פאָרטראַג וועגן דער דאָזיקער פּראַגע. דער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר סעפּאַראַטע שולן. דער קאַמף פאַר סעפּאַראַטע שולן האָט זיך גאַר שטאַרק צעפלאַקערט אין יאָר 1923 און האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. עס איז געווען אַ גלאָררייכער קאַמף אין וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל. אָבער דאָס באַלאַנגט שוין צו דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון דער באַוועגונג.

## די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין טאָראָנטאָ

כאָטש דער פּועלי ציון פאַראיין אין טאָראָנטאָ איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן סוף 1910, איז ער נישט געווען שטאַרק גענוג צו נעמען אויף זיך די גאַנצע איני־ציאַטיוו דורכצופירן די רעזאָלוציע פון דער פינפטער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, וועגן גרינדן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול. אין דעם ווינטער פון 1910־1911 איז אין טאָראָנטאָ אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל חברים פון דער ס. ט.־פּאַרטיי. פ. פּרומהאָלץ דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז ביי אַן אינטימען שמועס

אין הויז פון יצחק מאטענקאָ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אַפּריל, 1911, „האָט מען זיך צונויפגערעדט דורכצופירן דריי זאַכן מיטאַמאָל: זיך אָנשליסן אין דער ס. ט.-פּאַרטיי, גרינדן אַ צווייג פון אַרבעטער־רינג און עפענען אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שול" [74]).

ווי חבר י. מאטענקא האָט אונז געשריבן, איז די איניציאַטיוו צו גרינדן די ערשטע וועלטלעכע שול אין טאָראָנטאָ געקומען פון די ס. ט., נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געווען אָרגאַניזירט אין דעם אַרבעטער־רינג צווייג נומער 293. חבר א. ז. סילווערמאַן שרייבט אין „קעמפער" פון 7טן מאַי, 1954: „ווען די פראַגע פון אידישע דערציאונג איז אויפגעקומען, האָבן מיר צוזאַמען מיט חברים פון דער ס. ט., ווי מאַטענקאָ, בראַמבערג, קליין, גאָלדמאַן, ראָזענפעלד און אַנדערע, געגרינדעט די ערשטע (?) אידיש־וועלטלעכע שול אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט". חבר סילווערמאַנ'ס באַהויפּטונג נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס די איניציאַטאָרן פון דער שול האָבן ביי דעם סאַמע אָנפאַנג געגרינדעט אַ שול־פאַראיין אין וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלס יחידים סיי די ס. ט. סיי די פּועלי ציון. אַזוי אַרום האָבן די פּועלי ציון זיך באַטראַכט אַלס גלייכע שותפים, גלייכע מיטגרינדער און גלייכע מיטבויער פון דער שול.

דער שול־פאַראיין האָט אָנגענומען דעם מאָטאָ: „דאָס אידישע קינד פאַר דעם אידישן פאָלק". קיין פעסטגעשטעלטע פּראָגראַם האָבן זיי נישט געהאַט. י. מאטענקא שרייבט אין זיינע דעראינערונגען: „אינטואיטיוו זענען מיר געקומען צום פּראָגראַם־באַשלוס — אידיש, העברעאיש (מוסטערן פון תנ"ך אין אָריגינאַל) אין די העכערע קלאַסן, אידישע געשיכטע, געזאַנג (אַרבעטער און פאָלקס־לידער), פייערן אידישע און אַרבעטער יום־טובים, ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דעם אַרבעטער־לעבן בכלל און דעם אידישן אַרבעטער־לעבן בפרט. ווי אַזוי, מיט וועמען, און מיט וועלכע מיטלען מיר וועלן דעם פּראָגראַם דורכפירן, איז אונז ניט קלאָר געווען. באַגייסטערט פון דעם געדאַנק האָבן מיר געגלויבט אין דער דורכפירונג" [75]).

אַ צאָל חברים האָבן זיך אָנגענומען צו זיין פריוויליקע לערער: א. ריינווין, א בראמבערג, א. גאָלדמאַן, ל. קאַלדאַווסקי, פּ. פּרומהאָלץ, י. מאטענקא, וואָס איז שוין געווען אַרום 30 יאָר אַלט, דער עלטסטער פון זיי אַלעמען מיט לערערישער דערפאַרונג פון דער אַלטער היים, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרינציפּאַל. צ. גאָלדבערג (צ. סייבל) איז געווען סעקרעטאַר. דעם דאָזיקן אַמט האָט גאָר אין גיכן איבערגענומען א. ריינווין.

די חברים האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ פאָדערונג צו דער טאָראָנטער באָאַרד אוו עדיוקיישאָן, דורך דער מיטווירקונג פון דזש. סימפּסאָן (אַ סאָציאַליסט, אַ מיטגליד פון דער באָאַרד) מ'זאָל זיי דערלויבן צו באַנוצן אַ פּאַבליק סקול אין דער אידישער געגנט פאַר דריי מאָל אַ וואָך. זיי האָבן מאָטיווירט זייער פאָדערונג מיט דעם, אַז קינדער מוזן און דאַרפן זיך געפינען אונטער דער השפּעה פון זייערע עלטערן און היות די עלטערן קענען נישט קיין ענגליש, ווילן זיי די קינדער לערנען אידיש, כדי זיי זאָלן נישט ווערן אָפּגעפרעמדט פון זייערע עלטערן. שרייבט מאטענקא: „אַן ענטפער האָבן מיר געקראָגן אַ קורצן און אַ שאַרפן. אייער הנחה, אַז קינדער דאַרפן שטיין אונטער דער השפּעה פון די עלטערן איז אַ גערעכטע, אָבער אייער רפואה צו לערנען די קינדער אידיש איז ניט קיין

פראַקטישע — מיר דאַרפן די עלטערן לערנען ענגליש... גלייך זיינען די דריי ענגלישע מאָרגן צייטונגען אַרויס מיט לאַנגע שטורמדיקע לייט־אַרטיקלען, אַז מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן אומברענגען די איינזיקייט פון קאַנאַדע, וואָס ליידט שוין פון צוויי שפּראַכיקייט״ [76]).

די שול איז דערעפנט געוואָרן אין חודש אויגוסט, 1911, אין אַן אויבער־שטיבל אין אַלטן ציון־האָל. מען האָט אָנגעפאַנגען מיט 32 קינדער. די שול האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן אין דעם ציון־האָל און זי האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ געדונגענער הויז אויף סימקאָ גאַס. מען האָט, ווי שוין געזאָגט, באַלד געגרינדעט אַן אומאָפּהענגיקן שול־פאַראיין וועלכער האָט גענומען אויף זיך די זאָרג צו העלפן שאַפן פאָנדן. אין אָנפאַנג האָט מען באַשלאָסן ניט צו רעכענען קיין שכר־לימוד, מען האָט געוואָלט האָבן וואָס מער קינדער און מען האָט געמיינט, אַז מען וועט קענען אָוועקשטעלן די אידישע שולן אויף דעם זעלבן באַזיס ווי די פּאָבליק סקולס, וואו מ׳דאַרף ניט צאָלן קיין שכר־לימוד. דעם ערשטן יאָר האָט מען פאַר־ענדיקט מיט 110 קינדער, אויפן צווייטן יאָר האָט מען זיך איבערגעצויגן אויף ריטשמאָנד גאַס און די שול האָט אָנגעהויבן וואַקסן. אין 1914 האָט זיך די שול אַריבערגעצויגן אין בעווערלי. ס׳זענען צוגעקומען נאָך לערער. צווישן די ערשטע לערער זענען געווען דריי חברים פון דער פועלי ציון פּאַרטיי: ישראל פריימאַן, זיגמונד סאָקאָל און אליעזר פּרענקעל (ער איז געווען אַ צייטווייליקער לערער). גרויס אידעאַליזם איז אַרויסגעוויזן געוואָרן פון די פריווויליקע לערער וועלכע זענען קיינמאָל קיין לערער ניט געווען. שרייבט ל. קאַלדאַוו (קאַלדאָפסקי): „קומט צו מיר צו בראַמבערג און מאַטענקאַ, — היי דו, דו מוזט ווערן אַ לערער. — איך אַ לערער? — איך דאַרף אַליין האָבן אַ לערער. — נו, איז בלייבט עס, אַז דו נעמסט איבער דעם קלאַס... אָבער מ׳דאַרף דאָך קענען זיין אַ לערער. — מען וועט אייך אויסלערנען, און לערער־קורסן ווערן געשאַפן. אַ יונגערמאַן, געבוירן אין ענג־לאַנד (גאָלדמאַן), דערצויגן אויף דער ענגלישער קולטור און ליטעראַטור, אַסי־מילירט זיך מיט דער אידישער קולטור און ווערט דער אָנפירער פון די לערער־קורסן, און אַלע נאַכט נאָך דער אַרבעט לויפט מען גלייך פון שאַפ אין שול. ניט געגעסן, ניטאָ קיין צייט, אָפּגעלערנט, אָפּגעמיטינגט, לויפט מען אַהיים איינ־שטודירן די לעקציעס וואָס מ׳דאַרף לערנען מיט די קינדער און אַזוי אַלע טאָג, יאָר נאָך יאָר, ביז נאָך דער מלחמה״ [77]).

אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די שול געהאַט אויסצושטיין רדיפות פון די אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן די שול באַשולדיקט צו זיין אַ מיסיאָ־נערן־קלייזל. אין דער „פאָלקס־צייטונג״ פון סעפּטעמבער, 1912, ווערט דער־ציילט וועגן די באַלעבאַטישע ציוניסטן, וואָס זענען ניט צופרידן, וואָס מ׳מאַכט אַ ווערט פון דעם זאַגענאַנטן זשאַרגאָן. זיי העלפט אַרויס די מאָנטרעאַלער ענג־ליש־אידישע צייטונג „די קענעדיען דזשוּאיש טיימס״. אַ גינסטיקע געלעגנהייט פאַר דער דאָזיקער אַטאַקע איז געווען, וואָס די שול האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־אַרויספאָר אום שבת און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד, אַז מ׳וויל אָפּ־שמדן די אידישע קינדער.

ווען דער שול־פאַראיין פון דער טאָראָנטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול איז געגרינדעט געוואָרן האָט ער אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע. די אויפגאַבן פון דער שול זענען פאָרמולירט געוואָרן אַזוי: „א) צו געבן די אידישע קינדער פון

טאָראָנטאָ אַן אמת אידישע און ראַדיקאַלע דערציאונג; צו דערנענטערן זיי צו זייערע עלטערן און צו זייער פאָלק; איינצופלאַנצן אין זיי אַ טיפע ליבע צום אידישן פאָלק, צו זיינע אידעאַלן און האָפענונגען, צו דער גאַנצער מענטשהייט און צו די אַלמענטשלעכע אידעאַלן פון שלום און פרייהייט, פעלקער־ליבע און ברידערלעכקייט. דיזער פונקט קען קיינמאָל, אונטער קיינע אומשטענדן ניט געענדערט ווערן. ב) דער פאַראיין זאָל, לויט די אומשטענדן און מעגלעכקייטן, גרינדן אין טאָראָנטאָ און אין אירע פאָרשטעט שולן, ביבליאָטעקן און לעזצימערן; זאָל איינאָרדנען אונטערהאַלטונגען און פאַרווייליגונגען; זאָל אָרגאַניזירן זעלבסטשטענדיקע אונטערשטיצונגס, דערציאונגס, עלטערן־און פרויען־פאַראיינען; זאָל אַרויסגעבן פון צייט צו צייט קינדער־צייטונגען, קינדער־ליטעראַטור א. א. וו. ג) אַלע לימודים אין שול זאָלן געלערנט ווערן אין אידיש. דער דאָזיקער פונקט קאָן קיינמאָל ניט געענדערט ווערן. ד) העברעאיש זאָל געלערנט ווערן נאָר מיט די שילער, וועלכע האָבן אַ פולשטענדיקע באַקאַנטשאַפט אין דער העברעאישער אָרטאָגראַפיע און קאָנסטרוקציע פון דעם אידישן זאַץ" [78]).

נאָכדעם ווי די שול האָט עקזיסטירט צוויי יאָר, האָט חבר י. ל. מאַלאַמוד געשריבן אין „קענעדער אָדלער" מיט באַגייסטערונג: „אין עלטערן קלאַס טרעפט איר אויך קינדער וועלכע שרייבן אָן אַ אידישע קאָמפּאָזיציע און ווען איר לעזט דורך דעם אידישן סטיל, דעם רייך־אידישן געדאַנק, ווערט איר איינפאַך איבערראַשט. דער עלטערער קלאַס, למשל, באַשטייט פון 12־13־14 יאָריקע קינדער, דאָס רוב היגע געבוירענע, פאָלגן נאָך די אידישע ליטעראַטור. מען לעזט שלום עליכם, רייזען, פרץ, אַש, א. א. וו. און מען איז אַנטציקט... ווי זאָל מען ניט באַגייסטערט ווערן, ווען מען הערט אַ כאָר פון 200 קינדער זינגען „אַז גאָט וועט געבן געזונט און לעבן"... און אַז עס קומט אַ ל"ג בעומר, האַלטן די קינדער הייליק דעם אָנדענק פון ר' עקיבא מיט זיינע תלמידים... וועגן חורבן פאַרגיסן זיי טרערן... קומט אַ אידישער נאַציאָנאַלער יום טוב, ווערן זיי פריילעך און זענען זיך משמח"...

אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרטיי־מחלוקות אין דעם שול־פאַראיין. די חברים פון דער ס. ט.־באַוועגונג האָבן געוואָלט אָנהאַלטן די קאָנטראָל און אויך אויסנוצן די שול־אַרבעט צו שלאָגן פאַרטיי־קאַפּיטאַל. כאָטש מאַטענקא איז אַליין געווען אַ ס. ט. האָט ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך צוריקגעצויגן פון דער צענטראַלער שול, ווייל ער האָט, ווי ער שרייבט אונז, געזוכט אַ ווינקל, וואָס זאָל זיין פריי פון פאַרטיי־מחלוקות. א. בראַמבערג איז דאַן געוואָרן דער הויפּט־לערער פון דער צענטראַלער שול.

די דאָזיקע געלעגנהייט איז געקומען ווען ס'איז אים געלונגען צו גרינדן אַ שול־פאַראיין אין דעם עקסטרעם מערב־טייל פון טאָראָנטאָ און צו דערעפענען אַ שול אין מאַריאַ־גאַס, וועלכע מ'האָט אגב גערופן די „דזשאַנקשאַנער שול", ווייל זי האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אַן אייזנבאַן־פאַרבינדונג (דזשאַנקשאַן). די שול האָט מען אויך גערופן די וועסט־טאָראָנטאָ שול. מאַטענקא איז שוין פאַרבליבן דער פרינציפּאַל פון דער שול. ער האָט אויך פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אַלס לערער פאַר איין קלאַס, צייטנווייז צוויי אין דער מיטלשול ביז מיט צוויי יאָר צוריק. אַזוי אַרום האָט ער דערווייל, פונקט

ווי חבר וו. כייטמאַן פון מאָנטרעאַל, דעם לענגסטן סטאַזש אַלס אידישער לערער אין קאַנאַדע פאַר אַ קימא־לן פון 42 יאָר.

גלייך ווי ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער בילדונגס־קאָמיטעט פון די פּועלי ציון און נאַציאָנאַל אַרבעטער פאַרבאַנד שולן האָבן די ס. ט. אין טאָראָנטאָ געגרינדעט די „שול־ביוראָ״ פאַר אידישיסטישע שולן. דער סעקרעטאַר פון דער שול־ביוראָ איז געווען יוסף קאַמאַי. די צוויי שולן אין טאָראָנטאָ זענען געוואָרן אַלץ מערער אידישיסטיש געשטימט, כאָטש אין דער אויבן־ציטירטער פּרינציפּן־דערקלערונג איז העברעאיש נאָך נישט דערקלערט געוואָרן אַלס אַ „העכערער לימוד״.

אין אָנפאַנג האָט מען אין די טאָראָנטער שולן געלערנט דריי מאָל אַ וואָך — שבת, זונטיק, מיטוואָך — צו צוויי שעה אַ קלאַס. אין די שפּעטערע מלחמה־יאָרן, ווען די לערער זענען געוואָרן באַצאָלטע, אַרום 1917־1918, האָט מען איינגעפירט 5 מאָל אַ וואָך צו איין שעה אַ קלאַס. אַ גאָר באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן אין די טאָראָנטער שולן די קינדער־קלוב־אַרבעט. אַלס טייל פון דער קינדער קלוב־פּראָגראַם איז געמאַכט געוואָרן אַן איינפיר פון עונג־שבתים פרייטיק צונאַכט, אין דער צענטראַלער שול אויף בעווערלי גאַס און פון שבת צונאַכטן אין דער „דזשאַנקשאַנער״ שול. אין דער „דזשאַנקשאַנער״ שול האָבן זיך די עלטערן אויך באַטייליקט אין דער שמחה. דער איינפיר האָט אָנגעהאַלטן אַ פופצן־צוואַנציק יאָר. דער דאַזיקער איינפיר פלעגט, ווייזט אויס, מאַכן אַ טיפן איינדרוק סיי אויף די לערער, סיי אויף די קינדער. אַט ווי פלאָרענס ראַכלין־מענסאָן, אַ געוועזענע לערערין, האָט געשריבן אין אירע דערפאַרונגען: „די שענסטע דעראינערונגען איז מיר געבליבן פון אונזער פאַרברענגען שבת צונאַכט צוזאַמען מיט די שול־קינדער. מ׳קאָן דאָס ניט אָנרופן פשוט ,פאַרברענגען׳. דאָס זענען געווען מאָמענטן ווען די לערער מיט די קינדער פלעגן זיך צוזאַמענגיסן אין איין משפּחה־באַנד, מיט איין פאַרלאַנג — צו זען אונזער פאָלק שענער, גליקלעכער און געזונטער. און די קינדער!... און די טענץ!... אַט שטייט חבר מאַטענקאַ און שפּילט אויפן פידל, מיט ברען, מיט באַגייסטערונג! ער לייגט אַריין זיין גאַנצע נשמה אין די טענער... איך און ח׳ ישראל פריימאַן פירן אָן מיט די טענץ; אַ שלום עליכם טאַנץ; און די באַרימטע ראָנדאָ. אין די טענץ איז אפשר געווען ווייניק ריטם, אָבער דערפאַר אַ סך נשמה, אַ ים מיט באַגייסטערונג. די קינדער און די לערער זענען איינגעשלאָסן אין איין ראָד, אין אַ באַגייסטערטער טאַנץ־תפילה״ ⁹).

די צאָל פּועלי ציון־חברים אין דעם שול־פאַראיין האָט זיך דערווייל געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. זיי זענען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אין דער שול־פאַרוואַלטונג. די קנאים פאַר אידיש, אָנגעפירט פון אהרן בראַמבערג, יוסף קאַמאַי און זלמן קאַמאַי האָבן באַשלאָסן, אַז ס׳וועט זיין די בעסטע זאַך פּטור צו ווערן פון די פּועלי ציון. שרייבט בראַמבערג: „מיר האָבן מורא, אַז זיי (די פּועלי ציון) זאָלן מיט דער צייט אונז ניט מאַיאָריזירן און ניט ענדערן דעם גייסט פון דער שול. כדי צו פאַרצאַמען זיי דעם וועג, נעמען מיר אָן אַ ,פּרינציפּן דערקלערונג׳. דאָרט איז פאַראַן אַ פּונקט, אַז מיר אַנערקענען, אַז אידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק׳. הויבט זיך אָן אַ מוראדיקער

קאַמף אַרום דעם „די". ווייסן די פּועלי ציון, אַז דב בער באָראָכאָוו איז זייער חשוב ביי אונז איבער זיינע גרויסע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון אידיש־פאָר־שונג, ברענגען זיי אים אַראָפּ, אַז ער זאָל אונז באַוועגן צו ענדערן דעם פּונקט. אַ גאַנצע נאַכט איז ד. ב. באָראָכאָוו מיט אונז געזעסן און איינגעטענה׳ט, און דער פּונקט איז ניט געענדערט געוואָרן" [80]).

ס׳איז אמת, אַז חבר ד. ב. באָראָכאָוו איז געקומען קיין טאָראָנטאָ צו האַלטן לעקציעס אַלס גאַסט פון די פּועלי ציון, אָבער ער איז ניט געקומען ספּעציעל צו באַווירקן בראַמבערגן און זיינע חברים. די האָפּענונג פון די אידישיסטישע פאַנאַטיקער, אַז זיי וועלן פאַרטרייבן די פּועלי ציון איז אויך ניט מקוים גע־וואָרן. די „פּאָליסי" פון דעם פּועלי ציון־פאַראיין איז פאַרבליבן, אַז די חברים זאָלן פאַרבלייבן חברים אין דעם שול־פאַראיין אַלס יחידים צו העלפן אין דעם אויפהאַלט פון דער שול און צו באַווירקן איר אינערלעכע דערציערישע אַרבעט און פּראָגראַם. מיט דער אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל העברעאיסטישע פּועלי ציון, זענען אַלע פּועלי ציון־חברים, די „צוויי־שפּראַכיקע" און די אידישיסטן (זייער צאָל איז געווען זייער קליין), פאַרבליבן אין דער שול.

דער קאַמף וועגן אידיש אַלס „די" נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער „אַ" נאַציאָ־נאַלע שפּראַך האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג זאָלן זיך אָנשליסן אין גרויסע צאָלן אין דעם שול־פאַראיין. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָט מען אין די שול־קרייזן אָנגעהויבן אין יאָר 1917 אַ דיסקוסיע וועגן אָנשליסן די שול אין דעם אַרבעטער־רינג צענטראַלן דערציאונגס־קאָמיטעט.

די אַרבעטער־רינגניקעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. אָבער אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך געווען אַ שול־פאַראיין זענען די פּרץ־שולן פאַרט געבליבן אַן אומ־אָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע און די פּועלי ציון זענען נאָך אַלץ געבליבן ביי דער אַרבעט. מ׳האָט אין יענעם יאָר געגרינדעט נאָך אַ צווייג אין אוירלס קאָרט. אַלע דריי שולן האָבן פאַרמאָגט 400 קינדער. העברעאיש האָט מען געלערנט פון קלאַס 4.

אָנפאַנג 1917 האָט יהודה קויפמאַן באַזוכט די טאָראָנטער פּועלי־ציון. ער האָט באַרירט ניט נאָר די שול־פראַגע, נאָר האָט אויך אַגיטירט צווישן די חברים פאַר אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט. יענעם זומער איז לויט אַ באַריכט אין דעם מאָנטרעאַלער וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק" פון דעם 27טן יולי, 1917, גע־מאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ שלום עליכם פאָלקס־שול, אַלס אַן אָפּאָ־זיציע צו די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וועלכע האָבן זיך שוין דאַן גערופן פּרץ־שולן. פון דעם דאָזיקן פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן, אָבער ס׳האָט זיך געגרינדעט דער פּרץ־פאָלקס־אינסטיטוט מיט אַ פּראָגראַם פון גרויסער קול־טור־טעטיקייט.

אין 1917־1918 זענען אַנטשטאַנען זייער ערנסטע קריגערייען אין דעם פּרץ־שולן־פאַראיין. איין צד, אָנגעפירט פון אַ. בראַמבערג און דער צווייטער פון אַ. ריינוויין. ריינוויין און זיינע חברים האָבן זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון י. מאַטענקאַ, אַז די פראַגע צי אידיש איז „די" נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער „אַ" נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט ניט קיין שייכות מיט דער שול אַר־בעט גופא. ריינוויין מיט זיינע חברים האָבן דאַן פאַרלאָזן דעם פּרץ שול־פאַראיין און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם פּרץ־פאָלקס־אינסטיטוט. ס׳פאַרשטייט

זיך, אַז די פועלי ציון האָבן געשטיצט ריינוויינען. זיי זענען אַרויס מיט אים און געהאָלפן אין דער אַרבעט. דער פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט האָט געעפנט אַ שול אין נומער 5 גרענדזש ראוד. די „דזשאַנקשאַנער" שול און די אוירלס־קארט שולן האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם פרץ פאָלקס־אינסטיטוט. דער פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט האָט אויך איבערגענומען די שלום עליכם פאָלקס־ביבליאָטעק מיט אירע אָונט־לעקציעס און פאָרומס פאַר דערוואַקסענע, וואָס זענען אויך אָנגעפירט געוואָרן פון אברהם ריינוויין. ס'מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז א. ריינוויין האָט זיך נאָך פריער אָנגעהויבן דערנענטערן צו די פועלי ציון און אין 1918 איז די ס. ט.־פּאַרטיי אַריין צו די פועלי־ציון און דער טאָראָנטער ס. ט.־פאַראיין האָט זיך אויפגעלעזט.

אין אַ בריוו פון דעם 30טן מערץ, 1918, האָט וו. קעסנער געשריבן צו דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד, אַז די וועסט טאָראָנטאָ שול האָט 126 קינדער, פון זיי 93 מיידלעך און 33 אינגלעך. זי האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע הויז, וואָס האָט געקאָסט 1,500 דאָלער און האָט געהאַט אַ בודזשעט פון 120 דאָלער אַ מאָנאַט. אין אַ בריוו פון מאַי, 1918, האָט מען געשריבן צו דער צענטראַלע, אַז די פועלי ציון, וועלכע זענען געשטאַנען ווייט פון דער וועסט־טאָראָנטאָ־שול, צוליב איר אידישיסטישער טענדענץ, זענען צוגעשטאַנען צו דער שול. דאָס איז געווען אַ ביסל איבערטריבן. די פועלי ציון האָבן געוואוינט צו ווייט פון דער שול צו קענען זיך באַטייליקן אין גרויסע צאָלן אין דער אַרבעט פון דער וועסט טאָראָנטער שול. דעם 5טן מאַי, 1918, האָט מען געפייערט דעם חנוכת־הבית פון דעם פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט. אַביסל שפעטער האָט מען געפייערט דעם ערשטן יערלעכן יובליי פון דעם פרץ פאָלקס־אינסטיטוט [81]

אין יוני, 1918, האָט זיך דער גאַנצער פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט אָנגעשלאָסן אין דעם פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. לויט שפעטערדיקע ידיעות האָט זיך א. ריינוויין באַטייליקט אין דעם צוזאַמענפאָר פון דעם צענטראַלן שול פאַרבאַנד אין סיראַקיוז. יענעם זומער איז פאָרגעקומען אַ דיסטריקט קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלן־אַרבעטער פאַרבאַנד־צווייגן אין טאָראָנטאָ, ביי וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו שטיצן אַלע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אינם שול־פאַרבאַנד און לערנען, לויט דעם פראָגראַם און גייסט, ווי גוטגעהייסן פון שול־פאַרבאַנד. דאָס האָט געמיינט מ'זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פאַרן פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט.

ווייזט אויס, אַז ס'איז שוין געווען צו שפעט. די פינאַנציעלע לאַגע פון דעם פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. די „סיטי סענטראַל־קאָמיטי" פון דעם אַרבעטער־רינג האָט אויסגענוצט די דאָזיקע לאַגע און האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון „אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס", וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון דעם פרץ־פאָלקס־אינסטיטוט און די פרץ־שול אין איין קערפערשאַפט.

ווען פראָפעסאָר פיינמאַן איז געקומען אין טאָראָנטאָ אין די אינטערעסן פון דעם פרייהייטס־פאָנד, לויט אַ באַריכט אין דעם „אידישן זשורנאַל", פון ערשטן יוני, 1919, האָבן ביי דעם זעלבן אָונט, וואו פיינמאַן און ריינוויין האָבן גערעדט, געזאָלט אויך אויפטרעטן קינדער פון די פרץ־שולן, מיט גע־

זאַנג און דעקלאַמאַציעס. דאָס איז אָבער געווען די לעצטע פאַרבינדונג צווישן די טאָראָנטער פּרץ־שולן און אונזער באַוועגונג.

די פאַראייניקטע פּרץ־שולן און פּרץ פאָלקס־אינסטיטוט האָבן דאַן געהאַט אַ דעפּיציט פון אַרום 1,500 דאָלער. ווי אייניקע חברים געדענקען, האָט א. בראַמבערג, דער גרעסטער שונא פון די פּועלי ציון דערפילט, אַז ער איז אַוועק שוין אַביסל צו ווייט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען, אַז עס האַלט, אַז דער אַרבעטער־רינג וועט איבערנעמען די שולן. ער איז געקומען צו חברים פון אונזער באַוועגונג און האָט זיי פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן מאַכן אַן אָנבאָט אויף צו איבערצונעמען די שולן. ווייזט אויס, אַז אונזערע חברים האָבן מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. זיי זענען זיכער באַגאַנגען אַ פּאָליטישן פעלער.

ביי אַ פאַראיין־מיטינג פון די פּרץ־שולן, מיטוואָך, דעם 16טן יולי, 1919, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון דער „סיטי־צענטראַל־קאָמיטי" פון אַרבעטער־רינג צו באַצאָלן אַלע חובות און איבערגעבן די פאַר־וואַלטונג פון די שולן צו די אַרבעטער־רינג צווייגן [82]). דער שול־פאַראיין האָט זיך אויפגעלייזט און עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל פון דער שול־אַרבעט פון די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין טאָראָנטאָ.

די אַרבעט פון די פּועלי ציון, וועלכע האָבן געהאָלפן צוזאַמען מיט די ס. ט. אין דעם אויפבוי פון די פּרץ־שולן אין טאָראָנטאָ איז ניט געגאַנגען אינגאַנצן לאיבוד. די טאָראָנטער שולן האָבן געהאָלפן די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן אין אַרבעטער־רינג זיך איינצושטעלן פאַר אַן אַרבעטער־רינג שול־סיסטעם. נאָך מער, זיי האָבן סטימולירט די ערעפענונג פון אַרבעטער רינג־שולן אין פאַר־שידענע שטעט נאָך איידער דער אַרבעטער רינג האָט אין 1918 גענומען דורכ־פירן די באַשלוסן פון זייערע פריערדיקע קאָנווענשאַנס בנוגע שולן. י. ב. ביילין, דער דאַמאָלסטיקער דירעקטאָר פון דעם בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אַר־בעטער־רינג, שרייבט אין זיינע זכרונות: „און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די טאָראָנטער פּרץ־שולן, וואָס זענען נאָך דאַמאָלסט נישט געווען קיין אָפיציע־לע אַרבעטער רינג־שולן, האָבן מיט זייער סאַמע עקזיסטענץ, מיט זייער וואוקס און ברייט־אַוועקגעשטעלטער אַרבעט, היפשלעך דערמוטיקט די ערשטע טריט אונזערע אויף דעם פעלד. מיר האָבן זיי געניצט ווי אַ שלאָגנדיקן באַווייז, אַז די שולן זענען נישט קיין עקזאָטישע פלאַנצן, ווי אַנדערע האָבן עס אָנגערופן, און נאָך מער, אויף אונזערע שול־צוזאַמענפאָרן האָבן אונזערע לערער און שול־בויער פיל געלערנט פון די דערפאַרונגען פון די קאַנאַדער חברים. מיר האָבן זיי שטענדיק באַטראַכט ווי די פּיאָנערן פון דעם אידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אויף דעם מערב׳דיקן האַלב־קוגל פון דער וועלט. מיר האָבן באַטראַכט אונ־זערע שולן אין קאַנאַדע פאַר פאָלקאַמערע און פאַר מאַסגעבנדיקערע, ווי די שולן אונזערע אין די שטאַטן. ניט בלויז צוליב זייער עלטערער דערפאַרונג, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די קאַנאַדער שולן זענען געווען גאַנצערע, פול־וואַכיקע, פול־טאָגיקע. און אויב מיר האָבן שוין איצט אַ סיטואַציע, וואו די שול־באַוועגונג פון אַרבעטער־רינג איז שוין אַן אָרגאַנישער טייל און שטאָלץ פון דעם גאַנצן אָרדן, האָבן די קאַנאַדער פּרץ־אַרבעטער־רינג־שולן צו דעם ביי־געטראָגן ניט דעם קלענסטן חלק" [83]).

אַזוי אַרום האָבן אונזערע חברים אפילו אין דעם צייט־אָפּשניט, 1911־1920, אויך געמאַכט אַ ביישטײַער צו דעם שול־וועזן און האָבן געהאַט אַ חלק אין באַ־ווירקן די שול־אַרבעט פון דעם אַרבעטער־רינג. אין די שפּעטערע יאָרן האָט די אַרבעטער־רינג־שול צוליב פאַרשיידענע סיבות פאַרלאָרן גרויסע צאָלן פון תלמידים און געליטן אַ ירידה. אין 1920 האָבן זיי געהאַט בלויז צוויי שולן מיט אַרום 300 תלמידים. זיי האָבן געהאַט זייער ערשטע גראַדואירונג, ערשט אין 1927.

די פּועלי ציון און דער פאַרבאַנד האָבן געגרינדעט אַ פאָלקס־שול אין 1925 און גאָר לעצטנס האָבן זיי אויפגעבויט אַ נייע, פּראַכטפולע שול אין איינעם פון די נייע געגענטן פון שטאָט מיט דער האָפנונג, אַז די נייע שול וועט זיך אַנט־וויקלען אין אַ טאָג־שול.

## די פּרץ־שול אין וויניפּעג

סוף אָקטאָבער, 1910, האָט דער פּועלי ציון־פאַראיין אין וויניפּעג זיך אָנ־געהויבן צעפאַלן. דער פאַראיין פון ס. ט. איז נאָך פריער צעפאַלן געוואָרן. והעיר וויניפּעג היתה תהו ובהו. אָבער דער רוח אלהים איז געווען מרחפת עליה... די חברים ס(ז) ציווקין, אַ געוועזענער פּועלי ציון און זיין פרוי (גע־וועזענע פּערלמאַן) זענען, לויט די זכרונות פון ח׳ י. א. לבדי, געווען די ערשטע מיטן געדאַנק צו גרינדן אַן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלן שטודיר־פאַראיין, מיט אַן אויסקוק פאַר דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. מרס. סיליא ציווקין האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער נאָמען פון דעם פאַראיין זאָל זיין „אידישער יוגנט־פאַראיין". די ערשטע מיטגלידער זענען געווען חברים פון די געוועזענע פּועלי ציון־און ס. ט.־פאַראיינען. שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע געשטימטע עלעמענטן, אייניקע פאָלקס־טימלעך־געשטימטע אַנאַרכיסטן און אפילו „גענאָסן". י. א. טשערניאַק שרייבט אין זיינע זכרונות אַז: „סוף כל סוף זענען אַלע געקומען צו דעם איינשטימנ־דיקן באַשלוס, אַז וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער אידן און ראַדיקאַלן זענען מיר און אַז דערפאַר דאַרפן מיר גרינדן אַ שול מיט אַ איד־יש־ראַדיקאַלן פּראָגראַם" [84]).

דער פאַראיין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער קולטור־אַר־בעט און מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג. לויט ציווקינ׳ס מיינונג איז דער „יוגנט פאַראיין" אין וויניפּעג געווען דער אמתער פּיאָנער און פאָטער פון דעם אידישן שול־געדאַנק בכלל. דער פאַראיין „איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן און אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַר דעם" [85]), דער פאַראיין האָט פאַרהאַנדלט, לויט אַ באַריכט, אין דער לאָקאַלער צייטונג, די פראַגע פון אַ שול, זונטיק, דעם 2טן יאַנואַר, 1912. ביי יענער זיצונג אָדער אַ שפּעטערער זיצונג אין יאָר 1912, איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אנבאַטראַכט, אַז די אידישע ערציאונג אין אַמעריקע ברענגט דערצו, אַז דער יונגער דור ווערט פאַרפרעמדט פון דער אידישער שפּראַך, אידישע ליטעראַטור און אידישן פאָלק; דורך די אָדער יענע סיבות, איז ער אין מייסטע פאַלן אַן אַנטוישטער און אַ צובראָכענער און לויט זיין גאַנצע דערציאונג אַ פרעמדער צום אידישן לעבן, און נעמענדיק אין

אנבאַטראַכט, אַז דאָס ברענגט צו מיספאַרשטענדענישן צווישן עלטערן און קינדער און רויבט אַוועק ביים אידישן פאָלק זיין יונגן דור; נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, אַז די עקזיסטירנדיקע מעטאָדן פון דער אידישער דער־ציאונג זענען ניט אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פעדאַגאָגיק און פּראָגרעסיוון אידן, דערום איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ שול, וואו מען זאָל ערציען דעם קינפטיקן דור אין פּראָגרעסיוון אידישן גייסט".

דער פאַראיין „אידישע יוגנט" האָט פונקציאָנירט אַרום צוויי און אַ האַלב יאָר. פון דעם דאָזיקן פאַראיין האָט זיך פאָרמירט אַ צווייג פון אַרבעטער־רינג וועלכער האָט זיך גערופן „אידישע יוגנט אַרבעטער רינג־צווייג 506". דער דאָזיקער צווייג פון סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָט אָנגעהאַלטן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול. סוף 1913, האָט דער צווייג 506 פאַררופן אַ קאָנפערענץ וועגן דער שול־פראַגע און עס איז פעסט באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אַ שול. די קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון ס. ט., פּועלי ציון און סתם נאַציאָנאַליסטן־ראַדיקאַלן וועמען ס'האָט פאַראייניקט די אידישיסטישע פאַז. זיי האָבן אָבער געוואָלט מזכה זיין אויך די איבעריקע וויניפּעגער ראַדיקאַלן מיט דער מצוה פון גרינדן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול און מען האָט פאַר־רופן נאָך אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס און פּריוואַטע פּערזאָנען אום צוזאַמען בויען די געזעלשאַפט, וואָס זאָל לייגן דעם גרונטשטיין פאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער ערציאונג אין וויניפּעג [86]).

ס'ווערט ווייטער דערציילט אין דעם דאָזיקן באַריכט, אַז די „געגנאָסן" האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַלע" שולן און אַלס קאָמפּראָמיס, כדי צו האָבן אַלעמען ביי דער אַרבעט פון דער שול, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די וויניפּעגער שול, וואָס מ'וועט גרינדן זאָל ניט הייסן „אידישע נאַציאָנאַל־ראַ־דיקאַלע שול", נאָר „אידישע ראַדיקאַלע שול".

ווען מען האָט זיך קאָנסטיטואירט האָט מען אויסגעקליבן אַן אויספיר־קאָמיטעט. אין דער עקזעקוטיווע זענען אַריין: (דר.) ב. גינזבורג, פאַניע טשער־ניאַק, י. אַ. טשערניאַק, ט. געלער, (דר.) י. פּערלמאַן, י. גורעוויטש, וואָס האָבן פאַרטראָטן די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע גרופּע; י. פּראַסאַוו האָט פאַרטראָטן די אַנאַרכיסטן; ח. זאַלצמאַן, וו. באום, אַ. גאַלאַבאַוו, מ. און ראָזע עלקין, ב. טויבמאַן האָבן פאַרטראָטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן [87]). דאָס איז געווען די איינ־ציקע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדע, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן („געגנאָסן") האָבן גענומען אַן אנטייל ביי דער גרינדונג. אָבער ווי עס ווערט גע־זאָגט אין דעם 1916־באַריכט, איז „פּאַקטיש דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ברענטש געשטאַנען ווייט פון דער שול" [88]). לויט ג. שעפּס איז די שול, דערעפנט געוואָרן דעם 2טן מאַי, 1914. דער עקזעקוטיווע איז געלונגען צו קריגן די דער־לויבעניש פון דער סקול באָארד צו באַנוצן פאַר דער שול איין צימער אין אַבערדין סקול, פּלאַרא און סאַלטא גאַס. די שול איז געעפנט געוואָרן מיט י. אַ. טשערניאַק אַלס ערשטער פינאַנץ־סעקרעטאַר און קאַסירער און י. גורעוויטש ערשטער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. מען האָט אָנגעהויבן זוכן קינדער. נאָך גרויס מי איז געלונגען צו באַאיינפלוסן 11 עלטערן פון 17 קינדער, „וואָס האָבן, טראָץ דעם חרם פון די רבנים, באַשלאָסן פאַרשטייַנט צו ווערן פון די אָרטאָדאָקסן

און מקריב זיין זייערע פריינטלעכע באַציאונגען מיט די „אַלד־טיימערס", אַלץ צו־
ליבן געבן זייערע קינדער אַ אידיש־וועלטלעכע דערציאונג און זיי האָבן אָנפאַר־
טרויט דער שול זייערע קינדער". חבר ב. גינזבורג (דער איצטיקער דר. גינז־
בורג) איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער מיט אַ געהאַלט פון $17.50 אַ חודש.
2 וואָכן נאָך דער דערעפענונג פון דער שול זענען צוגעקומען נאָך קינדער און
עס איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער לערער, חבר י. העסטרין, מיט דעם
זעלבן געהאַלט, און מען פאַרנעמט נאָך אַ צימער אין אבערדין סקול. אין דעם
חודש אויגוסט, האָט מען שוין געפילט, אַז די שול מוז האָבן אַן איגענע היים"[89]).

לויט דעם 1916 שול־באַריכט פון דער פרץ־שול איז די שול געגרינדעט גע־
וואָרן נישט דעם 2טן מאַי, נאָר דעם 18טן מאַי, 1914. אָבער דאָס איז ניט
וויכטיק. דער פאַקט איז, אַז די שול האָט זיך דערעפנט אין מאַי, 1914. ס'איז
כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס איז געווען די ערשטע שול, וואָס האָט פון סאַמע
אָנפאַנג איינגעפירט צו האָבן באַצאָלטע און ניט קיין פרייווילליקע לערער. י.
העסטרין איז געווען, דרך אגב, אַ דערפאַרענער פעדאַגאָג און איז אין 1915,
באַשטימט געוואָרן פאַרן פרינציפּאַל פון דער שול, אַן אַמט, וואָס ער האָט גע־
האַלטן ביז 1922. גאָר אין גיכן האָט מען אָנגעשטעלט אַ דריטן לערער, ד. דע־
נענבורג און אויך אַ געזאַנג־לערער, ב. קאָהען. די שול האָט זיך אָנגעהויבן שנעל
אַנטוויקלען. אין 1915 זענען שוין געווען 90 קינדער און דריי קלאַסן. אין יוני,
1915, האָט די סקול באָארד געהייסן דער שול זיך אַרויסקלייבן.

ג. שעפּס מיינט, אַז די סקול באָארד איז באַווירקט געוואָרן פון די אָרטאָ־
דאָקסן, וואָס האָבן די שול־אַרבעטער אָנגערופן „מיסיאָנערן" און פון די געגנאָסן
וואָס האָבן זיי געקרויינט מיט דעם צונאָמען „שאָוויניסטן"... האָט מען גענומען
אַ פּלאַץ אויף מאַקענזי און פריטשארד גאַס, וואו די שול האָט זיך אַריינגעקליבן
דעם 10טן אָקטאָבער, 1915. מ'האָט דאַן דערעפנט אָוונט־קורסן אויך פאַר דער־
וואַקסענע.

אַ היפּש ביסל פאַר דעם האָט זיך אָנגעהויבן די מחלוקה וועגן דעם לאָזונג
פון דער שול. די שול־פאַרוואַלטונג האָט אָן וועלכע ס'איז כוונה, אָפּגעדרוקט
בלאַנקן מיט דער מאָטאָ: „די אידישע יוגנט פאַרן אידישן פאָלק". די איינגעבע־
טענע געסט, וואָס רופן זיך „אינטערנאַציאָנאַליסטן", האָבן אין דעם לאָזונג דער־
זען אַ „שאָוויניסטיש" אונטערפּיסל פון די נאַציאָנאַליסטן און האָבן גלייך אָנגע־
פאַנגען מיט אַן אולטימאַטום: „אויס לאָזונג, אָדער מיר גייען אַוועק, און די
שול איז געבראָכן"[90]).

צוערשט האָט די שול־געזעלשאַפט ניט געוואָלט נאָכגעבן און אַלס רעזולטאַט
האָבן אַ צאָל מיטגלידער — די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — רעזיגנירט פון דער
עקזעקוטיווע. דאָס איז געווען די ערשטע שפּאַלטונג. דער וויניפּעגער אידישער
סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לאָקאַל האָט דאַן דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע, אַז מיט־
גלידער פון דעם לאָקאַל טאָרן איבערהויפּט ניט באַלאַנגען צו דער שול־
געזעלשאַפט[91]).

די שול־געזעלשאַפט האָט אָנפאַנג יאַנואַר, 1915, געמאַכט אַ וויטערדיקע
קאָנצעסיע צו די געגנאָסן און האָט אַרונטערגענומען דעם לאָזונג. מען האָט אויך באַ־
שלאָסן, אַז די רעזיגנירטע מיטגלידער קאָנען צוריק אַריינקומען אַלס נייע מיט־
גלידער אָן איינצאָל־געלט. אין דעם וויניפּעגער שול־פאַראיין איז דאַן געווען אַ

געזעץ, אַז אַ נייער חבר דאַרף איינצאָלן 6 דאָלער איינטריט אָפּצאָל און דריי דאָלער אַ יאָר מיטגליד־שטייער. זייער ווייניק געגאַסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער שול, אפילו דאַן, ווען דער לאָזונג איז אַרונטערגענומען געוואָרן.

אָנפאַנג 1916, האָט זיך אין וויניפּעג געגרינדעט אַ „פאָלקס־שול", וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרן פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די שול האָט אַראַנזשירט אַ פייערונג פונם ערשטן מאַי פאַר אירע שילער [92]). אין דע־צעמבער, 1916, האָט די שול זיך באַטייליקט אין קבלת־פּנים פאַר מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט דאַן באַזוכט וויניפּעג. ווי חברים גיבן אונז איבער, האָט די „פאָלקס־שול" זיך ווי עס־איז געהאַלטן ביז ס'האָט זיך פון איר אַנט־וויקלט די אַרבעטער רינג־שול, וועלכע האָט זיך אָפיציעל געגרינדעט אין 1920.

אין לויף פון 1916, האָבן חברים פון דעם אויפגעלעבטן פּועלי ציון־פאַראיין אָנגעהויבן אָנשליסן זיך אין דער שול־געזעלשאַפט. דאָס האָט זיך אָנ־געהויבן נאָך זרובבל'ס באַזוך אין וויניפּעג. ס'האָט זיך איבערהויפּט אָנגע־הויבן אַ דערנענטערונג צווישן געוועזענע ס. ט. און די פּועלי ציון. איניקע ס. ט.־חברים האָבן אַרום יענער צייט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם אַרבעטער רינג און זיך אָנשליסן אין ברענטש 20 פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אין 1916, האָט די שול, וואָס האָט שוין דאַן געהייסן פּרץ־שול, אָפּגעדרוקט, ווי שוין דערמאָנט, אַ באַריכט פון איר טעטיקייט. אינם פאָרוואָרט, אונטערגע־שריבן פון די לערער העסטרין, גינזבורג און דענענבורג, ווערט געמאַכט מיט באַגייסטערונג אַ סך הכל פון די אויפטוען. „אונז האָט זיך איינגעגעבן צוצובינדן צום אידישן פאָלק, צו דעם לעבעדיקן, לעבעדיקן פאָלק, קינדערשע נשמות, וואָס וואָלטן אָן אונזער אַרבעט אפשר פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן פון אונז. מיר האָבן מיטגעהאָלפן, אַז דאָס אידישע וואָרט זאָל אויפלעבן און שיין אָפּקלינגען דאָרט, וואו עס האָט געהאַלטן ביי פאַרגעסן ווערן. מיר האָבן געהאָלפן, אַז אידישע קינדער זאָלן זיך צוריק צובינדן צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און דערמיט אויך צוגעבונדן זיי צו אונזער היינט און אונזער צוקונפט"...

אין דער שול האָבן אָנפאַנג יוני, 1916 געלערנט 185 קינדער פון וועלכע 58 זענען געווען אינגלעך און 127 זענען געווען מיידלעך. דער באַריכט פון 1916 באַרירט די פראַגע פון דער קליינער צאָל אינגלעך. אַלס איינע פון די סיבות איז געווען, לויט זייער מיינונג, דאָס פעלן פון רעליגיע אין דער פּראָגראַם. ס'ווערט אויך געזאָגט אין דעם באַריכט: „מיר האָפן, אַז דאָס איינפירן פון העברעאיש, וואָס וועט פאָרקומען היינטיקן יאָר, וועט נאָך פאַרשטאַרקן דעם פּראָצענט פון די אינגלעך" [93]).

אין דעם שול־באַריכט פון 1916, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די פּראָגראַם פון דער פּרץ־שול. העברעאיש האָט מען געזאָלט אָנהויבן לערנען פונם דריטן יאָר. פון דריטן יאָר אָן האָט אויך דער קורס פון געשיכטע געזאָלט פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ.

אין דעם באַריכט, וואָס איז דערשינען אין „אידישן וואָרט", האָט י. העסטרין געשריבן, אַז „אָנפאַנגער קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער שול ניט מער ווי 5־6 מאָנאַטן, האָבן זיך אויסגעלערנט לעזן פליסיק און שרייבן גאַנץ לייכט. אַ באַדייטנדיקע אַרבעט איז אויפגעטאָן אין דעם עלטערן קלאַס אין

דעם לערנען פון ליטעראַטור. די קינדער האָבן דערוואָרבן אַ היפּשע ידיעה אין דעם עטימאָלאָגישן און סינטאַקסישן בוי פון דער אידישער שפּראַך. זיי שרייבן ניט שלעכט קאָמפּאָזיציעס, אייניקע קינדער זייער גוט, און זענען שוין אימשטאַנד צו פאַרשטיין אַ סטיל. די נעמען פון מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם, ח. נ. ביאַליק, יהואש, רייזען, שלום אַש, פּרץ הירשביין, דוד איינהאָרן זענען גוט באַקאַנט צו אונזערע קינדער". „די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָבן די שטאַרקסטע ווירקונג אויף דעם גייסט און אַנטוויקלונג פון אונזערע קינדער. אונזער שול איז די ,אהלי שם' קעגן דער פּאַבליק סקול, וואָס איז די ,אהלי יפת'. אין געשיכטע איז דער עלטערער קלאַס דורכגעגאַנגען ביז חורבן בית ראשון. אין העברעאיש האָבן קינדער פונם 2טן קלאַס שוין געלערנט העברעאישע עלעמענטן. געזאַנג איז אַ גלייכבארעכטיקטער לימוד. מ'לערנט מיט די קינדער מערסטנס פאָלקס־לידער, אויך שאַפונגען פון אונזערע דיכטער און אייניקע אַרבעטס־לידער"[94]).

דער בודזשעט האָט אָנגעהויבן וואַקסן. פאַר דעם ערשטן מאַי, 1915, ביזן 15טן מאַי, 1916, איז די הכנסה געווען 1931 דאָלער פון וועלכע אַרום 612 דאָלער איז געקומען פון שכר־לימוד. די געהאַלטן פאַר לערער האָבן אויסגעמאַכט קאַרגע 943 דאָלער.

אין 1917 איז די צאָל קינדער אין דער שול, וואָס האָט שוין דאַן געהייסן די פּרץ־שול געווען, לויט אַ באַריכט אין „אונזער וואָרט", 220 מיט 4 לערער. אין דעם באַריכט ווערט אויך דערמאָנט, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע רייבונגען אַרום דער ראָל פון העברעאיש, און אַז די אַרבעטער רינג עלעמענטן האָבן פאַרלאָזן די שול. מען האָט איבערגעגעבן צו אַ קאָמיסיע צו באַשליסן וועגן דער ראָל פון העברעאיש אין דער שול און מ'האָט באַשלאָסן צו זיין קעגן אַ צוויי־שפּראַכיקער שול. אין יענעם יאָר איז געקויפט געוואָרן אַן אייגענע היים אויף 412 באַראַם עוועניו. די דערעפענונג איז געפייערט געוואָרן אין חודש יוני מיט דער באַטייליקונג פון דעם שרייבער מנחם.

לויט ג. שעפּס האָט אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער, זייער נאָענט צו דער שול־אַרבעט, רעזיגנירט פון דער פאַרוואַלטונג אין 1916. אין יענעם יאָר איז אַרויסגעטראָטן פון דער שול־געזעלשאַפט אַ צאָל מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג צוויג 169 וועלכער האָט שפּעטער געגרינדעט אַן אַרבעטער רינג שול[95]). די אַרבעט אין דער פּרץ־שול איז דאַן געפאַלן אויף אַ קליינע צאָל חברים. ס'איז איבערהויפּט געווען זייער אַ שווער יאָר, ווייל אין 1918 האָט געבושעוועט די פלו־עפּידעמיע אין וויניפּעג. אָבער דער ענטוזיאַזם און די איבערגעבענקייט פון די חברים האָט גובר געווען אַלע שטערונגען און די שול האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט.

דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ היסטאָריש יאָר אין דער געשיכטע פון דער שול. לויט דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער צאָל פרויען פון דער שול־געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן דער קינדערגאָרטן אונטער דער אויפזיכט פון איין לערערין, חברה אַקסעלראָד. אַ דאַנק דער דערעפענונג פון דעם קינדערגאָרטן איז געגרינדעט געוואָרן גלייכצייטיק דער מוטער־פאַראיין[96]). דער קינדערגאָרטן האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע אונטער דער אויפזיכט פון דעם מוטער־פאַראיין ביי דער שול, ווייל די מענער־עקזעקוטיווע

האָט נישט געגלויבט אין דעם דערפאָלג פון דעם קינדערגאַרטן. צוליב דעם וואָס אייניקע קינדער פון דעם קינדערגאַרטן זענען אין 1920 אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט דער מוטער־פאַראיין באַשלאָסן צו עפענען פאַר זיי ענגלישע קלאַסן און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער טאָג־שול. דער דאָזיקער עקספּערימענט איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דעם גאַנצן שול־וועזן אין קאַנאַדע. וויניפּעג איז געווען די ערשטע שול אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט אַנגענומען דעם טאָג־שול פּלאַן און איינגעפירט אַ גאַנצע שול און אויף אַזאַ אופן געבראַכט צו דעם, אַז זייער ביישפּיל זאָל נאָכגעפאָלגט ווערן פון אַנדערע פּראָגרעסיווע שולן ווי אויך פון קאַנאַדער תלמוד־תורה׳ס.

די וויניפּעגער פּרץ־שול האָט זינט 1916 אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט דעם שול־פאַרבאַנד פון די פּועלי־ציון און אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און מיט אַ צען יאָר צוריק האָט זיך די וויניפּעגער שול אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין דעם צענטראַלן שול־פאַרבאַנד.

דער 4־יאָריקער קורס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער פּרינציפּאַל, חבר העסטרין האָט מיט זיינע חברים־לערער פיל געאַרבעט אויף דער אויסבעסערונג פון פּראָגראַם. די פּראָגראַם איז געביטן געוואָרן ווען די שול איז געוואָרן אַ טאָג־שול. די ערשטע גראַדואירונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925 און איז געווען, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, אַ גרויסער יום טוב. אין וויניפּעג איז די השפּעה פון דר. ח. זשיטלאָווסקי געווען גרעסער ווי אין וועלכער ס׳איז אַנדער שטאָט אין קאַנאַדע. וויניפּעג איז געווען אַ פעסטונג פון דר. זשיטלאָווסקי. האָט מען גע־בראַכט דר. זשיטלאָווסקין צו דעם יום טוב פון דער ערשטער גראַדואירונג.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון דער וויניפּעגער פּרץ שול איז אַ לאַנגע קייט פון שטייגנדיקער אַנטוויקלונג, וואָס האָט דערפירט די שול מיט די 600 קינדער, וואָס לערנען דאָרט היינט צו־טאָג, צו איר איצטיקן בליענדן צושטאַנד. אַ באַזונדערן קאַפּיטל אין דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון דער שול פאַרנעמט דער קאַמף פון די פּועלי ציון, אָנגעפירט פון דר. י. שאַפּיראָ פאַר אַ קלאָרערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע אין דער פּראָגראַם פון דער שול, די שפּאַלטונג און גרינדונג פון דער וויניפּעגער פאָלקס־שול, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט דערפון און די ווידער־פאַראייניקונג פון די ביידע שולן, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען.

מיר דענקען, אַז ס׳וועט זיין פּאַסיק צו שליסן אונזער איבערזיכט פון דער וויניפּעגער פּרץ־שול מיט אייניקע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל געשריבן פון חבר י. א. טשערניאַק: „די פּרץ־שול אין וויניפּעג האָט מער ווי אַלע אַנדערע פאַקטאָרן געהאָלפן צו שאַפן אַ געזונטערע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע אין דער שטאָט וויניפּעג און אויפגעהויבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער וויניפּעגער אידישער באַפעלקערונג״... „די ווירקונג גייט ווייטער הינטער די גרענעצן פון וויניפּעג און געפינט אַן ענלעכן אָפּקלאַנג איבער גאַנץ מערב־קאַנאַדע״... „אַט דער שריט (די עפענונג פון דער טאָגשול) איז אפשר דער וויכטיקסטער פון אַלע אויפן געביט פון אידישער דערציאונג, ווייל ער האָט געדינט אַלס אָנרעגונג פאַר אַנדערע שולן צו טאָן דאָס זעלבע און וועט אפשר מיט דער צייט פירן דערצו, אַז אידן זאָלן באַקומען דאָס רעכט צו האָבן אייגענע עלע־מענטאַר־שולן, וואו אַלע קענטשטאַנדן און וויסנשאַפטן, ענגלישע, אַלגעמיינע

און אידישע זאַלן געלערנט ווערן אונטער איין דאַך אויפן חשבון פון דער שטאַט־קאַסע, אין וועלכער די אידן אַלס בירגער און טעקס־צאָלער, ברענגען אַריין זייער חלק״ [17].

## שולן אין אַנדערע שטעט

אין קאַלגאַרי איז געגרינדעט געוואָרן די פּרץ־שול אין 1929. אין 1926 איז דערעפנט געוואָרן אין אָטאַווא די יהואָש פאָלקס־שול. זי האָט אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס־שול. עס עקזיסטירט איצט אין קאַנאַדע אויך אַ שול אין ווינדזאָר וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1934, אַלס אַ געמיינשאַפטלעכע אינסטיטוציע פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פון אַרבעטער רינג. ראובן מעדאָוו איז פּאָרזיצער און י. קליגמאַן איז דער פּרינציפּאַל.

***

דער אויפטו פון דער קאַנאַדער סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג פאַר דעם שולוועזן אויף דעם צפון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז באמת די קרוין פון איר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע נויטן פון די אידישע פאָלקס מאַסן אין דער אַמעריקאַנער צעשפּרייטקייט. דאָס קאַנאַדער שולוועזן איז דער שטאָלץ ניט נאָר פון די חברים פון קאַנאַדע נאָר פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַוועגונג. די קאַנאַדער שולן זענען פאַקטיש מוסטער־שולן און סטימולירן די שול־אַרבעט אין פיל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאַנאַדער חברים, די לערער און שול־טוער פון 1911־1920, האָבן אריינגעלייגט ניט נאָר אידעאַליזם, ניט נאָר געטרייע אַרבעט, נאָר אויך גרויסן גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער גלויבן אין די דאָזיקע אידעאַלן האָט זיי געגעבן דעם כוח און דעם מוט אין זייער גרויסער אַרבעט.

זיי האָבן געהאָפט, ווי חבר יהודה קויפמאַן האָט זיך אויסגעדריקט, אין דעם וויניפּעגער פּרץ־שול באַזוכער־בוך, אין יאָר 1925, אַז „די קינדער פון היינט וועלן זיין די קעמפער פון מאָרגן פאַר דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק, די באַרייכערונג פון אונזער קולטור, די הייליקונג פון אונזער לעבן און אונזער באַטייליקונג אין דער זעלבסט־באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט״.

# מקורות צו דער אַרבעט פון ש. בעלקין

## קאַפּיטל 1 (זייטן 445—463)

1) דאָס וואָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
2) דאָרט.
3) קאמאראָוו׳ס באַריכט, פון דער ערשטער ס. ט. קאַנווענשאַן, 18—21 אָקטאָבער, 1906.
4) י. סאלאָמאָן, דאָס וואָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
5) דאָרט, 1 יאַנואַר, 1954.
6) אידישער קעמפער, 27 אַפּריל, 1906.
7) דאָרט, אויגוסט, 1907.
8) דאָרט, 22 נאָוועמבער, 1907.
9) דאָרט, 11 אָקטאָבער, 1907.
10) קענעדער אָדלער, 21 אָקטאָבער, 1910.
11) דאָרט, 22 דעצעמבער, 1910.
12) דאָרט, 9 אָקטאָבער, 1913.
13) סואווענירבוך פון אַרבעטער־רינג־קאַנווענשאַן, טאָראָנטאָ, 1922, ז. 22.
14) דאָס וואָרט, 1 פעברואַר, 1954.
15) אידישע פרייהייט, נומ. 2—3, 1905.
16) אידישער קעמפער, 11 אָקטאָבער, 1907.
17) קענעדער אָדלער, 25 נאָוועמבער, 1908.
18) דאָרט, 4 נאָוועמבער, 1910.
19) דאָרט, 28 אַפּריל, 1911.
20) דאָרט, 15 אָקטאָבער, 1913.
21) דער אידישער זשורנאַל, 7 מאַי, 1917.
22) פּרץ שול־בוך, 1944, ז. 49.
23) לויט דעם באַריכט פון דער ערשטער ס. ט. קאַנווענשאַן אין 1906.
24) אידישער קעמפער, 16 נאָוועמבער, 1906.
25) קענעדער אָדלער, 7 דעצעמבער, 1909.
26) דאָרט.
27) אידישער קעמפער, 10 אָקטאָבער, 1930.
28) דאָס אידישע וואָרט, 16 אויגוסט, 1915.
29) אידישע אַרבעטער שטימע, סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1915.
30) אידישער קעמפער, 6 יולי, 1917.
31) דאָס אידישע וואָרט, 21 סעפּטעמבער, 1917.
32) דאָרט, 7 דעצעמבער, 1917.
33) דאָרט, 15 פעברואַר, 1918.

## קאַפּיטל 2 (זייטן 464—472)

1) קענעדער אָדלער, 28 מאַי, 1909.
2) יובל־בוך יהואש צווייג, 1942, ז. 128.
3) קענעדער אָדלער, אויגוסט, 1909.
4) יובל־בוך יהואש צווייג, 1942, ז. 94.
5) קענעדער אָדלער, 19 אויגוסט, 1909.

6) דאָרט, 9 יוני, 1910.
7) דאָרט, 2 יולי, 1913.
8) דאָרט, 21 דעצעמבער, 1913.
9) דאָרט, 31 יאַנואַר, 1915.
10) דער וועג, 30 יאַנואַר, 1916.
11) קענעדער אָדלער, 30 אויגוסט, 1916.
12) דאָרט, 27 מאַי, 1912.
14) דאָרט, 21 אויגוסט, 1916.
15) דאָרט, 20 יוני, 1916.
16) דאָרט, 4 סעפּטעמבער, 1916.
17) זלמן כהן'ס זכרונות אין באָראָכאָוו־יובילייאום־בוך, 1942.
18) קענעדער אָדלער, 8 מאַי, 1918.
19) אידישע אַרבעטער שטימע, אויגוסט, 1918.
20) אידישער זשורנאַל (טאָראָנטאָ), 10 יוני, 1919.
21) דאָרט, 10 יוני, 1919.
22) דאָס אידישע וואָרט (וויניפּעג), 21 אַפּריל, 1916.
23) דאָרט, 26 מאַי, 1916.
24) דאָרט, 17 אויגוסט, 1916.
25) דאָרט, י. א. לבדי'ס באַריכט, 27 סעפּטעמבער, 1916.
26) דאָרט, 11 אָקטאָבער, 1916.
27) דאָרט, 19 אַפּריל, 1918.


## קאַפּיטל 3 (זייטן 473—519)


1) פּרץ שול־בוך, 1938, ז. 22.
2) ש. ניגער, אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, ניו־יאָרק, 1940, ז. 39.
3) פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 21.
4) קענעדער אָדלער, 14 נאָוועמבער, 1910.
5) דאָרט, 20 יולי, 1913 און 28 יאַנואַר, 1914.
6) דאָרט, 6 נאָוועמבער, 1910.
7) דאָרט, 29 נאָוועמבער, 1910.
8) דאָרט, 4 דעצעמבער, 1910.
9) דאָרט, 24 יאַנואַר, 1911.
10) פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 21.
11) קענעדער אָדלער, יובילײ־אויסגאַבע, 1917, ז. 46.
12) דאָרט, 14 מערץ, 1911.
13) דאָרט, 12 יוני, 1912.
14) י. זיפּער, פּרץ שול־בוך ,מאָנטרעאָל, 1938, ז. 12
15) וו. כייטמאַן, דאָרט, ז. 30.
16) קענעדער אָדלער, 22 אויגוסט, 1913.
17) דאָרט, 31 אויגוסט, 1913.
18) דאָרט, 5 סעפּטעמבער, 1913.
19) קענעדער אָדלער, יובילײ־אויסגאַבע, 1927, ז. 46.
20) פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 22.
21) ש. ניגער, אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, ז. 51
22) פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 12.
23) דאָרט, ז. 31.
24) דאָרט.
25) קענעדער אָדלער, 7 נאָוועמבער, 1913.

26) דאָרט, 16 מערץ, 1914.
27) י. זיפּער, פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 13.
28) וו. כייטמאַן, אין קענעדער אָדלער, יובליי־אויסגאַבע, ז. 46.
29) חנוכת־הבית סאָווועניר־בוך פון דער מאָנטרעאָלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע, 1918.
30) דאָרט.
31) פון עהרענרייכס באַריכט אין דעם צענטראַלן אַרכיוו פון דער באַוועגונג.
32) קענעדער אָדלער, 3 יולי, 1914.
33) פּרץ שול־בוך, 1938, ז. 25.
34) קענעדער אָדלער, 24 סעפּטעמבער, 1914.
35) א. פּרנס, פּרץ שול־בוך, 1938, מאָנטרעאָל, ז. 67.
36) דאָרט.
36א) דאָרט.
37) פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 26.
38) חנוכת־הבית סאָווועניר־בוך, 1918, ז. 12.
39) וו. כייטמאַן, אין קענעדער אָדלער, יובליי־אויסגאַבע, 1927, ז. 74.
40) י. זיפּער, פּרץ שול־בוך, מאָנטרעאָל, 1938, ז. 56.
41) פאָלקס־שול־בוך, 1929, ז. 6.
42) קענעדער אָדלער, 9 יולי, 1915.
43) דאָרט.
44) דאָרט, 5 אויגוסט, 1915.
45) פאָלקס־שול־בוך, 1934, ז. 13.
46) דאָרט, ז. 6.
47) דער וועג, 18 אָקטאָבער, 1915.
48) דאָרט, שלמה ווייסמאַן, ז. 4.
49) קענעדער אָדלער, 27 אויגוסט, 1915.
50) פאָלקס־שול סאָווועניר־בוך, 1920, ז. 8.
51) פאָלקס־שול־בוך, 1929, ז. 31.
52) דאָרט.
53) דער וועג, 5 נאָוועמבער, 1915.
54) פאָלקס־שולע סאָווועניר־בוך, 1920, ז. 8.
55) דער וועג, 12 דעצעמבער, 1915.
56) דאָרט.
57) קענעדער אָדלער, 16 אַפּריל, 1916.
58) דאָרט, מאַי, 1916.
59) פאָלקס־שול־בוך, 1934, ז. 13.
60) דאָס פאָלק, 17 אויגוסט, 1917.
61) קענעדער אָדלער, 20 יאַנואַר, 1918.
62) דאָרט, 21 סעפּטעמבער, 1917.
63) דאָרט, 6 דעצעמבער, 1918.
64) סאָווועניר־בוך, 1920, ז. 12.
65) דאָרט, 15 דעצעמבער, 1918.
66) פאָלקס־שול־בוך, 1929, ז. 8
67) סאָווועניר־בוך, 1920, ז. 13.
68) דאָרט, ז. 5—4.
69) דאָרט.
70) סאָווועניר־בוך, 1920, ז. 27.
71) קענעדער אָדלער, יובליי־אויסגאַבע, 1927, ז. 45.
72) פאָלקס־שול־בוך, 1944, ז. 5—4.
73) דאָרט, 9 אָקטאָבער, 1912.

74) שול־בוך, 1936, טאָראָנטאָ, זייט, 19.
75) דאָרט, ז. 12.
76) דאָרט, ז. 20.
77) דאָרט, ז. 25.
78) דאָרט, ז. 103.
79) דאָרט, ז. 117.
80) דאָרט, ז. 43.
81) דער אידישער זשורנאַל, 19 מאַי, 1918.
82) דער אידישער זשורנאַל, 18 יולי, 1919.
83) שול־בוך, 1936, ז. 40—39.
84) פרץ שול־בוך, 1944, ז. 50.
85) פרץ שול־בוך, 1934, ז. 34.
86) פרץ שול־באַריכט, 1916, ז. 13.
87) שול־בוך, 1944, י. א. טשערניאַק, ז. 50.
88) פרץ שול־באַריכט, 1916, ז. 14.
89) פרץ שול־בוך, 1934, ז. 23.
90) פרץ שול באַריכט, 1916, ז. 14.
91) שול־באַריכט, 1916, ז. 14.
92) דאָס אידישע וואָרט, 5 מאַי, 1916.
93) פרץ שול־באַריכט, 1916, ז. 6.
94) דאָס אידישע וואָרט, 2 יוני, 1916.
95) פרץ שול־בוך, 1934, ז. 25.
96) דאָרט, ז. 25.
97) פרץ שול־בוך, 1934, ז. 22—21.

יצחק בן צבי

# פּועלי ציון אין דער צווייטער עליה

## 1.

## אין די בראשית־טעג פון דער באַוועגונג אין ארץ ישראל

די ערשטע תקופה פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין ארץ ישראל — די תקופה פון פּועלי ציון — נעמט אַרום 15 יאָר, פון יאָר ה׳תרס״ד (1904) ביז ה׳תרע״ט (1919).

די באַוועגונג שטאַמט אָפּ פון רוסלאַנד. פון דאָרט זענען עולה געווען די ערשטע חלוצים, וועלכע זענען געקומען מיט דער פאָן פון אַרבעט אין זייערע הענט. צו די דאָזיקע עולים האָבן זיך אָנגעשלאָסן איינצלנע חלוצים פון גאַליציע און פון נאָך אַנדערע לענדער, ווי אויך יחידים פון דער יוגנט וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין ארץ־ישראל.

אייגנטלעך האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, אָבער איר סטאַבילע פאָרם האָט זי באַקומען ערשט שפּעטער, נאָך דעם באַקאַנטן קריזיס אין ציוניזם, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם אוגאַנדאַ־קאָנגרעס — זומער תרס״ג. פאַר דער ציוניסטישער יוגנט בכלל, און באַזונדערס פאַר דער יוגנט־שטרעמונג, פאַר דער אַרבעטס־שטרעמונג אין ציוניזם, האָט זיך דעמאָלט געשטעלט די פראַגע: וואוהין? און ווי אַזוי?

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און די צענטראַלע פראַגע איז געווען — די באַציאונג צו דער רעוואָלוציע. אַ פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, האָט נישט געקענט איגנאָרירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, און ס׳איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז די אַרבעטס־פּאַרטייען אין ציוניזם האָבן כמעט אַלע גענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער רעוואָלוציע. די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן אויך אויסגעאַרבעט אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פאַרן גלות, אָבער ביי דעם אַלעם איז נישט געווען קיין לעזונג פאַר דער הויפּט־פראַגע — פאַר דער פראַגע פון פאַרווירקלעכונג, און לויטן נוסח פון יענער צייט: פאַר דער פראַגע פון „רעאַליזאַציע״.

ס׳איז געווען דער באַזונדערער פאַרדינסט פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, וואָס זי האָט אָנגעצייכנט דעם וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם דורך „סטיכישער עמיגראַציע״, דאָס הייסט: דורך נאַטירלעכער מאַסן־עמיגראַציע, וואָס דאַרף איינגיכן קומען, און האָט אַריינגעשטעלט אין איר פּראָגראַם אַ פּונקט, וואָס פאַרפּליכטעט צו רעגולירן די נאַטירלעכע עמיגראַציע.

פּועלי ציון איז נישט געווען די איינציקע פּאַרטיי; אין סאָציאַליסטישן ציוניזם זענען געווען נאָך שטרעמונגען, ווי למשל: די מינסקער שטרעמונג, די ס״ס (אין אַמעריקע ס. ט.), „סיימיסטן״. די פּועלי ציון־פּאַרטיי איז אָבער געווען די איינציקע, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט ארץ־ישראל אין צענטער פון אירע שטרעבונגען און האָט מיט שטאָלץ געטראָגן איר נאָמען ווי אַן „ארץ־ישראלדיקע פּאַרטיי״.

און ווירקלעך, דער געדאַנק פון נאַטירלעכער עמיגראַציע איז דעמאָלט גע־וועזן אַ טעאָרעטישער ענין, ריכטיקער געזאָגט — אַן ענין פון גלויבן. אָבער אין יענער צייט האָט זיך אויך פּאַקטיש אָנגעהויבן אַן עליה: צייטנווייז זענען געקומען הונדערטער עולים מיט יעדער שיף און אַמאָל ווייניקער. עס איז אויך געווען אַ חלוצישע עליה, פון יחידים און גרופּן.

די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע האָט נישט אָרגאַניזירט דעם „החלוץ", אָבער די באַוועגונג פון חלוצישער עליה האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן בעיקר פון די פּועלי ציון־רייען אין די פאַרשיידענע שטעט. און הגם מען האָט זיי נישט גערופן אָפּיציעל מיטן העברעאישן נאָמען „החלוץ", האָבן די פּועלי ציון שוין דעמאָלט זיך באַנוצט מיטן נאָמען „פּיאָנערן". די ערשטע פון די דאָזיקע „פּיאָנערן" זענען עולה־געווען קיין ארץ־ישראל אין נאָמען פון דער פּאַרטיי און האָבן אויך גע־בראַכט מיט זיך באַשטעטיקונגען און רעקאָמענדאַציע־בריוו פון זייערע אָרגאַני־זאַציעס צו דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל.

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון אַרבעטער און צום צוועק פון אַרבעט — אין אָנהויב ווי יחידים, און שפּעטער אין קליינע גרופּן, ווי אַ קאָלעק־טיוו. ווען די עולים זענען אָנגעקומען אין לאַנד, האָבן זיי זיך גלייך געווענדעט צו אַרבעט, און קודם־כל — צו אַרבעט אויפן דאָרף, ביי לאַנדווירטשאַפט.

די דאָזיקע עליה, די צווייטע עליה, האָט זיך מיט צוויי זאַכן אונטערשיידעט פון דער ערשטער עליה: דערמיט, וואָס זי האָט אויפגעהויבן די אַרבעט צו דער מדרגה פון אַן אידעאַל און האָט עס אויך באַשטימט אַלס וויכטיקן פּונקט אין איר פּראָגראַם, און צווייטנס — דערמיט, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט די ערשטע קערנער פון די געדאַנקען וועגן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל אויפגעבויט ווערן אין היימלאַנד אויף יסודות פון גלייכהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

די נייע עולים האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן זעלבסט־אַקטי־וויזם און זעלבסט־גאולה — פונם פונדאַמענט ביזן דאַך, אין דריי הינזיכטן: ערשטנס — נישט באַזירן אונזער צוקונפט בלויז אויף דער אַלגעמיינער סאָציאַ־ליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר קודם־כל אויף זיך אַליין, אויף דער אָרגאַניזאַציע פונם אידישן אַרבעטער און פון אידישן פאָלק; צווייטנס — נישט באַזירן אונזער נאַציאָנאַלע באַפרייאונג בלויז אויף דער אַלגעמיינער ציוי־ניסטישער באַוועגונג, נאָר קודם כל אויף זיך אַליין, אויפן כוח פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ ישראל און אין דער גאַנצער וועלט; דריטנס — נישט מאַכן אָפּהענגיק די אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל פון אַנדערע, נאָר קודם כל פון זיך אַליין — פון די כוחות פון אידישן פאָלק און פון ישוב. און דאָס איז אפשר דער גרויסער חידוש פון דער צווייטער עליה בכלל, און באַזונדערס פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג אין דער צווייטער עליה.

אין ארץ־ישראל האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שווערער ווירקלעכקייט, אויף שווערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, צו וועלכע זיי זענען נישט געווען גע־וואוינט. אויסערדעם האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ באַציאונג פון פאַרפרעמ־דונג און מיספאַרשטענדעניש, און נישט נאָר מצד דעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן ישוב, וועלכער האָט געהאַט מורא פאַר רעליגיעזער „כפירה" און פאַר די נייע געדאַנקען פון די „מאָסקאָבן", נאָר אויך מצד די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן נישט מורא געהאַט פאַר רעליגיעזער אַפּיקורסות, נאָר פאַר די „סאָציאַל־רעוואָלו־

ציאָנערע אידייען" פון די נייע אַרבעטער. דערצו איז נאָך צוגעקומען די אינער־לעכע שפּאַלטונג אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט אויף צוויי לאַגערן, וואָס האָט גורם געווען צו פאַרשווענדונג פון אַ סך צייט און כוחות, און האָט אָפּ־געשוואַכט דעם געמיינזאַמען אַרבעטער־פראָנט.

די פּועלי ציון זענען נישט געווען די איינציקע אין דער דאָזיקער עליה. עס זענען אויך געקומען „ציוניסטישע" עולים, וואָס האָבן נישט געהערט אין חוץ־לארץ צו קיין פּאַרטיי, און אין ארץ ישראל זענען זיי צוגעשטאַנען צו דער פּאַרווירקלעכונג פונם הויפּט־געדאַנק וועגן שאַפן אין לאַנד אַ נייע אידישע געזעלשאַפט אויף יסודות פון אידישער אַרבעט. אַ טייל פון זיי איז געקומען פון די רייען פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער יוגנט; אין דער מערהייט זענען זיי געווען אומפּאַרטייאישע. אין אַ צייט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיפערענצירונג און עס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי פּאַרטייען: דער פאַרבאַנד פון יונגע אַרבעטער, אָדער „הפּועל הצעיר", און „פּועלי ציון". די שפּאַלטונג איז כלומר'שט געקומען צוליב חילוקי דעות בנוגע דעם נאָמען, וואָס עס דאַרף טראָגן די אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געזאָלט געשאַפן ווערן אין אָנהויב פון דער צווייטער עליה (תרס"ה), אָבער מיט דער צייט איז די שפּאַלטונג טיפער געוואָרן און באַקומען אַן אידעאָלאָגישן כאַראַקטער.

די הויפּט־פּונקטן לגבי וועלכע „פּועלי ציון" און „הפּועל הצעיר" זענען גע־ווען צעטיילט, זענען געווען:

א. כיבוש העבודה (דעראָבערונג פון אַרבעט) און קלאַסן־קאַמף. דער „הפּועל הצעיר" האָט באַטאָנט דעם יסוד פון כיבוש העבודה אַלס נויטווענדיקער פאַרבאַדינג פאַר יעדער טעטיקייט; דאַקעגן האָבן די פּועלי ציון אונטערגע־שטראָכן דעם קלאַסן־קאַמף און די אָרגאַניזירונג פונם אַרבעטער אין ארץ־ישראל ווי אַ קלאַס, כדי צו זיכערן זיינע אינטערעסן און עקזיסטענץ־באַדינגונגען. פּאַק־טיש זענען די „פּועלי ציון" געווען פאַראינטערעסירט אין דער דעראָבערונג פון אַרבעט נישט ווייניקער ווי דער „הפּועל הצעיר"; און דער „הפּועל הצעיר" האָט זיך נישט איינמאָל אָנגעשלאָסן צום קאַמף פון דעם אַרבעטער אין שטאָט און אויפן דאָרף, כדי אויסצובעסערן זיין לאַגע. עס זענען אָבער אַריבער יאָרן ביז עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער צונויפגיסונג פון די ביידע עלע־מענטן — אין אידעאָלאָגישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן זין.

ב. דער געדאַנק וועגן קיבוצישער קאָלאָניזאַציע איז געשאַפן און פאַרווירק־לעכט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער צווייטער עליה. וואָס אַן אמת, דאָס איז ניט געווען דער מאָנאָפּאָל פון „פּועלי ציון", זיי זענען אָבער געווען די ערשטע איניציאַטאָרן און רעאַליזירער פון די ערשטע קאָלעקטיוון אין לאַנד (דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא) און פון די ערשטע דעראָבערונגס־גרופּן, ווי למשל: די קבוצת הכיבוש אין אום־אל־דזשוני און אַנדערע.

אין חוץ־לארץ האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ טעאָרעטיש־פּרינציפּיע־לער קעגנערשאַפט מצד אַ טייל פון דער באַוועגונג (מצד דעם מאַרקסיסטישן טייל אין רוסלאַנד) צו אָפּענהיימערס פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ דאַנק דער פעסטער שטעלונג פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין עסטרייך און פון דער ארץ־ישראל־דיקער פּאַרטיי. די קעגנערשאַפט האָט זיך צולעצט אַרויסגעוויזן אויף דער וועלט־

קאָנפערענץ, און זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז די יונגע „פּועלי ציון"־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, וואָס האָט מקדים געווען „נעשה" פאַר „נשמע" דורך דעם וואָס זי האָט געגרינדעט די ערשטע קאָלעקטיוון און קבוצות — אַז זי האָט דאָס דעצידירט לטובת דער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, וואָס איז פון דעמאָלט אָן אונטערשטיצט געוואָרן אויך דורך די „פּועלי ציון" אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד, ווי אויך דורך דעם גאַנצן וועלט־פאַרבאַנד. אויב דער ציוניזם האָט אָנגענומען דאָס דאָזיקע סיסטעם, איז עס מיטן כוח פון דער טאָט אין ארץ־ישראל און פון דער עפנטלעכער איניציאַטיוו מצד דעם וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אים געגעבן זיין פולע מאָראַלישע, געזעלשאַפטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אונטערשטיצונג.

ג. צוליבן באַטאָנען דעם קלאַסן־פונקט, האָט זיך דערוועקט ביי די פּועלי ציון נאָך דער ערשטער תקופה די שטרעבונג צו זוכן זעלבסטשטענדיקע וועגן אויך פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם. צוזאַמען מיט דער טעאָרעטישער אַנטפּלעקונג פון דער באַזונדערער, זעלבסטשטענדיקער ראָלע פונם אַרבע־טער־קלאַס אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם האָבן זיך אויך אָנגעהויבן זו־כונגען פון אַ וועג פאַר אייגענער טעטיקייט, און אַזוי אַרום איז נאָך אין ערשטן פּעריאָד געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון זעלבסט־שטענדיקע רעאַליזיר־מיטלען, וואָס זאָלן זיין אומאָפּהענגיק פונם אַלגעמיינעם ציוניזם.

מיר האָבן געזוכט אַ מיטל צו דער פאַרפעסטיקונג פונם אַרבעטער, אַ מיטל וואָס זאָל פאַראייניקן דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס אַרום אַן אייגענער טעטיקייט. פון דאַנען האָט זיך גענומען דער פּלאַן פון דעם אַרבעטער פאָנד ווי אַן אינסטרו־מענט אין די הענט פונם אַרבעטער פאַר זיין פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג און עקאָנאָמישער סטאַביליזאַציע אַלס אַרבעטער אין ארץ ישראל; פאַרן צוועק פון שטאַרקן זיינע פּאָזיציעס אין קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע און קעגן די פיינטלעך־געשטימטע שיכטן דורך שאַפן קאָלאָניזאַציע־פאָרמען און קאָאָפּעראַטיווע אונ־טערנעמונגען אין דער אינדוסטריע, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם אַרבעטער זיך איינצוואָרצלען אויפן דאָרף און אין שטאָט.

די ערשטע זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט אויפן וועג פון רעאַליזאַציע איז געווען — די גרינדונג פונם אַרבעטס־אַמט („משרד העבודה") ביים וועלט־פאַר־באַנד פּועלי ציון פאַרן צוועק פון פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל. דער דאָזיקער אַמט האָט געשאַפן דעם ערשטן פינאַנציעלן אינסטרומענט פונם אַר־בעטער — דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד (דער קפּא"י). אין אָנהויב איז דאָס געווען בלויז אַ סימבאָלישער שריט, אָבער מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ ממשותדיקער פאַקטאָר ביים איינאָרדענען און קאָלאָניזירן דעם אידישן אַר־בעטער.

ד. הגנה — זעלבסטשוץ. די ערשטע אַרבעטער זענען געקומען אין לאַנד אַריין נאָך די פּאָגראָמען, בעת וועלכע זיי זענען געווען טעטיק ווי פּאַרטיידיקער און פירער פונם אידישן זעלבסטשוץ. אַזוי איז עס געווען אין האָמעל, פון וואַנען עס האָט אין אָנהויב תרס"ד (1903) עולה געווען די ערשטע גרופּע פון שוץ־לייט, וועלכע האָבן כמעט אַלע געהערט צו פּועלי ציון. אַזוי איז אויך געווען נאָך די

פּאָגראָמען פון אָקטאָבער, 1905 — אין אָדעס, יוזאָווקאָ, יעקאַטערינאָסלאָוו, ראָסטאָוו, קיעוו און די איבעריקע שטעט פון אוקראַינע.

די פּועלי ציון האָבן מיט זיך געבראַכט דעם געדאַנק וועגן זעלבסטשוץ און דעם ערשטן פּרואוו זיך פיזיש קעגנצושטעלן דעם אויסערלעכן שונא מיט געווער אין האַנט. אָבער דאָ, אויפן באָדן פון היימלאַנד, האָט דער דאָזיקער געדאַנק באַקומען אַ נייע פאָרם — אַ גאָר אָריגינעלע פאָרם — ווי אַ פּראָדוקט פון דעם אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל און מיט אירע באַזונדערע באַדינגונגען. עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ״השומר״. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן דורך פּועלי ציון; דער רוב חברים אירע זענען געקומען פון דער פּאַר־טיי, פון וועלכער זיי האָבן אויך באַקומען מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע אונ־טערשטיצונג. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַר־בינדונג צווישן דער פּאַרטיי און דעם „השומר״.

ה. „פּועלי ציון״ זענען געווען די ערשטע, און אין יענער צייט די איינציקע, צווישן די אַרבעטער אין ארץ ישראל, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר אינטערנאַציאָ־נאַלע פאַרבינדונגען. ווי אַן אַקטיווער מיטגליד אינם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון האָט זיך די ארץ־ישראל־פּאַרטיי „פּועלי ציון״ אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע פאַר דער אָנערקענונג פון דעם סאָציאַליסטישן ציו־ניזם דורך דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָ האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ שווערער קעגנערשאַפט, נישט בלויז מצד די „גויים״, נאָר אויך, און דערהויפּט, מצד די אידישע קאָסמאָפּאָליטישע און אַסימילאַטאָרישע סאָציאַ־ליסטן. די באַמיאונגען פונם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון אין משך פון 10 יאָר וואָלטן גאָרנישט געגעבן, ווען עס וואָלט נישט אויפגעקומען דער אין כמות קלענער, אָבער אין איכות וויכטיקער קערן — דער קערן פון די „פּועלי ציון״ אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט שוין דאַן אַלס איינציקאַרטיקע אָר־גאַניזאַציע צווישן אַלע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די גלות לענדער — אַלס טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציע. נאָר אַ דאַנק דער דאָזיקער אייגנ־שאַפט פונם אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אַ דאַנק דעם דאָזיקן כאַראַקטער פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי, האָט דער אידישער אַרבעטער אין גאָר דער וועלט באַקומען זיין רעפּרעזענטאַנץ: צוערשט — אַ האַלבן פּלאַץ (בשות־פות מיט די אַרמענער) און צום סוף אַ גאַנצן, באַזונדערן פּלאַץ אין סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז דאַן געווען די איינציקע אינטערנאַ־ציאָנאַלע אַרענע פונם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט (איידער ער האָט זיך געשפּאָלטן).

ו. און אחרון־אחרון — העברעאיש. אמת בנוגע צו העברעאיש האָט זיך „פּועלי ציון״ נישט אונטערשיידעט פון „הפּועל הצעיר״.

עטלעכע גרויסע פּערזענלעכקייטן אין דער ערשטער עליה, ווי: אליעזר בן יהודה, יחיאל מיכל פּינעס, ניסים בכר, דוד יעלין, יצחק עפּשטיין און די פאָלקס־לערער בכלל — זענען געווען די חלוצים, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש. עס איז אַ פאַקט, אַז אין די ערשטע יאָרן פלעגן זיך ביידע פּאַרטייען באַנוצן אויף פאַרזאַמלונגען און אין שמועסן מער מיט אידיש ווי מיט העברעאיש. פונדעסטוועגן דאַרף מען פאַרצייכענען, אַז אין „הפּועל הצעיר״, ווי אויך ביי „פּועלי ציון״, זענען געווען חברים איבערגע־געבענע דער העברעאישער קולטור, וואָס האָבן קאָנסעקווענט און פאַנאַטיש גע־

קעמפט פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, קודם כל די אַרבעטערשאַפט. דאָס איז דער פאַרדינסט פון דער פאַרטיי „הפועל הצעיר״, וואָס האָט די ערשטע אַרויסגעגעבן אַן אַרבעטער־צייטונג אין העברעאיש. פּועלי ציון האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט אין אידיש אונטערן נאָמען „אָנפאַנג״ (אין דער צייטשריפט זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאָרעס־פּאָנדענצן אויך אין העברעאיש). אָבער נאָך די ערשטע צוויי נומערן האָבן די פּועלי ציון באַשלאָסן אַריבערצוגיין אויף העברעאיש: עס האָט זיך ביי זיי גע־שטאַרקט דער באַוואוסטזיין און דער ווילן צו לערנען די נייע עולים העברע־איש און צו פאַרשפּרייטן די שפּראַך צווישן די מזרח־עדות און דעם אַלטן ישוב בכלל. בעת די פאַרזאַמלונגען זענען געפירט געוואָרן סיי אין העברעאיש, סיי אין אידיש און אַראַביש, איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהויב פון אַרבעטער־ליטע־ראַטור אין עברית, און אַזוי אַרום איז די העברעאישע שפּראַך אַריינגעדרונגען אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. פּועלי ציון זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פאַכמענישע און סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און פּרעסע אין העברעאיש. ס׳איז זייער פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן פאַרוואַנדלט די שפּראַך פון די נביאים און פון דער משנה אויך אין דער שפּראַך פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע און באַהאַנדלט אין איר נישט נאָר אַבסטראַקטע טעאָרעטישע פּראָבלעמען, נאָר אויך לעבנס־וויכטיקע און ממשותדיקע ענינים פונם אַר־בעטער־קלאַס.

די פּועלי ציון אין ארץ ישראל זענען אויך געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעקניפּט אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען מיטן נאָענטן מזרח, ווי למשל: פאַר־בינדונגען מיט דער פעדעראַציע פון די אַרבעטער אין סאַלאָניקי — דאַן טער־קיי — פאַרבינדונגען מיטביידע אַרמענישע פּאַרטייען אין טערקיי און מיט די פעלקער פון דער באַלקאַנישער פעדעראַציע.

דאָס איז געווען די ערשטע תקופה פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין באַ־רירונג מיטן היימלאַנד. ביים סוף פון דער דאָזיקער תקופה איז געגרינדעט גע־וואָרן דער גדוד עברי (אידישער לעגיאָן), וואו די פּאַרטייען האָבן זיך צוזאַמענ־געטראָפן אָן אַ מחיצה, און, אין רעזולטאַט דערפון, איז געקומען די טאָפּלטע צונויפגיסונג: צוערשט — די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער מיט די פּועלי־ציון אין דער נייער ראַם פון „אחדות העבודה״; אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט זיך געשאַפן די קלאַסן־פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי־ניקונג אין דער ראַם פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע (ההסתדרות הכללית) און פון חברת העובדים, אין כסלו, תרפ״א (1920).

מיטן שלוס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע תקופה, די תקופה פון דער צווייטער עליה, און עס האָט זיך אָנגע־הויבן די דריטע עליה.

2.

# אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין ארץ ישראל

מיין ערשטע רייזע קיין ארץ ישראל, זומער תרס״ד (1904), איז געווען בלויז אויף אַ באַזוך, דאַקעגן מיין צווייטע רייזע, אין יאַר תרס״ז (1907), איז געווען, כדי זיך דאָרט צו באַזעצן.

ווען איך בין געפאָרן דאַס ערשטע מאָל, בין איך אַלט געווען 19 יאָר. איך בין עולה געווען פון אייגענער איניציאַטיוו אָן ממשותדיקע פאַרבינדונגען מיט אַ באַשטימטער שטרעמונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אמת, מיין געדאַנקען־גאַנג איז שוין דאַמאָלסט געווען אָריענטירט אויפן סאָציאַליסטישן ציוניזם, אָבער אין יענער תקופה האָט זיך די דאָזיקע ריכטונג נאָך נישט געהאַט אויסקריסטאַליזירט ווי אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג, ווי אַ פּאַרטיי. בלויז איינזאַמע קעמערלעך פון „פועלי ציון״ האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסישן גלות און זיי האָבן זיך אונטערשיידט איינס פון צווייטן סיי מיט זייערע אנשויאונגען און סיי מיט זייערע פּראַקטישע פּראָגראַמען. בלויז עטלעכע הויפּטגעדאַנקען, וואָס זענען געווען געמיינזאַם פאַר אַלע, האָבן זיי דערנענטערט און געגעבן אַ געוויסע איינהייטלעכקייט. אָבער אויך אין גאַר וויכטיקע גרונט־ענינים זענען געווען חילוקי דעות צווישן זיי, ווי למשל, אין דער שפּראַך־פראַגע: אידיש אָדער העברעאיש; אין דער פראַגע פון באַציאונג צום פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד (עס זענען אויך געווען „עקאָנאָמיסטן״, וועלכע האָבן נעגירט דעם פּאָליטישן קאַמף, די מערהייט אָבער איז געווען פאַר אים), ווי אויך אין אידעאָלאָגישע פראַגן (באַציאונג צום מאַרקסיזם, צום סיסטעם פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם א. ד. גל.). ווי געזאָגט, זענען די אַלע קעמערלעך געווען פאַראיינזאַמט און אָפּגעשניטן איינער פון אַנדערן, אָן אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג צווישן זיך. און עס איז אַ פאַקט, אַז די ערשטע פאַראיינען פון „פועלי ציון״ זענען אויפגעוואַקסן פון זיך אַליין ווי גראָז אין פעלד און כמעט אָן פאַרבינדונג צווישן זיך. איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי: אין מינסק און אין ווילנע, אין גראָדנע און אין האָמעל, אין וואַרשע, לאָדזש און אין די איבעריקע שטעט פון פוילן און ליטע, און אויפן דרום — אין אָדעס, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, ראָסטאָוו און אין די שטעט פון קרים און אויך אין צענטראַל רוסלאַנד. יעדער פאַראיין האָט געהאַט זיין באַאַרבונג און זיין אייגענעם נוסח. יעדער פאַראיין איז געווען ווי אַ „קליין וועלטל״ מיט אַן אייגענער „געשיכטע״. זייער אַ שאָד, וואָס די זכרונות פון יענער צייט ווערן אַלץ ווייניקער און פאַרשווינדן. עס איז דער חוב פון די אַלע, וועלכע האָבן בייגעוואוינט און אנטייל גענומען אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג, און ביי וועמען עס זענען פאַרבליבן געוויסע זכרונות פון די געשעענישן אין דער באַוועגונג און פון די פאַראיינען אין די פאַרשיידענע שטעט,

זיי זאָלן זיך באַמיען זיי אויפצושרייבן, כדי איבערצולאָזן אַן אָנדענק פון דער דאָזיקער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער עס איז ניט געבליבן קיין לעבעדיקער שריד נאָכן פולשטענדיקן חורבן פון אייראָפּעאישן גלות.

און דאָ זאָל באַמערקט ווערן: היות ווי דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיטן אָנהויב פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָב איך דאָ נישט דערמאָנט די באַוועגונג אין גאַליציע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און אין מערב־אייראָפּע, וואו אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די באַוועגונג.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אונזערע אין יאָר תרס״ז. זינט מיין ערשטער רייזע קיין ארץ ישראל אין יאָר תרס״ד, האָט די פּאַרטיי „פּועלי ציון״ אין רוס־לאַנד באַוויזן זיך צו פאַראייניקן אין איין לאַנד־קערפּערשאַפט, וואָס האָט אַרומ־גענומען אַלע סניפים, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט איבער דעם ריזיקן שטח פון רוסלאַנד: אין אוקראַינע און בעסאַראַביע, אין פּוילן, ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אין קרים און אין צענטראַל־רוסלאַנד. די לאַנד־פּאַרטיי „פּועלי ציון״ איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער ערשטער אַלרוסישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע, אדר, תרס״ו (1906). זי האָט זיך אידעאָלאָגיש באַזירט אויף אַ טעאָרעטישער „פּלאַטפאָרם״ און אַ באַזונדערער פּאָליטישער פּראָגראַם, דאָס הייסט — אין אַנשויאונג און אין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וואָס באַזירט אויף פעסטער דיסציפּלין ענלעך צו די איבעריקע פּאַרטייען אין דער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אויף דער דאָזיקער תקופה האָב איך זיך שוין אָפּגעשטעלט אינם ערשטן טייל פון מיינע שריפטן, און באַזונדערס אין דעם קאַפּיטל „פון פּאָלטאַווע ביז ציון״, „אין אָנהויב פון דער פּאַרטיי״, און „פון די גרינדונגס־טעג״ *), ווי אויך אין דער הקדמה צו די „אויסגעוויילטע שריפטן״ פון באָראָכאָוון אין העברעאיש; דעריבער וועל איך דאָ אויף איר מער זיך נישט אָפּשטעלן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס איך בין געווען איינער פון זיינע מיטגלידער, האָט באַשטימט זיין זיץ־אָרט אין ווילנע און איז גע־שטאַנען אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דער קליינער „פּועלי ציון״־פּאַרטיי, וואָס איז דאַמאָלסט געגרינדעט געוואָרן אין ארץ ישראל.

איך בין געווען דער, וואָס האָט פאַרבונדן די פּאַרטיי אין רוסלאַנד מיט אונזער פּאַרטיי אין ארץ ישראל, ווייל איך בין געווען מער פון אַנדערע חברים באַקאַנט מיט די באַדינגונגען אין לאַנד. אונזערע קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ און אינפאָרמאַציע און פון צייט צו צייט פלעגן מיר אויך פאַרעפנטלעכן אין אונזער פּרעסע די בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון ארץ ישראל. יעדעס מאָל ווען אונזער אַ פּאַרטיי־מיטגליד איז עולה געווען פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל, פלעגט ער באַקומען פון זיין סניף, אָדער פון דער צענטראַלע, אַן אָפיציעלן רעקאָמענדאַציע־בריוו, אַ מין סערטיפיקאַט צו דער „פּועלי ציון״־פּאַרטיי אין ארץ ישראל. ביי מיר זענען נאָך פאַרבליבן אַזעלכע דאָקומענטן און איך האָב זיי אָפּגעגעבן דעם אַרבעטער־אַרכיוו פון דער הסתדרות אין תל־אביב.

*) בן צבי, געזאַמלטע שריפטן, ניו יאָרק, 1937.

און געגוי ווי מיר, אין רוסלאַנד, פלעגן זיך אינטערעסירן מיט אונזערע חברים, וואָס זענען עולה־געווען קיין ארץ ישראל און מיט אַלץ וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, אַזוי האָט די פּאַרטיי אין ארץ ישראל געקוקט אויף דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד ווי אויף איר רעזערוו, פון וועלכער זי האָט געשעפּט די איר נויטיקע נייע מענטשן, און נישט נאָר מענטשן נאָר אויך די הויפּט־געדאַנקען. עס איז געגוג אַריינצוקוקן אין דער „רמלה'ער פּלאַטפאָרם" (תשרי, תרס"ז), כדי זיך צו איבערצייגן, אַז פאַר די אויגן פון אירע פאַרפאַסער און פאָרמולירער האָט געשוועבט די פּראָגראַם, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים צוריק אויסגעאַרבעט און פאָרמולירט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „פּועלי ציון" אין רוסלאַנד, וועלכע איז פאָרגעקומען אין פּאָלטאַווע אין אדר, תרס"ו *).

און אָט זענען די צוויי ערשטע דאָקומענטן, וואָס די פּאַרטיי פּועלי ציון אין ארץ ישראל האָט אַרויסגעגעבן:

דער פאָלגנדיקער טעקסט פון דער „רמלה'ר פּלאַטפאָרם" און פון דעם פּראָיעקט־פּראָגראַם פון ערשטן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר אין יפו איז איבערגע־דרוקט פון „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", נומ. 3, זייט 63 — אדר, תרס"ז.

פון דער פּועלי ציוניסטישער וועלט
פון צ. ק. פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע — פּועלי ציון — האָבן מיר באַקומען פאָלגנדיקעס:

## פּלאַטפאָרם, אויסגעאַרבעט אויף דער טעריטאָריאַלער קאָנפערענץ אין רמלה

(18־20 תשרי, תרס"ז)

**1.**

די געשיכטע פון דער מענטשהייט באַשטייט פון נאַציאָנאַלן און קלאַסן־קאַמף. דער אופן, דורך וועלכן די מענטשן שאַפן די פּראָדוקטן, וועלכע זענען נויטיק פאַר זייער עקזיסטענץ, און די נאַטירלעכע און היסטאָרישע באַ־דינגונגען, אין וועלכע עס קומט פאַר דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס — צעטיילן די מענטשהייט אויף געזעלשאַפטן און קלאַסן.

אַ באַשטימטער פּראָדוקציאָנס־אופן באַשאַפט געוויסע פּריווילעגיעס פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, אַ דאַנק וואָס, ס'קומט פאַר אַ קלאַסן־קאַמף צווישן די הערשנדיקע און אונטערדריקטע. די ערשטע ווילן פאַרשטאַרקן זייערע פּרי־ווילעגירטע פּאָזיציעס, די צווייטע — זיי פאַרניכטן.

*) אין זיין צייט איז די „רמלער פּלאַטפאָרם" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק", צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן י"ט—כ"ב טבת, תרס"ז; און אין העברעאיש — אין דער זאַמלונג „אסופות", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב, שבט, תש"ה, ווי אויך אין דעם בוך „די צווייטע עליה", אַרויסגעגעבן דורך ד. קלעי. דאָ ווערט זי פאַרעפנטלעכט אין אידישן אָריגינאַל.

## אַ גרופּע פּועלי ציון־חברים אין ארץ־ישראל



פון רעכטס שטייען: ריבקין, רחל ינאית, נחום אלקושי, זאב אשור, אהרן ראובני.
עס זיצן: זרובבל, בן־צבי, גאָלדבערג, בן־גוריון, י. נחמני.

## די מיטגלידער פון דער צווייטער רעדאַקציע „האחדות"



עס שטייען: א. ראובני, י. זרובבל.
עס זיצן: יצחק בן־צבי, דוד בן־גוריון, יוסף חיים ברענער.



דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי אין אידישן לעגיאָן



בערל קאַצענעלסאָן אין אידישן לעגיאָן

אַ באַשטימטער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, ווערנדיק צו־ענג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון אַ געזעלשאַפט, שטופּט זי צו פאַרכאַפּן אַ פרעמדן סאָציאַל־עקאָנאָמישן באַזיס־טעריטאָריע — און דאָס רופט אַרויס אַ ווידערשטאַנד פון דער צווייטער געזעלשאַפט, און אַזוי אַנטשטייט דער נאַציאָנאַלער קאַמף.

.2

די באַטראַכטונג פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אין פּאַלעסטינע באַווייזט אונז, אַז אין איר הערשט די פעאָדאַלע אָרדענונג. איינציייטיק באַמערקן מיר שפּראָצונגען פון קאַפּיטאַליזם, וואָס אַנטוויקלט זיך פון די אימיגרירנדיקע פּראָדוקטיוו־קרעפטן און רעוואָלוציאָניזירט די הערשנדיקע אָרדענונג. אין דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציאָניזירונג שפּילן דאָ אַ וויכטיקע ראָל די אַריינגעוואַנדערטע אידישע פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

די שפּראָצונגען פון קאַפּיטאַליזם באַמערקט מען אַם מערסטן אין דער אַגראַרער ווירטשאַפט, וואו ס׳ווערט אַנגעווענדעט הויפּטזעכלעך דער מיטעלער קאַפּיטאַל. אויף וויפל עס איז מעגלעך פאָראויסצוזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, וועט דער מיטעלער קאַפּיטאַל אין דער אַגראַרער ווירטשאַפט נאָך גענוג לאַנג הערשן.

(וואָס פאַראַ קאַפּיטאַל וועט זיך צוערשט אַנטוויקלען אין דער אינדוסטריע — איז געבליבן אַן אָפענע, דיסקוסיאָנס־פראַגע).

.3

דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער אַנטוויקלט זיך אין פּאַלעסטינע, נויטיקט זיך אין אינטענסיווע אינטעליגענטע אַרבעטער, און אַזוי ווי דער היגער אַרבעטער שטייט נאָך אויף זייער אַ נידעריקער שטופע, איז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אין פּאַלעסטינע אָפּהענגיק פון דער עמיגראַציע פון אויסלענדישע מער־אַנטוויקלטע אַרבעטער.

דער קאַפּיטאַליזם, רעוואָלוציאָניזירנדיק די פעאָדאַלע אָרדענונג, פּראָלע־טאַריזירט ביסלעכוויז דאָס פויערטום, וועלכער געפינט אַן אָנווענדונג פון זיין אַרבעטס־קראַפט נאָר דאָ, וואו די אינטענסיוויטעט שפּילט נישט קיין וויכטיקע ראָל.

.4

די סיבות פון דער עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל ליגן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַל זעלבסט, וועלכע פירט צו אַן איבערפלוס אין די הויך־אַנטוויקלטע לענדער און באַוועגט אים צו זוכן נייע פלעצער פון אינוועסטיציע אין די נישט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די אורזאַכן פון דער אימיגראַציע פון מיטעלן קאַפּיטאַל ליגן אין דעם, וואָס דער אידישער קאַפּיטאַל אין אַלגעמיין און באַזונדערס דער מיטעלער, ווערט דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ אַרויסגעשטויסן פון די גלות־לענדער.

די פאַקטאָרן, וועלכע באַאורזאַכן, דאָס אַ טייל פון דער אַלוועלטלעכער עמי־

גראַציע זאָל גיין אין פּאַלעסטינע, שטאַמען דערפון, וואָס די אידישע ברייטע מאַסן ווערן אַרויסגעשטופּט פון אַלע ספערן פונם פּראָדוקציאָנס־לעבן און מוזן עמיגרירן. די אידישע עמיגראַציע, וואָס וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וועט מוזן זיך קאָנצענטרירן אין פּאַלעסטינע, ווייל אין די הויך־אַנטוויקלטע לענדער שטויסט זי זיך אָן אויף אַלץ מער שטערונגען.

## פּראָיעקט־פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט אויף דעם ערשטן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר אין יפו

(י״ט־כ״ב טבת, תרס״ז, יאַנואַר, 1907)

1. פּראָגראַם־מאַקסימום.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע (פּועלי ציון) שטרעבט צו דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

דאָס איינציקע מיטל, וואָס די פּאַרטיי אנערקענט, איז דער קלאַסן־קאַמף, די פאָרמען פון וועלכע זענען אָפּהענגיק פון צייטיקע און אָרטיקע באַדינגונגען.

2. נאַציאָנאַלע פראַגע (מאַקסימאַלע פאָרמולע).

בנוגע דער אידן־פראַגע שטרעבט די פּאַרטיי צו אַ פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר דעם אידישן פאָלק דאָ אין לאַנד.

3. אימיגראַציאָנס־פראַגן.

אַנערקענענדיק, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע איז אָפּהענגיק פון די אימיגרירנדיקע פּראָדוקטיווע קרעפטן — קעמפט די פּאַרטיי קעגן אַלע שטערונגען, וועלכע שטייען אויפן וועג פון דער אידישער עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע און פאָדערט פון די אידיש־געזעלשאַפטלעכע אנשטאַלטן (ווי יק״א, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע), צו שאַפן אין פּאַלעסטינע די נויטיקע אינסטיטוטן צו רעגולירן די אימיגראַציע.

4. ציוניסטישער קאָנגרעס.

צוליב דער אַרבעט אין און פאַר פּאַלעסטינע באַטייליקט זיך די פּאַרטיי אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף וועלכן זי שיקט אירע פאָרשטייער באַזונדער פון אַנדערע פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציעס.

5. אידיש־פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען אין גלות.

אַנערקענענדיק, דאָס די אידישע ווירקלעכקייט אין די גלות־לענדער פירט צו דער עמיגראַציע פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין פּאַלעסטינע, און דאָס די פּאַלעסטינער ווירקלעכקייט פירט צו דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּאַלעסטינע, — און אַזוי ווי דעם היסטאָרישן פּראָצעס האָבן פון אַלע אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין גלות ריכטיק פאַרשטאַנען נאָר די אַלוועלטלעכע פּועלי ציון, — פאַראייניקט זיך די פּאַרטיי מיט די לעצטע אין אַלע פראַגן, וועלכע באַרירן אונזערע געמיינזאַמע אינטערעסן.

6. אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס.

אָנערקענענדיק, דאָס די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע זענען סאָלידאַריש מיט די אינטערעסן פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט — באַטייליקט זיך די פּאַרטיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.

7. נאָענטסטע פאָדערונגען.

א. אַלגעמיינע וואַל־רעכט אין אַלע אידישע שטאָטישע און קאָלאָניאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

ב. דעמאָקראַטישע קאָנטראָל איבער אַלע אינסטיטוטן אין פּאַלעסטינע, וואָס זענען געשאַפן דורך אידישע געזעלשאַפטלעכע מיטלען.

8. פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

געפינענדיק, דאָס פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער קענען אַמבעסטן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַראייניקן וואָס מער אַרבעטער — אָנערקענט די פּאַרטיי די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע אין אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

9. פילאַנטראָפּיע.

די פּאַרטיי קעמפט קעגן פילאַנטראָפּיע אויף וויפל זי דעמאָראַליזירט די אידישע באַפעלקערונג און פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוקטיווע קרעפטן.

צווישן די גרינדער פון דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקענט ארץ ישראל נישט נאָר פון דער ליטעראַטור, נאָר פון פּערזענלעכן קאָנטאַקט און אוממיטלבאַרער באַאָבאַכטונג בעת מיין ערשטן קורצן באַזוך — אין תרס״ד. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז אָן עליה קיין ארץ ישראל און קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין לאַנד האָט אונזער באַוועגונג אין גלות נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. נאַטירלעך האָב איך אָנגעהויבן זיך באַמיען איינצופלאַנצן די איבערצייגונג בנוגע דער וויכטיקייט פון דער רעאַלער ארץ ישראל אויך אין האַרצן פון מיינע חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט מיר גענומען אויף זיך די שווערע אחריות צו אָרגאַניזירן דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין גלות אונטער דער פאָן פון דער אַרבעטנדיקער ציון. איך האָב געטאָן וויפל איך האָב געקענט, כ׳האָב אָבער נישט געפונען קיין פולע באַפרידיקונג בלויז אין פּראָפּאַגאַנדע און אין פּרעדיקן. ביי מיר אין האַרצן איז שטאַרקער געוואָרן די נויטווענדיקייט אוממיטלבאַר זיך צו פאַרבינדן מיט אונזערע פּיאָנערן, וועלכע ראַנגלען זיך אויף די ערשטע דעראָבערונגס־פּאָזיציעס אין ארץ ישראל און ענגער פאַרבינדן זיי מיט אונזער באַוועגונג. עס איז אוממעגלעך חדשים און יאָרן לאַנג זיך צו באַנוגענען בלויז מיט דיבורים וועגן דער וויכטיקייט און באַדייטונג פון ארץ ישראל אין אונזער באַוועגונג. אַלע דיבורים קענען ווערן פּוסטע פראַזן, אויב מען וועט זיי נישט באַגלייטן מיט מעשים. ביי מיר און ביי אַ סך חברים, סיי פון די וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, און סיי פון יענע וואָס האָבן זיך געפונען אין די רייען, האָט זיך געשאַפן אַ געפיל, אַז עס איז געקומען דער

מאָמענט איבערצוזעצן אונזערע דיבורים וועגן פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל אויף דער שפּראַך פון מעשים. אין יענער צייט זענען פאַרשאַרפט געוואָרן די באַדינגונגען פון דער לעגאַלער טעטיקייט אין רוסלאַנד. די מאַכט האָט אונז גערודפט, פון טאָג צו טאָג זענען פאַרגעקומען אַלץ מער אַרעסטן, מ'האָט אַרויפגעלייגט אַלץ מערער שטראָפן, כ'האָב דעריבער איינגעזען, אַז עס איז פאַר מיר בעסער מער נישט אָפּצולייגן מיין עליה קיין ארץ ישראל.

ט"ו אדר, תרס"ז (פעברואַר, 1907), פונקט אַ יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי, האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט און בין אַוועקגעפאָרן פון ווילנע אויפן וועג קיין ארץ ישראל. פון דאַמאָלסט אָן האָב איך מער נישט געזען רוסלאַנד. איך בין פאַרבייגעפאָרן וואַרשע און לאָדזש און זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג אין ווין. אַ יאָר שפּעטער נאָך מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד זענען נאָך אייניקע חברים פון צענטראַל קאָמיטעט מיר נאָכגעפאָרן: די ערשטע איז געווען רחל ינאית — אין פרילינג, תרס"ט; צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען י. זרובבל, און אין אַ צייט אַרום אויך אַלכסנדר כאשין (צבי אווערבוך). אַלע דריי זענען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע אין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך אַ סך באַמיט צו ברענגען קיין ארץ־ישראל אויך דעם חבר בער באָראָכאָוו, און אויך ער האָט דאָס געוואָלט, מען האָט אָבער אָפּגעהאַלטן „מן השמים". מ'קען זאָגן, אַז אין משך פון עטלעכע געציילטע יאָרן זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל, איינער נאָכן אַנדערן, די מערהייט מיטגלידער פון דער ערשטער גרופּע, וואָס האָט געגרינדעט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

ווי שוין דערמאָנט, בין איך אַרויסגעפאָרן אין מיטן אדר תרס"ז און זיך פאַרזאַמט אין וועג אַרום אַ חודש צייט — אַ סך לענגער ווי געוויינלעך. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל איך האָב זיך פאַרהאַלטן עטלעכע טעג אין ווין, וואו איך האָב זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיטן חבר ש. קאַפּלאַנסקי, אין אַ געוויסער טעטיקייט, וואָס די פּאַרטיי „פּועלי ציון" האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט: צונויפצושטעלן און פאָרמולירן אונזער ערשטן מעמאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דעם מעמאָראַנדום האָט צוגעגרייט חבר ש. קאַפּלאַנסקי און איך האָב זיך באַטייליקט אין רעדאַגירן אים. דער מעמאָראַנדום איז דערלאַנגט געוואָרן דעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל אין נאָמען פון די דריי פּאַרטייען „פּועלי ציון" — אין רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע. דער מעמאָראַנדום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָרגאַן פונם אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז „לע פּיפּל", און ביי אונז — אין ווילנער „פאָרווערטס" און אין ארץ־ישראלדיקן „אָנפאַנג". פון ווין בין איך געפאָרן קיין טריעסט, און פון דאָרט מיט אַ שיף קיין יפו. צוליב פאַרשיידענע סיבות בין איך נישט אַרויסגעשטיגן אין יפו און בין צוריקגעפאָרן אין פּאָרט־סאַאיד, כדי דאָרט צו באַקומען די טערקישע „תזכרה" און מיט דער דערלויבעניש בין איך צוריקגעפאָרן קיין יפו און אויסגעשטיגן אויפן ברעג פון ארץ ישראל, דעם ערשטן טאָג פסח, תרס"ז.

אין יפו האָב איך זיך גלייך דערוואוסט, אַז אין לאַנד עקזיסטירן נישט בלויז צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען, נאָר אויך צוויי האָטעלן זענען פאַראַן אין שטאָט, וואו עס האַלטן זיך אויף די עולים: ביידע געפינען זיך נאָענט איינער פון אַנדערן און ביידע זענען ענלעך. איינעם האָט מען גערופן ספּעקטאָרס האָטעל און דעם צווייטן — חיים ברוך'ס. דער אונטערשייד צווישן זיי איז געווען דער, וואָס דער

ערשטער איז געווען אַן אכסניה פאַר די פּועלי־ציון־חברים און דער צווייטער — פאַר די חברים פון „הפּועל הצעיר". פאַרשטייט זיך, אַז איך בין איינגעשטאַנען אין ספּעקטאָרס האָטעל. איך בין געקומען „אינקאָגניטאָ" און זיך פאַרשריבן מיטן נאָמען „י. בן־צבי", וואָס איז נישט געווען באַקאַנט נישט פאַר די פּאַרטיי־חברים און נישט ערגעץ אַנדערש, ווייל אין דער פּאַרטיי און אין דער פּאַרטייאישער ליטעראַטור בין איך געווען באַקאַנט אונטערן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים „אבנר". די דיסקרעציע האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און אין אַ קורצער צייט האָבן זיך אַלע דערוואוסט, אַז קיין ארץ ישראל איז געקומען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי ציון אין רוסלאַנד, און ווער ווייסט צו וואָס פאַראַ „רעוואָלוציאָנערע" אַקטן די אַרבעטער גרייטן זיך איינגיכן?

נאָך פריער האָב איך זיך דערוואוסט וועגן צוויי פּרוּוון צו גרינדן אַ פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. סוף זומער תרס״ה (1905) זענען זיך צונויפגעקומען אין פּתח־תקוה, אינם הילצערנעם צריף פון יחזקאל און חיה שרה האנקין, אַרבעטער פון דער צווייטער עליה. זיי האָבן זיך אָבער צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, מיט צוויי פאַרשידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען: פון איין זייט — די ריכטונג פון „פּועלי ציון", און פון דער צווייטער זייט — די ריכטונג פון „הפּועל הצעיר". די עצם גרינדונג פון די פּאַרטייען איז פאָרגעקומען שפּעטער: „הפּועל הצעיר" — אין אָקטאָבער, 1905, און „פּועלי ציון" — אין נאָוועמבער ד. י. די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן זענען געווען דערהויפּט אין דער פראַגע פון „כיבוש העבודה" און „ביצור המעמד" — דעראָבערונג פון אַרבעט און פאַרפעסטיקונג פון קלאַס. ווי עס האָט איבערגעגעבן אַלכּסנדר כּרמון — שמואל סלושץ — איז דאַמאָלסט אויסגעקליבן געוואָרן אין ראשון לציון דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי ציון" און אויפן באַפעל פון דעם קאָמיטעט איז ער עולה־געווען קיין ירושלים, כּדי דאָרט צו גרינדן אַ סניף פון דער פּאַרטיי.

פאָלגנדיקער בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" און איז געשיקט געוואָרן פון יפו דעם 28טן פעברואַר, 1906 (ג׳ אדר, תרס״ו), שילדערט די לאַגע אין ארץ ישראל, וואָס שייך די אַרבעטער־פּאַרטייען:

„אין ארץ ישראל עקזיסטירן צוויי אָרגאַניזאַציעס (פון אַרבעטער) איינע — „צעירי ציון" (זי הייסט אַזוי, ווייל די מערהייט חברים אירע זענען געקומען פון די רייען פון דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג „צעירי ציון", וועלכע האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער צווייטער עליה (די רעדאַקציע). די צווייטע — „פּועלי ציון". אונטער דער השפּעה פונם קאָנפליקט צווישן די קאָלאָניסטן און די אַרבעטער אין פּתח־תקוה, איז אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַראַן אַ נייגונג צו פאַראייניקן זיך מיט פּועלי ציון אין איין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די ערשטע (דאָס הייסט „הפּועל הצעיר") — ציילט 90 מיטגלידער, און די צווייטע (פּועלי ציון, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דריי חדשים צוריק און האָט באַזונדערע צענטערס אין יהודה און גליל) — ציילט 60 מיטגלידער, 40 אין יהודה און 20 אין גליל".

דערפון לערנען מיר, אַז שוין אין מיטן נאָוועמבער, 1905, אָדער אין אָנהויב כּסלו, תרס״ו, אַרום צען חדשים פאַר דעם צוזאַמענפאָר אין רמלה, איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, וואָס האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם. לויט דעם בריוו,

איז די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון געווען ווי פאָלגנדיק: אויפשטעלן אין ארץ ישראל אַ אידישע מדינה אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דער דאָזיקער ציל וועט דערגרייכט ווערן דורך קלאַסן־קאַמף, וואָס זיין פאָרם וועט באַשטימט ווערן דורכן גאַנג פון לעבן גופא. אין מיין אַרכיוו איז באַהאַלטן דער פּראָגראַם־פאָרשלאַג אין אידיש, אָן אַ דאַטע, און ער אַנטהאַלט דעם דאָזיקן געדאַנק. דער פאָרשלאַג דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס פּראָגראַם פון נאָוועמבער, 1905. לויטן סטיל דאַרף מען אָננעמען, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פון רוסיש און איז, ווייזט אויס, פאַרפאַסט געוואָרן דורך די ראָסטאָווער.

פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען לייגן אַכט דערויף, אַז לויטן בריוו זענען געווען צוויי באַזונדערע צענטערס, אין יהודה און אין גליל, און דעריבער איז נאָך דאַמאָלסט נישט געווען קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט ערשט שפּעטער, אין יאָר תרס״ז.

3.

# די צווייטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין ארץ ישראל

די צווייטע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי איז זיך צונויפגעקומען אין יפו, אין שבועות, תרס״ז. עס זענען געקומען אַלע חברים, וואָס האָבן זיך געקענט באַפרייען — אַרום אַ העלפט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער אין לאַנד, און סך הכל בערך 80 חברים: 24 פון ירושלים, 28 פון די קאָלאָניעס און די איבעריקע פון יפו. איך געדענק, אַז איך בין אַרויס פון יפו מקבל־פנים זיין די חברים פון ירושלים און האָב זיך מיט זיי געטראָפן ביים ברונעם, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „סעוויל־אַבו־נאַבוט״. זיי זענען געגאַנגען צופוס אַ מהלך פון 16 שעה, אַלע אָבער זענען געווען מונטער און פריילעך און האָבן דעם גאַנצן וועג געזונגען. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דער געביידע פון דעם בית הספר לבנות אין שכונת נוה־צדק, וועלכע איז דאַמאָלסט געווען באַקאַנט מיטן נאָמען: „אויטאָנאָמיע״. היות ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר אַ האָטעל, זענען כמעט אַלע חברים איינגעשטאַנען אויפן זעלבן הויף און זענען געשלאָפן אויף דער ערד, אונטערן פרייען הימל און געלייגט צוקאָפּנס שטיינער, ווי עס האָט אַמאָל געטאָן יעקב אָבינו. די קאָנפערענץ האָט זיך באַשעפטיקט דערהויפּט מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראַקטישע פראַגן און מיט הכנות צום ציוניסטישן קאָנגרעס. צו אַלגעמיין־טעאָרעטישע פּראָבלעמען איז זי נישט דערגאַנגען. מען האָט אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי אין ירושלים, יפו, פּתח־תקוה, רחובות, נס־ציונה (וואדי חאנין) און שומרון, ווי אויך אַן אַלגעמיינעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט.

כ'האָב געעפנט די קאָנפערענץ מיט אַ גרוס פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי ציון אין רוסלאַנד.

דאָס רוסישע אידנטום איז אין יענער צייט געווען דער הויפּט־רעזערוואואַר פאַר דער אַרבעטער־עליה און דער שמעלץ־טאָפּ פון ציוניסטישן און סאָציאַלן געדאַנק. נאַטירלעך האָבן אַלע ערשטע חלוצים וואָס זענען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל געווענדעט זייערע אויגן צו דער רוסישער פּאַרטיי.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּרעזידיום פון דריי: י. בן צבי, מרדכי ראַבינאָוויץ פון ירושלים און דוד בן־גוריון.

בן גוריון איז געקומען מיט די עולים פון פּלאָנסק. דאָס איז געווען אַ יונגע עליה פון באַוואוסטזיניקע ציוניסטן, וואָס איז געקומען אין לאַנד אַרײַן, סוף תרס״ד, אָדער אָנהויב תרס״ה. ווען זיי זענען געקומען, האָבן זיך אינם אַרבעטער־לאַגער צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן די קלאַנגען פון דער העברעאישער שפּראַך — אנשטאט אידיש, וואָס די חלוצים פון ליטע האָבן מיט זיך געבראַכט, און אַנשטאט רוסיש פון די ראָסטאָווער עולים. די ערשטע פּלאָנסקער עולים, ש. צמח און ש. לעווקאָוויטש (לביא) האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן צו די פּועלי ציון

און געגרינדעט דעם „הפועל הצעיר". נאָך די ערשטע זענען אָבער געקו־מען חברים פון פועלי ציון: ד. גרין, דאָס איז דוד בן־גוריון, אברהם לעוו־קאָוויטש, יחזקאל בית־הלחמי, רחל נעלקין און נאָך חברים. מען האָט מיר דער־ציילט, אַז בן־גוריון האָט אַרויסגערופן שטוינונג ביי די אַרבעטער מיט זיין העברעאיש רעדן: היתכן — אַ חבר פון פועלי ציון און גלייכצייטיק אַ פאַנאַטישער העברעאיסט?

דער סדר־היום איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די חברים: משולם דווידסאָן, נח הארקער און חיים רודניק. דער סדר־היום האָט אַנטהאַלטן דריי פונקטן: א. אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי. ב. אונזערע פאָדערונגען פון 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאַרקו־מען יענעם זומער אין פּראָג, און פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון, וואָס איז זיך צונויפגעקומען בעת דעם קאָנגרעס. ג. אַרויסגעבן אַ צייטונג פון דער פּאַרטיי. דער ערשטער פונקט האָט אַרויסגערופן לעבהאַפטע וויכוחים, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די חברים: נחום לעווין, ח. רודניק, נח ווינגראַדאָוו (פלג), לוי מאַרגאָלין, האַלצמאַן, בן־ציון רוכימאָוויטש, אליהו דאַ־ווידסאָן, אָקון, באַרנשטיין, יצחק כהנא, יחזקאל בית־הלחמי, פּיניע וויגאָדסקי און י. בן־צבי. די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט אַן אויספירלעכן באַריכט פון דוד בן־גוריון און האָט אָנגענומען אין דעם אָרגאַניזאַציע־פונקט פאָלגנדיקע רע־זאָלוציעס:

יעדער מיטגליד פון „פועלי ציון" אין ארץ־ישראל דאַרף אָננעמען די גרונט־יסודות פון דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם, אויספילן די באַשלוסן פון די פּאַרטיי־אינ־סטאַנצן (צענטראַל־קאָמיטעט, לאָקאַל־קאָמיטעט און די באַשלוסן פון די קאָנ־פערענצן), און באַצאָלן די פּאַרטיי־שטייערן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ וויכוח בנוגע יענע חברים־סאָציאַליסטן, וועל־כע נעמען נישט אָן דאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם, און נאָך אַ מיי־נונגס־אויסטויש איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע חברים, וואָס זענען געקומען פון די פּאַרטייען „פועלי ציון" אין חוץ לארץ, אָן אונטערשייד פון שטרעמונג (עס זענען געווען קענטיקע אונטערשיידן אין די פּראָגראַמען פון די לאַנד־סניפים פועלי־ציון: די פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט געהאַט אַ מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויס־טישע פּראָגראַם; אין עסטרייך — אַ סאָציאַליסטישע, און אין אַמעריקע האָט די פּאַרטיי געהאַט אַן אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג), ווערן אָנגענומען אין דער פּאַרטיי בתנאי, זיי זאָלן זיך פאַרפּליכטן נישט צו פירן קיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יסודות פון דער ארץ ישראלדיקער פּאַרטיי.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן וועגן די רעכט און פליכטן פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד; וועגן דער קאָמפּעטענץ פון די סניפים; וועגן צונויפקום פון אַלע קאָנ־פערענצן; וועגן ראַט פון צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויס־צוקלייבן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון דריי חברים, וועלכער זאָל נאָמינירן אַ בריי־טערן ראַט; די וואָלן דאַרפן זיין געהיימע און דאָס זעלבע זייער אויסגאַנג; אַ פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט דאַרף שטיין אין קאָנטאַקט מיט די לאָ־קאַלע קאָמיטעטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן ראַט רופן צונויף אַ דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר.

אין די וואָלן צום צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך פּאַקטיש באַטייליקט 53

חברים (די רעזולטאַטן זענען געבליבן געהיימע). דוד בן־גוריון האָט רעפערירט וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס און אין דער דיסקוסיע אַרום דעם רעפעראַט האָבן זיך באַטייליקט: בית־הלחמי, מאָרגענשטערן, י. בן־צבי.

נאָך דעם האָב איך רעפערירט וועגן דער אַלוועלטלעכער פּועלי ציון קאָנ־פערענץ און געבראַכט פאָרשלאָגן. און אָט איז זייער אינהאַלט (לויט די פּראָטאָ־קאָלן):

— מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן אין איין וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון, וואָס אין זיין נאָמען זאָלן מיר אויפטרעטן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ דאַרף מען זיך צוזאַמענרעדן בנוגע: א. גרינדן אַ פּאַר־אייניקט ביוראָ; ב. אונזער באַטייליקונג אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. עס איז באַזונדערס וויכטיק די באַטייליקונג פון די ארץ־ישראלדיקע אין דער קאָנפערענץ, ווייל ארץ־ישראל איז דער צענטער פון פאַראינטערעסירונג מצד אַלע איבעריקע פּאַרטייען פון פּועלי־ציון — מצד דער רוסישער, עסטריי־כישער און דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

עס איז נויטווענדיק צו שאַפן אַ צענטער פאַר אויסערלעכער און אינערלעכער אינפאָרמאַציע. דאָ אין לאַנד דאַרף געשאַפן ווערן אַן אינסטיטוציע, אין וועלכער עס זאָלן זיך באַטייליקן אויך די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען אין גלות, כדי דורכצופירן די אויפגאַבן און די אַרבעטן וועגן וועלכע איך האָב גערעדט. פּועלי־ציון אין אַלע לענדער דאַרפן שאַפן אַ פאָנד אין רשות פון דעם געמיינזאַמען ביוראָ, וואָס זיין צוועק זאָל זיין צווישן אַנדערע צו פאָרשן די לאַגע אין ארץ ישראל.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן: צו גרינדן אין ארץ ישראל אַן אַלגעמיינע ביוראָ פאַר אויפהאַלטן אַ פאַרבינדונג צווישן אַלע „פּועלי־ציון״־אָרגאַניזאַציעס אויף דער וועלט. אינם ביוראָ זאָלן זיך באַטייליקן פאָרשטייער פון די פּועלי־ציון־פּאַרטייען.

די אויפגאַבע פונם ביוראָ זאָל זיין: אינפאָרמאַציע און סטאַטיסטיק, גרינדן עפנטלעכע און קולטור־אַנשטאַלטן פאַרן אידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל. צו דעם צוועק זאָלן געשאַפן ווערן ארץ־ישראלדיקע פאָנדן און אַן אַלגעמיינער ליטעראַרישער אָרגאַן.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן די פאָלגנדיקע פאָדערונגען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס:

א. דער קאָנגרעס דאַרף נעמען אויף זיך צו פירן אַ ברייטע סיסטעמאַטישע אַרבעט אין ארץ ישראל כדי אָפּצושאַפן אַלע שטערונגען און שאַפן די נויטיקע באַדינגונגען צו רעגולירן און פאַרגרינגערן די אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע.

ב. די אַרבעט ווערט איבערגעגעבן אַן אַקציאָנס־קאָמיטעט וואָס זיצט אין ארץ ישראל און באַקומט פון קאָנגרעס ברייטע פולמאַכטן איבער אַלע ציוניס־טישע אינסטיטוציעס (ווי באַנק, נאַציאָנאַל פאָנד א. א. וו.)

ג. אין דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָבן די אַלוועלטלעכע פּועלי־ציון אַ רעפּרעזענטאַנץ.

די איבעריקע פאָדערונגען זיינען דעבאַטירט געוואָרן אין די אָרגאַני־זאַציעס וואו מען האָט אָנגענומען די פאָלגנדע:

1. פאַרנעמען זיך מיט ברייטע אַלזייטיקע אויספאָרשונגען פון נאַטירלעכן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווי אויך די יורידיש־פּאָליטישע ערלערנונג פון טערקיי.

די אויספאָרשונג ווערט איבערגעגעבן אַ קאָמיסיע, וואָס געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון פּאַלעסטינער א. ק.

באַמערקונג: צו דעם געהערט אויך די שאַפונג פון פאַרשידענע עקספּע־רימענטאַלע אינסטיטוציעס אין אַגראַרן און אינדוסטריעלן געביט.

2. שאַפן אַ ברייטע אינפאָרמאַציע אין אַגראַרן, אינדוסטריעלן און האַנדלס־געביט, מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פאַר אַרבעטער.

3. אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט פון אַריינפאָרן אין פּאַלעסטינע ווי אויך פאַר־לייכטערן דעם קויפן ערד א. ד. ג. דורך דער ווירקונג פון די ציוניסטן אין די גלות־לענדער אויף די רעגירונגען, אַז זיי זאָלן שיצן די רעכט און אינטערעסן פון זייערע ידישע אונטערטאַנען אין פּאַלעסטינע.

4. שאַפן אַ יורידישע קאָמיסיע צו פאַרטיידיקן די רעכט און אינ־טערעסן פון די יידן, טערקישע אונטערטאַנען אין פּאַלעסטינע.

5. מיטהעלפן די אָרגאַניזירונג פון דער ידישער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל און בילדן ביי דעם פּאַלעסטינער א. ק. אַ ראַט פון אַלע אָרגאַניזירטע אידישע קרעפטן אין ארץ ישראל.

6. שאַפן מוסטער־אונטערנעמונגען, סיי אַגראַרע, סיי אינדוסטריעלע, כדי צו העלפן די איינוואַנדערונג פון פּריוואַטע קאַפּיטאַלן.

7. די אידישע קאָלאָניאַל־באַנק דאַרף שאַפן אַ קליין־קרעדיט אין אַ ברייטן מאסשטאַב.

באַמערקונג: צו דעם געהערן אויך ליי־קאַסן פאַר די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס כדי צו קוואַליפיצירן און ספּעציאַליזירן די אידישע אַרבעטער.

8. גרינדן אַן אַגראַר־באַנק פאַר היפּאָטעק־קרעדיט כדי צו געבן די מעגלעכקייט קליינע קאַפּיטאַלן קאָלאָניזירן זיך אין ארץ ישראל.

באַמערקונג: צו דעם געהערט אויך געבן קרעדיט אַגראַרע אַרבעטער צו בויען פאַר זיך הייזער אין די קאָלאָניעס.

9. די ציוניסטישע אונטערנעמונגען מוזן אַרבעטן מיט אידישע אַרבעטער.

10. שאַפן און שטיצן דורך קרעדיט הויז־אינדוסטריע אין די קאָלאָניעס.

11. גרינדן פּראָפעסיאָנעלע שולן אין ארץ ישראל.

12. אַלע ציוניסטישע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס דאַרפן ווערן לעגאַלי־זירט אין טערקיי, כדי צו פאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס.

אויף דער קאָנפערענץ בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון דער פּאַרטיי צום ציוניסטישן קאָנגרעס. איך האָב זוכה געווען צו זיין איינער פון די ערשטע צוויי פועלי־ציון דעלעגאַטן פון ארץ ישראל; ישראל שוחט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערשטער וויצע־דעלעגאַט און מ. ראַבינאָוויטש אַלס צווייטער וויצע־דעלעגאַט (פאַקטיש האָבן מיר זיך ביידע באַטייליקט אין קאָנגרעס; פאַרמעל האָב איך באַקומען דעם מאַנדאַט פון דער רוסישער פּאַרטיי — אונטערן נאָמען אבנר — כדי שוחט זאָל זיך קענען באַנוצן מיטן צווייטן מאַנדאַט. אַ טייל פון מיינע רייזע־קאָסטן האָב איך אויך באַקומען פון דער רוסישער פּאַרטיי).

איך האָב געבראַכט דעם אינהאַלט פון די רעזאָלוציעס, וועלכע ווייזן אויפן שטאַרקן ווילן פון די ערשטע „פועלי־ציון" שוין דאמאָלס צו געבן אונזער ציוניסטישער אַרבעט אַ ממשותדיקערן כאַראַקטער, וואָס זאָל זיין מער צו־געפּאַסט צו דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט און צו די באַדערפענישן פון דעם ישוב.

אויף יענער קאָנפערענץ איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן אַרויסגעבן צייטונגען און בראָשורן. דער ערשטער פּרואוו איז געמאַכט געוואָרן אין אי־דיש — עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ קליינע צייטונג אונטערן נאָמען „דער אָנפאַנג". די צייטונג איז געדרוקט געוואָרן אומלעגאַל אין יפו, אָבער כדי ניצול צו ווערן פון אַן „עין הרע" איז אָנגעמערקט געוואָרן אין דער צייטונג, אַז זי ווערט געדרוקט אין אלכסנדריה, אין מצרים. עס זיינען דערשינען צוויי גאַנצע נומערן: אין ט"ו תמוז און אין ט"ו אב; דער דריטער נומער (תשרי תרס"ח) — איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן; ביי מיר זיינען פאַרבליבן בלויז פיר זייטלעך פון דעם נומער. דער דאָזיקער פּרואוו איז דורכגעפאַלן בעיקר צוליב דער שפּראַך. דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָט געדאַרפט האָבן אַ צייטונג נישט אין אידיש נאָר אין העברעאיש, אַ צייטונג, וואָס זאָל פאַראייניקן די אָנגעקומענע פון דער נייער עליה מיט די אָרטיקע אַרבעטער און איינוואוינער און זאָל פאַרענטפערן די פראַגן, וועלכע דאָס לעבן פונם אידישן אַרבעטער אין לאַנד שטעלט אַוועק. אַ צייטונג אין אידיש האָט דערצו נישט געפּאַסט און נישט געקענט דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע. „דער אָנפאַנג" האָט אויך נישט געקענט שפּילן די ראָלע פון אַן אינפאָרמאַ־טיווער צייטונג פאַרן חוץ לארץ — ווי דער „אידישער אַרבעטער" אין גאַליציע, אָדער דער „אידישער קעמפער" אין אַמעריקע — צוליב מאַנגל אין כוחות און מיטלען. דעריבער איז די צייטונג באַלד אין אָנהויב אָפּגע־שטעלט געוואָרן און מער נישט באַנייט געוואָרן. דער עצם געדאַנק וועגן אַ פאַרטייאישער צייטונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט און האָט געפונען זיין תיקון ערשט אין דריי יאָר אַרום, ווען אין זומער תר"ע איז געגרינדעט געוואָרן דאָס ערשטע אידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער וואָכנ־בלאַט אין ארץ ישראל „האחדות".

דאָס איז מיין אָפּשאַצונג וועגן דער צייטונג היינט. דאַמאָלס האָבן מיר אַזוי נישט געטראַכט און נישט אָפּגעשאַצט. די מערהייט פון אונז איז געווען צופיל באַאיינפלוסט פון ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אויף דער אידישער גאַס אין חוץ לארץ, און מיר האָבן נאָך נישט געשלאָגן דאַמאָלס קיין טיפע וואָרצלען אינם באָדן פון דעם זיך אויפבויענדיקן היימלאַנד. אין רוסלאַנד איז דאַמאָלס געווען די צייט פונם אויפשטייגנדיקן אידישיזם, וועלכער האָט אין מזרח־אייראָפּע סימבאָליזירט די פאָלקסטימלעכקייט. דער דאָזיקער גע־דאַנקען־גאַנג האָט נישט ווייניק משפיע געווען אויף אונזער רעזאָלוציע אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ. וואָס אַן אמת, שוין דאַמאָלס זיינען געווען צווישן אונז אַזעלכע, וואָס האָבן געצווייפלט און אפילו אַרויסגעטרעטן קעגן אַ צייטונג אין אידיש, אָבער נאָכדעם ווי דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָבן מיר זיך באַמיט אים אויסצופירן מיט דער גאַנצער ענערגיע.

4.

# די דריטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין ארץ ישראל

מיינע ערשטע טעג אין לאַנד, ביז מיין אַרויספאָר צום קאָנגרעס, זיינען געווען פאַר מיר טעג פון זוכעניש און שטודירן. נאָכן צוריקקערן זיך פון חוץ־לארץ, פון קאָנגרעס און פון די קאָנפערענצן, און נאָכן באַקענען זיך מיט דער ווירקלעכקייט פון אונזער באַוועגונג אין גלות, האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פון אַרבעט.

איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל פול מיט אַרבעטס־לוסט. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די קאָנפערענץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף עטלעכע טעג און אנשטאָט אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ (ענלעך צו דער פּאַריקער, וואָס איז פאָרגעקומען אין שבועות) איז דאָסמאָל צונויפגערופן געוואָרן אַ דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר. ער איז פאָרגעקומען אין יפו, כ׳ תשרי, תרס״ח, און איז באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען די דריטע קאָנפערענץ.

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי זאַכן: מיט אַ גרינטלעכער ווענדונג ביי די פּועלי־ציון אין באַצוג צו דער העברעאישער שפּראַך און מיט דער גרינדונג פון „השומר". דיביידע ענינים זיינען כאַראַקטעריסטיש און ספּעציפיש פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פון ארץ ישראל און אויף זיי ביידע ליגט דער שטעמפּל פונם היימלאַנד. פון דער צווייטער זייט, איז קיין ספק נישט, אַז די ביידע ענינים האָבן באַאיינפלוסט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט קרוב צו 20 דעלעגאַטן און אַ געוויסע צאָל איינגעלאַדענע געסט. איך האָב פאַר זיך אַ רשימה פון 23 נעמען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע, דעלעגאַטן און געסט: י. בן־צבי, בן־ציון (רוכימאָוויטש), דוד גרין (בן־גוריון), אברהם קאמעראוו, י. שוחט, זאב אשור, אלכסנדר זייד, אליהו אבן־טוב, יחזקאל כאנקין, שמאי, נחמן (זיידל דאניעווסקי), יחזקאל בית־הלחמי, מענדל פּאַרטוגאַלי, לוי מארגאַלין, נח גארקער, נחום הלוי, משה שחר, עפּשטיין, משולם דאווידסאָן, גבריאל האַלצמאַן, חיים (צפתי), אברהם לעווקאָוויטש, פישל און יהודה זעלדין.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט דריי טעג. נאָך מיין דערעפענונג און נאָכן איבערגעבן אַ באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט, איז אויסגעהערט געוואָרן אַ באַריכט פון די צוויי דעלעגאַטן צו דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציון קאָנפערענץ און צום אַכטן קאָנגרעס אין האַאַג, און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די רעזאָלוציעס וואָס זיינען דאָרט אָנגענומען געוואָרן. אויסער דעם זיינען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ באַהאַנדלט געוואָרן: אונזער באַציאונג צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אונזער טאַקטיק, און באַזונדערס אונזער באַציאונג צו דער שפּראַכן־פראַגע.

עס זיינען ביי מיר געבליבן די פּראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן דעם אַרבעטער־אַרכיוו. איך האָב נישט בדעה אָפּ־צוגעבן דאָ אַ פולן באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ, איך וועל זיך בלויז אָפּ־שטעלן אויף עטלעכע פונקטן פון ספּעציעלער חשיבות. די עליה־פראַגע איז באַטאָנט געוואָרן אַלס אַן ענין פון גרויסער וויכטיקייט פאַרן אידישן פאָלק און פאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס. מיטן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל דאַרף דער אידישער אַרבעטער לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן אויפבוי פון זיין היימ־לאַנד. די חברים האָבן אויף דער קאָנפערענץ אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון אינפאָרמאַציע פאַר עולים, וועלכע דאַרף געגעבן ווערן דורך דער פּאַרטיי אָדער מיט איר באַטייליקונג. אין דער פראַגע איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אָפּשאַצנדיק די גרויסע וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון דער אינ־פאָרמאַציע פאַר דער רעגולירונג פון דער עליה, און אָננעמענדיק אויפן סמך פונעם באַריכט פון די פּאַרטיי־דעלעגאַטן צו דער וועלט־קאָנפערענץ אין האאַג, אַז עס וועט נאָך לאַנג דויערן, ביז די אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע פון „פּועלי־ציון" וועט עס טאָן, האָט דער דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

א. ווירקן אויפן ציוניסטישן אינפאָרמאַציע־ביוראָ עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר אַרבעטער (אין ענינים פון אַרבעט), וואָס זאָל אָנגעפירט ווערן דורך די אַרבעטער גופא.

ב. דורך דער פאַרמיטלונג פונם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון שאַפן פאַר־בינדונגען צווישן די ארץ ישראלדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען אין אויסלאַנד צום צוועק פון קעגנזייטיקער אינפאָרמאַציע (אין ענינים פון אַרבעט).

וואָס נוגע די באַציאונגען מיט די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, איז באַ־שלאָסן געוואָרן: מיר פאָדערן דאָס רעכט צו זיין זעלבסטשטענדיק רעפּרעזענ־טירט אין דעם ארץ־ישראלדיקן ראַט (אין נאָמען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע) דורך געוויילטע פאַרשטייער פון אונזער זייט.

ג. שאַפן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ארץ ישראל, אויף וויפל זיי זיינען נישט קעגן אונזערע פּרינציפּן.

אין שפּיץ פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין וועט שטיין אַ געמיינזאַמע צענטראַל־ביוראָ.

דאָס אַוועקשטעלן די „אינפאָרמאַציע" אין צענטער פון דער אַרבעט, איז נישט געווען צופעליק. דער הויפּט־צוועק איז געווען — פאַרשפּרייטן אין אַלע גלות־לענדער דעם געדאַנק וועגן עליה קיין ארץ ישראל צוליב אַרבעט און צו פאַרשטאַרקן דעם לאַנגזאַמען עליה־טעמפּאָ, וואָס האָט ביטער אַנטוישט די ערשטע עולים, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן אַ „סטיכישער" מאַסן־עליה. די לאַגע אין דער פּאַרטיי אין חוץ־לארץ, און באַזונדערס אין רוסלאַנד, איז געוואָרן אַלץ שווערער, און אונטערשטרייכנדיק די וויכטיקייט פון אינפאָרמאַציע פאַר עולים, האָבן מיר דערמיט פּאַקטיש אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט

פון דער הויפּט־אַרבעט אין ארץ־ישראל, וועלכע האָט געגעבן אַן אינהאַלט און ממשותדיקן אויסדרוק דער ארץ ישראלדיקער שטרעבונג פון אונזערע חברים אין גלות. צוזאַמען מיט דעם איז דאָ געווען אַ כוונה פון סעלעקציאָנירן דעם מענטשן־מאַטעריאַל וואָס גרייט זיך צו עליה, ער זאָל זיין וואָס מער צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון לאַנד און קענענדיק די באַדינגונגען זאָל ער אין אַ געוויסער מאָס זיין ווידערשטאַנדס־פעאיק לגבי אַנטוישונגען און פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן דערוואַרט עולים, וואָס זיינען נישט געווען צוגעגרייט צו די שווערע לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען אויפן באָדן פונעם היימלאַנד. עס איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וואָס פאַר אַן עלעמענט פּאַסט זיך צום בעסטן פאַרן לאַנד — צי „אידעאַליסטן" — דאָס הייסט אינטעליגענטישע יוגנט, וואָס אויף איר האָט אויסגעקוקט דער „הפועל הצעיר", אָדער „נאַטירלעכע" אַר־בעטער פון דער מאַסע, אויף וועלכע עס האָבן געוואָרט „פּועלי ציון".

די „אינפאָרמאַציע" איז געווען אַ מין ערשטער עטאַפּ צום געדאַנק וועגן הכשרה, וועלכער איז באַנייט געוואָרן דורך דעם „החלוץ", וואָס איז דער־שינען שפּעטער: אין אַמעריקע — אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; און אין איירעפּע — ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה.

אַ בכבודיקן פּלאַץ אינם געדאַנקענגאַנג און אין דער שטימונג פון די „פּועלי ציון" האָט פאַרנומען דער ענין פון פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער דורך שאַפן אַ קליינע הילפס־ווירטשאַפט פאַר די משפחות און באַקוועמע וואוינונגען פאַר דעם נישט־חתונה געהאַטן. די דיסקוסיעס וועגן דער אויפגאַבע פונם אַרבעטער אויף דעם געביט האָבן זיך לאַנג געצויגן, און באַזונדערס אין דעם פאַראיין „החורש" וואָס איז דאַמאָלס געגרינדעט געוואָרן. די פראַגע איז געווען, צי דאַרף אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, חוץ איר קאַמף פאַר אויסבעסערן די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פונם לוין־אַרבעטער, זיך אָפּגעבן אויך מיט קאָלאָניזירן אים, אָדער זי דאַרף זיך באַשרענקען בלויז צו די פּראָבלעמען פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט אַלס אַזעלכן, און איבערלאָזן די קאָלאָניזאַציע־זאָרג פאַר קאָלאָניזיר־געזעל־שאַפטן: פאַר פּיק"א, פאַרן קרן קימת, פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע א. ד. ג. נישט טעאָרעטיש, נאָר אויפן גרונט פון ליידנפולער דערפאַרונג אין דער ווירקלעכקייט, האָט די פּאַרטיי באַשטימט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו די עקספּערימענטן, ווי: עין גנים ביי פּתח־תקוה און באר יעקב ביי ראשון לציון. די קלאָרע כוונה פון די דאָזיקע עקספּערימענטן איז געווען — צו שאַפן מוסטערן פון הילפס־ווירטשאַפטן פאַר אַרבעטער, וועלכע וועלן ווייטער ציען זייער חיונה פון זייער אַרבעט ביי די קאָלאָניסטן — אין פּתח־תקוה און ראשון לציון. אין זיין צייט האָבן די פּועלי־ציון אַריינגעלייגט אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו ביים גרינדן אַרבעטער־קיכן און מעדיצינישע הילף פאַר די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. אָפטמאָל איז עס געמאַכט געוואָרן אין דער פאָרם פון ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס געשטיצט אויף אייגענער הילף דורך די חברים פון פּועלי־ציון אַליין, און צייטנווייז — אין צוזאַמענאַרבעט מיטן „הפועל הצעיר" און מיט די אומפּאַרטייאישע. פּועלי־ציון האָבן געגלויבט, אַז זייער אויפגאַבע איז צו פאַרפעסטיקן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע

באַזע פונם אידישן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און דערמיט שאַפן זיין „סטראַטעגישע באַזע", לויט דער טערמינאָלאָגיע פון יענע צייטן.

עס זיינען אָנגענומען געוואָרן צוויי אָרגאַניזאַציאָנעלע רעזאָלוציעס:

א. היות עס איז אוממעגלעך צונויפצורופן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען — וועלן אין דער צוקונפט גערופן ווערן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָרן;

ב. יעדע דריי חדשים וועלן פאָרקומען ספּעציעלע באַראַטונגען מיט דער באַטייליקונג פונם צענטראַל־קאָמיטעט.

צום סוף איז פאָרגעקומען די דיסקוסיע אַרום דער שפּראַך. מיר האָבן געוואָלט אָננעמען אַ קלאָרע פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דער שפּראַך פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן, וועלכן אַלע האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַנייען. נאָך גרינטלעכע דעבאַטן איז מיט אַ מערהייט פון 11 קעגן 5 באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די צייטונג אין העברעאיש. דער דאָזיקער באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ לאַנגער און הייסער דיסקוסיע, נאָך אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן דעם פּאַרטיי־אָרגאַן אין אידיש, איז איינער פון די וויכטיקע טאַטן, וואָס האָט געהאַט ווייט־גייענדיקע רעזולטאַטן נישט נאָר לגבי דעם גורל פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, נאָר אויך לגבי דעם גורל פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. איך זאָג גאַנצע, און מיט באַזונדערער אינטאָנאַציע, דווקא דערפאַר, וואָס אויף דער קאָנפערענץ האָב איך נאָך געפּרואווט פאַרטיידיקן דאָס באַנוצן זיך מיט אידיש, כדי צו דערמעגלעכן דעם קאָנטאַקט מיט חוץ לארץ און כדי די מערהייט אַרבעטער אין לאַנד זאָל קענען לייענען די צייטונג.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט האָבן נישט די עולים און נישט די אַלט־איינגעזעסענע געקענט געגנוג העברעאיש. די העברעאישע שול אין לאַנד איז נאָך געווען אין די וויקעלעך; די קאָלאָניסטן האָבן גערעדט אידיש, דער אַלטער ישוב האָט זיך באַנוצט מיט דריי שפּראַכן: די אשכנזים — אידיש, די ספרדים — שפּאַניאָליש, די מזרח־עדות — אַראַביש. ס'רוב פאַרמעגלעכע ציוניסטן, וואָס זענען געקומען פון חוץ לארץ, האָבן גערעדט רוסיש אָדער דייטש און די אַריסטאָקראַטיע פון די אָריענטאַלישע אידן האָט גערעדט פראַנצויזיש. אין דעם מישמאַש פון שפּראַכן האָט די העברעאישע באַוועגונג נישט געקענט געפינען קיין אָנשפּאַר און זיכערע שטיצע. יחידי־סגולה, ווי אליעזר בן־יהודה, אַ גרופּע לערער און בילויים האָבן געקעמפט פאַר העברעאיש. אָבער ווער ווייסט, וואָס וואָלט געווען דער גורל פון דער דאָזיקער באַוועגונג, ווען עס וואָלט נישט אויפגעקומען איר גואל אין דעם קאָנסטרוקטיוון און שעפערישן קלאַס פון די אַרבעטער. ווי וויכטיק איז עס געווען, וואָס דווקא יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַלטן די פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פון באַנייען די וועלט דורך גערעכטיקייט און גלייכקייט, האָבן אויך זיך גענומען צו קעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך — פאַר העברעאיש — גענוי ווי זיי האָבן געקעמפט פאַר זייער פאָלק און היימלאַנד. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אונזער קאָנפערענץ אין סוכות, תרס"ח, אַ ווענדונג אין דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. און דאָ איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז מיטן מאָמענט ווען די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן — האָט זיך די גאַנצע פּאַרטיי געשטעלט הינטער איר. עס איז אָבער נישט לייכט געווען אויסצופירן דעם באַשלוס וועגן אַ העברעאישער צייטונג. עס איז אויסגעווילט געוואָרן

אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פאַר אַ צייטונג און עס איז אָנגענומען געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַן אַקציע־געזעלשאַפט, אין וועלכער יעדער חבר זאָל זיך באַטייליקן; די קאָנפערענץ האָט געהאַלטן די צייטונג אַלס אַ לעבנס־וויכטיקע באַדערפעניש פאַר די ארץ־ישראל־אַרבעטער און דעריבער האָט זי פאַר־פליכטעט אַלע חברים אַנטייל צו נעמען אין דער גרינדונג פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, און אין דער צווייטער ריי זיך ווענדן צו דער הילף פון די חברים אין חוץ־לארץ, וועלכע וועלן אויך אומדירעקט געניסן פונם העברעאישן אָרגאַן, וואָס וועט אַרויסגעגעבן ווערן דורך די אַרבעטער אין ארץ ישראל.

נאָך אַ וויכטיקער חידוש איז געווען אויף יענער קאָנפערענץ: די גרינדונג „פון השומר". ער איז געגרינדעט געוואָרן נישט אויף דער קאָנפערענץ גופא, נאָר דורך אַ טייל פון אירע דעלעגאַטן און געסט; כ'מיין דערמיט דעם ערשטן „מנין" פון חברים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען ביים שלוס פון דער קאָנ־פערענץ — אין אַן אַנדער אָרט — און געגרינדעט דעם ערשטן קערן פון „השומר", וועלכער איז אין זיין צייט געווען באַקאַנט אונטערן געקירצטן נאָמען, ב"ג — בר גיורא — אויפן נאָמען פון יענעם העלד, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פונם אויפשטאַנד בעת דעם בית שני, פון דעם לעצטן פאַרטיידיקער פון ירושלים. מיט דער צייט אָבער איז דער דאָזיקער נאָמען פאַרביטן געוואָרן דורך דעם נאָמען „השומר". אין אַן אַנדער פלאַץ (אין דער זאַמלונג „השומר", תרצ"ז) האָב איך ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אויף די אומשטענדן, אין וועלכע עס איז זיך צונויפגעקומען יענער „מנין" חברים, כדי צו גרינדן דעם „השומר". אַלע גרינדער זענען געווען מיטגלידער פון „פועלי־ציון", וועלכע האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דער געוויינלעכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן אָנגער־קענט די באַזונדערע נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ נייעם אידישן כוח, וואָס זאָל באַשיצן דאָס אידישע ווערק אין ארץ ישראל. דאָס זענען חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן אַליין צו מאַכן דעם דאָזיקן געוואַגטן שריט, צו גרינדן אַ פאַראיין פון שומרים אין לאַנד און אַליין זיך אָפּגעבן מיט דער שמירה. אין יענער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט: יחזקאל כאנקין, ישראל גלעדי, מענדל פּאָרטוגאַלי, בערעלע שוויגער, יחזקאל ניסאנאָוו, צבי בעקער, אַלכסנדר זייד, משה גבעוני, (ח. זאוקער, גאָלדשטיין), ישראל שוחט און איך. כמעט די אַלע גרינדער לעבן שוין ניט — די מערהייט פון זיי איז געפאַלן אויף דער וואַך, פון פיינטלעכע קוילן אָדער פון קראַנקהייטן. בלויז די לעצטע דריי לעבן נאָך.

ערב שמחת תורה זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין מיין אויבערשטיבל, אין דעם אַזוי־גערופענעם „וואַרשעווער חצר", אין יפו. פון איין פענסטער האָט מען געזען אַ הויכע פאַלמע, און אויפן צווייטן פענסטער — די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. אינם דאָזיקן אויבערשטיבל איז פאַרגעקומען די ערשטע זיצונג און עס איז פאַרזייט געוואָרן דער קערן, פון וועלכן עס איז אינ־גיכן אויפגעוואַקסן אַ גרויסער בוים — „השומר". די גרופּע יונגע חלוצים איז געווען אריינגעטאָן אין דעם נייעם נאָר־וואָס געבאָרענעם געדאַנק, וועלכער האָט פאַראייניקט זייערע הערצער און געפאָדערט פון זיי מעשים; דאָ איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּראָגראַם, זענען באַשטימט געוואָרן טעטיקייטן און פּראָקלאַמירט געוואָרן די לאָזונגען פון „השומר"; דאָ זענען פאַרטיילט געוואָרן

די ערשטע ראָלן, ווער אויף שמירה, ווער אויף אָרגאַניזירן און פאַרמיטלען צווישן די שומרים און די קאָלאָניסטן, און ווער — אויף לערנען דערוויל לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעט ביי די קאָלאָניסטן. אַלס ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ איז אויסגעוויילט געוואָרן דער אונטערשטער גליל. יחזקאל כאַנקין האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט צוריקגעקערט צו זיין היים מיט אהרוני און איך האָב זיך גענומען צו פאַרפעסטיקן פּאָליטיש און עפנטלעך דעם געדאַנק וועגן דער נייער אָרגאַניזאַציע, אים אויפקלערן אין די רייען פון דער פּאַרטיי און געווינען דאָרט יונגע כוחות פאַר דער אַרבעט פון „השומר".

אין יענער צייט איז דער קרייז פון די נייע אַרבעטער געווען אַ יונגער. די מערהייט האָט געאַרבעט אַלס לוין־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, און די מינ־דערהייט — אין יפו און אין ירושלים. אויסער די מיטגלידער פון ביידע פּאַרטייען, „פּועלי ציון" און „הפועל הצעיר", איז געווען נאָך אַ קענטיקע צאָל פון אומפּאַרטייאישע, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס, וואו עס האָבן געפעלט די באַדינגונגען פאַר פּאָליטישער טעטיקייט און פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. צוליב דער שלעכטער קאָמוניקאַציע צווישן די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, איז שווער גע־ווען צו שאַפן איין לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פאַרן גאַנצן לאַנד און די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער האָבן זיך צוטיילט לויט די אַרבעטס־באַ־צירקן, און נישט לויט די פּאַרטייען, אין צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַני־זאַציעס: איינע אין יהודה און די צווייטע אין גליל. די אַרבעט אין שטאָט איז געווען אין די הענט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין וועלכע עס זענען געווען אָרגאַניזירט די שטאָטישע אַרבעטער, די שטיין־העקער און דרוק־אַרבעטער אין ירושלים: די סטאָלערס, שוסטערס און שניידערס — אין יפו. אין דער שטאָט האָט אויך עקזיסטירט אַן אַרבעטער פאַראיין פון פאַרשיידענע געמישטע פאַכן. נאַטירלעך האָט אונזער פּאַרטיי פּועלי ציון, וועלכע האָט געזען פאַר זיך אַ באַזונדערע קלאַסן־אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די שטאָטישע אַר־בעטער, זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין שטאָט און דעריבער האָט זי באַקומען אַ דעצידירנדיקע השפעה אין די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען. בלויז אין דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַראיין אין יפו, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטער ביי נישט־אָרגאַניזירטע פאַכן, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אויך חברים פון „הפועל הצעיר".

אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין דער לאַנדווירטשאַפט: אין די פאַראיינען פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה און אין גליל האָבן כמעט תמיד אַקטיוו זיך באַטייליקט מיטגלידער פון ביידע פּאַרטייען און אויך די „אומפּאַרטייאישע" האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. עס איז אַ פאַקט, אַז די גרינדער פון „החורש" זענען געווען: אליעזר שוחט („הפועל הצעיר"), ישראל גלעדי (פּועלי ציון און אַ מיטגליד פון „השומר"), שלמה צמח („הפועל הצעיר"), ישראל שוחט (פּועלי ציון און גרינדער פון „השומר"), ישראל בצר (אומפּאַר־טייאישער, נאָענט צו „הפועל הצעיר") און ל. גפן (שיינט מיר, „הפועל הצעיר"). די פּועלי ציון האָבן אויף די קאָנפערענצן געשטיצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע און אויך דער „הפועל הצעיר" האָט זי געשטיצט. אויף די שפּאַלטן פון דער ציייטונג „הפועל הצעיר" פון כסלו, תרס"ט, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פּראָגראַם פון „החורש". דער „השומר" איז געוואָרן דער עיקרדיקער אָנשפּאַר

פון דער „החורש״־אָרגאַניזאַציע. פון דער צווייטער זייט, האָט „החורש״ אַ סך געהאָלפן דעם אידישן שומר אין דער קאָלאָניע.

אויב די רעזאָלוציע וועגן העברעאיש האָט דעצידירט לגבי דער באַפאַר־בונג און דעם כאַראַקטער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין קולטורעלער און פּאָליטישער הינזיכט, איז די רעזאָלוציע וועגן דער גרינדונג פון „השומר״ גע־ווען אַן אייגנאַרטיקער פּאָליטישער פּרעצעדענט, אויף וועלכן עס האָט זיך באַזירט דאָס גאַנצע זיכערהייטס־ווערק בעת דעם טערקישן רעזשים און זיינע רעזולטאַטן האָבן אויך באַאיינפלוסט דעם זיכערהייטס־ווערק פון דעם ישוב שפּעטער, ווען ארץ ישראל איז דעראָבערט געוואָרן דורך די ענגלענדער. אין דעם „השומר״ איז פאַרקערפּערט געוואָרן דער ווילן צו זעלבסטשטענדיקייט און די פעאיקייט צו זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה. אַזאַ אויפטו ווי דער „השומר״ איז נישט מעגלעך געווען אין קיין שום אַנדער אָרט אין דער וועלט, אין קיין שום אַנדערער אידישער פּאַרטיי, נישט אין רוסלאַנד און נישט אין גאַליציע און אויך נישט אין אַמעריקע, נאָר בלויז אין ארץ ישראל. פון זיינע ערשטע שריט אָן האָט דער „השומר״ געוואונען די הערצער פון די חברים אין אַלע גלות־לענדער, סיי די וועלכע האָבן אים געקענט פון נאָענט און סיי יענע, וועלכע האָבן אים נישט געקענט און האָבן בלויז פון דערווייטנס וועגן אים געהערט. און ווען באָראָכאָוו האָט געוואָלט באַצייכענען אַ טיפּ פון אַ נייעם אידישן רעוואָלוציאָנער, האָט ער נישט געפונען קיין שענערן ביישפּיל, ווי דער אידישער שומר אין ארץ ישראל..

פון דעם פאַקט, וואָס אין אָנהויב איז דער „השומר״ באַשטאַנען בלויז פון פועלי ציון־חברים, דאַרף מען נישט לערנען, אַז זיין ריכטונג איז געווען אַן ענג־פּאַרטייאישע, פּאַרקערט, ס׳איז נישט געווען קיין אָפּהאַלט אַנצונעמען חברים צוליב פּאַרטייאישע מאָטיוון, הגם דער אַריינטריט אין „השומר״ איז בדרך כלל געווען פאַרבונדן מיט אַ שווערן און לאַנגן עקזאַמען. דער „השומר״ האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויפן כאַראַקטער פון יעדן נייעם קאַנדידאַט און אויף זיין פיזישער און גייסטיקער צוגרייטונג. וואָס אָן אמת, דער עצם פאַקט, וואָס די גרינדער זענען געווען חברים פון פועלי ציון, האָט געבראַכט דערצו, אַז די מערהייט מיטגלידער פון „השומר״ זענען אויך אַ נאַטירלעכן וועג געקומען פון די פּאַרטיי־חברים אָדער פון די קרייזן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו דער פּאַר־טיי. פונדעסטוועגן האָבן זיך באַטייליקט אין „השומר״ אויך יחידים פון „הפועל־הצעיר״ און האָבן דאָרט געשפּילט וויכטיקע ראָלעס (ש. לעווקאָוויטש־לביא, ח. פיינבערג און נאָך).

עס איז צו באַמערקן, אַז נישט נאָר די חברים פון דער ריי — „די פּשוטע סאָלדאַטן״ — נאָר אויך די אַקטיווע מיטגלידער און די קאָמאַנדירן פון „השומר״ זענען געגאַנגען אויף שמירה מיט אַ ביקס אויפן אַקסל, פון זיי, חברים, וואָס האָבן אין יענער צייט אויסגעפירט פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס אין דער פּאַרטיי, ווי למשל: ישראל גלעדי, דוב שוויגער, אַלכסנדר זייד, שמואל העפּ־טער, יוסף נחמני און אַנדערע.

ווי אַזוי האָט זיך די פּאַרטיי באַציגן צום „השומר״?

הגם עס וועט נישט זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז די פּאַרטיי פועלי ציון האָט אָפיציעל געגרינדעט דעם „השומר״, און אין אָנהויב איז ניט געווען קיין פּאַר־

מעלער קשר צווישן די ביידע קערפערשאַפטן, איז אָבער קיין ספק נישט, אַז פּאַקטיש האָט עקזיסטירט צווישן זיי אַן ענגע אינערלעכע פאַרבינדונג. קודם־כל איז געווען אַ פּערזענלעכער קשר צווישן די פירער — עטלעכע פון די פאַר־טיי־פירער זענען געווען צווישן די גרינדער פון „בר גיורא" און „השומר", אייניקע פון זיי זענען אפילו געווען זייער אַקטיוו אין „השומר" ווי לאַנג ער האָט עקזיסטירט. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַר־בינדונגען צווישן „השומר" און פועלי ציון געוואָרן ענגער. צו די נעמען, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט דאַרף איך צוגעבן נאָך עטלעכע: רחל ינאית, וועלכע האָט אַ לענגערע צייט געשפּילט אַ פאַראַנטוואָרטלעך־פירנדיקע ראָל אינם ועד פון „השומר" און אַ געוויסע צייט איז געווען טעטיק אויך א. ש. וואַלדשטיין ז"ל. צווייטנס, און דאָס פאַרשטייט זיך איז דער עיקר — ס'איז געווען אַן אי־נערלעכער אידעאָלאָגישער קשר צווישן דעם געדאַנק פון „השומר" און דער באַוועגונג, פון וועלכער די מיטגלידער פון „השומר" האָבן זיך רעקרוטירט.

אין דער פאַרטיי פועלי־ציון האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט געפּלעגט דעם „השומר". אין דער דאָזיקער פאַרטיי האָט דער „השומר" געזען נישט נאָר אַ מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר קעגן אָנגריפן אויף אים, וועלכע האָבן נישט געפעלט, נאָר אויך אַ קוואַל פאַר נייע כוחות און אַ דער־ציער פון דער „השומר"־אַרמיי. דער דאָזיקער לעבעדיקער קשר איזווירקלעך געווען פון גרויסער באַדייטונג. אין אַ נויט האָבן אויפן רוף פון „השומר" זיך אָפּגערופן עטלעכע פאַרטיי־מיטגלידער און פאַרביטן זייער ארבעטס־גע־צייג אויף אַ ביקס.

דער שטאַרקסטער קשר איז געווען אויפן דאָרף, באַזונדערס אין גליל. ווי באַקאַנט, פלעגט דער „השומר" איבערנעמען די שמירה פון אַ קאָלאָניע לויט אַ קאָנטראַקט. לטובת דער שמירה האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן אַ געוויסן „רעזערוו" אין דער קאָלאָניע. היות ווי די אַרבעט אין די קאָלאָניעס איז כמעט אינגאַנצן געמאַכט געוואָרן דורך אַראַבישע אַרבעטער, יערלעכע און פעכטער, וועלכע האָבן, בדרך כלל, געוואוינט אין דער קאָלאָניע, אין הויף פון דעם קאָלאָ־ניסט, צייטנווייז מיט זייערע פרויען און קינדער, און אַ סך פון די דאָזיקע אַר־בעטער זענען געשטאַנען אין אינטימע פאַרבינדונגען מיט די גנבים פון זייער דאָרף אָדער שבט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט יעדע אידישע שמירה גע־קענט דורכפאַלן, צוליב די דאָזיקע אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואוינט, ווי שוין געזאָגט, אין די הויפן פון די קאָלאָניסטן, האָבן גוט געקענט יעדן איינגאַנג און אויסגאַנג און האָבן געוואוסט אין וועלכער צייט מען קען אַמבעסטן דורכפירן די גניבה. דער „השומר" האָט דעריבער געפאָדערט פון די קאָלאָניסטן בעתן שליסן אַ קאָנטראַקט וועגן דער שמירה, זיי זאָלן אַריינעמען אויך אידישע אַרבעטער, אויף וועלכע די שמירה זאָל זיך קענען שטיצן. אָן דעם דאָזיקן תנאי האָט דער „השומר" נישט אָנגענומען די שמירה. אַזוי אַרום איז די שמירה גע־וואָרן אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר ביים אַריינפירן אידישע אַרבעט אין די קאָלאָניעס. דער דאָזיקער פאַקט איז נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן, אָבער די אַרבעטער און די עלטערע קאָלאָניסטן וואָס לעבן נאָך און געדענקען יענע צייטן, ווייסן וואָס פאַראַ גרויסן ווערט דער „השומר" האָט געהאַט פאַר דער אַריינדרינגונג פון אידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס אין גליל. די אַרבעטס־

באַדינגונגען ביי די קאָלאָניסטן, פּעכטער פון יק״א און פון באַראָן, זענען געווען זייער שווערע און פאַרבונדן מיט אַ סך ליידן, און די אַרבעטער האָבן בוכשטעבלעך מקיים געווען דעם „פּת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן״.

דער אידישער אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין נייגונג צו פאַרלאָזן זיין שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ און ווערן אַ „חראת״, וואָס אַרבעט אין די באַדינגונגען פון דעם אַראַבישן אַרבעטער. דער „השומר״ האָט דעריבער געפאָדערט הילף — אין דער פאָרם פון אַ יאָר דינסט. צענטליקער חברים האָבן זיך אָפּגערופן און זענען פרייוויליק געקומען העלפן די חלוצים פון דער אידישער שמירה, און נישט נאָר פון דאָרף — אויך פון שטאָט, אויך פון ירושלים. כ׳וועל דאָ דערמאָנען בלויז איין ביישפּיל: ווען צוויי חברים אין גליל זענען דערמאָרדעט געוואָרן, האָבן עטלעכע פון די אַקטיוועסטע חברים פון ירושלים גלייך פאַרלאָזט זייער אַרבעט אין דער דרוקעריי און זיך געשטעלט צו דינסט; איינער — אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער (יצחק אחדותי) און דער צווייטער — אַלס שומר (י. נחמני). דער ערשטער געשטאָרבן אין מרחביה פון אַן עקסידענט ביי דער אַרבעט, דער צווייטער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער שמירה כל זמן דער „השומר״ האָט עקזיסטירט. דאָס וואָלט געווען אוממעגלעך ווען נישט די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון דער פּאַרטיי. פון די איבעריקע חברים וואָס זענען געקומען פון שטאָט און אַריין אין די רייען פון „השומר״, וועל איך דאָ דערמאָנען צוויי געבאָרענע אין ארץ־ישראל: חיים צפתי, אַ סטאָלער־געהילף, וואָס איז פאַריתומט געוואָרן אַלס קינד, דערצויגן געוואָרן דורך דער פּאַרטיי און זיך אָנגעשלאָסן צו די שומרים, און דער תימנער יצחק נדב, וואָס איז געווען אַקטיוו אין דער ערשטער תקופה פון „השומר״ און זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער דעראָבערונג פון מרחביה.

צוליב די פּאָליטישע באַדינגונגען פון טערקיי אין די צייטן פון עבד אל חמיד (און די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט אויך נאָךביידע רעוואָלוציעס פון „איינהייט און פּראָגרעס״ אין דער צייט פון מוחמד ראשאַד) — איז דער „השומר״ אַלע יאָרן געווען אַן „אומלעגאַלע״ אָרגאַניזאַציע. מען קען דעריבער נישט געפינען קיין ידיעות וועגן זיין טעטיקייט נישט נאָר אין דער תקופה פון דער טיראַנישער הערשאַפט (ביז דער רעוואָלוציע פון תרס״ח), נאָר אויך שפּעטער. מען קען גאָרנישט געפינען וועגן „השומר״ אין די נומערן פון „האחדות״ און „הפועל הצעיר״ (אויסער דעם פּראָגראַם פון „השומר״, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר תרס״ט. איידער ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער „האחדות״). אויף אויף דער קאָנפערענץ פון פועלי ציון האָט מען צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים וועגן דעם נישט גערעדט. און פונדעסטוועגן ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט די טערקישע מאַכט שיקאַנירט אי די פּאַרטיי און אי דעם „השומר״. אַזוי צום ביישפּיל, ווען חוסייני, דער שליח פון דזשעמאַל פּאַשאַ, האָט מיר אויסגעפאָרשט און אַרעסטירט צוזאַמען מיט בן־גוריון, האָט ער מיר אויך באַשולדיקט אין צוגעהעריקייט צו דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „השומר״, אין וועלכער די רעגירונג האָט געזען אַ פאַרבאַנד, וואָס שטרעבט אָפּצוטיילן ארץ ישראל פון טערקיי, כדי דאָרט צו שאַפן „אַ ציוניסטישע מלוכה״. — די דאָזיקע באַשולדיקונג איז געווען גלייכצייטיק קעגן דער פּאַרטיי „פועלי ציון״ און „השומר״.

5

# די רעוואָלוציע פון די „יונג־טערקן"

חול המועד פסח, תרס"ח, (אַפּריל, 1908), איז אין ראשון־לציון פאָר־געקומען אַ געהיימער פּאַרטיי־ראַט. די פּאַרטיי האָט דאַמאָלסט אי־בערגעלעבט אַ שווערן קריזיס: מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די טערקישע גע־היים־פּאָליציי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער נייער פּאַרטיי, וואָס זי האָט אַנטדעקט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. עס איז אויך געווען אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז דערין איז אויך פאַרמישט דער רוסישער קאָנסול, וואָס רייצט אָן די טערקישע רעגירונג קעגן די „רעוואָלוציאָנערן", אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן געפונען אַן אָנהאַלט פאַר זיך אין טערקיי. עס זענען געווען גענוג באַווייזן, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון רדיפות קעגן אונז. מען האָט געדאַרפט „פאַרשווינדן" פון דער אויבערפלאַך, ענדערן די אויסערלעכע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פאָרם און זיין שטאַרק פאָרזיכטיק.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט דעריבער באַשלאָסן צוצופּאַסן די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי צו די באַדינגונגען פונם פּאָליטישן רעזשים און פאַרטיפן די אַרבעט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון יפו קיין ירושלים, וואו די טערקישע פּאָליציי האָט נאָך נישט געלייגט אויף אונז קיין אַכט, און צוטרעטן צו אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט צווישן די אַר־בעטער און יוגנטלעכע פונם אַלטן ישוב: ספרדים, אשכנזים און תימנער. דער דאָזיקער באַשלוס איז אויסגעפירט געוואָרן באַלד נאָך פסח.

אין ירושלים איז די אַרבעט געגאַנגען שווער און לאַנגזאַם. מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט אינערלעכע רעפעראַטן, זיצונגען מיט גרופּן אָנ־פאַנגער, מיט טעכנישע ענינים. מיר האָבן געזען, אַז מען מוז אויסגעפינען נייע פאָרמען און מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער דערפאַרונג פון דער אונטער־גרונט־אַרבעט אין צאַרישן רוסלאַנד.

קיינעם איז דאַמאָלסט נישט איינגעפאַלן, אַז מיר שטייען אַזוי נאָענט צו דער רעוואָלוציע אין טערקיי. פאַקטיש זענען מיר דאָך געווען וויט און אָפּגעשניטן פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין די קרייזן פון די טערקישע רעוואָלוציאָנערן. יעדנפאַלס זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר זענען אַראָפּ אין אונטערגרונט אויף אַ לאַנגע צייט. און גאָר פּלוצלונג איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָבן נישט פאָראויסגעזען נישט די פּראָפעסאָר פון דער פּאָלטאַווער פּראָגראַם, פון דער העלסינגפאָרסער פּראָגראַם און נישט די פּראָ־פעסער פון דער רמלה'ער פּראָגראַם אין ארץ ישראל. די ידיעה וועגן דער רע־וואָלוציע אין טערקיי (כ"ה תמוז, תרס"ח, 6טער אויגוסט, 1908), וואָס עס האָבן געמאַכט די „יונגע טערקן" האָט אונז אַלע איבערראַשט. דאָס טערקישע פאָלק איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם אַלטן סולטאַן — עבד אל חמיד, דעם טיראַן, און געפאָדערט פון אים צו פאַרווירקלעכן די קאָנסטיטוציע, ווי ער האָט צו־

געזאָגט מיט 30 יאָר פריער. פרטים וועגן דער רעוואָלוציע זענען צו אונז נישט דערגאַנגען, ווייל קיין שום צייטונג האָט נישט געשריבן וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין טערקיי. מיר האָבן בלויז געוואוסט, אַז אין שפּיץ פון דער באַוועגונג שטייען די לייט פון „איינהייט און פּראָגרעס", וואָס זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען „די יונגע טערקן". אליעזר בן יהודה האָט געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט אין העברעאיש פאַר „קאָנסטיטוציע" און האָט נישט געפונען. ער האָט זי אַ נאָמען געגעבן „חושמ׳ה" (ראשי תיבות: „חוקת שלטון מוגבלה"), אָבער די מאַסע האָט דאָס פּשוט אָנגערופן „חירות", אין אַראַביש — „חוריה". ווען דער סולטאַן האָט געזען, אַז ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס, האָט ער קאַפּיטולירט און אונטערגעשריבן די געפאָדערטע פאַרפליכטונג, און אין עטלעכע טעג אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פרייהייטס־באַפעל. אין אַלע שטעט פון דער מדינה זענען אויסגעבראָכן מאַניפעסטאַציעס, עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, און קודם כל — אויפן אַדמיניסטראַטיוון געביט. אויך אין ירושלים איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע — די ערשטע אין משך פון דער טערקישער הערשאַפט. טויזנטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטאָטישן גאָרטן, און דאָרט אַוועק מיט דער יפו׳ער גאַס און זיך פאַרזאַמלט אויפן הויף פון דער „קישלע" (ווינטער־קאַזאַרמע) נעבן מגדל דוד. דאָס פּובליקום איז געווען געמישט, אַראַבער און אידן, אשכנזים און ספרדים, בוכאַרער און אַנדערע אָריענטאַלישע עדות. די יונגע זענען, ווי געווייינטלעך, אַרויס און געפּאָכעט מיט שווערדן און געטאַנצט, אידן און אַראַבער צוזאַמען. איך דערמאָן זיך ווי דער אַלטער יהושע ברזילי האָט געטאַנצט, אַרומגענומען מיט אַ הויכן נעגער. דער עולם האָט אַפּלאָדירט, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. אויפן הויף פון דער „קישלע" נעבן מגדל דוד האָבן געפלאַטערט פאָנען און אויך אונזער נאַציאָנאַלע ווייס־בלויע פאָן. איך באַטאָן דעם דאָזיקן פּרט, ווייל איך זע אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דעם מוט פון די בני־הישוב און די חלוצים פון דער צווייטער עליה, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די אידישע פאָן בעת דער הערשאַפט פון עבד אל חמיד, און יענע, וועלכע האָבן זי אויפגעהויבן אין 40 יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי די בעווין־רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם מאַנדאַט איבער אונזער לאַנד. בשעת חדוה האָט קיינער פון די אַראַבער און פון די טערקן קעגן דעם נישט פּראָטעסטירט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געקומען דער אמתער מאָמענט פון פרייהייט, יעדעס פאָלק אונטער זיין פאָן. אין שטאָטישן גאָרטן האָט מען געהערט רעדעס אויף ביידע שפּראַכן, אין אַראַביש און אין העברעאיש. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויף טערקיש האָט מען נישט גערעדט, און ווען מען וואָלט גערעדט אויף דער דאָזיקער שפּראַך — וואָלטן קיין סך נישט פאַרשטאַנען. זאָל אויך באַמערקט ווערן, אַז אונזער קליינע „פּועלי ציון"־פּאַרטיי איז געווען די ערשטע, און פּאַקטיש — די איינציקע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ אידישע מאַניפעסטאַציע אין דער אַלגעמיינער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט מאַרשירט אין ירושלים אין טאָג פון דער „חוריה". אין דער אידישער מאַניפעסטאַציע האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער און איך בין געווען איינער פון די רעדנער. כ׳האָב גערעדט אין נאָמען פון די אידישע אַרבעטער און פון די ירושלימער אַרבעטער בכלל. אויך אין די גאַסן פון דער אַלט־שטאָט האָבן מיר

אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אונ־זערע חברים און אַ סך פון דער ספרדישער יוגנט. אויך אין די דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יפו, זענען אונזערע חברים אויפגעטראָטן אַלס רעדנער. מיר האָבן זיך אויך באַטייליקט אין פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און אין זיצונגען וואָס זענען פאָרגעקומען שפּעטער און אויף וועלכע די אידן, די אָטאָ־מאַנישע בירגער, האָבן אויסגעקליבן בוררים צו די וואַלן פון אָטאָמאַנישן פּאַרלאַמענט. מיר האָבן זיך דערמיט נישט באַנוגנט. מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן צונויפצורופן פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, כדי זיי צו אָרגאַניזירן אין סטאַבילע פאַראיינען. אין ירושלים האָבן מיר צוזאַמען מיטן „הפועל הצעיר" צונויפגע־רופן אַ פאַרזאַמלונג מיט דער באַטייליקונג פון 400־500 אַרבעטער. מיר האָבן געפּרואווט אָרגאַניזירן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אויך אין יפו, אָבער דאָרט איז דער באַדן געווען ווייניקער צוגעגרייט פאַר פּאָליטישע פראַגן, וואָס רירן אָן דעם טערקישן לעבן, ווייל די מערהייט אשכנזישע אידן אין יפו זענען נישט געווען אָטאָמאַנישע בירגער נאָר פרעמדע, אונטערטאַנען פון אַנדערע רעגי־רונגען.

די טערקישע קאָנסטיטוציע איז געגעבן געוואָרן ווי אַ געשאַנק פון אויבן, אָן קאַמף און אָן בלוט־פאַרגיסונג. אַ סך האָבן אין דעם געזען אַ צייכן פון היימל, אָבער דערפאַרענע מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו דעם ענין מיט אַ שטאַרקן סקעפּטיציזם. און גאָר אינגיכן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך נישט געענדיקט, נאָר שטייט איצט ביים אָנהויב — דער אַלטער סולטאַן אבד אל חמיד האָט נישט געוואָלט פאַרציכטן אויף זיינע רעכט און איבערגעבן דעם פאָלק די פולע מאַכט, אָבער די „יונג טערקן" זענען נאָך פריער געווען גרייט דערצו. זיי האָבן צוגעגרייט די אַרמיי, וועלכע איז געווען דער ערשטער און אַנטשיידנדיקער כוח אין דער רעוואָלוציע, און ווען עס איז געקומען די פּאַסיקע געלעגנהייט (בערך אין אַ יאָר אַרום נאָכן פּראָקלאַמירן די „פריי־הייט"), האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן דעם אַלטן סולטאַן פון זיין טראָן און אַוועק־געזעצט אויף זיין אָרט דעם ברודער זיינעם מוחמד רישאַד (אָדער מוחמד דער פינפטער), וואָס האָט געשוואוירן צו זיין טריי דער קאָנסטיטוציע און האָט צו־געזאָגט אָפּצוגעבן די פירער פון „איינהייט און פּראָגרעס" די פולע מאַכט.

די דאָזיקע וואונדערבאַרע דערשיינונג, די טערקישע רעוואָלוציע, האָט פאַר אונז געעפנט נייע האָריזאָנטן. זי האָט אָבער אויך אַנטהאַלטן אין זיך נייע גע־פאַרן. די פּאַרטיי „איינהייט און פּראָגרעס", וואָס האָט איבערגענומען די מאַכט, איז אין גרונט געווען אַ פּאַרטיי נישט פון אמתן פּראָגרעס, נאָר קודם כל אַ נאַציאָ־נאַליסטישע טערקישע פּאַרטיי. זי האָט געשטרעבט אַרויפצולייגן אַ טערקישן שטעמפּל אויף דער גאַנצער מעכטיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וועלכע האָט דאַמאָלסט געציילט אַרום 30 מיליאָן איינוואוינער, און די טערקן זענען אין איר געווען בלויז אַ מינדערהייט. עס זענען געמאַכט געוואָרן סיסטעמאַטישע פּרואוון פון טערקיזאַציע, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַן עמפּערונג ביי די פעלקער, וואָס זענען געווען פאַרשקלאַפט אונטער טערקיי, וועלכע האָבן פריער סימפּאַ־טיזירט מיט די „יונגע טערקן", ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן זיי באַפרייען פונם יאָך פון דער דעספּאָטישער הערשאַפט. ערשט נאָכן זיג פון דער רעוואָלו־ציע זענען בולט געוואָרן די ווידערשפּרוכן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע.

נישט נאָר די קריסטלעכע פעלקער אין די באַלקאַנישע לענדער און אין אַנאַ־טאָליע האָבן געשטרעבט צו אויטאָנאָמיע און זעלבסטשטענדיקייט. נאָר אויך די נישט־טערקישע מוסולמענער האָבן אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן. אויך זיי זענען נישט געווען צופרידן מיט דעם קורצזיכטיקן נאַציאָנאַליזם פון די טערקן, וועלכע האָבן זיך באַמיט מיט גוואַלד אויפצוצווינגען דעם טערקישן כאַראַקטער אויף דער גאַנצער אימפעריע.

אין אַן אויספירלעכן אַרטיקל, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין דעם „אי־דישער אַרבעטער", אַ חודש נאָך דער רעוואָלוציע, האָב איך געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דער טערקישער רעוואָלוציע און דאָס איז זיין תמצית:

„היסטאָריש גענומען איז די דאָזיקע רעוואָלוציע ווי אַ המשך און דערגענצונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע (וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1905) און צו דער פערסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — די בײדע שכנים פון טערקיי. די יונגע טערקיי האָט זיך אַ סך געראַנגלט מיט דער טיראַניע פון די סולטאַנען ביז זי האָט דערגרייכט איר ציל. וואָס שייך דער שטרעבונג פון ציוניזם צו באַקומען אויטאָנאָמע הערשאַפט פאַרן אידישן ישוב אין ארץ ישראל, איז אין דעם פּאַראינ־טערעסירט נישט נאָר דער אידישער ישוב אין לאַנד און נישט נאָר די אידן, וואָס וואוינען אויף דער טערקישער טעריטאָריע (וואָס זייער צאָל איז אין יענער תקופה דערגאַנגען צו אַ האַלבן מיליאָן נפשות, אײנשליסלעך 80,000 אידן אין ארץ־ישראל), נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין אַלע זײנע גלות־לענדער.

די „יונגע טערקן" האָבן זיך געשטיצט אויף צוויי פאַקטאָרן: אויף דער אַרמיי און אויף די מינדערהייטן. ווען איך רעד וועגן מינדערהייטן האָב איך אין זינען נישט נאָר די קריסטלעכע — אַרמענער, גריכן א. א. וו. נאָר בעיקר די נישט־טערקישע מוסולמענער. די וויכטיקסטע אין כמות זענען די אַראַבער, וואָס ציילן אין דער אָטאָמאַנישער אימפעריע 17,000,000 נפשות, ד. ה. איבער 60% פון דער גאַנצער אָטאָמאַנישער באַפעלקערונג. מען דאַרף אויך דערמאָנען די אַל־באַנער אין רומיליע (אין טערקיש — ארנאאוטן, אין אַלבאַניש — שקיפּידאַרן) און די קורדן אין עק פון אַנאַטאָליע. די רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן, בעיקר, מיט די כוחות פון דער אַרמיי, מיט דער איניציאַטיוו פון דער יונגער שיכט פון די טערקישע פעאָדאַלן, וועלכע האָבן זיך מתיאש געווען פון דעם פאַרעלטערטן פעאָדאַלן־רעזשים און אויפגעשטאַנען קעגן אים; און מיט דער באַטייליקונג פון די „מינדערהייטן". די רעוואָלוציע האָט מיט גאָרנישט געענדערט די סאָציאַלע לאַגע, זי האָט אָבער געעפנט נייע מעגלעכקייטן פאַר די פאַרשקלאַפטע פעלקער און אונטערדריקטע שיכטן. די רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין שלוס־אַקט, נאָר אַן אָנהויב פון אַ פרייהייטס־באַוועגונג.

אין מיין אַרטיקל האָב איך ווייטער גערעדט וועגן דער אידישער באַפעל־קערונג אין די טערקישע שטעט אויסער ארץ ישראל, וועגן זייער עקאָנאָמישער וואָג — באַזונדערס אין סאַלאָניקי — און וועגן זייער פּאָליטישער גלייכגילטיקייט אומעטום אין טערקיי — אויסער אין ארץ ישראל — און איך האָב פאָרגעלייגט אויפצואוועקן דאָס טערקישע אידנטום צו פּאָליטישן אַקטיוויזם און אים צו־גרייטן צו זיין אויפגאַבע — צו זיין אַן אָנשפּאַר פאַר אונזערע ציוניסטישע שטרעבונגען אין לאַנד. כ'האָב געפאָדערט סיסטעמאַטישע אַרבעט מיטן צוועק צו דעמאָקראַטיזירן די אידישע קהילה אין טערקיי. די דאָזיקע קהילה געניסט

פאַקטיש פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זי פירט זיך אָבער נישט דעמאָקראַטיש. איצט איז געקומען דער מאָמענט צו שאַפן אַ ברייטע דעמאָקראַטישע באַוועגונג אינם טערקישן אידנטום. אַט די בײדע אויפגאַבן — צוגרייטן דאָס טערקישע אידנטום צו ציוניזם און צו דעמאָקראַטיע — האָב איך געהאַלטן אַלס ערשטע שליחות פון די ציוניסטן אין דער תקופה פון נאָך דער רעוואָלוציע.

איבערגייענדיק צום ציוניזם גופא און צו זיינע אויסזיכטן אין די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען, האָב איך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: מיט וואָס פאַרא פאָדערונגען וועט קומען דער אידישער דעפּוטאַט, אָדער די אידישע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן געוויילט ווערן צום ערשטן טערקישן פּאַרלאַמענט?

די ציוניסטישע פאָדערונג — ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן אין באַזעלער פּראָגראַם: אַ היים פאַרן אידישן פאָלק, געזיכערט דורכן עפנטלעכן געזעץ — איז נישט געווען געווענדעט צו טערקיי, נאָר צו אַנדערע רעגירונגען. איצט דאַרפן מיר זי אַוועקשטעלן ווי אַ פאָדערונג כלפי פנים. דאָ האָב איך אַנגעוויזן אויף דעם קעגנזאַץ צווישן דעם, וואָס מיר רופן היינט אַן „ענד־ציל" און דער אָפּגעריסנקייט פון ישוב אין יענער צייט. איך בין געקומען צו דער מסקנה, אַז מיר דאַרפן פריער קומען מיט פּראַקטישע פאָדערונגען, צו שאַפן דעם רעאַלן הינטערגרונט פאַר דער פאַקטישער אידישער אויטאָנאָמיע אין ארץ ישראל. מיר דאַרפן פאָדערן נישט נאָר פרייע עליה קיין ארץ־ישראל (ווען איך האָב געשריבן דעם אַרטיקל זענען פּרינציפּיעל אָראָפּגענומען געוואָרן די באַגרענעצונגען, וואָס ס'האָט איינגעפירט עבד אל חמיד), נאָר אָפּשאַפן אַלע אַנדערע שטערונגען מצד דער מאַכט פאַר ברייטער קאָלאָניזאַציע, פאַר אַנטוויקלען שטאָטישע אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן פאָדערן פאַרלייכטערונגען און הנחות פאַר דער לאַנדווירטשאַפט בכלל און פאַר דער נייער קאָלאָניזאַציע בפרט, גרינדן הילפס־אינסטיטוציעס, ווי למשל: אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַנק פאַר קאָלאָניסטן און פּויערים א. ד. גל. אונזער פליכט איז צו פאַרשטאַרקן די מוניציפּאַלע טעטיקייט און זיכערן פאַר אונז אַ פאַסיקע פּאָזיציע אין דער קרייז־אויטאָנאָמיע פון ארץ ישראל.

מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין ציוניזם. דער צענטער פון אונזער אַרבעט וועט אַריבער — אונטערן דרוק פון דער ווירקלעכקייט — אויפן מזרח... מיר מוזן קאָנצענטרירן אונזער גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט אין טערקיי, און באַזונדערס — אין ארץ ישראל. מען דאַרף אַנטוויקלען די ציוניסטישע אַרבעט צווישן אָטאָמאַנישן אידנטום — און דאָס איז די אויפגאַבע פון די ציוניסטן אין טערקיי. מען דאַרף פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג און פּאַרלאַמענט — פון איין זייט, און מיט די אידן פון גאָר דער וועלט — פון דער צווייטער זייט, כדי אויפצוואַוועקן אַלע ציוניסטישע און האַלב־ציוניסטישע געזעלשאַפטן, ווי אויך די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן ביז איצט מורא געהאַט פאַר דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פונם טערקישן רעזשים, זיי זאָלן אָנהויבן אַ ברייטע פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ ישראל און דאָרט אינוועסטירן זייער קאַפּיטאַל און איניציאַטיוו. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין דער פאַקטאָר, וואָס פירט אָן מיט די פאַרהאַנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. זי דאַרף זיין פאַקטיש די רעפּרעזענטאַנץ פון

דעם אימיגרירנדיקן און קאָלאָניזירנדיקן עלעמענט און אין זיין נאָמען פירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די אָפיציעלע אָטאָמאַנישע אינסטאַנצן.

צום סוף האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין קורצן אויף אונזערע אויפגאַבן לגבי דעם טערקישן אידנטום. אונזער ציל איז — צו אָרגאַניזירן די אידישע מאַסע אין טערקיי לטובת אונזערע נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן; דעמאָקראַטיזירן די אינסטיטוציעס פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פאַרשטאַרקן די כוחות פון דעם ישוב דורך אַ צופלוס פון נייע עלעמענטן, וועלכע זאָלן אריינשטראָמען אין לאַנד אַריין דורך עליה און קאָלאָניזאַציע. — דאָס איז דער תמצית פון מיין אַרטיקל.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער זענען די ענינים נישט געווען אַזוי גלאַט און נישט אַלע נבואות און פאַרלאַנגען זיינען מקוים געוואָרן. אמת, די ברוזיונג צווישן די אַראַבער און קורדן אין אַראַביסטאַן און קורדיסטאַן איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, דאָס זעלבע אין די איבעריקע מזרח־ראַיאָנען און אויך אין די מערבדיקע טיילן פון דער טערקישער הערשאַפט: צווישן די מאַקעדאָנער און אַלבאַניער. גלייכצייטיק איז געשטיגן דער פאַרדאַכט פון דער טערקישער מאַכט כלפּי דעם ציוניזם, וואָס שטרעבט צו שאַפן אַ היימלאַנד פאַרן אידישן פאָלק אינם דאָזיקן טייל פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. אַ גרויסן חלק אין דער פאַרטיפונג פון די טערקישע חששות האָבן געהאַט געוויסע לאָקאַלע קריסטן: זיי זענען געשפּרונגען בראש און אומאויפהערלעך זיך באַמיט אויפצורייצן די טערקישע הערשער קעגן דעם ציוניזם און קעגן אידן בכלל.

טראָץ דער שוואַכקייט פונם אידישן ישוב אין ארץ ישראל אין יענער צייט, האָבן מיר געשפּירט, אַז די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען פאַרפליכטן אונז צו אַ נייער טעטיקייט: מיר האָבן געזוכט פאַרבינדעטע צווישן דעם אָטאָמאַנישן אידנטום אויסער די גרענעצן פון ארץ ישראל; און אַלס ארבעטער — האָבן מיר געזוכט וועגן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין די גרויסע שטעט פון דער אייראָפּעאישער טערקיי. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געפּרוואווט אויסצונוצן די מעגלעכקייטן, וואָס דער נייער רעזשים האָט פאַר אונז געעפנט, מעגלעכקייטן פאַר עקאָנאָמישן, קולטורעלן און פּאָליטישן פאַרשריט.

אין די טעג פון י׳־י״ב אב, תרס״ח (7־9 אויגוסט, 1908), איז אין ירושלים זיך צונויפגעקומען אַ ספּעציעלע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט, אויסער די חברים פון ירושלים, אויך די חברה רחל, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, און די חברים ק. מרמר און י. ראַזאָווסקי פון אמעריקע, ווי אויך צלאל פון מצרים. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן: א. אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכע אַרבעטער־ציטונג אין העברעאיש; ב. גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „אחדות״, וואָס זאָל אַרויסגעבן די צייטונג, און ווען מען דאַרף — אויך בראַשורן; ג. דער גרונט־קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט איז 6,000 פראַנק, וואָס וועט אריינקומען פון אַקציעס־פאַרקויף. יעדע אַקציע קאָסט 50 פראַנק. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אָנפירן מיט אַלע ענינים פון פאַרלאַג אונטערן נאָמען „פאַרלאַג־קאָמיסיע אחדות״. דער סדר־היום פון דער באַראַטונג האָט אַנטהאַלטן אַ באַריכט פון צענטראַל קאָמיטעט, אַ באַריכט פון דער „אחדות״־קאָמיסיע, דעבאַטן און אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „אונזער באַציאונג צום טער־

קישן פּאַרלאַמענט און אונזערע לאָזונגען". אויסער דעם — אונזער באַציאונג צו די אידישע און נישט־אידישע פּאַרטייען אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע; אונזער פּראָגראַם אינם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין; אונזער אַגראַר־פּראָגראַם.

דאָס איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער אידישער צוזאַמענפאָר אין ארץ ישראל, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם גורל פון ציוניזם אין ליכט פון דער נייער פּאָליטישער לאַגע. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שרעקלעך בילד פון אונזער פּאָ־ליטישער שוואַכקייט. די רעוואָלוציע האָט אַריבערגעפירט דעם צענטער פון דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די אויסלענדישע בירגער — אויף די טערקישע בירגער. און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו אין ירושלים, וואו די אידן האָבן שוין דאַמאָלסט אויסגעמאַכט בערך צוויי דריטל פון די איינוואוינער, האָט בלויז איין דריטל וואַל־רעכט צום פּאַרלאַמענט. און אויב אַזוי איז געווען די לאַגע אינם אידישן ישוב בכלל, איז די לאַגע ביי די אידישע אַרבעטער פונם נייעם ישוב געווען נאָך אַן ערגערע. די חברים פון „פועלי ציון" זענען, פאַרשטייט זיך, געווען, כמעט אַלע אויסלענדישע אונטערטאַנען, אָדער „נעלמים" (באַהאַלטענע) מענטשן, וואָס האָבן איבערהויפּט נישט קיין פּאַספּאָרטן און זענען דעריבער נישט רע־גיסטרירט. אויך די ווינציקע פון די הי־געבאָרענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונזערע רייען, זענען על פּי־רוב געווען אינגער פון 25 יאָר און האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט. מיר האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין אויסזיכטן דירעקט משפיע צו זיין אויף די וואַלן און האָבן געמוזט פּרואוון זיי באַווירקן אומדירעקט דורך פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן, דורך דיסקוסיעס און עפנטלעכער אויפקלערונגס־אַרבעט. מען האָט געדאַרפט אויפקלערן די אידישע ווילער, וואָס איז אונזער פּראָגראַם און וואָס זענען אונזערע צילן, וואָס זענען אונזערע באַריר־פּונקטן מיט די איבעריקע אידן פון דער אָטאָמאַנישער אימ־פּעריע, מיט די פאַרשקלאַפטע פעלקער, מיטן פאָלק וואָס רעגירט אין דער אימ־פּעריע; בקיצור — געפינען אַן אָפּקלאַנג פאַר אונזער זאַך ביי די טערקן, ביי די אַראַבער און ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אינם באַריכט וואָס איך האָב דערלאַנגט צו דער פינפטער קאָנפערענץ, האָב איך אויספירלעך געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון דער פּאַרטיי. אין רוס־לאַנד איז זי אונטערדריקט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג און אין אַמעריקע איז זי נאָך געווען אין די ווינדעלעך. די טערקישע רעוואָלוציע וואָס איז פאָרגעקומען, זומער, תרס"ח, האָט פאַר אונז געעפנט נייע האָריזאָנטן. אין די צירקולאַרן נומער 6 און נומער 7 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט ברייט אויפ־געקלערט די היסטאָרישע געשעעניש. פאַר דער קאָנפערענץ איז געבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג — מיט דער איניציאַטיוו פון חברים פון ירושלים און יפו — ענערגיש צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ שטענדיקע אַרבעטער־צייטונג און פאַר דעם צוועק צו גרינדן אַן אַקציע־געזעלשאַפט. דאַמאָלסט איז אויסגעקליבן גע־וואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר דעם ענין, ווי מיר האָבן פריער שוין דער־ציילט.

די פינפטע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין יפו, אין סוכות, תרס"ט (אָקטאָבער, 1908), האָט אַריינגעבראַכט אַ גרינטלעכע ענ־דערונג אין דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דער פּאַרטיי, באַשטימנדיק דריי באַזונדערע ראַיאָנען: א. ירושלים, ב. יפו און די קאָלאָניעס,

ג. דעם גליל. מען האָט באַשלאָסן, אַז די אָרגאַניזיר־און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט זאָל יעדער ראַיאָן פירן זעלבסטשטענדיק. די פּאַרטיי איז אָבער געבליבן גאַנץ און איינהייטלעך. אין איר שפּיץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ צענט־ראַל־קאָמיטעט (עקזעקוטיווע), וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די ראַיאָנען, און באַזונדערס מיט די פּאַרטייען אין חוץ לאָרץ, צו פירן די פינאַנציעלע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי און צונויפרופן די קאָנ־פערענצן.

אין דער עקזעקוטיווע זענען געווילט געוואָרן צוויי חברים — זאב אשור און נחום אלקושי, וועלכע האָבן געדאַרפט צוגרייטן די וועלט־קאָנפערענץ אין ארץ ישראל און שפּעטער — דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די דעלעגאַטן. אלקושי איז אָבער נישט געבליבן אין ירושלים; זאב אשור האָט געפירט די עקזעקוטיווע עטלעכע חדשים און שפּעטער זענען צוקאָאָפּטירט געוואָרן, אויפן סמך פון אַ רעפערענדום, נאָך צוויי מיטגלידער: איך און רחל ינאית.

די אויסגעווילטע עקזעקוטיווע איז צווישן אַנדערן באַאויפטראַגט געוואָרן: צונויפצורופן די קאָנפערענץ פונם וועלט־פאַרבאַנד „פועלי ציון" אין ארץ ישראל אין משך פון 4־6 חדשים און פאַר דעם — אָפּצוהאַלטן אַ באַראַטונג פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן, און נאָך דער קאָנפערענץ — צונויפרופן דעם אַלגעמיינעם דעלעגאַטן־ראַט פון דער פּאַרטיי אין לאַנד.

די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט די אַקציען־געזעלשאַפט „אחדות" און האָט אויסגעווילט אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון 4 חברים, וואָס זאָל פאַרזעצן און פאַרענדיקן די אַרבעט אַרום דעם אַרויסגעבן אַ העברעאישע צייטונג.

# 6

# די צווייטע וועלט־קאָנפֿערענץ

צוויי וויכטיקע ענינים זענען באַשלאָסן געוואָרן אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון די פּועלי ציון (קראָקע, דעצעמבער, 1909): א. דער פּאָזיטיווער באַשלוס וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע לויט אָפּענהיימערס פֿאָרשלאַג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג, איז צוגעגרייט געוואָרן צוערשט אויף דער אַלוועלטלעכער פּועלי ציון־קאָנפֿערענץ; ב. דער באַשלוס וועגן גרינדן דעם קפּא״י (פּאַלעסטינע אַרבעטער־פֿאָנד). איך בין זיכער, אַז דער געדאַנק פֿון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, וועלכן אָפּענהיימער האָט פֿאָרגעלייגט, וואָלט קיינמאָל נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען נישט די ענטוזיאַסטישע אונטערשטיצונג פֿון די עסטרייכישע פּועלי ציון מיט די חברים נתן גראָס און שלמה קאַפּלאַנסקי בראש.

אויף דער קאָנפֿערענץ האָט קאַפּלאַנסקי רעפֿערירט אָפּענהיימערס פּראָיעקט. די חברים פֿון רוסלאַנד זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּראָיעקט צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון — צוליב דער מורא טאָמער איז עס אַן אָפּווייכונג פֿון דעם ריינעם מאַרקסיזם. דר. נחמן סירקין האָט דעם געדאַנק אונטערשטיצט. די לאַגע פֿון די ארץ־ישראלדיקע פּועלי ציון איז געווען זייער אַ „דעליקאַטע״: פֿון איין זייט, זענען זיי נאָך געווען פֿאַרבונדן מיטן גאַנצן מאַרקסיסטישן סיסטעם, וועלכן עס האָבן פּראָפּאַגירט באָראָכאָוו און זיינע חברים. מיר זענען נישט געווען גרייט אָנצושליסן זיך צו דער אידעאָלאָגישער אויפֿפֿאַסונג פֿון די עסטרייכישע חברים. פֿון דער צווייטער זייט — האָבן מיר זיך נישט געקענט רעכענען בלויז מיט אידעאָלאָגישע מאָטיוון. די פֿראַגע פֿון קאָלאָניזאַציע איז פֿאַר אונז געווען נישט קיין טעאָרעטישער ענין, נאָר אַ לעבנס־פֿראַגע. דערוועגן דאָס לאַנד האָט ביי אונז געהייסן קודם כל אַריינדרינגען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און שאַפֿן אַ אידישן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קלאַס. די פֿראַגע פֿון עקזיסטענץ פֿאַרן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אַרבעטער האָט ביז איצט נישט געפֿונען איר לעזונג בלויז דורך פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געפּרוּווט גרינדן אין לאַנד אינסטיטוציעס פֿאַר זעלבסט־הילף, ווי למשל: אַרבעטער־קיכן, ליי־קאַסעס, קראַנקן־קאַסעס, הילפֿסווירטשאַפֿטן וכדומה, אָבער די אַלע זענען געווען נישט מערער ווי פּאַליאַטיוון, וועלכע האָבן טאַקע געקענט פֿאַרלייכטערן די לאַגע, אָבער נישט לייזן די פֿראַגע פֿון דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אַרבעטער. פֿון מאָל צו מאָל זענען אויסגעבראָכן שווערע קריזיסן, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו, אַז אידישע אַרבעטער האָבן פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף און אפֿילו דאָס לאַנד.

עס האָבן זיך געפֿונען איינצלנע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן די לאַנדווירטשאַפֿט און עס איז זיי געלונגען ביי אַ געלעגנהייט צו באַקומען באָדן אין אַרענדע פֿון דער יק״א אָדער פֿון דעם באַראָנס באַאַמטע. מיר האָבן

אָבער נישט געזוכט אין דער איינאָרדענונג פונם פּרט אַ לייזונג פאַרן כלל, און מיר זענען אפילו קעגן דעם עצם סיסטעם פון דער באַאַמטן־הערשאַפט — דעם סיסטעם פון קאָלאָניזאַציע דורך פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

נאָך אין דער ערשטער תקופה האָבן מיר זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו פּראָפּעסיאָנעלער און פּאַרטייאישער אַרבעט און מיר האָבן געפּרוּווט אויפֿשטעלן אויך קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען, און קודם כל — אויפן געביט פון קאָאָפּעראַטיווער קאָנסומפּציע. די קאָמונע פון די שטיינער־האַקער אין ירושלים איז געווען איינער פון די ערשטע פּרוּוון פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. איך וועל דערמאָנען דעם קאָלעקטיוו אין סעדזשערא, (אַ פאַרם, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון א. קראוזע) און די ערשטע קבוצות, וואָס האָבן אָנגענומען באַשטימטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און האָבן אויך געמיינזאַם איינגעקויפט זייערע באַדאַרף־אַרטיקלען — די קבוצות אין כנרת, אום־דזשוני, מרחביה, דער קאָלעקטיוו „העבודה" און „החורש". צו קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע זענען מיר אָבער דערגאַנגען ערשט שפּעטער, ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און זי איז אונטערשטיצט געוואָרן דורך דעם ביוראָ פון פועלי ציון מיט דער פאַרמיטלונג פון קפא"י.

איך דערלויב מיר ציטירן דאָ אויסצוגן פון אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין אַ יאָר אַרום נאָך דער קאָנפערענץ א. ד. ט. „די פראַגן פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע" (האחדות, י"א תמוז, תרע"א):

„...פון איין זייט איז ער געקומען אויפן זינען (דער ענין פון אַ קאָלעקטיוון ישוב) דעם וויסנשאַפטלער אָפּענהיימער, אַלס טעאָרעטישער געדאַנק, ווי אַ רינגעלע אין אַ גאַנצער סאָציאָלאָגישער קייט אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט דער אידישערווירקלעכקייט בפרט. פון דער צווייטער זייט, האָט דער דאָזיקער געדאַנק וועגן אַ קאָלעקטיוון ישוב אָנגעהויבן זיך צו פאַרשפּרייטן צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן דערוואָרבן אַ געוויסע קאָלאָניזאַטאָרישע דערפאַרונג אין משך פון עטלעכע יאָר און האָבן פאַקטיש געשאַפן נייע פאָרמען, ווי למשל: די אַרבעטער־קבוצות, וואָס זענען זעלבסטשטענדיק און פאַכטן געמיינזאַם ערד פון דעם נאַציאָנאַלן פאָנד (קרן קיימת לישראל). איצט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די ביידע עלעמענטן, דער אַבסטראַקטער געדאַנק, וואָס איז געקומען פון דרויסן, און די פּראַקטישע באַוועגונג, וועלכע האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס געשלאָגן וואָרצלען אינעם באָדן פון אונזער לאַנד, און זיי שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן. די נאָענטע צוקונפט וועט באַווייזן אויף וויפל מען קען זיי צונויפגיסן.

„פאַרשטייט זיך, אַז דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע עלעמענטן, דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן עלעמענט, האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דעם אופן, וויאַזוי די דאָזיקע פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן. אין חוץ לארץ האָט מען באַהאַנדלט בלויז די פּרינציפּיעלע יסודות פון אָפּענהיימערס סיסטעם. אַרום דער אַקס האָבן זיך געדרייט אַלע דיסקוסיעס — אין דער פּרעסע פון פועלי ציון, ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן און ביי די אומפּאַרטייאישע. די פּראַקטישע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער רעאַליזירונג פון דעם סיסטעם

— זענען אָוועקגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט. אין ארץ ישראל איז געווען פאַר־קערט: מען האָט איבערגעהיפּט די טעאָריע און זיך אָנגעכאַפּט אין דער פּראַק־טישער זייט פון פּראָיעקט".

אין המשך פון מיין אַרטיקל קלער איך אויף די דריי קאַטעגאָריעס פון „קבוצות" (קאָאָפּעראַטיוון), וואָס עקזיסטירן אין ארץ ישראל, וואָס זענען מיינסטנס געגרינדעט געוואָרן נאָך איידער אָפּענהיימער איז געקומען מיט זיין פאָרשלאָג. צו דער „עלעמענטאַרער" קאַטעגאָריע געהערן די קאָנסום־פאַראיינען, וועלכע קויפן איין געמיינזאַם און באַפרידיקן די עלעמענטאַרע באַ־דערפענישן פון זייערע חברים, ווי למשל: אַ דירה, שפּייז און אַלץ, וואָס מען דאַרף פאַר דער הויז־ווירטשאַפט. ביי זיי אַלע איז גילטיק דער פּרינציפּ פון „אַלע האָבן איין טייסטער", דאַקעגן די אַרבעט איז נישט קיין געמיינזאַמע. די מיטגלידער פון דער קבוצה אַרבעטן אין פאַרשיידענע פלעצער, ביי פּריוואַטע אַרבעטס־געבער אָדער אין עפנטלעכע אונטערנעמונגען, און באַקומען אַ פאַר־שידענעם לוין. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערט די קבוצה אין חדרה, איידער זי איז אַריבער קיין אום־דזשוני; די קבוצה „העבודה" מיט אירע קיכן וואָס האָבן עקזיסטירט אין צוויי ערטער (אין יאָר תר"ע) און אויך שטאָ־טישע קבוצות, וואָס האָבן זיך געגרינדעט פאַר דער קבוצה אין דער קאָלאָניע, ווי, למשל: די קבוצה פון די שטיין־האַקער אין ירושלים (אין די יאָרן (תרס"ו־תרס"ז).

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די קבוצות, וואָס נעמען אָן געמיינ־זאַם אַרבעט. צייטנוייז פירן זיי אויך אַ געמיינזאַמע ווירטשאַפט, אָבער נישט שטענדיק. אייגנאַרטיק פאַר זיי איז די געמיינזאַמע אונטערנעמערישע אַרבעט אין שטאָט אָדער אויפן דאָרף. קבוצות פון דער קאַטעגאָריע, סיי אין שטאָט און סיי אויפן דאָרף, האָבן נישט קיין סטאַבילן צוזאַמענשטעל פון חברים. זיי נעמען אָן געמיינזאַם אַרבעט און דער אַרבעטס־לוין גייט אַריין אין דער קאַסע פון דער קבוצה, פון וועלכער יעדער מיטגליד באַקומט זיין לוין. אַ ביישפּיל פאַר אַזאַ קבוצה אין שטאָט זענען די אַרבעטער־גרופּן, וועלכע טוען שוואַרצע אַרבעט פון צו־גרייטן באָדן, אויסרייסן גראָז אַרום דיביימער א. א. וו. דער אונטערשייד צווישן די שטאָטישע קבוצות און צווישן די זעלבע קבוצות אין די קאָלאָניעס באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע עקזיסטירן בלויז פאַר קעגנווערטיקע צוועקן, דאַקעגן די דאָרפישע קבוצות זענען וויכטיק פאַרן צוועק פון הכשרה אין דער צוקונפט.

ס'איז אָבער דאָ אין לאַנד אויך אַ דריטע קאַטעגאָריע פון קבוצות, דאָס זענען קבוצות פאַר קאָלאָניזאַציע. זיי פאַכטן באָדן פון קרן קיימת, כדי צו באַאַרבעטן אים אונטער געוויסע באַדינגונגען. די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קבוצה באַקומען אויף אייגענער אחריות לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר און אַר־בעטס־לוין פאַר זייער עקזיסטענץ, און אויב דאָס יאָר ענדיקט זיך מיט פּראָפיט, באַטייליקן זיי זיך אין די פאַרדינסטן. אַזעלכע קבוצות זענען געווען צוויי — אין אום־דזשוני און אין מרחביה (נאָך פאַר אָפּענהיימערס עקספּערימענט). און אָט איצט, ווען מיר שטייען פאַר אַ נייעם און וויטגייענדיקן פאָרשלאָג צו גרינדן אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, וואָס זאָל זיין פריי פון יאָך פון באַאַמטע און פון פילאַנטראָפּיע, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דער דעמאָקראַטישער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונזער פליכט צו שטיצן דעם דאָזיקן פאָר־

שלאָג אָן וועלכער עס איז וואַקלעניש. און אַזוי האָב איך קלאָר דערקלערט די דאָזיקע שטעלונג אין נאָמען פון פּועלי ציון אין ארץ־ישראל אין מיין רעדע אויפן האַמבורגער קאָנגרעס. די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, מיט נחמן סירקין אין שפּיץ, האָט הייס געשטיצט דעם געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און אַזוי אַרום האָבן מיר אַנטשידן די פראַגע אין דער פּאַרטיי קעגן דער שטע־לונג פון אונזערע חברים אין רוסלאַנד און דורכדעם צוגעגרייט דעם באָדן אויך אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. איך דאַרף ווידער באַטאָנען די ראָל פון חבר ש. קאַפּלאַנסקי, וועלכער איז געווען דער חלוץ פון געדאַנק וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין אונזערע רייען. אויפן 9טן קאָנגרעס אין האַמבורג איז מיט דער אונטערשטיצונג פון אונזערע חברים אָנגענומען געוואָרן אָפּענהיימערס פּראָיעקט אַלס איינער פון די אָנגענומענע סיסטעמען פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. ביי דער רעאַליזירונג פון דעם פּראָיעקט האָבן אונזערע חברים געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע און פון אונזערע רייען זענען אַרויס די חלוצים פון קאָאָפּעראַטיוו מרחביה.

וואָס שייך דעם צווייטן ענין — דעם אַרבעטער־פאָנד — דער דאָזיקער געדאַנק איז געבאָרן געוואָרן נאָך אין די ערשטע טעג פון דער באַוועגונג, ווען מיר האָבן באַשלאָסן וועגן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער וועלט־באַוועגונג.

די ערשטע האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אויסגעדריקט די חברה רחל ינאית, נאָך פאַר דער ערשטער קאָנפערענץ אין האַאַג. זי האָט דאַמאָלסט פאַרעפנט־לעכט אין רוסלאַנד אַן אַרטיקל א. ד. ט. „פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי ציון" (אין אידיש, מיט דער אונטערשריפט רחל גאָלדין) און צווישן אַנ־דערן האָט זי געשריבן:

„די שטייגנדיקע עליה (קיין ארץ ישראל) שטעלט אַוועק פאַר דער אַל־וועלטלעכער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע (פּועלי ציון) נייע אויפגאַבן... נאָך אין די גלות־לענדער. צו דעם צוועק דאַרף זי (די אָרגאַניזאַציע, ד. ה.: דער וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי ציון) גרינדן דאָ, אין גלות, אַ ריי אינסטיטוציעס, ווי, למשל: פאַרשיידענע אַרבעטס־ביוראָס, כדי צו געבן די עולים נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל. אויפן פינאַנ־ציעלן געביט דאַרף זי (דער פאַרבאַנד) שאַפן אַ פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, וואָס זאָל אונטערשטיצן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען טעטיק אין ארץ ישראל גופא, ווי אויך — אויפן וועג קיין ארץ ישראל".

די דאָזיקע ווערטער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זומער, תרס"ח (1907), אין „פאָרווערטס", נר. 3.

דער געדאַנק איז אָבער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן נאָר ערשט אין דריי יאָר אַרום נאָך דעם פאַרעפנטלעכטן אַרטיקל, אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין תר"ע, וואו ער איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אָבער ווען די פּועלי ציון האָבן אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראַגע אויף די אַלגעמיינע קאָנפערענצן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט אַ טייל פון די אַרבעטער אַרויסגעוויזן אַ קעגנערשאַפט צו אַן אַרבעטער־פאָנד. די קעגנערשאַפט איז געקומען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, מצד די חברים, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין „הפועל הצעיר". די הויפּט־טענה קעגן דעם דאָזיקן פאָנד איז געווען, אַז ער איז געשאַפן געוואָרן דורך די אַרבעטער אין חוץ

לארץ לטובת די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און ער שמעקט מיט פילאַנטראָפּיע אָדער „חלוקה", און דעריבער דאַרף מען בלויז צוליב דעם אַליין אָפּוואַרפן אים מיט ביידע הענט. צווייטנס, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער וועט די פּאַרטיי, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פונם פאַנד־געדאַנק, אים אויסנוצן פאַר פּאַרטייאישע צוועקן, כדי צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי... זיי האָבן אויך געטענה׳ט, אַז היות, ווי דער פאַנד שטייט אין רשות פון דער גאַנצער ארץ ישראלדיקער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז אין אים פאַראינטערעסירט, דאַרף מען דעריבער אויפמאַנען די געלטער בלויז פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל. דערויף האָבן אונזערע חברים געענטפערט: דאָס איז ניט קיין פילאַנטראָפּי־שער פאָנד; די חברים אין חוץ־לארץ זענען לגבי ארץ ישראל שותפים מיט די חברים אין לאַנד; דער פאַנד איז נויטיק פאַר די חברים, וואָס דאַרפן עולה־זיין נישט ווייניקער, ווי פאַר די, וואָס האָבן שוין עולה געווען. פון דער צווייטער זייט, האָבן די פועלי ציון אין ארץ ישראל מסכים געווען דערצו, אַז די העכסטע פאַרוואַלטונג מיטן פאַנד דאַרף זיין אין די הענט פונם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל און זיי האָבן צוגעזאָגט צו קעמפן דערפאַר אינם וועלט־פאַרבאַנד.

די דאָזיקע מיינונג איז נישט אַזוי לייכט און נישט מיט אַמאָל אָנגענומען געוואָרן ביי די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער. דער באַשלוס פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ צוויי־זייטיקער, אָבער די פועלי ציון האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן און דערווייל אָנגעהויבן פּראַקטישע אַרבעט. פּאַק־טיש איז טאַקע געווען אַ פולשטענדיקע קעגנזייטיקייט אין דער אַרבעט פון דער קפּא״י־לייטונג און די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, סיי אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין די שטעט, און סיי אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין יהודה און אין גליל. די קעגנזייטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן אויס־ברוך פון דער מלחמה און איז שטאַרקער געוואָרן באַזונדערס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין לאַנד איז געוואָרן פּראָקלאַמירט אויסנאַמסצושטאַנד. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות, איז דער פאַנד אַריבער אין איר רשות און איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער ראַם פון אירע פונקציעס.

***

און אָט איז אַן אויסצוג פונם באַריכט, פון דער ארץ־ישראל׳דיקער דעלע־גאַציע פון פועלי ציון פון דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי. דער באַריכט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַלד נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ:

...„אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער וועלט־קאָנפערענץ איז דאָס, וואָס ארץ ישראל האָט אויף איר פאַרנומען אַן אַנטשיידנדיקן פּלאַץ. מען קען דערפון לערנען וועגן דער פאַרשטאַרקטער פאַראינטערעסירונג מיט ארץ ישראל ביי אונזערע ברידער אין חוץ לארץ. אָבער, צום באַדויערן, נישט אַלע רעזאָלוציעס אירע קענען פאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן איינדרוק. טראָץ דעם אַלעם איז קיין צוויפל נישט, אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אונז עפּעס געגעבן פאַר ארץ ישראל. און דאָס „עפּעס" איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט: די באַ־שטעטיקונג פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־פאַנד, ווי אויך דער באַשלוס וועגן גרינדן אַן אַרבעטס־ביוראָ אין ארץ־ישראל. די פאַרשטייערשאַפט פון ארץ־

ישראל האָט זיך געלאָזט שפּירן אומעטום. אויסער די באַריכטן האָבן די דעלע־גאַטן פון ארץ ישראל געהאַלטן דריי רעפעראַטן:

א. וועגן דעם אָטאָמאַנישן אַרבעטער און אידישן אַרבעטער אין טערקיי און אין ארץ ישראל.

ב. וועגן דער אַגראַר־פראַגע אין ארץ־ישראל.

ג. וועגן דער פּאָליטישער אַרבעט.

די ארץ־ישראלדיקע דעלעגאַציע איז געווען רעפּרעזענטירט אין פּרע־זידיום און כמעט אין אַלע קאָמיסיעס. באַלד נאָך אונזער אָנקומען האָט דער חבר א. (אבנר) אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין ארץ ישראל, וועגן דער תקופה, וואָס איז אַריבער פון דער ערשטער ביז דער צווייטער קאָנפערענץ (פון אלול, תרס״ז ביז כסלו, תרס״ט) און וועגן דער לאַגע פון אידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל.

לעבהאַפטע דעבאַטן האָט אַרויסגערופן די פראַגע בנוגע די רעכט פון וועלט־פאַרבאַנד אָנצונעמען אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן. די רוסישע חברים האָבן פאַרטיידיקט די מיינונג, לויט וועלכער די באַשלוסן פונם פאַרבאַנד, אפילו ווען זיי ווערן אָנגענומען מיט אַ מערהייט, קענען נישט בינדן אַ לאַנד־פאַרטיי, וואָס זעט אין זיי אַ ווידערשפּרוך צו אירע פּרינציפּן. דאַקעגן האָבן די אַנדערע פּאַרטייען (פון עסטרייך און אמעריקע) אויסגעדריקט די קעגנגעזעצטע מיינונג: אַז די באַשלוסן אויף די וועלט־קאָנפערענצן פונם פאַרבאַנד פאַרפליכטן אַלע לאַנד־פּאַרטייען. מיר, די ארץ ישראלדיקע, האָבן אָנגענומען אַ פשרה׳דיקע שטעלונג, אונטערשיידנדיק צווישן אויסערלעכע און לאָקאַלע ענינים: אַלע לאָקאַלע ענינים געהערן צו דער קאָמפּעטענץ און אַנטשיידונג פון דער לאַנד־פּאַרטיי; דאַקעגן וואָס שייך אַלגעמיינע ענינים (ציוניסטישער קאָנגרעס, סאָציאַליסטישער קאָנגרעס) — זיינען די באַשלוסן פון דער וועלט־קאָנפערענץ אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע לענדער. אונזער מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן און דערביי איז געפונען געוואָרן אַ בכבודיקער אויסוועג פאַר דער רוסישער פּאַרטיי. פון איצט אָן וועט די אָפּשטימונג זיין, אין געוויינלעכע פראַגן — מיט אַ נאָרמאַלער מערהייט, אין אויסנאַמס־פראַגן — לויט די לענדער.

נאָך די רעפעראַטן וועגן די אַרבעטער אין טערקיי און אין ארץ ישראל און וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, האָבן מיר פאָרגעלייגט עטלעכע רעזאָלוציעס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען.

און אָט זענען די פּאָליטישע רעזאָלוציעס וועגן דער לאַגע אין טערקיי:

„די צווייטע קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַר־באַנד פּועלי ציון, באַגריסט דעם קאַמף פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין טערקיי קעגן דער רעאַקציע פון דער מאָנאַרכיע און קעגן די שאָוויניסטישע און צענט־ראַליסטישע טענדענצן פון געוויסע עלעמענטן אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים.

„די קאָנפערענץ דריקט אויס איר פרייד און פולע סאַטיספאַקציע צוליב דער גרינדונג פון די ערשטע אָרגאַניזירטע קעמערלעך פון אָטאָמאַנישן פּראָלע־טאַריאַט. אַלס רעפּרעזענטאַנץ פון אַלוועלטלעכן אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיינע וויכטיקע אינטערעסן און צוקונפט מיט דער לאַגע פון די איבעריקע אָטאָמאַנישע פעלקער, שטרעבט די קאָנפערענץ צו אַן אינטער־נאַציאָנאַלן פרידלעכן בונד מיט די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן אין דער טער־

קישער אימפעריע און פאָדערט אויף די חברים צו העלפן מיט וואָס זיי קענען ביים אָרגאַניזירן דעם טערקישן פּראָלעטאַריאַט און די אונטערדריקטע פעלקער".

וועגן דער אַגראַר פראַגע האָט רעפערירט די חברה רחל, וועלכע האָט פאַר־ענדיקט איר רעפעראַט מיט פאָרשלאַגן בנוגע דעם אידישן אַרבעטער אין דער אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט (פּלאַנטאַציעס). די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען איר פאָרשלאַג. נאָך איר האָט רעפערירט חבר ש. קאַפּלאַנסקי וועגן אָפּענהיימערס פּראָיעקט — צו גרינדן געזעלשאַפטן פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. זיין רעפעראַט האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דיסקוסיע ביי די רוסישע חברים, וועלכע האָבן כמעט אַלע פּרינציפּיעל נעגירט אָפּענהיימערס פּלאַן. אויך אין דער פראַגע האָבן אונזערע רעדנער געהאַט אַ באַזונדערע שטעלונג. זיי האָבן נישט אָנגענומען די אַלגעמיינע טעאָריע פון אָפּענהיימערן, זיי האָבן אָבער זי געשטיצט אַלס גע־וואונטשענער עקספּערימענט, וועלכער, הגם, ער ברענגט נישט קיין לעזונג פאַר דער פראַגע פון אַרבעטער, איז ער דאָך אַ וויכטיקער בייטראַג פאַר דער פראַגע פון קאָלאָניזאַציע. אין דעם פּונקט האָבן אונז אונטערשטיצט די חברים פון עסטרייך און פון אַמעריקע מיט נחמן סירקין בראש, און אין דעם גייסט איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. אי־בער די אַנדערע פראַגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַבסטראַקטע דיסקוסיעס, ווי למשל: די פראַגע פון עמיגראַציע, באַציאונג צום קאָנגרעס און אַנדערע, וועלן מיר זיך דאָ באַזונדערס נישט אָפּשטעלן.

דער באַריכט וועגן דער צייטונג „האחדות" איז פּאָזיטיוו אָנגענומען געוואָרן, אָבער חוץ די אַמעריקאַנער חברים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו שיקן 400 דאָלער, און אַ טייל דערפון שוין געשיקט, איז אויף דער קאָנפערענץ נישט געוועזן קיין גענוגנדיקע ממשותדיקע שטיצע פאַר אונזער צייטונג.

די אויפגאַבע פון קפא"י האָט די קאָנפערענץ פאָרמולירט ווי פאָלגנדיק:

„די אויפגאַבע פון קפא"י איז — צו פאַרלייכטערן די עליה און איינוואָרצ־לונג פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל און אין די נאָענטע לענדער און העלפן זיי עקאָנאָמיש זיך פאַרפונדעווען".

גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו דער פראַקטישער אַרבעט אין לאַנד ערשט נאָך דעם, ווי עס וועט געזאַמלט ווערן אַ סומע פון 1,000 עסט־רייכישע קראָן. די דאָזיקע סומע איז טאַקע גלייך געזאַמלט געוואָרן, אָבער די ביוראָ פון פאַרבאַנד און איניקע לאַנד־באַראַטונגען פון די פּאַרטייען האָבן גע־פאָדערט נישט אָנצוהויבן קיין פראַקטישע אַרבעט ביז ס'וועט געזאַמלט ווערן די מינימאַלע סומע פון 6,000 פראַנק. צוליב דעם איז די פּראַקטישע אַרבעט אָפּגע־לייגט געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט. אין באַריכט, וואָס דער חבר וואַכמאַן האָט אָפּגעגעבן אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ, האָט ער געמאָלדן, אַז עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון 7924 עסטרייכישע קראָן. די דריטע וועלט־קאָנ־פערענץ האָט באַשלאָסן עפענען אין ארץ ישראל אַן אַרבעטס־ביוראָ און אַסיגנירן צו דעם צוועק 5,000 קראָן אויף צוויי יאָר, ווי אויך עפענען אַ צענטראַלן אַמט אין ווין.

די וויכטיקייט פון דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס דאָרט האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די איבערגאַנגס־פּראָגראַם פון פועלי ציון־וועלט־פאַרבאַנד אין ארץ ישראל אַלס פּראָגראַם פון זעלבסט־

שטענדיקער אַרבעט פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטרעבט קיין ציון, נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך — פּראַקטיש.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט מען באַשלאָסן צו גרינדן אַ סעק־רעטאַריאַט פאַר אַרבעטס־ענינים, וואָס זאָל אָנהויבן זיין טעטיקייט אין ארץ ישראל מיטן עפענען אַן אַרבעטס־ביוראָ, כדי צו דערמעגלעכן אַ זעלבסטשטענ־דיקע טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד דאַרף מען האָבן געלט־מיטלען, ריכטיקער געזאָגט — אַ שטענדיקן קוואַל פון געלט, און, ווי שוין געזאָגט, מען האָט באַשלאָסן צו גרינדן דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד”.

# דאַטעס אין דער געשיכטע פון פועלי ציון אין א״י

די עליה פון דער הגנה־גרופּע פון האָמעל, די מערהייט — חברים פון פועלי ציון — חנוכה תרס״ד (דעצעמבער, 1903).

די ברידער ישראל און אליעזר שוחט זענען עולה־געווען קיין ארץ ישראל — אדר, תרס״ד (פעברואַר, 1904).

מיין ערשטע רייזע קיין ארץ ישראל — תמוז־אלול, תרס״ד (יולי־אויגוסט, 1904).

ערשטער צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער אין פּתח־תקוה אין דעם צריף פון יחזקאל כאַנקין — אלול, תרס״ה (סעפּטעמבער, 1905).

עליה פון די ערשטע חלוצים פון פּלאָנסק — תרס״ה־תרס״ו (1905־1906).

גרינדונג פון „הפועל הצעיר" — תשרי, תרס״ו (אָקטאָבער, 1905).

געגרינדעט די ערשטע קעמערלעך פון „פועלי־ציון" אין ראשון־לציון און אין גליל, ערשטער צוזאַמענפאָר פון „פועלי־ציון" אין לאַנד — אַנהויב תרס״ו — (סוף 1905).

ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די פּאַלעסטינער פועלי ציון אין פּאָלטאַווע — רוסלאַנד, — נאָוועמבער, 1905.

צוזאַמענפאָר פון „פועלי־ציון" אין ראשון־לציון — חשון, תרס״ו (נאָוועמבער, 1905).

גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „פועלי־ציון" אין רוסלאַנד — פּאָלטאַווע, י״ד אָדר, תרס״ו (מערץ, 1906).

עליה פון 30־35 חברים פון דער הגנה אין ראָסטאָוו — סוף ווינטער, 1906.

ערשטע פייערונג פון ערשטן מאַי אין ארץ ישראל (אין ירושלים און אין ראשון לציון, מיט דער באַטייליקונג פון 50 חברים — ו' איר, תרס״ו (מאַי, 1906).

שטרייק אין שטיינ׳ס פאַבריק — 27טן יולי, 1906.

אַ זוכונג אין הויז פון מיינע עלטערן אין פּאָלטאַווע און זייער אַרעסט — 27טן יולי, 1906.

ד. בן־גוריון איז געקומען פון פּלאָנסק — אלול, תרס״ו (סעפּטעמבער, 1906).

צוזאַמענפאָר אין יפו, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די טעאָרעטישע יסודות פון „פועלי־ציון" (פּלאַטפאָרם) — העלפט תשרי, תרס״ז (אָקטאָבער, 1906).

רמלה׳ער פּראָגראַם — י״ח־כ׳ תשרי, תרס״ז (1906).

צווייטער צוזאַמענפאָר אין יפו פאַר אויסאַרבעטונג פון דעם פּראָגראַם — י״ט־כ״ב טבת, תרס״ז (יאַנואַר, 1907).

דער שטרייק אין ווייַנקעלער פון ראשון־לציון (יקב) — ווינטער, תרס״ז.

כ׳האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד, כדי עולה צו זיין קיין ארץ ישראל — ט״ו אדר, תרס״ז (פעברואַר, 1907).

אויסגעאַרבעט אין ווין דעם ערשטן מעמאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דורך ש. קאַפּלאַנסקי און מיר — סוף אדר, תרס״ז (פעברואַר, 1907).

כ׳בין אָנגעקומען קיין יפו, כדי זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל — ט״ו ניסן, תרס״ז (מאַי, 1907).

די צווייטע קאָנפערענץ פון פועלי ציון אין ארץ ישראל — ה־ז סיון, תרס״ז (20־21 מאַי, 1907).

דערשינען די צייטונג „דער אָנפאַנג״ — תמוז־אלול, תרס״ז (יולי, 1907).

דערעפענונג פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון, בעת דעם קאָנגרעס אין האַאַג — ד׳ אלול, תרס״ז (14 אויגוסט, 1907).

דערעפנט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג — ד׳ אלול, תרס״ז (14 אויגוסט, 1907).

די דריטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יפו — כ׳ תשרי, תרס״ח (28 סעפּטעמבער, 1907).

פּאַרטיי־ראַט אין יפו — ט״ו שבט, תרס״ח (18 יאַנואַר, 1908).

גרינדונג פון ב״ג (בר גיורא — קערן פון „השומר״) — כ״א־כ״ב תשרי, תרס״ח (29־30 סעפּטעמבער, 1907).

אַראַבישער אָנגריף אויף אידן אין יפו — י״ד אדר, 1908.

צווייטער ראַט פון פועלי־ציון אין ראשון לציון — כ׳־כ״א ניסן (אַפּריל, 1908).

רחל ינאית איז געקומען קיין ארץ ישראל — ל״ג בעומר, תרס״ח (מאַי, 1908).

רעוואָלוציע פון די „יונגע טערקן״ און פּראָקלאַמירונג פון דער קאָנסטיטוציע — כ״ה תמוז, תרס״ח (6 אויגוסט, 1908).

אָנהויב פון דער אָטאָמאַניזירונג צווישן די פועלי ציון אין ירושלים — זומער, 1908.

ספּעציעלע באַראַטונג פון פועלי־ציון אין ירושלים, כדי אויפצוקלערן די פּאָליטישע לאַגע נאָך דער רעוואָלוציע — י׳־י״ב אב, תרס״ח (7־9 אויגוסט, 1908).

געגרינדעט דעם ביכער פאַרלאַג „אחדות״.

די פינפטע קאָנפערענץ פון פועלי־ציון (אין יפו), סוכות, תרס״ט, (אָקטאָבער, 1908).

אַלגעמיינער שטרייק פון דרוק־אַרבעטער אין ירושלים — חשון, תרס״ט (נאָוועמבער, 1908).

ראַיאָן־באַראַטונג פון פועלי ציון אין סעדזשערא, פּסח, תרס״ט (אַפּריל, 1909).

באַראַטונג פון „השומר״ אין מסחה, וואָס האָט אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון „השומר״ — חול המועד פּסח, תרס״ט (אַפּריל, 1909).

דעטראָנירט דעם סולטאַן עבד אל חמיד — כ״ו ניסן, תרס״ט (27 אַפּריל, 1909).

געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע שיל״ה (שובה ישראל לארץ האבות) — דורך יהושע און שושנה בוכמיל — תרס״ט (1908־1909).

פּאַרטיי־ראַט אין ירושלים, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער טעטיקייט אין דעם נייעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים — י״ג־ט״ו תמוז (2־4 יולי, 1909).

מיין רייזע קיין טערקיי און די ערשטע פאַרבינדונגען מיט די טערקישע אַרבעטער בכלל, און מיט די אידישע אַרבעטער בפרט — האַלב אלול, תרס״ט — סוף תשרי, תר״ע (אויגוסט, 1909).

צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון אין קראָקע, — אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געוואָרן קפא״י — דעצעמבער, 1909.

מיין באַזוך אין בולגאַריע — מיטן יאַנואַר, 1910.

זעקסטע קאָנפערענץ (אין יפו) — י״ד־ט״ו ניסן, תר״ע (אַפּריל, 1910).

דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג „האחדות״ — תמוז, תר״ע (יולי, 1910).

פּאַרטיי־ראַט אין יפו — ט״ו־י״ז תשרי, תרע״א (אָקטאָבער, 1910).

זיבעטע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי (אין חיפה) — י״ח־כ׳ ניסן, תרע״א, (אַפּריל, 1911).

פּאַרטיי־באַראַטונג אין אום־דזשוני — ט״ו־ט״ז ניסן, תרע״א (אַפּריל, 1911).

קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין יהודה (דיסקוסיע איבער קפא״י) — שבועות, תרע״א (מאי, 1911).

דריטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון — ה׳־ט׳ אָב, תרע״א (אויגוסט, 1911).

מיין רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר שטודיר־צוועקן — ט״ז שבט, תרע״ב (פעברואַר, 1912).

אַכטע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין חדרה — פּסח, תרע״ב (אַפּריל, 1912).

קרייז־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין יהודה — ד׳ אלול, תרע״ב (13 אויגוסט, 1912).

קאָנפערענץ פון „השומר״ אין רחובות — אלול, תרע״ב (אויגוסט, 1912).

געעפנט אין יפו דאָס אַרבעטס־ביוראָ און דאָס קפא״י ביוראָ — סוף תשרי, תרע״ג (אָקטאָבער, 1912).

געמיינזאַמע דעקלאַראַציע פון דער באַלקאַנישער פעדעראַציע און פועלי ציון אין ארץ ישראל וועגן אויסמיידן מלחמה אין דער צוקונפט — חשון, תרע״ג (אָקטאָבער, 1912).

9טע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין יפו — י״ח ניסן, תרע״ג (סוף אַפּריל, 1913).

4טע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין קראָקע — כ״ב אב, תרע״ג (25 אויגוסט, 1913).

10טע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין פּתח־תקוה — סוכות, תרע״ד (אָקטאָבער, 1913).

מיין באַזוך אין סאַלאָניקי צו מאָביליזירן שיף־אַרבעטער און פישער פאַר ארץ ישראל — שבט, תרע״ד (פעברואַר, 1914).

אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה — ט׳ אב, תרע״ד (1 אויגוסט, 1914).

טערקיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער מלחמה — יום־כיפור, תרע״ה (סעפּטעמבער, 1914).

פּאַרטיי־ראַט אין פּתח־תקוה — סוכות, תרע״ה (5 אָקטאָבער, 1914).

אַרעסטירט מאַניע שוחט — י״ח כסלו, תרע״ה (6 דעצעמבער, 1914).

אַרויסגעטריבן פון ארץ ישראל אידן, אונטערטאַנען פון פיינטלעכע לענדער — כ״ט כסלו, תרע״ה (17 דעצעמבער, 1914).

אַרעסטירט יהושע כאַנקין און ישראל שוחט — ג׳ טבת, תרע״ה (20 דעצעמבער, 1914).

געשלאָסן די צייטונג „האחדות" דורך דער אָטאָמאַנישער מיליטער מאַכט — י"ג טבת, תרע"ה (30 דעצעמבער, 1914).

מיין אַרעסט אין ירושלים — כ"ה שבט תרע"ה (9 פעברואַר, 1915).

איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע — ה' סיון, תרע"ה (18 מאַי, 1915).

פאַרזאַמלונג פון „השומר" אין תל־עדשים, וואָס האָט באַשלאָסן וועגן אַקטיוויזם — זומער, 1916.

11טע פאַרטיי־קאָנפערענץ אין מרחביה — ראש השנה, תרע"ו (סעפטעמבער, 1916).

12טע פאַרטיי־קאָנפערענץ אין מרחביה — ערב ראש השנה, תרע"ח (סעפטעמבער, 1917).

באַלפור־דעקלאַראַציע — 2 נאָוועמבער, 1917.

געגרינדעט דעם אידישן לעגיאָן — ווינטער, 1917־1918.

באַראַטונג פון פאַרטיי־מיטגלידער (ראשון לציון, רחובות, נס־ציונה, באר־יעקב, פתח־תקוה און יפו) — אַ באַריכט וועגן דער פריוויליקער מאָביליזאַציע — ה' אדר, תרע"ח, (17 פעברואַר, 1918).

איך בין אַרויסגעפאָרן מיטן אידישן לעגיאָן קיין קאַנאַדע — ח' סיון, תרע"ח (19 מאַי, 1918).

צוריקגעקומען פון ענגלאַנד קיין ארץ ישראל מיטן אידישן לעגיאָן — אב, תרע"ח (יולי, 1918).

פאַרטיי־ראַט אין מחנים: קאָנפליקט מיטן „השומר" — ערב ראש השנה, תרע"ט (אויגוסט, 1918).

פאַרטיי־ראַט אין יהודה — ראש השנה, תרע"ט (אויגוסט, 1918).

ערשטע פאַרטיי־באַראַטונג נאָך דער באַפרייאונג פון גליל — כ"ו־ל' חשון, תרע"ט (אָקטאָבער, 1918).

קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון דעם „ועד לאומי" מיט דער באַטייליקונג פון די לעגיאָנען־פאַרשטייער — ט"ו טבת, תרע"ט (18 דעצעמבער, 1918).

13טע קאָנפערענץ — שלוס־קאָנפערענץ פון פועלי ציון — כ"א־כ"ג אדר, תרע"ט (פעברואַר, 1919).

גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה" אין פתח־תקוה — כ"ו־ל' אדר, תרע"ט, (26 פעברואַר־2 מערץ, 1919).

שלוס־קאָנפערענץ פון „השומר" אין תל־עדשים — שבועות, תרע"ט — מאַי, 1919.

וועלט־קאָנפערענץ אין ווין און באַנייאונג פון דעם פועלי ציון־פאַרבאַנד אַלס אַלוועלטלעכע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַראייניקונג — אויגוסט, 1920.

גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות, אין חיפה — כסלו, תרפ"א (דעצעמבער, 1920).

צונויפקום פון דער ערשטער אסיפת הנבחרים — כ"ה תשרי, תרפ"א (7 אָקטאָבער, 1920).

# זוך־צעטל


א

אבן טוב אליהו — 544
אבעל ס. — 153
אַבערסאָן דוב — 123־126, 133, 136, 137, 144, 146, 162, 164, 167, 169, 181, 182, 231, 254, 321, 323, 325, 447, 454, 459, 466
אבראמאָוויטש יצחק רעוו. — 96
אברמי צבי — 136, 146
אַדלער — 96
אַדלער וויקטאָר — 86
אַדלער י. — 146, 186, 187, 449, 451
אַדלער סיירוס, דר. — 434
אהרוני — 549
אוגאַנדא — 95, 130, 131, 400
„אוהבי ציון" — 97, 98, 102, 129
אָווען ראָבערט — 125
אוורוטיק ג. — 485
אַוערבוך י. — 134, 135, 155, 172, 177
אווערבוך ח. — 286
אווערבוך מ. — 460, 461, 471
אוורונין גרשון — 167, 168, 169, 180, 184, 188, 192, 196, 205, 244, 247, 251, 280, 286, 357, 363, 366, 398, 449, 456, 465
אויערבאך אפרים — 311, 338, 339
„אונזער וואָרט" — 319, 414
„אָזע" — 45
אחד העם — 12
אחדותי יצחק — 552
„אחדות העבודה" — 369, 529, 572
„אחוה" — 110, 214, 258, 259, 329, 337, 347, 351, 355־360, 402
„אחוזה" — 232־235, 351
אָטאַוואַ — 519
אַטלאַנטאַ — 271, 417
איגנאַטאָוו דוד — 186, 310
„איד" — 148, 222
„אידגעזקאָם" — 44
אידיש אין פּאַבליק סקולס — 264, 265, 269, 325, 381, 411, 413, 418, 505
אידישע ביכער אין פּאַבליק לייברעריס — 188, 242, 249, 259, 264

„אידיש וואָרט" — 516
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — 34, 162, 169, 181, 185, 187, 198, 236־250, 251, 258־260, 264, 266, 267, 274, 286, 308, 312, 315, 324, 330, 331, 335, 338, 346, 348, 384, 385, 395־405, 412, 415, 416, 431, 457, 461, 462, 464־473, 479, 509, 511, 519
„אידיש פאָלק" — 148, 174, 175, 214, 225, 226, 231־233, 263, 300, 430
„אידישע אַרבעטער־יוגנט" — 423, 425
„אידישע אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענץ" — 286, 305
„אידישע אַרבעטער שטימע" — 396, 397, 398, 404
„אידישע וועלט" — 381, 400
„אידישע טאגעבלאט" — 98, 99, 112, 271, 337, 406
„אידישע טריבונע" — 361
אידישע ליטעראַטור — 73, 87
אידישע סאָציאַליסטישע ליגע — 391
אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע — 34, 41, 205, 206, 255־259, 274, 311, 315, 373, 375, 376־379, 382־389, 394, 396, 397, 415, 434
אידישע עמאַנציפּאַציע־ליגע — 430
אידישע פּרעסע — 73, 91
„אידישע פאָן" — 148
אידישע פאַרטרעטונג אין סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל — 138, 139, 142, 147, 179, 180, 186, 242, 279, 528, 535, 536, 569
„אידישע פרייהייט" — 117, 446, 453
אידישע קאָנגרעס־ליגע — 51, 433
אידישע שפּראַך — 85, 140, 141, 172, 188, 193, 298, 408, 411, 488, 489, 492, 501, 517
„אידישער אַרבעטער" — 94
„אידישער אַרבעטער" (ווין) — 110, 168, 196, 275, 302, 543
אידישער אַרבעטער־פאַראיין — 82
אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס (אין אַמעריקע) — 85, 325

אידישער וועלט־קאָנגרעס — 317, 324, 325, 432, 433

„אידישער זשורנאַל" — 511

אידישער לעגיאָן — 66, 79, 257, 323, 324, 325, 339, 351, 354, 361־370, 394, 403, 404, 418, 427, 528, 572

„אידישער לעגיאָנער" — 364

„אידישער סאָציאַליסט" — 376, 397, 415

„אידישער קוריער" — 182

"אידישער קאָנגרעס" — 290, 430, 431

„אידישער קעמפער" — 73־80, 136, 142־149, 211־215, 223, 237, 238, 242־247, 251־257, 259, 260־262, 265, 277, 280, 284, 286, 290, 291, 298־304, 313, 322, 323, 374, 375, 380, 387־391, 399, 402, 403, 448, 455, 460, 543

„אידישער רעקאָרד" — 83, 271

אידער מ. ד. דר. — 369

איזאַקסאָן י. — 96

איטקין ש. — 459

אייבראַמס — 155

אייבראַמס — 318

אייבראַמס — 497

אייבראַמס י. — 461

אייזנשטאַט, הערי — 468

אייזנשטיין — 96

אייזלאַנד ראובן — 145, 155, 168

איינדרוק ה. — 471

איינהאָרן דוד — 146, 517

„איינהייט און פּראָגרעס" — 552, 554

אימיגראַציע (זע: עמיגראַציע)

אינגערמאַן דר. — 93

„אינדאַסטריעל וואוירקערס אָוו דהע וואירלד" — 200, 201, 202, 372

אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג — 238, 239, 297, 310, 316, 385, 405, 434

„אינטערנעשאָנעל" — 314, 315, 316

אַלבאַני — 124, 269, 272, 316, 391, 410

אלבערשטאַט — 126

אַלגין מ. — 410

אַלגעמיינע ציוניסטן — 62, 65, 105, 111, 134, 136, 141, 151, 161, 163, 183, 214, 221—226, 231, 247, 324, 353, 367

אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס — 317, 318, 325

„אַליאַנס איזראַעליט" — 33

אליעזר מר חיים — 364

אַלעקסאַנדראָוו ה. — 146, 147

אַלפּערט — 246

אלקושי נחום — 560

אָמאַהאַ — 241, 346, 410

אמאלגאמייטעד — 314, 315, 316, 373, 374, 386, 389, 401

„אמונה" — 110

אַמסטערדאַם אברהם — 84

אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס — 46־62, 277, 279, 290, 304, 306, 342, 344, 401, 403, 429־435

אַמעריקאַניזאַציע — 64

אַמעריקאַנער ציוניסטישע פעדעראַציע — 91, 97, 132, 141, 143, 161, 162, 185, 215, 221־226, 232, 251־254, 262, 321, 325, 340־346

אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע — 29, 32, 55־61, 193־195, 283, 429־432

אַמעריקען עלייענס פאַר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי" — 316, 381, 389, 391, 392

אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר — 147, 202, 252, 307, 372־376, 381, 389, 395, 402, 434

„אמת" — 86

אַנאַרכיסטן — 67, 83, 105, 106, 120, 121, 124, 162, 167, 171, 196, 237, 238, 268, 282, 445, 456, 458, 475, 478, 513

אַנטיסעמיטיזם — 85, 86, 93, 105, 505

אנסקי ש. — 396, 425

„אָנפאַנג" — 217, 529, 536, 543, 570

אָסאָווסקי אהרן — 458, 459

אָסטראָווסקי ברוך — 269, 289, 299, 301, 323, 325, 335, 423, 425, 426, 427

אַסימילאַציע — 24־25, 58־61, 79, 87, 138, 180, 193, 238, 262, 323, 450, 479

אספת הנבחרים — 572

„אספת חכמים" — 255

אַפּאַטאָשו יוסף — 310

אַפּעלבוים ישראל — 124, 125, 134, 137, 143, 144, 155, 161, 164, 168, 169, 177, 180, 181, 197, 212, 216, 247, 251, 254, 257, 258, 259, 276, 280, 287, 289, 299, 304, 325, 359, 376, 405, 454, 459

אָפּענהיימער פראַנק, דר. — 140, 143, 187, 188, 228, 331, 355, 561, 562, 564, 567

אַקון — 540

אקסעלראָד, חברה — 517

אַקסעלראָד פּאַוועל — 84

אַקערמאַן זעלדע — 495, 498, 500

אַקערמאַן ס. — 469
אַראַנאָוו — 465
אַראַנאָוו י. — 299, 374, 375, 385
אַראָנסאָן ש. — 119, 124, 128, 155
„אַרבעטער" — 147, 217, 237
„אַרבעטער וועלט" — 127
„אַרבעטער צייטונג" — 85
אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל — 68, 312, 314־318, 321, 350, 354, 382, 394, 402
אַרבעטער־קאַסעס — 84
אַרבעטער רינג — 34, 182, 195, 198, 235־243, 246, 247, 248, 256, 257, 263, 268־271, 283, 298, 301, 311־316, 324, 338, 373, 383, 385, 386, 400, 405, 410, 415, 416, 417, 434, 506, 514, 517
אַרבעטער רינג שולן — 415, 416, 510, 511, 512, 516, 519,
אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע — 196־198
„אַרט" — 45, 195
אַרטאָגראַפיע פון אידיש — 406, 407, 408, 413
אַרטאָדאָקסן — 4, 11, 32, 99, 193, 194, 332, 235, 261, 487, 488, 507, 514, 515
אַרמענער — 528, 529
אַש שלום — 34, 35, 310, 316, 317, 321, 339, 488, 489, 517
אשור ז. — 328, 544, 560

ב

באַבראָוו י. מ. — 451, 500
באַבקאָוו — 119
באַגראַד ל. — 454, 468
באום וו. — 514
באַזין ה. — 260
באַזעלער פּראָגראַם — 115, 132, 176, 557
באַכראַך י. דר. — 168, 446, 448, 453, 454, 459
באַלטימאָר — 123, 158, 228, 239, 316, 323, 363, 382
באַלטימאָרער פּראָגראַם — 137־144, 160, 161, 179, 183, 191, 217, 223, 231, 239
באַלפור אַרטור דזשעמס — 306
באַלפור־דעקלאַראַציע — 71, 79, 304־311, 344, 351, 381, 382, 394, 402, 451, 462
באַלשעוויקעס — 154
באַנטשעק שמואל — 245, 254, 258, 259, 280, 289, 290, 291, 298, 299, 301, 304, 309, 325, 330, 334־337, 347, 350, 353, 354, 355, 376, 409, 415, 423, 425, 427
באָסטאָן — 122, 123, 135, 145, 157, 183, 199, 200, 210, 249, 269, 291, 316, 335, 341, 364, 373, 374, 395, 417
באַסקין — 168
באַפאַלאָ — 124, 341
באַראַכאָוו בער — 131, 146, 150, 151, 181, 220, 228, 275, 276, 278, 280, 281־285, 286־291, 297, 298, 303, 311, 312, 322, 324, 326, 331, 336, 339, 347, 357, 362, 374, 378, 380, 386, 400, 401, 411, 413, 430, 451, 452, 458, 469, 510, 536, 561
באַראָן דע הירש־שולן — 503, 504
באַראַנאָוו מ. — 90
באַראַנאָווסקי א. — 490
באַראַנדעס יוסף — 93, 99, 103, 112, 116, 118, 119, 127, 144, 153, 166, 167, 197, 198, 203, 205, 221, 229, 291, 374, 435
באַרנשטיין — 540
בובליק גדליה — 431
בודיאַנאָוו ל. — 88
בודין ל. ב. — 93
בודיש י. מ. — 317, 318, 325
בוימאַן אלטער — 407
בוכמיל יהושע דר. — 230־232
בוכמיל שושנה — 230־232, 570
„בונד" — 21, 31, 84, 94, 95, 103, 110, 115, 116, 117, 144, 151, 153, 154, 155, 157, 158, 176, 178, 192, 237, 245, 255, 301, 302, 430, 445, 458
ביאַלאסטאצקי ב. י. — 299, 310, 418, 425, 427, 428
ביאַליק חיים נחמן — 12, 101, 517
ביילין י. ב. — 512
ביילים־פּראָצעס — 256, 258, 259, 395, 450, 456
ביל"ו — 10, 83
ביליקאָף דזשייקאָב — 43
בימשטיין — 96
בינערמאַן א. — 96
ביסקין גבריאל — 268
ביסקין לאה — 268, 289, 363
ביק, דר. — 134
בירנבוים נתן, דר. — 75, 425, 451
בירשטיין משה — 453, 454

בכר נסים — 364, 528
בלומענפעלד אפרים — 328, 331, 332, 333, 359
בלעכמאַן מ. — 480, 485
בלעכמאַן — 411
בלעס לעאָ דר. — 257
בן גוריון — 40, 65, 79, 196, 197, 275, 276, 285, 287־290, 298, 304, 307, 308, 309, 311, 314, 318, 321, 322, 326, 327, 328, 332, 336־339, 344, 351, 352, 353, 364, 366, 370, 392, 397, 399, 432, 433, 458, 539, 540, 541, 544, 552, 569
„בני ברית" — 104, 152, 156, 432
בן אליעזר (זע: סירקין נחמן)
בן יהודה — 528, 547
בן יקיר — 451
„בני ציון" — 99, 238־241, 244, 264
„בני ציון" (קאנאדע) — 453, 458
בן עמי — 155, 168, 227
בן פורת — 97
בן צבי — 65, 79, 131, 146, 186, 230, 275, 276, 285־290, 298, 299, 301, 304, 308־312, 314, 320, 321, 326־329, 332, 333, 335־338, 343, 345, 351־354, 363, 364, 366, 368, 393, 402, 403, 418, 452, 461, 524־572, 539־542, 544, 548, 552, 560, 569־572
בעבעל אויגוסט — 89, 93, 257, 258
בעיאַן — 269
בעל מחשבות — 146
בעלסאַן, שוועסטער — 480, 485
בעלקין ש. — 505, 520־523
בעלקינד ישראל — 83, 297, 311, 338
בענסאַן אלאַן — 388
בעקער צבי — 448
בעקער — 96
בערגער וויקטאָר — 207, 208, 378
בערלין ה. — 315
בערלין — 142, 165, 228, 240, 299, 355, 375
בערלינער א. — 449
בערלינרויט ל. — 301
בערנשטאַק טש. — 324
בערנשטיין עדוואַרד — 102
בערנשטיין — 96
בערעזקין מאיר — 458, 459
בערקאָוויטש ב. — 146
בערקאָוויטש שלמה — 419, 479, 480, 481, 485

בערקנבליט ישראל — 278, 281, 287, 299, 374, 375, 411
„בצלאל" — 141, 167, 185, 213, 224, 226, 229, 230, 448
בצר ישראל — 549
בראָדסקי דרייפוס י. — 430
בראון מאיר — 111, 120, 137, 141, 144, 161, 162, 165, 168, 169, 177, 181, 183, 186, 197, 210, 227, 228, 229, 239־245, 247, 248, 253, 254, 255, 257, 258, 259, 266, 280, 289, 299, 307, 325, 339, 340, 348, 357, 359, 380, 396, 398, 403, 404, 405, 408, 420, 423, 449, 464, 465, 467, 469, 470
בראון מייקל — 120
בראָדי — 467
בראוער ב. — 407
בראַכמאַן א. — 171, 173, 177
בראָמבערג א. — 506, 509, 510, 512
בראנדייס לואי — 47, 48, 56, 70, 71, 275, 305, 306, 307, 342
בראָנשטיין מ. — 464, 465
בראַסלאַווסקי א. — 82
„בר גיורא" — 548, 551
ברוידע — 454
ברוידי פלאָרא — 260
ברוידע — 465
ברזילי יהושע — 554
ברזילאי — 500
ברידזשפּאָרט — 124
בריינין ראובן — 321, 364, 430
בריק — 120, 143
„ברית אברהם" — 283
„ברית שלום" — 283
ברכות ז. — 310, 313, 338
ברענער יוסף חיים — 146, 147, 148, 233, 255, 309, 326, 330

## ג

גאטהייל ריטשאַרד, פּראָפ. — 97, 98, 99, 156
גאָלאָבאָוו א. — 514
גאָלד — 490
גאָלדבערג אב. — 95, 105, 111, 119, 125, 128, 135, 153, 155, 156, 170, 171, 172, 173, 175, 177, 180, 181, 183, 419, 459

גאָלדבערג ב. צ. — 323, 420
גאָלדבערג נ. — 299, 375
גאָלדמאַן א. — 213, 289, 299
גאָלדמאַן א. (טאָראָנטאָ) — 469, 506
גאָלדמאַן י. — 359, 367, 407, 409, 415
גאָלדמאַן פּ. — 405, 465
גאָלדמאַן שמעון — 232, 234, 235
גאָלובאָוו — 464
גאָלדסטיק י. דר. — 455, 467
גאָלדענבערג שלמה — 311, 312, 364
גאָלדפאַדן אברהם — 229
גאָלדשטיין דזשייקאָב — 42
גאָלדשטיין ש. — 155, 168, 185, 216, 219, 245, 246, 259, 280, 299, 304, 385, 392
גאָלדשמיד — 465
גאַליציע — 8
גאמפּערס שמואל — 142, 307, 389, 395
גארבער א. — 173
גאָרדאָן יהושע — 364, 403, 404, 405, 420
גאָרדאָן יעקב — 118, 158, 175
גאָרדאָן ש. ל. — 410
גאָרט י. — 465
גאָרין ב. — 87
גאָרעליק ה. דר. — 460, 471
גאָרעליק שמריהו — 146, 186
גאָרקי מאַקסים — 165, 166
גבעוני משה — 548
גוגענהיים דניאל —— 152
גוטביטער מ. — 364
גוטמאַן משה — 111, 119, 128, 129, 134, 137, 143, 144, 153, 155, 164, 168, 169, 223, 320, 325
גורעוויטש — 514
גיליס מ. — 118, 128
גינגאָלד פּנחס — 249, 289, 291, 299, 301, 303, 304, 323, 365, 396, 418,
גינזבורג איסר, דר. — 63
גינזבורג, באַראָן — 156, 420, 423
גינזבורג ב. דר. — 514, 515, 516
גינזבורג ד. — 146
גירדאנסקי מאַקס, דר. — 431
גלאָבוס י. — 170, 171, 172, 177, 181, 266
גלאָווערסוויל — 269, 417
גלאזמאַן מ. — 186, 300
גלאזער — 111
גלאַנץ אהרן — 256, 268, 271, 319, 406, 411, 415, 416
גלאָס — 461
גליקמאַן ד. — 122
גלעדי ישראל — 548, 549, 550
געווערקשאַפטן קאַמפּיין — 69, 314, 316, 339
געזאַנג־פאַראיינען — 189, 258, 259, 266, 280, 291, 336, 338, 459
געטלער — 468
געליבטער פּ. — 396
געלער ט. — 514
געלער ל. — 465
גענעס — 96
גערסאָן — 96
גערענדא ד. — 96, 97
גערשוני גריגאָרי — 173
גפן ל. — 549
גראדזענסקי שלמה — 74
גראָסמאַן מאיר — 361
גראס נתן — 561
גראַף ה. — 237
גרוזענבערג אָסקאַר — 151
גרופּן־רעכט (זע: נאַציאָנאַלע רעכט)
גרין סעם — 461, 463
גרינבערג אליהו — 497, 500
גרינבערג בערנעט — 162, 163, 261, 262
גרינבערג חיים — 74
גרעיי מ. א. — 462

ד

דאַווידאָוויטש — 177
דאַווידאָוויטש — 249
דאַווידסאָן אליהו — 540
דאַווידסאָן משולם — 540, 544
דאניעווסקי זיידל — 544
דאָנער א. — 459
דאלינסקי ש. — 146
דאלניק מ. דר. — 268
דאשעווסקי פּנחס — 101, 119, 150, 151
דובנאָוו שמעון — 130, 178, 267, 418
„דורשי ציון“ — 445, 447
דזשאָזעפסאָן — 128
„דזשאָינט“ — 29, 30, 32, 33, 39־43, 332, 339
„דזשויש דעפענס אַסאָסייישאָן“ — 152, 153, 154, 155
„דזשויש עלייענס אָוו אַמעריקא“ — 429
„דזשויש קראָניקל“ — 95

דזשוליאַן י. — 359, 407
דזשוליאַן ס. — 259
דזשוליען ש. — 454
דזשיימס ס. ל. — 106
דזשעמאַל פּאַשאַ — 275, 300, 332, 333, 351, 552
דזשעפערסאָן טאָמאַס — 17, 386
דייטש יוזעף — 97
דייטשע אידן — 3־8, 26
דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — 93
דימאָוו אָסיפּ — 313
דינעזאָן יעקב — 258, 396
דיסקין שמואל — 22
דיקשטיין משה — 492, 495, 497, 498, 499, 502
דיקשטיין לינאַ — 500
דעבס יודזשין וויקטאָר — 381, 388, 389
דע האַאַז — 344, 435
דעטראָיט — 124, 249, 258, 268, 272, 289, 316, 330, 341, 352, 358, 363, 366, 391, 395, 417
דע ליאָן דעניעל — 205
דענווער — 417
דענעבורג ד. — 515, 516
דערציאונג — 22, 102, 172, 181, 182, 183, 184, 188, 190, 191־194, 242, 252, 254, 256, 258, 259, 261־273, 288, 289, 298, 396, 398, 405, 406־421, 473־519
דראַכמאַן בערנאַרד — 156
דרייפוס־פּראָצעס — 117

ה

האבער — 155
האדעס לייב — 454
האהן, דר. — 275
„האחדות" — 185, 218, 219, 230, 234, 255, 257, 309, 326, 327, 330, 333, 334, 357, 543, 560, 562, 567, 571
„האיאָס" — 398
„האיכר הצעיר" — 214־216, 335
האישבערג — 445
האַלענדיש־סקאַנדינאַווישער קאָמיטעט — 402, 434
האַלפּערין ח. — 122
האַלפּערן, דר. — 93, 106
האלפערן מיכל — 151, 331
האַלפּערן משה לייב — 186, 187, 291, 310, 451
האַלצמאַן — 454, 467
האַלצמאַן גבריאל — 540, 544
האניק — 155
האנקער אייזיק — 96
האַרטפאָרד — 123, 316, 317
האַרקאַווי אַלעקסאַנדער — 84
האַרקער נח — 540, 544
הגלילי — 369
הגנה — 66
הדס ל. — 467
הוטניק לייב — 453, 467
הויזנער ק. — 286
הוירסט רענדאָלף — 152
הורוויטש — 96
הורוויטש יצחק אייזיק — 62, 157, 173, 175, 186, 291, 312, 374, 398, 399, 400, 403, 404, 413, 414, 431, 433
הורוויץ הערשל — 111
הורוויץ סעם — 457
הורוויץ ש. — 105
הורוויץ ש. — 410
„החלוץ" — 65, 143, 168, 211־214, 223, 254, 304, 312, 313, 321, 337, 338, 351־355, 359, 402, 405 423, 525
„החורש" — 217, 546, 549, 550, 562
היברו לייבאָר פּעדעריישאָן — 85
„היטלער־בונד" — 49
היטעלמאַן ב. — 137
היימאַן מאַרקוס — 462
היינע היינריך — 125
הילמאַן סידני — 315
„הילפּס פאַראיין דער דויטשן יודן" — 33, 152, 429
הילקוויט מאָריס (הילקאָוויץ) — 84, 93, 205, 206־208, 380, 381, 387, 388
„היצעם" — 45
הירזדאָנסקי ס. — 419, 420
הירש יוסף — 257
הירשביין פּרץ — 267, 517
הלוי נחום — 544
„המון" — 111, 335
„המכבי" — 97, 100
„המעורר" — 148
הסתדרות העובדים — 369, 529, 572
העברעאיש — 73, 87, 91, 132, 140, 141, 181, 182, 188, 191, 192, 193, 262, 263, 269, 271, 298, 303, 320, 321, 322, 395, 408, 411, 417, 419, 482, 487, 488

489, 491, 492, 495, 497, 501, 502, 508, 516, 517,
העברעאיש אין ארץ ישראל — 528, 529, 543, 544
העברעאיש אין פּאַבליק סקולס — 264, 269, 411
העברעאישע ליטעראַטור — 88, 141
העברעאישע פּרעסע — 73
העברעאישע קולטור־באַוועגונג — 188, 322, 399, 419
העברעאיש־רעדנדע פּוע״צ־פּאַראייניגן — 310, 322
העיאוואוד וויליאַם — 168, 200, 209
העלער סאָפיע — 289, 335
העלער — 470
העמילטאָן — 163, 269, 330, 331, 446, 455, 456, 469
העמלין אייזיק — 259, 286, 292, 297, 300, 316, 341, 377, 425
העס משה — 13, 27, 331
העסטרין י. — 462, 471, 515, 516, 518
העפּטער שמואל — 550
הערמאלין ד. מ. — 84
הערמאַן שמואל יעקב — 87
הערצל בנימין (טעאָדאָר) דר. — 12, 99, 100, 108, 110, 130, 131, 425
הערצל־יאָרצייט — 123, 124־127, 189, 203, 221, 258, 275, 341
הערשמאַן ה. — 490
„הפועל הצעיר" — 212, 216, 219, 326, 333, 362, 526־529, 537, 540, 546, 549, 552, 555, 564, 569
„הצבי" — 232
„השומר" — 65, 66, 219, 247, 252, 330, 332, 333, 334, 337, 338, 342, 343, 362, 528, 544, 548־552, 570־572
„השחר" — 111, 255
„השחר" (וויניפּעג) — 463
„התורן" — 400
„התחיה" — 214

ו

וואַגנער קלמן — 468
וואודביין — 265
„וואוירקמענס קאונסיל" — 393, 394
וואוסטער — 374
וואטערבורי — 202
וואכמאַן י. — 328, 567
וואָל י. — 419
וואָלאָפּסקי ז. — 492, 498, 499, 502
וואָלאַס — 355
וואָלדשטיין א. ש. — 65, 74, 100, 124, 125, 133, 137, 143, 144, 146, 147, 153, 162, 164, 165, 168, 177, 178, 181, 183, 184, 186־188, 192, 209, 211, 216, 223, 224, 225, 226, 229, 328, 449, 551
וואָלינסקי אָסיפּ — 315
וואָלינער א. (ל. לאנדוי) — 146, 147, 164, 186, 187, 313, 451
וואלט א. (זע: ליעסין אברהם)
וואלטאָוצעס — 84, 116
וואָלל — 407
וואָלערשטיין פּישל — 407, 456, 468
וואָלף — 135, 155
וואָלפע, דר. — 146
„וואָסכאָד" — 152
ווארבורג פעליקס — 36
„ווארהייט" — 92, 154, 157, 158, 180, 261, 263, 264, 269, 271, 272, 276, 336, 386
„וואָרט" — 452
וואָרטסמאַן יחזקאל — 133, 146, 178, 187, 201, 405, 449
וואָשינגטאָן — 124, 231, 261, 417
וויגאָדסקי פאַניע — 540
וויגדאָראָוו נח, — 540
וויגדערסאָן ה. — 106
וויטאל קערי — 485
וויטע גראַף — 155, 156
וויז סטיפן, דר. — 57, 97, 344, 435
וויט פרענק — 452
וויטמאַן קלמן — 267, 313, 406, 409, 413
ווימאַרער רעפּובליק — 75
ווינבערגער משה — 96
ווינער ג. — 94
ווינער יעקב — 257
ווינערמאַן מ. — 96
ווינפּער ז. — 310
ווינשטיין מ. — 358
וויס — 454
וויסמאַן ח. — 496
וויסמאַן שלמה — 500, 502
וויצמאַן חיים — 72, 306, 307, 362, 445
ווילנער ל. — 469
ווילסאָן וואודראָ — 36, 57, 307, 308, 386, 389, 395, 399, 400, 403
ווינדזאָר — 519

ווינטשעווסקי מאָריס — 86, 89, 93, 153,
154, 158, 166, 198, 206, 208, 255, 256,
311, 313, 327, 376, 377, 435, 516
וויניפעג — 163, 320, 322, 346, 412, 446,
458־463, 471, 472, 513־519
וויסאָצקי, דר. — 126
וויעוויארקא אברהם — 186
ווירניק פ. — 84
וולאַדעק ברוך — 27, 396, 415, 451
„וועג“ — 495
ועד הצירים — 370
„וועלט“ — 96, 132, 141, 281
וועלט־הילפס־קאָנפערענץ — 45
וועלט־פאַרבאַנד פועלי ציון — 138, 139, 169,
181, 185, 195, 196, 198, 210, 217, 218,
220, 230, 254 256, 258, 272, 275, 276,
280, 281, 283, 286, 291, 299, 302, 303, 305,
310, 318, 327, 328, 329, 334, 345, 346,
347, 358, 361, 432, 433, 434, 541, 544,
545, 561־568, 570, 571, 572
וועלט־קריג — 275־280, 303, 386־394
וועקסלער — 239, 247, 266
„ווערעליף“ — 45

ז

זאכער א. ש. — 495, 497, 500
זאלאטאראָוו הלל, דר. — 63, 105, 106, 116,
119, 125, 135, 146, 153, 167, 169, 173,
175, 214, 229, 321, 355, 403
זאָלאָטקאָף לעאָן — 84, 91, 97, 100, 112,
146, 167
זאַלצמאַן — 407
זאַלצמאַן ח. — 514
זאַלקינד — 155
זאַמעטקין מ. — 89, 93, 206
זאַנגוויל ישראל — 131, 174, 425
זאַסלאַווסקי י. (לבדי) 455, 459, 460, 461,
467, 471, 513
זאַסלאַווסקי זלמן — 458
זאַץ לודוויג — 310
זאַק ב. ג. — 449
זאַק מ. ל. — 184, 445, 447, 449, 474, 475
זאַקהיים מאיר — 122
זאַקס א. ש. — 298, 299, 323, 384, 385,
420
זאַקס ס. — 259, 280, 291
זאַקס מ. — 451
זאר יצחק — 74, 146, 162, 164, 168, 169,
175, 187, 191, 224, 231, 286, 288, 289,
290, 291, 292, 298, 304, 311, 312, 313,
320, 321, 323, 338, 350, 374, 390
זונדעלעוויטש אהרן — 13, 27
זונענשיין א. — 263
זוסמאַן — 470
זייד אַלעקסאַנדער — 544, 548, 550
זיידעל הערמאַן — 123, 124, 137, 144, 237
זיימאַן — 135
זילבערט מ. — 97, 388
זינגער, דר. — 467
זינגער פאול — 86
זיפער י. — 480, 491
זעוו יוסף — 97, 98, 99, 103, 112, 119, 366
זעלבסט־שוץ — 30, 31, 32, 101, 110, 132,
133, 134, 143, 150־159, 527, 528
זעלדין א. — 137, 146
זעלדין יהודה — 544
זעליגסאָן, חברה — 299, 385
זעלינגער שמואל — 354, 355, 466, 498
זעליקאָוויץ געצל — 84, 96, 97, 100, 171
זעמעל בערנאַרד — 198
זרובבל — 186, 220, 254, 255, 257, 290,
298, 299, 301, 303, 326, 327, 328, 333,
335, 336, 347, 353, 359, 452, 458, 461,
462, 516, 536
זשאַבאָטינסקי זאב — 146, 361
זשארעס זשאַן — 291, 331, 425
זשיטלאָוו ב. י. — 419
זשיטלאָווסקי חיים, דר. — 94, 135, 146, 153,
170, 173, 175, 178, 181, 184, 186, 187,
191, 192, 195, 198, 208, 209, 210, 228,
241, 243, 245, 247, 248, 256, 262, 268,
297, 300, 301, 304, 313, 316, 217, 318,
322, 323, 325, 339, 356, 362, 364, 380, 403,
404, 406, 410, 430, 431, 448, 451, 461,
462, 467, 518
זש. פ. ס. — 92

ח

חברת העובדים — 529
חגי י. — 249, 325, 366
חדש י. 466
חדרים — 261 262, 263, 270
חאַזאַנאָוויטש י. ל., דר. — 130
חאַזאַנאָוויטש (כתריאל) — 176, 186, 188,

276, 284, 286, 291, 298, 302, 310, 347,
191, 195, 198, 233, 247, 251, 256, 275,
357, 361, 374, 380, 399, 450, 451, 466,
505
חורגעל ל. — 269
חזן — 125
חיבת ציון — 84
חייקין יוסף — 192, 209, 243, 244, 246,
465, 467, 471,
„חירות" — 111
„חירות" (וויניפעג) — 463
„חלוצי ציון" — 111
חלוקה־אידן — 83
חנא — 456
חפץ ישראל — 480
חפץ לעאָן — 451
חפץ נח — 363, 452, 465, 480, 483
חרמוני ג. — 247

ט

טאַבאַטשניקאָף — 445
טאַבאַטשניק — 448
„טאָג" — 405
„טאָג־מאָרגן זשורנאַל" — 145
טאָלידאָ — 239
טאַלמי ל. — 269
טאַלער — 465
טאָראָנטאָ — 137, 149, 163, 210, 236, 267,
271, 272, 316, 324, 335, 352, 359, 407,
411, 412, 417, 446, 452־458, 467־471,
486, 487, 505־513
טויבמאַן מ. — 514
טויך — 155
טונקעל יוסף — 146
טיר, דר. — 122
טעאַטער — 399
טעכניקום, חיפה — 224, 395
טענצער — 454
טענענבוים — 490
טעריטאָריאַליזם — 130, 136, 142, 172־175,
182
טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע — 15, 142
טערקישע רעוואָלוציע — 553־560
טראַכטענבערג — 155
טראָצקי לעאָן — 54
טרומפּעלדאָר יוסף — 233, 331, 362
טריטש דוד — 281
טרייד יוניאָן־טעטיקייט — 114, 142, 161,
172־181, 182, 186, 190, 199־203, 242,
259, 278, 287, 297, 300, 303, 371־375
טרענטאָן — 124
טשלענאָוו יחיאל, דר. — 233, 431
טשעלסי — 123
טשעסלער — 286
טשעקאָוו מ. — 461
טשעריקאָווער א. — 291
טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — 176,
188, 191, 262
טשערניאַק י. א. — 458, 462, 471, 513, 514,
518
טשערניאַק פאַניע — 514

י

יאַמפּאָלסקי — 446
יאַנאָווסקי ש. — 84, 106, 312
יאַנאַס אַלעקסאַנדער — 207
יאַנאַס ס. — 92
יאפע יודא א. — 413, 420
יאפע ה. — 377
יהואָש — 146, 147, 186, 188, 209, 288,
291, 312, 336, 403, 434, 449, 451, 517
„יוגנט פרייהייט" — 423
יודין סאָפיע — 423
יונגטערקן — 174, 175, 180, 353־560, 570
„יונגע מכבייער" — 460־463
יונגע פּועלי ציון — 259, 297, 299, 300,
324, 368, 418, 422־428
„יונגער קעמפער" — 423, 424, 426, 427
יוניאָן־לייבל — 99, 181, 223
יוניאָנס, ענגלאַנד — 97
„יונייטעד זייאָניסטס אָוו גרעיטער ניויאָרק"
— 99
יוריס א. ש. — 328
יט"א — 142, 172, 174
ינאית רחל — 230, 326, 536, 551, 558, 560,
564, 567, 570
„יעווריעסקאַיאַ זשיזן" — 136, 158
„יעווריעסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" — 537
יעלין דוד — 528
יפה אליעזר — 65, 214־216, 233
יק"א — 186, 196־198, 230־233, 247, 251,
329, 534, 561,
„ישראל הצעיר" — 150

## כ

כאַנאַוויטש — 155
כאַנין נחום — 415
כאַנקין יהושע — 232, 572
כאַנקין יחזקאל — 338, 537, 544, 548, 549
כאנקין חיה שרה — 537
כאַשין אַלעקסאַנדער — 275, 285, 286, 288, 290, 291, 298, 299, 301, 326, 361, 374, 397, 452, 458, 536
כהן דזש. — 466
כהן ה. — 126
כהן י. — 464
כהן מאיר — 96
כהן צבי יוסף (הערי) — 128, 133, 136, 137, 143, 144, 155, 167, 168, 169, 177, 225, 355
כהן ש. — 201
כהן־בערנשטיין, דר. — 130
כהנא — 286
כהנא יצחק — 540
כייטמאַן וו. — 464, 477, 479, 480, 481, 485, 486, 498, 509
כץ משה — 319, 410, 415, 416
כרמל י. — 128
כתריאל (זע: חאזאנאַוויטש ל.)

## ל

לאַזאַר בערנאַרד — 92, 125
לאזאַרוס ד. ה. — 492, 499
לאַזאַרוס (דעטראַיט) — 358
לאכאַוויצקי ב. — 445, 449, 452, 464, 485
לאנגער חיים — 457
„לאַנד" — 257
לאַנדאַן מאיר — 39, 40, 124, 192, 207, 208, 245, 256, 297, 378־382, 389, 416, 430
לאַנדוי ש. דר. — 110
לאַס אַנזשעלעס — 234, 256, 269, 385, 411, 412
לאַסאַל פערדינאַנד — 84, 102, 331
לאַפּידות — 454, 456, 467
לאקער בערל — 186, 275, 328, 423
לבדי (זע: זאַסלאַווסקי)
לובאַרסקי א. — 129, 401
לולאַוו מאַקס — 397
לוקאַווסקי — 410
לוריע י., דר. — 333
לוריע רחל — 313

ליבין ז. — 88, 119, 451
ליבמאַן טש. — 469, 470
ליבער בן ציון, דר. — 404
ליבערמאַן אהרן שמואל — 13, 27, 88, 255
ליבערמאַן חיים — 249, 267, 271, 310, 396, 406, 407, 409, 410, 412, 415, 418, 420, 423, 425
ליטוואַק א. — 40
ליטווין א. — 95, 104, 105, 107, 108, 111, 115־119, 128, 270, 313
לייבל — 454, 467
לייוויק ה. — 310
לייטסטאַן — 124
ליכטהיים ריכאַרד — 305, 306
ליווי ב. — 465
ליכטענשטיין ס. דר. — 96
ליליפּוט — 256
ליליענטאַל ב. ל. ראַביי — 435
לין — 269, 272, 385
לינקאַלן, נעב. — 410
ליעסין אברהם — 62, 84, 88, 89, 90, 94, 103, 116, 127, 265, 311, 376, 430
ליפּסקי לואי — 97, 99, 144, 153, 156, 221, 340, 341
לעבעדיקער — 323
לעגיאַן (זע: אידישער לעגיאַן)
לעהמאַן הערבערט — 44
לעהמאַן עמנואל — 152
לעוו ש. — 497, 499, 501
לעוויטאַן (ליווי) — 111
לעווין — 155
לעווין (מאַנטרעאל) — 490
לעווין א. — 216, 328
לעווין אב. — 471
לעווין ב. — 353
לעווין יעקב — 313, 319, 325, 410, 415, 418, 419
לעווין נחום — 540
לעווין עפּשטיין ז. — 344
לעווין שמריהו — 47, 72, 192, 223, 285, 291, 336, 339, 342
לעווקאַוויטש אברהם — 540, 544
לעווקאַוויטש ש. (לביא) — 539, 550
לעמבערגער פּאַגראַם — 60
לעאַנטיעוו מ. — 146, 147
לעפּקאַוויץ ה. — 336, 409, 410, 418
לעקערט הירש — 150
לערן־ביכער — 410, 411, 418
לערער לייבוש — 419, 420

לערער־סעמינאַר — 298, 403, 409, 412, 414, 419, 420, 421, 470
לערער־פאַרבאַנד — 416

מ

מאַגנעס יהודה לייב — 29, 30, 34, 144, 146, 153, 156, 193, 194, 195, 221, 222, 265
מאַהעל י. — 259, 280, 289, 335, 359
מאַטענקאָ יצחק — 506, 508־510
מאירסאָן גאָלדע — 501
מאירסאָן — 410
מאַיער טשאַרלס — 168, 200, 209
מאַלאַמוד י. — 480
מאַכטענבערג מ. — 125
מאַלאַמוד י. ל. — 508
מאלדען — 239
מאלטין ישראל — 148
מאלין י. — 243
מאן א. — 465
מאַן־צוקער שרה — 445, 446
מאַנדעל — 278
מאני לייב — 146
מאנסאן, חברה — 454
מאנסטער — 454
מאנטרעאל — 137, 161, 163, 184, 208, 211, 227, 254, 267, 316, 330, 354, 358, 363, 371, 373, 375, 395, 407, 411, 412, 417, 445־452, 464־467, 473־505
מאָנטרעאל, פרץ־שול — 477־491
מאָנטרעאל, פאָלקס־שול — 491־503
מאַסאָווער מאיר — 96, 97
מאסטעראוו ה. — 137
מאַסליאַנסקי צבי הירש — 97, 118, 153, 156, 404
מאָסענאָן בן ציון, דר. — 298, 332
מאַסקאָוויטש — 445, 446, 447
מאַצקין לעאָן, דר. — 40, 45, 336, 339, 431
„מאקאביען" — 97, 100
„מאַקאַבייער" — 452
מאקסאָן — 420
מאַקסים — 144, 157, 158
מאַרגאָלין לואיס — 317
מאַרגאָלין לוי — 540, 544
מאַרגאַשעס ש. דר. — 145
„מאַרגן־זשורנאַל" — 154
מאָרגענטוי העגרי — 306
מאָרגענשטערן — 541
מאַרדער — 465
מאָריס יעקב — 447, 452
מאָריס מייער — 106
מאָריסאָן איזידאָר ד. — 90
מאַרקאָוויטש — 470
מאַרקאָוויטש א. — 467
מאַרקאָוויטש ב. — 96
מאַרקוס ישראל, דר. — 122, 126, 137, 144, 146, 210, 269
מאַרקוס מאַרק — 156
מאַרקס קאַרל — 102, 173, 331, 425, 475
מארקעל מ. — 153
מאַשעוויצקי מ. — 246, 259, 280, 289, 321, 335, 407, 419, 423
מהרם פיניע — 490, 497
מוזמאַן — 454
מוחמד רישאַד — 555
מונדזשי בעיי — 175
מזה ה. — 126
מזרח־אייראָפּעאישע אידן — 3, 4, 6, 8־11, 26, 28
מזרחי — 65, 70, 71, 72, 130, 223, 343, 344, 367, 433
מיטשעל א. — 468
מיטשעל י. — 325
מייבערג א. — 492, 494
מייבערג מ. — 492, 495
מייזל ס. — 407
מיינס מ. — 471
מיינער — 461
מייער — 97
מייערסאָן א. — 499
מייערסאָן מ. — 499
מיכלין — 495
מילוואָקי — 123, 203, 210, 223, 226, 256, 269, 324, 335, 352, 354, 374, 381, 384, 395, 411, 417
מילך י. — 451
מילער אב. — 315, 317, 318
מילער בן ציון — 124, 155, 257, 289, 299, 335
מילער יוסף — 239, 240, 241
מילער לואי — 81, 89, 92, 103, 118, 135, 153, 158, 168, 173, 175, 224
מילער לואיס — 498
מינסקער פועלי ציון — 112, 115, 122, 170, 172
מינעאַפּאָליס — 124, 208, 241, 351, 382, 390, 397, 417

מינץ מאזעס — 82, 83
מינץ אסתר (אַבערסאָן) — 124, 134, 137, 160, 165, 168, 234, 253
מיסיאָנערן — 456, 457, 487, 507
מיראָוויטש א. — 81
מירסקי בת ציון — 351
מירסקי פּ. — 466
„מכבי" — 352
מלמד ש. דר. 285, 291
מעדאָוו ר. — 519
מעדעם וולאַדימיר — 89
מעטפּאס ל. — 469
מעלצער ל. — 254, 291, 299, 301, 427, 449, 451, 452, 464, 465, 466, 476, 477, 478, 492־495, 498, 500
מעלצער מרים — 496
מענדעלע מוכר ספרים — 12, 125, 126, 147, 291, 489, 517
מענדעלסאָן י. — 301
מענסאָן מאַקס — 467, 469
מענשעוויקעס — 154
מעסאָפּאָטאַמיע־קאָלאָניזאַציע — 174־178, 182
מעק יוליאַן, ריכטער — 60, 434, 435
מעקנאמארא ברידער — 252
„מערבי" — 111
מעריסאָן י. א. דר, — 84, 420
מערלין ס. — 448
„מפיצי שפת עבר וספרותה" — 95, 112
מקוה ישראל — 83
מרגליות מיכל — 366
מרמר קלמן — 74, 145, 146, 161, 162, 164, 168, 188, 191, 216, 224, 254, 258, 260, 269, 286, 287, 288, 328, 376, 413, 414, 451, 452, 558
משיווסקי משה — 364

נ

נאָבעלמאַן ג. — 499
נאַדיר משה — 310
נאָומאָוו ש. — 257
נאָוואַק הערש — 407, 473, 476, 479, 480־486, 489־491
נאָוויק א. — 454, 467
נאַטאַנזאָן וויליאַם — 268
נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן — 55
נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע־קאָמיטעט — 49, 55, 431, 433, 434
נאַציאָנאַל פאָנד — 115, 132, 133, 140, 141, 143, 144, 179, 181, 185, 219, 225, 226־229, 243, 278, 280, 285, 287, 330, 336־338, 346־350, 356, 359, 402, 448, 455, 461, 541, 562
נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות — 132, 172, 176, 177, 180־184, 190־198, 285
נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק — 254
נאַציאָנאַלע הלוואה — 433
נאַציאָנאַלע רעכט — 52, 53, 57, 125, 139, 172, 178, 191, 192, 279, 297, 310, 318, 379, 380, 382, 383, 430־435, 556, 557
נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט — 54־59, 277, 315, 431, 432־434
נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס — 48, 49, 54, 55, 379, 380, 381, 431
נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ — 89
נדב יצחק — 552
נוּאַרק — 124, 226, 239, 316, 374
נח מרדכי עמנואל — 125
נחמני יוסף — 550, 552
ניגער שמואל — 187, 473, 476, 480
ניו דזשוירזי — 126
ניו־הייוון — 124, 163, 323, 410
ניו יאָרק — 124, 148, 163, 164, 211, 221, 222, 226, 231, 239, 245, 246, 257, 258, 278, 280־285, 291, 322, 334, 335, 341, 352, 372, 373, 380־385, 390, 391, 394, 425
„ניו יאָרקער אידישע פאָלקסצייטונג" — 82, 83
ניומאַן ח. — 347
נייטן א. — 466
„נייטס אָוו זייאָן" — 91, 251, 340
„נייע לאַנד" — 309
„נייע לעבן" — 178, 183, 186, 191, 241, 247, 262, 265, 267, 271, 409, 448
„נייע צייט" — 82, 90
„נייע שטימע" — 74, 128, 129, 131
„נייער גייסט" — 88
„נייער דור" — 268, 413
ניסאנאָוו יחזקאל — 548
נעטער י. — 92
נעלקין, דר. — 299
נעלקין רחל — 540
נעפּסקי — 122
נעכמאַן — 490

ס


סאלאָמאָן — 154
סאלאָמאָן יעקב — 445, 447
סאלוצקי י. ב. — 386, 451
סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל — 85, 138, 139, 142, 147, 179, 180, 186, 242, 279, 528, 535, 536, 569
סאָציאַליסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל — 423
סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּועלי ציון — 121, 160, 161, 162, 223, 236, 277־288, 303, 318, 346, 348, 373, 390, 391, 394
סאָקאָל זיגמונד — 507
סאָקאָלאָוו נחום — 72, 306, 431
סארנאצקי י. — 299, 375
ס. ד. — 151, 171, 302, 458
סוראַף — 318
ס. ט. — 105, 134, 135, 142, 145, 153, 155, 158, 163, 168, 170־178, 182־186, 191, 199, 226, 237, 238, 240, 245־247, 256, 262, 263, 265, 268־272, 310, 319, 320, 400, 407, 409, 410־413, 416, 417, 418, 430, 446־449, 454, 456־459, 467, 472, 473, 505־509, 511־516, 524
סט. לואיס — 123, 126, 135, 149, 157, 199, 202, 210, 226, 232, 234, 241, 410
סט. פּאול — 240, 258, 291, 374
סטאַדאַלסקי ב. — 359
סטאַווסקי משה — 310
סטאַליניזם — 76, 78
סטאלינסקי אהרן — 385
סטייוועסענט פּיטער — 3
סטיין י. — 461, 463
סטרייקן — 114, 170, 199, 202, 203, 254, 257, 275, 297, 371־375, 451, 465
סיגאל לואי — 396, 403
סיגאל שמואל — 184, 241, 244, 259, 268, 290, 291, 299, 301, 325
סיגל יעקב — 269
סיגל מ. — 359
סיו סיטי — 269
סיידעל עמיל — 208
סיימיסטן — 131, 150, 151, 158, 172, 178, 240, 524
סייקין ד. — 478, 480
סיירוס אַדלער, דר. — 56
סילווער, הרב — 416, 417
סילווער ס. — 464
סילווערבערג מ. — 468
סילווערמאַן א. ז. — 452־456, 467, 506
סילווערמאַן — 466
סילווערמאַן, ראַביי — 261
סילעף — 499
סינגער ל. — 247
סינסינעטי — 213, 269, 352, 394, 417
סיראָטא וו. — 466
סיראַקיוז — 269, 385, 417
סירקין נחמן, דר. — 23, 90, 110, 111, 130, 131, 173־177, 180־188, 194, 198, 208, 210, 228, 241, 243, 245, 255, 257־260, 265, 267, 270, 278, 280, 286, 288־292, 297, 299, 300, 301, 307, 309, 311־319, 321, 325, 330, 331, 339, 342, 343, 355, 357, 358, 361, 364־366, 374, 377, 380, 384, 385, 390־394, 397, 408, 430, 431, 435, 448, 449, 451, 466, 483, 561, 564, 567
סלאבאדין ה. — 307
סלאָבאָדסקי י. — 479, 480, 481, 485
סלאָבאָדסקי כייקע — 485
סלאָבאָדקין — 461
סלאָנים י. — 173, 183, 188, 451
סלאָנימסקי הערי, דר. — 120, 121
סלוצקי — 318
סלוצקי ה. — 315
סלושטש נ. דר. — 174, 311, 313, 364
סלושץ שמואל — 537
ס. ל. פּ. — 121, 132, 147, 186, 202־210, 218, 378, 381, 471
סליפּצין מ. — 500
סמאָל ב. — 480
סמיליאַנסקי משה — 146, 147
ס. ס. — 131, 151, 158, 170, 186, 445, 524
סעטה לואי — 152
סענטראַל רעליף קאָמיטע — 32, 43
סעקאדער י. — 198
סעראַדזקי — 470
„סערפּ" — 170, 172, 176, 177, 186, 191, 245, 262, 448
ס. פּ. — 132, 186, 203־210, 252, 255, 256, 259, 261, 268, 269, 297, 312, 324, 325, 367, 375־382, 386־390, 394
ס. ר. — 151, 152, 153, 171, 246, 256, 302, 458

ע

עבד אל חמיד — 552, 553, 554
„עבריה" — 110
עדעלהייט שלמה — 299
עדעלמאַן — 461
עדעלמאַן יצחק — 122, 168
עדעלמאַן פנחס — 122
עדעלשטאַט דוד — 84
עדעלשטיין יחזקאל — 120, 121, 122, 135, 137, 144, 145, 158, 168, 216, 228, 239, 254, 331, 448
עהרענרייך הערש — 144, 160, 161, 164, 181־186, 197, 198, 202, 203, 229, 245, 250־259, 266, 267, 274, 276־280, 285־291, 297, 299, 300, 302, 303, 304, 309, 311, 319, 320, 328, 341, 342, 343, 347, 348, 355, 357, 359, 363, 367, 374, 392, 393, 403, 407, 409, 410, 411, 415, 423, 426, 427, 460, 478, 483, 484
עהרענרייך חיים — 425־428
עלבע לעאָן — 264, 267, 271, 409, 410, 413, 415, 416, 418
עללען אייזיק — 96, 97
עלמאַן — 474
עלסבערג ש. דר. — 33, 34, 36, 153, 198, 267, 277, 300, 325, 364, 380, 409, 433
עלקין, חברה — 355
עלקין מ. — 514
עלקין נ. — 247
עלשטיין ל. — 475
„עם עולם" — 10, 11, 69
עמיגראַציע — 104, 168, 173, 178, 180, 182, 186, 206, 207, 242, 259, 372, 373, 376, 380, 395, 399, 400, 403, 429, 434, 450, 459, 468, 553, 534
עמנער — 465
ענטין יואל — 33, 34, 63, 74, 95, 125, 146, 188, 249, 263, 264, 266, 268־272, 277, 285, 289, 291 297, 299, 301, 303, 304, 309, 312, 313, 316, 322, 325, 366, 374, 395, 396, 399, 406־412, 414־420, 423־427, 451, 466, 486, 496
ענגליש־רעדנדע פאַראיינען — 162, 163, 259, 280, 286, 299, 300, 303, 304, 323, 324, 457
ענדעלמאַן א. — 500
עסנער א. — 452, 466, 492, 495
עפשטיין (א"י) — 544
עפשטיין — 323
עפשטיין אַלבערט ק. — 268
עפשטיין י. — 121, 133, 137
עפשטיין י. — 466
עפשטיין יצחק — 528
עפשטיין מ. — 492, 495
עפשטיין מלך — 320
עפשטיין ש. — 451
עפשטיין (קליוולאַנד) — 358
ערמאַן י. — 461
ערשטער פוע"צ־פאַראיין אין ניו יאָרק (גע־גרינדעט, 1903) — 81, 95, 96, 101, 110־119
ערשטע פוע"צ־פאַראיינען אין ניו יאָרק (1901־1903) — 96־100
ערשטער מאַי — 148, 149, 163, 170, 205, 209, 210, 287, 383, 569

פ

פאַגראַמען אין רוסלאַנד — 9, 93, 112, 130, 150־152, 429, 447, 528
פאַגראַמען אין פוילן — 60, 279
פאַדלישוק י. — 180
פאולין — 454
פאַטאַצקי — 299, 300, 375
פאַטעל י. — 490
פאַטערסאָן דזש. ה. — 362
פאָליטישע טעטיקייט אין אַמעריקע — 115, 185, 203־209, 375־382
פאַליי יאָהאַן — 153
פאַלישוק י. — 180
פאלקאפף מ. ד. — 97
פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד — 185, 218־220, 230, 242, 243, 254, 275, 276, 292, 313, 326־340, 349, 350, 367, 398, 426, 461, 462, 527, 561־568, 571
פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד אין ארץ ישראל — 327־334, 462
פאַלעסטינע־קאָמיטעט — 168, 185, 215, 219, 252, 253, 254, 258, 259, 276, 297, 298, 299, 326־340, 346־351, 359, 367, 398
פאַלעסטינצעס־פועלי ציון — 130־136, 226, 446, 447
פאַסמאניק ד. דר. — 147
פאַסעייק — 123
פארגאָ דזשאָן — 389
פאָרטוגאלי מענדל — 338, 544, 548
פאָרטלאַנד — 124

פאשערסטניק ז. — 466
פאשערסטניק ר. — 478
פויזנער ס. — 366
פוילן, אידן־פראגע — 259, 278, 279, 395, 398, 430, 435, 470
פועלי ציון אין ארגענטינע — 242, 302, 367
פועלי ציון אין ארץ ישראל — 111, 185, 212, 213, 217־220, 347, 524־572
פועלי ציון אין ענגלאנד — 97, 111, 234, 258, 302, 321, 328, 358, 412, 527
פועלי ציון אין עסטרייך — 110, 111, 134, 161, 168, 191, 224, 283, 302, 304, 347, 357, 526, 567
פועלי ציון אין פוילן — 302, 304, 347, 357, 526, 567
פועלי ציון אין רוסלאנד — 110, 113, 132, 134, 150, 151, 159, 217, 224, 228, 258, 259, 276, 277, 278, 281־285, 301, 302, 357, 358, 530־532, 536, 566, 567
פועלי ציון יוגנט אין אמעריקע (זע: יונגע פועלי ציון)
פועלי ציון יוגנט אין עסטרייך — 422, 423
פועלי ציון יוגנט אין פוילן — 423
פועלי ציון יוגנט אין רוסלאנד — 422
פועלי ציון־קאנווענשאנס אין אמעריקע: קאנווענשאן אין פילאדעלפיע (29 אפריל־1 מאי, 1905) — 131, 132; ערשטע קאנווענשאן אין באלטימאר (23־27 דעצעמבער, 1905) — 137־144, 211, 222, 226, 227, 236; 2טע קאנווענשאן אין באסטאן (15־18 דעצעמבער, 1906) — 160־162, 167־169, 191, 201, 202, 204, 216, 223, 224, 227, 236, 262; 3טע קאנווענשאן אין פילאדעלפיע (25־30 סעפטעמבער, 1907) — 162, 163, 168, 169, 201, 203, 210, 217, 228, 238, 262, 355;
4טע פאראייניקונגס־קאנווענשאן אין שיקאגא (2־7 אקטאבער 1909) — 180, 181, 225, 241, 263; 5טע קאנווענשאן אין מאנטרעאל (19־23 אקטאבער, 1910) — 183־186, 192, 203, 208, 209, 219, 225, 228, 229, 244, 245, 264, 355, 375;
6טע קאנווענשאן אין דעטראיט (8־12 אקטאבער, 1911) — 249, 251־253, 340;
7טע קאנווענשאן אין פיטסבורג (19־21 אקטאבער, 1913) — 257־259, 272, 330, 331, 347, 348, 358, 371־372, 376, 377, 383, 384; 8טע קאנווענשאן אין ראטשעסטער (24־30 דעצעמבער, 1914) — 277־280, 334, 348, 373, 378, 411, 412, 422, 423;
9טע קאנווענשאן אין קליוולענד (25־31 אויגוסט, 1915) — 286־290, 334, 335, 348, 352, 359, 374, 375, 424; 10טע קאנווענשאן אין באסטאן (14־19 אקטאבער, 1916) — 297־300, 337, 349, 380, 426;
11טע קאנווענשאן אין פילאדעלפיע (25־29 דעצעמבער, 1918) — 312, 313, 324, 325, 339, 345, 350, 382, 427
פיאנערן פרויען ארגאניזאציע — 290
פיטסבורג — 123, 135, 157, 199, 241, 268, 371, 381, 417
פיין מאקס — 42, 68, 314, 374
פינסקי דוד — 12, 125, 280, 285, 286, 289, 299, 301־304, 308, 311, 312, 316, 317, 323, 325, 336, 338, 374, 378, 396, 399, 405, 423, 451
פינסקי מ. — 137, 168, 228
פינעס — 466
„פיפלס קאונסיל" — 388, 390־393
פיפלס־רעליף — 28־46, 68, 277, 288, 297, 298, 301, 302, 304, 398, 399, 403, 424
פלאטראט ראובן — 245, 247, 323, 325
פלעווע — 108
פעוזנער בעלא — 123־126, 135־137, 144־146, 167, 447, 454, 455, 459
פעטיבאן — 200, 209
פעטערסאן — 124, 268, 316, 371, 385
פעסקין ש. דר. — 93, 94, 107, 108
פעריל מ. — 466
פערלמאן י. — 462, 471, 541
פערלמאן נ. — 485
פערלמוטער — 168, 454
פערלמוטער ב. — 498
פערסיקאף ש. — 454
פערסיקער — 454, 467
פ. פ. ס. — 94, 95, 154, 286
פראווידענס — 124, 269, 272, 422
פראוויזארישער ציוניסטישער קאמיטעט — 49, 70, 338־346, 349, 350, 430, 434
„פראלעטארישער געדאנק" — 532
פראסאוו י. — 514
„פראפאגאנדע־פאראיין" — 81
פרושיינסקי י. — 449, 452, 455, 464, 465, 474, 480, 505
פריזענט ה. — 235, 352
פרנס א. — 480, 492, 494, 497, 499
פרעגער איזידאר — 126
פרעגאוויץ י. ש. — 146
פרץ יצחק לייב — 12, 37, 258, 291, 396, 398, 451, 489, 517

## פ

פאַבריקאַנט חיים — 457
פאַל ריווער — 412
„פאָלק" — 119, 170, 172, 173, 199, 238
„פאָלק" (מאָנטרעאַל) — 488, 497, 510
„פאָלקס אַדוואָקאַט" — 83
פאָלקס־ליגע פאַר אידישע סאָלדאַטן — 401, 402, 405
„פאָלקס צייטונג" — 450, 451, 478, 504, 507
„פאָלקס שטימע" — 183, 186
פאַן וואַל — 150
פאַראייניקונגס־פּלאַטפאָרם, שיקאַגאָ — 178־180
פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן — 68, 83, 85, 200, 314, 316, 374, 386, 389, 400, 434
„פאָרווערטס" (לאָנדאָן) — 111
„פאָרווערטס" (ווילנע) — 536, 564
„פאָרווערטס" (ניו יאָרק) — 34, 87, 89, 91־94, 98, 99, 101־109, 112, 117, 118, 119, 123, 126, 127, 152, 153, 155, 158, 206, 237, 238, 265, 269, 283, 313, 314, 386, 416, 453
„פאָרטשריט" — 315, 316
פאַרלאַגס־אַרבעט — 144, 149, 166, 167, 181, 188, 254, 292, 299, 301, 304, 310, 323, 335־337, 427
פאַרמאַן י. — 426
פאַרמער — 195, 242
פאַרנבערג ק. דר. — 127, 157, 158, 323, 374, 377
פיגלער ב. — 500
פייגנבוים בנימין — 87, 90, 93, 128, 205, 376
פיין אל. — 328
פיינבערג ד — 500
פיינבערג ח. — 550
פיינמאַן ס. — 258
פיינמאַן חיים — 120, 126, 133־137, 143, 144, 164, 165, 168, 238, 244, 254, 257־260, 278, 279, 299, 304, 318, 323, 325, 352, 411, 511
פיינער — 96
פייערמאַן משה — 461
פייפמאַכער א. — 135, 153, 155, 170, 171, 173
פילאַדעלפיע — 41, 120־122, 126, 135, 136, 144, 148, 158, 199, 200, 211, 221, 226, 239, 240, 243, 247, 268, 316, 352, 391, 419
פילאַנטראָפיע — 26, 28, 31
פינק י. דר. — 137, 144
פינקעל ד. — 167
פינקעלשטיין וו. — 481
פינקעלשטיין ז. — 257
פעדער י. — 467
פעלדבערג — 155
פעלדמאַן יוסף, דר. — 246, 247, 266, 398
פעלדמאַן י. דר. (וויניפעג) — 460
פראַסט — 155
פרוג שמעון — 101, 125, 126
פרויען אין פאַרבאַנד — 405
פרויען־פאַראיינען (פוע"צ) — 289, 448, 451
פרומהאַלץ פ. — 505, 506
פרומקין א. — 95
פרידלענדער — 194
פרידמאַן — 454
פרידמאַן ב. — 122
פרידמאַן יעקב (וויניפעג) — 458, 459
פרידמאַן יעקב — 426
פרידמאַן י. י. — 146
פרידמאַן פ. — 96
"פרייהייט" — 423
פריליכאָוו משה — 124, 259, 313, 377
פריימאַן י. — 468, 469, 507, 509
„פריינד" — 238, 243, 270, 283, 416
„פריינט" (רוסלאַנד) — 410
„פרייע אַרבעטער שטימע" — 73, 92, 105, 117, 147, 173, 237, 278, 282, 283, 287, 400, 483
פרימאַק ב. — 97
פרישבערג י. ז. — 133, 238
פרענקעל אליעזר — 458, 507

## צ

צאַריזם — 8, 75
צביון — 41, 42, 265, 311
צוואַנקין פ. — 459
צווייטע עליה — 524־572
צונער אליקום — 257
„צוקונפט" — 73, 86, 87, 175, 255, 256, 311
צוקער ל. — 445, 448, 464־466, 480, 485, 486, 490, 491, 501
צוקערמאַן ברוך — 124, 125, 155, 165, 171, 173, 177, 181־188, 193, 197, 198,

208־210, 229, 241, 243, 245, 247, 251,
254־259, 266, 267, 276, 277, 280, 285־
291, 298, 304, 308־313, 315־317, 325,
336, 338, 342, 344, 352, 355, 357, 374,
376־380, 383, 388, 399, 409, 411, 429־
431, 448, 449
ציוקין שלמה — 459, 513
ציוקין סיליא — 513
ציוניסטישע פאַראייניגען אין ניו יאָרק — 98
ציוניסטישע קאָנגרעסן — 72, 97, 110, 128,
130, 131, 133, 168, 179, 185, 221, 281,
318, 324, 325, 402, 534, 541
ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט — 99, 168,
169, 223, 224, 305, 306, 345, 362
ציוניסטישע עקזעקוטיווע — 370
ציון־קאָמיסיע — 318
ציונס אַרבעטער־פאַראיין — 96
„צייט" (לאָנדאָן) — 106
„צייט" (ניו יאָרק) — 80, 304, 320, 322,
324, 350, 396, 427, 467
„צייט גייסט" — 237
ציפערשטיין י. — 473־477
צלאל — 558
צמח ש. — 539, 549
צעטערבוים מאַקס — 92
צענזוס — 264
„צעירי פועלי ציון" — 122, 199, 226
צעירי ציון (א"י) — 537
„צעירי ציון" (וויניפעג) — 460
צפרוני — 369
צפתי חיים — 544, 552

## ק

קאָאָפּעראַציע — 114, 120, 181, 258,
259, 300, 383־385, 398, 405
קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע אין א"י —
179, 181, 182, 185, 187, 228, 229,
325, 347, 356, 357, 561־564
קאָברין לעאָן — 88, 291, 451
קאגאן א. — 286
קאָהן אַרנאָלד — 152
קאָהן דזש. 499
קאהן — 275
קאהן ל. — 407
קאהן מ. — 468
קאהן פּ. — 469
קאָהאן אב. — 81, 82, 85, 86, 87, 95, 104,
105, 107־109, 117, 128, 156, 157, 314,
400, 416
קאהאַנסקי י. — 30, 156
קאהען א. — 467
קאהען ב. — 515
קאהען י. — 427
קאופמאַן מ. — 205, 206
קאָוען טשאַרלס — 345
קאַזשדאַן י. — 267
קאטין, פרל. — 111
קאָטלער — 96
קאָטלער — 318
קאָטלער הערי — 435
קאָטץ — 454
קאטשין ש. — 461
קאָך ב. — 184, 185, 219, 251
קאָלאָניאַל באַנק — 91, 115, 132, 141, 143,
160, 179, 225, 227, 542
קאלגארי — 519
קאָלדאָווסקי ל. — 506, 507
קאָלומבוס — 124, 236
קאָלומבוס קריסטאָפער — 2
קאָמאַראָוו א. — 173, 328, 451, 480
קאָמינער ה. ה. — 128
קאמיי יוסף — 406, 483, 509
קאמיי זלמן — 509
קאמינסקי י. — 407
קאָמיסאַראָוו ל. — 471
קאמעראָוו א. — 544
קאַנאַדע — 223, 224, 235, 259, 349, 350,
367, 377, 378, 432, 445־519
קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס — 457, 462,
466, 488
קאַנאַדער נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד — 414־472
קאַנאַדער סאָציאַליסטישע פאַרטיי — 459
קאַנאַדער ציוניסטישע פעדעראַציע — 162,
235
קאַנאַדער פועלי ציון — 445־464
קאַנאַדער שולן — 473־519
קאנדעל — 275
קאַנטאָר — 454, 467
קאַנטאַראָוויטש חיים — 325, 427
קאָנסערוואַטיוון — 4
קאָסטאָף מאיר — 407
קאסטין א. — 499
קאָסמאָפּאָליטיזם — 85, 86, 89, 107, 108,
112, 138
קאספע א. דר. — 106, 420
קאָפּלאַן אפרים — 264
קאָפּלאַן, דר. — 256

קאַפּלאַן (ראָטשעסטער) 407
קאַפּלאַן מ. — 467
קאַפּלאַן משה — 268
קאַפּלאַן נ. — 166
קאַפּלאַן ש. — 461
קאַפּלאַנסקי שלמה — 146, 186, 224, 228, 275־279, 280־287, 334, 335, 348־350, 359, 378, 398, 411, 430, 452, 458, 536, 561, 567, 569
קאַפּעלאָוו י. — 153, 155, 157, 198, 314, 325, 420
קאַפּעלאָוויטש י. — 122
קאַפּעלאָוויטש ל. דר. — 124, 125, 136, 137, 140, 143, 144, 146, 162, 166־169, 175, 229, 303, 320, 366
קאָץ חברה — 466
קאָץ — 500
קאָץ יעקב — 465
קאַץ משה — 63, 119, 135, 173, 188, 198, 256, 300, 325, 364
קאַצמאַן א. — 498
קאַצמאַן יעקב — 299, 359
קאַצענעלסאָן בערל — 84, 216, 370
קאַצענעלסאָן, דר. — 156
קאראוואי י. — 407
קארנבערגער ע. — 452, 480, 484, 485
קאַרפּ ב. — 269
קיבוץ גלויות — 24
קהילה־טעטיקייט — 185, 193־195, 242, 256, 265, 328, 405, 431, 433
קודלי י. ח. — 257
קוויבעק, שול־פּראַגע — 473, 474, 503־505
קויפמאַן יהודה — 322, 324, 325, 354, 398, 404, 419, 420, 421, 452, 457, 458, 466, 480, 483, 484, 487, 492, 495־500, 503, 510, 519
קויפמאַן נ. — 259, 280, 289, 299, 335, 359, 409
קולטור־אַרבעט — 114, 125, 126, 132, 165־167, 181, 186, 188, 189, 242, 259, 303, 304, 398־401, 404, 405, 459, 466, 469
קולטור־פּלוראַליזם — 21
קונין אב. — 247
קופּת־חולים — 359
קורנאס דזשאַן — 120, 121
קורצער ה. — 461
קייזערמאַן ח. מ. — 451, 452, 490, 498
קינג עדוארד — 119
„קינדער וועלט״ — 418, 419, 488
קינדער־ליטעראַטור — 396, 406, 409, 414, 427
קיפּנים — 426
קירענייקע — קאָלאָניזאַציע — 174
קירשענבוים ה. מ. — 467־470
קישיניעווער פּאָגראָם — 28, 29, 101־109, 117, 150, 152
קלאַגסבערג י. — 469
קלאַצקין יעקב — 429
קליגמאַן י. — 519
קליוולאַנד — 124, 223, 229, 234, 239, 268, 280, 291, 316, 320, 358, 385, 395
קליוולאנד גראַוער — 117, 152
קליי בערל — 65, 214, 215, 335
קליין 96, 97
קליין (טאָראָנטאָ) — 506
קליין א. — 247
קניטער — 96
קעלער וו. — 462, 471
„קעמפּער שטימע״ — 186, 257, 260, 290, 335, 341, 378
קענאַן דזשאָזעף — 380
קענדזשערסקי ראובן — 210, 257, 278, 281, 284, 288־290, 322, 411, 413
קענדעל ש. — 286
קענזעס סיטי — 123, 241
קענטאַן — 291
„קענעדער אָדלער״ — 253, 455, 460, 464, 467, 474, 475, 479, 481, 487, 488, 493, 495, 504, 505, 508
קעסנער וו. — 511
קראַוזע א. — 562
קראָל — 454
קראַנאַן י. — 257
קראָנענבערג — 259, 358, 376
קראַנץ פּיליפּ — 198, 416
קראַפּאָטקין פּעטער — 106, 282, 399
קראַקאָווער איידאַ — 457
קרוגער ס. — 469, 470
קרוזאַ פּנחס — 253, 268, 291, 299, 300, 303, 376, 377, 407, 425, 426
קרויז אַדאָלף — 156
קרומהאָלץ — 328
קרופּיצקי י. — 160, 161
קרושעוואַן — 101, 150, 151, 256
קריטשמאַר־איזראַעלי — 254, 285, 289, 290, 321, 366, 367, 392
קרימסקי יוסף, דר. — 430
קריסטמעס — 261
קרעמער מ. — 458, 468, 469

## ר


ראַבינאָוויטש י. — 498, 504
ראַבינאָוויטש מרדכי — 539, 542
ראַבינאָוויטש פייוול — 364
ראַבינער י. — 446
ראַדזשער וויליאַמס — 3
ראַדין, דר. — 156
ראובני א. — 186, 326
ראָזאָווסקי יואל — 117, 124, 133, 137, 143־145, 161־169, 177, 183־186, 217, 222, 223, 266, 325, 558
ראָזומאָווסקי מ. — 171, 173
ראָזמאַרין י. — 485
ראָזענבלאַט רחל — 451, 498
ראָזענבלאַט פּרענק, דר. — 317
ראָזענבערג ל. — 458
ראָזענטאַל מ. — 490
ראָזענסאָן ח. — 317
ראָזענפעלד — 506
ראָזענפעלד י. — 466
ראָזענפעלד מאַקס, דר. — 331
ראָזענפעלד מאָריס — 87, 88, 91, 119, 146, 166, 168
ראָזענשפּיר — 454
ראטמאַן י. — 352
ראָטשילד, באַראָן — 157, 233, 362
ראָטשעסטער — 124, 135, 166, 200, 226, 236, 269, 323, 358, 410, 417
ראַיעווסקי טש. — 82, 153
ראכלין פלארענס — 509
ראכלענקא — 495
ראַלניק יוסף — 188
ראסעל טשאַרלס עדוואַרד — 388
ראסקין שאול — 314
ראקאָוו ד. — 466
רובאַשאָוו זלמן (שזר) — 178
רובין ד. — 466
רובינשטיין א. ח. — 474, 475, 504
רודניק חיים — 540
רודערמאַן י. — 359
רוזוועלט טעאָדאָר — 72, 106, 156
רוטענבערג פּנחס — 39, 40, 275, 290, 339, 361, 366, 430, 431
רוטענבערג טשאַרלס ע. — 388
ריבאַק בען — 122
רויזענבלאַט ה. — 146, 147, 285, 314, 363, 366, 404, 449, 466
„רויטער מגן דוד" — 366
רוכימאָוויטש בן ציון — 540, 544
רוסיש־יאַפּאַנישער קריג — 75
„רוסיש־אידישער אַרבעטער־פאַראיין" — 82
רוסישע רעוואָלוציע — 55, 78, 99, 301, 303, 402, 524
„רוסישער אַרבעטער פאַראיין" — 81
„רוסישער פּראָגרעסיווער פאַראיין" — 83
רופּין אַרטור, דר. — 216, 228, 233, 306
ריטשאַרדס בערנאַרד — 430, 435
רייזן אברהם — 12, 267, 309, 310, 451, 517
רייט טשעסטער — 389
ריינהיין אברהם — 458, 506, 510, 511
ריינעס — 130, 155
רייס אַנשעל — 275
ריסקין פ. — 257
רמב"ם — 125
רמלה'ער פּלאַטפאָרם — 532־534, 553, 569
רעגאלסקי מ. — 316, 318, 319, 321, 431
רעוואוצקי אברהם — 275
רעזניק י. — 249, 325
רעזניקאָוו — 301
רעליגיע — 18, 107, 185, 193, 195, 238, 263, 408, 415, 419, 477, 487, 504, 505, 516
רעליף 28־33
רעפּאָרמער — 4, 5, 6, 261
רשבם י. — 289, 299, 335, 359


## ש


שאַליט משה — 407, 409
שאמער אברהם — 23, 429, 430
שאַפּיראָ אהרן — 257
שאַפּיראָ ב. דזש. — 183, 184, 192, 249, 264, 407
שאַפּיראָ יצחק — 518
שאַפּיראָ חיים — 407
שאַפּירא ל. — 146
שאַפּיראָ שלמה — 249, 267, 396, 407, 409, 410, 412־420, 423, 424
שאַפּיראָ ש. — 161, 168, 228, 446, 448, 453, 454, 467, 499
שאַץ באָריס, פּראָפ. — 213, 229, 230, 232
שאַץ ברידער — 468, 469
שאַץ הערי, דר. — 121
שאַץ צבי — 233
„שארית ישראל" — 3
„שובו ציון" — 83
שוואַרץ וועלוול — 186, 254, 259, 280, 289, 290, 291, 299, 354, 367, 407, 409

שוואַרץ י. י. — 146, 188, 310
שוואַרץ מאָריס — 310
שוואַרץ שלום — 368
שווייגער בערל — 548, 550
שוחט אליעזר — 549, 569
שוחט ישראל — 542, 544, 548, 549, 569, 572
„שוחרי שפת עבר" — 291
„שוחי שפת עבר" — 291
שויס חיים — 414, 419, 420
שוכטער מענדל — 269, 414
שולמאַן — 124
שול־פּראָגראַמען — 488, 489
שחר משה — 544
שטאם מ. — 407, 409
שטיינבערג יהודה — 146, 418
שטיינהויז — 470
שטרויס אָסקאַר — 152, 156
שטרויס נאַטאַן — 433, 434
שטריקמאַן ב. — 468
שיינקין מ. דר. — 213, 291, 297, 322, 336, 354
שייפער יעקב — 268
„שיבת ישראל" — 233
„שיל"ה" — 230־232, 570
שיף יעקב ה. — 152, 156
שיפּליאַקאָוו אברהם — 42, 68, 385
שיקאַגאָ — 122, 126, 135, 149, 157, 167, 182, 210, 223, 225, 231, 234, 239, 252, 253, 258, 264, 265, 268, 269, 271, 274, 278, 291, 316, 322־324, 352, 367, 373, 374, 381, 382, 383, 388, 406, 407, 410, 412, 413, 417, 423־426, 432
שלאָסבערג יוסף — 198, 308, 310, 315, 316, 317, 430, 451
שלום עלכם — 12, 125, 165, 166, 167, 291, 398, 399, 449, 452, 455, 462, 489, 517
שלום עלכם־אינסטיטוט — 418, 419
שלום־פּאָדערונגען — 52, 54, 279, 310, 315, 316, 317, 379, 380, 382, 389, 393, 398, 402, 431־435
שמאי — 544
שמואלזאָן מ. — 146, 147, 451
שניאור ש. — 121, 135, 171, 173, 192, 208, 251, 449, 452, 466, 473־475, 478, 480, 485
שניידער י. 425
שניידער אברהם — 480
שניידער שלמה — 500, 501
שניידער ש. — 480
שניצלער אַרטור — 188
שעהר — 470
שעכטער י. — 465
שעכטער מאיר — 96
שעכטער, פּראָפעסאָר — 148
שעלובסקי מ. — 320, 415
שענקער חיים — 465
שעפּס ב. 462, 471
שעפּס ג. — 514, 515, 517
שער ז. — 407
שערמאַן — 155
שערמאַן בצלאל — 300, 301
שערשאָוו — 461
שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן — 3־5, 8
שפּיזמאַן ל. — 423, 436־444
שפּינאָזע ברוך — 126
שפּראַכן־פראַגע — 140, 161, 180־183, 188, 191, 278, 320־322, 325, 395, 408, 411־414, 419, 482־485, 486, 487, 508־511, 544
שפּראַכן־פראַגע אין ארץ־ישראל — 185, 528, 529, 543, 544, 547
שקל — 84, 91, 141, 169, 179, 185, 221־225, 239, 256, 258, 281, 282, 285, 286, 312, 346, 402, 404, 460, 462
שקלאָווער מ. י. — 475
שראגא ד. — 466
שרהזאָן כ. ה. — 152
תלמוד־תורה — 203, 269, 270, 272, 273, 407, 417, 487, 488, 518
„תנובה" — 216
תנ"ך — 489
„תרבות" — 43

# רשימה פון ספּאָנסערס פון געשיכטע־קאָמיטעט
## ניו־יאָרק

צענטראַל קאָמיטעט פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע
גענעראַל עקזעקוטיווע אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
בילדונגס־פאָנד אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פּיאָנערן פרויען
נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל
„אַמפּאַל"
ניו־יאָרק דזשאָינט באָארד אַמאַלגאַמייטעד (אַב. מילער)
העט, קעפּ און מילינערי יוניאָן (י. ה. גאָלדבערג)
שטאָט־קאָמיטעט אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד:

באַראַכאָוו צווייג 14
סירקין צווייג 18
שלום־עליכם צווייג 24
יהואש צווייג 50
יהואש צווייג 53
י. ל. פּרץ צווייג 83
אינטימער ווינקל צווייג 100
בערל קאַצענעלסאָן צווייג 198
וואָלינער צווייג 210
טרומפּעלדאָר צווייג 212
י. ח. ברענער צווייג 169
אחד־העם צווייג 316
דוד פּינסקי צווייג 450
נחום סאָקאָלאָוו צווייג 455
סניף אוסישקין 485
צווייג 529
פאַרבאַנד־כאָר

פּועלי ציון צווייג איינס
ה. אייבראַמסאָן
נ. איזראַעלאָף
ז. בוימגאָלד
מאיר בראַון
ע. באַקסענבוים
ס. באָרדען
י. גאָטליב
י. דובעקירער
פּ. האַרדי
מ. הערץ
י. האָפמאַן
שלום וויינער
י. טיקמאַן
בנימין טעלער
לואי סיגאַל
דר. ס. פּאַקס
ראובן פינק
ברוך צוקערמאַן
פּנחס קרוזאַ
יעקב קאַצמאַן
מאיר קאַסטאָף
שאול ראַסקין
ס. שולזינגער
י. שטיינבערג
פּנחס שטיינוואַקס
בצלאל שערמאַן
ל. שפּיזמאַן

## אַטלאַנטיק סיטי

יהואש צווייג 232 א. נ. א. פּ.

## באַלטימאָר

הערמאַן זיידעל

## באָסטאָן

מ. לעפקאָוויטש
הירש מארקאָוויטש, זיך אָנגעשלאָ־
סן אין יולי 1905 אין ניו־יאָרקער
פאראיין פון פּועלי־ציון — פּאַ־
לעסטינצעם
א. סטערמאַן
ס. קאָהען
י. קראַווייעוו
א. שאַפּירא

## באַפאַלאָ

מ. גובענקאָ

## ברידזשפּאָרט

ציוניסטישער ארבעטער קאָונסיל

## דעטראָיט

ארלאָזאָראָוו צווייג 137 א. נ. א. פּ.
וויליאַם האַרדעס
ב. לייקין
הערי מאַנדרי
פּראָגרעסיוו לינען
קיסטאַן אויל רעפיינינג קאָמפּאַני
משה ל. שייוועק
וואָלף שניידער
מ. שעוועץ

## וואוסטער

פּועלי ציון

## ווײנלאַנד

פּועלי ציון

## יוניאָן סיטי

שלום־עליכם צווייג 30 א. נ. א. פּ.
ה. ארקוש

## יוסטאָן, טעקסעס

ש. ווײנער

## לייקוואוד

פּועלי ציון
ס. קאַפּלאַן

## מאונט ווערנאָן

מ. סאַלאָוו

## מיאַמי ביטש

ביאַליק צווייג 290 א. נ. א. פּ.

## מאָנטרעאָל

אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער ציו־
ניסטישער ארבעטער־באַוועגונג
אין קאַנאַדע

## מילוואָקי

נחמן סירקין צווייג פּועלי ציון

**נוארק**

ברענטש 59 א. נ. א. פ.
פועלי ציון
מ. בערדיק
ראלף וועקסלער
א. בורקע
סעם ווערמאַן
אָסקאַר פרידעל

**ניו־הייוון**

צווייג 82 א. נ. א. פ.

**סטעמפאָרד**

צווייג 274 א. נ. א. פ.

**סט. לואיס**

פועלי ציון
שלום־עליכם צווייג 17 א. נ. א. פ.

**סיראַקיוז**

ב. צ. מילער

**פאַטאַלומא**

פועלי ציון

**פיטסבורג**

אבא בעסקענד

**פראָווידענס**

פועלי ציון

**פילאַדעלפיע**

שטאָט־קאָמיטעט פועלי ציון
הסתדרות־קאָמיטעט
ביאַליק צווייג 25 א. נ. א. פ.
צווייג 351 א. נ. א. פ.
י. דאָרנבלום
בנימין פרידמאַן
דר. מ. קאַליש
ש. שאַפּיראָ

**קליוולאַנד**

פועלי ציון
דר. י. מילקאָוו
א. רעזניק

**ראָטשעסטער**

נח שער

# באַמערקטע דרוק־פעלער

אויף זייט 126, שורה 15 רעכטס, אנשטאָט: „מענדעלעס 50־יעריקן יובילײ", דאַרף זיין: 70־יאָריקן.

אויף זייט 134, שורה 13 לינקס, אנשטאָט: „שרה מינץ", דאַרף זיין: אסתר מינץ. אויף שורה 18 לינקס, אנשטאָט: „ד. אווערבוך", דאַרף זיין: י. אווערבוך.

אויף זייט 136, שורה 4 פון אונטן, אנשטאָט: „ה. כהן, ד. עדלשטיין, 725, 20טע סטריט", דאַרף זיין: ה. כהן ביי עדלשטיין, 725 2טע סטריט.

אויף זייט 143, ערשטע שורה רעכטס, אנשטאָט: „ה. עדעלשטיין", דאַרף זיין: י. עדעלשטיין.

אויף זייט 260, שורה 11 לינקס: אנשטאָט: „דר. ד. פעלדמאַן", דאַרף זיין: דר. י. פעלדמאַן

אויף זייט 332, שורה 5 פון אונטן, אנשטאָט: „יוסף כענקין", דאַרף זיין: יהושע כענקין.

אויף זייט 427, שורה 14 לינקס, אנשטאָט: „נ. קאַנטאָראָוויטש", דאַרף זיין: חיים קאַנטאָראָוויטש.

אויף זייט 462, שורה 8 אונטן, אנשטאָט: „אָנפאַנג 1916", דאַרף זיין: אָנ־פאַנג 1918.

אויף זייט 468, שורה 6: די הערה נומ. 13 איז איבעריק.

אויף זייט 469, שורה 14 רעכטס, אנשטאָט: „אין מאַי 1916", דאַרף זיין: אין מאַי 1918.